STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00987

# DI YIDISHE AGODES

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Emmanuel Farber*
*in memory of*
*Ruth Wilma Farber*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די יידישע אַגדות

דערציילונגען, זאגן, לעגענדן, משלים, אַפאָריזמען
און שפּריכווערטער

געקליבן פון תלמוד און מדרשים
נאָכ'ן העברייאישן „ספר האגדה"

באארבעט און גרופירט נאָכ'ן אינהאלט
דורך
י. ח. ראַבניצקי און ח. נ. ביאַליק

ערשטער באַנד


משה-שמואל-שקלאַרסקי

ניו יאָרק 1948

RAWNITZKI, J. CH. BIALIK, CH. N.

# DI YIDISHE AGODES

(THE JEWISH LEGENDES)

BOOK 1

MORRIS S SKLARSKY
Publisher, Bookseller and Importer
10 Monroe Street, G.D.4.
New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A. 1948

## דערקלערונג פון פארלעגער

לויט מיין אָפּמאַך מיט פרוי מניה ביאַליק און אליהו רבניצקי, די יורשים פון חיים נחמן ביאַליק און י. ח. ראבניצקי, דרוק איך די אויפלאַגע פון „די יודישע אגדות".

דאָס איז אַ פאָטאָגראַפישער אָפדרוק פון דער צווייטער אויפ־לאַגע פון „מוריה", בערלין, תרפ"ב.

לויט דעם אָפּמאַך, האָב איך קיין רעכט ניט געהאַט אויף צו בייטן דער אָרטאָגראַפיע, איך האָב אָבער קאָרעגירט אַ צאָל טיפּאָגראַפישע פעלערן.

**משה שמואל שקלארסקי**

# אינהאלט:


| | זייט. |
|---|---|
| פארווארט | VI |
| **די „אגדה" איבער אגדה.** | |
| אגדה און משל | XI |
| הלכה און אגדה | XII |
| **די ערשטע דורות.** | |
| אדם הראשון | 1 |
| די שעהנע וועלט | 2 |
| די כלה שבת | „ |
| גראזען און ביימער | 3 |
| דאס אייזען | „ |
| די זון און די לבנה | „ |
| אלע בעשעפענישען זענען נוצליך | „ |
| חוה | 4 |
| דער ערשטער חטא | 5 |
| דער פעניקס | 6 |
| די נייגיעריגע פרוי | „ |
| נאב'ן חטא | 7 |
| אנגעוואוירען א טרייען דיענער | „ |
| דער ערשטער זון־אונטערגאנג. | „ |
| דאס ערשטע פייער | 8 |
| די קורצע טעג | „ |
| קין און הבל | „ |
| למך | 11 |
| די געפאלענע מלאכים און די ריעזען | „ |
| נח און דער מבול | 13 |

| | זייט. |
|---|---|
| שקר און פלוך | 15 |
| שכרות | „ |
| נמרוד און דער דור הפלגה | 16 |
| **די אבות.** | |
| אברהם'ס געבורט | 18 |
| תרח'ס געטער | 19 |
| ישמעאל און זיינע פרויען | 22 |
| עקדת יצחק | 23 |
| אברהם'ס טויט | 28 |
| סדום | 29 |
| אליעזר אין סדום | 30 |
| דער סדום'ער מכנים־אורח | 31 |
| סדום'ער נדבות | 32 |
| דער גזר־דין | „ |
| לוט'ס ווייב | 33 |
| יעקב און עשו | „ |
| יצחק'ס בלינדקייט | „ |
| די ברכות | 34 |
| לאה | 36 |
| יעקב ראנגעלט זיך מיט'ן מלאך | „ |
| רבקה'ס טויט | 37 |
| רחל'ס קבר | 38 |
| יוסף'ס שעהנהייט | 39 |
| יוסף אין מצרים | „ |
| יוסף און זיינע ברידער | 40 |
| שמע, ישראל! | 44 |
| יעקב'ס קבורה | 45 |
| צוריקוועגס ביי יענער גרוב | 46 |

זייט.

## די יודען אין מצרים.


די גזירה פון וואסער . . . 47
די גזירה פון ליים און ציגעל . . 48
אינ'ם זכות פון די פרומע פרויען . „
נאך דער ארבייט . . . 49
די מאם איז איבערפולט . . 50
משה'ס עלטערן . . . „
משה'ס געבורט . . . 51
די פרוב . . . „
משה געהט־ארוים צו זיינע ברידער . . 52
אנטלאפען . . . 53
אין לאנד כוש . . . „
יתרו . . . 54
א טרייער הירט . . . 55
דער דארנבוים . . . „
משה'ס שטעקען . . . „
די זקנים האבען זיך אפגעטראגען . . . 56
משה און אהרן ביי פרעה'ן . . „
פרעה'ס הארץ . . . 58
פון שטעקענס שלאנגען . . 59
צווישען הירט און וואלף . . „
די מכה „בלוט" . . . 60
פרעש . . . 61
מדה כנגד מדה . . . „
דער האגעל . . . 62
די דריי טעג פינסטערניש . . „
פרעה זוכט משה'ן . . . 63
יוסף'ס ארון . . . „


## יציאת מצרים.


דער שלים'מזל . . . 65
ביידע זיך געפרעהט . . . 66
שפעט זיך ארומגעקוקט . . „
די יודען ביי'ם ים־סוף . . 67
קריעת ים־סוף . . . „
דער שר של ים . . . 68
זה אלי! . . . 69
די רויב פון ים . . . 70


## די יודען אין מדבר.


דער מן . . . 71
עמלק . . . 72
מתן תורה . . . 73
דער עגל . . . 78
דער משכן . . . 81
מחנה ישראל . . . 83
משה'ס בילד . . . 84
קורח . . . 85
מי מריבה . . . 88
אהרן'ס טויט . . . 89
אין טהאל ארנון . . . 91
עוג מלך הבשן . . . 92
די קליידער אין דער מדבר . . 93
דער טויט פון דור המדבר . . 94
בלעם . . . 95
משה'ס טויט . . . 98


## שופטים און מלכים.


יפתח און זיין טאכטער . . 107
אלקנה און חנה . . . 108
שאול . . . 109
דוד דער טרייער פאסטוך . . 110
דוד און דער בופעל . . 111
חכמה און שגעון . . . „

זייט.

| | |
|---|---|
| הארנים און שפין | 112 |
| דוד און מיכל | 113 |
| דוד'ס הארפע | 115 |
| דוד און ישבי | " |
| דוד און זיין תהלים | 117 |
| דוד'ס טויט | 118 |
| שלמה'ס חכמה | " |
| פאר־קאפ | 120 |
| דער משפט מיט דער שלאנג | 122 |
| דער משפט מיט די דריי רייזענדער | 123 |
| די חכמה פון מצרים | 125 |
| פרעה'ס טאכטער | " |
| שלמה'ס שטול | 126 |
| מלכת שבא | 128 |
| שלמה המלך'ס אדלער | 132 |
| שלמה המלך און דער אשמדי. | 133 |
| יונה הנביא אין פיש | 141 |
| מרודך בן בלאדן | 144 |
| מנשה און ישעיה הנביא | 145 |
| מנשה'ס טויט | " |
| יהויקים און יכניה | 146 |

## דער חורבן פון ערשטען בית־המקדש.

| | |
|---|---|
| דער הונגער | 149 |
| די שרפה | 150 |
| צדקיהו המלך | 151 |
| ירמיה נאכ'ן חורבן | 152 |
| דער טרויער פון די אבות | 154 |
| זכריה הנביא'ס בלוט | 158 |
| דאס אכזריות פון ישמעאל'ס קינדער | 159 |
| ביי די טייכען פון בבל | " |
| בענקעניש | 161 |
| נחמה | 162 |

## צווישען ערשטען און צווייטען בית־המקדש.

| | |
|---|---|
| חירם מלך צור'ס לופט־שלאס אין מיטען ים | 164 |
| דניאל און די שלאנג | 165 |
| חנניה, מישאל ועזריה | 166 |
| נס פורים: אחשורוש'ס סעודה | 167 |
| בגתן ותרש | " |
| ווי מיט די אויבערשטע אזוי מיט די אונטערשטע | " |
| המן'ס גדולה | 168 |
| המן'ס אונטערנעהמען. | " |
| המן'ס מסירות | 169 |
| די גזירה | 170 |
| המן'ס מפלה | 176 |
| המן'ס תליה | 179 |

# פֿאָרוואָרט.

די יודישע „אַגָדָה" [1] — וואָס פֿאַר אַ יוד ווייסט נישט ווי פֿיעל טייער אוצרות פֿון שעהנהייט און פֿאָלקס־שעפֿפֿונג, וואָס פֿאַר אַ ליכטיגע פֿערלען פּ געדאַנקען און טיעפֿזין געפֿונט זיך דאָרט, צווייט און צושפּרייט? הונדערטע יאָהרען איז די יודישע אגדה געווען די איין־און־איינציגע פֿרייע שעפֿפֿונגס־פֿאָר פֿונ'ם יודישען פֿאָלקס־גייסט. דאָס בעהאַרצליכסטע און דאָס אינטימסטע וואָס ז יודישע נְשָׁמָה פֿערמאָגט — האָט געפֿונען זיין אֱמֶת־פֿאָלקסטימליכען אויסדרוק א דער אגדה. געשאַפֿען דורך אַלע קרייזען פֿון פֿאָלק זעלבסט, פֿון זיינע העכסט פֿערזענליכקייטען ביז די קלענסטע, איז די אגדה נישט אומזיסט געווען לאַנג הונדערטער יאָהרען דאָס בעליעבסטע לעזען פֿאַר דעם גאַנצען פֿאָלק, פֿאַר גרוי און קליין, פֿונ'ם גרויסען לַמְדָן ביז גאָר אַ פְּשוּט'ען יודען; פֿון דעם „לעבעדיגז קוואַל" האָט יעדער יוד, לויט זיין הַשָּׂגָה, געשעפֿט פֿאַר זיין יודיש האַרץ ערפֿר שענדעס און ערקוויקענדעס, לעהרע און טרייסט אין אַלע צייטען.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ מאָל: די לעצטע יאָהרען אָבער איז דאָס פֿאָלו

---

1) ווערטליך: זאַגע, ערצעהלונג (פֿונ'ם וואָרט „הגד" — זאָגען, ערצעהלען און אינ'ם פֿערברייטערטען זין — אַלעס וואָס נישט „הלכה" (דינים), ד. ה. אוי משלים, אַפֿאָריזמען, סענטענצען איבער מוסר און מדות, שפּריכווערטער א. ז. וו.

הלכה און אַגדה — דאָס זענען די צוויי פֿערשידענאַרטיגע שריפֿט־טהיילע וואָס ביידע צוזאַמען בילדען דעם אינהאַלט פֿון תורה שבעל־פּה (מינדליכע לעהרע און ביידע תלמוד'ען, וואָס זענען געשאַפֿען אין אַ משך פֿון הונדערטער יאָהרען דור אונזערע גרויסע געלעהרטע אין ארץ ישראל (תלמוד ירושלמי) און אין בבל (תלמו בבלי). פֿאַר דער „אַגדה" עקסיסטירען אויך בעזונדערע זאַמלונגען, עלטערע אונטער אַלגעמיינעם נאָמען „מדרשים", און שפּעטערע פֿערשידענע צוזאַמענשטעלונגען, ווי עי יעקב, ילקוט, מנורת המאור א. ז. וו.

אין דער צייט וואָס מיט דער שאַרפֿזיניגער און טרוקענער הלכה האָבען זי מעהר בעשעפֿטיגט די בעלי־מוחות און די לומדים פֿונ'ם פֿאָלק,—איז די בעהאַרצ און זאַפֿטיגע אַגדה געווען מעהר בעליעבט ביי'ם פּשוט'ען עולם.

צוליִעב פערשיִדענע סִבּות, לײַדער, אָפּגעריִסען. און דערװײַטערט געװאָרען פון אָט דעם גײַסטיִגען קװאַל זײַנעם: די אגדה איז, װי בעװאוסט, געשאַפען צומײַנסטען נור אין לשון־קודש און איז צושפּרײַט אין זעהר פּיִעל פערשיִדענע אַלטע ספָרים, װאו זי איז, חוץ דעם אַלעמען, זעהר אָפט אײַנגעפלאָכטען און אויסגעמיִשט, אָהן אַ שום סֵדר און צוזאַמענהאַנג, מיִט זײַטיִגע אָפּגעלעבטע זאַכען. כְּדֵי װידער אויפצולעבען זי און װי אַמאָל פעראיִנטערעסיִרען מיִט איִהר דאָס גאַנצע פאָלק אין אונזערע צײַטען — האָט זי געמוזט צונויפגעקליִבען װערען פון טויזענדער פערװאָרפענע װינקעליִך, אָפּגערײַניִגט װערען פונ׳ם לאַנגיאָהריִגען שטויב, געפּוצט און געסטיִליזיִרט, און אין אַ געװיִסער אָרדנונג, כראָנאָלאָגיִש און זאַכליִך, גרופּיִרט װערען, — ערשט דאַן קען זי בעקומען איִהר אײַגענטיִמליִכען אויסזעהן און ערשײַנען אין איִהר פולען גלאַנץ און אֱמֶת׳ען װערטה פאַר׳ן פאָלק אויך אין הײַנטיִגע צײַטען.

און צו אויספיִהרונג פון דער אויפגאַבע האָבען טאַקי געשטרעבט די מְסַדְּרִים פון די אֲגָדות אין יודיִשען. נאָך דעם װי זײ האָבען אָפּגעגעבען העכער זעקס יאָהר שװערע מיִה אויף זאַמלען און גרופּיִרען אַלע בעסטע יודיִשע אגדות פון תַּלְמוּד און אַלערלײ מִדְרָשים פאַר דעם גרויסען „ספר האגדה“, װאָס איז ערשיִנען אין העברעאיִש אין זעקס טהײלען און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג, — האָבען זײ אונטערגענומען די נײַע אויסגאַבע פון די זעלבע אגדות אין דעם זעלבען סֵדֶר, מיִט קלײנע ענדערונגען, אויך אין יודיִשען, כְּדֵי דערמיִט צו מאַכען דעם טײַערען פאָלקס־שאַץ צוגענגליִך פאַר יעדען יודען, פאַר׳ן גאַנצען פאָלק.

די איִבערזעצונג איז אויסגעפיִהרט געװאָרען מיִט דער פאָרזיִכטיִגקײַט און דעם ערנסט, װאָס אַזאַ פעראַנטװאָרטליִכע אַרבײַט פערדיִענט. אַלטע און בִּפְרָט פאָלקסטיִמליִכע שעפּפונגען, װי קלאַסיִש און שאַצבאַר זײ זאָלען ניִט זײַן, זענען דאָך צומײַנסטען פּריִמיִטיִװ מִצַד דער פאָרם, סטיִל אָדער איִנהאַלט, און איִבערגעדיִכטעטע אויף דאָס נײַ אין אַן אַנדער שפּראַך, איז גאַנץ לײַכט איִבערצוטרעטען דעם זעהר שמאָלען גרענעץ, װאָס טײלט־אָפּ דאָס דערהויבענע פון דעם געמײנעם, דאָס נאַאיִװע פון דעם לעכערליִכען, דאָס אײַגענאַרטיִגע פון דעם װיִלדפרעמדען. די מְסַדְּרים האָבען זיִך דעריִבער בעמיִהט, אַז דער אַלטער װײַן פון דער אַגָדָה אין זײַן נײַער כֶּלִי, זאָל װי װײַט מעגליִך ניִט פערליִערען זײַן העכסט יודיִשען אײדעלען טַעַם און רֵיחַ און בלײַבען אויך בײ זײַן אײַגענאַרטיִגער מַרְאֶה [1].

---

[1]) אין דער איִבערזעצונג פונ׳ם ערשטען טהײל האָט גענומען אַ אַנטהײל אויך ה׳ ח. טשערניִכאָװסקי, אויסער דער רעדאַקציאָן פון די מחברים.

די גאַנצע זאַמלונג פון די יודישע אַגדות ענטהאַלט 4 בענדער.

דער ערשטער באַנד ענטהאַלט אויסדערוועהלטע אגדות איבער פערזאָנען און געשעהענישען פון דער ביבלישער צייט, פון בריאת העולם (וועלט-שאַפונג) ביז דער אָנהויב צייט פונ׳ם צווייטען בית-המקדש.

דער צווייטער באַנד—איבער פערזאָנען און געשעהענישען אין דער צייט פונ׳ם צווייטען בית-המקדש ביז נאָך זיין חורבן, און איבער׳ן לעבען פון די גרעסטע שעפער פונ׳ם תלמוד, די תנאים און אמוראים.

דער גאַנצער אַגדיסטישער מאַטעריאַל פון דיביידע בענדער איז גרופירט כראָנאָלאָגיש (נאָכ׳ן היסטאָרישען סדר פון די צייטען).

דער דריטער באַנד— די שעהנסטע לעגענדען און די שאַרפסטע אַפאָריזמען איבער דעם יודישען פאָלק און איבער אַלע זיינע טייערסטע נאַציאָנאַלע ווערטהע (לאַנד, שפראַך, תורה, נבואה א. ז. וו); ווי אויך איבער זיינע וויכטיגסטע גייסטיג-רעליגיעזע אַנשויענגען (איבער גאָטהייט, גוטס און שלעכטס, זינד און תשובה, יענע וועלט א. ז. וו).

דער פירטער באַנד — איבער פערזענליכע און סאָציאַלע פערקעהרונגען, גוטע און שלעכטע מדות א. ז. וו.

# ערשטער באנד.

# די „אַגָדָה" איבער אַגָדָה.

## אַגָדָה און מָשָל.

ווילסטו דעם וועלט־שעפער ערקענען — לערן אַגָדָה. דורך איהר ווערסטו גאָט בָּרוּך־הוּא בעגרייפען און וויסען זיך צו האַלטען אין זיינע וועגען.

---

דעם מָשָל האַלט נישט פאַר גרינג. מיט אַ גראָשען־ליכטעל זוכט מען אַמאָל אָפּ אַ פערלוירען גאָלדען רענדעל אָדער אַ טייערען פערעל, און דורך אַ לייכטען איינפאַכען מָשָל בענעהמט מען אַמאָל דעם טיעפסטען געדאַנק.

---

„קוֹהֶלֶת [1]) איז נישט נור פאַר זיך קליג געווען, ער האָט אויך דעם פאָלק וויסענשאַפט געלערענט, פיעל מְשָלים צוגעטראַכט"...

—די תּוֹרָה — זאָגט רַב נַחְמָן — איז ביז שְלמה'ן געגליכען געוועזען צו אַ לאַבירינט, אַ מין פּאַלאַץ פול מיט פערפּלאָנטעטע און פערדרעהטע צימערען; איז עמיצער אַהין אַריין האָט ער זיך פערבלאָנזעט, נים צו וויסען ווי אַיין און ווי אוים; געקומען שלמה, האָט ער אויפגעטהון דעם משל, וואָס האָט געדיענט ווי יענם קנייַלכען פאָדעם, וואָס צוגעבונדען ביי'ם אַריינגאַנג און געצויגען פון דאָרט—ווייזט עם פאַר יעדען גאָר לייכט דעם וועג אַריין און אַרוים.

נאָך קען מען גלייכען די תורה ביז שלמה'ן צו אַ געדיכטען ווילד־פערוואָקסענעם וואַלד; שלמה'ס משל האָט געדיענט ווי דאָס העקיל, מיט וועלכען מ'האַקט דורך דאָס ערשטע שטענגעלע, פאַר יעדען אַ וועג אַריין און אַרוים.

רַבִּי יוֹסי גלייכט די תורה ביז שלמה'ן צו אַ גרויסען קאָרב אָנגעפולט מיט אַלערליי טייערע פרוכט, נאָר אָהן אויערען, קען עס קיינער פון אָרט נישט ריהרען; שלמה'ס משל איז פאַר איהר געוועזען דאָס אויערעל, פאַר וועלכעם יעדער האָט זי געקענט לייכט הייבען און טראָגען.

רַבִּי חֲנִינָא זאָגט: ביז שלמה'ן איז די תורה גלייך געוועזען צו אַ ברונען פול מיט קאַלטע, זיסע וואַסער, וואָס צוליעב זיין אונגעהייער טיעפקייט קען קיינער

---

1) שלמה המלך.

דאָס וואַסער נישט געגאָסען, ביז עס נעמט איינער און בונדט-צו אַ שטריקעל צו אַ שטריקעל, אַ שנירעל צו אַ שנירעל און לאָזט-אַראָפּ אין דער טיף דעם עמער און שעפּט-אָן וואַסער פאַר יעדען. דעם זעלבען אויפטהו האָט בעוויזען שלמה מיט זיינע משלים: משל צו משל, ביישפּיעל צו ביישפּיעל — און די טיפע תורה ווערט דערגרונטעוועט.

---

# הֲלָכָה און אַגָדָה.

„ברויט" — דאָס איז הֲלָכָה [1], „וויין" דאָס איז אַגָדָה [2]—און „נִיט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענש"...

---

רַבִּי אַבָהוּ און רַבִּי חִיָא בַּר אַבָּא זענען זיך צונויפגעקומען אין איין שטאָדט און דאָרט פאַר'ן עולם גע'דרש'עט, דער ערשטער אין אגדה, דער צווייטער אין הלכה. האָט דער גאַנצער עולם איבערגעלאָזט ר' חיא'ן און זיך אַ לאָז געטוהן צו ר' אבהו'ס דְרָשָׁה. איז יענער ביי זיך אַראָפּגעפאַלען. האָט איהם ר' אבהו בערוהיגט מיט אַזאַ מָשָׁל:

— אין אַ שטאָדט זענען אַמאָל געקומען צוויי הענדלער, איינער האָט פערקויפט בריליאַנטען און פּערעל, דער צווייטער—קליין-צעלניק, ווי נאָדלען, שפּילקעס און נאָך אַזעלכע ביליגע אָבער נייטיגע קלייניגקייטען. אויף וועמענס סְחוֹרָה געפונט זיך מעהר בַּעֲלָנִים? — פערשטעהט זיך, אויפ'ן צווייטענס...

---

רַב אַמִי און רַב אַסִי זענען געזעסען פאַר זייער רֶבִּי'ן רַבִּי יִצְחָק נַפְּחָא. האָט איינער פון זיי ביי'ם רבי'ן געבעטען ער זאָל עפּיס אָן הלכה-זאַך זאָגען, און דער צווייטער—אָן אגדה-זאַך. הויבט ר' יצחק אָן זאָגען אין אגדה — לאָזט דער נישט, וויל ער זאָגען אין הלכה—לאָזט יענער נישט. זאָגט זיי ר' יצחק אויף דעם אַזאַ משל:

— עס קומט-אויס ווי יענער בעיאַהרטער מענש וואָס האָט געהאַט צוויי פרויען, אַ יונגע און אַ אַלטע. פליקט איהם די יונגע אויס זיינע גרויע האָר און די אַלטע זיינע שוואַרצע האָר. לאָזט זיך אויס, אַז ער בלייבט נעביך גאָר אַ פּליך פון אַלע זייטען.

---

1) דינים, נאָרמען פונ'ם אַלטעגליכען לעבען, נייטיגע ווי ברויט. 2) זי קוויקט און ערפרישט ווי וויין.

# דִי עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת.

## אָדָם הָרִאשׁוֹן [1].

גאָט האָט אויף דער וועלט נור איין מענשען בעשאַפען, כְּדֵי איינער אַקעגען צווייטען זאָל זיך דערנאָך נישט קענען איבערנעהמען און זאָגען: „מיין יִחוּס איז גרעסער פון דיינעם! מיין עלטער-זיידע איז אַ שעהנערער!"
אַלע מענשען זענען גלייך, פון איין טאַטען קומען זיי אַרויס.

* *
*

בעשאַפען האָט גאָט פריהער די וועלט און אַלע בְּרוּאִים, און דעם מענשען האָט ער עֶרֶב-שַׁבָּת, שוין נאָך אַ ל ע מ ע ן, בעשאַפען, כְּדֵי אויב ער וועט זיך וועלען איבערנעהמען, זאָל מען איהם קענען זאָגען: אַ פליגעל אַפילו, אַ קליין ווערעמיל, איז אויך פריהער פאַר דיר בעשאַפען געוואָרען.
און אויך דערפאַר, כְּדֵי ער זאָל קומען אויף דיער וועלט צו אַלעם גרייטען. אַזוי בויעט-אויס אַ קעניג אַ שעהנעם פאַלאַץ, ציערט איהם אויס, גרייט-אָן אַ רייכע סְעוּדָה, און ערשט דערנאָך פיהרט ער אַהין אַריין דעם ליעבען גאַסט.

* *
*

ווען גאָט האָט גענומען דעם מענשען בעשאַפען, רופען זיך אָפּ צו איהם די מַלְאָכִים: „האַר פון דער וועלט! וואָס טויג דיר אָט דער מענש? וואָס מאַכסטו פון איהם אַ וועזען?"
—אויב אַזוי—ענטפערט זיי גאָט—פאַר וועמען זענען שאָף און רינדער בעשאַפען געוואָרען? די פויגעל אונטער'ן הימעל און די פיש אין ים'ען צו וואָס טויגען? בויעט אַ קעניג אויס אַ פאַלאַץ און פולט איהם אָן מיט אַלעם

---

1) דער ערשטער מענש.

גוטס, צו וואָס נוצט דאָס אַלץ, אויב קיין געסט זענען נישטאָ, אויב קיינער וועט קיין הנאה פון דעם נישט האָבען?

—נערעכט ביזטו, מעכטיגער גאָט—זאָגען די מלאכים—שאַף נאָך דיין ווילען, ווי דיר געפעלט.

# די שעהנע וועלט.

בעשאַפען אָדם הראשון, האָט איהם גאָט ברוך־הוא אַנגענומען און איבער אַלע ביימער פון גן־עדן אַרומגעפיהרט און דערביי אַזוי געזאָגט: זעה די ווערק מיינע, בעטראַכט ווי שעהן זיי זענען, ווי פּראַכטפאָל זיי זענען! — און דאָס אַלעס איז פון דיינעטוועגען. זעה־זשע זאָלסט ניט פערזינדיגען; בריינג נישט אום מיט דיין שלעכט אויפפיהרונג מיין וועלט! וועסטו אין איהר עפּיס פערדאַרבען, בלייבט נישט ווער עס זאָל פערריכטען.

„און גאָט האָט געזעהן אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט און ס'איז זעהר גוט"—אַלעס איז פון גאָט בעשאַפען געוואָרען גוט, אין דער רעכטער צייט. אויך די וועלט איז אין איהר צייט פון גאָט'ס האַנד אַרויס, פריהער האָט זי נישט בעדאַרפט בעשאַפען ווערען.

גאָט ברוך־הוא האָט וועלטען בעשאַפען און אומגעבראַכט, בעשאַפען און אומגעבראַכט, ביז ער האָט זיך אויף דער וועלט אָפּגעשטעלט: אָט די געפעלט מיר!

בעטראַכט די נייע שעהנע וועלט זיינע, האָט גאָט געזאָגט: וועלט מיינע, וועלט מיינע! הלואי זאָלסטו תמיד אין אַלע צייטען האָבען אין מיינע אויגען דעם איצטיגען חן!

געשטאָלצירט האָט גאָט מיט זיין וועלט: „זעהט די בעשעפענישען, בעטראַכט די בילדער! אָט וואָס פאַר אַ הימעל און ערד!"—דער בעשעפער רוהמט זיי, ווער־זשע קען שענדען? דער קונסטלער נעהמט זיך איבער, ווער קען אויסזעצען אַ פעהלער? יאָ, שעהן זענען זיי, פּראַכטפאָל זענען זיי!

# די כלה שבת.

„און גאָט האָט זיין גאַנצע אַרבייט מיט דעם זיבעטען טאָג פערענדיגט" — אַ קעניג האָט געמאַכט אַ חופּה־צימער און עס שעהן פערפוצט, געפעהלט האָט נאָר איין זאַך—די כלה זאָל אַהין אַריינקומען.

גאָט ברוך־הוא האָט בעשאַפען די וואונדער־שעהנע וועלט, אַלעס איז

אין איהר פארטיג געווען, געפעהלט האט איהר איין זאך — שַבָּת! מיט׳ן שַבָּת איז געוואָרען אלעס פערענדיגט.

## גראָזען און ביימער.

דאָס קלענסטע גרעזעלע, דאָס מינדסטע בלומעלע, האט זיך זיין מַלְאָך אין הימעל, וואָס וועקט עס און טרייבט־אונטער: וואַקס!

* *
*

גריגע ביימער שמועסען זיך דורך איינער מיט׳ן אנדערען, גריגע ביימער שמועסען זיך דורך מיט לייטען. צו׳ם מענשענ׳ס פערגניגען זענען גריגע ביימער בעשאפען געוואָרען.

## דאָס אייזען.

אַ ציטערניש האט אָנגעחאפט די ביימער ווען דאָס אייזען איז בעשאַפען געוואָרען.

— וואָס ציטערט איהר? — האט דאָס אייזען זיי אַ זאָג געטהון — ווען איהר אליין וועט מיר האלץ אויף אַ שטיל נישט געבען, קען מיין האַק אייך גאָר נישט שאדען.

## די זון און די לְבָנָה.

די זון מיט דער לְבָנָה זענען תְּחִלַּת איין גרויס בעשאפען געוואָרען, און ביידע האבען געלויכטען גלייך. האט די לְבָנָה גענומען טַעֲנָה׳ן פאר גאָט: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, פאַסט דען איין קרוין פאַר צוויי קעניגען?

— געה־זשע דו און ווער קלענער — האט איהר גאָט געענטפערט.

— האר פון דער וועלט — טַעֲנָה׳ט זי ווייטער — צי דערפאר וואָס איך האָב דיר געזאָגט אַ גלייכע זאך קומט מיר קלענער ווערען?

— האָסטו די שטערען דיר פאַר אַ צוגאָב.

## אַלע בעשעפענישען זענען נוצליך.

פון אַלע גאָט׳ס בעשעפענישען איז קיין איינס אוננוצליכעס נישטאָ.

אפילו די זאכען וואָס דיר דאכט זיך, אַז זיי זענען אויף דער וועלט גאָר איבריג, ווי אַ שטעכער פליגעליך, פליי און מיקען — האָבען אויך זייער אָרט

צווישען די בְּרוּאִים[1]) אויף דער וועלט. דורך אַלעמען פֿיהרט גאָט אוים זיין שְׁלִיחוּת, אֲפִילוּ דורך אַ שלאַנג, דורך אַ פראָש, דורך אַ פליגעלע.

מ'האָט געפרעגט אַ מאָל דעם תַּנָא רַבִּי נְהוֹרַאי: צוליעב וואָס האָט גאָט אויף דער וועלט בעשאַפען שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים [2]) ?

— מע דאַרף זיי — האָט ער געענטפערט — ווען דער מענש פערזינדיגט זיך פאַר גאָט און ס'קומט איהם אומגעבראַכט צו ווערען, גיט גאָט בָּרוּךְ־הוּא אַ קוק אויף די שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים און טראַכט זיך: מיט וואָס איז דער מענש ערגער פון אָט די בְּרוּאִים? אויב זיי, וואָס נוצען צו גאַר נישט, לאָז איך לעבען, בִּפְרַט דעם מענשען, וואָס קען נאָך ברייינגען דער וועלט אַזוי פיעל נוצען.

# חַוָה.

נישט פון אָדָם'ס קאָפּ אַרוים האָט גאָט חַוָה'ן בעשאַפען — זי זאָל נישט פערריייסען דעם קאָפּ, ניט פונ'ם אויג — זי זאָל נישט זיין קיין נאָכקוקערין, ניט פונ'ם אויער — זי זאָל נישט זיין קיין אונטערהערערין, ניט פונ'ם מויל — זי זאָל נישט זיין קיין פלאַפלערין, ניט פון דער האַנד — זי זאָל נישט זיין קיין חאַפערין, ניט פונ'ם פוס — זי זאָל נישט זיין קיין אַרומלויפערין; נאָר פון דער ריפּ, פון אַזאַ אֵבֶר וואָס איז בעהאַלטען אינ'ם מענשען, כְּדֵי זי זאָל זיין גוט און פרום און בעשיידען.

און דאָך געפונט זיך ביי איהר פון דעם אַלעמען.

* *
*

— אייער גאָט איז אַ גַנָב — האָט אַ רוימישער קֵיסָר געזאָגט דעם תַּנָא רַבָּן גַמְלִיאֵל — ער האָט אַנגעוואָרפען אַ שלאָף אויפ'ן מענשען און אַוועקגענומען ביי איהם אַ ריפּ!

— לאָז, איך וועל איהם גיבען אַ ענטפער — האָט געזאָגט די טאָכטער, און ווענדענדיג זיך צום קֵיסָר האָט זי צוגעגעבען: שיק רופען אַ ריכטער.

— צו וואָס? — פרעגט דער קֵיסָר.

— רויבער זענען אויף אונז ביי־נאַכט בעפאַלען, צוגענומען אַ זילבערנעם קרוג און איבערגעלאָזט אַ גאָלדענעם.

— אַזעלכע גַנָבִים — זאָגט דער קֵיסָר — הַלְוַאי אַלע נאַכט!

---

1) בעשעפעניששען. 2) קריכענדיגע אומרייינע בעשעפענישען.

—נו, און פאַר אָדָם הָראשון איז דען נישט בעסער: צוגענומען האָט מען בײַ איהם אַ ריפּ און געגיבען דערפאַר אַ פרוי.

# דער עֶרְשְׁטֶער חֵטְא[1].

אָדָם הָראשון איז זיך געזעסען אין גַן־עֵדֶן און די מַלְאָכִים האָבען פאַר איהם פלײש געבראָטען און װײַן געזײַעט. דער שלאַנג האָט צוגעזעהן זײַן גרויסקײַט און ס'האָט זיך אין איהם אָנגעצינדען די קִנְאָה.

„דער שלאַנג איז געװען אַ קליגינשקער"—װען ער האָט געװאָלט דעם מענשען צום חֵטְא פון עֵץ־הַדַעַת ברײַנגען, האָט ער זיך אַזוי מְיַשֵׁב געװען: זאָל איך אָנהויבען גלײַך פון אָדָם'ן, װײס איך גוט אַז ער װעט מיך נישט הערען, אַ מאַנסביל איז האַרט. בעסער װעל איך זיך אַ נעהם טהון פאַר חַוָה'ן, זי װעט מיר געװיס פאָלגען, אַ פרוי איז גרינג אויף דער דֵעָה[2].

קומט ער צו חַוָה'ן און נעהמט קוֹדֶם גאָט בערעדען. „זעהט איהר—גיט ער אַ זאָג—אָט פון דעם בוים האָט „ער" אַלײן געגעסען און די װעלט בעשאַפען, און דערפאַר טאַקי האָט ער אײַך שטרענג פערבאָטען צו עסען פון דעם בוים, כְּדֵי איהר זאָלט נישט קענען שאַפען, גלײַך װי ער, װעלטען. יעדער מײַסטער װיל אין זײַן פאַך זײַן אַ יָחִיד"[3]. און נאָך האָט דער שלאַנג געזאָגט: יעדער װאָס איז צום לעצטען בעשאַפען האָט מֶמְשָׁלָה אויף די בְּרוּאִים װאָס ביז איהם. דער מענש איז צום סוף בעשאַפען געװאָרען, ער זאָל אויף אַלעם געװעלטיגען; חאַפּט־אַרײַן גיך און פערזוכט פּינ'ם עֵץ־הַדַעַת, אײדער ער װעט בעשאַפען נאָך אַנדערע בְּרוּאִים, װאָס װעלען איבער אײַך געװעלטיגען. דערבײַ נעהמט דער שלאַנג און גיט דעם בוים אַ טרעסעל. —

„רָשָׁע, ריהר מיך נישט אָן!"—האָט דער בוים מיט אַ ציטער אַ געשרעה געטהון. — „זעהסטו — זאָגט דער שלאַנג חַוָה'ן — אָט האָב איך דעם בוים אָנגעריהרט און נישט געשטאָרבען. דו מעגסט איהם אײך אָנריהרען, עס װעט דיר חָלִילָה גאָר נישט שאַדען". און דאָ האָט ער זי אַ שטויס געטהון, און זי האָט דעם בוים בעריהרט. דערזעהט זי פאַר זיך דעם מַלְאַך־הַמָוֶת.

„װעה איז מיר! — שרײַט זי פון שרעק — איצט װעל איך פון דער װעלט געהן און גאָט װעט אָדָם'ן אַ נײַע פרוי בעשאַפען". האָט זי באַלד פונ'ם עֵץ־הַדַעַת אַ שטײַנגעל טרויבען געחאַפּט, אויסגעדריקט פון איהם פרישען זאַפט און דערלאַנגט אָדָם'ן. „נעהם טרינק — זאָגט זי צו איהם — מײַנסט אֶפְשַׁר,

1) זינד. 2) לײַכטזיניג, לאָזט זיך גרינג איבערערדען. 3) אײנער.

אַז איך שטאַרבּ־אַוועק און פאַר דיר איז שוין אָנגעגרעט אַ אַנדערע חַוָה? נישטאָ קיין נייע בּעשעפעניש אונטער דער זון!" צי מיינסטו גאָר, אַז איך וועל שטאַרבּען און דו וועסט זיך לעבּען אַליין ווי אַ פרייער פויגעל—"נישט אויף וויסט זיין האָט גאָט די וועלט בּעשאַפען, זי זאָל בּעזעצט ווערען האָט ער זי געמאַכט". אַזוי לאַנג איז זי צו איהם צו־געשטאַנען, מיט גוטען און מיט בּייזען — בּיז ער האָט אויך געמוזט נעהמען עסען פון עץ־הדעת.

## דער פעניקס[1].

חַוָה האָט געגעבּען עסען פון דעם בּוים אויך אַלע בְּהֵמות חַיות און עופות. אַלע האָבּען זי געפאָלגט אויסער איין פויגעל פעניקס. דערפאַר האָט אויף איהם קיין שְׁלִיטָה נישט דער טויט. טויזענד יאָהר לעבּט ער, און נאָך טויזענד יאָהר געהט־אַרוים פון זיין אייגענעם נעסט אַ פייער און פערבּרענט איהם. בּלייבּט פון איהם איבּער נור ווי אַן איי די גרויס. פון דעם וואַקסען־אַרויס צוריק זיינע אֵבָרִים און ער לעבּט ווידער.

## די נייגיעריגע פרוי.

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי דערצעהלט וועגען חַוָה'ן מיט'ן עץ־הדעת אַזאַ מָשָׁל:

איינער האָט געהאַט אַ פרוי. איינמאָל האָט ער געבּראַכט אַהיים אַ פעסיל מיט אויסגעצעהלטע פייגען און ניס. חאַפּט ער אַ עקדיש, לאָזט אַריין אינ'ם פעסיל פון אויבּען נעבּען לאָך, פערשפּינטעוועט עס, שטעלט עס אַוועק אין אַ ווינקעל, און פערזאָגט דערבּיי דעם ווייבּ: "הערסטו, טאָכטער, אַלעס וואָס איך שטוב איז אין דיין האַנד, צו דעם פעסיל אָבּער אין ווינקעלע זאָלסטו זיך נישט דערוואַגען אַפילו צו־ריהרען". ווי דער מאַן איז נור אַוועק אין גאַס חאַפּט זי בּאַלד און עפענט דאָס פעסיל, שטעקט אַהין אַריין די האַנד— און בּעקומט אַ שאַרפען בּיס פונ'ם עקדיש. געקומען דער מאַן פון גאַס, טרעפט ער זי ליגען אין בּעט אין איין קרעכצען.

— וואָס איז דיר אַזוינס, טאָכטער מיינע? — גיט ער זי אַ פרעג.

— אוי איך שטאַרבּ אַוועק! — זאָגט זי — איך האָבּ אַריינגעשטעקט די האַנד אין פעסיל האָט מיך אַ עקדיש אַ בּיס געטהון.

---

1) אַ לעגענדאַרער פויגעל.

— איך האָב דאָך דיר פריהער געוואָרענט — זאָגט ער איהר—אַלצ־דינג, נאָר צו דעם פעסיל זאָלסטו זיך נישט צוריהרען.

## נאָכ'ן חֵטְא.

נאָכ'ן עסען פונ'ם עֵץ־הַדַעַת האָבען אָדָם און חַוָה דערהערט „גאָט'ס קול טראָגט זיך איבער'ן גאָרטען". זיי האָבען דערהערט ווי די ביימער שושקען זיך: „אָט איז ער, דער גַנָב, אָט געהט ער, דער אָפּנאַרער, דעם בעשעפער זיינעם האָט ער אָפּגענאַרט!" און ווי די מַלְאָכִים שמועסען זיך איבער: „אַ פערפאַלענער! דאָ אין גאָרטען וועט ער שוין נישט בלייבען, ער איז שוין ווי טויט"...

## אָנגעוואוירען אַ טרייען דיענער.

„פערשאָלטען זאָלסטו ווערען" — האָט גאָט געזאָגט דעם שלאַנג. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא האָט אויף דעם געזאָגט: אַן עֲבֵירָה! אַ גרויסען בעדיענער האָט די וועלט פערלוירען. וואָלט דער שלאַנג נישט פערשאָלטען געוואָרען, וואָלט זיך יעדער איינציגער פערזאָרגט מיט אַ פּאָריל גיטע שלענג, איינעם וואָלט ער געשיקט קיין צָפוֹן־זייט, איינעם קיין דָרוֹם, צו בעקומען פאַר איהם אין יענע וויטע מְקוֹמוֹת ברילִיאַנטען און דימענטען און אַלערליי עדעלשטיינער. נאָך מעהר: מע וואָלט דעם שלאַנג איינגעשפּאַנט אין דער אַרבייט, און געפיהרט מיט איהם יעדער וואָס ער בעדאַרף: דער—ערד פאַר'ן גאָרטען, דער — לעהם פאַר זיין איינגעפאַלען הייזיל.

## דער ערשטער זון־אונטערגאַנג.

ווען אָדָם האָט דערזעהן דאָס ערשטע מאָל ווי די זון געהט־אונטער, איז אויף איהם אַ שרעק אָנגעפאַלען.

— וועה איז מיר — האָט ער געזאָגט — ס'ווערט פינסטער, די וועלט געהט־אונטער. אָט דאָס קומט אויף מיר דער טויט וואָס איז אויף מיר בעשטימט פאַר מיין חֵטְא.

אַז ס'האָט ווידער אָנגעהויבען שיינען אויף טאָג, האָט ער זיך בערוהיגט און געזאָגט: אַזוי, ווייזט אויס, פיהרט זיך די וועלט, טאָג מיט נאַכט בייטען זיך.

און ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען אַ אָקס און געבראַכט אַ קָרְבָּן.

# דאָס ערשטע פייער.

דאָס פייער האָט געזאָלט בעשאַפען ווערען נאָך ערב־שבת, אַרויסגעקומען אָבער אויף דער וועלט איז עס ערשט מוצאי־שבת. גאָט האָט דעמאָלט אָדם'ן אַריינגעגעבען אַ העכערען גערדאַנק, האָט ער געבראַכט צוויי שטיינער, געריבען זיי אַזוי לאַנג איינס אינ'ם צווייטען ביז ס'איז פון זיי אַ פייער אַרויס. דערזעהן דאָס, האָט ער געדאַנקט גאָט און געמאַכט די ברכה: בורא מאורי האש"[1].

# די קורצע טעג.

ווען אָדם הראשון האָט בעמערקט, אַז די טעג ווערען וואָס ווייטער אַלץ קורצער, איז אויף איהם ווידער, ווי ביי דעם ערשטען זון־אונטערגאַנג, אַ טויט־שרעק בעפאַלען. „וועה איז מיר — האָט ער אויסגעשריען — עס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט אַ פינסטערניש, די וועלט האַלט אין אונטערגעהן! אָט דאָס איז ער דער טויט, וואָס איז אויף מיר בעשטימט געוואָרען פאַר מיין חטא!" אַכט טאָג דורכאַנאַנד האָט ער פערבראַכט אין פאַסטען און גאָט בעטען.

נאָך תקופת־טבת[2]) האָט ער אָבער ווידער בעמערקט ווי די טעג ווערען צוריק וואָס ווייטער אַלץ לענגער. „עס זעהט אויס — האָט ער געזאָגט בערוהיגט — אַז די וועלט פיהרט זיך אַזוי, לאַנגע טעג מיט קורצע בייטען זיך".

פאַר פרייד האָט ער געמאַכט אַכט טאָג יום־טוב.

# קין און הבל.

קין האָט איינמאָל געזאָגט צו זיין ברודער הבל: קום לאָמיר זיך צוטהיילען מיט דער וועלט. — „גוט — ענטפערט דער ברודער — איך בין גרייט". נעהמט הבל זיך די שאָף און קין די ערד. און אָפּגעמאַכט האָבען זיי צווישען זיך, אַז איינער מיט'ן צווייטען קעהר זיך מעהר גאָר נישט אָן.

געהט־אַרויס הבל פאַשען די שאָף זיינע, קומט קין און זאָגט מיט אַ בייזער: „הער נור, ברודער, די ערד, אויף וועלכער דו שטעהסט, געהער צו מיר". זאָגט איהם הבל: „און די וואָל, וואָס דו טראָגסט אויפ'ן לייב, איז מיינע". דער שרייט: „פליה אין לופטען!" און דער: „טהו זיך אויס!" אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — און קין איז אָנגעפאַלען אויף הבל'ן.

אַנטלויפט הבל. לויפט איהם קין נאָך איבער בערג און טהאָל — ביז

---

1) געלויבט איז דער שעפער פון פייער־ליכט. 2) אין מיטען ווינטער, ווען די טעג הויבען־אָן לענגער ווערען.

ער האָט איהם דעריאָגט. פלעכטען זיי זיך איין איינער אין צווייטען — און קין בלייבט ליגען אונטער הבל'ן. הייבט זיך קין אָן צו בעטען: „הבל ברודער, לאָז אָפּ! אויף דער וועלט זענען נור מיר אין צווייען, וואָס־זשע ווילסטו דערנאָך דעם טאַטען זאָגען?״... בעקומט הבל אויף איהם רחמנות און לאָזט איהם אָפּ. נעהמט קין און בעפאַלט איהם אונטען־אַרום און הרג'עט איהם. ווי אַזוי־זשע? נישט צו וויסען פון וואַנען די נשמה געהט אַרויס, האָט ער געכאַפּט אַ שטיין און מיט איהם הבל'ן צוקיילט און צובייַלט די הענד מיט די פיס, ביז ער האָט איהם געטראָפען אין האַלז — און דער'הרג'עט.

דערזעהן אַז ער האָט דעם ברודער דער'הרג'עט האָט קין געטראַכט: אַנטלויפען דאַרף איך איצט פון מיין פאָטער און מוטער, ווייל זיי וועלען איהם ניט פון קיינעם נאָר פון מיר פאָדערען; אויסער אונז ביידע איז דאָך קיין אַנדערער אויף דער וועלט נישטאָ. האָט זיך גאָט ברוך־הוא צו איהם בעוויזען און געזאָגט: „רשע, פון די עלטערן דיינע קענסטו אַנטלויפען, פון מיר אָבער וועסטו נישט קענען. „וועט זיך דען אַ מענש בעהאַלטען אין אַ פערבאָרגען אָרט איך זאָל איהם נישט זעהן? — וואו איז הבל דיין ברודער?״

— „בין איך דען אַ היטער פון מיין ברודער?״ — דו בּיסט דער היטער פון אַלע בעשעפעניש און איצט פאָדערסטו איהם פון מיין האַנד? עס קומט אויס ווי יענער גנב, וואָס האָט גע'גנב'עט זאַכען ביי נאַכט און מ'האָט איהם נישט געכאַפּט. אויף מאָרגען פריה כאַפּט איהם דער טויער־היטער און פרעגט איהם: „זאָג נור, וואָס האָסטו נעכטען ביי־נאַכט זאַכען גע'גנב'עט?״ ענטפערט ער איהם: „מילא איך בין מיר אַ גנב, האָב איך זיך מיין אַרבייט געטהון, דו אָבער דאַרפסט דאָך שטעהן און היטען ביים טויער, — וואָס־זשע האָסטו נישט געטהון דיין אַרבייט און נישט געהיט?״ אַזוי האָט אויך קין געזאָגט: „מילא איך האָב איהם גע'הרג'עט, דו האָסט דאָך אין מיר אַ יצר־הרע בעשאַפען, אָבער דו, וואָס ביסט דער שומר פון אַלעם, ווי קומט עס וואָס דו האָסט מיר דערלאָזט איהם הרג'ענען? ניט איך, נאָר דו האָסט איהם אומגעבראַכט; ווען דו וואָלסט צו־גענומען מיין קרבן ווי זיינעם, וואָלט איך צו קיין קנאה נישט געקומען״.

— רשע — האָט איהם גאָט געזאָגט — „דאָס קול פון דיין ברודער'ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד״.

עס קומט אויס ווי איינער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פרעמדען גאָרטען און געקלויבען ערד־בערען און געגעסען. לויפט איהם נאָך דער אייגענטהימער פונ'ם גאָרטען און שרייט: „וואָס האָסטו דאָרט אין דער האַנד?״ —

ענטפערט יענער: „גאָר ניִשט!״ זאָגט דער איִהם: „וואָס־זשע זענען די הענד דייַנע אַזוי פערשמיִרט?״... אָדער ווי איינער וואָס געהט־אַריין אין אַ פרעמדע סטאַדע און חאַפּט פון דאָרט אַ שעפּעלע און פערוואַרפט עס אויף זיך אונטער די פּלייצעס. דערזעהט דער בַּעַל־הַבַּיִת און לויפט איִהם נאָך און שרייַעט: וואָס האַלסטו דאָרט?״ „גאָר ניִשט״—ענטפערט ער. זאָגט איִהם יענער: „וואָס־זשע מעקעט דאָרט אַזוינס אונטער דיִר?״

זאָגט קַיִן:

— האַר פון דער וועלט, אויף מיין לעבען האָב איך קיין געהרג׳עטען איִן די אויגען ניִשט געזעהן. האָב איך געקענט וויִסען, אַז פון אַ קלאַפּ מיִט אַ שטיין וועט ער אַוועקשטאַרבען? און נאָך אַ זאַך: מיין פּאַטער און מוטער דאָ אויף דער ערד ווייסען דערפון ניִשט, און דו דאָרט אויפ׳ן הימעל ווי קומסטו צו וויִסען?

— נאַר איינער — האָט איִהם גאָט אַ זאָג געטהון — די גאַנצע וועלט טראָג איך אויף זיך...

— די גאַנצע וועלט—האָט קַיִן אויסגעשריִגען—טראָגסטו, נור מיין זינד קענסטו ניִשט פערטראָגען! יאָ, „צו גרויס, ניִשט צו פערטראָגען, איִז מיין זינד״.

„האָט גאָט געמאַכט קַיִנ׳ען אַ צייכען״ אויף דעם שטערען און איִהם פערשיִקט, ער זאָל אויף דער וועלט אַרומוואַנדערען.

וואָהיִן קין איִז געקומען האָט די ערד אונטער איִהם געציטערט. אַלע חַיוֹת און בְּהֵמוֹת האָבען דערשראָקענע געפרעגט: וואָס איִז דאָס אַזוינס? ווער איִז אָט דער?״

— דאָס איִז דער קין — האָט איינע דער צווייטער געזאָגט — דער מערדער פון זיין אייגענעם ברודער, וואָס גאָט האָט איִהם אָנגעצייכענט: „נָע־וָנָד זאָלסטו זיין״. קומט מיִר וועלען איִהם אויפעסען — און האָבען זיך צו איִהם געלאָזט לויפען...

איִן דער צייט האָבען קַיִנ׳ס אויגען געגאָסען טרעהרען:

וואוהיִן, אָ גאָט, קען איך פאַר דיין געמיִטה אַנטלויפען,
און וואו בעהאַלט מען זיך פאַר דיין געזיִכט?
הויב איך זיך צום הימעל אויף — דו ביִסט דאָרט,
און לאָז איך זיך צום גרונד אַראָפּ — דאָ ביִסטו!

און הבל איִז געבליִבען ליִגען אויף דעם אָרט, וואו קין האָט איִהם געהרג׳עט, און זיין בלוט איִז געווען פערשפּריצט אויף די ביימער און שטיינער

אַרום אין אַרום. און דער הונד, וואָס האָט זיין שאָף געהיט, איז גע־שטאַנען אויף דער וואַך, חיות זאָלען איהם ניט פרעסען און פויגעל זאָלען איהם ניט פּיקען. און אָדם מיט חוה׳ן זענען געזעסען נעבען איהם, האָבען בעוויינט און בעקלאָגט זייער קינד און ניט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט זיין טויטען קערפּער.

קומט צופליהען אַ ראָב און ברענגט צו טראָגען נאָך אַ ראָב אַ טוי־טען, לאָזט זיך מיט איהם אַראָפּ אויף דער ערד, צושאַרט די זאַמד, ביז עס ווערט אַ טיעף גריבעל,—בעהאַלט דאָרט זיין טויטען חבר און פערשיט איהם מיט ערד.

דערזעהן דאָס, האָבען אדם מיט חוה׳ן אויסגעגראָבען אַ קבר און הבל׳ן דאָרט מקבר געווען.

# לֶמֶךְ.

לֶמֶךְ איז געווען קין׳ס אור־אור־איינִיקעל, דער זיבעטער דור. ער איז געווען בלינד אויף ביידע אויגען, און זיין קליינער זוהן תּובל־קין האָט איהם געפיהרט. בלינדערהייד איז ער געווען אַ קינציגער שיסער: ווי דאָס קינד האָט דערזעהן פון וויַיטען אַ חיה און געזאָגט דעם אַלטען אויף וועלכען אָרט, פלעגט ער באַלד אָנציהען דעם בויגען, צילען זיך צו יענעם אָרט און טרע־פען פונקט אין ציעל.

איינמאָל דערזעהט דער קליינער תּובל־קין עפּיס אַ בעשעפעניש פון וויַיטען, זאָגט ער דערפון למך׳ן. שיסט דער אויס און די פייל טרעפט אין ציעל.

אַז זיי זענען צוגעגאַנגען נעהענטער צו יענעם אָרט, שרייט דאָס קינד אויס:

—אוי! ס׳איז גאָר דערשאָסען אַ מענש מיט אַ צייכען אויפ׳ן שטערען.

האָט למך אַ פּאַטש געטהון מיט ביידע הענד און אויסגעשריען: „אוי וועה, ס׳איז אַוודאי דער זיידע קין!" ניט זעהענדיג האָט ער מיט׳ן פּאַטש גע־טראָפען תּובל־קין אין קאָפּ און אומגערען איהם אויך גע׳הרג׳עט.

# די געפאַלענע מַלְאָכים און די ריעזען.

אַז די וועלט איז געוואָרען זעהר זינדיג, איז גאָט געזעסען טרויעריג אויף זיין שטול און זיך בעראָטען מיט די מַלְאָכים, ווי אַזוי צו בעשטראָפען די זינדיגע מענשען.

שטעהען־אויף צוויי מַלְאָכִים, שַמְחָזָאי און עֲזָאֵל, און זאָגען:

— רִבּוֹנוֹ־שֶל־עוֹלָם! אַז דו האָסט נור פערטראַכט צו בעשאַפען דעם מענשען, האָבען מיר דיר נאָך דעמאָלט געזאָגט, אַז ס'איז נישט כְּדַאי[1] — איצט נעהם אין פערטיליג אַלע מענשען, עס זאָל פון זיי קיין זֵכֶר ניט בלייבען.

— און וואָס וועט זיין מיט דער וועלט?

— גענוג פאַר דיר די היילִיגע מַלְאָכִים אין הימעל.

— ווען איהר, מַלְאָכִים, וואוינט אויף דער ערד, וואָלט איהר אויך ניט געקענט דעם יֵצֶר־הָרָע בּיישטעהן, און נאָך אֶפְשַר געווען זינדיגער פון מענשען.

— פרוב אונז, — וועסטו זעהן.

האָט גאָט זיי ביידע אראָפּגעוואָרפען אויף דער ערד, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו זינדיגען.

איינמאָל דערזעהט שַמְחָזָאי די שעהנע יונג־פרוי אַסְתְּרָה, איז ער באַלד צו איהר צוגעקאָכט געוואָרען און הויבט זי אָן איבּרערעדען, זי זאָל זינדיגען.

זאָגט זי איהם: איך וועל דיר ניט פאָלגען, סיידען דו זאָלסט מיר פריהער אויסלערנען דעם שֵם הַמְפוֹרָש[2], מיט וועלכען דו הייבּסט זיך אויף אין הימעל.

ווי ער האָט איהר אויסגעזאָגט דעם סוֹד, האָט זי געזאָגט דעם שפּרוך און אַ רייניגע אַרויף אויפ'ן הימעל.

דערפאַר האָט זי גאָט אַרייַנגעזעצט אין מַזָל כִּימָה[3] און זי פערוואַנדעלט אין אַ ליכטיגען שטערען.

די צוויי מַלְאָכִים האָבען נאָכדעם חתונה געהאַט מיט מענשען־טעכטער, און די פרויען האָבען געבוירען קינדער־ריזען. יעדער ריזע פלעגט אויפעסען פאַר אַמאָל טויזענד אָקסען מיט טויזענד פערד און טויזענד קעמלען.

שַמְחָזָאי האָט געהאַט צוויי אזעלכע ריזען־קינדער, איינער האָט געהייסען הִיוְואַ, דער אַנדערער — הִיָיא.

איינמאָל בּיינאַכט חָלוֹמ'ט זיך זיי ביידען: הִיוְואַ זעהט אין טרוים אַ

---

1) ווערט. 2) „גאָטס נאָמען", אַז מען רעדט איהם אוים ווי געהעריג, קען מען טהון די גרעסטע וואונדער. דער נאָמען איז אַ גרויסער סוֹד, וואָס נור מלאכים און גרויסע צדיקים וויסען עס. 3) אזא שטערען-בילד, אַ גרופּע שטערען.

שטײַן, דורכאויס פערשריבען מיט שורות אויסגעקריצטע אותיות. קומט אַ מלאך מיט אַ מעסער און קראַצט־אָפּ אַלע שורות און לאָזט־איבער נור פיער ווערטער. און היא האָט געזעהן אין חלום אַ גאָרטען בעפלאַנצט מיט אַלער־ליי בוימער, קומען מלאכים מיט העק און האַקען־אויס דעם גאַנצען גאָרטען, נאָר פיער בוימער האָבען זיי איבערגעלאָזען.

אויף מאָרגען פריה קומען זיי צו'ם פאָטער און דערצעהלען די חלומות. זאָגט ער זיי, וואָס די חלומות בעדײַטען:

— אַ מבול וועט קומען און אַלע מענשען אומברענגען. עס וועט בלײַבען לעבען ניט מעהר ווי נח מיט זײַנע דרײַ זיהן.

הויבען זיי אָן צו קלאָגען: אוי וועה, אונזערע נעמען וועלען אויך אויסגעמעקט ווערען פון דער וועלט.

טרײַסט זיי שמחזאי:

— האָט קיין יסורים נישט, אײַערע נעמען וועלען אייביג בלײַבען. און אַלע צײַטען ווען דער מענש וועט פּועל כּוח אָנווענדען, דיקע קלעצער האַקען, שווערע שטיינער הייבען, אָנגעלאָדענע פלאַטען שלעפּען — וועט ער אַלץ אײַך דערמאָהנען און שרײַען הייוואַ! הייא!

# נח און דער מבול.

הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָט גאָט געוואָרענט דעם דור המבול זיי זאָלען תשובה טהון, און זיי האָבען ניט געוואָלט הערען, האָט ער געהייסען נח'ן ער זאָל זיך אָנהויבען בויען אַ קאַסטען.

האָט נח גענומען פלאַנצען טענען־ביימער, קומען מענשען צו איהם און פרעגען: וואָס טהוסטו? — ענטפערט ער זיי: אַ מבול וועט קומען און אײַך פערפלייצען, — און איך וועל מיר פון די ביימער אויסבויען אַ קאַסטען און גערעטעט ווערען. לאַכען זיי און שפעטען פון איהם. שפעטער זעהען זיי, ווי ער בעגיסט די בוימער און פרעגען ווײַטער: צו וואָס? — ענטפערט ער זיי ווי פריהער. שפעטען זיי ווידער פון איהם. אין אַ צײַט אַרום זעהען זיי, ווי ער האַקט־אויס די ביימער און אַרבײַט זיי אַרום. פרעגען זיי ווײַטער: צו וואָס דאַרפסטו עס? ענטפערט ער זיי אַלץ דאָס אייגענע, און זיי גלויבען אַלץ ניט.

און אַז דער מבול איז אָנגעקומען, און זיי האָבען געזעהן, אַז זיי האַלטען בײַ'ם אונטערגעהן, זענען זיי געקומען און געוואָלט איבערקעהרען דעם קאַסטען. וואָס טהוט גאָט? שיקט ער צו לייבען מיט לעמפּערטען און זיי רינגלען־אַרום דעם קאַסטען פון אַלע זײַטען און לאָזען ניט צוטרעטען.

פון אַלע ריעזען איז געבליבען נור איינער — עוג מֶלֶך הַבָּשָׁן. ער האָט זיך איינגעבעטען ביי נח׳ן, ער זאָל איהם לאָזען זיצען רייטענדיג אויפ׳ן קאַסטען און דערלאַנגען איהם עסען דורכ׳ן דאַך־פענסטערעל. דערפאַר האָט ער נח׳ן געשוואוירען, אַז ער וועט בלייבען אַן אייביגער קנעכט איהם און זיי־נע קינדער.

אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלען, האָט נח אַרויסגעשיקט דעם ראָב, ער זאָל זעהן, צי איז שוין דאָ טרוקען לאַנד און קומען צוריק מיט אַן ענט־פער. איז דער ראָב אַוועקגעפלויגען און צוריק זיך שוין ניט אומגעקערט. אַ נְבֵלָה האָט ער געפונען אויפ׳ן שפּיץ באַרג, און פון גרויס שִׂמְחָה פערגע־סען אין זיין שְׁלִיחוּת.

האָט נח אַרויסגעשיקט די טויב, און זי האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט אַן איילבירט־בלאַט אין מויל, ווי איינער זאָגט:

ליעבער אַ ביטערע בלאַט פון גאָט׳ס גנאָד,
איידער זיסע שפייז פון מענשען׳ס גאָב.

שפּעטער האָט שֵׁם בֶּן נח דערצעהלט, ווי זיי האָבען געלעבט אין קאַסטען:

—זעהר פיעל האָבען מיר זיך דאָרט אָנגעליטען, גאָר נישט אויסצו־שטעהן. קיין רוה ביי־טאָג און ביי־נאַכט. יעדען בעשעפעניש בעזונדער גיב צו דער צייט זיין שפּייז, וואָס איהם פּאַסט. דער עסט פאַרטאָג, ווען דער האָן קרעהט, דער ביי־טאָג און דער—גאָר האַלבע נאַכט. דעם קעמעל גיב שטרוי, דעם עלפאַנט טרויבען־צווייגען, דעם עזעל גערשטען, דעם הערש עפ־היי, דעם שטרויס גלאָז. איינמאָל האָט מיין פאָטער אַזוי גיך דעם לייב ניט צו־פרידען־געשטעלט, האָט ער איהם אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון, אַז מיין פאָ־טער האָט דערנאָך אַ צייט צו־געהונקען. מיט בלוט האָט ער פון זיי געשפּיגען.

פון חאַמעלעאָן האָבען מיר געהאַט עַגְמַת־נֶפֶשׁ, מיר האָבען ניט גע־וואוסט וואָס ער עסט. איינמאָל שניידט מיין פאָטער אַ מילגרוים, און עס פאַלט־אַרויס אַ ווערעמיל פון אינווייניג, חאַפּט דער חאַמעלעאָן און שלינגט עס איין. פון דעמאָלט־אָן האָבען מיר דעם חאַמעלעאָן אָנגעהויבען שפּייזען מיט ווערעמדיגע קראַפּעווע.

איינמאָל טרעפט מיין פאָטער דעם פעניקס דרימלענדיג אין אַ ווינקע־לע, פרעגט ער איהם: וואָס בעטסטו ניט צו עסען? ענטפערט איהם דער פעניקס: „איך זעה, דו ביסט אַזוי פערטהון, וויל איך דיך נישט בעמיהען״.

דערפאר האט איהם מײן פאטער געבענשט מיט אײביג לעבען און די בְרָכָה איז מְקוּיָם געװארען.

## שֶׁקֶר און פְלוּך.

אַז נח איז אַרײן אין תֵיבָה, קומט צו איהם דער שֶׁקֶר און בעט ער זאָל איהם אויך אַרײַנעהמען. זאָגט איהם נח:

— איך נעהם אַרײן נור פאר־פּאָלקען, מאַן און װײַב; בעקום דײן זיווג װעל איך דיך אַרײנלאָזען.

נעהמט דער שקר זוכען זײן בעשערטע און בעגעגענט די פלוך. זאָגט ער איהר: זײ מײן פרוי. פרעגט זי איהם: װאס װעסטו מיר געבען? ענט־פערט ער: איך מאַך מיט דיר אָפּ, אַז אַלץ װאס איך װעל ערװערבען זאָלסטו זיך צונעהמען. איז זי מְרוּצָה געװארען—און זײ זענען אַרײן אין קאַסטען.

אַז זײ זענען אַרוים פון קאַסטען, האט דער שקר אָנגעהויבען צו פער־דינען, און די פלוך האט אַלץ ביסלעכװײז גע׳פּטר׳ט.

פרעגט ער זי: װאו איז דאס גאַנצע האָב און גוטס, װאס איך האָב פעהאָרעװעט?

ענטפערט זי:

— מיר האָבען דאָך אַזוי אָפּגעמאַכט! װאס דו ברענגסט אַרײן אין שטוב, דאַרף איך צונעהמען!

דערפאַר זאָגט די װעלט אַ װערטיל:

„װאס דער שקר געװינט
לאָזט די פלוך אויפ׳ן װינט".

## שִׁכְּרוּת.

אַז נח איז אַרוים פון תֵיבָה און גענומען פלאַנצען אַ װײנגאָרטען, קומט דער שָׂטָן און פרעגט:

— װאס פלאַנצסטו דאָ?

— אַ װײנגאָרטען.

— און װאס איז מיט איהם דאס מעהר?

— זײן פרוכט איז זיס און זײן זאַפט דערפרעהט דאס האַרץ.

— װילסטו מיט מיר מאַכען שותפות, װעל איך דיר העלפען פלאַנצען.

— רעכט!

נעהמט דער שָׂטָן און שעכט אַ לעמעלע און בעגיסט דעם װײנשטאָק

מיט'ן בלוט, נאכדעם שעכט ער א לייב, דערנאך—א מאלפע און צו לעצט— א חזיר און בעשפריצט דעם ווייַנשטאָק מיט'ן בלוט.

געמיינט האָט ער מיט דעם אָנצווייזען, אז א מענש טרינקט־אויס דאָס ערשטע גלאָז וויין, איז ער שטיל און גוט ווי א לעמעלע. נאָכ'ן צווייטען כוס ווערט ער שטאָלץ און שטייף ווי א לייב, און נעהמט זיך איבער מיט זיין גבורה. נאָכ'ן דריטען כוס הויבט ער אָן צו שפרינגען און זיך נאריש מאכען ווי א מאלפע. שפּעטער — וואלגערט ער זיך שוין אין מיסט ווי א חזיר.

## נמרוד און דער דור הפלגה [1].

די העמדליך וואָס גאָט האָט געמאכט פאר אָדם מיט חוה אין גן־עדן, האָט נח מיטגענומען אין תיבה, און נאָך זיין טויט האָט זיי נמרוד גע'ירש'עט. ווי ער האָט זיי נור אָנגעטהון, און אלע בהמות חיות און עופות האָבען דער־זעהן אויף איהם די פראכטיגע קליידער און דערשפירט דעם גן־עדן ריח, וואָס שמעקט פון זיי, זענען זיי געפאלען צו דער ערד פאר נמרוד'ן. און די מענשען האָבען געמיינט, אז ער איז אזוי שטארק, דאָס אלע חיות ציטערען פאר איהם, האָבען זיי איהם געמאכט פאר א קעניג.

שטאָלץ אויף זייער קעניג דעם העלד מיט זיין גבורה, האָבען די לייט פון זיין דור פערטראכט א אויפשטאנד געגען הימעל.

— איינמאָל אין טויזענד זעקס הונדערט זעקס און פונפציג יאָהר [2] — האָבען איינינע פון זיי געזאָגט — בייגט זיך דאָס געוועלב פון הימעל און דאָס אויבערשטע וואסער רינט־דורך און עס ווערט א מבול. דעריבער דארף מען אויסבויען הויכע טורעמס, זיי זאָלען אונטערשפארען דעם הימעל פון אלע פיער זייטען ווי פעסטע זיילען.

אנדערע האָבען גענומען טענה'ן: מיט וואָס פאר א רעכט האָט ער פאר זיך מיט זיין פמליא [3] גאר דעם אויבערשטען הויכען הימעל־שטאָק אָפגענומען, און פאר אונז די נידעריגע ערד געלאָזט? א הויכען טורעם לאָ־מיר אויסבויען, אויף זיין שפיץ אונזערען א געמאכטען גאָט אוועקשטעלען און איהם א שווערד אין דער האנד געבען: עס וועט הייסען, מיר מאכען מיט איהם א שטרייט!

---

1) אזוי הייסט דער דור, וואָס האָט געבויעט דעם הויכען טורעם אין בבל. 2) אזוי פיעל יאָהר האָט געדויערט פון זינט די וועלט איז בעשאפען ביז'ן מבול. 3) פאמיליע, סוויטע.

האבען זיי גענומען בויען א טורעם אין טהאל פון בבל, זיבען טרעפ האט ער געהאט אין מזרח=זייט און זיבען אין מערב=זייט. פון איין זייט האט מען די ציגעל ארויפגעטראגען, און פון דער אנדערער זייט איז מען אראפ=געגאנגען. ווען א מענש איז פון געביי אראפגעפאלען האט עס קיינעם ניט געארט; איז אבער א ציגעל געפאלען, פלעגען זיי וויינען און קלאגען: ווען וועט מען אן אנדערען ארויפברענגען אזוי הויך.

איינמאל איז אברהם פארביי געגאנגען און געזעהן זייערע שלעכטע מעשים, האט ער זיי פערשאלטען, זייער שפראך זאל ווערען צומישט.

און אזוי איז געשעהן: זיי זענען פערפרעמדט געווארען צווישען זיך, און איינער האט ניט פערשטאנען וואס דער צווייטער רעדט: הייסט דער גע=בען וואסער—דערלאנגט יענער איהם א ציגעל; זאגט ער: א האק—גיט ער איהם א לאפאטע. — ווערט יענער אין בעס און צופלעט איהם דעם קאפ.

# די אָבוֹת.

## אַבְרָהָם'ס געֶבוּרט.

אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז געֶבּוירעֶן געֶוואָרעֶן, האָבּעֶן דִי אַסטראָלאָגעֶן [1] דעֶרזעֶהן, ווִי אַ לִיכטִיגעֶר שטעֶרעֶן געֶהט-אויף אִין מִזְרָח-זַייט אוּן שלִינגט-אַיין אַלעֶ שטעֶרעֶן. זעֶנעֶן זַיי געֶקוּמעֶן צוּ נִמְרוֹד'ן אוּן אִיהם געֶזאָגט: הַיינט אִיז בַּיי'ם אַלטעֶן תֶּרַח'ן געֶבּוירעֶן אַ זוּהן, וואָס ווֶעט אַלעֶ אוּנזעֶרעֶ געֶטעֶר צוּבּרעֶכעֶן אוּן אַלעֶ אוּנזעֶרעֶ לעֶנדעֶר אַיינעֶהמעֶן.

אויף מאָרגעֶן שִׁיקט נִמְרוֹד צוּ תֶּרַח'ן: נעֶכטעֶן בַּיי-נאַכט אִיז בַּיי דִיר אַ זוּהן געֶבּוירעֶן געֶוואָרעֶן. גִיבּ אִיהם מִיר אַרוֹיס, אִיךְ וועֶל אִיהם טוֹיטעֶן, דעֶרפאַר וועֶל אִיךְ דִיר אַ פוּלעֶ שטוּבּ מִיט גאָלד אוּן זִילבּעֶר אָנשִׁיטעֶן.

עֶנטפעֶרט תֶּרַח דִי שְׁלִיחִים אַזוֹי:

— נעֶכטעֶן האָט אַיינעֶר צוּ מַיין פעֶרד געֶזאָגט: לאָז זִיךְ דעֶם קאָפּ אָפּשנַיידעֶן, בּעֶקוּמסטוּ דעֶרפאַר צעֶהן מעֶסטלִיךְ געֶרשטעֶן.—„אַ אַיינפאַל אַבִּי-סעֶל! — האָט אִיהם דעֶר פעֶרד אויף דעֶם געֶעֶנטפעֶרט — אָהן אַ קאָפּ, נאַר אַיינעֶר, צוּ וואָס טוֹיג מִיר אִינגאַנצעֶן דִי געֶרשטעֶן?" — אָהן אַ יוֹרֵשׁ, צוּ וואָס טוֹיג דעֶם אַלטעֶן תֶּרַח'ן דאָס גאַנצעֶ גאָלד אוּן זִילבּעֶר!

נעֶהמט תרח אוּן בּעֶהאַלט דאָס קִינד אִין אַ הַייל. בּאַלד האָבּעֶן צווֵיי קוואַלעֶן זִיךְ אִין הַייל געֶעֶפעֶנט, אַיינעֶר מִיט האָנִיג, דעֶר אַנדעֶרעֶר מִיט בּוֹי-מעֶל, אויף צוּ נעֶהרעֶן אַבְרָהָם'ן.

אַז אַבְרָהָם אִיז אַלט געֶוואָרעֶן דרַיי יאָהר, אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן הַייל.

ווִי עֶר האָט צוּם עֶרשטעֶן מאָל דעֶרזעֶהן דִי זוּן, האָט עֶר געֶטראַכט בַּיי זִיךְ: אַפְּנִים דאָס אִיז דעֶר גאָט, וואָס האָט בּעֶשאַפעֶן הִימעֶל אוּן עֶרד אוּן

---

1) שטעֶרעֶנזעֶהעֶר.

מִיך. האָט ער אַ גאַנצען טאָג תְּפִלָּה געטהון צו דער זון. אין אָוועגד זעהט ער, ווי די זון געהט־אונטער, זאָגט ער צו זיך: דאָס איז ניט קיין גאָט. ביינאַכט זעהט ער די לְבָנָה מיט די שטערען און טראַכט: אֶפְשַׁר איז די לְבָנָה דער אויבער־האַר פון גאָר דער וועלט און די שטערען זענען איהרע דינער. האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געבעטען צו דער לְבָנָה.

אויף מאָרגען זעהט ער, ווי די לבנה מיט די שטערען זענען אויך פערגאַנגען, — הויבט ער אויף די הענד צום הימעל און זאָגט:

— ניין! ניט די זענען בעשעפער פון דער וועלט. איין גאָט איז דאָ אין הימעל, אַ הויבער־האַר איבער זיי אַלע. איהם וועל איך בעטען און פאַר איהם וועל איך זיך בוקען.

# תֶּרַח׳ס געטער.

דער אַלטער תֶּרַח פלעגט מאַכען געטער און פערקויפען זיי אין מאַרק. יעדען טאָג פלעגט ער אַרויסשיקען אַן אַנדער קינד אין מאַרק און מיטגעבען איהם אַ פולען קאָרב מיט געטער, גרעסערע און קלענערע, טייערע און ביליגע.

איינמאָל איז אויסגעקומען צו געהן אין מאַרק מיט׳ן קאָרב געטער אַבְרָהָם׳ן, — נעהמט ער זיי אַרויס פון קאָרב און צולעגט זיי אויפ׳ן געשטעל, די גרעסערע — פון אויבען, די מיטעלע — אין מיטען, און גאָר די קליינע — פון אונטען. קומט צו איהם איינער אַ מענש אַ בעיאַהרטער, אָבער נאָך אַ גִבּוֹר און זאָגט:

— גיב מיר נור, אַבְרָהָם׳יל, אַ רעכטען גאָט, אַזוי גרויס און שטאַרק ווי איך אַליין.

ווייזט איהם אברהם דעם גרעסטען, גאָר פון אויבען־אָן, און זאָגט:

— דער וואָס איז העכער פון אַלע, איז שטאַרקער פון אַלע, נאָר מיינע געטער האָבען אַזאַ נאַטור: איידער מען בעצאָהלט דאָס געלד — ריהרען זיי זיך ניט פון אָרט.

בעצאָהלט ער איהם דאָס געלד, נעהמט דעם גאָט און וויל שוין אַוועקגעהן. פרעגט איהם אַברהם: וויפיעל ביסטו אַלט? ענטפערט ער: זיבעציג יאָהר.

זאָגט אברהם: אַז אָך און וועה צו דיין נאַרישען שֵׂכֶל! אַליין ביסטו אַלט זיבעציג יאָהר — און ווילסט זיך בוקען צו אַ גאָט, וואָס איז ערשט פון אונטער דער האַק אַרויס!

נעהמט דער אַלטער און שלײַדערט איהם אַרײַן דעם גאָט אין קאָרב און פאַרדערט צוריק זײַן געלד. גיט איהם אברהם צוריק דאָס געלד, און לאָזט איהם אָפּ.

קומט אַן אַלטע פרוי און זאָגט: גיב מיר נור, אברהם, עפּעס אַ וואָל־וועל געטעל, אַזוי קלײַן און געמײַן, ווי איך אַלײַן. ווײַזט ער איהר דאָס קלענסטע, גאַר אונטען, און זאָגט:

— דאָס איז אַקוראַט אָנגעמאָסטען פאַר דיר: אַ קלײנס, אַ נידעריגס און ליגט אונטער אַלע.

אַז זי האָט איהם בעצאָלט די עטליכע גראָשען, פרעגט ער זי: ווי אַלט ביסטו?

ענטפערט זי: אָ, זעהר אַלט, איך געדענק שוין אַלײַן ניט ווי פיעל.

זאָגט ער צו איהר:

— אַ חרפּה און אַ בושה! אַזאַ זקנה ווי דו זאָל זיך ביקען פאַר אַ גע־טעל פון נעכטיגען טאָג.

ווי די פרוי האָט דאָס דערהערט, נעהמט זי אָפּ צוריק איהר געלד און געהט אַוועק אָהן אַ גאָט. אַזוי האָט אַברָהָם געטהון מיט אַלע קונים.

אין אָווענד קומט ער אַהײם און ברענגט־צוריק דעם גאַנצען קאָרב מיט אַלע געטער.

זאָגען די ברידער צו תרח'ן: דער אברהם טויג לחלוטין ניט צום האַנ־דעל, מען דאַרף איהם גאָר מאַכען פאַר אַ גלח.

פרעגט אַברהם: וואָס האָט אַ גלח צו טהון?

ענטפערט איהם תרח: אַ גלח דאַרף דערלאַנגען די געטער עסען און טרינקען און זײַ בעדיענען.

איז אַברהם געוואָרען אַ גלח.

קומט אַ פרוי און ברענגט אַ שיסעל זעמעל־מעהל, אַ קרבן פאַר די געטער, נעהמט ער צו דעם קרבן און שטעלט־אַוועק אין מיטען קאַמער. דער־נאָך נעהמט ער אַ גרויסען שטעקען און צעברעכט מיט איהם אַלע געטער, לאָזט נאָר איבער אײנעם, דעם גרעסטען, און שטעלט איהם אַרײַן דעם שטעקען אין האַנד.

ווי דער אַלטער תרח איז געקומען און דערזעהן דעם חורבן, צושרײַט ער זיך אויף אברהם'ן און פרעגט מיט צאָרען:

— וואָס איז דאָ געשעהן? ווער האָט עס צעבראָכען אַלע מײַנע געטער?!

ענטפערט איהם אַברהם קאַלט־בלוטיג:

— טאַטע, איך וועל דיר ניט ליַיקענען! אַ פרוי האָט געבּראַכט אַ שיִ־סעל זעמעל־מעהל און איך האָב זיך געפוילט צוטראָגען יעדען גאָט בּעזוני־דער, שטעל איך דעם קָרבּן אין מיטען צימער און זאָג צו די געטער: נעהמט אייך און עסט און זאָל אייך וואויל בּעקומען. האָבּען זיי זיך אָנגעהויבּען צו קריגען, דער זאָגט: איך וועל עסען פריהער, און דער זאָגט: איך וועל פריִ־הער. איז אָט דער גרויסער אַריין אין רְצִיחָה און געחאַפּט אַ שטעקען און זיי אַלעמען צובּראָכען.

צוביַיזערט זיך תֶּרַח נאָך שטאַרקער:

— וואָס לייגסטו, שייגעץ איינער! פון ווענען מאַכסטו דאָ געשפּעט? האָבּען זיי דען דאָס בּכּוֹחַ?

— וואָס ניין? — ענטפערט אַבְרָהָם — טאָ הער־זשע, טאַטע, אַליין וואָס דו רעדסט. ווי בּאַלד זיי קאָנען גאָרניט טהון, היינט וואָס פאַר אַ געטער זענען זיי?

נעהמט תֶּרַח און גיט איהם איבּער צו נִמרוֹד'ן אין די הענד. הויבּט איהם אָן נמרוד צו שטראָפען:

— ווי קומט עס צו דיר, דעם אַלטען תרח'ס אַ זוהן, זאָל אַזעלכעס טהון? ווייסטו דען ניט, אַז איך בּין דער האַר פון גאָר דער וועלט, — ווי־זשע האָסטו זיך געקענט דערוועגען צו צוּבּרעכען די געטער, וואָס איך דיען צו זיי?

ענטפערט איהם אברהם: אויבּ דו בּיסט דער האַר פון גאָר דער וועלט,— פּרובּ מאַכען אַזוי, אַז די זון זאָל אויפגעהן אין מַעֲרָב־זייט און פערגעהן אין מִזְרָח.

פערטראַכט זיך נמרוד שטאַרק, שטעהט און האַלט זיך בּיי דער בּאָרד און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערען.

זאָגט אַבּרהם צו איהם:

— פערשפּאָרסט צו טראַכטען! ניט דער האַר פון דער וועלט בּיסטו, נאָר דער זוהן פון כוש. דו האָסט דיין אייגענעם פאָטער ניט געקענט מַצִיל זיין פון טויט און וועסט אַליין אויך ניט נִצוֹל ווערען.

ווערט נמרוד אין כַּעַס און זאָגט:

— פאַר אַזעלכע רייד דאַרף מען דיך פערבּרענען, נאָר אויבּ דו בּוקסט זיך צום פייער — לאָז איך דיך לעבּען.

— אֶפְשַׁר איז גלייכער זיך בּוקען צום וואַסער, וואָס פערלעשט דאָס פייער?

— בוק זיך צום וואַסער!
— אפשר צום וואָלקען, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט וואַסער?
— בוק זיך צום וואָלקען!
— אפשר צום ווינד, וואָס צוטרייבט די וואָלקען?
— בוק זיך צום ווינד!
— אפשר גאָר צום מענשען, וואָס בעצווינגט [1] דעם ווינד אויך?

ווערט נמרוד נאָך מעהר אין כּעס און זאָגט: פּעררעד מיר ניט דעם קאָפּ! איך בוק זיך צום פייער, וועל איך דיך אַרײַנוואַרפען אין פײַערדיגען קאַלך־אויווען, און זאָל קומען דײַן גאָט און דיך פונ׳ם פײַער רעטען.

און אַזוי איז געשעהן.

## ישמָעאל און זײַנע פרויען.

ווען שָׂרָה האָט פערטריבען איהר שטיף־זוהן ישמָעאל׳ן מיט זײַן מוטער הָגָר פון געצעלט, האָט אַברהם גענומען הגר׳ס לאַנגען שלייער און אָנגעבונדען איהר אויף די לענדען, כּדי ער זאָל זיך נאָכשלעפּען אויף דער ערד, — וועט ער נאָכקוקען זייער שפּור און וויסען דעם וועג, וואָהין זיי זענען אַוועק.

אין דריי יאָהר אַרום האָט ער זיך פערבענקט נאָך זײַן זוהן, און אַוועק געוואָהר ווערען, וואָס מאַכט ער. האָט איהם שרה בעשוואוירען, ער זאָל ניט אַראָפּגעהן פון קעמעל אין יענעם אָרט, וואו ישמָעאל זיצט.

האַלבען טאָג איז ער געקומען אין מִדבַּר פָּארָן און דערזעהן ישמעאל׳ס פרוי בײַ דער טהיר פון געצעלט. פרעגט ער זי: וואו איז ישמעאל?

— אַוועק אין מִדבָּר מיט זײַן מוטער קלויבען טײַטלען.

— גיב מיר אַביסעל וואַסער מיט אַ שטיקל ברויט, דען איך בין הונגעריג און דאָרשטיג און מיעד פון וועג.

— ניטאָ בײַ אונז פון דײַניטוועגען ניט קיין ברויט און ניט קיין וואַסער.

אַברהם האָט זיך געלאָזט צוריק און געזאָגט דער פרוי:

— אַז ישמעאל וועט זיך אומקערען, דערצעהל איהם, אַז אַן אַלטער מאַן איז דאָ געקומען פון לאַנד כּנַען און געזאָגט, אַז די שוועל פון געצעלט איז צו נידעריג.

אַז ישמעאל איז געקומען און זי האָט איהם דערצעהלט די מַעֲשֶׂה, האָט ער פערשטאַנען, אַ די שוועל איז אַ מָשָׁל [2] געגען איהר מיט איהרע נידעריגע

---

1) נעהמט איין, בעהערשט. 2) בײַשפּיעל.

מִדוֹת [1]), האָט ער זי געֶ׳גט און גענומען אַן אַנדער פרוֹי.

נאָך מיט דריי יאָהר שפּעטער איז אַבְרָהָם ווידער אַוועק אין מִדְבָּר, צו זעהן וואָס מאַכט יִשְׁמָעֵאל, און שָׂרָה האָט איהם ווידער בעשוואוירען, ער זאָל דאָרט ניט אַראָפּ פון קעמעל.

קומט ער אין מִדְבַּר פָּארָן און טרעפט יִשְׁמָעֵאל׳ס צווייטע פרוי און פרעגט זי:

— וואו איז יִשְׁמָעֵאל?

— אַוועק ווייט אין מִדְבָּר, פיטערען די קעמלען.

— גיב מיר אַ ביסעל וואַסער מיט אַ שטיקעל ברויט, דען איך בין הונגעריג און דאָרשטיג און מיעד פון וועג.

האָט זי באַלד אַרויסגעטראָגען ברויט מיט וואַסער און איהם געגעבען עסען און טרינקען, און אַבְרָהָם האָט זי געבענשט.

און די בְּרָכָה איז מְקוּיָם געוואָרען. אַז יִשְׁמָעֵאל איז געקומען, האָט איהם די פרוי דערצעהלט, וואָס דאָ איז געשעהן, האָט ער פערשטאַנען, אַז זיין פאָטער איז איהם נאָך ביז היינט געטריי געבליבען און אין איהם נישט פערגעסען.

## עֲקֵדַת יִצְחָק [2]).

דער שָׂטָן איז געקומען צום אויבערשטען און איהם געזאָגט: דער אַלטער האָט צום זוהנ׳ס אַנטווייִנען געמאַכט אַ מאָהלצייט פאַר דער גאַנצער וועלט, און דיר, רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם, אַפילו קיין טוֹיב ניט געאָפּפערט.

ענטפערט גאָט: די גאַנצע שִׂמְחָה ביי איהם איז צוליעב דעם קינד, ווען איך הייס איהם אָפּפערען דאָס קינד, וועט ער אויך פאָלגען.

איז גאָט געקומען צו אַבְרָהָם׳ן און איהם געזאָגט:

— אַבְרָהָם, דיר שטעהט פאַר אַ שווערער נִסָּיוֹן. וועסטו איהם ביי-שטעהן?

— פרוב, רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם...

— נעהם נור דיין זוהן...

— צוויי האָב איך...

— דעם איין און איינציגען...

— ביידע זענען בְּנֵי-יְחִידִים ביי זייערע מוטערס.

---

1) זיטען. 2) דאָס בינדען יצחק׳ן אויפ׳ן מזבח פאַר אַ קרבן.

— דעם, וואָס די האָסט ליעב...

— איז דען אין אַ פּאָטערס האַרץ דאָ גרענ ניצען?

— יִצְחָק'ן! און ברייינג איהם פאַר אַ קָרְבַּן עוֹלָה.

טראַכט אַבְרָהָם ביי זיך: וואָס זאָל איך טהון? זאָגען שָׂרָה'ן—וועט זי ניט לאָזען: חַייבער האָבען אַ ווייך האַרץ! אַרויס'גַנְבְ'נען איהם — האָב איך מוֹרָא: ווי זי וועט זיך אַרומקוקען, אַז דאָס קינד איז ניטאָ,—קען זי זיך דאָס לעבען נעהמען. איז ער זיך מְיַשֵּׁב, קומט און זאָגט צו שָׂרָה'ן:

— מאַך גרייט אַ גוטען מיטאָג, מיר וועלען זיך היינט פרעהען.

— וואָס איז מיט דיר די שִׂמְחָה?

— אַלע טאָג מעגען מיר זיך מְשַׂמֵחַ זיין. אויף דער עלטער אַזאַ נַחַת, אַ זוהן...

מאַכט זי גרייט אַ סְעוּדָה.

אין מיטען דער סְעוּדָה גיט אַבְרָהָם אַ זאָג: דו ווייסט, אַלטע, איך צו דריי יאָהר האָב שוין דערקענט דעם בּוֹרֵא עוֹלָם [1], און אונזער קינד איז שוין אַ דערוואַקסענער און ער ווייסט נאָך פון גאָר נישט. איך רעכען איהם איצט אַוועקפיהרען ערגיץ אין אַ אָרט, ער זאָל זיך דאָרט לערנען.

— שוין טאַקי צייט. פיהר איהם אַהין געזונדערהייד!

אויף מאָרגען איז אַבְרָהָם אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, און אַוועק, ווען שָׂרָה איז נאָך געשלאָפען, ווייל ער האָט מוֹרָא געהאַט, טאָמער וועט זי דער־ווייל חֲרָטָה האָבען און דאָס קינד ניט וועלען אָפּלאָזען.

און מיטגענומען האָט ער צוויי יונגען: אֱלִיעֶזֶר'ן מיט יִשְׁמָעֵאל'ן, זיי זאָלען היטען די עזלען אין מיטען וועג, און אַליין איז ער אַוועק מיט יִצְחָק'ן צום בּאַרג מוֹרִיָה.

האָבען ביידע יונגען אָנגעהויבען צו שפּאַרען זיך. יִשְׁמָעֵאל זאָגט: יִצְחָק'ן וועט מען אָפּפּערען,— בלייבּ איך דער עלטסטער זוהן און דער איינציגער יוֹרֵשׁ! און אֱלִיעֶזֶר זאָגט: דיך האָט דער פאָטער פערטריבען און אָפּגעזאָגט פון יְרוּשָׁה, איך אָבער בעדינען איהם בייטאָג און ביינאַכט,— וועל איך דער יוֹרֵשׁ זיין. געהט אַרויס אַ בַּת־קוֹל פון הימעל און רופט אויס: ניט דער וועט ירש'ענען, ניט — יענער!

קומט דער שָׂטָן אַנקעגען אַבְרָהָם'ן פערשטעלט ווי אַן אַלטער מאַן און פרעגט:

---

1) דעם בעשאַפער פון דער וועלט.

וואוהין געהסטו ?

— איך געה מתפלל זיין.

— צו וואס־זשע דארפסטו א חלף מיט האלץ און פייער ?

— אפשר וועלען מיר זיך דארט פערזוימען, וועלען מיר שעכטען און פאקען און עסען.

— אוי דו אלטער נאר !—מאכט צו איהם דער שטן—איך חיים וואוהין דו געהסט. קוים צו הונדערט יאהר דערלעבט א קינד — ווילסטו איהם איצט אומברייננגען !

— גאט האט אזוי בעפוילען.

ווייזט זיך דער שטן צו יצחק׳ן אין געשטאלט פון א יונגעמאן און פרעגט:

— וואוהין געהסטו ?

— לערנען תורה.

— לעבעדיגער־הייד, צי נאכ׳ן טויט ?...

— וואס הייסט נאכ׳ן טויט ?

— אוי, א רחמנות אויף דיר, א רחמנות אויף דיין מאמען! וויפיעל תעניתים האט זי נעביך געפאסט, וויפיעל טרעהרען פערגאסען, ביז זי האט דיך געבוירען ! איצט איז דער אלטער פון זינען אראפ, און פיהרט דיך צו דער שחיטה !

— דעם טאטענס ווילען איז מסתמא גאט׳ס ווילען—האקט איהם אפ יצחק, און ווענדענדיג זיך צו אברהם׳ן זאגט ער : הער נור, טאטע, וואס דער זאגט !

— ווייס איך, מאך זיך דערפון נישט אויסען.

ווי דער שטן האט געזעהן, אז ער קען זיי ניט איבעררעדען, נעהמט ער און פערוואנדעלט זיך אין א טיפען טייך און פערצוימט זיי דעם וועג. איז אברהם אריין ביז די קניה אין וואסער און געזאגט די יונגען : געהט מיר נאך · דאס וואסער אבער האט זיך וואס ווייטער מעהר אויפגעהויבען און אין מיטען טייך האט עס דערלאנגט ביז׳ן האלז.

—רבונו־של־עולם !—האט אברהם אויסגעשריגען אויפהעבענדיג די אויגען צו׳ם הימעל—איך געה אין דיין שליחות, הייליגען דיין נאמען וויל איך, העלף מיר ארויס, „באו מים עד נפש״ — דאס וואסער דערלאנגט שוין ביז׳ן האלז !

האט גאט אנגעשריגען אויפ׳ן טייך—און ער האט באלד אויסגעטריקענט. ווייזט זיך דער שטן ווידער צו אברהם׳ן און גיט איהם א זאג : איך האב א קלארע ידיעה פון אויבען, אז דיין גאנצע מיה איז ארויסגעווארפען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען מיט יצחק'ן און אויסלאָזען וועט זיך עס מיט אַ שעפּס.

ענטפערט איהם אַברהם: אַ ליגנער האָט שוין אַזאַ מַזל — ער מעג זאָגען אֶמֶת גלויבט מען איהם נישט.

אין דער צייט האָט גאָט אַ וואונק געטהון צו די בערג וואָס רינגלען־אַרום די טהאָל־געגענד, זיי זאָלען זיך צונויפנעהמען און זיך צוזאַמענגיסען אין איין באַרג, אַ הויכער שעהנער פּלאַץ וואו די שְׁכִינָה זאָל רוהען.

אויפ'ן דריטען טאָג הויבט־אויף אַברהם די אויגען און ווערט ערשטוינט: ער האָט די געגענד ניט דערקענט.

— וואָס זעהסטו דאָרט אין דער ווייט? — פרעגט ער יִצְחָק'ן.

— איך זעה אַ הויכען שעהנעם באַרג מיט אַ וואָלקען פערשלייערט.

— און איהר זעהט עפּיס? — פרעגט אַברהם די יונגען.

— גאָר ניט זעהען מיר, הוילע מִדְבָּרִיוֹת.

— אויב אַזוי — זאָגט זיי אַברהם — בלייבט איהר מיט'ן עזעל זי־צען דאָ...

„און אַברהם האָט גענומען דאָס האָלץ פאַר'ן קָרְבָּן און אַרויפגעלעגט אויף זיין זוהן יצחק" — און ס'האָט אויסגעזעהן ווי אַ פער'מִשְׁפּט'ער צום טויט טראָגט זיין קרייץ־תְּלִיָּה אויפ'ן אייגענעם אַקסעל.

ניט־געזעהן אין אַברהם'ס האַנד קיין זאַך פאַר אַ קָרְבָּן, איז אַ גרויסער שרעק בעפאַלען יצחק'ן.

— טאַטע — האָט ער מיט אַ ציטער געפרעגט — דאָ האָסטו האָלץ מיט פייער, און די שעפּס צום קרבן וואו איז?

— דו ביסט עס, מיין זוהן, גאָט האָט דיך אויסגעוועהלט.

— אויב אַזוי איז גאָט'ס רָצוֹן, בין איך גרייט. אויף דער מאַמען אָבער טהוט מיר וועה דאָס האַרץ.

געקומען אויפ'ן אָרט, זאָגט יצחק צו אַברהם'ן:

— פאָטער ליעבער! טהו־אָפּ גיכער דיין בעשעפער'ס ווילען און פער־ברען מיך גוט, און מיין אַש גיב אָפּ דער מאַמען — וועט עס איהר זיין אַ אַנדענק פון איהר געאָפּפערטען בֶּן־יָחִיד, איהר איינציגע טרעסט... טאַטע, וואָס וועט איהר טהון אויף די עלטערע יאָהרען?

— מיר וועלען עס לאַנג ניט אַריבערטראָגען — האָט אַברהם געענט־פערט — מיר וועלען אייך באַלד שטאַרבען. דער גאָט, וואָס האָט אונז ביז איצט געטרעסט, וועט אונז טרעסטען ביז אונזער טויט.

זאָגט יצחק ווייטער:

— בינד מיר הענד און פיס. ווייל די נְשָׁמָה איז פערשייט און שטעלט זיך אַקעגען, און אַז איך וועל דערזעהן דעם חַלָף אויפ׳ן האַלז קען איך זיך אַ צאַפּעל טהון און בעקומען אַ מום¹) — וועט דער קָרְבָּן פָּסול ווערען.

האָט איהם אַברהם געבונדען, און יצחק בעט זיך ווייטער:

— זאָג ניט אָן דער מוטער, בעת זי שטעהט ביי׳ם ברונען אָדער אויפ׳ן דאַך, ווייל זי קען זיך נאָך פון גרויס צַער דאָס לעבען נעהמען.

האָט איהם אַברהם אַרויפגעלעגט אויפ׳ן מִזְבֵּחַ מיט׳ן פָּנִים אַרויף און גענומען דעם חַלָף אין האַנד.

טיעף האָט זיך יצחק פערקוקט אין די הויכע בלויע הימלען, און טיעף האָבען זיך איינגעקוקט די אויגען פון טאַטען אין די אויגען פונ׳ם זוהן. מיט שטילע טרעהרען האָט זיך אַברהם בעגאָסען.

די האַנד זיינע, אויפגעהויבען איבער׳ן זוהנ׳ס האַלז, האָט אַ ציטער געטהון און דער חלף איז דורכ׳ן שָׂטָן׳ס אַ שטויס פון האַנד אַרויסגעפאַלען. אַברהם האָט זיך איינגעבויגען איהם אויפצוהייבען — און אַ ביטער געוויין האָט זיך ביי איהם פון הארצען אַרויסגעריסען. פערצווייפעלט איז ער מיט׳ן מעסער אין האַנד שטעהן-געבליבען, געזוכט מיט די אויגען די שְׁכִינָה אויף די בערג, אויף הילף פון דאָרט אַרויסגעקוקט.

אין דער מינוט האָט זיך דער הימעל געשפאַלטען און יצחק האָט דורכ׳ן נעבעל²) דערזעהן, ווי די מַלְאָכִים שטעהען שורות-ווייז און וויינען מיט פייערדיגע טרעהרען, בעטען רַחֲמִים אויף אַברהם׳ס בֶּן-יָחִיד.

באַלד איז אַרויס אַ בַּת-קוֹל און אויסגערופען:

— שטרעק ניט אויס דיין האַנד צום קינד, און טהו איהם גאָרניט!

פרעגט אַברהם:

— ווער ביסטו!!

— אַ מַלְאָך!

— אויב אַזוי — ענטפערט אַברהם — פאָלג איך ניט. גאָט אַליין האָט מיר געהייסען: אָפּפער דיין קינד, — זאָל ער אַליין קומען און אָפּרופען זיין בעפעהל.

האָט גאָט באַלד געעפענט דעם הימעל און צושפּרייט דעם נעבעל און געזאָגט צו אַברהם׳ן:

---

1) אַ שעדיגונג, ווערען אַ קאַליקע אויף אַ וועלכען אבר. 2) טומאַן, געדיכטע דאַמפּף אין דער לופטען.

— איך שווער בײַ מײַן נאָמען, אַז פֿאַר דײַן גוטען ווילען וועל איך דיך בענשען און דײַנע קינדער וועלען זײַן ווי די זאַמד בײַ'ם ברעג יָם אָהן אַ שיעור און אָהן אַ צאָהל.

זאָגט אַברהם:

— דו האָסט געשוואָרען — שווער איך אויך: איך וועל ניט אָפּטרע־טען פון דאַנען, ביז דו וועסט ערפילען מײַן געבעט! אַז מײַן יצחק'ס קינדער וועלען זינדיגען, און צרות וועלען אויף זיי קומען, זאָלסטו זיך דערמאַהנען די עֲקֵדָה און פערגעבען זייערע זינד און אויסלייזען זיי פון אַלע צָרות.

ענטפערט גאָט:

— דו האָסט דײַנס געזאָגט און איך וועל זאָגען מײַנס: אַז דײַנע איי־ניקלעך וועלען פערזינדיגטע זיך שטעלען פאַר מײַן מִשְׁפָּט אין ראש־הַשָּׁנָה, און וועלען בעטען איך זאָל זיי דעם זְכוּת [1] פון עֲקֵדָה דערמאָהנען, זאָלען זיי בלאָזען מיט דעם שופָר.

— וועלכען שופר?

— קוק זיך אום — וועסטו זעהן.

האָט אַברהם דערזעהן אַ ווידער [2], פערפלאָנטעט מיט די הערנער אין אַ צווייַג; קוים זיך אַרויסגעריסען, — און ווייטער זיך פערפלאָנטעט פון צווייַג צו צווייַג, פון שטרויך [3] צו שטרויך, פון בוים צו בוים.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַברהם'ן:

— אַזוי וועט מיט דײַנע קינדער פאַסירען: פערפלאָנטעט אין זינד און פערדרעהט מיט אַלע אומות און קעניגרייכען: פון בָּבֶל אין מָדַי, פון מדי אין יָוָן [4], פון יון אין אֱדוֹם [5]...

— רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! שוין־זשע וועט עס אַזוי אייביג דויערען?!

— ניין! צולעצט וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען בײַ'ם שאַל פון דעם ווידער־האָרן:

„גאָט וועט מיט'ן שופר שאַלען,<br>און ערשײַנען מיט'ן שטורם־ווינד פון דרום".

## אַבְרָהָם'ס טויט.

אַ טײַערער בריליאַנט איז געהאַנגען בײַ אַברהם'ן אויפ'ן האַלז, ווי אַ

1) פערדינסט. 2) באַראַן. 3) קוסט, נידעריג בוימעלע. 4) גריכען־לאַנד 5) רוים.

חוֹלה האָט איהם דערזעהן, איז ער באַלד געהײלט געוואָרען. אַז אַברהם איז געשטאָרבען האָט גאָט דעם ברילױאַנט אױפגעהאַנגען אויף דער זון. דערי־בער פיהלט זיך יעדער קראַנקער בײַטאָג פיעל בעסער, ווי בײַנאַכט.

# סְדוֹם.

די מענשען פון סְדוֹם זענען פאַר גרויס וואוילטאָג געווען שלעכטע און זינדיגע. קײנמאָל האָבען זײ ניט געוויסט פון מיה און פון זאָרג. דאָס לאַנד זײערס איז געבענשט געווען מיט אַלעס גוטס; רײַכע תְּבוּאוֹת אויף די פעטע פעלדער, גאָלד און זילבער בְּשֶׁפַע, דימאַנטען און ברילױאַנטען אָהן אַ צאָהל,—האָבען זײ פערגעסען אין רעכט און יוֹשֶׁר, און האָבען גאָט׳ס גערעכטע געזעצען פערקרימט און פערדרעהט און אויף זײערע אײגענע שלעכטע און ווילדע פערביטען.

פיער ריכטער האָבען זײ געהאַט, אײנער האָט געהײסען: ליגנער, דער אַנדערער—שווינדלער, דער דריטער—פעלשער, דער פערטער—דרעהער האָבען זײ אַרויסגעגעבען תַּקָנוֹת [1], פול מיט ליגען און שווינדעל, פאַלשקײַט און דרעהערײַ:

אַז אײנער האָט אָבגעהאַקט אַן אויער בײַ אַ פרעמדען עזעל, האָט מען איהם דעם גאַנצען עזעל אַוועקגעגעבען, ביז דער אויער וועט ווידער אָפוואַקסען.

איז אײנער געקומען אין געריכט, זיך בעקלאָגען אויפ׳ן צווײטען, אַז ער האָט איהם צובלוטיגט, האָט מען איהם געזאָגט: צו רְפוּאָה! יענער האָט דיר געלאָזען בלוט [2]—בעצאָהל איהם דערפאַר פיער גילדען!

דער וואָס פערמאָגט אײן אָקס, דאַרף פיטערען די רינדער פון גאַנץ שטאָדט אײן טאָג, און דער וואָס האָט קײן אײגענעם אָקס גאָרניט,—דאַרף פיטערען צוויי טעג.

איז דאָרט געווען אַ יָתוֹם, אַ זוהן פון אַן אַלְמָנָה, וואָס האָט קײן אײגענעם אָקס ניט געהאַט,—האָט מען איהם געהײסען פיטערען די שטאָדט־אָקסען צוויי טעג. נעהמט ער און צושעכט אַלע אָקסען און רופט אויס:

— דער וואָס האָט געהאַט אײן אָקס זאָל נעהמען אײן פעל, דער

---

1) רעגעלען, בעשטימונגען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויספיהרען. 2) אַמאָליגע דאָקטוירים פלעגען זעהר פיעל „לאָזען בלוט" פון רפואה וועגען: שטעלען פיאַווקעס, נעהאַקטע באַנקעס, אָדער אַזוי „צו אָדער לאָזען".

וואָס האָט גאָר קיין אָקס ניט געהאַט,—זאָל נעהמען צוויי פעל! ווי דאָס פּיטע־רען אַזוי דאָס טהיילען!

דער וואָס איז אַריבערגעגאַנגען די בריק —האָט געדאַרפט בעצאָהלען פיער גילדען בריק־געלד, און דער וואָס האָט אויסגעמיידט די בריק און אַרי־בער דעם טייך אין וואַסער, האָט געמוזט בעצאָהלען — אַכט גילדען.

איינמאָל איז אַהין געקומען דורכ׳ן טייך אַ וועשער, חאַפּט מען איהם און מען הייסט איהם בעצאָהלען פיער גילדען בריק־געלד, טַענה׳ט ער:

— איך האָב דאָך די בריק אויסגעמיידט און געגאַנגען גלייך אין וואַסער!

— אויב אַזוי, — בעצאָהל־זשע אַכט גילדען.

וויל ער ניט בעצאָהלען,—צופלוטיגט מען איהם און דער שופט שווינד־לער הייסט איהם בעצאָהלען נאָך פיער גילדען פאַר בלוט־לאָזען.

# אֶלִיעֶזֶר אין סְדוֹם.

אֱלִיעֶזֶר, אַבְרָהָם׳ס קנעכט, איז אַמאָל געקומען קיין סדום, האָט מען איהם געשלאָגען און אַוועקגעפיהרט צום ריכטער. זאָגט דער ריכטער: בע־צאָהל פאַר בלוט לאָזען. נעהמט אֱלִיעזר אַ שטיין און צובלוטיקט מיט איהם דעם ריכטער און זאָגט:

— די פיער גילדען, וואָס קומען מיר איצט פון דיר—בעצאָהל איהם פאַר מיר, און מיינע פאַר גראָשען בלייבען ביי מיר אין בייטעל.

נאָך אַ מִנְהָג איז ביי זיי געווען: ווער עס האָט פערבעטען אַ פרעמדען נאַכט צום טיש, האָט מען ביי איהם צוגענומען דעם מאַנטעל, כְּדֵי יעדער זאָל מוֹרא האָבען און ניט איינלאַדען קיין פרעמדע געסט.

איינמאָל קומט אליעזר אַריין צו זיי אין גאַסט־הויז און טרעפט די סדום־לייט זיצען ביי׳ן מאָהלצייט און קיינער בעט איהם ניט עסען. זעצט ער זיך אַליין ביים עק טיש און זאָגט צו זיין שָׁכֵן: אַז מען וועט מיך פרעגען וועל איך זאָגען, אַז דו האָסט מיך איינגעלאַדען. דערהערט דאָס, האָט זיך יענער דערשראָקען, מע זאָל ביי איהם דערפאַר דעם מאַנטעל נישט צו־נעהמען, — שטעהט ער אויף פון טיש, חאַפּט דעם מאַנטעל און אַנטלויפט. אַזוי האָט אליעזר אָפּגעטהון דעם צווייטען און דעם דריטען און אַזוי וויַטער,— ביז זיי זענען זיך אַלע צולאָפען, און די גאַנצע סְעוּדָה איז געבליבען פאַר איהם איינעם.

אַ בעטעל איז געווען אין סדום פון געסט וועגען. איז דער גאַסט

געוועזן צו לאַנג— האָט מען איהם אונטערגעהאַקט די פיס; איז ער געוועזן צו קורץ — האָט מען איהם אויסגעצויגען.

איינמאָל קומט אַהין אליעזר, און מען ווייזט איהם אָן דאָס סדום־בעטעל, ער זאָל זיך דאָרט לעגען שלאָפען. ענטפערט ער:

— זינט מיין מוטער איז געשטאָרבען, האָב איך אַ נדר געטהון, איך זאָל קיינמאָל אויף אַ בעט ניט שלאָפען.

## דער סדום'ער מכנים־אורח [1].

איינמאָל איז דורכגעפאָהרען דורך סדום אַ וואַנדערער, וואָס ביי איהם אויפ'ן עזעל איז געליגען צוגעבונדען מיט אַ זיידענער שנור אַ טייערער, פראַכט־שעהנער קאָלירטער טעפיך. האָט איהם איינער פון די סדום־לייט צו זיך אַ היים אויף נאַכטלעגער איינגעלאַדען. צוויי טעג דורכאַנאַנד האָט איהם דער סדום'ער מכנים־אורח נישט אָפּגעלאָזט. אויפ'ן דריטען טאָג אין דער פריה ווען דער גאַסט האָט ענדליך זיך גענומען קלייבען אין וועג אַריין, בעט ער דעם בעל־הבית דעם טעפיך אַרויסגעבען מיט דער זיידענער שנור און איהם אָפּלאָזען. יענער האָט אויף איהם פערוואונדערט אַ פּאָר אויגען אָנגעשטעלט, ווי ער וואָלט נישט קלאָר פערשטאַנען פון וואָס האַנדעלט זיך דאָ:

— אַ טעפיך, זאָגסטו, וואָס פאַר אַ טעפיך? וועלכער טעפיך? אַהאַ, איך שטויס מיך אָן, דיר האָט זיך אַוודאי היינטיגע נאַכט אַ טעפיך גע'חלום'ט. אַ קאָלירטיר, זאָגסטו, נאָך מיט אַ זיידענער שנור דערצו — דאָס איז זעהר אַ גוטער חלום, ליעבער פריינד, עס ווייזט צו גוטען. די שנור בעווייזט אויף לאַנגע יאָהר און דער קאָלירטער טעפיך בעטייט, אַז גאָט וועט דיר בעשעהרען אַ טייערען שעהנעם גאָרטען מיט אַלערליי מיני בלומען און פרוכט־ביימער. אָט דאָס איז, ליעבער פריינד, דער אמת'ער פּתרון [2] פון דיין חלום.

— וואָס פאַר אַ חלום? וועלכער חלום? —שרייט נעביך דער גאַסט— ביי דיר ליגט מיין טעפיך, אַ אמת'ער טעפיך, וואָס איך מיט מיינע אייגענע הענד האָב דיר געגעבען בעהאַלטען אויף דער וואָהר.

געהט מען צום ריכטער. אויסגעהערט ביידע צדדים [3], ווענדעט זיך דער ריכטער צום גאַסט מיט די ווערטער:

— דאַרפסט וויסען, ליעבער מענש, אַז אָט דער לייטישער בעל־הבית, וואָס האָט דיך אַזוי שעהן אויפגענומען, איז שוין לאַנג בעוואוסט אין

1) גאַסט־אויפנעהמער. 2) בעשיידונג, אויסדייטונג. 3) זייטען.

אונזער גאַנצען קאַנט פאַר אַ גרויסען מומחה [1]) אויסצוטייטשען חלומות. און היות ער האָט אַזוי גוט פותר־חלום געווען, ביזטו מחויב איהם צו בעצאָה־לען דערפאַר מזומנ'ע פיער גילדען. דאָס איז על פּי דין. און פאַר דעם וואָס דו האָסט ביי איהם צוויי טעג געגעסען און געטרינקען, איז דער יושר זאָלסט איהם אָפּצאָהלען, וואָס ער האָט זיך אויף דיר געלאָזט קאָסטען, ביז איין גראָשען.

## סדום'ער נדבות.

איז אַמאָל אַן אָרימאַן געקומען אין סדום, פלעגט איהם יעדער שענקען אַ רענדעל, אנגעשריבען דערויף זיין נאָמען בפירוש: פּלוני בן פּלוני [2]), נאָר קיין ברויט האָט איהם קיינער נישט געגעבען, און פון שטאָדט האָט מען איהם נישט אַרויסגעלאָזט, ביז ער שטאַרבט פון הונגער. נאָך זיין טויט פלעגט יעדער קומען און צוריק זיין רענדעל צו־נעהמען.

## דער גזר־דין.

איינע אַ יונג־פרוי האָט אַמאָל רחמנות געהאַט אויף אַן אָרימאַן און איהם דערלאַנגט אַ שטיקעל ברויט, בעהאַלטען אין אַ קרוג מיט וואַסער. אין דריי טעג אַרום האָבען די סדום־לייט דערזעהן, אַז דער אָרימאַן איז ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער, האָבען זיי אָנגעהויבען נאָכשפּירען און דער־גאַנגען, ווער ס'האָט איהם ביי'ם לעבען דערהאַלטען. האָבען זיי די יונג־פרוי אויסגעטהון נאַקעט, בעשמירט זי מיט האָניג און געלעגט אַ געבונדענע אויפ'ן דאַך, זענען געקומען בינען און זי צוביסען אויף טויט.

צוויי מעדליך חבר'טעם האָבען זיך איינמאָל בעגעגענט מיט זייערע קריגען ביי'ם ברונען.

— וואָס זעהסטו עפּיס אַזוי שלעכט אויס? — פרעגט איינע די צווייטע.

— נישטאָ קיין ברעקיל ברויט אין שטוב — ענטפערט יענע — מיר געהען־אויס פאַר הונגער.

האָט גענומען די צווייטע, אָנגעפולט איהר קרוג מיט מעהל און זיך מיט יענער מיט די קריגען געביטען. אַז די סדום־לייט האָבען עס דערשפּירט, האָבען זיי דאָס בארימהערציגע מעדיל געחאַפּט און זי פערברענט.

---

1) קענער, וויסער, ספּעציאַליסט. 2) יענער דער זוהן פון יענעם

דאָס קול פון אָט דעם מעדיל איז געגאַנגען אין הימעל און דערלאַנגט ביז'ן כסא-הכבוד [1].

—איצט—האָט גאָט געזאָגט—קען איך שוין מעהר נישט צוזעהן און שווייגען. און דעמאָלט איז דער גזר-דין אָנגעחתמ'עט געוואָרען.

# לוט'ס ווייב.

אַז די דריי מלאכים זענען געקומען קיין סדום, פערשטעלט אין מענשליכע געשטאַלטען, און לוט האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אויף נאַכט-לעגער, איז זיין ווייב אַוועק צו אַלע שכנים און געזאָגט:

— לייעט מיר, איך בעט אייך, אַ מעסטעל זאַלץ, ס'האָט מיר פערפעהלט צום טיש פאַר די געסט וואָס נעכטיגען ביי אונז.

דאָס האָט זי געטהון בכיון [2], כדי די סדום-לייט זאָלען געוואָהר ווערען פון די געסט און זיי בעפאַלען.

דערפאַר איז זי געשטראָפט געוואָרען און אַליין געוואָרען אַ שטיק זאַלץ.

# יעקב און עשו.

נאָך אין דער מוטער'ס בויך האָבען זיך די צוויי ברידער, יעקב און עשו, צווישען זיך גערימען. איז די מוטער רבקה פערביי גאָט'ס-הויז געגאַנגען האָט זיך יעקב אָנגעהויבען צו צאַפלען, איז זי פערביי-געגאַנגען אַ הויז פון אַ אָפּגאָט איז עשו געוואָרען פערצאַפּעלט.

פון איין מוטערס בויך זענען ביידע ברודער אַרויס אויף דער וועלט, פון איין ברוסט מילך געזויגען, אין איין הויז ערצויגען געוואָרען און איין שולע בעזוכט,—דאָך ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסען און דרייצעניעהריגע געוואָרען, האָט דער פערשייטער עשו זיך אין פעלד אַוועקגעלאָזט און דער פרומער יעקב איז שטיל אין צעלט געזעסען.

אַזוי וואַקסט אַ הדס מיט אַ שטעכעל אַ צייט צוזאַמען, נישט צו אונטערשיידען איינעם פונ'ם אַנדערען; וואַקסען זיי אונטער — דער שמעקט און דער שטעכט.

# יצחק'ס בלינדקייט.

די חכמים האָבען געזאָגט אַ משל:

1) נאָט'ס שטוהל, 2) אומזיסטען.

אײנער אַ גרויסער מאַן האָט געהאַט אַ טײַערען פּאַלאַץ, און די שְׁכֵנִים אַרום פלעגען ברענען הײַ און שטרוי און אָנלאָזען דורך די פענסטער אַ פולען זאַל מיט רויך, — נעהמט ער און פערשלאָגט די פענסטער, דער רויך זאָל ניט קענען צוקומען.

אַזוי האָט גאָט געזאָגט: עשו׳ס ווײַבער רויכערען קְטוֹרֶת פאַר דער עֲבוֹדָה־זָרָה און יִצְחָק האָט דערפון גרויס צַער — זאָלען בעסער זײנע אויגען ניט זעהן.

# די בְּרָכוֹת.

די ערשטע נאַכט פון פֶּסַח רופט יִצְחָק עֵשָׂו׳ן און זאָגט איהם:

— די דאָזיגע נאַכט איז אַ געבענשטע, די ערשטע פריהלינג־נאַכט, ווען עס עפענען זיך די אוצרות פון טוי צו בעפרישען און בעזעפטיגען די פערטריקענטע ערד. די גאַנצע וועלט זינגט אַ לויב דעם בעשעפער. מאַך מיר זיסע שפּײַז—וועל איך דיך בענשען פאַר מײַן טויט.

איז עשו אַוועק אין פעלד פאַנגען ווילדס [1], — קומט דער שָׂטָן און שטערט איהם: עשו פאַנגט אַ הירש און בינדט איהם צו צו אַ בוים און געהט פאַנגען נאָך אײנעם, — דערווײַל קומט דער שטן און בינדט־אָפּ דעם ערשטען. ברענגט עשו נאָך אַ הירש און בינדט איהם צו נאָך שטאַרקער,— ביז ער קומט צום דריטען מאָל, האָט שויך דער שטן ווײַטער אָפּגעבונדען. אַזוי האָט ער זיך אָפּגעדרעהט אַ צײַט.

דערווײַל האָט רִבְקָה גענומען עשו׳ס טײַערע קלײדער און אָנגעטהון יעקב׳ן. דאָס זענען די וואונדער־שעהנע העמדליך, וואָס אָדָם הָרִאשׁוֹן האָט געטראָגען און עשׂו האָט זײ איבערגענומען בײַ נִמְרוֹד׳ן.

געגעבען יעקב׳ן אין דער האַנד צוויי געבראָטענע ציגעליך, האָט רבקה דערבײַ געזאָגט: זוהן מײַנער, די דאָזיגע נאַכט איז אַ געבענשטע, די ערשטע פריהלינג־נאַכט, ווען די אוצרות פון טוי עפענען זיך, הימעל און ערד זאָגען שִׁירָה זײַן ליבען נאָמען. געה נעהם אַ בְּרָכָה בײַ דײַן פאָטער אײדער ער געהט פון דער וועלט.

ווי יעקב איז אַרײַן אין די קלײדער, האָט יצחק דערשפּירט דעם רֵיחַ גַן־עֵדֶן, וואָס שמעקט פון זײ, און יעקב׳ן אָפּגעגעבען די בְּרָכוֹת.

שפּעטער, אַז עשׂו איז געקומען צום פאָטער, האָט זיך מיט זײַן אַרײַנ־

---

1) אַ ווילד בעשעפעניש שיסען.

גאַנג דער גֵיהִנָם געֶעפֶענט און יִצחק'ן האָט זיִך אויסגעֶוויִזעֶן, ווִי דער גיהִנם ברעֶנט און עֵשׂו הייצט איִהם מיִט פעֶך און שוועֶבעֶל.

דערציִטערט האָט יִצחק אויסגעֶשריִען: „וואָס טהוט זיִך דאָ אַרום מיִר?“ ווען איִהם איִז קלאָר געֶוואָרעֶן וואָס דאָ איִז פאָרגעֶקומעֶן האָט ער עֵשׂו'ן געֶזאָגט:

— יאָ, מיין זוהן, דער פאַנגער איִז אַליין געֶפאַנגעֶן געֶוואָרעֶן!

ווִי יעקב האָט אויסגעֶנאַרט די בְּרָכוֹת, האָט זיִך עשו אָנגעֶהויבעֶן צו בעֶריִהמעֶן, אַז ער וועט איִהם הַרְג'נעֶן. האָט יִצחק אַוועֶקגעֶשיִקט יעקב'ן קיין אֲרַם־נַהֲרַיִם און איִהם מיִטגעֶגעֶבעֶן פיִעֶל גאָלד און זיִלבעֶר.

אַז עשו האָט זיִך דערפון דערוואוסט, האָט ער געֶשיִקט זיין זוהן אֱלִיפַז'ן, ער זאָל יעקב'ן דעריאָגעֶן, בעֶרויבעֶן און הַרְג'נעֶן. יעקב האָט דערזעֶהן פון וויטעֶן, אַז מעֶן יאָגט איִהם נאָך, האָט ער אַוועֶקגעֶוואָרפעֶן דאָס גאָלד און זיִלבעֶר, כְּדֵי עֶס זאָל איִהם גריִנגער זיין צו אַנטלויפעֶן.

אַזוי איִז ער געֶלאָפעֶן ביִז חָרָן. טראַכט ער ביי זיִך: איִך ביִן דורכגעֶגאַנגעֶן פאַר דעֶם אָרט [1], וואו מיינעֶ עֶלטערעֶן האָבעֶן גאָט געֶבעֶטעֶן, און זיִך דאָרט אַפילו ניִט אָפּגעֶשטעֶלט — מעֶן דאַרף זיִך אומקעֶהרעֶן צוריִק! איִז באַלד די עֶרד אונטערגעֶשפּרונגעֶן—און ער איִז שוין צוריִק געֶוועֶן איִן בֵּית־אֵל. האָט ער מִתְפַּלֵל געֶוועֶן און געֶוואָלט זיִך לאָזעֶן געֶהן וויטער,— זאָגט גאָט: דער צַדִיק איִז געֶקומעֶן איִן מיין גאַסט־הויז, ווִי שיִקט זיִך עֶס, איִך זאָל איִהם אָפּלאָזעֶן אָהן נאַכט־לעֶגער? — איִז באַלד די זוהן אונטערגעֶגאַנגאַן פאַר דער צייט.

עֶס קומט־אויס ווִי אַ מֶלֶך האָט געֶהאַט אַ גוטעֶן פריינד וואָס פלעֶגט איִהם בעֶזוכעֶן זעֶהר זעֶלטעֶן, איינמאָל קומט ער צו איִהם צו־גאַסט, רופט דער קעֶניִג אויס צו זיינעֶ דיִענער:

— לעֶשט אויס די העֶנגלייכטער מיִט אַלעֶ לאָמפּעֶן,—מיִט מיין ליִבעֶן פריינד וועֶל איִך פערברעֶנגעֶן הַיימליִך [2].

און יעקב האָט אויסגעֶלעֶגט הויכעֶ שורות שטיינער אַרום זיִך צו בעֶשיִצעֶן זיִך פון ווילדעֶ חַיוֹת. האָבעֶן זיִך די שטיינער אָנגעֶהויבעֶן צו קריִגעֶן פאַר'ן צוקאָפּעֶן, דער זאָגט: אויף מיִר זאָל דער צַדִיק לעֶגעֶן זיין קאָפּ, און דער זאָגט—אויף מיִר. נעֶהמט גאָט און מאַכט פון אַלעֶ שטיינער איין שטיין.

איִן שלאָף האָט יעקב דערזעֶהן אַ חָלוֹם: אויף אַ הויכעֶן לייטער פונ'ם

---

1) בית־אל. 2) שטיל, איִנטיִם.

הימעל ביז דער ערד לאָזען זיך אַראָפּ און אַרויף מַלְאָכִים—די אויבערשטע שָׂרִים [1] פון יענע קעניגרייכען וואָס יעקב׳ס קינדער וועלען שפּעטער ביי זיי אין גָלוּת זיין, און מיט בייזע אויגען האָבען זיי זיין רוה געשטערט. באַלד בעוויזט זיך גאָט און פון זיין היך [2] זעגען די בייזע מַלְאָכִים ווי פליגען זיך צולאָפען.

אַזוי ליגט אין זיין וויגעלע אַ קינד אַ בֶּן־מֶלֶךְ און פליגען זעצען זיך אויף איהם און שטערען זיין שלאָף, בעוויזט זיך די טרייע אַם און בייגט זיך איבער איהם מיט׳ן פאָכער—צופליהען זיי זיך באַלד.

## לֵאָה.

לֵאָה האָט געהערט ווי מענשען זאָגען: לָבָן הָאֲרַמִי האָט צוויי טעכטער און זיין שוועסטער רִבְקָה — צוויי זיהן; דאָס וועט זיין צוויי שִׁדוּכִים: דער בְּכוֹר וועט נעהמען די עלטערע שוועסטער און דער צווייטער — די יונגערע! פרעגט זיך לאה נאָך:

— וואָס איז דער מעהר מיט׳ן עלטערען?

— אַ רָשָׁע, אַ גַזְלָן!

— און דער יונגערער?

— אַ מענש אָהן חָכְמוֹת, — זיצט זיך אין זיין געלט און טהוט געטריי זיין זאַך.

האָט זי טאָג און נאַכט געוויינט, וואָס זי דאַרף אַריינפאַלען צו דעם רָשָׁע, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט די אויגען.

דערפאַר איז זי געבענשט געוואָרען מיט זעקס שְׁבָטִים.

## יַעֲקֹב ראַנגעלט זיך מיט׳ן מַלְאָך.

צוריקגעהענדיג פון לָבָנ׳ען, איז יַעֲקֹב געקומען צום מַעֲבַר יַבּוֹק [3] און אַריבערגעפיהרט די פרויען און קינדער, שאָף און רינדער און דאָס גאַנצע האָב און גוטס, וואָס ער האָט מִיטגעפיהרט. אויף יענעם ברעג טייך זענען געבליבען נאָר עטליכע קליינע ליימענע קריגליך. און יעקב האָט געזאָגט: יעדער חֵפֶץ [4] דאַרף זיין ליעב, ווייל עס איז גאָטס גאָב און מענשענס מיה,

---

1) יעדעס קעניגרייך האָט אַ שר, אַ אויבערהאַר אין הימעל, וואָס שיצט עס. 2) אָטהעם. 3) אַן אָרט אין טייך יבוק וואו דאָס וואַסער איז קליין און מען קען אַריבערגעהן צופוס. 4) זאַך, כלי.

האָט ער זיך אומגעקעהרט נעהמען די קריגליך. קומט מִיכָאֵל הַמַלְאָך און ראַנגעלט זיך מיט איהם די גאַנצע נאַכט און קען איהם ניט בּייקומען. ווי עס האָט אָנגעהויבען בּעגינען אויף טאָג, זאָגט מיכאל צו איהם:

— לאָז מיך אָפּ, די מאָרגען־רויט איז שוין אייפגעגאַנגען.

— בּיסטו דען אַ גנב, צו אַ גזלן, וואָס דו שרעקסט זיך פאַר דער ליכטיגער שיין?

— איך בּעט דיך, לאָז מיך פריי: זעהסט דאָך ווי די מלאָכים פון הימעל קומען כִּתּוֹת־וויַיז[1]) און רופען מיך אין הימעל זאָגען שִׁירָה[2]), איך האָבּ מוֹרָא, אַז זיי וועלען מיך פערבּרענען מיט'ן הויך פון זייער מויל, פאַר וואָס איך פערהאַלט די שירה.

— בּענטש מיך וועל איך דיך אָפּלאָזען.

האָט ער איהם געבּענטשט.

דערווייל האָט מִיכָאֵל'ס כִּתָּה מַלְאָכִים געוואָלט יעקב'ן שעדיגען, האָט גאָט זיך בּעוויזען און זיי האָבען זיך דערשראָקען, נאָר דאָס געלענק[3]) פון דיך, איז בּיי יעקב'ן איסגעלינקט געוואָרען. און גאָט האָט געזאָגט צו מיכאל'ן:

— וואָס טהוסטו עס? מיין כּהן האָסטו געמאַכט אַ מום?

זאָגט מיכאל: רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, דיין כּהן בּין איך דאָך?

ענטפערט גאָט: דו בּיזט מיין כּהן אין הימעל און יעקב — אויף דער ערד.

האָט מיכאל געבּעטען דעם מַלְאָך רְפָאֵל, וואָס איז דער מְמוּנֶה[4]) אויף רְפוּאוֹת—איז ער אַראָפּ און איהם אויסגעהיילט.

## רִבְקָה'ס טויט.

אַז רבקה איז געשטאָרבּען, האָבּען די גוטע פריינד אָנגעהויבּען צו טראַכטען: ווער זאָל געהן צו איהר לְוָיָה—אברהם איז געשטאָרבּען, יִצחק זיצט אין שטוב אַ בּלינדער, יעקב איז פערוואָגעלט אין דער פרעמד, — נור איינ עשו הָרָשָׁע! וואָס וועט מען נאָכזאָגען נאָך איהר מִטָּה? — פערפלוכט זענען דער מוטער'ס בּריסט, וואָס האָבּען אַזעלכעס אייסגעזייגען!...

---

1) קומפּאַניעס. 2) זינגען און לויבּען גאָט. 3) די צוזאַמענלידערונג פון די פוס־בּיין בּיים „בּעקען". 4) דער פערוואַלטער, געשטעלט אויף דער און דער אַרבּייט.

האָט מען זי אַרויסגעטראָגען בּײַנאַכט און מְקַבֵּר געווען אין דער שטיל.

## רָחֵל'ם קֶבֶר.

יעקב האָט רָחֵל'ן מְקַבֵּר געווען אין מיטען וועג, ווייל ער האָט געזעהן מיט'ן רוּחַ־הַקוֹדֶש [1], אַז די יודען וועלען געהן אין גָלוּת פערבּיי דער מוטער רחל'ס קֶבֶר, וועט זי פאר זיי בּעטען. און אַזוי איז געשעהען:

אַז נְבוּזַרְאֲדָן דער שעכטמייסטער פון נְבוּכַדְנֶצַר הָרָשָׁע האָט פערטריבּען די יודען אין גלות בָּבֶל און זיי ניט געלאָזען אפילו זיך אָפּשטעלען צו געזעגענען זיך מיט דער טײַערער מוטער רחל, איז זי אויפגעשטאַנען פון קבר און אַרויף אויפ'ן הימעל און געפאַלען פאַר'ן כִּסֵא־הַכָּבוֹד מיט אַ געבּעט:

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! דו ווייסט וואויל, ווי יעקב דיין קנעכט האָט מיך ליעב געהאַט און אָפּגעדינט פאר מיר גאַנצע זיעבען יאָהר; און צו דער חֲתוּנָה, ווען מיין פאָטער האָט מיך פערבּיטען אויף מיין שוועסטער לֵאָה, האָב איך צוגעזעהן, געליטען און געשוויגען. געדענקט־זשע מיר, דו, גרויסער גאָט, דערבּאַרעמיגער, דעם זְכוּת און לאָז ער איצט בּיישטעהן מיינע קינדער.

האָט זיך באַלד דערוועקט גאָט'ס רַחֲמָנוּת און ער האָט איהר געענטפערט:

— צוליעב דיר, מיין טאָכטער, וועל איך דאָס פאָלק ישראל צוריק אוּמקעהרען אין זייער לאַנד.

אָט דאָס זאָגט דער פָּסוּק:

אַ שְׁטִימֶע לָאזְט זִיךְ הֶערֶען הוֹיךְ.
אַ יָאמֶער, אַ קְלָאג אַ בִּיטֶערֶער—
רָחֵל וֵויינְט אוֹיף אִיהרֶע קִינְדֶער
אוּן וִויל קֵיין טְרֵעסְט נִיט אָנְנֶעהמֶען.

אַזוֹי הָאט גָאט גֶעזָאגְט:

הַאלְט־אָפּ דַיין שְׁטִימֶע פוּן גֶעוֵויין
אוּן דַיינֶע אוֹיגֶען — פוּן טְרֶעהרֶען,
דֶען צוּ דַיין וֶוערק אִיז דָא אַ לוֹין,

---

1) היילינער גייסט, נבואה.

אַ הָאפְנונג איז פאַרהאַן צולֶעצט.—
און צוריק װֶעלֶען די קינְדֶער
זיך אומְקֶעהֶרען צו זֵייֶער גְרֶעניץ.

## יוסֵף׳ם שענהײַט.

יונג און שעהן, בלוט און מילך איז יוסף געװען, געבליהט װי אַ רויז, און זײַן װירטהין זְלִיכָה, פּוטיפר׳ס פרוי, האָט זיך אין איהם זאַט נישט געקענט אָנקוקען.

דרײַ מאָל אין טאָג האָט זי אויף זיך איהרע קלײדער געביטען, אין דער פריה, בײַטאָג און פאַר נאַכט, און אַלץ צוליעב דעם, כְּדֵי יוסף׳ס אויגען אויף זיך צוציהען. עס האָט זיך איהר אָבער דאָס נישט אײַנגעגעבען, האָט עס איהר טיעף געקרענקט, און זי איז שטאַרק אַראָפּ פון פָּנִים.

— װאָס זעהסטו עפּיס אַזױ שלעכט אויס? — האָבען זי איהרע בעקאַנטע פרויען געפרעגט. דערצעהלט זי זײ. קענען זײ נישט גלויבען. מאַכט זי אַ סְעוּדָה און פערבעט זײ צו זיך, זײ זאָלען זעהן דעם שעהנעם יוסף מיט זײערע אויגען. בײַם טיש האָט מען דערלאַנגט יעדען פון זײ אַ מילגרוים מיט אַ מעסער. רופט זליכה אַרײַן יוסף׳ן צו די געסט, האָבען זײ זיך אַלע אויף איהם אַזױ פערקוקט, אַז שנײַדענדיג די מילגרוימען האָבען זײ נישט מערקענדיג זיך אײַנגעשניטען די פינגער.

## יוסֵף אין מִצְרַיִם.

פַּרְעה׳ס קעניגליכער שטול האָט געהאַט אײן און זיבעציג טרעפּ. און אַ מִנְהָג איז דאָרט געװען, אַז גאָר אויבען איז געזעסען פרעה אַלײן, און אַלע הערען און ראַט־געבער זענען געשטאַנען פאַר איהם אויף די טרעפּ, יעדערער לויט זײַן קענטניש: װער עס האָט געקענט נור אײן שפּראַך איז געשטאַנען אויף׳ן אונטערשטען שטאַפּעל, װער עס האָט געקענט צװײ שפּראַך — אויף׳ן צװײטען, און אַזױ װײטער ביז׳ן זיבעציגסטען שטאַפּעל, װאָהין עס האָבען געקענט צוטרעטען נאָר די גרעסטע חַרְטוּמֵי[1] מצרים, װאָס קענען אַלע זיבעציג לשונות.

און אַז יוסף האָט פּותר געװען דעם חָלוֹם און פרעה האָט איהם געמאַכט פאַר אַ מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ[2], זענען געקומען די חַרְטוּמִים און איהם געזאָגט:

---

1) שטערען־זעהער. 2) װיצע־קעניג.

— ווי שיקט זיך עס, אַז אַ קנעכט, וואָס מען האָט איהם פערקויפט פאַר צוואַנציג זילבער־גראָשען, זאָל איבער אונז אַלעמען געוועלטיגען?

ענטפערט פּרעה:

— איך זעה אין איהם קעניגליכע סימָנים.

— אויב אַזוי דאַרף ער דאָך קענען זיבעציג שפּראַך?

— מאָרגען וועלען מיר זעהן, צו וועלכען שטאַפּעל ער וועט דער־לאַנגען.

ביינאַכט איז דער מַלאָך גַבְרִיאֵל געקומען צו יוסף׳ן און איהם אויסגע־לערענט אַלע זיבעציג לשונות.

אויף מאָרגען קומט ער צו פּרעה׳ן און הויבט אָן צורייידען אויף אַלע זיבעציג לשונות, אַ שפּראַך אויף אַ שטאַפּעל, אַ שפּראַך אויף אַ שטאַפּעל, ביז ער איז אַרויף גאָר אין דער הויך. זאָגט איהם פּרעה:

— איך בין פּרעה, און אָהן דיר זאָל קיינער ניט טאָרען אַ האַנד אויפ־הויבען, נאָר אויף׳ן שטוהל בין איך העכער פון דיר.

הויבט יוסף אָן צורייידען אויף לָשון־קודש, און פּרעה האָט ניט פער־שטאַנען; בעט ער איהם: לערען מיך אויס די דאָזיגע שפּראַך, האָט ער איהם געלערענט און ניט געקאָנט אויסלערנען. בעט איהם פּרעה:

— שווער מיר, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען, ווייל מען קען מיך אַראָפּזועצען פון שטוהל און דיך אַרויפזועצען אויף׳ן העכסטען שטאַפּעל.

האָט יוסף איהם געשוואוירען.

שפּעטער, אַז יַעקב איז געשטאָרבען, און יוסף איז געקומען מעלדען פּרעה׳ן, אַז ער וויל געהן מְקַבֵּר זיין דעם פאָטער אין לאַנד כְּנַעַן, האָט איהם פּרעה ניט געלאָזען געהן. זאָגט יוסף:

— מיין פאָטער האָט מיך בעשוואוירען.

— האָב חֲרָטָה אויף דער שְׁבוּעָה.

— אויב אַזוי — ענטפערט יוסף — וועל איך שוין חרטה האָבען אויף יענע שבועה אויך.

האָט פּרעה זיך דערשראָקען, אַז יוסף וועט אויסזאָגען דעם סוד, דאָס ער קאָן נאָך אַ שפּראַך מעהר ווי ער, — האָט ער איהם שוין געלאָזט געהן, און מיטגעשיקט די גרעסטע הערען פון מִצְרַיִם אויף יַעקב׳ס לְוָיָה.

## יוסף און זיינע ברידער.

יוסף האָט זיך גערִיכט אויף זיינע ברידער, אַז זיי דאַרפען קומען קיין

מִצְרַיִם קויפֿען תְּבוּאָה, האָט ער געזעצט וועכטער בײַ אַלע טויערען און זײַ אָנגעזאָגט, אַז ווער עס וועט אַרײַנקומען אין שטאָדט, זאָל מען פֿערשרייבען זײַן נאָמען און זײַן פֿאָטערס נאָמען.

אין אָווענד ברענגט מען איהם די צעטלען פֿון איין טויער — געפֿינט ער דאָרט דעם נאָמען: ראובן בֶּן יעקב; פֿון צווייטען טויער — שמעון בֶּן יעקב, און אַזוי ווייטער — צעהן ברידער אין צעהן בעזונדערע טויערען.

האָט ער געהייסען פֿערשליסען אַלע שפּייכלער פֿון תְּבוּאָה, נאָר איינעם געלאָזט אָפֿען און אַליין דאָרט געזעסען די גאַנצע צייט.

געהט אַוועק אַ גאַנצער טאָג—און די ברידער קומען ניט, נאָך אַ טאָג—ניטאָ זיי, אַ דריטער טאָג — אַלץ ניטאָ. הייסט ער, מען זאָל זיי אויפֿזוכען. געפֿינט מען זיי, ווי זיי דרעהען זיך אַרום איבער'ן שטאָדט פֿון מאַרק צו מאַרק, פֿון גאַס צו גאַס.

און יוסף האָט געוואָלט אויספּרובען, צו האָבען זיי חֲרָטָה אויף דעם, וואָס זיי האָבען איהם פֿערקויפֿט, דעריבער האָט ער זיך פֿערפֿרעמדט און גערעדט מיט זיי האַרט און שטרענג:

— וואָס טהוט איהר דאָ?

— געקומען קויפֿען תבואה!

— פֿאַרוואָס זענט איהר אַרײַן דורך צעהן בעזונדערע טויערען?

— אַזוי האָט אונז דער פֿאָטער אָנגעזאָגט, קיין עַיִן־הָרָע זאָל אונז ניט שאַדען.

— וואָס־זשע האָט איהר זיך אַרומגעדרעהט איבער'ן שטאָדט?

— זוכען אַן אֲבֵדָה [1], וואָס מיר האָבען פֿערלאָרען.

— גיבער זענט איהר מְרַגְּלִים־שפּיאָנעס, געקומען אויסשפּירען דאָס לאַנד! איך זעה אין מײַן צויבער־בעכער, אַז צוויי פֿון אײַך האָבען פֿערוויסט אַ גרויסע שטאָדט.

— וועלכע צוויי? וועלכע שטאָדט?!

— שִׁמְעוֹן וְלֵוִי האָבען חָרוּב געמאַכט די שטאָדט שְׁכֶם!

האָבען זיך די ברודער שטאַרק דערשראָקען און דערצעהלט, אַז זיי זענען צוועלף ברידער, איינער איז ניטאָ, און דער קלענסטער איז געבליבען בײַם פֿאָטער.

זאָגט יוסף:

---

1) פֿערלאָרענע זאַך.

— זאָל שמעון בלייבען פאַר אַ מַשְׁכּוֹן, בִּיז איהר וועט ברענגען אייער קלענערען ברודער — וועל איך אייך דעמאָלט גלויבען.

אויסגעקליבען האָט ער שמעון'ען, ערשטענס כְּדֵי איהם אָבצוטיילען פון לֵוִי'ן, ווייל זיי ביידע קענען זיך בעראַטען און די שטאָדט בעפאַלען; צוויי־טענס, ווייל שמעון האָט איהם אַריינגעשטויסען אין גרוב פאַר'ן פערקויפען.

זאָגט שמעון צו די ברידער: אַזוי האָט איהר זיך בעגאַנגען מיט יוסף'ן, אַזוי בעגעהט איהר זיך מיט מיר, און ווילט מיך ניט אַרויסהעלפען.

— וואָס קענען מיר דאָ העלפען?

— טהוט אייך וואָס איהר ווילט, איך וועל שוין אַליין פאַר זיך ביי־שטעהן.

שיקט יוסף צו פרעה'ן אָנזאָגען:

— גַזְלָנִים זענען אָנגעקומען, שיק זיבעציג גִבּוֹרִים אויף שמידען זיי אין קייטען.

ווי די גבורים זענען געקומען, לאָזט שמעון אַרויס אַ מורא'דיגען גע־שריי, אַז די ציינער זענען זיי אַרויסגעפאַלען פון מויל פאַר גרויס שרעק.

גיט יוסף אַ וואונק זיין זוהן מְנַשֶׁה'ן ער זאָל איהם איינשטילען, און מנשה האָט איהם דערלאַנגט איין קלאַפּ, — איז ער שוין געוואָרען שטיל און געלאָזט זיך שמידען און אַריינזעצען אין געפענקניש.

זאָגט שמעון צו די ברידער:

— דאָס איז ניט קיין מִצְרִי'שער קלאַפּ! איך האָב אין איהם דערפיהלט אַ היימישען טַעַם פון אונזער מִשְׁפָּחָה!

ווען די ברידער האָבען צום צווייטען מאָל זיך געקליבען קיין מִצְרַיִם נאָך תְּבוּאָה, און יעקב האָט בִּנְיָמִינ'ען ניט געוואָלט מיטגעבען, זאָגט ראובן צו איהם:

— אויב איך ברענג איהם ניט צוריק — הַרְג'ע מיינע צוויי קינדער.

ענטפערט איהם יעקב:

— בְּכוֹר שׁוֹטֶה[1]! דיינע קינדער זענען דען ניט מיינע?

קומט יְהוּדָה און זאָגט:

— לאָזט בנימינ'ען, איז ניט מעהר ווי אַ סָפֵק, טאָמער וועט איהם טרעפען אַן אונגליק; ווען מיר געהען אָבער גאָרניט קיין מִצְרַיִם, — איז דאָך

---

[1] בכור שוטה הייסט דער מאַמעס ערשטער זוהן; בוכשטאַבליך אָבער איז טייטש: עלטסטער נאַר.

געוויס, אַז מיר וועלען אַלע אויסגעהן פון הונגער, — איז דאָך גלייכער זיך פערלאָזען אויף אַ ספק, איידער זיצען און וואַרטען אויפ׳ן זיכערען טויט. יעקב אָבער האָט אַלץ ניט געוואָלט מסכים זיין. זאָגט יהודה צו די ברודער: לאָזט דעם אַלטען צורוה, ביז עס וועט אויסגעהן דאָס גאַנצע ברויט, — וועט ער ווייכער ווערען.

* * *

צום צווייטען מאָל, אַז מען האָט די ברידער בעזוכט און געפונען דעם זילבערנעם בעכער אין בנימינ׳ס זאַק, איז יהודה אין כעס געוואָרען און אָנגעהויבען צו שרייען, — האָט זיך זיין קול געלאָזט הערען פיער הונדערט מייל אַרום און אַרום, ביז דער טויבער חושים בן דן אין לאַנד כנען האָט דערהערט דאָס געשריי און געקומען מיט איין שפרונג קיין מצרים. און פון זייער ביידענס ליאַרעם איז שיער מצרים ניט איבערגעקעהרט געוואָרען.

אַ האָר איז געוואַקסען אויף יהודה׳ס האַרצען, און ווען ער קומט נור אַריין אין כעס — שטעלט זיך די האָר קאַפויר, האַרט ווי אַ נאָדעל, און שטעכט דורך אַלע זיינע מלבושים, און זיין רעכט אויג הויבט אָן צו טרעהרען מיט בלוט.

ווי יוסף האָט דערזעהן די סימנים פון יהודה׳ס כעס, האָט ער אַ קלאַפּ געטהון מיט דער האַנד, — און דער שטיין, וואו ער איז געזעסען, איז אויף ברעקליך צושאַטען געוואָרען.

זאָגט יהודה צו נפתלי: דו ביסט גרינג אויף די פיס, ווי אַ העריש, — לויף און זעה, פיעל מערק איז דאָ אין שטאָדט.

לויפט ער אַוועק און קומט באַלד צוריק מיט אַן ענטפער: צוועלף מערק! — זאָגט יהודה צו די ברידער: איהר נעמט זיך יעדער צו איין מאַרק, איך נעהם אויף זיך גאַנצע דריי, און מיר וועלען חרוב מאַכען די גאַנצע שטאָדט. ענטפערען זיי איהם: דאָס איז דיר ניט שכם! מצרים איז דאָס שליסעל פון דער גאַנצער וועלט, אַז מיר פערוויסטען מצרים — וועט די גאַנצע וועלט אונטערגעהן.

האָט זיך יוסף שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען און געהייסען אַלע מצרים אַרויסגעהן, ער האָט געטראַכט ביי זיך: ליעבער זאָלען זיי מיך הרגנ׳ען, ווען איך וועל בלייבען אַליין, איידער איך זאָל זיי פערשעמען פאַר די מצרים אין די אויגען, בעת איך וועל זיך לאָזען דערקענען.

טרעט אַרויס יהודה און זאָגט:

— לאָז אונז פריי! ווען ניט, נעהם איך אַרויס מיין שווערד פון שייד און איך מאַך פול גאַנץ מצרים מיט הרוגים!

ענטפערט יוסף:

— אז דו וועסט אַרויסציִהען דיין שווערד, וועל איך עס דיר אַרומ־וויקלען אַרום האַלז!

איז יהודה ווידער שטאַרק אין כּעס געוואָרען,— נעהמט ער אייזערנע קוילען און צוקייט זיי אויף שטויב און זאָגט:

— איצט וועל איך אַלע מערק פון מצרים בעפאַרבען מיט בלוט.

ענטפערט יוסף:

— איך ווייס, איהר זייט גוטע פאַרבער פון שטענדיג אָן: אייער ברו־דער׳ס העמדעל האָט איהר אויך איינגעטונקען אין בלוט און געזאָגט: אַ בייזע חיה האָט איהם צוריסען.

האָבען זיי אַלע אָנגעהויבען וויינען און געזאָגט: איצט בעקומען מיר די שטראָף פאַר אונזער אונדערבאַרעמיגקייט געגען אונזער ברודער.

טרעסט זיי יוסף און זאָגט:

— אייער ברודער לעבט, באַלד וועט איהר איהם זעהן! ביי די רעד הויבט ער אָן צו רופען: יוסף, יוסף, בעוויַיז זיך צו דיינע ברידער, זיי ווילען דיך. זעהן! קוקען זיי זיך אַרום פון אַלע זייטען און זעהען גאָרניט.

שרייט ער אויס:

— איך בין עס יוסף! אַ סימן: אָט רעד איך לשון־קודש!...

# שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל!

פאַר׳ן טויט האָט יַעקב צונויפגערופען זיינע קינדער און זיי געזאָגט: „קומט אַהער וועל איך אייך זאָגען, וואָס מיט אייך וועט אין שפּעטערדיגע צייטען פּאַסירען״. געוואָלט האָט ער זיי ענטדעקען דעם קץ [1], האָט זיך פון איהם די שכינה אָפּגעטהון [2]. „ווער ווייסט — האָט יעקב געזאָגט, ביי זיך אַראָפּגעפאַלען — אֶפשר איז, חס־ושלום, אין מיין נאַכגעבורט [3] אַ פלעק פאַרהאַן, ווי ישמעאל ביי מיין זיידען אַברָהם און ווי עשו ביי מיין טאַטען יִצחק״. האָבען איהם די קינדער אויף דעם געענטפערט:

— שְׁמַע, יִשְׂרָאֵל—הער, פאָטער יִשְׂרָאֵל, ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד—גאָט אונזער גאָט איז איינער. ווי ביי דיר, אַזוי ביי אונז אין האַרץ, איז ער דער איינציגער.

1) דעם סוף, ד. ה. ווען משיח וועט קומען. 2) דער רוח הקודש, ד. ה. פאָראויסזעהן וואָס שפּעטער וועט זיין, איז פון איהם אוועק. 3) קינדער.

בערוהיגט פון די קינדער׳ס ענטפער האט יעקב געזאגט:

— ברוך שם כבוד מלכותו! — געלויבט און געדאנקט זיין ליבער נאמען אויף אייביג!

פיעל הונדערטער יאהרען זענען פון יענער צייט אריבער, און נאך ביז היינט, אלע מאל ווען יודען פערזאמלען זיך פריה און אבענד, הערט זיך אלץ דער זעלבער אלטער אויסרוף:

— שמע, ישראל — הער דו ישראל, אונזער פאטער דארט אין מערת־המכפלה, דיין היילינע צוואה האלטען מיר פעסט נאך ביז היינטיגען טאג:–ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

# יעקב׳ס קבורה.

ווען מ׳האט יעקב׳ן געפיהרט מקבר זיין אין ארץ־ישראל, זענען ארוים עשו׳ס און ישמעאל׳ס מחנות מלחמה האלטען. ווי זיי האבען געזעהן, אז יוסף׳ס קרוין הענגט אויפ׳ן ארון, — האבען זיי זייערע קרוינען אויך אויפ־געהאנגען, צוזאמען — זעקס און דרייסיג קרוינען פון זעקס און דרייסיג פירשטען האבען ווי א קראנץ בעהאנגען יעקב׳ס ארון.

אז מ׳איז געקומען צו דער מערת־המכפלה, האט זיך עשו געשטעלט ביים אריינגאנג פון הייל און ניט געלאזט בעהאלטען, ער האט גע׳טענה׳ט:

— דא איז פאראן ארט אויף פיער פארליך. זיבען ערטער זענען שוין פערנומען: אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, און לאה, — האט שוין יעקב זיין חלק אפגענומען! דער אכטער פלאץ קומט מיר!

דערמאהנט מען איהם, אז נאך דער בכורה האט ער זיין חלק קרקע [1] פערקויפט יעקב׳ן פאר א הויפען גאלד. לייקענט עשו אפ די גאנצע מעשה און זאגט: וואו איז א בעווייז?

— דאס געשריפטס געפינט זיך אין מצרים.

— ברענגט אהער און ווייזט.

איז געבליבען, מען זאל שיקען דעם פלינקען נפתלי קיין מצרים נאכ׳ן געשריפטס! — אין מיטען טומעל שפרינגט אריין דער טויבער חושים בן דן און פרעגט: וואס ווארט מען?

ווייזט מען איהם אויף עשו׳ן:

— ביז מען וועט ניט ברענגען דעם שטר־מכירה [2] אויף דער קרקע,— לאזט ער ניט בעגראבען.

---

1) פלאץ אויפ׳ן בית-עולם. 2) קאנטראקט.

דערהערט חושים ניט, וואס מען זאגט, און שרייט:

— אזוי גאר, דער רשע בעריהמט זיך מיט זיינע הענד די שטארקע, — אט וועל איך איהם ווייזען!

ביי די רעד חאפט ער א פלאקען און צוזעצט עשו'ן דעם קאפ.

דאמאלס איז מקוים געווארען דאס וואס די מוטער רבקה האט פאר־אויס נביאות געזאגט: „פאר וואס זאל איך אייך ביידע אין איין טאג פער־לירען?"

## צוריקוועגס ביי יענער גרוב.

צוריקגעהענדיג, נאכ'ן פאטער'ס קבורה, האט זיך יוסף אפגעשטעלט נעבען יענער גרוב, וואוהין די ברידער האבען איהם אמאל אריינגעווארפען. איהם האט זיך געוואלט איינקוקען אין דעם ארט, וואו ס'איז מיט איהם אזא נס געשעהן: פון דער טיעפער גרוב — א משנה־למלך אין מצרים! די ברידער אבער האבען זיך פאר דעם קוק דערשראקען: „ווער ווייסט, אפשר האט זיך אין איהם א שנאה צו אונז ערוועקט, און איצט, נאכ'ן טאטענס טויט, וועט ער זיך מיט אונז אפרעכענען".

— זייט רוהיג — האט זיי יוסף געטרעסט — ווען צעהן ליכט האבען ניט געקענט איינע אויסלעשען, וועט איינע די צעהן געוויס ניט אויסלעשען.

# דִי יוּדֶען אִין מִצְרַיִם.

## דִי גְזֵרָה פוּן וואַסער.

„אִין ס׳אִיז אוֹיפגעשטאַנען אִין מִצְרַיִם אַ נײַער מֶלֶך״ מִיט נײַע גְזֵרוֹת— האָט ער געזאָגט צוּ זײַן פאָלק:

— „לאָמִיר זִיך קלִיגען צוּ אִיהם״ — צוּ׳ם יוּדען־העלפער! ער בּע־צאָהלט מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה [1], זאָל אִיך דִי קִינדער יִשְׂרָאֵל אוּמבּרענגען אִין פײַער—וועט ער מִיך בּעשטראָפען מִיט פײַער, דוּרך דער שווערד—וועט ער מִיך בּעשטראָפען דוּרך דער שווערד; בּעסער וועל אִיך זײ לאָזען אוּמקוּמען אִין וואַסער, וועט מִיר גאָט גאָר נִיט קענען טהוּן, ווײַל ער האָט שוֹין אײנמאָל פאַר אַלע מאָל געשוואוירען, אַז מעהר קײן מַבּוּל בּרענגט ער נִיט אוֹיף דער וועלט.

דער רָשָׁע האָט אָבּער נִיט פערשטאַנען, אַז דִי גַאַנצע וועלט קען נִיט חָרוּב ווערען דוּרכ׳ן מַבּוּל, אָבּער אײן לאַנד — יאָ. ווִידער האָט ער נִיט געוואוּסט, וואָס דער סוֹף וועט זײַן מִיט דִי מִצְרִים, אַז נִיט דאָס וואַסער וועט אוֹיף זײ אָנקוּמען, נאָר זײ אַלײן וועלען אַרײַן אִין יַם אוּן דערטרוּנקען ווערען.

האָט ער בּעפוֹילען, מען זאָל אַלע נײַ־געבּוֹירענע יוּדִישע יוּנגלִיך אַרײַנוואַרפען אִין טײַך נִילוּס.

אוּן דִי מוּטערס האָבּען בּעהאַלטען זײערע קִינדער אִין דִי קעלערס,— פלעגען דִי מִצְרִים אַרײַן אִין שטוּבּ מִיט דִי אײגענע קלײנע קִינדער אוּן זײ קנײַפּען, כְּדי זײ זאָלען וויינען; ווִי דאָס יוּדִישע קִינד דערהערט פוּן קעלער אַ קוֹל פוּן נאָך אַ וויינענדִיג קִינד, הוֹיבּט עס אוֹיך אָן צוּ וויינען,—געהען דִי מִצְרים נאָכ׳ן קוֹל אוּן געפִינען דאָס בּעהאַלטענע קִינד אוּן וואַרפען עס אִין טײַך אַרײַן.

אִין יענער צײַט אִיז אִין הִימעל אַ גרוֹיסער רַעַשׁ געוואָרען.

---

1) מאָס נעגען מאָס, ווי דִי זִינד—אַזוֹי דִי שטראָף.

— גיכער — האָט גאָט צו די מַלְאָכִים אויסגערופען — געהט שטעלט זיך איין פאר מיינע ליעבע קינדערליך, אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב׳ס אייניקליך, זעהט ווי מע וואַרפט זיי אין וואַסער אַריין!

געשווינד האָבען זיך די מלאכים פון הימעל צו׳ם טייך אַראָפּ אַ לאָז געטהון, ביז די קניה אין וואַסער געשטאַנען, אויף זייערע פליגעל יודישע קינדער אויפגעחאַפּט, מיט זיי אויף די הויכע פעלזען אַרויף. דאָרט פון די טריקענע פעלזען האָט זיי גאָט ברוסטען אַרויסבעשאַפען, פון וועלכע די קינ־דער האָבען געזויגען און זיך ערנהערט.

# די גְזֵרָה פון ליים און ציגעל.

פרעה האָט די יודען אָפּגענאַרט און מיט פאַלשקייט זיי איינגעשפּאַנט אין יאָך. צוערשט האָט ער געלאָזט אויסרופען, אַז מִצְרַיִם איז אין אַ סַכָּנָה, ווייל די חֲיָלוֹת פון כּוּש קענען קומען און איינגעהמען דאָס לאַנד, — דעריבער דאַרף מען אויסמויערען פעסטונגען, און ווער עס וויל, זאָל זיך שטעלען צו דער אַרבייט „היינט אומזיסט, מאָרגען — פאַר געצאָהלט". ער אַליין איז דער ערשטער אַרויס צו דער אַרבייט מיט אַ מולטער ליים און קנעט־געצייג. ווי די יודען האָבען איהם דערזעהן, זענען אַלע געקומען צו דער אַרבייט און זיך געפּליסט אויסצואַרבייטען וואָס מעהר ציגעל. נאָר איין שֵׁבֶט לֵוִי איז ניט אַרויס צו דער אַרבייט — איז ער געבליבען פריי. די איבעריגע שְׁבָטִים האָט מען שוין ניט אַרויסגעלאָזען און געפאָדערט פון זיי אַלע טאָג אַזוי פיעל ציגעל וויפיעל זיי האָבען אויסגעאַרבייט דעם ערשטען טאָג.

אַ גאַנצען טאָג זענען זיי געשטאַנען באָרוויסע און געקנייטען ליים מיט שטרוי. פלעגט זיך די שטרוי זיי איינשטעכען אין די פוס און זיי צובלוטיגט.

רָחֵל, שׁוּתֶלַח׳ס אייניקעל, איז געקומען העלפען איהר מאַן טרעטען ליים, און טרעטענדיג, געבוירען אַ קינד, איז דאָס קינד איינגעזונקען אין ליים, און די מצרים האָבען עס אין וואַנד איינגעמויערט. קומט צושוועבען מִיכָאֵל הַמַּלְאָךְ און נעהמט־אַרויס דאָס קינד פון מויער און ברענגט עס פאַר׳ן כִּסֵא־הַכָּבוֹד. אין דער נאַכט איז אָנ׳געחתמ׳ט געוואָרען דער גְזַר־דין אויף מצרים.

# אין׳ם זְכוּת פון די פרומע פרויען.

אין׳ם זכות פון די פרומע פרויען אין יענעם דור זענען יודען פון מִצְרַיִם אויסגעלייזט געוואָרען. פון פאַר טאָג ביז שטאָק־נאַכט זענען זייערע

מאַנען אין פעלד אונטער דער ברענענדיגער זון געשטאַנען, מיט די נאַקיטע פוס לייס געקנאָטען און מיט צובלוטיגטע הענד ציגעל געמאַכט. די רוט פון די אַכזר׳ישע אויפזעהער האָט איבער זייער לייב געסוויטשערט, און בלוטיגער שווייס מיט טרעהרען האָבען ווי זאַלץ אויף זייערע וואונדען געשמאַרצט. אין דער צייט פלעגען זייערע כּשר׳ע פרויען מיט די קרוגען צום טייך אַרויס־געהן, וואַסער אַהיים אָנשעפען, האָט זיי גאָט ברוך־הוא לעבעדיגע פישליך אין די קרוגען צוגעשיקט און ס׳האָט זיך האַלב וואַסער אָנגעשעפט. זענען די פרויען אַהיים געגאַנגען, צוויי טעפּעליך צוגעשטעלט, איינס מיט אָקריפּ און איינס מיט פישליך, און צו די מאַנען אין פעלד אַוועקגעטראָגען, זיי דאָרט אַרומגעוואַשען, די וואונדען מיט בוימאייל אויסגעשמירט, זיי אָנגע־האָדיוועט און אָנגעטרינקען, און צוריק אַהיים געגאַנגען.

און ווען די זעלבע פרויען האָבען בעדאַרפט צו־קינד געהן, האָבען זיי זיך אין פעלד אַוועקגעלאָזט און דאָרט אונטער אַ עפּילבוים די קינדער גע־בוירען. און גאָט פלעגט אַ גוטען מלאך זיי צושיקען, וואָס פלעגט דאָס קינד אויפנעהמען, ריין אויסבאָדען און אויספוצען עס, ווי אַ טרייע אַם זיך מיט דעם אָפּגעבען, מיט האָניג און בוימאייל עס ערנעהרען. און ווי די מצרים האָבען עס דערשפּירט זענען זיי געקומען אַהין, די קינדערליך פון דער וועלט אומבריינגען, פלעגט אַ נס געשעהן און די קינדער זענען אין דער ערד איינ־געשלינגען געוואָרען. ברענגען די מצרים אָקסען און צואַקערען דאָס פעלד — האָט עס אָבער זיי נישט געשאַדט. ווי די יונגע גרעזעליך האָבען זיי דערנאָך פון דער ערד אַרויסגעשפּראָצט, און גאַנצע טשערעדעס־ווייז לעבעדיג און פריש אַהיים צו דער מאַמען געקומען.

און שפּעטער, ווען יודישע קינדער זענען דעם ים איבערגעגאַנגען און גאָט האָט זיך זיי דאָרט בעוויזען, האָבען זיי איהם די ערשטע דערקענט.

— „זה אלי!״ — האָט יעדעס פון זיי געטייט מיט׳ן פינגער — אָט איז גאָט, אָט דער איז ער!

## נאָך דער אַרבייט.

בייַנאַכט נאָך דער אַרבייט, האָבען די יודען אויך ניט געהאַט קיין רוה. די מצרים האָבען זיך בעדיענט מיט זיי אין שטוב און אין פעלד. און אויף צו להכעיס פלעגען זיי אַרויפוואַרפען די ווייבערשע אַרבייט אויף מאַנס־פערשיינען און די מענערשע אויף פרויען: דעם מאַן האָבען זיי געהייסען

קנעטען ברויט, קאָכען און באַקען, און דער פרוי—האַקען האָלץ און אַקערען אין פעלד.

## די מאָס איז איבערפולט.

און דאָס אַכזריוּת פון פּרעה מיט זיינע שׂרים האָט אַרץ געשטיגען פון טאָג צו טאָג. האָט ביי וועמען פון די יודישע אַרבייטער איין ציגעל צו דער בעשטימטער צאָהל אויסגעפעהלט, האָט מען דאָס אָרט אין מויער מיט זיינס אַ קינד פערלעגט. די פערשטיקטע קולות פון די איינגעמויערטע קינדער האָבען זיך פון דעם מויער הערען געלאָזט, פון די ווענד זיך געריסען, און ביז'ן הימעל דערגרייכט.

*
* *

די לעצטע גזרה איז געווען פון בלוט: פּרעה איז קרעציג געוואָרען, און די חרטומים האָבען געגעבען אַ רפואה, ער זאָל זיך מאַכען בּיטליך [1] פון מענשען-בלוט. האָט ער בעפוילען, יעדען פריהמאָרגען און יעדען אָוועגד אויסקלויבען צוי הונדערט פופציג יודישע קינדערליך, ער זאָל זיך באָדען אין זייער בלוט.

— די מאָס איז איבערפולט—האָט גאָט געזאָגט — אַ אויסלייזער מוז איך זיי שיקען — און האָט דערצו אויסגעקליבען משה'ן, זיין טרייען הירט.

## משה'ס עלטערן.

עמרם, משה'ס פאָטער, איז געווען דער גרעסטער מענש פון יענעם דור. ווי פּרעה האָט בעפוילען אַריינצוואַרפען די ניי-געבאָרענע אין טייך — האָט עמרם זיך געג'גט מיט זיין פרוי, וויל ער האָט געזאָגט: גלייכער גאַר קיין קינדער ניט האָבען, איידער דער רשע זאָל זיי אומברענגען. אויף איהם קוקענדיג, האָבען אַלע יודען זיך געג'גט מיט די פרויען.

זאָגט צו איהם זיין טאָכטער מרים:

— דיין גזרה איז נאָך ערגער ווי פּרעה'ס: ער האָט גוזר געווען נור אויף זכרים, דו — אויף נקבות אויך; ער איז אַ רשע — קען זיין בעפעהל אָפּגערופען ווערען, דו ביסט אַ צדיק — און דיין גזרה וועט פעסט בלייבען.

האָט עמרם צוריקגענומען יוכבד'ן, געשטעלט אַ חופּה מיט כלי-זמר,

---

1) באָד-וואַנעס.

אַהרן מִיט מרים׳ן האָבּען געטאַנצט און מַלְאָכִים אִין הִימעל האָבּען זִיך געפרעהט. אויף עמרם׳ן קוקענדִיג, האָבּען אַלע ווִידער חֲתוּנָה געהאַט מִיט זײערע פרויען.

# מֹשֶׁה׳ס גֶעבּורט.

זִיבּען חֳדָשִׁים נאָך עַמְרָם׳ס צווײטער חֲתוּנָה, אִיז מֹשֶׁה געבּאָרען געוואָרען. דאָס גאַנצע הויז אִיז דאַמאָלס פול געוואָרען מִיט לִיכטִיגער שײַן,— און מִרְיָם האָט נְבִיאוּת געזאָגט: דאָס קִינד ועט זײַן דער העלפער פון יודִישען פאָלק.

אִין דרײַ חדשִים אַרום, אַז די מוטער האָט אִיהם שוין מעהר נִיט געקענט אויסבּעהאַלטען און אַרײַנגעלעגט אִין קעסטעל אויף אַרײַנצוואַרפען אִין טײַך, פרעגט זי מִרְיָם׳ן: טאָכטער מײַנע, וואו אִיז דײַן נְבִיאוּת? — האָט זִיך מרים געשטעלט בּײַם טײַך פון ווײַטען, כְּדֵי צו זעהן, וואָס וועט ווערען מִיט אִיהר נְבִיאוּת.

דעם טאָג האָט גאָט אַרויסגעצויגען די זון פון אִיהר שײד [1], — אִיז פַּרְעֹה׳ס טאָכטער געגאַנגען זִיך בּאָדען און געפונען דאָס קִינד. און משה האָט נִיט געוואָלט נעהמען זויגען בּײַ קײן מִצְרִישער פרוי, בּיז מִרְיָם האָט געבּראַכט די מוטער יוֹכֶבֶד פאַר אַן אַם.

# די פּרוב.

נאָכ׳ן אַנטוואוינען האָט יוֹכֶבֶד געבּראַכט מֹשֶׁה׳ן אִין פַּרְעֹה׳ס פּאַלאַץ און אַלע הויפלײַט האָבּען אִיהם זעהר לִיעב געהאַט. פרעה אַלײן פלעגט אִיהם אויך אָפט אויף די הענד האַלטען און זִיך מִיט אִיהם שפּיעלען.

אײַנמאָל, שפּיעלענדִיג, נעהמט משה אַראָפּ די קרוין פון פרעה׳ס קאָפּ און מעסט־אָן אויף זִיך. די חַרְטוּמִים האָבּען דאָס דערזעהן, זאָגען זײ צו פרעה׳ן: הִיט זִיך. פאַר דעם קִינד! אַז ער וועט אויסוואַקסען, וועט ער בּײַ דִיר די מְלוּכָה צונעהמען. בּעסער טײט אִיהם קלײנערהײד.

יִתְרוֹ [2] אִיז אויך צווִישען זײ געווען, האָט ער געגעבּען אַ עֵצָה, מען

---

1) ד. ה. ס׳איז געווען אַ גרויסע היץ. 2) דער גלח פון מדין, שפּעטער־משה׳ס שווער.

זאָל דאָס קינד אַזוי אויספּרובען: ברענגען צוויי שיסלען, איינע מיט גילדערנע רענדליך און איינע מיט גליהענדע קוילען, וועט ער נעהמען די רענדליך, איז אַ סימן, אַז ער איז קלוג — דאַרף מען איהם טויטען; וועט ער חאַפּען דאָס פייער, איז אַ סימן, אַז ס'איז אַ נאַריש קינד און קען קיין שלעכטס ניט טהון—דאַרף מען איהם לאָזען לעבען. האָט מען געבראַכט די צוויי שיסלען, טהוט זיך משה אַ ציה צום גאָלד, — קומט דער מלאך גבריאל און שטויסט אָפּ דאָס הענטיל זיינס צום פייער, חאַפּט משה אַריין אַ ברענענדיגע קויל אין מויל. דערפון איז ער געוואָרען שווער אויף דער צונג.

# משה געהט־אַרויס צו זיינע ברידער.

אַז משה איז אויסגעוואַקסען און געזעהן, ווי מען פּייניגט זיינע ברידער האָט ער נישט געקענט זייער צער צוזעהן. טיעף האָט איהם אויף זיי דאָס האַרץ געקרענקט און נישט קוקענדיג אויף זיין הויכען ראַנג האָט ער אַליין מיט אייגענע הענד מיטגעהאָלפען זיי אַרבייטען, ווי ווייט ער האָט געקענט זיך ברידערליך בעמיהט צו פערלייכטערען זייער שווערען פּיין, דעם אונטער־געשטעלט אַ פּלייצע, יענעם אונטערגעהויבען אַ צו שווערע משׂא, דאָ געקו־מען צו הילף אַ שוואַכער פרוי, דאָרט—אַ אַלטען מאַן אָדער אַ יונג קינד. און געטהון האָט ער עס אַלץ אַזוי, גלייך ווי ער איז אויסען גאָר דעם קעניג'ס טובה.

דערזעהן אַזאַ גרויסמוטהיג בענעהמען זיך פון משה'ן האָט גאָט איהם געזאָגט:

— משה, דו ביכט פון קעניגליכען פּאַלאַץ צו די געפּאַלענע יודען אַרויס און ווי אַ געטרייער ברודער זיך מיט זיי בעגאַנגען—דערפאַר פערלאָז איך די הויכע הימלען און לאָז זיך פון דאָרט אַראָפּ מיט דיר צו ריידען.

*
* *

געזעהן ווי זיינע ברידער פּייניגען זיך טאָג־טעגליך אין דער שווערער אַרבייט און האָבען קיינמאָל קיין רוה ניט, איז ער געקומען צו פּרעה'ן און געזאָגט: פון שטענדיגער אַרבייט, אָהן אויפהער, קענען זיי אַלע אויס־שטאַרבען, און וועסט פערלירען אַזוי פיעל קנעכט. זאָגט איהם פּרעה: טהו, ווי די פערשטעהסט. האָט משה איינגעפיהרט, זיי זאָלען רוהען איין טאָג אין וואָך — שבת.

*
* *

די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט: רבונו־של־עולם! מיט וואָס זענען יודען זינדיגער פֿאַר אַלע פֿעלקער, פֿאַרוואָס קומט זיי מען זאָל זיי אַזוי פֿיעל פּייניגען?

שפּעטער, אַז ער האָט גע'הרג'ט דעם מִצרי, און דָתָן וַאֲבִירָם האָבען עם דערציילט פּרעה'ן, האָט משה געזאָגט:

— אָכֵן נוֹדַע הַדָבָר, איצט ווייס איך שוין פֿאַרוואָס. עס ווייזט אויס, אַז גאָט שטראָפֿט מיין פֿאָלק פֿאַר די זינד פֿון מַסֵר'ן און לָשון־הָרָע רעדען.

# אַנטלאָפֿען.

ווי פּרעה האָט זיך דערוואוסט פֿון דער מַעֲשֶׂה מיט'ן מִצְרִי, האָט ער בעפֿוילען מען זאָל ברענגען אַ שאַרף געשליפֿענע שווערד און משה'ן קעפּען [1]. איז געשעהן אַ נֵס, און משה'ס האַלז איז געוואָרען האַרט און פֿעסט ווי אַ מאַרמערנע זייל! דער תַלְיָן [2] גיט אַ זעץ איינמאָל, און די שווערד שפּרינגט אָפּ פֿון האַלז און צופֿאַלט אויף ברעקליך! האָט מען געבראַכט נאָך אַ שווערד און נאָך אַ שווערד, איינס שאַרפֿער פֿון אַנדערען, ביז צעהן מאָל, און אַלע זענען צובראָכען געוואָרען און משה'ן האָט גאָרניט געשאַדט.

האָט פּרעה בעפֿוילען, מען זאָל איהם חאַפּען און בינדען — קומט אַ מלאָך און פֿערשטעלט זיך אין משה'ס געשטאַלט, וויל מען איהם חאַפּען, — דערווייל אַנטלויפֿט משה, און דער מלאָך ווערט אויך באַלד פֿערשוואונדען.

און פֿון פּרעה'ס שָׂרים איז דער געוואָרען בלינד, דער — טויב, דער — שטום.

פֿרעגט פּרעה די שטומע: וואו איז משה? — קענען זיי ניט ענטפֿע־רען; פֿרעגט ער די טויבע — הערען זיי ניט, און די בלינדע — זעהען ניט. אַזוי איז משה אַנטרונען [3] געוואָרען.

# אין לאַנד כּוש.

דערווייל האָט דער מֶלֶך פֿון כּוש מִלְחָמָה געהאַלטען מיט'ן מלך פֿון כִּתִּים, און משה איז, אַנטלויפֿענדיג פֿון מִצְרַיִם, אַריינגעפֿאַלען אינמיטען קריעג צווישען ביידע מַחֲנוֹת [4].

1) דעם קאָפּ אָפּהאַקען. 2) הענקער, שאַרף־מייסטער. 3) אַנטלאָפֿען, פֿער־שוואונדען. 4) לאַגערען.

האָבען די חַיָלוֹת פון כּוּשׁ איהם געבּראַכט צוּ זייער מֶלֶך און געזאָגט: ער ווייזט־אויס ווי אַ מְרַגֵל פון די בָּתִּים, וואָס איז געקומען אויסשפּירען אונזער לאַגער.

דערצעהלט משה, ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. זאָגט דער מֶלֶך צוּ איהם: ווי בּאַלד דוּ בּיסט פון פַּרְעָה'ס הויף און קענסט די חָכְמַת מִצְרַיִם [1]), העלף־זשע מיר איצט אין דער מִלְחָמָה מיט דיינע קלוּגע עֵצוֹת, וועל איך דיך גרויס מאַכען. האָט משה איהם געהאָלפען איינעהמען דעם שׂוֹנֵא, דערפאַר האָט איהם דער מלך געשטעלט העכער איבּער אַלע הערען פון לאַנד און משה האָט געהערשט אין כּוּשׁ פערציג יאָהר.

און די הערען זענען בּייז געווען, וואָס אַ פרעמדער הערשט אין לאַנד, נאָר זיי האָבען איהם גאָרניט געקענט טהון, ווייל דער מֶלֶך האָט איהם געשיצט, און דאָס פאָלק האָט איהם ליעב געהאַט פאַר די גוּטע געזעצען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען.

נאָכ'ן קעניגס טויט האָט דאָס פאָלק משה'ן געקריינט פאַר אַ קעניג,— האָט עס די הערען נאָך מעהר פערדראָסען, און זיי האָבען שטילערהייד זיך בּעראַטען, מען זאָל איהם טויטען.

אַז משֶׁה האָט דערשפּירט, וואָס זיי טראַכטען צוּ טהון מיט איהם,— איז ער פון דאָרט אַנטלאָפען אין מִדְיָן.

# יִתְרוֹ.

דער גרעסטער גַלָח אין מִדְיָן צוּ יענער צייט איז געווען יִתְרוֹ. אויף דער עלטער האָט ער זיך אַרומגעקוּקט, אַז זיין גאָט איז נישט מעהר ווי אַ שטיק האָלץ און האָט ניט קיין שום מַמָשׁוּת. האָט ער איבּערגעפּרוּבט און אויסגעדיענט ווי אַן עֲבוֹדָה־זָרָה אין גאָר דער וועלט און געזעהן, אַז זיי טויגען אַלע ניט.

רופט ער צוּנויף די שטאָדט־לייט און זאָגט זיי: „בּיז היינט האָב איך אייך געדיענט, איצט בּין איך שוין אַלט און שוואַך — קלויבּט אייך אויס אַן אַנדער גַלָח אויף מיין אָרט". און בּיי די ווערטער האָט ער זיי איבּערגעגעבען די געטליך מיט זייער גאַנצען קליפּער־געצייג. האָבען זיי פערשטאַנען, אַז ער לייקענט אין זייער עֲבוֹדָה־זָרָה, האָט עס זיי שטאַרק פערדראָסען און האָבען אויף איהם אַ חֵרֶם אַרויפגעלעגט: קיינער האָט ניט געטאָרט בּיי איהם

1) מצרים איז פערצייטען געווען בּערוּהמט מיט איהר וויסענשאַפט.

אַרבּייטען, ניט אויסרעדען מיט איהם אַ וואָרט. האָט ער געדאַרפט אַ הירט, האָט קיינער צו איהם ניט געוואָלט געהן. דעריבּער האָבּען זיינע טעכטער געמוזט פּיטערען די שאָף, בּיז משה איז געקומען און זייער אָרט פערטראָטען.

# אַ טרייער הירט.

אַז משה האָט געפּיטערט יתרו׳ס שאָף אין מדבּר, איז איינמאָל בּיי איהם אַ שעפּעלע אַנטלאָפען פון דער טשערעדע און ער האָט עס נאָכגעיאָגט און געטראָפען הינטערן בּאַרג, ווי עס שטעהט בּיים טייך און טרינקט. זאָגט משה: אָרים שעפּעלע, ניט געוואוסט האָבּ איך, אַז דו בּיסט אַזוי דאָרשטיג, און אומזיסט דיך געיאָגט און געטריבּען! איצט בּיסטו נעבּיך מיעד, קום, אויפ׳ן אַקסעל וועל איך דיך נעהמען און צוריק אָפּטראָגען.

איז אַרויס אַ בּת־קול און געזאָגט:

— דערפאַר וואָס דו האָסט אַזוי פיעל רחמנות אויף אַ שטימע צונג, וועסטו זוכה זיין צו פּיטערען מיינע הייליגע שאָף—דאָס פאָלק ישׂראל.

# דער דאָרנבּוים.

משה האָט זיך אַרומגעפיהרט מיט יתרו׳ס שאָף אין דער מדבּר, און דאָס האַרץ זיינס איז געווען בּיי זיינע געפּייניגטע בּרידער אין מצרים. „וואָס וועט זיין מיט זיי דער סוף—האָט משה פערצווייפעלט געטראַכט—צי וועלען זיי דאָס אויסהאַלטען, צי פאַר גרויסע צרות און פּיין וועלען זיי אינגאַנצען פון דער וועלט נישט אומקומען?"

דאָ האָט זיך איהם גאָט בּעוויזען אין פייער פון אַ דאָרנבּוים.

— משה — האָט איהם גאָט געזאָגט — צי מיינסטו דען, אַז איך האָבּ אין מיינע קינדער פערגעסען? צי שפּירסטו נישט, אַז זייער צער איז מיין צער? אָט זעה פון וואַנען מיין שכינה בּעווייזט זיך דיר איצט—פון אַ דאָרנבּוים: מיט זיי אין איינעם לייד איך, אַ גלייכער שותּף בּין איך אין זייער צער. זעהסטו אָבּער אָט דעם דאָרנבּוים ווי ער בּרענט און ווערט נישט פערבּרענט—צו איהם זענען די יודישע קינדער געגליכען: קיינע צרות און פּיין וועלען זיי פון דער וועלט נישט אומבּרענגען.

# משה׳ס שטעקען.

משה׳ס שטעקען פון סאַפּירען האָט גאָט בּעשאַפען דעם ערשטען פרייטאָג פאַר נאַכט און איבּערגעגעבּען אָדם׳ן אין גן־עדן. דערנאָך איז דער

שטעקען אריבער פון האנד צו האנד צו חֲנוֹך, שֵׁם בֶּן נֹחַ, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב — ביז יוֹסֵף׳ן. נאך יוֹסֵף׳ס טויט האט מען זיין גאנץ פארמעגען און גוטס אריבערגעטראגען אין קעניגליכען שאץ־קאמער, דערינען אויך דעם שטעקען.

יִתְרוֹ איז געווען איינער פון די חַרְטוּמֵי מִצְרַיִם, האט ער חֵשֶׁק בעקומען צום שטעקען, צוגענומען איהם און איינגעפלאנצט ביי זיך אין גארטען. האט קיין מענש צו יענעם ארט ניט געקענט צוטרעטען, ביז משה איז אהין געקומען און דעם שטעקען אויסגעריסען.

אז יִתְרוֹ האט דאס דערזעהן, האט ער געזאגט:— אט דער מענש וועט ווייזען וואונדער מיט דעם שטעקען און אויסלייזען די יודען פון מצרים.

## די זְקֵנִים האבען זיך אפגעטראגען.

אז משה מיט אהרנ׳ען זענען געקומען קיין מצרים, האבען זיי צונויפגערופען די זִקְנֵי־יִשְׂרָאֵל און מיט זיי צוזאמען געלאזט זיך געהן צו פרעה׳ן, אונטערוועגס האבען די זְקֵנִים איינציגווייז זיך אפגעריקט און בִּגְנֵבָה אוועק צוריק; ביז מען איז געקומען צו פרעה׳ס פאלאץ, איז קיינער ניט געבליבען חוץ משה און אהרן.

דערפאר האט גאט די זקנים בעשטראפט:

אויפ׳ן בארג סִינַי, בְּעֵת מַתַּן־תּוֹרָה, האט גאט געזאגט: „משה ואהרן קומט ארויף פון אויבען, און איהר, זקנים, בלייבט שטעהען דארט אונטער׳ן בארג״.

## משֶׁה און אַהֲרֹן ביי פַּרְעֹה׳ן.

פרעה האט זיך בעריהמט אז ער איז א גאט, און אלע האבען איהם גע׳חנפ׳ט און זיך צו איהם געבוקט.

דער טאג, וואס משה און אהרן זענען געקומען צו איהם, איז געווען א קרוין־טאג, און אלע מְלָכִים פון מִזְרָח און מַעֲרָב זענען געקומען צו פרעה׳ן און בעקריינט איהם מיט זייערע קרוינען און אויסגערופען, אז ער איז דער הערשער פון גאר דער וועלט.

דערווייל קומען פרעה׳ס דינער און מעלדען איהם, אז צוויי אלטע לייט שטעהען ביים טיר פון פאלאץ.

זאגט ער: לאזט זיי, זאלען זיי פרובען אריינגעהן.

דער פאלאץ האט געהאט פיער הונדערט טירען און ביי יעדער טיר

זענען געשטאַנען לײבען מיט לעמפּערטען און קײנעם ניט דורכגעלאָזט, ביז מען וועט זײ געבען צו עסען מענשען-פלײש.

אַז משה מיט אַהרנ'ען האָבען זיך געלאָזט אין פּאַלאַץ אַרײַן האָבען די ווילדע חיות זיך אַרום זײ געדרעהט, געלעקט זײ די פיס און בעגלײט ביז צו פּרעה'ס שטול.

דערזעהען פאַר זיך די מלכים צװײ געטליך-שעהנע זקנים: די געשטאַלטען — ווי מלאָכים פון הימעל, דער וואוקס — ווי הויכע טענענ-בײמער, די אויגען — ווי ליכטיגע שטערען, די בערד — ווי העגגליך פון טײטעל-בײמער, און אין משה'ס האַנד — דער שטעקען פון סאַפּיר-שטײן, מיט'ן שם-המפורש אויף איהם אויסגעקריצט. מיט גרויס עהרע-פורכט פאַלען די קעניגען צו דער ערד און בוקען זיך פאַר זײ.

און פּרעה זיצט אויף'ן שטול, קוקט אויף משה ואהרן און וואַרט, זײ זאָלען איהם דערלאַנגען אַ קרוין אָדער ווײַזען פּאַפּירען, וועלכער מלך האָט זײ געשיקט פאַר שלוחים. צולעצט פרעגט ער:

— ווער זענט איהר?

— גאָט'ס שלוחים.

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— אַזוי האָט דער יודישער גאָט בעפוילען: שיק אַרויס מײַן פאָלק, — וועלען זײ מיר דיענען אין דער מדבר.

— ווער איז עס אײַער גאָט, וואָס שיקט מיר בעפעהלען? — פרעגט פּרעה מיט פערדרוס און קוקט דערבײַ זײ אין די הענד — וואָס האָט ער מיר קײן קרוין ניט געשיקט? וואַרט, איך וועל אַרויסנעהמען דעם רײַסטער [1]) פון אַלע געטער און זעהן, צי שטעהט ער דאָרט פערשריבען.

ברײנגט מען פון אַרכיוו [2]) דעם רײַסטער און פּרעה הויבט-אָן צו לײענען: דער גאָט פון מואב... דער גאָט פון עמון... דער גאָט פון צידון.

— זעהט איהר — לאָזט פּרעה אויס — אײַער גאָט איז אין צעטעל ניטאָ.

משה מיט אַהרן האָבען זיך איבערגעקוקט און געשמײכעלט. ווי אײנער זאָגט: נאַר אײנער, ווי פּאַסט דיר אײַן צו זוכען אַ כהן אויפ'ן בית-הקברות [3])? ווי קומט אַ לעבעדיגער צווישען מתים?

---

1) צעטעל, פערצײכניש. 2) די קאַמער, וואו ס'ליגען די אַלטע פּאַפּי-רען און דאָקומענטען. 3) אַ כהן טאָר ניט געהן אויפ'ן בית-עולם.

— אומזיסט איז דיין מיה — זאָגען זיי פּרעה'ן — אונזער גאָט איז א לעבעדיגער, דער קעניג פון גאַר דער וועלט, און בּיי דיר אין צעטעל צווישען געטער־מתים וועסטו איהם געוויס נישט געפונען.

— רעכט! — זאָגט פּרעה — אָבּער ווער און וואָס איז ער, דער גאָט אייערער, א יונגערמאַן צי אַ זָקֵן? וויפיעל איז ער אַלט? וויפיעל שטעדט האָט ער איינגענומען? אויף וויפיעל מְדינות געוועלטיגט ער? ווען איז ער אויפ'ן טראָהן אַרויף?

— ווילסט וויסען ווער אונזער גאָט איז—ענטפערען זיי—אָט ווער: ער איז דער שטאַרקסטער און דער אַלמעכטיגסטער, זיין קראַפט איז פול די גאַנצע וועלט, ער איז דער עוויגסטער, געווען פאַר אַלע וועלטען און אַלע וועלטען וועט ער איבּערלעבּען, ער איז דער איינציגער בּעשעפער, בּעשאַפען האָט ער דיך און געגעבּען לעבּען אַלע בּרואים. וואָס זיינע ווערק זענען, פרעגסטו? אָט וואָס: ער שפּרייט־אויס די הימלען און בּעפעסטיגט די גרונדען פון דער ערד, זיין שטימע שלאָגט־אויס פלאַמען פייער, בּרעכט־איין בּערג און בּרעקעלט פעלזען, זיין בּויגען איז פייער, זיינע פיילען — פלאַם, זיין שפּיז — גלוטה, זיין פּאַנצער — וואָלקענס, זיין שווערד — אַ בּליץ, ער בּלאָזט־אויף הויכע בּערג און טרעט־אויס טיפע טהאָלען, הילט־איין די הימלען אין וואָלקענס, בּעגיסט די ערד מיט רעגענס און טהוי און בּעגרינט זי מיט גראָזען און בּיימער, וואַרפט קעניגען און שטעלט־אויף קעניגען.

— פון אַזאַ גאָט — זאָגט פּרעה — ווייס איך נישט און וויל ניט וויסען. האָט ווער פון די געוועלטיגער אַ בּקשה צו מיר, דאַרף ער מיר אַ קרוין שיקען.

## פּרעה'ס האַרץ.

„און פּרעה'ס האַרץ איז נאָך האַרטער געוואָרען". „פּרעה'ס האַרץ"— עס קומט אויס ווי מע דערצעהלט אַ מָשָל:

דער לייבּ מיט נאָך חיות זענען אַמאָל געפאָהרען אויף אַ שיף. ווי זיי זענען צוגעפאָהרען צום בּרעג, קומט זיי דער עזעל אַנטקעגען און מאָהנט אָפּ־צאָהל. רופט זיך אָן פון די חיות דער פוקס:

— עזות־פּנים איינער! ווי דערוועגסטו זיך צו מאָהנען אָפּצאָהל בּיים מֶלֶך פון אַלע חיות?

ענטפערט דער איינגעשפּאַרטער עזעל:

— מעג זיין אַפילו דער מלך אַליין—איך טהו דאָס מיינינגע און מאָהן.

ווערט דער לייב אין כּעס און צורייסט דעם עזעל און זאָגט צום פוקס: נעהם צולעג איהם גלידער־ווייז.

האָט דער פוקס צושניטען דעם עזעל גלידער־ווייז און פונאַנדער־גע־לעגט יעדען אָבער אויף זיין אָרט. אַז ער איז געקומען צום האַרצען האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און עס אויפגעפרעסען.

קומט דער לייב און פרעגט: דאָס האַרץ וואו איז?

ענטפערט איהם דער קלוגיטשקער פוקס:

— דאָס האַרץ, זאָגסטו—קיין האַרץ איז גאָר לכתחלה ניט געוועזען: וואָלט דער עזעל אַ האַרץ געהאַט, וואָלט ער דאָך ביי דיר קיין אַפּצאָהל ניט געמאָהנט!

וואָלט פּרעה אַ האַרץ געהאַט, וואָלט ער ביים קעניג פון אַלע קעניגען קיין קרוין נישט געפאָדערט.

# פון שטעקענס שלאַנגען.

און ווידער שטעהען משה מיט אהרנ'ען פאַר פּרעה און נאָכאַמאָל פאָדערען זיי פון איהם אין גאָטס נאָמען ער זאָל דאָס יודישע פאָלק בעפרייען.

זאָגט פּרעה צו זיי: ווייזט אַ מופת, מע זאָל אייך גלויבען.

וואַרפט אהרן דעם שטעקען און ער ווערט אַ שלאַנג.

האָט פּרעה אַרויסגעלאָזט אַ הויליכדיגען געלעכטער:

— אָט דאָס גאָר! דאָס זענען עס די גאַנצע קונצען פון אייער גאָט! אַ רעכטער סוחר ברענגט אַ סחורה, וואָס ניט צו קריגען אויפ'ן אָרט, און איהר ברענגט כּשוף קיין מצרים. מיר האָבען גענוג אייגענע.

האָט ער געהייסען ברענגען שול־קינדער, און זיי האָבען אויך זייערע שטעקענס פערוואַנדעלט אין שלאַנגען.

# צווישען הירט און וואָלף.

און שווערער איז געוואָרען דער יאָך פון פּרעה'ן אויף די יודען. קיין שטרוי, האָט ער בעפוילען, זאָל מען זיי מעהר נישט געבען און פון דער בעשטימטער צאָהל ציגעל, וואָס זיי דאַרפען צושטעלען, זאָל נישט פעהלען.

קומען די זקנים פערביטערטע צו משה'ן און שרייען:

— אָ, וואָס האָסטו געהאַט צו אונז? נישט געהאָלפען האָסטו אונז, נאָר ערגער געמאַכט. מיר זענען איצט אין דער לאַגע פון יענעם שעפעלע וואָס דער וואָלף האָט עס פון דער טשערעדע אַרויסגעכאַפּט, קומט דער

הירט זיך אײַנשטעלען פאַר דעם, פון דעם וואָלפ׳ס מויל עם אַרויסצורײַסען, ראַנגעלט ער זיך מיט איהם אַזוי לאַנג, ביז צווישען זיי בײדע ווערט דאָס שפּעלע אויף צווייען צוריסען. אַזוי ווערען מיר צוריסען צווישען דיר מיט פּרעה.

קלאָגט זיך משה פאַר גאָט:

— זינט איך בין געקומען צו פּרעה׳ן, האָט ער זיי נאָך ערגערע צרות אָנגעטהון.

ענטפערט גאָט:

— די אָבות זענען אַזוי פיעל לײַדען אויסגעשטאַנען און קײנמאָל מיר קײן קשיות ניט געפרעגט, און דו קומסט צו מיר מיט טענות! „איצט װעסטו זעהן, וואָס איך וועל פּרעה׳ן טהון״—גאָה בעווײַז זיי מײַנע וואונדער.

# די מַכָּה „בלוט“.

„און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן: היים אַהרנ׳ען ער זאָל נעהמען דעם שטעקען, אַ פּאַך געבען איבער די וואַסערען פון מצרים און עס וועט ווערען פון זיי בלוט״ — וואָס עפּיס דורך אַהרנ׳ען, פאַר וואָס ניט דורך משה׳ן אַליין?

דאָס איז דערפאַר, ווײַל דאָס וואַסער פונ׳ם טײַך נילוס איז משה׳ן קינדווײַס אין זײַן נויט געשטאַנען, צווישען טשערעד זײַן וויעג־קעסטעלע אויסגעבעהאַלטען. האָט גאָט געזאָגט: משה ס׳איז קײן יושר ניט, אַז דאָס וואַסער זאָל פון דײַן האַנד אַ קלאַפּ בעקומען. זאָל דאָס געטהון ווערען דורך אַהרנ׳ס הענד.

און פאַר וואָס איז אויסגעפאַלען דעם וואַסער בעקומען דעם ערשטען קלאַפּ?

דאָס איז דערפאַר, ווײַל פּרעה מיט די מצרים האָבען זיך איבערגענומען מיט זײער טײַך נילוס, איהם שטאַרק פערגעטערט. דאָס גאַנצע מזל־ברכה פונ׳ם לאַנד האָט זיך אין איהם געוועהנט. האָט גאָט געזאָגט: פריהער פאַר אַלעמען לאָז חאַפּען דעם קלאַפּ זײער גאָט.

ווײַל דער אַלמעכטיגער אַ פאָלק בעשטראָפען, רעכענט ער זיך פריהער אָפּ מיט דעם גאָט זײַנעם.

* *
*

און וואו עפּעס אַ וואַסער אין מצרים איז פון דעם בלוט געוואָרען —

אַפּילו דאָס ביסעל וואַסער אין קרוגעל איז אויך בלוט געוואָרען. אַפּילו אַ שפּײַ פונ׳ם מִצרי איז אויך געווען בלוט.

פון מַכַּת דָם האָבען אַנדערע יודען אַ פערמעגען געמאַכט. דְהַיינו? אַ מצרי מיט אַ יודען וואָהנען, אַ שטײַנער, צוזאַמען אין איין שטוב. קומט דער מצרי צום פעסיל אַ טרונק וואַסער נעהמען, שעפּט ער אָן אין׳ם קרוגעל בלוט. בײַ׳ם יודען אָבער שעפּט זיך אָן ריינע וואַסער. זאָגט דער מצרי דעם יודען: גיב מיר אַ טרונק פון דײַן קרוג. ווערט עס בײַ׳ם מצרי אין האַנד אין בלוט פערוואַנדעלט. נעהמען זײַ טרינקען צוזאַמען פון איין כְּלִי — טרינקט דער יוד וואַסער און דער מצרי בלוט. ביז דער מצרי בעלוינט דעם יודען — און דאַמאָלס ערשט בעקומט ער אַ ריין ביסעל וואַסער.

## פּרעש.

נאָך דער מכה פון בלוט זענען אויף מִצְרַים אָנגעשיקט געוואָרען פּרעש. אַלע ווינקעליך פון מצרים זענען מיט זײַ פול געוואָרען, און פון זײַער קוואַקען איז גאָר נישט געווען אויסצושטעהן. די מילטערס, די טעפּ, די אויווענס האָבען געשווימעלט און געגריבעלט מיט קוואַקענדע פּרעש. זײַ זענען די מצרים אינוועניג אין די געדערם אַרײַנגעקראָכען, און פון דאָרט האָט זיך אָהן אויפהער, ביז צו׳ם דול ווערען, אַלץ געלאָזט הערען זײַער אײַנגעגעסענער „קוואַ-קוואַ".

## מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה[1].

יודישע טאַטעס, בײַ וועלכע די מצרים האָבען זײַערע קינדער אַוועק-גערויבט, אין טײַך אַרײַנגעוואָרפען און אין די ווענט אײַנגעמויערט, — זענען געגען זײַער ווילען, געצווינגען געווען אַלס ערציהער בײַ די מצרים דינען, מיט די שׂוֹנאִים׳ס קינדער זיך אַרומפיהרען. האָט גאָט אָנגעשיקט אויף מצרים די מַכַּת עָרוֹב — אַ געמיש פון ווילדע חַיות, וועלכע זענען אין מיטען גאַס אויף קינדער אָנגעפאַלען און זײַ אויסגעכאַפּט. דער יודישער ערציהער, וואָס פלעגט מיט די מצרי׳שע קינדער און גאַס שפּאַצירען אַרויסגעהן, האָט זיך אָהן זײַ אַהיים אומגעקעהרט.

— וואו זענען די קינדער מײַנע? — בעגעגענט איהם און פרעגט מיט שרעק דער מצרי.

— וואַרט, איך וועל דיר מאַכען אַ חֶשְׁבּוֹן — ענטפערט דער יוד — איינם האָט אַ לייב צוגענומען, איינם האָט אַ וואָלף אויסגעכאַפּט, איינם ווי-דער — האָט אַ בער אַוועקגעטראָגען, נאָך איינם האָט אַ לעמפּערט צוריסען,

1) מאַס קעגען מאָס. גלײַך אויף גלײַך.

היינט האָט איינס אַ גיפטיגע שלאַנג אויף טויט אַ ביס געטהון. דאָ האָסטו דיר אַלע דיינע קינדער.

## דער האָגעל.

און פרעה האָט זיך אַלץ גע'עקשנ'ט און די יודען נישט פריינעלאָזען — האָט גאָט אָנגעשיקט אויף מצרים אַ שווערען האָגעל און אַ פלאַמענדיג פייער אין מיטען האָגעל. „פייער און האָגעל צוזאַמען" — עס קומט־אויס ווי יענע צוויי לעגיאָנען ביי איין קעניג, וואָס האָבען אין שלום נישט געלעבט, שטענדיג צווישען זיך געריסען, ביז דער אַלגעמיינער שונא איז אויפ'ן לאַנד אָנגעפאַלען און דער קעניג האָט בעדאַרפט מיט זיין גאַנץ חיל אַקעגען איהם זיך שטעלען. האָבען די צוויי לעגיאָנען אויף אַ צייט פערבויגען די קנאה־שנאה צווישען זיך און צוזאַמען זיך געלאָזט אויספאָלגען דעם קעניג'ס שליחות. דאָס אייגענע איז דאָ געשעהן ביי'ם האָגעל. פייער מיט וואַסער, די צוויי שטענדיגע שונאים פון דער נאַטור, זענען אויף אַ ווייַלע שלום געוואָרען און צוזאַמען אויף גאָט'ס שונא אָנגעפאַלען. די שטיקער האָגעל האָבען אויסגעזעהן ווי שווערע דורכזיכטיגע אייער מיט פייערדיגע געלכליך אינוועניג. ביי'ם פאַלען האָט זייערע דיקע איי־שאָלעכץ אויף די מצרי'שע פערוואונדעטע קעפּ געפלאַצט, און דאָס בעפרייטע פייער האָט זיך באַלד איבער זיי צוגאָסען און אויף קויל זיי פערברענט.

## די דריי טעג פינסטערניש.

און אַ געדיכטע פינסטערניש איז אויפ'ן לאַנד מצרים אָנגעפאַלען דריי טעג נאָכאַנאַנד, מ'האָט עס מיט די הענד אָנגעטאַפּט, איז עמיצער אין דעם פינסטערניש געזעסען האָט ער נישט געקענט אויפשטעהן, איז ווער געשטאַנען האָט ער נישט געקענט זיך זעצען, איז ווער געליגען איז איהם אונמעגליך געווען זיך אויפצוהויבען. פאַר די יודען אָבער איז אומעטום ליכטיג געווען. פראַנק און פריי האָבען זיי אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסען פון מצרים, אַריינגעגאַנגען אין די הייזער פון די מצרים און אויסגעזעהן אַלעס, וואָס דאָרט געפינט זיך. דערנאָך, ביים אַרויסגאַנג פון מצרים, ווען גאָט האָט די יודען געהייסען בעטען ביי די מצרים פון זייערע זאַכען אויפ'ן וועג, קומט אַ יוד צו זיין שכן דעם מצרי און גיט איהם אַ בעט: אפשר וואָלסטו מיר געגיבען יענע און יענע כלי, זאָגט איהם דער: איך וואָלט דיר געוויס געגיבען, נאָר איך האָב נישט. זאָגט איהם דער יוד: גיב נור, זיי מוחל, אַ קוק אויף יענעם

אָרט, דאָרט, שײַנט מיר, וועסטו עס געפינען. טראַכט זיך דער מצרי: ער האָט פערדיענט מע זאָל עס איהם גיבען. וואָלטען די יודען נישט גענוג עהרליך געווען, וואָלטען זיי דאָך געקענט אין די פינסטערע טעג דאָס אַלעס אונבעמערקט פריי אַוועקנעהמען.

## פַרעה זוכט משה׳ן.

נאָך דער צעהנטער, שווערסטער מַכָּה בְּכוֹרוֹת[1], האָט זיך פרעה אַוועקגעלאָזט האַלבע נאַכט, רופען משה מיט אַהֲרֹנ׳ען. אויף טויט דערשראָקען, איז ער אַרומגעלאָפען איבער די הײַזער פון זײַנע שָׂרים, זיי אויף די פיס אויפגעשטעלט, בײַנאַכט מיט זיי איבער אַלע גאַסען אַרומגעגאַנגען און געזוכט: וואו איז משה? וואו געפינט ער זיך?—ביז יודישע קינדערליך האָבען איהם אָנגעוויזען.

אַרײַנגעקומען צו משה׳ן, שרײַעט פרעה אויס:

— געהט אײַך אַרויס פון מײַן פאָלק, און טאַקי שוין!

— וואָס איז — האָט משה געזאָגט — גַנָבִים זענען מיר, מיר זאָלען זיך בײַנאַכט אַרויס׳גַנב׳ענען? גאָט האָט אונז בעפוילען נישט איבערצוטרעטען די שוועל ביז אין דער פריה — בײַ דער שײַן פון דער זון וועלען מיר פון מצרים אַרויסגעהן, פראַנק און פרײַ, די גאַנצע וועלט זאָל זעהן.

## יוסֵף׳ס אָרון.

אין דער צײַט ווען יודען זענען געווען פערטראָגען מיט זייערע געפּעק און זיך געגרייט צום וועג, האָט זיך משה בעשעפטיגט מיט׳ן אָרון פון יוסף.

פאַר׳ן טויט האָט יוסף בעשוואוירען די ברידער:

— גאָט וועט אײַך אויפריכטען,—זאָלט איהר מײַנע ביינער מיטנעהמען.

און אַז יוסף איז געשטאָרבען האָבען די חַרְטוּמִים געזאָגט צו פרעה׳ן:

— ווילסטו, דאָס פאָלק זאָל דאָ איבערבלײַבען, — בעהאַלט יוסף׳ס ביינער: אָהן זיי וועלען זיי ניט אַוועקגעהן.

האָט מען יוסף׳ס קערפּער אַרײַנגעלעגט אין אַן אײַזערנעם קאַסטען און אַרײַנגעוואָרפען אין טײַך נילוס.

---

1) אַלע בכורים (עלטסטע זיהן) זענען אין מצרים אין איין נאַכט אויסגעשטאָרבען.

איצט אַז ס'איז געקומען די צייט, איז משה געגאַנגען זוכען יוסף'ס אָרון, מְקַיֵם צו זיין די צַוָאָה, — האָט קיינער ניט געוואוסט, וואו דער אָרון געפינט זיך.

נאָר די אַלטע שֶׂרַח בַּת אָשֵׁר, וואָס איז געבליבען לעבען פון יענעם דור, האָט משה'ן אָנגעוויזען אויפ'ן קעסעל-גרוב [1]) אין מיטען טייך, וואו מען האָט דעם אָרון אַריינגעוואָרפען.

האָט זיך משה געשטעלט ביים ברעג טייך און אויסגערופען:

— יוסף, יוסף! עס איז געקומען די צייט, וואָס דאָס פאָלק ווערט אויסגעלייזט. איצט ווילען מיר מְקַיֵם זיין די שְׁבוּעָה, וואָס דו האָסט בעשוואוירען די קינדער יִשׂרָאֵל און מיר קענען ניט! דאָס גאַנצע פאָלק וואַרט אויף דיר, דער וואָלקען-זייל וואַרט, די שְׁכִינָה וואַרט, — און דו פערהאַלסט אַלעמען! ווייזט זיך — איז רעכט, ווען ניט — זענען מיר ריין פון דער שבועה.

באַלד האָבען זיך געוויזען בלעזליך אויפ'ן וואַסער און דער אָרון איז אַרויפגעשוואומען.

*
* *

די חֲכָמִים האָבען געזאָגט אַ מָשָׁל אויף יוסף'ס אָרון:

גַנָבִים זענען אַריין אין אַ וויין-קעלער און אויסגעטרונקען דעם בעסטען קרוג וויין. קומט דער ווירט פון קעלער און זאָגט זיי:

— גוטען אַפּעטיט! זאָל אייך וואויל בעקומען! דעם וויין האָט איהר שוין אויסגעטרונקען, — קעהרט מיר אום דעם קרוג און געהט אייך געזונטערהייד.

אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו די קינדער יִשְׂרָאֵל:

— יוסף'ן האָט איהר פערקויפט פון לאַנד כְּנַעַן, קעהרט חאָטש אום די ביינער זיינע אויפ'ן אָרט!

---

1) שטרודעל, וואו דאָס וואַסער קאָכט און דרעהט ווי אַ ראָד.

# יְצִיאַת מִצְרַיִם.

## דער שלים־מזל.

נאך אלע צעהן מכות האט פרעה געמוזט פריי שיקען די יודען פון מצרים. עס דערמאהנט יענע מעשה, וואס ווערט דערצעהלט וועגען דעם שלים־מזל׳דיגען קנעכט:

א מלך האט געשיקט זיין קנעכט אין מארק צו קויפען שפייז, האט ער איהם געבראכט א פוילען פיש.

האט דער מלך איהם בעפוילען:

— איינס פון די דריי: עס־אויף דעם פוילען פיש, אדער בעצאהל, וואס ער קאסט, ווען ניט — בעקומסטו הונדערט שמיץ.

זאגט דער קנעכט: איך וויל בעסער אויפעסען דעם פיש.

אז ער האט אויפגעגעסען א האלבען פיש, האט איהם אנגעהויבען צו עקלען, — ווארפט ער אוועק דעם פיש און זאגט:

— גיט מיר בעסער הונדערט שמיץ.

אז מען האט איהם אפגעצעהלט פופציג שמיץ, האט ער מעהר ניט געקענט אריבערטראגען און בעצאהלט דאס געלד.

איז אויסגעקומען: די פוילע פיש געגעסען, די שמיץ געחאפט, די געלד בעצאהלט.

אזוי איז מיט פרעה׳ן: ער האט די יודען ניט ארויסגעלאזען מיט׳ן גוטען ווילען, האט ער בעקומען צעהן מכות אין מצרים, זיין פערמעגען פערלוירען, און נאך אלעמען דאך זיי פריי געלאזען.

## ביידע זיך געפרעהט.

גרויס איז געווען די שׂמחה פון יודען ווען זיי זענען בעפרייט געוואָרען, און א טייל פון די מצרים האָבען זיך אויך נישט ווייניג געפרעהט.

עס קומט־אוים ווי יענער שווער־לייביגער מענש, וואָס איז געפאָהרען א ווייטען וועג רייטענדיג אויף אַן עזעל. איהם איז געווען שווער צו זיצען, און דעם עזעל — נאָך שווערער צו טראָגען אויף זיך אַזא משׂא. אַז ער איז געקומען אויפ׳ן אָרט און אַראָפּ פון עזעל, האָבען זיך ביידע געפרעהט, און מע ווייס ניט, וועמענס פרייד איז גרעסער.

אַזוי האָבען זיך אויך די מצרים געפרעהט, ווען די יודען זענען בע־פרייט געוואָרען פון גלות, און זיי אַליין — פון מכּות.

## שפּעט זיך אַרומגעקוקט.

באַלד נאָכ׳ן פריילאָזען די יודען האָט פרעה מיט זיינע שׂרים שטאַרק חרטה געקריגען און זיך דאָס האַרץ אויסגעגעסען: „צי וואָס האָבען מיר עס געטהון?"

עס קומט אוים ווי איינער, וואָס האָט געהאַט א פעלד, פול שוט[1]) און בראָק[2]). האָט ער עס פערקויפט א צווייטען, יענער האָט אָפּגערוימט דעם באַרג מיסט און געפונען אונטען א קוואַל וואַסער. האָט ער דאָס פעלד בע־פלאַנצט שורות־וויז ווייַנשטאָקען מיט מילגרוימען און אַלערליי געוויקסען, און אינמיטען גאָרטען האָט ער אויסגעבויט א טורעם און געזעצט א וועכטער.

און אַז דער פריהעריגער בעל־הבית האָט דאָס דערזעהן, האָט ער פערבראָכען די הענד און זיך צוויינט:

— אַזא טייערע נחלה האָב איך פון די הענד אַרויסגעלאָזען!

אַזוי איז מיט די יודען: אין מצרים האָבען זיי אויסגעזעהן ווי א הויפען בראָק, פערשמירט אין ליים און איינגעריכט אין שמוץ, און אין פרייען מדבר זענען זיי געגליכען געווען צו א בליהענדען גאָרטען, א פרייד אָנצו־קוקען. ווי פרעה האָט זיי דערזעהן בעפרייטערהייד — האָט ער חרטה געהאַט און זיי נאָכגעיאָגט.

---

1) צונויפגעשאָטען באַרג. 2) בראָקליך שטיינער און מיסט.

## די יודען בײַ'ם ים־סוף.

אַ טויב איז אַנטלאָפען פון אַ שפּאַרבער און זיך געלאָזט פליהען צו אַ פעלזען-שפּאַלט. דערזעהט זי אינווענינ זיצט אַ בייזע שלאַנג. וואָס זאָל זי טהון? אַרײַנגעהן אַהין — וועט זי די שלאַנג פערגיפטען, אומקעהרען זיך צוריק—וועט זי דער שפּאַרבער צורײַסען, — האָט זי אָנגעהויבען צו פּאָכען מיט די פליגלען און ברומען, טאָמער וועט איהר הער דערהערען און קומען זי מציל זײַן.

אַזוי איז מיט די יודען: פאָרענט — דער ים, הונטען דער שונא, אַרום און אַרום — ווִיסטער מדבר!... האָבען זיי אָנגעהויבען שרײַען צו גאָט—און באַלד האָט ער זיי געהאָלפען.

## קריעַת יַם־סוף[1].

אַז די יודען זענען געשטאַנען בײַ'ם ברעג ים-סוף, האָבען זיך די שְׁבָטים אָנגעהויבען צו קריגען. דער זאָגט: זאָל יענער שֵׁבֶט געהן פאָראויס, און יענער זאָגט: זאָל דער געהן פאָראויס, — ביז נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב איז דער ערשטער אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער, און אַלע נאָך איהם.

און משה איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט און מִתְפַּלֵל געוועזען, זאָגט גאָט צו איהם:

— וואָס שרײַסטו צו מיר? הײס דעם פאָלק זאָל ער געהן! הויב אויף די האַנד, שטרעק-אויס דעם שטעקען און שפּאַלט דעם ים!

אַז גאָט האָט געוואָלט דערטרינקען פּרעה'ן מיט זײַן חַיִל איז געקומען דער מַלְאָך עוזא דער שַׂר פון מִצְרַיִם[2] און צוגעפאַלען צו'ם כִּסֵא-הַכָּבוד מיט אַ געבעט:

— רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם! אַ גנעדיגער גאָט ביסטו דאָך, אַ דערבאַרעמ-דיגער, און מיט רַחֲמָנוּת האָסטו דײַן וועלט באַשאַפען, פאַרוואָס-זשע ווילסטו מײַנע קינדער אַזוי שטאַרק בעשטראָפען און זיי דערטרינקען?

האָט גאָט צונויפגערופען די פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה[3] און געזאָגט:

— ריכטעט איהר צווישען מיר מיט עוזא'ן, ווער איז גערעכט?

---

1) דאָס צורײַסען, צושפּאַלטען דעם ים-סוף (רויטען ים). 2) יעדע אומה האָט איהר פאָרשטעהער, אַ מלאך אין הימעל. 3) די הימעלשע פאַמיליע,— דאָס אויבערשטע געריכט פון מלאָכים.

און דִי שָׂרִים פוּן אַלֶע זִיבֶּעצִיג אוּמוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען מְלִיצֵי-יוֹשֶׁר [1] פַאר דִי מִצְרִים, אַז זֵייא קוּמְט נִיט אַזאַ האַרבֶּע שטראָף. האָט מִיכָאֵל דער שַׂר יִשְׂרָאֵל בַּאלד אַ וואוּנק געטהון גַבְרִיאֵל'ן, — אִיז עֶר מִיט אֵיין פלִיה אַוועֶק-געפלויגען קֵיין מצרים און געבּראַכט אַ שטִיק וואַנד מִיט אַ יוּדִישׁ קִינד אִין דעם אַייַנגעמויערט.

אויף דעם קוּקענדִיג זֶענֶען אַלֶע מליצי-יושר בַּאלד אַנשווִיגען געוואָרֶען, און גאָט האָט בּעפוילען דעם יַם ער זאָל דִי מִצְרִים פערפלֵייצען און דער-טרִינקען.

האָבּען דִי מַלְאָכִים געוואָלט אָנהויבּען שִׁירָה זאָגען, — זאָגט גאָט צוּ זֵייא:

— דִי ווערק פוּן מֵיינֶע הענד זִינקען אִיצט אִין יַם און אִיהר ווִילט שִׁירה זאָגען!

זֶענֶען זֵייא אַנטשווִיגען געוואָרען.

דערנֶעהן ווִי דאָס וואַסער נֶעהמט זֵייא פֶערפלֵייצען, האָבּען דִי מצרים געוואָלט דִי פֶערד צוּרִיק פֶערקערִיווען, האָבּען דִי שוימענדִיגע ווֶעלען בּע-קומען דאָס געשטאַלט פוּן הִיצִיגע פֶערד מִיט ווֵייסע געקרֵייזעלטע גרִיוועס, און דִי מצרי'שע פֶערד האָט עס צוּ זֵייא מִיט קראַפט אִין טִיעפען יַם געצויגען. האָבּען דִי מצרים אִין גרויס שרעק געוואָלט פוּן דִי פֶערד אַראָפּשפּרִינגען, האָט עס זֵייא ווִי צוּגעשמִידט צוּ דִי פֶערד, נִישט אָפּצוּרֵייסען זִיך. און אַט אַזוֹי צוּגעקלעפּט אֵיינס צוּם אַנדערען, דִי פֶערד מִיט דִי רֵייטער, האָט עס זֵייא גע-ווִיעגט אַרויף און אַראָפּ אויף דִי בּרויזענדע ווֶעלען, בִּיז דער אָפּגרוּנד האָט זֵייא פֶערשלוּנגען.

# דער שַׂר שֶׁל יָם [2].

דִי יוּדען פוּן יענער צַייט זֶענֶען געווען פוּן דִי קלֵיינע מַאֲמִינִים [3], האָבּען זֵייא געזאָגט: מִיר געהען אַרויס פוּן דער זַייט יַם, און דִי מצרים — פוּן יענער זַייט, און עס ווֶעט זֵייא גאָרנִיט שאַדען. זאָגט גאָט צוּ'ם שַׂר שֶׁל יָם:

— וואַרף-אַרויס דִי מצרים אויף יענעם בּרעג, דִי יוּדען זאָלען זעהן, אַז זֵייא זֶענֶען טויט. זאָגט דער שר של ים:

— רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם! ווען אַ מֶלֶך שענקט זַיין קנעכט אַ מַתָּנָה, מאָהנט ער עס דען צוּרִיק?

---

1) פֶערטֵיידִינֶער, גערעכט געמאַכט. 2) דער מלאך, וואָס האָט צוּ שאַ-פען אִיבּערן ים. 3) ווענִיג געגלויבּט.

ענטפערט גאָט:

— דערפאַר וועל איך דיר בעצאָהלען אנדערהאַלבען מאָל אַזוי פיעל.

— קען דען אַ קנעכט מאָהנען בייא זיין הער?

— דער טייך קישון וועט זיין מיין ערב [1]: דו וועסט אַרויסוואַרפען די מצרים מיט זעקס הונדערט אייזערנע רייטוועגען, און דער טייך קישון וועט פערפלייצען סיסרא'ן מיט ניין הונדערט רייטוועגען.

שפּעטער, אין דבורה הנביאה'ס צייטען, אַז סיסרא הרשע איז געקומען מלחמה האַלטען מיט די יודען, און מיטגעבראַכט ניין הונדערט רייטוועגען און גרויסע מחנות חיל מיט אייזערנע שפּיזען, האָט גאָט געגען זיי אַרויסגע־לאָזט די שטערען פון הימעל, און יעדער שטערען האָט געשיינט זיעבען מאָל שטאַרקער ווי די ליכטיגע זון, ביז די שפּיצען שפּיזען זענען אָנגעגליהט גע־וואָרען און דערהיצט די חילות. זענען זיי אַריינגעפאָהרען אין טייך קישון זיך אָפּקיהלען, זאָגט גאָט צו'ם טייך:

— איצט ווער לויז פון דיין ערבות.

באַלד האָט זיי דער טייך קישון פערפלייצט און אין ים אַוועקגעטראָגען

דאַמאַלס האָבען די פיש אין וואַסער אָנגעהויבען זאָגען שירה:

גאָט'ס וואָרט איז אייביג בעגלויבט —

בעזינגט זיין וואַרהייט און זיין אמת לויבט!

# זה אלי!

ברייט האָט זיך דער ים פאַר די יודען געשפּאַלטען, צוועלף וועגען פאַר זיי געעפענט, אַ וועג פאַר יעדען שבט בעזונדער, אָפּגעטיילט איינער פונ'ם אַנדערען מיט וואַנד, ווי גלאָז דורכזיכטיגע, פון די פערגליווערט, הויך אויפגעשטעלט וואַסערן, האָט אַ קינד אַ טרונק געוואָלט, האָט די מוטער מיט'ן נאָגעל אין וואַנד אַ קריץ געטהון — און אַ זיס קריסטאַל־ריין שטרעמעלע האָט זיך איהם אין מויל אַריינגעשלענגעלט. בעגאָסען מיט בלענדענדען גלאַנץ און שיין פון גאָטס שכינה, האָבען יודען אויף די טריקענע וועגען מוטהיגע און פרייע אַלץ פאָראויס געשפּאַנט. מיט אַ מאָל האָבען זיי דערפיהלט דעם גרויסען נס, וואָס מיט זיי איז דאָ געשעהן, און אַ הויכע קלינגענדיגע שירה האָט זיך אַרויסגע־ריסען פון ששים רבוא [2]) יודען, ווי פון איין מעכטיגער ברוסט. אַלט און יונג,

---

1) גאַראַנטיערען, גוט זיין, אז דער חוב וועט בעצאָהלט ווערען. 2) זעקס הונדערט טויזענד.

גרויס און קליין האָבען געזונגען, אַ קינד, איינגעשלאָפען אין דער מאַמע'ס שויס, האָט דאָס קעפּילע אויפגעהויבען, און אַ זויג-קינד האָט דער מוטער'ס ברוסט פון מויל אַרויסגעלאָזט, און טייטענדיג אויף דער שכינה מיט די פינ-גער צוזאַמען מיט אַלע מיטגעזונגען:

— זה אלי — אָט איז אונזער גרויסער גאָט!

## די רויב פון ים.

אַז פּרעה האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגען די יודען מיט וועגען און רייטער, האָט ער אַלע פערד אויסגעציערט מיט פערעל און בריליאַנטען, כדי זיך אומקערען צוריק בעקרוינט מיט נצחון און בעשיינט מיט גרויסער פּראַכט. און אַז גאָט האָט די מצרים דערטרונקען, זענען אַלע פערעל און בריליאַנטען צוגעשוואומען צו'ם ברעג און די יודען האָבען זיי צונויפגעקליבען. זענען די יודען טאָג-טעגליך געקומען צום ברעג און ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון אָרט. זאָגט משה צו זיי:

— איהר מיינט, אַז אַלע טאָג וועט אייך גאָט פערזינקען פרישע מצרים און אַרויסוואַרפען נייע אוצרות פערעל מיט בריליאַנטען?

האָבען זיי אַלץ ניט געוואָלט אָפּטרעטען, ביז משה האָט זיי פון דאָרט מיט געוואַלד אַוועקגעפיהרט.

# דִי יוּדֶען אִין מִדְבָּר.

---

## דער מָן.

דער מָן, מִיט וועלכען דִי יודען האָבּען זִיך פערצִיג יאָהר אִין דער מִדְבָּר געשפּייזט, האָט געהאַט אִין זִיך אַזאַ אייגענשאַפט: ער אִיז צוגאַנגען אִין מויל, און יעדערער האָט אִין אִיהם געפִיהלט, וועלכען טַעם ער האָט געוואָלט.

ווִי דִי זון טהוט אַ וואַרִים, ווערט דער מן צוגאַנגען, און פלייצט טייכלִיך־ווייז בִּיז׳ן ים. פלעגען קומען הִירשען און הִינדען [1] און טרִינקען דעם פלִיסִיגען [2] זִיסען מן. און אַז דִי אומות־העולם פאַנגען זיי דערנאָך און עסען זייער פלייש, דערפִיהלען זיי דעם טַעם פון מן און זאָגען:

— וואויל אִיז דעם פאָלק, וואָס האָט אַזעלכעס.

דער מן פלעגט ענטדעקען פִיעל פערבּאָרגענע זאַכען:

לְמָשָׁל, צוויי קומען צו משה׳ן זִיך מִשְׁפָּט׳ען וועגען אַ קנעכט: דער זאָגט: ער אִיז מיינער, דו האָסט מִיר אִיהם פערקויפט, און יענער טַעֲנֶה׳ט: ניין! דו האָסט אִיהם מִיט געוואַלד צוגענומען! זאָגט משה: מאָרגען געהט אַרויס דער פְּסַק.

אויף מאָרגען בּיים קלויבּען מן בּעקומט יעדער הויז־געזִינד גלייך צו מעסטלִיך מן אויף יעדען קאָפּ, זעהט מען, בּיי וועמען עס אִיז דאָ אַן אִיבּעריג מעסטעל — דעם געהערט דער קנעכט.

---

1) רעה-קִיה, אַזאַ ארט הִירש. 2) געשמאָלצען, צוגאָסען ווִי וואַסער.

# עֲמָלֵק.

די חֲכָמִים האָבען געזאָגט מְשָׁלִים אויף מִלְחֶמֶת־עֲמָלֵק:

## I.

איינער האָט געהאַט אַ צִיטעריגען בֶּן־יָחִיד און איהם געטראָגען אויף די אַקסעל, און וואָס דאָס פערצוויגענע קינד האָט נור געזעהן מִיט די אויגען, האָט דער פאָטער איהם געמוזט שאַפען:

— טאַטע, קויף מיר דאָס, יענס — און דער פאָטער קויפט און גיט און טראָגט איהם ווייטער.

בעגעגענען זיי אַ בעקאַנטען — פרעגט דאָס קינד:

— ציי ווייסטו ניט אָפּט, וואו איז דער טאַטע?

רופט זיך אָפּ דער פאָטער און זאָגט:

— נאַר איינער! די גאַנצע צייט טראָג איך דיך אַרום און קעכעל דיך כְּסֵדֶר — לְסוֹף פרעגסטו, וואו בין איך?!

ביי די רעד האָט ער איהם אַראָפּגעוואָרפען פון אַקסעל, — קומט אַ הונד און גיט איהם אַ ביס.

אַזוי איז מיט די יודען: זיי בעקומען אַלץ, וואָס זיי בעגעהרען — פלייש פון וואַכטלען, ברויט פון מָן, וואַסער פון שטיין, צום סוף פרעגען זיי: „צי איז גאָט צווישען אונז פאַרהאַן״,—האָט ער אויף זיי אָנגערייצט עֲמָלֵק׳ן.

## II.

דער פָּסוּק זאָגט: „געדענק, וואָס עמלק האָט דיר געטהון! ער האָט דיך געטראָפען אין וועג און אָפּגעקיהלט״ [1].

ס׳איז געגלייכען צו אַ זודיגע הייסע וואַנע, וואָס קיינער וואַגט זיך ניט אַהין אַריין, נעהמט אַ פערשייטער און שפרינגט אַריין, אַליין זיך אָפּגע־בריהט, אָבער דאָס וואַסער עטוואָס אָפּגעקיהלט און אַלע שוועקען זיך שוין דערינען.

אַזוי האָבען אַלע אומות געהאַט אָפּשיי פאַר די יודען נאָך פרעה׳ס מַפָּלָה, ביז עמלק האָט דער ערשטער געוויזען דעם וועג, אַז מען קען זיי בעפאַלען.

---

1) „קרך״—פון לשון אָפּקיהלען.

שפעטער, אז די מְרַגְלִים האָבען אויסגעשפּירט אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל און געקו־מען צוריק אָפּגעבען אַ בעריכט, האָבען זיי געשראָקען יודען מיט די ווערטער: „עמלק זיצט אין דיּ דָרוֹם־שטעדט״.

ווי יענם קינד וואס האט זיך פערזינדיגט און בעקומען שמיץ, איז ווען מען וויל איהם שרעקען — דערמאָהנט מען איהם דעם קאַנטשוק.

.III

„גאָט פיהרט מִלְחָמָה מיט עמלק׳ן פון דור צו דור״ —
איז דער מָשָׁל:
די שלאַנג פערטריבען —
איהר גיפט געבליבען!

שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ האָט געטויט אַלע עֲמָלֵקִים, נאָר זייער מלך אֲגַג געלאָזען לעבען, און שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא האָט אויך איהם צוריסען, — איז שפעטער אויפ־געשטאַנען הָמָן הָאֲגָגִי און געוואָלט אַלע יודען אויסראָטען. הָמָנ׳ען האָט מען געהאַנגען, און זיין גיפט איז ביז אויף היינטיגען טאָג פערבליבען.

# מַתַּן תּוֹרָה.

.I

אַ שטיק צייט איז אַריבער פון זינט יודען האָבען זיך בעפרייט פון מצרים ביז גאָט האָט זיי אין דער מִדְבָּר די תּוֹרָה געגעבען.

אַ מֶלֶךְ האָט געהאַט איין־און־איינציגען זוהן, וואס איז נור־וואס אויפ־געשטאַנען פון אַ שווערער קרענק. קומט דער פעדאַגאָג [1] צום מֶלֶךְ און זאָגט: שוין צייט שיקען דעם פּרינץ אין שול לערנען.

ענטפערט דער מלך: ער איז ערשט גענעזען [2] געוואָרען און איז שטאַרק אַראָפּ פון פָּנִים, זאָל ער זיך נאָך אָנטהון וואוילטאָג אַ דריי חֳדָשִׁים ביז ער וועט רעכט צו זיך קומען.

אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מיינע קינדער זענען ערשט אַרויסגעקראָכען פון דער ליים און די רוקענס האָבען זיי נאָך ניט אויסגעגלייכט פון די שווערע ציגעל, — לאָמיר זיי פריהער קעכלען דריי חדשים מיט מָן און וואַכטלען און פרישען וואַסער פון מִרְיָם׳ס ברונען, — וועלען זיי צו זיך קומען, און דערנאָך וועל איך זיי די הייליגע תּוֹרָה געבען.

---

[1]) לעהרער או ערציהער. [2]) געזונד געוואָרען, אויסגעהיילט.

## .II

אַז די יודען זענען אַרויס פון מצרים, איז צווישען זיי געווען פיעל קאַ־ליקעס פון דער שווערער אַרבייט: דעם איז אַ שטיין געפאַלען פון מויער און די האַנד צוזעצט, דעם האָט אַ ציגעל געטראָפען — און די פיס צעבראָכען. האָט גאָט געזאָגט:

— איך וויל זיי געבען די תורה און מאַכען פאַר „אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליג פאָלק”, — ווי־זשע קענען כהנים זיין בעלי־מום [1])?—האָט ער באַלד אַ ווונק געטהון צו די מלאָכים, זענען זיי אַראָפּ און אַלעמען אויסגעהיילט.

## .III

נאָך בשעת וועלט־בעשאַפען האָט גאָט מיט אַלע בעשעפעניסען אַ תנאי אויסגענומען: ווען יודען אָננעהמען שפּעטער די תורה — בלייבט איהר אויף ווייטער, אויב נישט — מאַך איך צוריק פון אייך תהו־ובהו [2]).

איינער האָט געהאַט אַ גאָרטען, פערפלאַנצט מיט אַלערליי פּרוכט־ביימער: פייגען, ווייַנשטאָקען, מילגרוימען, עפּעל. האָט ער עס איבערגעגע־בען אַ פּעכטער, ער זאָל דעם גאָרטען בעאַרבייטען און אָפּהיטען. אין אַ צייט אַרום קומט ער זעהן, וואָס טהוט זיך אין זיין גאָרטען. געפינט ער איהם אינ־גאַנצען ווילד, פערוואַקסען מיט שטעכלען און דערנער. הייסט ער ברייַנגען אַרבייטער אויסצוהאַקען דעם גאַנצען גאָרטען. דערזעהט ער פּלוצים צווישען די דערנער אַ שעהנע פּרישע רויז. גיט ער זיך אַ שמעק און דערקוויקט זיך גאָר מיט איהר זיסען ריח. — צוליעב אָט דער רויז—זאָגט ער—זאָל געראַ־טעט ווערען דער גאַנצער גאָרטען.

אַזוי אויך איז די גאַנצע וועלט צוליעב דער תּורה בעשאַפען געוואָרען. נאָך 26 דורות האָט זיך גאָט אומגעקוקט אויף זיין וועלט און בעטראַכט, וואָס האָט מען דאָרט אויפגעטהון. זעהט ער קין, דור המבול, דור הפלגה.— נישט כדאי!—זאָגט גאָט — אומברייַנגען וועל איך די וועלט. דערזעהט ער אָבער אינמיטען איין פּרעכטיג שעהנע רויז — דאָס יודישע פאָלק מיט דער תורה. — אָט צוליעב זיי — זאָגט גאָט — ווערט גערעטעט די גאַנצע וועלט.

---

1) קאַליקעס, מיט פעהלערען. 2) כאָאָס, לעער און גאָר־נישט.

## .IV

אַז גאָט האָט פֿערטראַכט צו געֶבּען די תּוֹרָה, האָט ער זי פריהער אַרומגעטראָגען צו אַלע אומות־הָעוֹלָם, און קיינער האָט זי ניט געוואָלט נעהמען:

ער קומט צו די בְּנֵי אֱדוֹם [1] — פרעגען זיי:

— וואָס שטעהט דאָרט געשריבען?

— לֹא תִרְצָח, הַרְגִ׳ע ניט!

— ניין, אַזאַ תּורה קענען מיר ניט אָננעהמען! די בעסטע בְּרָכָה פון אונזער זיידען עֵשָׂו איז „פון דיין שווערד זאָלסטו לעבען!”

קומט ער צו עַמוֹן ומוֹאָב — פרעגען זיי אויך:

— וואָס שטעהט דאָרט געשריבען?

— לֹא תִנְאָף, טרייב ניט קיין אונצוכט!

— אַזאַ תּורה קענען מיר ניט אָננעהמען, אונזער גאַנצער יִחוּס איז דער זיידע לוט מיט זיינע צוויי טעכטער אין דער הייהל.

קומט ער צו די בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל — פרעגען זיי ווידער:

— וואָס שטעהט דאָרט געשריבען?

— לֹא תִגְנוֹב, זאָלסט ניט גַנבִ׳נען.

— אַזאַ תּורה קענען מיר ניט אָננעהמען, אונזער זיידע ישמעאל איז געוועזען בעריהמט פאַר „אַ ווילדען מענשען, געלעבט פון גְנֵיבָה און גְזֵילָה, זיין האַנד געגען אַלע”...

ביז גאָט איז געקומען צו די קינדער יִשְׂרָאֵל און זיי האָבען געזאָגט „נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע”—מיר ועלען פאָלגען און הערען.

## .V

בְּשָׁעַת די יודען זענען געשטאַנען ביי׳ם באַרג סִינַי און האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע”, צוגעזאָגט „פאָלגען” איידער זיי האָבען „געהערט” וואָס מען וועט זיי בעפעהלען, — זענען אַראָפּגעגאַנגען שִׁשִּׁים רִבּוֹא מַלְאָכִים און יעדע־רען אָנגעטהון צו צוויי קרוינען: איינע פאַר „נעשה”, די אַנדערע—פאַר „נשמע”; אַז די יודען האָבען דערנאָך געזינדיגט און געמאַכט דעם עֵגֶל [2], זענען אַראָפּ צווייטאָל ששים רבוא מלאָכים און צוריק צוגענומען די קרוינען.

---

1) רוים הייסט ביי די חכמי התלמוד—אדום. רוים האָט געוועלטיגט מיט׳ן בלוטיגען שווערד. 2) גאָלדענע קאַלב.

.VI

קיין פויגעל האָט ניט געצוויטשערט, קיין פליגעל זיך ניט גערירהרט, קיין וועלע אין ים זיך ניט בעוועגט, מלאָכים אין הימעל די שירה איבער־געריסען, שׂרפים דעם „קדוש" ניט פערענדיגט, די גאַנצע וועלט דעם אָטהעם פערחאַפּט, — אין דער מינוט ווען גאָט'ס שטימע האָט אַ דינער געטהון פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערען: „אָנכי ה' אֱלהֶיך".

.VII

„אנכי ה' אלהיך" — איך בין גאָט דיין גאָט אין אַלע געשטאַלטען. אין געשטאַלט פון אַ מעכטיגען גבור אין שטרייט — האָט זיך פאַר די יודען די געטליכקייט ביי'ם ים בעוויזען, אין געשטאַלט פון אַ ווייזען געניטען לעהרער אויף'ן באַרג סיני, ווי אַ יונגלינג שעהן און פריש און לעבענסלוסטיג אין שלמה המלך'ס צייטען, ווי אַ באַרימהאַרציגער גריי־גרויער פאָטער אין די צייטען פון דניאל—„אנכי ה' אלהיך", איינער איז דער יודישער גאָט אין אַלע געשטאַלטען.

.VIII

די צעהן געבאָט, אַרויסגעהענדיג פון גאָט'ס מויל, האָבען זיך צושפּרייט אויף גאָר דער וועלט און מיט יעדען פון זיי האָט זי זיך אָנגעפולט מיט אַ זיסען ריח פון בשׂמים, יעדעם געבאָט מיט זיין בעזונדערען ריח. און פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערען האָט געהילכט גאָט'ס שטימע, צוברעקעלט זיך אויף זיבעציג טיילען און אויף אַלע זיבעציג לשונות זיך הערען געלאָזט.

פערציטערט זענען געוואָרען אַלע אומות פון דער וועלט און ערשטוינט זענען שטעהן געבליבען די מלכים אין זייערע פּאַלאַצען. און פון אַלע עקען איז מען געקומען צו בלעם'ן, דער נביא פון די אומות אין יענער צייט, און דערשראָקענע האָט מען איהם געפרעגט: וואָס בעדייט עס, אפשר וויל גאָט ווידער אַ מבול ברענגען אויף דער וועלט?

ענטפערט ער זיי: גאָט האָט שוין איינמאָל געשוואוירען, אַז ער וועט די וועלט מעהר ניט פערפלייצען.

— אפשר פערפלייצען—נישט, אָבער אַן אומקומעניש דורך פייער—יאָ?

— ניין, די וועלט ווערט ניט חרוב, — שטאַרקער און מעכטיגער ווערט זי —

„אַ גרויסע מאַכט גיט גאָט צו זיין פאָלק״ [1].
האָבען זיי אַלע געענטפערט: „בענש גאָט זיין פאָלק מיט פריעדען״ [2].

## IX.

אַז משה איז אַרויף אויפ׳ן הימעל, זענען די מלאָכים געקומען צו׳ם אויבערשטען און געזאָגט:

— וואָס טהוט אַ ילוד-אשה [3] דאָ צווישען אונז?

זאָגט ער זיי: די תּוֹרָה נעהמען.

פרעגען זיי:

— אַ טייערער שאַץ ליגט ביי דיר פערבאָרגען נאָך מיט תּתּקע״ד [4] דורות פריהער איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, איצט ווילסטו עס אַוועק-געבען די מענשען-קינדער, און ניט אונז, דיינע טריי קנעכט?

זאָגט גאָט צו משה׳ן: גיב דו זיי אַ תּשובה.

ענטפערט משה:

— איך האָב מורא, זיי וועלען מיך פערברענען מיט׳ן הויך פון זייער מויל.

זאָגט גאָט: האַלט זיך אָן ביי׳ם כּסא-הכּבוד און גיב זיי אַן ענטפער.

זאָגט משה:

— רבּונו-של-עולם! וואָס שטעהט דען אין דיין תורה? — „איך בין גאָט דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון מצרים", — זענט איהר דען, מלאָכים, אין מצרים געוועזען, פּרעה׳ן געדיענט? דאָס צווייטע געבאָט: „זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע געטער" — וואוינט איהר דען צווישען גוים געטצענדינער? ווייטער: „שווער ניט פאַלש מיט גאָטס נאָמען" — האַנדעלט איהר דען? „האַלט עהרליך פאָטער און מוטער"—האָט איהר דען עלטערן? ווייטער: „לא תרצח", „לא תגנוב", „לא תנאף" — איז דען קנאה-שנאה ביי אייך דאָ, האָט איהר דען אַ יצר-הרע?

באַלד זענען אַלע מלאָכים געוואָרען משה׳ס גוטע פריינד און יעדער האָט איהם געגעבען אַן אַנדער מתּנה.

## X.

אַז משה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונ׳ם הימעל, איז דער שׂטן געקומען

---

1) אַ פּסוק אין תהלים. 2) די צווייטע העלפט פסוק. 3) געבוירען פון אַ פרוי. 4) 974.

פאַר גאָט ברוך־הוא און געפרעגט: הער פון דער וועלט, וואו איז דיין תּורה?

— דער ערד האָב איך זי אָפּגעגעבען — האָט גאָט איהם געענטפערט.

איז דער שׂטן אַוועק צו דער ערד און געפרעגט בּיי איהר: וואו איז די תּורה?

— „איין גאָט ווייסט קלאָר איהר וועג".

געהט ער צום ים פרעגען.

— ניטאָ בּיי מיר — ענטפערט איהם דער ים.

לאָזט ער זיך צום אָפּגרונד אַראָפּ.

— „ניט בּיי מיר איז זי" — ענטפערט דער אָפּגרונד.

קומט דער שטן צוריק פאַר גאָט און זאָגט: רבּונו־של־עולם, איך האָב זי אויף דער גאַנצער ערד אויסגעזוכט און ניט געפונען.

— געה צו עמרם'ס זוהן — האָט איהם גאָט געענטפערט.

געהט ער צו משה'ן און פרעגט איהם: די תּורה, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען, וואו איז זי?

— מיר? — האָט משה געזאָגט — וואָס בּין איך דען, אַז גאָט זאָל מיר געבען זיין תּורה?

— משה — זאָגט גאָט — דו פערלייקענסט גאָר?!

— רבּונו־של־עולם — ענטפערט משה — דיין טייערער אוצר, אין וועלכען דו שפּיגעלסט זיך אַלע טאָג, זאָל איך איהם פאַר מיינעם רעכענען?

— פאַר אזא ענוות — זאָגט גאָט — קומט דיר, אַז די מתּנה זאָל זיך אָנרופען אויף דיין נאָמען—„תּורת משה" וועט זי הייסען בּיי'ם גאַנצען פאָלק.

## .XI

די תּורה, וואָס משה האָט גענומען אויפ'ן בּאַרג סיני איז געוועזען געשריבען מיט שוואַרץ פייער אויף ווייס פייער און איינגעהילט אין פייער. משה האָט געשריבען און די פעדער אָפּגעווישט אין די האָר פון קאָפּ, — דערפון האָט ער זיינע שטראַהלען בּעקומען.

## דער עגל.

ווען משה איז אַרויף אויפ'ן בּאַרג סיני, האָט ער מיט די יודען אָפּגערעדט: אין פערציג טאָג אַרום בּרענג איך אייך די תּורה. דעם לעצטען טאָג איז געקומען דער שטן און אָנגעמאַכט צווישען יודען אַ גערודער:

— וואו איז משה? וואו קען זיין משה?

— אויפ׳ן הימעל — זאָגען אַנדערע.
— שוין נאָך האַלבען טאָג און נאָך נישטאָ!
— אַוודאי געשטאָרבען.

הויבט מען אויף די אויגען אַרויף צו די וואָלקען. דערזעהט מען עפּיס, ווי אַ מַטֶה טראָגט זיך אין דער לופטען, ווייזט מען מיט די פינגער און מע זאָגט:

— יאָ, מיט משה׳ן, ווייזט אויס, איז טאַקי עפּיס דאָרט געשעהן.

האָבען זיך צונויפגעקליבען פערציג טויזענד מאַן פון ערב רב [1] און צווישען זיי — צוויי חַרטומים יונוס און יומברוס, וואָס האָבען בּיי פרעה׳ן אַלע מופתים געוויזען מיט כשוף. און זיי זענען געקומען צו אַהרנ׳ען און געזאָגט: משה וועט שוין צוריק ניט קומען, — מאַך אונז אַ גאָט! וויל זיי אַהרן איינ־נעהמען מיט גוטע רעד און חור העלפט איהם: — וואַרט נאָך אויף אַ קורצע צייט, ער וועט געוויס בּאַלד קומען. ווילען זיי ניט הערען. הויבט חור זיך אָן צו בּייזערען: האַרטנעקיגע! אַזוי גיך פערגעסט איהר אין משה׳ן מיט אַל־דאָס־גוטס, וואָס ער האָט אייך געטהון! האָבען זיי חור׳ן גע׳הרג׳עט און ווידער צוגעשטאַנען צו אהרנ׳ען:

— מאַכסטו אונז אַ גאָט איז רעכט, ווען ניט טויטען מיר דיך אויך.

פּרובט זיך אהרן איבּערקליגען זיי און זאָגט: „בּרענגט די גילדערנע אוירינגליך פון אייערע פרויען און טעכטער". גערעכענט האָט ער: פרויען זענען פערקאָכט נאָך צירונג און וועלען ניט געבען. און די פרויען האָבען ווירקליך ניט געוואָלט אָפּגעבען דאָס צירונג אויף אַזאַ זאַך. „סטייטש — האָבען זיי גע׳טַעֲנָה׳ט — אַזוי גיך פערגעסען אין גאָט און אין זיינע נסים!" האָבען די מענער אַוועקגעגעבען זייערע אייגענע נאָזבענדער.

און אַהרן האָט אַריינגעוואָרפען דאָס גאָלד אין פייער און געזאָגט:

— רבּונו־של־עולם! דו ווייסט דאָך יעדערענס פערבּאָרגענע געדאַנקען, — זיי מיין עֵדות, אַז איך טהו עס איבּער געוואַלד.

זענען געקומען די חרטומים און אַריינגעוואָרפען אין שמעלץ־טיגעל אַ טאָפעל מיט כּשוף־שפּראַך, אויף איהם אויסגעקריצט: „אָקם — אַרויף", איז בּאַלד אַרויס דער עגל און אָנגעהויבען צו מעקען און צו שפּרינגען הין און הער.

דערזעהן דאָס האָט אַהרן גענומען בּויען אַ מִזְבֵּחַ. ווילען יודען מיט־

---

1) „מושלונגען", פרעמדע פעלקער, וואָס זענען אַרויס מיט די יודען צוזאַמען פון מצרים.

בויען, לאָזט ער נישט, ס׳איז אַ אום׳כּבוד — זאָגט ער — אַז אַ ניט־כּהן זאָל מיטהעלפען. געמיינט האָט ער דערמיט, עס זאָל מעהר דויערען, וועט דערווייל משה אַראָפּקומען. אַז משה איז אָבער אַלץ נישט געקומען, לעגט אהרן ווידער אָפּ: „מאָרגען איז גאָט׳ס יום־טוב״.

זאָגט גאָט אויפ׳ן הימעל צו משה׳ן:

— נידער, וואָס גיכער, דיין פאָלק האָט געזינדיגט.

ענטפערט משה:

— ניין, רבונו־של־עולם, ניט מיין פאָלק זענען זיי, נאָר דיין פאָלק און דיין איינענס, וואָס דו האָסט אַרויסגעפיהרט פון מצרים.

זאָגט גאָט:

— אָבער געזינדיגט האָבען זיי דאָך, — אַן עגל געמאַכט!

ענטפערט משה ווידער:

— זאָל דער עגל דיר אַ העלפער זיין: דו שיק ווינטען, ער—רעגענס, דו לאָז לייכטען די זון, ער — די לבנה, דו מאַך שפּראָצען ביימער, ער — גראָזען.

— משה — זאָגט גאָט — ביסט אויך איינגעגלויבט אין אַזאַ נאַרישקייט!

— אויב אַזוי — ענטפערט משה — אויב דאָס איז אינגאַנצען לויטער נאַרישקייט און עס האָט נישט קיין שום ממשות — „וואָס־זשע גריזמט אַזוי דיין צאָרן אויף דיין פאָלק?״

זאָגט גאָט ווייטער:

— נידער פון הימעל, נידער פון דיין גרויסקייט! דיין גאַנצע גדולה איז געווען צוליעב׳ן פאָלק, ווי באַלד ניט זיי—ביסטו דאָך אויך שוין איבעריג.

באַלד איז משה אָפּהענגדיג געוואָרען און מעהר קיין מוטה ניט געהאַט צו רעדען.

ווי ער האָט אָבער געהערט גאָט׳ס ווערטער: „לאָז מיך — וועל איך זיי פערטיליגען״, טראַכט ער ביי זיך: „ווי באַלד עס ווענט זיך אין מיר— וועל איך ניט דערלאָזען״.

און משה האָט אָנגעהויבען מתפּלל זיין, בעטען רחמים פאַר זיין פאָלק. אין אַלע ווינקעליך פונ׳ם הימעל האָט ער זיך געוואָרפען און אָנגעקלאַפּט אין אַלע טויערען.

— וואָס שטעלסטו זיך אַזוי איין פאַר זיי?—האָט איהם גאָט געפּרובט

בערוהיגען — זיי וועל איך אומברייגנגען און פון דיר וועל איך אויפשטעלען א גרויס פאלק.

— רבונו־של־עולם — האט משה אפגעווענדעט — א שטוהל אויף דריי פיס[1]) קען דיין צארן נישט אויסהאלטען, ווי וועט שוין זיין מיט א שטוהל אויף איין פוס? און וואס וועלען אויף דעם מיינע עלטערן זאגען: זעהט, א שעה־נער פאלקס־פיהרער, זיך אליין פערזארגט מיט גדולה, און פאר'ן גאנצען פאלק נישט געזארגט!

צום סוף האט משה גע'טענה'ט:

— וואס וועלען אלע געצענדינער זאגען? איין פרעה'ן האסטו געקענט בייקומען, אבער אנטקעגען איין און דרייסיג מלכים[2]) האסטו ניט דעם כח בייצושטעהן, דעריבער האסטו די יודען אומגעבראכט.

ענטפערט גאט: „איך גיב נאך, לויט דיין בקשה“. איצט וועלען די אומות־העולם זאגען: וואויל דעם תלמיד, וואס דער רבי איז איהם מודה.

***

ווען משה האט די שטיינערנע לוחות מיט גאט'ס שריפט בעקומען, האבען זיי זיך ווי לעבעדיגע אליין געטראגען און לייכט זענען זיי איהם געווען. ווי ער איז אראפ פון בארג און דערזעהן דעם עגל, זענען די הייליגע אותיות פונ'ם שריפט, ווי א מחנה איבערגעשראקענע פייגעליך, צוריק צו'ם הימעל געפלויגען און די צוויי שווערע שטיינער האבען איהם, ווי גופים אהן נשמות, די הענד געדריקט, ביז ער האט זיי מיט צארן פון זיך א שליידער געטהון און צובראכען.

## דער משכן.

דער משכן, וואס יודען האבען אין דער מדבר געמאכט, איז פון ברע־טער געבויעט געווארען. וואו האבען זיי דארט ברעטער גענומען? נאך דע־מאלט ווען יעקב אבינו איז געקומען קיין מצרים, האט ער געזאגט צו זיינע קינדער: גאט וועט אייך אמאל אויפריכטען און אויסלייזען פון דאנען, און ער וועט אייך הייסען בויען א משכן אין מדבר, וואו ס'איז קיין געהילץ ניטא, — דארפט איהר זעהן אליץ צוגרייטען בעצייטענס.

האבען זיי באלד איינגעפלאנצט טענענביימער אין גושן, און אז די

---

1) דאס פאלק אנגעשפארט אויפ'ן זכות פון די דריי אבות. 2) פון לאנד כנען.

יודען זענען אַרויס פון מִצְרַיִם, האָבען זיי די טענענבוימער אויסגעהאַקט און מיטגענומען, — פון זיי האָט מען געזעגט די ברעטער צום מִשְׁכָּן.

* * *

וואו אַ „וַיְהִי" איז אַ צָרָה. ביים ענדיגען דעם מִשְׁכָּן שטעהט אויך: „וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת משֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", וואָס־זשע איז דאָרט געווען פאַר אַ צָרָה?

זאָגען די חֲכָמִים דערויף אַ מָשָׁל:

אַ גרויסער שַׂר האָט געהאַט אַ בייזע פרוי. זאָגט ער איהר: „שטריק מיר אויס אַ פורפור־מאַנטעל". די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען בעשעפטיגט מיט דער אַרבייט, האָט זי געשוויגען, ניט געקריגט זיך, ניט געשאָלטען. אַז זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער אַרבייט, ברענגט זי איהם דעם מאַנטעל — הויבט ער אָן צו קרעכצען. זאָגט זי איהם: איך האָב געטהון דיין ווילען און אַזוי פיעל מִיה געלעגט — איצט קרעכצסטו, וַי וַי?! געפעלט דיר דען די אַרבייט ניט? ענטפערט ער: דער מאַנטעל איז אַוַדְאי פיין און שעהן, דו ביסט אָבער איצט שוין ניט פערנומען — וועסטו ווייטער זיך נעהמען קריגען ווי אַמאָל.

דער נִמְשָׁל איז:

משה האָט מורא געהאַט, כָּל־זְמַן די יודען זענען געווען פערנומען מיט'ן מִשְׁכָּן איז געווען שטיל, ווי די אַרבייט האָט זיך געענדיגט, — וועלען זיי ווייטער אָנהויבען קומען מיט טַעֲנוֹת, ווי זייער שטייגער איז געווען אין מדבר.

* * *

זיי פלעגען „נאָכקוקען נאָך משה'ן" און הינטען־אַרום איהם בערעדען. איינער זאָגט: „זעה נור אַ קאַרק, זעה נור אַ גִידוּל! קיין וואונדער: ער עסט פון אונזערס, טרינקט פון אונזערס!" און דער צווייטער האַלט איהם אונטער: „וואָס דען? אַ מענש האָט צו שאַפען אויף אַזאַ בִּנְיָן, אַזוי פיעל שטיקער גאָלד און זילבער אָהן מאָס און וואָג, אָהן צאָהל און שִׁעוּר — ווילסטו ער זאָל דערפון ניט געניסען?"

דעריבער האָט משה אָפגעגעבען חֶשְׁבּוֹן וואוהין און וויפיעל גאָלד און זילבער האָט ער פערטהון אויף יעדער זאַך בעזונדער.

נאָר פון טויזענד זיעבען הונדערט פינף און זיבעציג טאָלער זילבער האָט ער פערגעסען און ניט געוואוסט, וואוהין זיי זענען אַהינגעקומען. הייבט ער אויף די אויגען און דערזעהט — די זילבערנע האָקען פון די זיילען.

דערמיט האָט משה געענדיגט דעם גאַנצען חֶשְׁבּוֹן און אַלע האָבען געמוזט מוֹדֶה זײַן, אַז אַלץ איז ריכטיג ביז'ן לעצטען טאָלער.

# מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל [1].

וואַנדערענדיג אין מִדְבָּר האָבען די יודען געהאַט אַ סִימָן, ווען צו געהן און ווען צו בלײַבען שטעהן. דער וואָלקען־זײַל האָט זײ דעם וועג געוויזען: וואו ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען — דאָרט האָבען זײ זיך אָפּגעשטעלט, ווי דער וואָלקען האָט זיך אָנגעהויבען ווידער צו ריהרען פלעגט משה זאָגען:

גאָט שטעה־אויף, און דײַנע געגנער וועלען זיך צושפּרײטען,
און אַנטלויפען וועלען דײַנע פײַנד פאַר דיר.

הויבט זיך אויף דער וואָלקען און די מַחֲנֶה פּאַקט זיך אײַן אין וועג, ווער עס האָט אַן עזעל — לאָדט ער איהם אָן, ווער עס האָט ניט — טראָגט דער וואָלקען זײַן האָב און גוטס. ווי זײ ווערען פאַרטיג, — בלאָזט מען אין די טראָמפּײטען און דער שֵׁבֶט יְהוּדָה טרעט־אַרויס דער ערשטער. דער נָשִׂיא[2] — פאָראויס און דער גאַנצער שֵׁבֶט נאָך איהם.

יעדער שבט האָט געהאַט זײַן פאָהן מיט זײַן הערב. יעדע פאָהן — מיט איהר פאַרב, לויט'ן קאָליר פון זײַן טײַערען שטײן אויפ'ן חוֹשֶׁן וְאֵפוֹד:

רְאוּבֵן: דער שטײן — רובין, די פאָהן — רויט, דער הערב — „פּײַל־בעליך"; שִׁמְעוֹן: דער שטײן — טאָפּאַז, די פאָהן — גרין, הערב — די שטאָדט שְׁכֶם; לֵוִי: דער שטײן — היאַצינט, פאָהן — גרווליך־רויט, הערב — אוּרִים וְתֻמִּים; יְהוּדָה — סמאַראַגד, פאָהן — הימעל־בלוי, הערב — אַ לײב; יִשָּׂשכָר — סַפּיר, פאָהן — טונקעל־בלוי, הערב — זון און לְבָנָה; זְבוּלוּן — דימענט, פאָהן — ווײַס, הערב — אַ שיף; דָן — אָפּאַל, פאָהן — טיעף־בלוי, הערב — אַ שלאַנג; גָד — קאַרדיערית, פאָהן — גרוי, הערב — אַ מַחֲנֶה; נַפְתָּלִי — אַמעטיסט, פאָהן — העל־ווײַן פיאָלעט, הערב — אַ אינד; אָשֵׁר — אַגהאַט, פאָהן — שוואַרץ, הערב — אײלבירט; יוֹסֵף — אָניקס, פאָהן — טונקעל־ברוין בעמאָלט אין צווײ פעלדען אײנס נעבען אַנאַנדער פאַר בײדע שְׁבָטִים; אֶפְרַיִם'ס הערב — אַן אָקס, מְנַשֶּׁה'ס — אַ בופעל; בִּנְיָמִין — יאַספּיס, פאַרב — רעגען־בויגען, הערב — אַ וואָלף.

דעם גאַנצען וועג געהט דער אָרון פאָראויס, שפּריצט מיט פינקען

---

1) יודישער לאַגער. 2) פירסט, עלטסטער.

פײַער פון זײַנע צווײַ שטאַנגען אַרוים, פערברענט די שלאַנגען און עֶקדישען און ברענגט־אום די יודישע שׂוֹנאִים.

ווי דער וואָלקען־זײַל לאָזט זיך אַראָפּ, נעהמען באַלד די לְוִיִים און שטעלען־אויף דעם מִשְׁכָּן, און די שְׁבָטִים רינגלען איהם אַרום ווי אַ גאַרטעל פון אַלע פיער זײַטען, צו דרײַ אין אַ זײַט, און די פּראַכט־וואָלקענס רוהען אַרום זיי. משה שטעלט זיך און זאָגט: „רוה, גאָט, מיט די מיריאַדען טויזענדער יודען". ערשט דעמאָלט לאָזט זיך אויפ'ן מִשְׁכָּן אַראָפּ דער שְׁכִינָה־וואָלקען. מִרְיָם'ס ברונען בלײַבט שטעהן בײַ'ם אַרײַנגאַנג פון הויף און די צוועלף נְשִׂיאִים שטעלען זיך בײַ איהם און זאָגען שִׁירָה:

„ברונען־אויף" — שאַלט צו איהם!
העֶרען האָבען איהם גענראָבען,
אַדעל־לײַט פון פאָלק — נעהוילט,
מיט די העֶרשער־שטעק נעקריצט".

שפּרינגט דאָס וואַסער פונ'ם ברונען און גיסט אין קוואַלען אויף אַלע פיער זײַטען, צושפּריצט אין שטראָמען הין און הער און צושנײַדט דעם פּלאַץ טאַפּעל־ווײַז מיט וואַסער בעגרענעצט, שֵׁבֶט בײַ שֵׁבֶט, פאַמיליע בײַ פאַמיליע, און אויסגעוועניג פליִיצט אַ ברײַטער טײַך און רינגעלט־אַרום די גאַנצע מַחֲנֶה פון אַלע זײַטען. די בעוואַסערטע ברעגען האָבען זיך בעדעקט מיט פעטע, זיסע גראָזען, און די פּיה האָבען זיך נאָהענט אַרום יודישען לאַגער געפּויטערט. די אַלע טײַכליך פלעגען פונקלען, בײַטאָג אָפּגעשפּיגעלט דעם בלויען הימעל און בעגאָלדעט פון זונ'ען־שטראַהל, בײַנאַכט בעזילבערט פון לְבָנָה־שײַן. פון ווײַטען אויף וויפיעל מײַלען האָבען די אוּמוֹת־הָעוֹלָם דאָס מיט גרויס אָפּשײַ געזעהן און פערגאַפּטע אײַנס דאָס אַנדערע געפרעגט:

ווער איז עס די וואָס בליקט אַרויס,
ווי די מאָרגען־שײַן,
שעהן ווי די לְבָנָה, לויטער ווי די זון,
פּאָרכטיג, ווי די פלאַטער־פאָהנען 1)?

# משה'ס בילד.

די גרויסע וואונדער פון יְצִיאַת־מִצְרַיִם און שפּאַלטען דעם יַם האָבען אויפגערוהרט די גאַנצע וועלט. דער נאָמען פון משה, דעם געטליכען מאַן,

---

1) פאָהנען פון מאַרשירענדע שאַרען מיליטער.

איז געוואָרען בערימט צווישען אַלע פעלקער אין די ווייטסטע לענדער. האָט זיך איינעם פון די אַראַבישע קעניגען פערגליסט צו האָבען ביי זיך משה'ס בילד. רופט ער איינעם פון זיינע בעסטע מאָלער, אַ גרויסען קונסטלער, און זאָגט איהם: גיה אין דער יודישער מחנה, אין דער מדבר, מאָהל אָפּ פונקטליך דעם פיהרער פון די יודען, משה'ן, און ברייננ מיר דאָס בילד. ווען דער קינסטלער איז צוריקגעקומען מיט דעם בילד, רופט דער קעניג צונויף אַלע זיינע קליגסטע און געלעהרסטע, גרויסע מבינים אין חכמת־הפּרצוף[1], זיי זאָלען בעטראַכטען דאָס בילד פון דעם מאַן און נאָך זיין אויסזעהן בעשטימען זיין גייסט און אַרויסגעפינען אין וואָס קען שטעקען זיין געטליכע קראַפט. לאַנג בעטראַכט דאָס בילד, זאָגען זיי דעם קעניג אַזוי:

— דער מאַן, פון וועלכען דאָס בילד איז געמאָהלט, זעהט־אויס צו זיין זעהר אַ גרויסער בעל־גאוה, אַ שרעקליכער אַכזר, געלד־גייציג, להוט נאָך כבוד און נאָך מאַכט, און בכלל בעזיצט ער די ערגסטע מדות אין דער וועלט.

ווערט דער קעניג שטאַרק אויפגעבראַכט. סטייטש—שרייט ער אויס— איז דען מעגליך אַז אַזאַ מענש זאָל בעוויזען אַזעלכע וואונדער און זיין אַזוי בערימט? איינס פון די צוויי מוז דאָ זיין פאַלש, אָדער דאָס בילד אָדער אייער מבינות אויף דעם. און דער קעניג האָט בעשלאָסען זיך אַוועקלאָזען אין דער מדבר, אַליין מיט אייגענע אויגען אָנקוקען משה'ן און דערגעהן דעם אמת. געקומען אַהין האָט ער באַלד זיך איבערצייגט, אַז דאָס בילד איז טריי קאָפּירט פון משה'ן, עס פעהלט נישט אַ האָר. איהם איז אָבער דאָך שווער געווען צו גלויבען, אַז זיינע חכמים, די גרויסע געלעהרטע, אין וועלכע ער איז אַזוי איינגעגלויבט, זאָלען אַזאַ גראָבען טעות האָבען. קומט ער צו משה'ן אין געצעלט און דערצעהלט איהם איינגאַנצען די מעשה. אויסגעהערט דעם קעניג'ס ווערטער ביז'ן סוף, זאָגט איהם משה אַזוי:

— גערעכט זענען דאָ ביידע צדדים, אי דער מאַהלער אי די חכמים דיינע. דאַרפסט וויסען, אַז פון דער נאַטור ליגען טאַקי אין מיר אָט די אַלע שלעכטע מדות, וואָס דיינע חכמים האָבען אין מיין בילד געפונען. מיין גאַנצען לעבען אָבער האָב איך געפיהרט אַ שווערען אינערליכען קאַמפף מיט זיך אַליין, ביז גאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָב אָט די אַלע שלעכטע מדות בייגעקומען.

# קרח.

גאָט האָט משה'ן בעפוילען: „נעהם די לוים און רייניג זיי און זיי

1) די קונסט צו דערקענען אַ מענשען פון זיין אויסזעהן.

זאָלען זיך אָפּגאָלען"; האָט משה אַזוי געטהון, אָנגעהויבען פונ'ם אָנגעזעהענ־סטען לֵוִי — קרח'ן. ווי קרח'ס פרוי האָט דערזעהן זײַן גלאַט געגאָלט געזיכט און גלאַנציג קאַהלען־קאָפּ, האָט זי אויסגעשריען:

— וואָס דער משה צוטהוט מיט אײַך! ער איז געוואָרען מֶלֶך, דעם ברודער אַהרן — געקרוינט פאַר אַ כהן־גָדול, אַהרנ'ס קינדער—פאַר סְגָנִים[1]. ברענגט מען תְרוּמָה[2] — זאָגט ער — עס געהערט דעם כהן; מַעֲשֵׂר[2]) פאַר לְוִיִים — נעהמט ער דערפון ווידער אַראָפּ אַ צעהנט־חֵלֶק פאַר די כֹּהֲנִים; איז איהם נאָך ווייניג — נעהמט ער אײַך די לוִיים און שערט, ווי שאָף, און גאָלט אײַך אָפּ באָרד און קאָפּ־האָר און מאַכט אײַך צו שאַנד און צו שפּאָט! טאָמער האָסטו שעהנע האָר — פערגינט ער עס דיר נישט!

זאָגט קרח צו איהר: משה אַלײן איז אויך אַ לוי און אויך זיך האָט ער אָפּגעגאָלט. ענטפערט זי: א י ה ם פּאַסט אַלץ, בײַ זײַן גרויסקײַט טראַכט ער זיך: „זיך די האָר און יענעם דעם קאָפּ".

האָט קרח גענומען געהן פון געצעלט צו געצעלט — און קײנער האָט איהם ניט דערקענט. פרעגט מען איהם: ווער האָט עס דיר אַזוי געטהון? ענטפערט ער: משה! און ניט נור דאָס האָט מען מיר געטהון: נאָכ'ן וואַ־שען, שערען און גאָלען גיט מען מיך אַ הויב אין דער לופטען אויף אַלע פיער און געוואָרפען און געוויגט הין און הער — דעמאָלט ערשט האָט מען מיר געזאָגט: ביסט שוין טָהוֹר[3]). און דעם ברודער זײַנעם האָט ער אויסגע־פוצט ווי אַ חָתָן־בָּחוּר און אַוועקגעזעצט בײַם טיר פון אוהֶל־מוֹעֵד[4]),—דער הײליגסטער פון אַלע הײליגע—כהן־גדול, די קינדער—סגנים, און די גאַנצע וועלט איז זײערס: תְרוּמָה—פאַר זײ, מַתְּנוֹת כְּהוּנָה[5]) — פאַר זײ, תְרוּמַת מעשׂר[5]) — פאַר זײ...

און דערבײַ דערצעהלט זײ דער לֵץ אַזאַ מַעֲשֶׂה'לע:

-- שטעלט אײַך פאָר, נעבען מיר זיצט אַן אָרעמע שְׁכֵנָה, אַן אַלְמָנָה נעביך מיט צוויי יְתוֹמוֹת, און האָט איהר אײגענס אַ שטיקעל פעלד; וויל זי אַקערען — קומט משה מיט אַ בעפעהל: „שפּאַן ניט אײַן אַן אָקס מיט אַן עזעל צוזאַמען"; נעהמט זי זיך זײען — איז ער ווידער דאָ מיט אַ פערבאָט: „דײַן פעלד זאָלסטו ניט זײען כִּלְאַיִם" (געמישט פערשידענע תבואות).

---

1) סגן כהן, עלטסטער איבער כהנים. 2) אָפּצאָהל „אין נאַטור" מיט תבואה. 3) ריין געהײליגט. 4) פערזאַמלונגס געצעלט. 5) פערשידענע „נאַטור־אָפּצאָהלען", ווי ער רעכענט ווײַטער.

קומט שנית־צײַט — הײסט ער לאָזען לֶקֶט [1], שִׁכְחָה [2] און פֵּאָה [3] פאַר אָרעמע לײַט. פיהרט זי אַרײַן דאָס ביסעל תְּבוּאָה אין שײַער — הויבט זיך ווידער אָן אַ נײַע צעטיל שטײַערען [4]: תְּרוּמָה, מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן, מַעֲשֵׂר שֵׁנִי... אַ בְּרִיָּה האָט זי געהאַט? — גיט זי איהם. איז זי זיך מְיַשֵּׁב, פֶערקויפט דאָס פעלד און קויפט בעסער פאַר'ן געלד צוויי שעפעליך: ווי־ניט־ווי טראָגט עס איין אַביסעלע וואָל צו קלײַדען, אַ נײַגעבאָרען לעמעלע. קוים דערהאַרט די צײַט פון שערען די שאָף — בָּרוּךְ־הַבָּא, דער כֹּהֵן איז דאָ! די ערשטע רונע [5] וואָל — זאָגט ער — געהערט מיר! אַזוי האָט גאָט בעפוילען: „רֵאשִׁית הַגֵּז [6] זאָלט איהר געבען דעם כֹּהֵן", — נעהמט זי אַלץ נאָך אָן פאַר ליעב און גיט אַוועק. אין אַ מַזָּל'דיגער שָׁעָה, די שעפעליך האָבען געבוירען יונגע לעמעליך — דער כֹּהֵן איז ווײַטער דאָ און פאָדערט די „ערשט־געבוירענע", — אַזוי האָט גאָט בעפוילען: „יעדער בְּכוֹר זאָלסטו בעשטימען פאַר גאָט"; פלאַצט איהר שוין די געדולד: איך האָב שוין מעהר קײַן כֹּחַ ניט דאָס אויסצושטעהן, — בעסער שוין קוילען זיי און אויפעסען! ווי זי האָט די שאָף געשאָכטען, בעווײַזט זיך דער כֹּהֵן ווידער און מאָהנט: דאָס פֿעדערשטע פיסעל, די באַקען און דעם מאָגען („הזרוע והלחיים והקבה"). שרײַט זי אויס: געשאָכטענער־היד לאָזט מען מיר אויך ניט פרײַ צו געניסען, — זאָל־זשע דאָס גאַנצע פלײש זײַן געהײליגט — חֵרֶם! — אויב אַזוי — זאָגט ער — איז עס אין גאַנצען מײַנס! אַ בְּפֵירוּשׁ'ער [7] פָּסוּק: „יעדער חֵרֶם צו גאָט געהערט דעם כֹּהֵן". האָט ער אַלץ פערנומען און די וויסטע אַלְמָנָה מיט איהרע צוויי עלענדע יְתוֹמִים זענען געבליבען זיצען און ווײנען...

אָט אַזוי טהוען די הײליגע כֹּהנים און הענגען אַלץ אָן אין גאָט בָּרוּךְ־הוּא!

זענען צו קרח'ן צוגעשטאַנען צוויי הונדערט מאַן לוים און געקומען זיך אויס'טענה'ן מיט משה'ן. זאָגט ער זיי:

— די אוּמוֹת־הָעוֹלָם האָבען פיעל געטער, — דאַרפען זיי צו יעדערען אַן אַנדער גַּלָּח, מיר אָבער האָבען נור איין גאָט מיט איין תורה, איין געזעץ,

---

1) זאַנגען, אַראָפגעפאַלען אין אַ זײַט פון אונטער'ן שנײַד־מעסער. 2) אַ גאַרב, פערגעסען אין פעלד, טאָר מען זיך ניט אומקעהרען צוריקנעהמען. 3) אין עק פעלד לאָזט מען אַ שטיק ניט אָפגעשניטען — אַלץ פאַר אָרעמע לײַט. 4) אָפצאָהלען. 5) געשער וואָל פון איין שאָף. 6) דאָס ערשטע געשער. 7) אויסדריקליכער.

מיט איין מזבח—און איין כהן-גדול, און איהר זענט צוויי הונדערט מאן און חילט אלע ניט אנדערש ווי ווערען „אויבער-פריסטער"!...

* * *

און בן פלת פון שבט ראובן איז אויך געווען אין קרח'ס באנדע — האט איהם די פרוי זיינע אפגעהאלטען:

— וואס וועט דיר ארויסקומען? צי דער, צי יענער וועט זיין דער האר, דו וועסט אלץ בלייבען צום נאר.

ענטפערט ער:

— איך בין אבער מיט זיי אין איין עצה געווען און געשוואוירען בלייבען טריי צו זייער בונד?

ענטפערט זי: — איך וועל דיך שוין בעפרייען.

טרינקט זי איהם אן מיט וויין און לעגט איהם שלאפען, און אליין זעצט זי זיך ביים ארייננגאנג פון געצעלט מיט צופלאסענע האר, ווער עס איז אהינגעקומען און געזעהן זי מיט א אפגעדעקטען קאפ, האט שוין זיך ניט געקענט דערוועגען אריינצוגעהן,—דערווייל האט קרח בעקומען זיין שטראף...

## מי מריבה.[1]

נאך מרים'ס טויט איז דער ברונען, וואס האט אין איהר זכות יודען אין דער מדבר בעלייט און זיי מיט זיינע זיסע וואסער געקוויקט,—פערשוואונדען געווארען. האבען זיך די דארשטיגע יודען אלע מיט א מאל א לאז געטהון צו משה מיט אהרנ'ען וואסער פאדערען. די צוויי ברידער זענען דעמאלט געווען פערנומען מיט דער געשטארבענער שוועסטער. דערזעהען זיי די מחנה יודען. זאגט משה צו אהרן: אפשר ווייסטו וואס בעטייט דאס פערזאמלונג? ענטפערט אהרן: זענען זיי דען נישט אברהם יצחק ויעקב'ס קינדער, געוויס קומען זיי אפגעבען דעם מת אונזערען דעם לעצטען חסד.

— ניין, ברודער — זאגט משה — ביזט קיין מבין נישט, א פערזאמלונג צו א פערזאמלונג איז נישט גלייך, זאל דאס א ארענטליכע פערזאמלונג זיין, וואלטען די שרים זייערע פאראויס געגאנגען. ניט גומל-חסד זיין קומען זיי.

און באלד האבען זיך טאקע געלאזט טראגען פון דער מחנה ווילדע געשרייען, זידלערייען; פנים'ער האבען געפלאמט פון כעס, הענד האבען זיך

1) קריעג-וואסער.

געהויבען אין דער לופטען. משה מיט אהרן זענען דערשראָקענע אריין צו זיך אין געלט. ערשיינט באַלד די שכינה און גאָטס שטומע רופט: משה ואהרן, פאָלקס־דינער, אַרויס פון אייער געלט! מיינע קינדער געהען דאָרט אוים פאר דאָרשט און איהר זיצט זיך דאָ און טרויערט אויף דער אַלטעטשקער! און משה האָט דורך גאָט׳ס בעפעהל צוגעפיהרט די יודען צו אַ פעלז, פון וועלכען ער זאָל מיט זיין שטעקען פאר זיי וואַסער אַרויסבעקומען. שטעלען זיך יודען אַן אַרום דעם שטיין און באַלד געפונען זיך לֵצים, וואָס נעהמען רעדען אויף משה׳ן פאַר׳ן עולם:

— וואָס, איהר פערשטעהט דען נישט דעם גאַנצען אָנשטעל? ער אַליין, בן־עמרם, איז געוועזען ביי זיין שווער יתרו אַ פאַסטוך, און פאַסטוכער, דאַרפט איהר וויסען, זענען געניטע אין אויפזוכען וואַסער, וויל ער אונז פער־פיהרען צו ערגיץ אַ בעהאַלטענעם קוואַל, און אויסקומען וועט עס, אַז ער האָט כלומר׳שט געמאַכט וואַסער זאָל זיך בעווייזען. איז ער יאָ אַזאַ בריה, לאָז ער פון אַט דעם שטיין גיבען אונז וואַסער.

משה קוקט זיך אום, מיינט יודען זענען אונטער איהם, זעהט ער ווי זיי שטעהען שוין רעדליך־ווייז אויף די פעלזען און מ׳האַלט אין איין טענה׳ן. רופט ער זיי צום פעלז, ער וועט זיי פון איהם וואַסער גיבען. זאָגען זיי: ניין, נור פון דעם פעלז וואָס מיר ווילען, ניט פון קיין אַנדערען.

שטאַרק אויפגעבראַכט הייבט משה דעם שטעקען און גיט אַ קלאַפּ דעם פעלז, ביי וועלכען ער שטעהט. האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבען געהן טראָפּענווייז. מאַכען יודען לֵיצנות: בן־עמרם, וואָס מיינסטו, זויג־קינדער זענען מיר, צי ערשט אָנטוועהנטע?

ווערט משה נאָך מעהר אויפגעבראַכט, גיט מיט׳ן שטעקען אַ קלאַפּ דאָס צווייטע מאָל—און באַלד האָט זיך אַ גאַס געטהון שטראָמען וואַסערען, וואָס האָבען דאָס גאַנצע פלאַץ פערפלייצט.

## אַהרנ׳ס טויט.

אַז ס׳איז געקומען אַהרנ׳ס צייט צו שטאַרבען, האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: „געה זאָג איהם אָן". איז משה אַוועק גאַנץ פריה און איהם אויפ־געוועקט. פרעגט אַהרן: וואָס טהוסטו דאָ אַזוי פריה?

— איך האָב דיר צו פרעגען עפּיס אַ שאלה אין דער תורה. אַ גאַנצע נאַכט האָט עס מיר נישט רוהען געלאָזט.

— וואָס פאַר אַ שאלה?

— איך האָב גראָד פערגעסען, נאָר דאָס ווייס איך, אַז ס'איז אין סֵפֶר בְּרֵאשִׁית.

האָבען זיי גענומען לערנען פון אָנהויב אָן. בּיי יעדער פָּרָשָׁה האָט אהרן געזאָגט: וואויל האָט גאָט געטהון, רעכט האָט גאָט געטהון. אַז זיי זענען געקומען צו דער פָּרָשָׁה פון חַוָה'ן מיט'ן עֵץ־הַדַעַת, פרעגט משה:

— און וואָס זאָגסטו, אַהרן, וועגען דעם טויט?... איך וואָס האָב בּייגעקומען די מַלְאָכִים, דו וואָס האָסט דעם מַלְאַך־הַמָוֶת אָפּגעשטעלט — און אַזאַ סוף! ווארום וויפיעל האָבען מיר נאָך צו'ם לעבען?

— גאָר אַ קלייניגקייט.

און אַהרן האָט משה'ס מיין דערפּיי פערשטאַנען און אַלע זיינע אֵבָרִים האָבען דערפיהלט דעם טויט, און באַלד האָבען די יודען דערזעהן, אַז אַהרן'ס וואוקס איז ווי קלענער געוואָרען.

פרעגט משה: ביסט גרייט צו שטאַרבען?

— יאָ! — ענטפערט אַהרן.

זענען זיי אַרויף אויפ'ן באַרג הר־הָהָר אין דרייען: משה, אהרן און אֶלְעָזָר.

ווי זיי זענען אַרויף, האָט זיך פאַר זיי געעפענט אַ היהל, און זיי האָבען אינוועניג דערזעהן אַ בעטיל שטעהט געבעט און אַ ליכט ברענט צוּקאָפּענס.

איינגעהילט אין נעבעל האָט אהרן גענומען אָפּציהען פון זיך אַ קלייד נאָך אַ קלייד און אֶלְעָזָר זיין זוהן האָט זיי אויף זיך אָנגעצויגען.

— ברודער אהרן — האָט משה געזאָגט — זעה, ווען אונזער שוועסטער מִרְיָם איז פון דער וועלט געגאַנגען, האָבען מיר ביידע מיט איהר קְבוּרָה זיך אָפּגעגיבען. איצט ביי דיין פְּטִירָה [1] שטעה איך מיט אלעזר דיין זוהן. מיט מיר אָבער ווער וועט זיך אָפּגעבען? ווער וועט די האַנד אויף מיינע אויגען לעגען?

ווען אהרן איז שוין גרייט געווען, זאָגט איהם משה:

— אהרן, ברודער מיינער, לעג זיך אויפ'ן בעט! — לעגט ער זיך.

— ציה אויס די הענד! — ציהט ער אויס.

— פערמאַך דאָס מויל! — פערמאַכט ער.

— שליס צו די אויגען! — שליסט ער צו.

---

1) שטאַרבען.

באַלד איז אַראָפּ די שְׁכִינָה און איהם אַ קוש געטהון — איז זיין נְשָׁמָה אַרויס.

האָבען משה מיט אלעזר'ן איהם אָנגעהויבען צו קושען, ביז ס'איז אַראָפּ אַ וואָלקען און איהם פערדעקט, און אַ בַּת־קוֹל האָט אויסגערופען: געהט אַרויס.

ווי זיי זענען אַרויס — האָט זיך די הייהל אַליין פערמאַכט.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען אונטער'ן באַרג און מיט שרעק אַרויסגעקוקט ווען וועלען זיי שוין אַראָפּ. אַז זיי האָבען דערזעהן, ווי משה געהט אַראָפּ מיט אֶלְעָזָר'ן און אַהֲרן איז ניטאָ, האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי אַ געדודער. די האָבען געזאָגט: משה האָט איהם גע'הַרג'עט פון קִנְאָה, פאַרוואָס אַלע האָבען איהם בעסער ליעב. אַנדערע ווידער האָבען געזאָגט: אלעזר האָט איהם גע'הרג'עט, וויַיל ער האָט געוואָלט גיכער אָפּ'יַרְשֶׁנ'ען די כְּהוּנָה.

וואָס האָט גאָט געטהון? ער האָט אַ וואונק געטהון צו די מַלְאָכִים, האָבען זיי געעפענט די הייל און געלאָזט פליהען אַהרן'ס אָרון אין דער לופ־טען, האָבען אַלע דערזעהן, אַז אַהרן איז געשטאָרבען.

צייט אַהרן האָט געלעבט, האָט ער קיינעם ניט אויסגערעדט, ניט אויפ־געוואָרפען: „דו האָסט שלעכט געהאַנדעלט, דו האָסט געזינדיגט". ווען ער האָט בעגעגענט — האָט ער צוערשט געגריסט, מעג זיין דער שלעכסטער און זינדיגסטער — האָט אַהרן איהם „שָׁלוֹם" אָפּגעגעבען. אַוועקגעהענדיג, פלעגט זיך יענער בעטראַכטען: „טאָמער בעגעגען איך אַהרנ'ען נאָך אַמאָל, ווי וועל איך איהם קענען קוקען אין די אויגען, איך בין אַזאַ שלעכטער מענש, און ער בעגריסט מיך אַזוי פריינדליך — דאָס פלעגט אויף דעם בייזען מאַן גוט ווירקען, ער זאָל זיך אויסבעסערען און מעהר קיין שלעכטס ניט טהון.

זענען צוויי געווען צוקריגט, פלעגט אַהרן קומען צו איינעם און זאָגען: יענער רייסט אויף זיך די האָהר און בעדויערט שטאַרק, וואָס ער האָט דיך בעליידיגט; דעם צווייטען ווידער זאָגט ער אויך, אַז יענער נעהמט זיך שטאַרק צום האַרצען און האָט שטאַרק חֲרָטָה אויף דעם מַחְלוֹקֶת,—ביז ער רייסט אַרויס די שִׂנְאָה פון ביידענס הערצער און זיי ווערען שָׁלוֹם.

# אין טהאָל אַרְנוֹן.

דער טהאָל פון אַרנון איז געלעגען צווישען צוויי הויכע בערג. און דער טהאָל איז געווען אַזוי שמאָל, אַז ווען איינער איז געשטאַנען אויפ'ן באַרג אין איין זייט, האָט ער געקענט רעדען מיט'ן אַנדערען, וואָס שטעהט

אויפ׳ן באַרג אַנטקעגנען. און דער וועג צווישען זיי איבער׳ן טהאָל, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף, איז געווען זיעבען מײַל.

די ווענד פון באַרג זענען פון איין זייט געווען דורכגעלעכערט מיט הײַהלען, איינע איבער די אַנדערע, און פון אַנטקעגענדיגען באַרג האָבען אַרויסגעשטרעקט שטיקער פעלזען, ווי בריסט, פעלז געגען הײַל און הײַל געגען פעלז.

האָבען זיך צונויפגעקליבען חילות אָהן אַ שיעור פון אַלע פעלקער און זיך פונאַנדערגעזעצט: אַ טײַל אויף די פעלזען, אַ טײַל אין די הײַהלען, און געוואַרט, ביז די יודען וועלען אַרײַנגעהן אין טהאָל, — וועלען זיי אַלעמען אויס׳הרג׳נען.

האָט גאָט געטהון אַ נס און צונויפגעצויגען פון אויבען ביידע זײַטען בערג, אַז די אויסגעבויכטע [1] פעלזען זענען אַרײַן אין די אויסגעהוילטע לעכער און דערשטיקט און צוקוועטש סײַ די סײַ יענע חילות. און די יודען זענען דורכגעגאַנגען דעם טהאָל ווי אונטער אַ געוועלב, נישט צו וויסען וואָס פאַר אַ נסים זיי איז געשעהן. ערשט דערנאָך האָבען זיי דערזעהן ווי דער טײַך אַרנון, וואָס פליעסט דערבײַ טראָגט צוריבענע קעפּ מיט הענד און מיט פיס, און זײַנע וואַסערען זענען רויט פון בלוט. דאָס האָט ער אויסגעשווענקט דעם שונא פון אַלע לעכער אויף דער ליכטיגער שיין, יודען זאָלען זעהן די ישועה פון גאָט.

## עוג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן.

אַז די יודען זענען געקומען צום גרעניץ פון אֶדְרֶעִי, האָט משה געזאָגט:

— לאָמיר דאָ נעכטיגען, און מאָרגען, אַז די זון וועט זיך ווײַזען, וועלען מיר געהן אײַננעהמען דאָס לאַנד.

אויף מאָרגען פריה נעהמט עוג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן און זעצט זיך אויפ׳ן מויער אין דער הויך. האָט ער מיט זיין הויכען וואוקס פערשטעלט די זון.

אַז משה האָט עם דערזעהן פון ווײַטען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען. ער האָט געמיינט, אַז מען האָט איבערגעבויט אויסגעבויט אַזאַ הויכען מויער. — זאָגט איהם גאָט: האָב קיין מורא ניט, דאָס איז עוג און דו וועסט איהם בײַקומען.

---

1) אויסגעשטרעקט, בולט.

און עוג האָט בּעקוקט דעם יודישען לאַגער, און געזעהן, אַז ער פֿער־נעהמט דריי מייל, געהט ער און רייסט־אויס אַ בּאַרג פֿון דריי מייל און לעגט איהם אַרויף אויפ'ן קאָפּ, און וויל איהם צו־טראָגען צו מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל און אויף זיי אַרויפוואַרפען און דערשלאָגען אַלעמען מיט איינמאָל.

זענען אָנגעלאָפען מילבען, דורכגעלעכערט דעם בּאַרג, ווי אַ מיץ¹),— האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט בּיז צו עוג'ס האַלז־און־נאַקען. האָט עוג איהם געוואָלט אַראָפּציהען, זענען בּיי איהם פֿון פֿאָרענט אויסגעוואַקסען צוויי גרויסע קרומע צעהן און דורכגעשטאָכען דעם בּאַרג, ווי מיט צוויי האָקען פֿון בּיידע זייטען, אַז ער האָט איהם ניט געקענט אַראָפּנעהמען.

האָט משה גענומען אַ האַק מיט אַ לאַנגען שטיל פֿון צעהן איילען, און אַליין איז ער געווען הויך צעהן איילען און האָט נאָך אַ שפּרונג געטהון אויף צעהן איילען, — און דערגרייכט בּיז עוג'ס קנֵיה און איהם מיט איין קלאַפּ אומגעוואָרפען און דער'הרג'עט.

*
* *

אַבּא־שאול האָט דערצעהלט:

אַ קְבָרוֹת־מאַן בּין איך געווען, איינמאָל בּין איך נאָכגעלאָפען נאָך אַ הירש, איז ער אַריינגעלאָפען אין אַ טונעל, בּין איך נאָכגעלאָפען דריי מייל און איהם ניט דערגרייכט, און דער טונעל האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזען. אַז איך בּין אַרויס צוריק, האָב איך געזעהן, אַז דער טונעל איז געבּויט פֿון איין בּיין, לאַנג אין קייליגדיג אויסגעהוילט, ווי די לאַנגע קנאָכען פֿון הענד און פֿיס, — האָב איך פֿערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ קנאָך פֿון עוג מלך הבשן.

## די קליידער אין דער מִדְבָּר.

רַבִּי אֱלִיעֶזֶר האָט געפֿרעגט רבּי שִׁמְעוֹן'ען: וואו האָבּען די יודען גענו־מען קליידער אין דער מִדְבָּר פֿערציג יאָהר?

ענטפֿערט ער איהם: די מַלְאָכִים האָבּען זיי אָנגעטהון נאָך אויפ'ן בּאַרג סִינַי.

— און די קליידער זענען ניט צוריסען געוואָרען?

— ניין! אַזוי שטעהט אין פָּסוק: „דיין קלייד איז ניט אַלט געוואָרען".

— און אַז די קינדער זענען אויסגעוואַקסען?

---

1) קאָלפּאַק, נאַכט־הוט.

— זענען די קליידער מיט זיי געוואַקסען, ווי די שנעק[1]) מיט איהר שייד.
— און מען האָט זיי ניט געדאַרפט וואַשען?
— דער וואָלקען פלעגט זיי רייבען און פוצען.
— ווי זענען זיי ניט פערברענט געוואָרען?
— אַזוי ווי אַמיאַנט[2]) ; וואָס מעהר מען ברענט איהם — ווערט ער גלאַנציגער און שטאַרקער.
— און קיין אומצוכט האָבען זיך ניט פערפיהרט?
— אפילו נאָכ'ן טויט האָבען אויך די ווערים צו זיי קיין צוטרעט ניט געהאַט, בפרט לעבעדיגערהייד.
— ווי זענען זיי ניט פערדומפען געוואָרען פון שוויים?
— מרים'ס ברונען פלעגט זיי ברענגען שמעקעדיגע גראָזען און אַלערליי געווירצען, האָבען זיי זיך אין דעם געקויקעלט און דער וואויל־שמעקענדיגער ריח האָט זיך געלאָזט הערען וויט־וויים.

נעזעהן ווי גאָט גיט זיך מיט זיי אַזוי אָפּ, פוצט זיי און קעכעלט זיי, האָבען די יודען געזינגען די ליעד:

גאָט איז מיין פאַסטוך, וואָס־זשע פעהלט מיר?
אין טיעף־גראָזיגע אָאַזיסען[3]) בעלעגט ער מיך,
ביי רוהיגע וואַסערען פיהרט ער מיך — — —
און געה איך אין טהאָל פון דער וויסטע
שרעקט מיך קיין בעז ניט —
דען דו ביסט מיט מיר.

# דער טויט פון דור המדבר.

נאָך דעם ווי דער דור המדבר, ששים רבוא מאַן, האָבען זיך פערזינדיגט, האָט גאָט אויף זיי גוזר[4]) געווען, זיי זאָלען אַלע אויסשטאַרבען אין מדבר אין פערלויף פון פערציג יאָהר.

יעדעס יאָהר ערב תשעה־באב פלעגט משה אויסרופען אין מחנה: געהט גראָבען! האָט יעדער זיך אויסגעגראָבען אַ קבר און דאָרט איבערגע־נעכטיגט. אויף מאָרגען האָט מען אויסגערופען: די לעבעדיגע אָפגעשיידט

1) שולדקרעט, אַרט טשערעפּאַכע. 2) אַ אַרט אַזבעסט. 3) אַ שטיקעל פלאַץ אין מדבר בעדעקט מיט גראָז און ביימער. 4) בעפוילען.

פון די טויטע! פלעגען בלייבען אין קברים יעדעם מאָל צו פופצעהן טויזענד און די איבעריגע פלעגען אויפשטעהן געזונד און שטאַרק. אַזוי איז געשעהן פערציג יאָהר²), ביז דער אַלטער דור איז אין גאַנצען אויסגעשטאָרבען.

דאָס לעצטע יאָהר האָבען זיי ווידער אַזוי געטהון און אַלע זענען אויפגעשטאַנען לעבעדיג, האָבען זיי געמיינט, אַז מען האָט ניט גוט אויסגערעכענט דעם טאָג, זענען זיי אויף מאָרגען ווייטער געגאַנגען נעכטיגען אין די קברים. אַזוי האָבען זיי געטהון די גאַנצע וואָך. אַז זיי האָבען געזעהן דעם פונפצעהנטען אָב, דאָס קיינער שטאַרבט ניט, האָבען זיי פערשטאַנען, אַז די גזרה איז בטל ²) געוואָרען, און דעם טאָג געמאַכט יום־טוב.

שפּעטער, אַז די יודען זענען געזעסען אין ארץ־ישראל רוהיג און פריידליך, איז איינער פון די גרעסטע ימים־טובים ביי זיי געווען „חמשה עשר באב״ ³).

# בלעם.

מואב און מדין זענען געווען צוויי פיינדליכע פעלקער און שטענדיג צווישען זיך מלחמות געפיהרט.

ווי די יודען האָבען זיך דערנעהנטערט צום גרעניץ פון מואב, האָבען שוין דיביידע בלוט־שונאים צווישען זיך געשלאָסען שלום.

עס קומט אויס ווי צוויי הינט, וואָס פלעגען זיך שטענדיג צופּען און רייסען, ביז אַ וואָלף איז אויף זיי אָנגעפאַלען — האָבען זיי זיך שוין צונויפגעפּאָרט, און ביידע צוזאַמען אַרויס אַנטקעגען וואָלף.

אַזוי האָט זיך מואב צענויפגעפּאָרט מיט מדין, כּדי די יודען בייקומען און זיך צוטיילען מיט זייער גוטס, ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט:

שותּפות קאַץ און כּלב,
אויף שלים־מזל'ס חלב.

און בלק מלך מואב האָט ביי זיך געטראַכט:

— זייער פיהרער משה האָט אַ צייט מיט יאָהרען פערבראַכט אין מדין, — וועלען מיר פרעגען ביי די זקנים פון מדין, אין וואָס ליגט זיין גאַנצער כח. האָט ער בעקומען אַ ענטפער:

— דער כח זיינער איז נור אין מויל.

---

1) 40 מאָל 15 טויזענד מאַכט־אויס 600 טויזענד. 2) צושטערט, אָפּגערופען. 3) פופצעהן טאָג אין חודש אָב.

— אויב אַזוי—זאָגט בָּלָק — וועל איך אויף זיי אָנשיקען בִּלְעָם׳ן מִיט זיין מויל, וועט ער זיי פערשעלטען.

האָט זיך גאָט געוויזען צו בלעם׳ן און איהם בעפוילען:

— געה נִיט!

— וועל איך זיי שעלטען דאָ אויפ׳ן אָרט.

— שעלט נִיט!

— וועל איך זיי בענשען.

— אויך נִיט!

ווי מען זאָגט, אין אַ שפריכוואָרט, צו דער בִּיהן:

נִיט דיין האָנִיג,

נִיט דיין בִּיס.

און בִּלְעָם איז דאָך אַוועק און אויסגעבויט זיבען מִזְבְּחוֹת און געוואָלט שעלטען די יודען.

בעוויזט זיך גאָט צו איהם און פרעגט:

— רָשָׁע, וואָס טהוסטו? איך האָב דאָך דיר פערבאָטען?!

ענטפערט ער:

— אָט האָב איך איינגעאָרדנעט זיבען מִזְבְּחוֹת...

עס קומט אויס ווי אַ קרעמער, וואָס האָט אַ פאַלשע מאָס און אַ פאַלשע וואָג און נאַרט די קוֹנִים, קומט אַריין דער אויפזעהער פון מאַרק און כאַפּט איהם ביי דער האַנד ווי ער שווינדעלט:

— וואָס טהוסטו?

— איך האָב דיר, ליעבער הער, שוין אָפּגעשיקט אַהיים אַ פיינע מַתָּנָה.

גאָט לאָזט זיך אָבער נִיט אונטערקויפען מִיט שוֹחַד [1], — האָט ער איהם פערוועהרט צו שעלטען.

אָבער פון דעם רָשָׁע׳ס בְּרָכוֹת זעהט מען, וואָס פאַר אַ קְלָלָה ער האָט אין זינען געהאַט צו געבען, און גאָט האָט עס פערקעהרט אויף אַ בְּרָכָה:

געוואָלט האָט ער פערשעלטען, יודען זאָלען נִיט האָבען קיין שולען פאַר קינדער און בָּתֵּי־מִדְרָשִׁים פאַר דערוואַקסענע — און געבענשט:

ווי שעהן דיינע געצעלטען יַעֲקב,

דיינע וואוינונגען — יִשְׂרָאֵל!

---

1) בעשטעכונג, כאַבאַר.

ווידער האָט ער געוואָלט שעלטען, יודען זאָלען זיין וויסט און לעער, דאַר און טרוקען — האָט ער געבענשט:

ווי טייכען געצויגען,
ווי גערטנער ביים טייך,
פייכט, זאַפטיג זיין צווייג.
זיין זאָמען ביי שטראָמען,
ווי בשׂמים, וואָס נאָט
אַליין האָט געפלאַנצט.
ווי צעדער ביי׳ם קוואַל.

זיי זאָלען ניט געוועלטיגען איבער אַנדערע פעלקער — און ווידער געבענשט:

העכער פון אגג [1]) זיין מלך,
און זיין קעניגרייך דערהויבען.

אַלע ברכות האָבען זיך שפּעטער אין גלות ווידער פערוואַנדעלט אין קללות, חוץ איינע — שולען און בתּי־מדרשים. אין די ערגסטע צייטען זענען יודען געווען וואויל־געלערענטע און פאַר דער תּורה זיך מוסר־נפש [2]) געווען.

געזעהן אַז צו שעלטען איז ער נישט בכוח, האָט בלעם בלק׳ן אַזאַ עצה געגעבען:

— דער יודישער גאָט האָט פיינט אויסגעלאַסענקייט, יודען אָבער זענען להוט [3]) נאָך ליינענע קליידער. נעהם־זשע שטעל־אויף גאַנצע רייהען צעלטען־געוועלבליך און זעץ דאָרט אַוועק פרויען, אַלטע פון דרויסען און יונגע אינוועניג, און לאָזען זיי פערקויפען ליינענע קליידער...

און בלק האָט אַזוי געטהון.

אָפּגעגעסען און אָפּגעטרונקען געהט אַ יוד אויפגעלעגט אַרויס אין מאַרק שפּאַצירען. פעררופט מען איהם אין די געוועלבליך: צי דאַרפסטו נישט ליינינע קליידער? זאָגט איהם די אַלטע אַ אמת׳ע פּרייז און די יונגע — גאָר אַ ביליגע, און מאַכט דערביי חנ׳עוודיג: זיי היימיש, מיין פריינד, זעץ זיך אַנידער און קלויב זיך אויס וואָס דיין האַרץ גליסט. און באַלד טאַקי בעוויזען זיך דאָרט פלעשליך ווין פונ׳ם בעסטען עמונ׳ישען סאָרט, וואָס צורייצט דאָס בלוט. „ווילסטו אפשר פערזוכען אַ גלעזעל ווין?" — פרעגט

1) דער מלך פון עמלק. 2) דאָס לעבען געאָפּפערט. 3) בגערען שטאַרק.

זי מיט א פריינדליכען שמייכעל. קען ער נישט בײשטעהן און טרינקט. צינדט זיך אין איהם דאס בלוט און ער פרובט זיך מיט איהר ווערען גאר היימיש. נעהמט זי ארויס איהר געטיל פונ'ם שויס און זאגט: געפעל איך דיר יא, דינען-זשע אויך צו מיין געטיל. — וואס הייסט, זאגט ער, איך בין דאך א יוד! — וואס מאכט עס אויס? — זאגט זי איהם. און עס דערגעהט דערצו ביז ער זאגט זיך אפ אינגאנצען פון תורת-משה.

אזוי האבען די טעכטער פון מדין אראפגעפיהרט די יודען פון רעכטען וועג. און צוליעב דעם זענען פיער און צוואנציג טויזענד יודען אומגעקומען פון מגפה.

דערנאך אבער האבען יודען אין א מלחמה געגען מדין אפגעהאלטען א גרויסען נצחון [1]), און בלעם, וואס איז דערוויל געקומען אין מדינ'ישען לאגער געצאהלט מאהנען פאר זיין עצה, איז אויך צווישען אנדערע גע'הרג'עט געווארען. ווי דאס שפריכווארט זאגט:

דעם עזעל האט זיך געגליסט הערנער בעקומען –
האט מען איהם די לאנגע אויערען אפגענומען.

# משה'ס טויט.

„און גאט האט צו משה געזאגט: דער טאג פון דיין טויט איז שוין נאהענט".

„און ווען אויך ער הויבט זיך ביז צו'ם הימעל ארויף און זיין קאפ דערלאנגט דעם וואלקען... געהט ער פערלוירען און ניטא איהם" — געגען וואס רעדט זיך דא? געגען דעם טאג פון טויט: מעג דער מענש ווי א פויגעל אפילו זיך פליגעל מאכען און צו'ם הימעל זיך אויפהויבען—קומט די לעצטע שעה פונ'ם טויט ווערען די פליגעל זיינע צובראכען און ער פאלט-אראפ.

„און ווען אויך ער הויבט זיך ביז צו'ם הימעל ארויף" — דאס איז משה, וואס אויפ'ן הימעל איז ער ארויפגעשטיגען און מיט די פיס זיינע די וואלקענס געטראטען, און צו מלאכים גלייך געווארען, און מיט גאט ברוך-הוא פנים-אל פנים גערעדט און פון זיין האנד די תורה גענומען—ווי באלד זיין סוף איז געקומען האט איהם גאט געזאגט: „דער טאג פון דיין טויט איז שוין נאהענט".

---

1) זיענ, איינגענומען די מלחמה.

## I.

ווען משה האָט געזעהן, אַז דער גזר־דין אויף איהם איז שוין אָנגע־חתמ'ט געוואָרען, האָט ער אַרומגעצייכענט אַרום זיך אַ עיגול[1] און אַליין געשטעלט זיך אינמיטען און געזאָגט: „איך ריהר זיך נישט פון דאַנען, ביז דו וועסט די גזירה מבטל זיין". און אָנגעטהון האָט ער זיך אין אַ זאַק און איינגעהילט זיך אין אַ זאַק און זיך געוואַלגערט אין אַש, און האָט גענומען בעטען רחמים ביי גאָט ברוך־הוא, ביז דער הימעל מיט דער ערד און די גאַנצע נאַטור האָבען אָנגעהויבען ציטערען און געפרעגט: „אפשר איז שוין דער ווילען פון גאָט געקומען גאָר זיין וועלט צו בענייען?"[2] איז אַ בת־קול אַרויס און געזאָגט: „נישט געקומען איז נאָך דער ווילען פון גאָט זיין וועלט צו בענייען, נאָר „אין זיין האַנד איז די זעעל פון אַלע לעבעדיגע"[3]... און גאָט האָט געלאָזט אויסרופען אין יעדען טויער פון יעדען הימעל, משה'ס תפלה זאָל פאַר איהם נישט אויפגענומען און געבראַכט ווערען, ווייל דער גזר־דין זיינער איז שוין אָנגע'חתמ'ט. און ווען דאָס קול פון דער תפלה צו'ם הימעל האָט זיך געשטאַרקט, האָט גאָט גערופען און געזאָגט די מלאכי־השרת: „געשווינד לאָזט זיך אַראָפּ און אַלע טויערען פון יעדען הימעל פער־שליסט! ווייל משה'ס תפלה איז געגליכען געווען צו אַ שווערד וואָס רייסט און שניידט און קיינער קען עס נישט אָפּשטעלען. האָט משה געזאָגט פאַר גאָט ברוך־הוא: „רבונו־של־עולם, פאַר דיר איז אָפען און בעוואוסט מיין מיה און צער, וואָס איך האָב געליטען איבער די יודען ביז זיי האָבען אָנגעהויבען גלויבען דיין נאָמען; וויפיעל ליידען האָב איך צוליעב זיי איבערגעטראָגען ביז איך האָב ביי זיי פעסט געשטעלט די תורה מיט מצוות. געמיינט האָב איך: אַזוי ווי איך האָב זייער צער און יסורים געזעהן אַזוי וועל איך זוכה זיין אויך זייער נחת דערלעבען — און איצט ווען די צייט פון נחת איז געקומען, זאָגסטו מיר: „דו וועסט נישט אַריבערגעהן דעם ירדן"— מאַכסטו דאָך פאַר פאַלש דיין אייגענע תורה, וואו דו האָסט געשריבען: „אין זיין טאָג זאָלסטו איהם (דעם טאָג־אַרבייטער) זיין לוין געבען". שוין־זשע איז דאָס מיין לוין פאַר אַרבייט פון פיערציג יאָהר, וואָס איך האָב זיך אַזוי בעמיהט ביז ס'איז אַ הייליג און געטריי פאָלק געוואָרען?" ענטפערט גאָט ברוך־הוא:

---

1) קרייז, רעדיל. 2) ד. ה. פערניכטען די איצטיגע וועלט און בעשאַפען אַ נייע. 3) ד. ה. ער וויל משה'ן פון דער וועלט נעהמען.

„אַזא גְזֵירָה איז פון מיר אַרויס!" זאָגט משה: „רבונו־שֶל־עוֹלָם, אויב איך קען נישט אַרײַנגעהן אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל לעבעדיגערהייד — ברײַנג מיך אַהין אַרײַן טויטערהייד, ווי יוסף'ס בײַנער". ענטפערט גאָט: „משה, ווען יוסף איז קיין מִצְרַיִם געקומען האָט ער זיך דאָרט נישט פערפרעמדט, נאָר אַרויסגעזאָגט אַז ער איז אַ יוד, דו אָבער האָסט זיך אין מִדְיָן פערפרעמדט: ווען יִתְרוֹ'ס טעכטער האָבען דיך פאַר זייער פאָטער מיט'ן נאָמען מִצְרִי אָנגערופען, האָסטו געהערט און זיך נישט ווּיסענדיג געמאַכט". זאָגט משה ווידער: „רבונו־של־עולם, אויב דו ווילסט מיך נישט אין ארץ־ישראל אַרײַנברײַנגען לאָז מיך זײַן ווי די חַיוֹת פון פעלד, וואָס עסען גראָז און טרינקען וואַסער און זעהען די וועלט — אַזוי זאָל איך אויך זײַן ווי איינע פון זיי". זאָגט איהם גאָט: „גענוּג שוין!" בעט משה ווײַטער: „רבונו־של־עולם, אויב נישט, לאָז מיך זײַן אויף דער וועלט ווי דאָס פויגעלע, וואָס פליהט אין אַלע פיער עקען וועלט און קלויבט זיך שפּײַז אַלע טאָג — און קומט־צוריק פאַר נאַכט אין זײַן נעסט". „גענוּג שוין!"—ענטפערט גאָט.

האָבען די זון מיט דער לְבָנָה זיך אויפגעהויבען פונ'ם ערשטען הימעל אינ'ם דריטען, אין זְבוּל, און געזאָגט פאַר גאָט בָּרוּךְ־הוּא: „רבונו־של־עולם, אויב דו וועסט טהון אַ גערעכטען מִשְׁפָּט עַמְרָם'ס זוהן — וועלען מיר ווידער לײַכטען פאַר דער וועלט, אויב נישט—וועלען מיר אויפהערען צו לײַכטען", האָט גאָט אויף זיי געוואָרפען פײַערדיגע פײַלען און שפּיזען און זיי געזאָגט: „יעדען טאָג בוקען זיך צו אײַך מענשען און איהר האָט נישט אויפגעהערט צו לײַכטען—פאַר מײַן כָּבוֹד אַרט אײַך ניט, איצט פאַר'ן כָּבוֹד פון אַ בָּשָׂר־וָדָם ווילט איהר זיך אַזוי שטאַרק אָננעהמען!"

.II

אַז משה האָט געזעהן, דאָס מען וויל זיך אויף איהם נישט אומקוקען, האָט ער זיך געלאָזט געהן צו הימעל און ערד און זיי געזאָגט: בעט פאַר מיר רחמים!" זאָגען זיי איהם: „איידער פאַר דיר דאַרפען מיר גאָר פאַר זיך בעטען, מיר זענען אויך נישט קיין אייביגע. אויף אונז איז געזאָגט געוואָרען: „דער הימעל וועט ווי רויך צוגעהן און די ערד ווי אַ קלייד צופאַלען!"

איז ער געגאַנגען צו די שטערען און מזלות און זיי געזאָגט: „בעט פאַר מיר רחמים". ענטפערען זיי איהם: „איידער פאַר דיר דאַרפען מיר גאָר פאַר זיך בעטען, דען אויף אונז איז געזאָגט געוואָרען: „עס וועלען צוברעקעלט ווערען אַלע הערשאַפטען פון הימעל".

איז ער געגאַנגען צו די הויכע בערג און זיי געזאָגט: „בעט פאַר מיר רַחֲמִים". ענטפערען זיי איהם. „איידער פאַר דיר דאַרפען מיר גאָר פאַר זיך בעטען, דען אויף אונז איז געזאָגט געוואָרען: „די בערג וועלען זיך איינלע־גען און די הינגלען וועלען צופאַלען ווערען".

איז ער געקומען צום ים און איהם געזאָגט: „בעט פאַר מיר רחמים". זאָגט איהם דער ים: „עַמְרָם'ס זוהן! וואָס איז היינטיגער טאָג אַנדערש פון אַלע? דו ביסט דאָך דער זעלבער, וואָס ביזט צו מיר מיט דיין שטעקען גע־קומען און מיך געשלאָגען און אויף צוועלף שטעגען צוטהיילט, און איך האָב נישט געקענט געגען דיר בײַשטעהן — און איצט וואָס איז מיט דיר אַזוינס געוואָרען?"

אַז דער ים האָט משה'ן דערמאָהנט, וואָס ער האָט אין זיינע יונגערע יאָהרען אויפגעטהון, האָט ער גענומען שרײַען און געזאָגט: „אָ, וואו נעהמט מען ווידער די אַמאָליגע יאָהרען!" ווען איך בין פאַר דיר געשטאַנען בין איך אַ מלך אויף דער וועלט געווען, איצט אָבער פאַל איך אויף דער ערד בעטענ־דיג רחמים — און קיינער וויל זיך אויף מיר נישט אומקוקען".

באַלד איז ער אַוועק צו מְטַטְרוֹן שַׂר־הַפָּנִים [1]) און איהם געזאָגט: „בעט פאַר מיר רחמים, איך זאָל פון דער וועלט נישט געהן". זאָגט ער איהם: „משה מיין רֶבִּי! אומזיסט איז דיין מיה! אַזוי האָב איך געהערט פון אונטער דעם פאָרהאַנג, אַז דיין תְּפִלָּה וועגען דעם וועט נישט אָנגענומען ווערען".

האָט משה אַרויפגעלעגט די הענד אויפ'ן קאָפּ און געשריען און גע־וויינט: „צו וועמען זאָל איך איצט געהן בעטען רחמים?" און גאָט־ברוך־הוא איז געוואָרען שטאַרק אין צאָרן אויף איהם, ביז משה האָט אויסגעשריען:

„גאָט, גאָט, דערבאַרימדיגער גאָט און לייטזעליגער".

איז דער רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ [2]) באַלד בערוהיגט געוואָרען. זאָגט גאָט צו משה'ן: „משה, צוויי שְׁבוּעוֹת האָב איך געשוואוירען, איינע וועגען יודען אומצוברייי־גען זיי פון דער וועלט, ווען זיי האָבען יענע מַעֲשֶׂה [3]) אָפּגעטהון, און איינע וועגען דיר, אַז דו זאָלסט שטאַרבען און אין לאַנד נישט אַריינגעהן. יענע שבועה וועגען יודען האָב איך צוליעב דיר מבטל געווען, ווייל דו האָסט פאַר זיי געבעטען, און איצט בעטסטו ווידער, איך זאָל אויך די צווייטע שבועה ברעכען און טהון דיין פערלאַנגען, דו ווילסט ציהען דעם שטריק פאַר ביידע

---

1) איינער פון די גרעסטע מלאכים וואָס שטעהט פאַר גאָט. 2) גאָט'ס הייליגער גייסט. 3) פונ'ם ענל.

עָקען — אײנע פון די בײדע שבועות מוז פעסט בלײבען, קלױב זיך אױס!״

װי משה האָט דאָס דערהערט, זאָגט ער: „רבונו־של־עולם, לאָז פער־לױרען גײהן משה און טױזענד זײן גלײכען — און קײן נאָגעל פון אײנעם פון פאָלק ישׂראל זאָל נישט װערען געקריטט!״

און משה זאָגט װידער פאר גאָט: „רבונו־של־עולם, די פּנים װאָס האָבען זוכה געװען אױפ׳ן הימעל אַרױפגעהן, און דאָס פּנים װאָס האָט די שכינה מקבל־פּנים געװען—זאָלען זיך אין ערד װאַלגערען?״ זאָגט איהם גאָט: „אַזױ האָב איך בּעשלאָסען און אַזױ פיהרט זיך אױף דער װעלט: יעדער דור האָט זײנע פאָרשטעהער, זײנע מנהיגים. בּיז איצט איז דײן צײט געװען, איצט איז די צײט פאַר דײן תּלמיד געקומען. זאָגט משה: „רבונו־של־עולם, אױב צוליעב יהושע גײה איך פון דער װעלט, װעל איך גײהן בײ איהם אַ תּלמיד זײן״. זאָגט איהם גאָט: „אױב דו װילסט -- גײה״.

## III.

איז משה אױפגעשטאַנען און גאַנץ פריה צו יהושע׳ס הױז אַװעקגע־גאַנגען. און יהושע איז געזעסען און געלערענט. האָט משה זיך אַנידערגע־שטעלט אײנגעבױגען, די האַנד אױפ׳ן האַרצען אַרױפגעלעגט. נאָר די אױגען פון יהושע זענען געװען װי פערשטעלט און ער האָט איהם נישט געזעהן, כּדי משה זאָל דערפון צער האָבען און זאָל זײן גרײט זיך צום טױט איבּער־צוגעבען.

און די יודען זענען געגאַנגען אין משה׳ס געצעלט תּורה צו לערנען, פרעגען זײ: „משה רבנו װאו איז?״ ענטפערט מען זײ: „גאַנץ פריה נאָך איז ער אין יהושע׳ס הױז אַװעקגעגאַנגען״. קומען זײ צו יהושע׳ס טהיר און זעהען, װי יהושע זיצט און משה שטעהט. פרעגען זײ יהושע׳ן: „װאָס איז מיט דיר געװאָרען — משה רבנו שטעהט און די זיצסט!״ און אַז יהושע האָט די אױ־גען זײנע אױפגעהױבען און איהם דערזעהן, האָט ער געשװינד זײנע קלײדער צוריסען און אָנגעהױבען װײנען און שרײען: „רבּי מײנער, רבּי! פאָטער מײ־נער, פאָטער!״...

זאָגען די יודען צו משה׳ן: „משה רבּינו! לערן אונז תּורה״. ענטפערט ער: „איך האָב אױף דעם קײן רשות [1] נישט״. זאָגען זײ איהם װידער: „מיר װע־לען דיך נישט אָפּלאָזען״. לאָזט זיך הערען פון הימעל אַ בּת־קול: „לערנט

1) ערלױבעניש, רעכט.

בײַ יהושע" — און זײַ האָבען אויף זיך מְקַבֵּל געווען צו זיצען און לערנען תּוֹרָה בײַ יהושע.

איז יהושע געזעסען אויבען־אָן, משה רעכטס און אהרן׳ם קינדער לינקס — און יהושע האָט געלערנט פאַר משה. און ס׳איז פון משה׳ן אָפּגענומען געװאָרען דער אוֹצָר פון חָכְמָה און צו יהושע׳ן אַװעקגעגעבען געװאָרען.

דערנאָך האָבען זײַ זיך געלאָזט געהן, און משה איז געגאַנגען אין דער לינקער זײַט פון יהושע. זענען זײַ בײַדע אַרײַנגעגאַנגען אין אוהל־מוֹעד, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ װאָלקען־זײַל און צװישען זײַ בײַדע אָפּגעטהײלט. און אַז דער װאָלקען־זײַל איז אַװעק — פרעגט משה: „יהושע, װאָס האָט מיט דיר גאָט גערעדט?" ענטפערט איהם יהושע: „װען צו דיר פלעגט זיך גאָט בעװײַזען, האָב איך אַמאָל געװאוסט װאָס אַזוינס ער רעדט מיט דיר?" דאַמאָלס האָט משה אויסגעשריען: „הונדערט מאָל שטאַרבען און נישט אײן מאָל מְקַנֵּא זײַן! הער פון אַלע װעלטען, ביז איצט האָב איך לעבען געבעטען, איצט אָבער איז מײַן נְשָׁמָה דיר אָפּגעגעבען".

װען בײַ משה׳ן איז רעכט געבליבען צו שטאַרבען האָט גאָט ברוך־הוא גענומען בעדױערען: „װער װעט זיך פאַר יודען אַרויסשטעלען אין דער צײַט פון מײַן צאָרן? און װער װעט בײַ מיר בעטען רחמים אין דער צײַט װאָס זײַ װעלען פאַר מיר זינדיגען?"

## IV.

און סַמָאֵל, דער עלטסטער שָׂטָן, האָט יעדע רֶגַע אויף משה׳ם נְשָׁמָה אַרויסגעקוקט און געזאָגט: „װען װעט שוין די רגע פון משה׳ם טויט קומען, איך זאָל אַראָפּגעהן און בײַ איהם די נשמה נעהמען? װען װעט שוין מִיכָאֵל קלאָגען און איך װעל דעם גרויסען לאַך קענען געבען?"

זאָגט גאָט צו גַבְרִיאֵל׳ן: „געה ברענג די נְשָׁמָה פון משה". ענטפערט ער איהם: „רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! אַקעגען שִׁשִּׁים רִבּוֹא בעשטעהט ער אײנער, — װי קען איך זײַן טויט צוקוקען?"

הײסט גאָט מיכאל׳ן: „געה ברענג דו משה׳ם נשמה". ענטפערט ער: „איך בין זײַן רֶבִּי געװען און ער מײַן תַּלְמִיד — װי קען איך זײַן טויט צוקוקען?"

זאָגט גאָט צו סמאל׳ן: „געה דו ברענג די נשמה פון משה". האָט ער באַלד זיך אָנגעקלײדעט מיט צאָרן און אָנגעגורט זײַן שװערד, און זיך אײַנגעהילט אין שרעקליכע רְצִיחָה — און אַװעק צו משה׳ן. געפונט ער איהם װי ער זיצט און שרײַבט דעם שֵׁם־הַמְפוֹרָשׁ אויף אַ מְגִילָה, און זײַן פָּנִים

שיינט ווי די ליכטיגע זון, און זיין גאנצעס אויסזעהן איז ווי א מלאך פון גאט. האט ער מורא פאר איהם בעקומען און א ציטערניש האט איהם אנגעחאפט, און האט קיין מויל נישט געקענט עפענען א ווארט אויסצורעדען. ביז משה האט זיך צו איהם אנגערופען:

— רשע, וואס בעדארפסטו דא?

— דיין נשמה צו נעהמען בין איך געקומען.

— ווער האט דיך געשיקט?

— דער וואס האט אלע ברואים אויף דער וועלט בעשאפען.

— אוועק פון דאנען, ווייל גאט וויל איך לויבען! „איך וועל נישט שטארבען, נור לעבען, און גאט׳ס מעשים וועל איך דערצעהלען”.

— „די הימלען דערצעהלען די עהרע פון גאט”.

— אנשוויגען ווערען וועל איך זיי הייסען און איך וועל איהם לויבען, — „הערט זיך איין, הימלען, איך וועל רעדען, און לאז די ערד אויסהערען מיינע ווערטער!”

— די נשמה פון אלע ברואים אויף דער וועלט איז אין מיין האנד איבערגעגעבען.

— מיין כוח איז גרעסער פון אלע ברואים אויף דער וועלט.

— אין וואס בעשטעהט אזוינס דער כוח דיינער?

— איך בין עמרם׳ס זהון, וואס האב שוין אין מיינע קינדער־יאהרען אין זיך דעם געטליכען כוח דערשפירט; אהן מורא בין איך צום קעניג אין פאלאץ אריינגעגאנגען און ביי איהם פון קאפ די קרוין אראפגעריסען... און אז איך בין אכציג יאהר אלט געווארען האב איך אין לאנד מצרים צייכען און וואונדער בעוויזען און ששים רבוא פאר די אויגען פון אלע מצרים ארויסגעפיהרט, און דעם ים האב איך אויף צוועלף שטיקער צושפאלטען, און אויפ׳ן הימעל בין איך ארויפגעגאנגען און דארט א וועג אויסגעטראטען, און מיט מלאכים האב איך געשטריטען און זיי מנצח געווען, און די סודות זייערע די מענשען מגלה געווען, און מיט גאט ברוך־הוא האב איך פנים־אל־פנים גערעדט, און די פייערדיגע תורה פון זיין האנד מקבל געווען און זי דעם פאלק ישראל געלערענט, און מיט סיחון און עוג, די צוויי גבורים פון די אומות־העולם, האב איך מלחמה געהאלטען און מיט׳ן שטעקען, וואס אין מיין האנד, זיי אויף טויט צוקלאפט, און אויבען אין הימעל האב איך די זון און לבנה אפגעשטעלט, — ווער נאך צווישען אלע ברואים פון דער וועלט

קען דאס אלץ טהון? אוועק פון מיר — מיין נשמה וועל איך דיר נישט געבען!"

האט סמאל זיך אומגעקעהרט און דעם אלמעכטיגען גאט ענטפער געגעבען. זאגט איהם גאט ווידער: „געה ברענג משה'ס נשמה".

האט סמאל זיין שווערד פון שיידעל ארויסגעצויגען און ווידער געקומען און זיך פאר משה געשטעלט. איז משה אויף איהם אין צארן געווארען און אין זיין האנד גענומען גאט'ס שטעקען, אויף וועלכען דער שם־המפורש איז אויסגעקריצט, און געגען סמאל מיט זיין גאנצער קראפט ארויסגעטרעטען, ביז יענער איז פאר איהם אנטלאפען, און משה איז איהם מיט'ן שם־המפורש נאכגעלאפען, און א שטראהל פון זיינע אויגען האט ער געווארפען און סמאל'ס אויגען בלינד געמאכט.

האט זיך א בת־קול געלאזט הערען: „די שעה איז געקומען, וואס דו מוזט פון דער וועלט געהן". זאגט משה: „געדענק מיר יענעם טאג, וואס דו האסט זיך מיר דארט ביים סנה בעוויזען! געדענק מיר יענעם טאג, וואס איך בין אויפ'ן בארג סיני פיערציג טעג און פיערציג נעכט געשטאנען! איך בעט דיך, אין די הענד פונ'ם מלאך־המות זאלסטו מיך נישט איבערגעבען!"

לאזט זיך ווידער א בת־קול הערען: „ניט שרעק זיך, איך אליין וועל זיך מיט דיר און מיט דיין קבורה אפגעבען".

זאגט משה:

— ווארט מיר ביזאיך וועל בענשען די יודען, וואס האבען אלע מיינע יאהרען פון מיר קיין נחת געהאט, צוליעב דעם וואס נישט אויפגעהערט האב איך זיי צו ווארנען און צו שטראפען.

האט משה אנגעהויבען יעדען שבט בעזונדער צו בענשען. אז ער האט אבער געזעהן, דאס די צייט איז קורץ, האט ער זיי אלע אין איין ברכה פעראייניגט, און צום פאלק ישראל אזוי געזאגט: „פיעל האב איך אייך מצער געווען צוליעב דער תורה און די מצוות, — איצט זייט מיר מוחל!" זאגען זיי איהם: „אונזער רבי און אונזער הער! אלעס זענען מיר דיר מוחל"! און די יודען זענען אויך פאר איהם געשטאנען און געזאגט: „פיעל האבען מיר דיך דערצארענט און פיעל מיה האבען מיר אויף דיר ארויפגעלעגט, — זייט דו אונז מוחל?" ענטפערט ער זיי: „איך בין אייך מוחל!"

לאזט זיך הערען א בת־קול: „די רגע איז געקומען, וואס דו מוזט פון דער וועלט געהן". זאגט ער: „געבענשט איז דער נאמען פון דעם וואס לעבט אייביג!" און צו די יודען ווענדט ער זיך: „איך בעט אייך, ווען איהר וועט אין

דעם לאַנד קומען זאָלט איהר מיך און די ביינער מיינע געדיינקען און זאָגען: „װעה צו עמרם׳ס זון, װאָס איז װי אַ פערד פאַר אונז געלאָפען און זיינע ביינער זענען אין דער מדבר געפאַלען”.

לאָזט זיך װידער אַ בת־קול הערען: „די האַלבע רגע איז געקומען, װאָס דו מוזט פון דער װעלט געהן”. האָט ער זיינע צװיי אָרעם גענומען און זיי אױפ׳ן האַרצען געלעגט און צו די יודען געזאָגט: „אָט זעהט דעם סוף פון אַ בשר־ודם”...

נאָכדעם איז משה אױפגעשטאַנען און זיך װי אַ מלאך געהייליגט. און גאָט ברוך־הוא איז פון די הױכע הימלען אַראָפּגעגאַנגען צו נעהמען די נשמה פון משה, און דריי מלאכים זענען מיט איהם געקומען: מיכאל און גבריאל און זגזגאל — מיכאל האָט משה׳ס מטה אױסגעבעט, גבריאל האָט אַ ליינען־קלייד פערשפּרייט צוקאָפּענס און זגזגאל—צופוסענס. און געשטאַנען איז מיכאל פון איין זייט און גבריאל פון דער אַנדערער זייט. זאָגט גאָט צו משה: „משה, פערמאַך די אױגען!”—פערמאַכט ער.—„לעג די הענד דיינע אױף דער ברוסט”—לעגט ער.—„נעהם־צונױף די פים!”—נעהמט ער צונױף.

און גאָט ברוך־הוא האָט צו דער נשמה פון משה גערופען און אַזױ געזאָגט: „טאָכטער מיינע, הונדערט צװאַנציג יאָהר האָב איך דיר אין משה׳ס גוף בעשטעלט, איצט איז דיין סוף געקומען אַרױסצוגעהן. געה, ניט פערזױם!”

ענטפערט זי איהם: „רבונו־של־עולם, װייסען װיים איך, אַז דו ביזט דער גאָט פון אַלע גייסטער און דער הער פון אַלע נשמות; דו האָסט מיך בעשאַפען און דו האָסט מיך אין משה׳ס גוף אַריינגעגעבען אױף הונדערט צװאַנציג יאָהר. געפינט זיך דען איצט אױף דער װעלט אַ מעהר רייגער גוף פון משה׳ס? ליעב האָב איך איהם און װעל פון איהם נישט אַרױסגעהן!” זאָגט איהר גאָט: „געה־אַרױס און איך װעל דיך אין די הױכע הימלען אַרױפנעהמען און אונטער מיין כסא־הכבוד זעצען נעבען די כרובים און שרפים”.

און גאָט ברוך־הוא האָט משה׳ן אַ קוש געגעבען און מיט׳ן קוש זיין נשמה גענומען.

# שׁוֹפְטִים[1] און מְלָכִים.

## יִפְתָּח און זײַן טאָכטער.

יִפְתָּח איז געװען אַ פּראָסטער נֶפֶשׁ, אַ צװײַג פֿון אַ גראָבען שׁוֹרֶשׁ, און דערפֿאַר איז דורך איהם זײַן טאָכטער אומגעקומען. אַװעקגעלאָזט זיך אין מִלְחָמָה מיט די בְּנֵי־עַמּוֹן, האָט ער אַזאַ נֶדֶר געטהון: אויב איך װעל דעם פֿײַנד בעזיעגען און קומען אַהײם בְּשָׁלוֹם, איז דאָס ערשטע װאָס װעט מיר פֿון מײַן הויז אַקעגענקומען, ברײַנג איך דאָס פֿאַר גאָט אַ קָרְבָּן. פֿאַר אַזאַ לײַכטזיניגקײַט איז גאָט אויף איהם שטאַרק אויפגעבראַכט געװען: װער װײַסט װאָס איהם קען אַקעגען קומען? און צו זײַן גרויסען אומגליק טאַקי איז איהם אַרויס אַקעגען זײַן טאָכטער.

דערזעהן זי, האָט יִפְתָּח אָנגעהויבען ביטער װײנען:

— װעה איז מיר, טאָכטער, דו האָסט מיך נידערשלאָגען. אַ נדר געטהון האָב איך און קען צוריק דאָס װאָרט נישט נעהמען.

— פֿאָטער געטרײַער — זאָגט די טאָכטער — װאו איז בײַ יודען אַזױנס געהערט געװאָרען, אַז אַ טאַטע זאָל זײַן אײַגען קינד פֿאַר אַ קרבן ברײַנגען?

— װאָס העלפֿט עס, טאָכטער? איך האָב דאָך אַ נדר געטהון!

— טאַטע — זאָגט װײַטער די טאָכטער — איז דען אַזאַ נדר חל[2]) אויף לעבעדיגע מענשען? דער עלטער־זײדע יעקב האָט אויך אַ נדר געטהון, אַז פֿון אַלעס װאָס גאָט װעט איהם געבען װעט ער דערפֿון גאָט מַעֲשֵׂר[3]) געבען, און גאָט האָט איהם געשענקט צװעלף זיהן, האָט ער דען אײנעם פֿון זײ פֿאַר גאָט מַקְרִיב געװען?

אַלע איהרע טַעֲנוֹת האָבען אָבער נישט געהאָלפֿען, און זי איז יונג און אונשולדיג פֿון דער װעלט געגאַנגען.

---

1) ריכטער, אַנפֿיהרער. 2) רוהט, פֿאַלט. 3) אַ צעהנטיל.

און אויף דעם שריט און בּעקלאָגט זיך די הײליגע שכינה: „לעבּעדי־גע נפשות גאָר פאַר מיר מקריב זײַן? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרען? און וועמען האָט געקענט אַזוינס גאָר אויפ׳ן גע־דאַנק אויפקומען?"

## אֶלְקָנָה און חַנָּה.

אֶלְקָנָה, שמואל׳ס פאָטער, האָט פערדינט בּײַ גאָט אַזאַ זוהן דורך דעם, וואָס מיט זײַן אויפפוהרינג האָט ער נאָך אַ מאָל צוגעצויגען די יודען צו גאָט׳ס־הויז אין שטאָדט שילה, פון וועלכען זיי האָבּען זיך שוין לאַנג אין די טומלענדיגע צײַטען פון די שופטים אָפּגעריסען. פיער מאָל אין יאָהר פלעגט ער עולה־לרגל [1] זײַן קײַן שילה, וואו דער הײליגער משכּן איז גע־שטאַנען, דרײַ מאָל ווי די תּורה האָט געבּאָטען, און נאָך אַ פיערט מאָל מיט זײַן פרײַען ווילען. און אַלע מאָל האָט ער מיט זיך גענומען די גאַנצע משפּחה: ווײַבּ און קינד, בּרידער און שוועסטער און איבּעריגע קרובים. געקומען אין אַ שטאָדט האָט ער מיט דער גאַנצער שײַרא [2] גענעכטיגט אין גאַס. האָט עס אויפגעריהרט אַלע אײַנוואָהנער, און זיי האָבּען געפרעגט: וואוהין געהט מען עס? ענטפערען יענע: „צו גאָט׳ס־הויז אין שילה, פון וואַנען די הײליגע לעהרע שטאַמט, וואו מע קען גאָטס אַ וואָרט הערען. אויבּ איהר ווילט, קומט אויך מיט, וועלען מיר געהן צוזאַמען". חאַפּט־אָן אײניגע אַ בּײַנקעניש נאָך גאָט, טרעהרען שטעלען זיך זיי אין די אויגען און זאָגען: „יאָ, מיר געהן מיט אײַך!"

געהען־מיט מיט אלקנה׳ן אײַן מאָל פונף הויז־געזינדען, דאָס צווייטע מאָל — צעהן, און אַזוי אַלע מאָל מעהר — בּיז די גאַנצע געגענד געהט מיט. אַלע יאָהר בּײַט־אום אלקנה זײַן וועג און געהט דורך אַ נײַער געגענד — און ער האָט געבּראַכט דערצו, אַז אַלע יודען האָבּען ווידער אָנגעהויבּען בּעזו־כען דעם משכּן.

— אלקנה — האָט איהם גאָט געזאָגט — דורך דיר זענען יודען צו־געצויגען געוואָרען צום הײליגען הויז און צו דער הײליגער תּורה, פײַנער און אײדעלער געוואָרען, — דערפאַר וועל איך דיר שענקען אַזאַ זוהן, וואָס ער וועט אַ לעהרער פאַר׳ן פאָלק זײַן, איהם מדריך זײַן אין גוטען וועג, און זײַן גײַסט פײַנער און אײדעלער מאַכען.

---

1) אויף יום טוב צופוס געהן. 2) קאָמפּאַניע.

***

חַנָה, אֶלְקָנָה'ס פרוי, איז געווען אַן עֲקָרָה [1], פלעג איהר די נעבען־פרוי, פְּנִינָה, אָפט דערמיט שטעכיג בעלײדיגען: „זאָג נור, האָסטו שוין פערזאָרגט דעם זוהן דײַנעם מיט אַ קאָפּ־טוך, מיט אַ העמדיל, מיט אַ מאַנטעל?" אין דער פריה פלעג זי איהר זאָגען: „חנה, וואָס נעהמסטו שוין נישט אַרומוואַשען דײַנע קינדערליך, שוין צײַט אין שולע!" פאַרנאַכט פלעג זי איהר זאָגען: „חנה, פאַר וואָס געהסטו נישט אַרויס בעגעגנען דײַנע קינדער, וואָס קומען פון שולע אַהײַם". בײַם טיש, ווען אֶלְקָנָה האָט געטהײַלט יעדען זײַן חֵלֶק, פלעג פְּנִינָה, אַלץ כְּדֵי חַנָה'ן צו שטעכען, אַלע מאָל ווײַזען אויף אַ אַנדערען פון איהרע קינדער און אַ זאָג געטהון: „אלקנה, פערגעס נישט אין דעם קינד, פערטהײל נישט יענעם".

חנה איז שטאַרק געווען דערפון געקרײַנקט און שטילערהײד, ווען קײנער האָט נישט געהערט, האָט זי אויסגעגאָסען איהר ביטער האַרץ פאַר גאָט:

— רבונו־של־עולם, — האָט זי גע'טַעֲנָה'ט — גאָט פון אַלע הערשאַפטען, שוין־זשע זעהסטו נישט דאָס אַרמוטה און פּײַן פון דײַן דינערין? פון אַזוי פיעל הערשאַפטען, וואָס דו האָסט אויף דײַן גרויסער וועלט בעשאַפען, שוין־זשע פערגינסטו מיר נישט אַפילו אײן קינד? אַ קעניג וואָס מאַכט אַ רײַכען מאָהלצײַט פאַר זײַן גאַנצער מְדִינָה, צי פּאַסט עס אַז ער זאָל ענטזאַגען דעם אײנציגען אָרעמאַן, וואָס שטעהט בײַ דער טהיר פון'ם פּאַלאַץ און בעט אַ קלײן שטיקעל ברויט?

און אַרויפלעגענדיג די הענד אויף די בריסטען האָט זי ווידער גע־טַעֲנָה'ט:

— רִבּונו־שֶׁל־עוֹלָם, אַלעס וואָס דו האָסט בעשאַפען אין דער פרוי האָט זיך זײַן זין און זײַן בעשטימטען ציעל: אויגען צום זעהן, אויערען צום הערען, אַ נאָז צום שמעקען, אַ מויל צום רעדען, הענד צום אַרבײַטען, פוס צום געהן, בריסט צו קינדער־זויגען, — אָט די בריסטען אָבער אויף מײַן האַרצען, זײַ צו וואָס טויגען? ווער נוצען זײַ? באַרימהאַרציגער גאָט, שענק מיר אַ קינד, לאָמיך שפּירען מײַן ברוסט אין זײַן קלײן מײַלכעל.

# שָׁאוּל.

בִּשְׁעַת גאָט האָט געזאָגט שָׁאוּל'ן: „געה און שלאָג עֲמָלֵק'ן און נישט

---

1) קינדער־לאָז.

איבערלאָזען זאָלסטו קיין לעבעדיגען נפש״ — האָט שָאול געזאָגט: אויב מענשען האָבען זיך פערזונדיגט, פאַר וואָס קומט די בְּהֵמות בעשטראָפט צו ווערען, און אויב גרויסע זענען פערשולדיגט, פאַר וואָס קומט קינדער צו ליידען? לאָזט זיך הערען אַ בַּת־קול: „שָאול, זיי נישט איבעריג פרום״. און ווען שאול האָט שפּעטער אין אַ צייט אַרום געהייסען אויסהרג׳נען די גאַנצע כּוֹהֲנִים־שטאָדט נוב, איז ווידער אַרויס אַ בַּת־קול: „שָאול, זיי נישט איבעריג זינדיג״.

און דאָס איז שוין אַ שטענדיגער כְּלָל: ווער ס׳איז צופיעל בַּעַל־רַחֲמִים אויף אַכְזָרִים, ווערט ער צום סוף אַליין אַ אַכזר אויף בַּעֲלֵי־רַחֲמָנִים.

*
* *

פאַר דער לעצטער מִלְחָמָה מיט די פְּלִשְׁתִּים האָט שָאול געהייסען אויפזוכען אין לאַנד אַ צויבערין זי זאָל דעם סוף פון דער מלחמה פאָראויס־זאָגען. עס קומט אויס ווי יענער קעניג, וואָס האָט נישט געקענט איבערטראָגען דאָס קרייען פון היהנער, האָט ער בעפוילען מ׳זאָל אַלע העהנער ביז איינעם אויסשעכטען. איינמאָל, ווען ער האָט זיך בעדאַרפט אויפהייבען ביי נאַכט אין וועג אַריין, גיט ער אַ פרעג: געפונט זיך דאָ נישט קיין האָהן ער זאָל אונז אויפוועקען ביי נאַכט מיט זיין קרייען? אַזוי האָט אויך מיט שאול׳ן פּאַסירט: ער אַליין האָט אומגעבראַכט אין לאַנד אַלע מִינֵי מְכַשְּׁפִים, און איצט, ווען איהם איז ענג געוואָרען, זוכט ער אַ צויבערין.

# דָוִד הַמֶלֶךְ.

## I.

## דָוִד דער טרייער פּאַסטוך.

פון די שאָף אַרויס האָט גאָט גענומען דָוִד׳ן אַ פּאַסטוך צו זיין ביי׳ם יודישען פאָלק. וויל גאָט אויפשטעלען אַ פיהרער פאַר זיין פאָלק, פּרובט ער פריהער אויס זיין געטריישאַפט אויף שאָף. אַזוי איז געווען מיט מֹשֶׁה׳ן, און אַזוי אויך מיט דָוִד׳ן.

דָוִד אַלס פּאַסטוך פלעגט פיטערען זיינע הערדען שאָף אַזוי אויסגערעכענט, אַז יעדען פון זיי זאָל אָנקומען אַזאַ פוטער ווי פאַר איהם איז בעסער און געזונדער. צום אַלעם ערשטען האָט ער אַרויסגעפיהרט גאָר די יונגסטע

אָהן־צייהניגע שעפעליך, זיי זאָלען אָפּעסען דאָס אויבערשטע פון גראָז, גאָר דאָס ווייכסטע און דאָס גרינגסטע צום קייען, דערנאָך — די אַלטע שוואַך־צייהניגע צאַפּעס, זיי זאָלען געניסען פון דער מיט גראָז, נאָך אויך גענוג ווייך. צום אַלעם לעצטען — די יונגע דערוואַקסענע שאָף, וואָס זיי מיט זייערע פעסטע צייהן קענען גריזען און וועלען פערדייען אויך דאָס אונטערשטע האַרטע גראָז, נאָהענט בייַם וואָרצעל.

דערפאַר האָט איהם גאָט געזאָגט: דער וואָס קען אַזוי טריי פּאַסען זיינע שאָף, יעדען נאָך זיין כּוח—אין זיינע הענד פערטרוי איך מיינע שאָף— מיין פאָלק.

II.

# דָוִד און דער בופעל.

ווען דָוִד האָט אַרומגעפיהרט זיינע שאָף אין דער מִדְבָּר, האָט ער זיך איינמאַל אָנגעשלאָגען אויף אַ אייַנגעשלאָפענעם בופעל. מיינט ער, אַז ס׳איז אַ באַרג, לאָזט ער זיך אויף איהם אַרויף, זיצט זיך דאָרט פון אויבען און גיט אַכטונג אויף די שאָף. וואַכט־אויף דער בופעל און גיט זיך אַ שטעל אויף, בלייבט דוד זיצען אויף איהם רייטענדיג גאַנץ הויך צווישען זיינע הערנער. פערלירט זיך דוד און ווייסט נישט פאַר שרעק וואָס צו טהון. שיקט אַהין גאָט אַ לייב, דעם קעניג פון אַלע חיות, דערשרעקט זיך דער בופעל און קניהט פאַר איהם. בלייבט דָוִד אַליין פָּנים אֶל פָּנים מיט׳ן לייב. לויפט דער־וויַל דורך אַ הירש און דער לייב גיט זיך אַ וואָרף נאָך איהם — שפּרינגט דוד אַראָפּ פון׳ם בופעל און פיהרט־אַוועק פון דעם אָרט זיינע שאָף.

III.

# חָכְמָה און שִׁגָעוֹן.

דָוִד הַמֶלֶך האָט געזאָגט צום אויבערשטען:

— „ווי גרויס די ווערק דיינע, אָ גאָט, מיט חָכְמָה האָסטו אַלץ גע־מאַכט!" — חכמה איז דאָס בעסטע פון אַלץ, פאַרוואָס־זשע האָסטו אויך בעשאַפען דעם שִׁגָעוֹן אויף דער וועלט?

ענטפערט גאָט: שגעון וועט דיר נאָך אויך אַ מאָל צונוץ קומען.

שפּעטער, אַז דוד איז אַנטלאָפען פון שָׁאוּל המלך, איז ער געקומען צו אָכִישׁ מֶלֶך גַת.

זאָגט איהם גאָט: וואוהין געהסטו? ערשט נעכטען האָסטו גָלְיָת'ן גע'הרג'עט, זיין שווערד איז ביי דיר אין האנד און זיין בלוט האָט נאָך ניט אויסגעטריקענט, איצט געהסטו צו אָכִיש'ן און גלית'ס ברידער וועלען זיינע לייבוועכטער!

ווי דוד איז אַהין געקומען, זאָגען גלית'ס ברידער צו אָכִיש'ן:

— טויט איהם, ווי ער האָט געטויט אונזער ברידער גלית'ן.

ענטפערט אָכִיש: ער האָט איהם דאָך געטויט אין מלחמה, און ביידע האָבען זיך פערוואָטען, ווער וועמען וועט בייקומען.

— אויב אַזוי — ענטפערען גלית'ס ברידער — נעהם און טרעט איהם אָפּ דיין קעניגס-שטול: אַזוי האָבען זיי דאָך אָפּגעמאַכט, — אויב דוד נעהמט איין, דאַרפען אַלע פְלִשְׁתִּים ווערען זיינע קנעכט.

ווי דוד האָט געזעהן, אַז אָכִיש וויל זיי פאָלגען, האָט ער גענומען גאָט בעטען:

— רבונו של עולם, גיב מיר אַביסעל יענס [1].

ענטפערט גאָט: איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז שגעון האָט אויך זיין צייט, ווען ס'איז נוציג פאַר קלוגע לייט.

האָט זיך דוד געמאַכט משוגע און געשריבען מיט קרייד אויף די טיה-רען: „אָכִיש איז מיר שולדיג הונדערט גילדען, און זיין פרוי — פופציג".

אָכִיש'ס פרוי מיט דער טאָכטער זענען אויך געווען משוגע, האָט זיך דוד משוגע געמאַכט אין דרויסען און זיי — אינוועניג, פון זיי אַלעמען איז אָכִיש אַליין אויך שיער ניט משוגע געוואָרען — און האָט בעפוילען באַלד דורכטרייבען דוד'ן — און אַזוי אַרום איז דוד פונ'ם טויט גערעטעט געוואָרען.

דאַמאָלס האָט דוד געזאָגט:

„איך לויב גאָט יעדע צייט!" — די צייט פון חָכְמָה אי פון שִׁגָעוֹן.

## IV.

# האָרְנִים [2] און שפּין.

דָוִד הַמֶלֶך האָט אַמאָל געזעהן, ווי אַ האָרנִים נאָגט אַ שפּין. זאָגט ער צו גאָט:

— רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם! צו וואָס האָסטו בעשאַפען אַזעלכע מִיאוּס'ע

---

[1] שגעון. [2] „אָסאַ", אַזאַ מין פלִיג, ענליך צו אַ בִּיהן, זי בייסט ווי אַ בִּיהן, גיט אָבער ניט קיין האָניג.

בּרואים אויף דער וועלט? די הארנים פערדארבּט דער בּיהג׳ס האניג און שטעכט נאך דערצו. די שפין הערט נישט אויף צו וועבּען, און קיין קלייד פון איהר איז נישט צו דערלעבּען.

ענטפערט איהם גאט:

— שפּעט נישט פון מיינע בּעשעפעניש׳ען! עס וועט קומען א צייט, ווען דו וועסט דארפען צו זיי אנקומען.

שפּעטער, אז דוד איז אנטלאפען פון שאול המלך און זיך בּעהאלטען אין א הייל, האט גאט צוגעשיקט א שפין און זי האט פערצויגען איהר שפּינוועבּס איבּער׳ן ארייננאנג פון הייל.

באלד איז שאול געקומען און געזעהן, ווי די הייל איז פערוועבּט. טראכט ער זיך: ווען דוד וואלט געווען אריין אין הייל, וואלט ער דאך דורכקריכענדיג צוריסען דאס שפּינוועבּס, געוויס איז דארט קיינער נישטא.

איז שאול אוועק ווייטער און דוד איז ניצול געווארען.

ווי ער איז ארויס פון הייל און דערזעהן די שפּין, האט ער זי געהאפּט קושען און געזאגט:

„געבּענשט איז דיין בּעשעפער און געבּענשט בּיסטו״.

דערנאך, אז דוד איז געקומען אין שאול׳ס לאגער, האט ער געזעהן, ווי שאול שלאפט אין געצעלט און אלע זיינע גבּורים שלאפען אין ראד ארום איהם, און אבנר ליגט בּיי דער טיר מיט אויפגעשטעלטע פיס, איז דוד דורכגעקראכען צווישען אבנר׳ס קניע און צוגענומען דאס קריגעל וואסער פון שאול׳ס צוקאפּען און געלאזט זיך געהן צוריק.

דערווייל האט אבנר אויסגעצויגען די פיס און דוד׳ן צוגעדריקט, ווי מיט א פאר שווערע בּאלקען.

איז געקומען א הארניס און אבנר׳ן א בּיס געטהון אין טריט, האט ער די פיס ווידער אויפגעצויגען, און דוד איז ארויס פון אונטער זיינע קניע, און ווידער גאט געדאנקט פאר זיינע געטרייע בּעשעפעניש׳ען.

.V

## דוד און מיכל.

נאכדעם ווי דוד האט זיך בּערוהיגט פון די מלחמות, האט ער מיט גרויס פּאראד איבּערגעפיהרט דעם ארון מיט די לוחות אין דער נייער רעזידענץ ירושלים. דאס גאנצע פאלק האט בּעלייט דעם ארון, געשאלט און

געבלאָזען מיט שופרות און טראָמפּעטען און געשפּיעלט מיט אַלערליי מוזי־קאַלישע אינסטרומענטען. דער קעניג אַליין איז געגאַנגען פאָראויס אָנגעטהון אין גין־גאָלדענע קליידער, פרעהליך געקלאַטשט מיט די הענד, און בּרייט פונאַנדערגעשפּרייט די פּאָלעס פון זיין קעניג־מאַנטעל, האָט ער דעם גאַנצען וועג פייערליך געטאַנצט און געזונגען. בּיי יעדער בּעוועגונג האָבען זיינע גאָלדענע קליידער געפלאַטערט, געשעמירירט און האַרמאָניש צו׳ם טאַקט אַרויסגעגעבען זיס־ציטרענדע קלאַנגען. אין ירושלים זענען אַלע דעכער און פענסטער געווען בּעדעקט מיט פרויען און קינדער, וועלכע זענען אַרויס אויף חידושים אָנצוקוקען די אָנגעקומענע פּראָצעסיאָן מיט׳ן קעניג, וואָס טאַנצט אָהן אויפהער פאָראויס.

מיכל, דעם קעניג׳ס פרוי, איז אויך אַרויס אַקעגען. צוגעזעהן דעם קעניג׳ס אויפפיהרונג האָט עס איהר שטאַרק געהאַרט, און ווען דוד איז דערנאָך מיט איהר אין פּאַלאַץ געקומען, האָט זי גענומען איהם שטעכען מיט איהרע ווערטער:

— אַך, ווי שעהן, ווי פיין דאָס האָט אויסגעזעהן! דער יודישער קעניג האָט זיך היינט זעהר שעהן אַרויסגעוויזען פאַר אַלע דינסטען פון זיינע קנעכט. יאָ, עס פּאַסט טאַקי פאַר שאול המלך׳ס איידעם, אַ גלייכעניש! אין אונזער משפּחה האָבען זיך תמיד אַלע אויסגעצייכענט מיט צניעות, מיט הייליג־קייט. קיינמאָל האָט קיינער בּיי זיי נישט אַרויסגעזעהן קיין איין ענטבּלויסטען פינגער פון די פיס, און דו האָסט בּרייט געעפענט די פּאָלעס און געוואָרפען מיט פיס ווי אַ גאַס־מענש.

דוד האָט איהר אויף דעם געענטפערט מיט שטאָלץ:

— פאַר וועמען האָב איך עס געטהון, אפשר פאַר אַ שטערבּליכען קעניג? געטהון האָב איך עס לכבוד גאָט, לכבוד דעם קעניג פון אַלע קעניגען! די לייט פון דיין משפּחה האָבען געשווינט זייער אייגענעם כּבוד און פערבּויגען גאָט׳ס כּבוד, איך אָבער טהו פערקעהרט: צוליעב גאָט לעג איך אַוועק מיין כּבוד. און מכּוח דעם וואָס דו זאָגסט „דינסטען״—ניין, נישט קיין דינסטען— „מאַמעס״ זענען זיי, מאַמעס פון יודישע קינדער, איך שטאָלציר מיט זיי!

און וועגען דעם האָט דוד געזונגען אין זיין שיר־המעלות:

— „גאָט, מיין האַרץ האָט זיך נישט געגרויסט״ — ווען שמואל האָט מיך פאַר אַ קעניג געזאַלבּט. „און מיינע אויגען האָבען זיך נישט פערריסען״— ווען איך האָב גלית׳ן בּיינעקומען. „איך האָב זיך נישט שטאַרק איבּערגענומען״—

ווען דו האָסט מיך צוריק אויף מיין שטוהל אומגעקעהרט [1]. „און זיך נישט גרוים געהאַלטען" — ווען איך האָב דיין הייליגען אָרון אויף זיין אָרט גע־בראַכט. „ווי אַ קליין קינד פאַר זיין מאַמען האָב איך זיך געהאַלטען פאַר דיר"—איך פאַל מיט מיין אויפפיהרונג ביי זיך נישט אַראָפּ און שעם זיך מיט דעם נישט, געטהון האָב איך אַלס פון דיין כּבוד וועגען.

## VI.

## דָוִד'ס האַרפע.

אַ האַרפע איז געהאַנגען איבער דָוִד הַמֶלֶך'ס בעט. אַלע האַלבע נאַכט פלעגט קומען אַ צָפוֹן־ווינד און שטיל אַריינבלאָזען אין דער האַרפע און זי פלעגט אַנהויבען אַליין שפּיעלען. דאַמאָלס חאַפּט זיך דוד אויף און שטעלט זיך גאָט־לויבען ביז פריה־מאָרגען.

אין דער פריה קומען די חַכְמֵי־יִשְׂרָאֵל און זאָגען:

— אַדוֹנִי קעניג, דיין פאָלק יִשְׂרָאֵל דאַרף פַּרְנָסָה.

ענטפערט ער זיי: געהט דערנעהרט זיך איינער פון צווייטען.

ענטפערען זיי:

„דער לייב ווערט נישט זאַט פון אַ הויפען, די גרוב ווערט נישט פול פון איינענער זאַמד".

זאָגט ער: געהט לאָזט זיך מיט די חֲיָלוֹת אין שלאַכט־פעלד.

פלעגט מען באַלד זיך אַן עֵצָה האַלטען מיט אַחִיתוֹפֶל'ן, בעראָטען זיך מיט די סַנְהֶדְרִין, פרעגען דעם אוּרִים־וְתוּמִים און אַרויסגעהן אויף מִלְחָמָה.

## VII.

## דָוִד און יִשְׁבִּי.

נאָם האָט געזאָגט צו דוד'ן: ביז וואַנען וועסטו בלייבען נישט בע־שטראָפט פאַר דיין זינד? צוליעב דיר האָט שָאוּל אויסגעהרג'עט די שטאָדט נוֹב מיט אַלע כּוֹהֲנִים, צוליעב דיר איז שאוּל מיט אַלע קינדער און קינדס־קינדער אומגעקומען. קלויב דיר אויס אַ שטראָף: אָדער אַלע דיינע קינדער זאָלען אומקומען, אָדער דו אַליין זאָלסט אַריינפאַלען אין שׂוֹנֵא'ס האַנד.

---

1) נאָך אַבשלום'ס אויפשטאַנד.

ענטפערט דוד: בעסער וועל איך ליידען, און מיינע קינדער זאָל ניט שאַדען.

געהט איינמאָל דוד אַרויס אין פעלד אויף געיעג.

האָט זיך דער שטן פערשטעלט פאַר אַ הירש און דוד האָט איהם געיאָגט און געיאָגט, ביז ער איז אַריינגעלאָפען אין לאַנד פּלשתּים.

ווי ישבּי דער גבּור פון פלשתים האָט איהם דערזעהן, האָט ער גע־זאָגט: אָט דער האָט אונזער גליתן נע׳הרג׳עט, איצט וועל איך איהם דערפאַר בעצאָהלען. האָט ישבי געחאַפּט דוד׳ן און געבונדען און אַרונטערגעדריקט אונטער׳ן באַלקען פון אייל־פּרעטער [1]). איז געשעהן אַ נס און די ערד פון אונטען איז איינגעפאַלען, און דוד איז געבליבען ליגען גאַנץ אונטער׳ן באַלקען.

דער טאָג איז געווען ערב־שבּת און אבישי בן צרויה, דער עלטסטער פון דוד׳ס גבּורים, איז געשטאַנען און געוואַשען דעם קאָפּ אין פיער טון [2]) וואַסער. פּלוצלונג דערזעהט ער אַ בּלוט׳ס־טראָפּען אין וואַסער. „אַ שלעכטער סימן — טראַכט ער זיך — וואָס זאָל דאָס בעדייטען?“. דערווייל קומט צופליהען אַ טויב און פּאָכעט ווי אַ פערצווייפעלטע מיט די פליגעל. באַלד האָט ער פערשטאַנען, אַז דוד המלך איז אין אַ סכּנה [3]).

קומט ער אין דוד׳ס הויז און געפינט איהם ניט.

געהט ער צו די חכמים פרעגען אַ שאלה:

— לויט דעם געזעץ טאָר קיינער ניט רייטען אויפ׳ן מלך׳ס פערד, ניט זיצען אויף זיין שטוהל, און ניט נוצען זיין רוט [4]). ווי איז אָבער אין אַ סכנה?

ענטפערען די חכמים: בּשעת סכּנה מעג מען.

האָט ער זיך געזעצט אויף דוד׳ס מויל־עזעל און די ערד איז אונטער איהם אונטערגעשפּרונגען.

אין וועג זעהט ער ערפּה, ישבי׳ס מוטער, ווי זי זיצט און שפּינט. נעהמט זי און וואַרפט אויף איהם דאָס שפּינדעל און וויל איהם שטעכען. פאַלט דאָס שפּינדעל אין אַ זייט, זאָגט זי צו איהם: בּחור, דערלאַנג מיר דאָס שפּינדעל, גיט ער איהר אַ וואָרף און טרעפט גלייך אין מוח — פאַלט זי טויט.

---

1) אַ טיהל, וואו מען קוועטשט בוימעל פון איילבּירטען. 2) טאָנען, אַ פאַס פון פערציג עמער, אַזוי גרוים איז אבישי געווען. 3) געפאַהר. 4) סצעפּטער, קעניג׳ס שטאָק.

אַז ישבי האָט איהם דערזעהן, טראַכט ער זיך: איצט וועגען זיי שוין אין צווייען, וועלען זיי מיך הרג'נען. זאָגט ער אַ שפּרונג און וואַרפט אַרויף דוד'ן אין דער לופטען, דערנאָך שטעקט ער אַריין דעם שפּיז אין דער ערד מיט'ן שפּיץ אַרויף, דוד זאָל אויף איהם אַראָפּפאַלען. האָט אבישי געזאָגט אַ שם ¹) און דוד איז געבליבען שוועבען צווישען ערד און הימעל.

דערוויילע פרעגט אבישי דוד'ן: ווי קומסטו אַהער?

דערצעהלט ער איהם, וואָס גאָט האָט געזאָגט און וואָס ער האָט גע־ענטפערט.

זאָגט אבישי: קעהר־אום דיין געבעט, ווי זאָגט מען דאָס:

„זאָלען מיינע אייניקליך האַנדלען מיט שמאַטעס,
אַבי נישט מיר שאַט עס".

זאָגט דוד: אויב אַזוי, — העלף מיר מיט דיין תּפלה. און אבישי האָט געזאָגט אַ שם און איהם אַראָפּגענומען. זענען זיי ביידע אַנטלאָפען און ישבי האָט זיי נאָכגעיאָגט. רופט־אויס אבישי צו איהם: געה נור פריהער און גראָב־אויס אַ קבר פאַר דיין מוטער. ווי ישבי האָט עס דערהערט איז ביי איהם דער כּוח אָפּגענומען געוואָרען — און אבישי האָט איהם גע'הרג'עט.

## VIII.

# דוד און זיין תּהלים.

„רבונו־של־עולם — האָט דוד מתפלל געווען פאַר גאָט — לאָמיך וואוינען אין דיין צעלט אויף אייביגע צייטען".

דוד'ס תּפלה איז מקוים געוואָרען. ער לעבט אין גאָטס צעלט אייביג. אין אַלע צייטען ביז היינטיגען טאָג לאָזען זיך הערען אין אַלע שוהלען, אין אַלע בּתּי־מדרשים, די הייליגע מזמורים און לויב־געזאַנגען פון דעם פּאַסטוך, דעם קעניג, דער „זיסטער יודישער זינגער".

אָפּגעזונגען דעם לעצטען מזמור פון תּהלים איז דוד שטאַרק צופרי־דען מיט זיך אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין פעלד ביי אַ טייכעל. רבונו־של־עולם — האָט ער שטאָלץ אויסגערופען — צי האָט נאָך עמיצער אין דער וועלט, אויסער מיר, אַזוי פיעל לויב־ליעדער פאַר דיר געזונגען?

— איך! — האָט זיך פונ'ם טשערעד אַרויס געלאָזט הערען אַ קוואַקע פון אַ פראָש—נעהם זיך, דוד, נישט איבער, איך זינג פאַר גאָט מעהר פון דיר!

¹) גאָט'ס נאָמען, אַ שפּרוך.

.IX

# דָוִד'ס טויט.

דוד האָט געבעטען דעם אויבערשטען:

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! זאָג מיר, ווען וועל איך שטארבען.

ענטפערט גאָט: דאָס איז מיין גְזֵרָה, קיין מענש זאָל ניט וויסען זיין ענד[1].

— זאָג מיר האָטש וועלכען טאָג?

— שַׁבָּת!

— בעסער זונטאָג.

— אונמעגליך!

— פארוואָס?

— שבת קומט שוין שלמה'ס צייט צו קעניגען און איין מלוכה טאָר די צווייטע ניט אָנריהרען אַפילו אויף אַ האָר.

— טאָ זאָל איך שטארבען ערב שַׁבָּת.

— ניין! נאָך איין טאָג, וואָס דו לערנסט תּוֹרָה און זאָגסט שִׁירָה איז מיר טייערער, ווי די טויזענד קָרְבָּנוֹת, וואָס שלמה וועט מיר אָפּפערען.

פון דעמאָלט אָן פלעגט דוד אַלע שבת זיצען און לערנען אַ גאנצען טאָג, ניט מַפְסִיק[2] געווען אַ מִינוּט.

דעם לעצטען שבת איז דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת געשטאנען און ניט געקענט צו איהם צוטרעטען, ווייל ער האָט אַ רֶגַע ניט מַפְסִיק געווען. נעהמט דער מלאך־המות און הויבט אָן צו רוישען מיט די ביימער אין גאָרטען. איז דוד אויפגעשטאנען און געגאנגען זעהן, וואָס רוישט דאָרט, — האָט זיך אונטער איהם אַ טרעפ צובראָכען און ער איז באלד געשטאָרבען.

# שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

.I

## שְׁלֹמֹה'ס חָכְמָה.

גאָט האָט זיך בעוויזען צו שלמה'ן און געפרעגט: וואָס פערלאנגסטו איך זאָל דיר געבען?

— פערשטאַנד — האָט איהם שלמה געענטפערט.

---

1) סוף, טויט. 2) אויפגעהערט, אונטערבראָכען, איבערגעריסען.

בײַ אַ קעניג אין הויז איז געװען אַ געליבטער יועץ. אײנמאָל זאָגט איהם דער קעניג: דו קענסט בײַ מיר פועל'ן אַלעס װאָס דײַן האַרץ גליסט.

טראַכט בײַ זיך דער יועץ: זאָל איך בעטען גאָלד מיט זילבער — װעט ער מיר געבען. דימאַנטען און ברילִיאַנטען — װעט ער מיר געבען. בעסער לאָמיך בעטען בײַ איהם די בת־מַלכּה פאַר אַ פרױ — און אין דעם געהט שױן אַלעס אַרײַן.

אַזױ האָט אויך שלמה בײַ גאָט ניט קײַן פערמעגען געבעטען, ניט קײַן גבורה, ניט קײַן נצחון אויף די שונאים, נור חָכמָה, די הימעלס־טאָכטער— אַז זי איז דאָ איז אַלעס דאָ.

*
* *

„און שלמה איז קליגער געװען פון אַלע מענשען" —
קעניגען האָבען פאַר איהם געציטערט,
פעלקער און שטאַמען איהם שטײַער געבראַכט,
פיש פון ימים, פױגעל פון הימעל
ציהען זיך מַחֲנות־װײַז צו זײַן קיך,
בְּהֵמות און חַיות פון פעלדער און װעלדער
שטעהען און בעטען זיך: שַחט אונז צו דײַן סְעודָה.
רײַך און מעכטיג, נַחֲלָאות מיט גיטער,
גאָלד און זילבער, אָהן שִיעור און אָהן צאָהל.
ענטשײדט רעטענישען, ענטדעקט פערבאָרגענישען,
אין טיפע סודות דרינגט־אײַן זײַן אויג.
שונאים און פײַנד פערװאַנדלען זיך אין פרײַנד,
קעניגען חאַפּען־אויף מיט אָפּשײַ זײַן בעפעהל,
זײַ שטעהען און גאַרען אָנקוקען זײַן געזיכט,
שלינגען מיט דורשט זײַנע קלוגע װערטער.
אין װײַטע קעניגרײַכען טראָגט זיך זײַן נאָמען,
זײַן גרױסע מאַכט בעװאונדערען חֲכָמים.
פרום און ערליך, קײַן שלעכטס און קײַן בעז,
װאַרהײַט און גערעכטיגקײַט רינגלען־אום זײַן שטוהל.
הערען און פירסטען שיקען איהם גערן
זיהן און טעכטער פאַר קנעכט און דינסטען.
דער גרױסער שליסעל ליגט בײַ איהם אין האַנד,

אַלע טיערען פון חָכְמָה עפענען זיך פאַר איהם.
ער ווייסט די שפּראַך פון חַיות און עופית,
פערשטעהט דעם גערויש פון ביימער און גראָזען.
הערשען און אינדען לייפען איהם פאַראויס,
לייבען און טיגרען טראָגען זיין געוועהר.

II.

# פאַר־קאָפּ.

אַשְׁמְדַי דער מֶלֶךְ פון אַלע שֵׁדים איז אַ מאָל געקומען צו שְׁלמה׳ן און איהם געפרעגט:

— דו ביסט עס דער שלמה, וואָס מע זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט קליגער פון גאָר דער וועלט?

— איך.

— און דו ווייסט אַלץ, וואָס טהוט זיך אויף גאָר דער וועלט?

— יאָ!

— וועל איך דיר ווייזען אַ זאַך, וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געזעהן.

— ווייז!

האָט אַשמדי אויסגעשטרעקט זיין האַנד ביז אויף יענער זייט ערד, אין לאַנד תֵּבֵל, און דערלאַנגט פון דאָרט אַ מענשען מיט צוויי קעפּ און פיער אויגען. האָט זיך שלמה זעהר דערשראָקען און געהייסען איהם פערשליסען אין קאַמער.

דערנאָך שיקט ער רופען בְּנָיָהו בֶּן יְהוֹיָדָע און פרעגט איהם:

— ווי מיינסטו, געפינען זיך מענשען אונטער אונז אויף יענער זייט ערד?

— אַזוי וואָהר איך לעב, אַדוני קעניג, ווי איך ווייס ניט, נאָר געהערט האָב איך פון אַחיתופל׳ן, אַז ס׳איז יאָ פאַרהאַן.

— אָפְשַׁר ווילסטו, איך זאָל דיר ווייזען אַ מענשען פון דאָרטען?

— ווי קענסטו עס טהון? די ערד האַלט דאָך די טיעף אַ מַהֲלָךְ [1] פון פינף הונדערט יאָהר.

האָט שלמה אַרויסגעפיהרט דעם צווייקעפּיגען מענשען פון קאַמער און איהם בעוויזען.

---

1) אַ שטרעקע צו געהן און פערלויף פון פינף הונדערט יאָהר.

ווי בְּנָיָהוּ האָט איהם דערזעהן, איז ער געפאַלען מיט׳ן פָּנִים צו דער ערד און געמאַכט אַ בְּרָכָה „שֶׁהֶחֱיָינוּ״.

פרעגט שלמה דעם מענשען:

— ווער ביסטו?

— א מענש פון קַיִן׳ס קינדער.

— ווי הייסט אייער לאַנד?

— תֵּבֵל!

— האָט איהר אַ זון מיט אַ לְבָנָה?

— יאָ!

— ווי געהט אויף די זוהן און ווי פערגעהט זי?

— זי געהט אויף אין אייער מַעֲרָב-זייט און פערגעהט אין מִזְרָח-זייט.

— וואָס טהוט איהר?

— מיר אַרבייטען ערד און פיטערן שאָף מיט רינדער.

— זענט איהר מִתְפַּלֵּל?

— יאָ!

— וואָס איז אייער תְּפִלָּה.

— „אַך ווי גרויס זענען דיינע ווערק, גאָט, אַלע האָסטו מיט קלוגשאַפט געמאַכט!״

— ווילסטו צוריק?

— טהו מיר די טובה און קעהר מיך אום אַ היים.

האָט שלמה בעפוילען דעם אַשמדי, ער זאָל איהם צוריקברענגען אין זיין לאַנד.

ענטפערט דער אַשמדי: דאָס וועל איך אייביג נישט קענען.

זאָגט שלמה צום מענשען: מענש, בלייב דאָ, און לעב מיט אונז גלייך.

האָט דאָס מענשיל אָנגעהויבען צו אַקערן און שניידען און איז זעהר רייך געוואָרען.

דערנאָך האָט ער חֲתוּנָה געהאַט מיט אַן אָרעמער יְתוֹמָה און זי האָט איהם געבוירען זיבען זיהן: זעקס געראָטען אין דער מוטער און דער זיבעטער — אין פאָטער, מיט צוויי קעפּ און פיער אויגען.

אַז דאָס מענשיל איז געשטאָרבען, האָבען זיך די זיהן אָנגעהויבען קריגען פאַר דער ירושה. די זעקס זאָגען: מיר זענען זאַלבע-זיבענט, דאַרף יעדערער נעהמען אַ זיבעט-חֵלֶק ירושה, און דאָס יונגע מענשיל טַעֲנה׳ט: מען דאַרף צוטיילען „קאָפּ אין קאָפּ״ — קומט מיר צוויי חֲלָקִים.

זענען זײ געגאַנגען צו שלמה׳ן זיך לאָדען. רופט־צונויף שלמה די סַנְהֶדְרִין און פרעגט זײ דעם דין — װײסען זײ נים.

זאָגט שלמה: מאָרגען זאָג איך אוים דעם פְּסַק ¹).

בײנאַכט האָט זיך שלמה געשטעלט גאָט בעטען:

— רבונו־של־עולם! אַז דו האָסט מיך אין גִבְעוֹן געפרעגט: „װאָס פערלאַנגסטו?“ האָב איך ניט געבעטען קײן גאָלד און זילבער, נור חָכְמָה האָב איך געבעטען, איך זאָל קענען רעכט מִשְׁפָּט׳ען דײן פאָלק יִשְׂרָאֵל. איצט דאַרף איך משפט׳ען אײנעם פון קִין׳ס קינדער און װײס ניט װי צו פְּסַק׳נען. דערלײכט מיר די אויגען, איך זאָל אַרויסטראָגען אַ אֶמֶת׳ען פסק!

ענטפערט גאָט: מאָרגען פריה גיב איך דיר אַרײן חָכְמָה.

װי דער מאָרגען האָט אויפגעשײנט, רופט שלמה װידער צונויף די סנהדרין, און זאָגט זײ אַזוי: מען דאַרף אויספרובען, אויב אײן קאָפ פיהלט װאָס מען טהוט דעם צװײטען — איז עס אײן מענש. אויב ניט — איז עס צװײ.

הײסט ער ברענגען זודיגע װאַסער און אַרויפשפריצען אויף אײן קאָפ, הײבט דער צװײ־קעפּיגער אָן צו שרײען:

— אַדוֹנִי קעניג, מיר שטאַרבען, מיר שטאַרבען!

האָבען אַלע אַרויסגעזעהן שלמה׳ס חכמה און געבליבען פערגאַפט.

## III.

## דער מִשְׁפָּט מיט דער שלאַנג.

אײנער איז געגאַנגען אין פעלד און געטראָגען אַ קרוג מילך. בעגעגנט איהם אַ דאָרשטיגע שלאַנג און בעט אַ טרונק.

פרעגט ער זי:

— װאָס װעסטו מיר בעצאָהלען פאַר דער מילך?

— איך װעל דיר װײזען אַן אוֹצר.

אַז די שלאַנג האָט זיך אָנגעטרונקען זאָגט זי צום מענשען: בויג זיך אָן און הויב־אויף אָט דעם שטײן װעסטו אונטען געפינען דעם אוֹצָר.

װי דער מענש האָט זיך אײנגעבויגען, קריכט אַרויף די שלאַנג און פערװיקעלט זיך אַרום זײן האַלז.

---

1) רעזאָלוציע, אורטײל.

שרײַט דער מענש: וואָס טהוסטו?

ענטפערט די שלאַנג: דערפאַר וואָס דו ווילסט צונעהמען מײַן גאַנץ פערמעגען, וויל איך דיך דערשטיקען.

זענען זײַ אוועק צו שלמה'ן זיך לאָדען.

זאָגט שלמה צו דער שלאַנג: קודם קריך אַראָפּ פון האַלז! ווי באַלד דו קומסט צו בית־דין [1], דאַרפסטו ניט זײַן מעהר „מוחזק" [2] פון איהם.

האָט די שלאַנג געפאָלגט.

— איצט לאָמיך הערען דײַנע טענות!

זאָגט די שלאַנג: איך האָב רעכט אויף דעם, גאָט אַליין האָט מיר געבאָטען: „זאָלסט בײַסען דעם מענשענס טריט".

— אויב אַזוי — זאָגט שלמה צו דעם מענשען — האָט דיר גאָט בעפוילען: „צוזעץ איהר דעם קאָפּ".

האָט דער מענש אַזוי געטהון.

דעריבער זאָגט דאָס שפּריכוואָרט:

דער בעסטער שלאַנג — צופּלעט דעם קאָפּ.

.IV

## דער משפּט מיט די דרײַ רײַזענדער.

דרײַ רײַזענדער, וואָס ס'איז זײַ אויסגעקומען אויף שבּת אין מיטען וועג זיך אָפּשטעלען, האָבען ערב־שבּת אינאײנעם בעהאַלטען זײַער געלד אויף איין פערבאָרגען אָרט. געקומען שבת־צונאַכטס צו דעם אָרט — ניטאָ דאָס געלד. איז יעדער פון זײַ דעם אַנדערען חושד, אַז יענער איז דער גנב. קומט מען זיך לאָדען פאַר שלמה המלך. הערט שלמה המלך אויס זײַערע טענות און הייסט זײַ קומען מאָרגען פריה.

אין דער פריה, ווען זײַ זענען ווידער פאַר'ן געריכט געשטאַנען, האָט זיך שלמה המלך צו זײַ געווענדט מיט די ווערטער:

— ווי ס'איז צו דערקענען אין אײַך, זענט איהר מענשען געניטע, ניט קיין לײַדיגע, האָט אַ ידיעה אין הויות־העולם [3] — וויל איך אײַך דערצעהלען אַ מעשה, וואָס קען זיך אויף דער וועלט פּאַסירען, און אויסהערען וועגען דעם אײַער מײנונג.־

---

1) געריכט. 2) תקיף, האַלטען בײַ זיך אַ בעוואָרעניש. 3) וועלט־זאַכען.

אין אַ שטאָדט ערגיץ, אין איין הויף, האָבען צוזאַמען געוואוינט אַ יונג מיידיל מיט אַ יונגען בָּחור. ליעבען זיי זיך שטאַרק. מאַכט זיך אָבער, אַז זיי מוזען זיך שיידען. פערבונט מען זיך מיט אַ שְׁבוּעָה, אַז אָהן אַ ערלוי־בעניש פון דעם צווייטען טאָר קיינער פון זיי נִיט חֲתוּנָה האָבען. געדויערט אַ שטיקעל צייט און די עלטערען פונ׳ם מיידיל פערקנס׳ען זי פאַר אַ אַנ־דערען יונגעמאַן. אין דער חוּפָּה־נאַכט, ווען דער חָתָן איז צו איהר אין צימער אַריין, זאָגט זי איהם: איך וועל אַנדערש דיין פרוי נישט זיין, סיידען איך וועל אויף דעם ערלויבעניש בעקומען פון יענעם און יענעם, מיט וועל־כען איך בין פערבונדען דורך אַ שְׁבוּעָה. לאָזט ער זי אָפּ. דערנאָך קומט זי מיט איהר חָתָן צו יענעם און לעגט איהם פאָר: נעהם ביי מיר אַוועק גאָלד מיט זילבער וויפיעל דו ווילסט אַליין און בונד מיך אויף פאַר מיין מאַן. זאָגט יענער: „אַז דו האַלסט יאָ אַזוי וואָרט, בעפריי איך דיך פון דער שְׁבוּעָה מיט מיין גוטען ווילען און נעהם פון דיר גאָר נִיט. געהט אייך בְּשָׁלוֹם אַהיים און לעבט אייך ביידע גליקליך". געהען זיי צוריק אַהיים. אויפ׳ן וועג בעפאַלען זיי רויבער. נעהמט־צו דער עלטסטער פון די רויבער דאָס גאַנצע געלד מיט דער כַּלָּה און וויל איהר גוואַלד־טהון. בעט זי זיך ביי׳ם אַלטען רויבער: „ריהר מיך נישט אָן ביז דו וועסט מיך אויסהערען". דערצעהלט זי איהם אַלעס, וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען, און לאָזט־אויס מיט די ווערטער: „היינט בערעכען זיך אַליין, אויב יענער, וואָס איז נאָך גאָר יונג און הייס־בלוטיג, האָט זיין יֵצֶר־הָרָע געבראָכען און מיך נישט בעריהרט,— בִּפְרָט אַזאַ זָקֵן ווי דו. האָב גאָט אין האַרצען, נאַ דיר אַוועק אינגאַנצען מיין גאָלד און זילבער און לאָז מיך אָפּ בְּשָׁלוֹם מיט מיין מאַן אַהיים". דער אַלטער, שטאַרק געריהרט פון די ווערטער, האָט נישט געוואָלט ביי זיי קיין זאַך נעהמען און זיי אָפּגעלאָזט פריי.

— איצט — זאָגט שלמה צו די רייזענדער — וויל איך אויסהערען אייער מיינונג, ווער פון די אַלע פּערזאָנען פערדיענט דאָ אַ גרעסערען שֶׁבַח[1].

— נאָך מיין מיינונג — זאָגט איינער — פערדיענט עס די כַּלָּה, וואָס האָט אַזוי פעסט די שבועה געהאַלטען.

— איך מיין — זאָגט דער צווייטער — אַז דער גרעסטער שבח קומט דעם מאַן, וואָס האָט געבראָכען זיין תַּאֲוָה און זי נישט בעריהרט.

— און נאָך מיין מיינונג גאָר—זאָגט דער דריטער—האָט דער רויבער־

1) לויב.

בעווייזען אַ גְבוּרָה מעהר פון זיי אַלע: אַזאַ אוֹצָר מיט גאָלד — און אָפּגעגעבען צוריק!

— אָט דער איז עס דער גַנָב! — ווייזט־אָן שלמה המלך אויף'ן דריטען, און באַלד געהייסען זיך נעהמען צו איהם, ביז יענער האָט געמוזט זיך מוֹדֶה זיין, וואו ער האָט דאָס גע'גַנְב'עטע געלד בעהאַלטען.

## V.

# די חָכְמָה פון מִצְרַיִם.

אַז שלמה האָט פערקלערט צו בויען דעם בֵּית־הַמִקְדָש, האָט ער געשיקט צו פַּרְעה נְכֹה דעם מֶלֶך פון מִצְרַיִם.

— שיק מיר קינסטלער־מייסטער און איך וועל זיי גוט בעלוינען.

האָט פרעה־נכה צונויפגערופען אַלע זיינע אַסטראָלאָגען [1]) און זיי געזאָגט:

— ווייזט מיר אָן די מענשען, וואָס דאַרפען דאָס יאָהר שטאַרבען, וועל איך זיי שיקען צו שלמה'ן.

ווי די קינסטלער פון מצרים זענען געקומען צו שלמה'ן, האָט ער דערזעהן מיט'ן רוּחַ־הַקוֹדֶש [2]), אַז זיי דאַרפען דאָס יאָהר שטאַרבען, האָט ער זיי אָנגעטהון תַּכְרִיכִים און אָפּגעשיקט צוריק צו פרעה'ן מיט אַ בריעף:

— אפשר פעהלט־אויס פרעה'ן אויף קבורה־געלד פאַר זיינע מֵתִים, שיק איך זיי איהם צוריק מיט פאַרטיגע תכריכים.

## VI.

# פַּרְעה'ס טאָכְטער.

די נאַכט ווען שלמה האָט פערענדיגט דעם בִּנְיָן בֵּית־הַמִקְדָש האָט ער געפייערט די חֲתוּנָה מיט פַּרְעה'ס טאָכטער, און די צווייטע שִׂמְחָה האָט מיט איהר גרויס פּראַכט פערדונקעלט די שמחה פון חֲנוּכַּת־הַבַּיִת [3]).

אַכציג פערשיעדענע טענץ האָט פרעה'ס טאָכטער אויסגעטאַנצט און אונטער אַכציג פערשיעדענע נְגוּנִים און אויסגעטייטשט: אַזוי זינגט מען פאַר דער עֲבוֹדָה־זָרָה, אַזוי — פאַר יענער. אין דער נאַכט האָט נאָך געזאָגט:

---

1) שטערען־זעהער. 2) הייליגער גייסט, נביאה. 3) בעניישען דאָס הויז.

„איבערדריסיג איז מיר געוואָרען די שטאָדט ירושלים״—און ער האָט פער־טראַכט זי חרוב צו מאַכען.

באַלד איז גבריאל המלאך אַראָפּ פון הימעל און אַרײַנגעשטעקט א שטאָק בײַם ברעג ים, — האָט זיך פון אויבען פערצויגען א זומפּ און פער־וואַקסען אַ האַלב אינזעל מיט גראָז. אויף יענעם אָרט איז די שטאָדט רוים [1] אויסגעבויט געוואָרען.

א הימעל־בעט האָט פרעה׳ס טאָכטער געלאָזט מאַכען פאַר שלמה׳ן בעצויגען מיט שטאָף פון בלוי־הימעל קאָליר און בעזעצט מיט ברילױאַנטען, וואָס האָבען געפינקעלט ווי שטערען.

אַז שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה, און געזעהן איבער זיך די שטערען פון הימעל־בעט, האָט ער געמיינט, ס׳איז נאָך נאַכט — און ווידער איינגעשלאָפען מיט די שליסלען פון בית־המקדש צו קאָפּען.

און די הויף־לײַט האָבען ניט געוואַגט איהם געהן וועקען, — ביז זיין מוטער בת־שבע איז געקומען און איהם אויסגעפּאַטשט מיט איהר פּאַנטאָפעל און איהם געשטראָפט מיט האַרטע רעד.

## VII.

# שלמה׳ס שטול.

שלמה האָט געמאַכט אַ שטול פון עלפענבײַן בעדעקט מיט גאָלד, בעשאָטען מיט פּעריל און בעזעצט מיט טײַערע ברילױאַנטען פון אַלערלײַ קאָלירען: רויטע רובינען, בלויע סאַפּירען, לויטערע ברילױאַנטען, גרינע סמאַראַגדען און אַנדערע טײַערע שטיינער.

אויף דער ערשטער טרעפּ ליגט אַ גילדענער לייב און אַנטקעגען— אַ גילדענער אָקס; אויף דער צווייטער טרעפּ — אַ גילדענער וואָלף אַנט־קעגען אַ שאָף, אויף דער דריטער — אַ לעמפּערט אַנטקעגען אַ ציג, אויף דער פערטער—אַ בער אַנטקעגען אַ הירש; אויף דער פינפטער—אַן אָדלער אַנטקעגען אַ טויב; אויף דער זעקסטער—אַ שפּאַרבער אַנטקעגען אַ שפּער־לינג, אַלץ פון לויטער גאָלד.

אויבען אויפ׳ן קאָפּ פון שטול שטעהט אַ גילדענע מנורה מיט אַלעם גרײַטען: לײַכטער און קנעפּ, צווענגליך און פײַער־שאַרער, בעכער און בלומען, אַלעם פון גאָלד. זיבען רעהרען געהען־אַרויס פון איין זײַט, און אויף זײ

1) דורך וועלכער ירושלים איז דערנאָך חרוב געוואָרען.

אויסגעשניצט די זיבען אָבות[1]) פון דער וועלט: אָדם, נח, שם, אַברָהָם, יִצְחָק, יַעֲקב און איוב אין מיטען; און אויף דער אַנדערער זייט מְנוֹרָה נאָך זיבען גילדענע רעהרען, און אויף זיי אויסגעשניצט די זיבען חֲסידים[2]) פון דער וועלט: לֵוִי און עַמְרָם, משה וְאַהֲרן, אֶלְדָד וּמֵידָד און חור אין מיטען.

אויף דער מנורה—אַ גילדענער קרוג, און אונטען אַ גילדענער בעקען, ביידע — פול מיט לויטערען שֶמֶן־זַיִת[3]), פון בעקען געהען אַרוים צוויי גיל־דענע זאַנגען און אין די זאַנגען — צוויי קאַנאַלען. אויפ'ן בעקען איז אויס־געשניצט עֵלִי הַכֹּהֵן, אויף די זאַנגען—זיינע צוויי זיהן, חָפְנִי וּפִנְחָס, און אויף די קאַנאַלען — די צוויי אַהרן'ס קינדער, נָדָב וַאֲבִיהוּא.

אין ביידע זייטען שטול, רעכטס און לינקס, שטעהען צוויי גילדענע קאַטהעדערען[4]), איינע פאַר'ן כֹּהֵן גָדול, די צווייטע פאַר'ן סְגַן פון די כֹּהֲנִים, און אַרום שטול — נאָך זיבעציג גילדענע קאַטהעדערען פאַר די זיבעציג זְקֵנִים — די סַנְהֶדְרִין.

און צוויי וואַסער־טעכטער[5]), האַלב פיש האַלב מענש, זיצען ביי ביידע זייטען פון מֶלֶך, ער זאָל אויף זיי אָנלעהנען דעם קאָפּ.

און פיער און צוואַנציג גילדענע ווייַנשטאָקען, שטעהען פון ביידע זייטען שטול און בעדעקען דעם מלך מיט זייער שאָטען, און אַרום שטול שטעהען טייטעל־ביימער, בעהאַנגען מיט ווייַסען לייַנען, און אויף זייערע בלעטער־קרוינען שטעהען עלפענביינענע פאַוועס, און צוויי גילדענע לייבען, אינווענדיג אויסגעהוילט[6]) און אָנגעפילט מיט בשָׂמִים, שפריצען געווירציגע רֵיחות, ווען שלמה המלך זעצט זיך אויפ'ן שטול.

ווי שלמה המלך פלעגט אַרויף אויף די ערשטע טרעפּ, — אַזוי האָט זיך באַלד אָנגעהויבען ריהרען דער אינווענדיגסטער מעכאַניזם[7]). אַ ראָד גיט זיך אַ דרעה און דער לייב שטרעקט אויס אַ פוס פון איין זייט און דער אָקס— אַנטקעגען, און דער מלך לעהנט זיך אָן אויף זיי און געהט־אַרויף העכער. אַזוי איז געווען ביי אַלע טרעפּ. אויבען האָט איהם דער אָדלער געזעצט אויפ'ן שטול און אָנגעטהון די קרוין אויפ'ן קאָפּ און די גילדענע טויב איז אַראָפּ פון זייל צום אָרון־קוֹדש, גענומען אַ סֵפֶר־תּוֹרָה און דערלאַנגט שלמה'ן אין האַנד. און דער כּהן־גדול מיט די זקנים שטעהען־אויף און גיבען־אָפּ שָׁלום, דערנאָך זעצען זיי זיך אויף די ערטער און הויבען־אָן מִשְׁפָּט'ען דאָס פאָלק ישראל.

1) פאַטער'ס. 2) פרומע. 3) אָליווען־אייל. 4) הויכע שטולען. 5) רוסאַלקעס. 6) פוסט. 7) מאַשינעריע, רעדער־ווערק.

אַ זילבערנע שלאַנג איז געווען אין מעכאַניזם, צונויפגעוויקעלט, ווי אַ פערשרויפטע פעדער [1], און ווען עס זענען געקומען פאַלשע עדות, האָט זיך באַלד די שלאַנג צוויקעלט און אַלע פעדער פונאַנדערגעלאָזט — האָבען אַלע רעדער אָנגעהויבען זיך דרעהען און די חיות -- רויישען: די אָקסען— מוקען, לייבען—שרייען, לעמפערטען—שאַלען, וועלף—היילען, שעפסען — בלעקערצען, ציגען—טרעלען, בערען—ברומען, הירשען—הירזען, טויבען— מרוקען, שפּאַרבער—קראַקען, שפערלינגען—פּיפּסען [2], פּאַוועס—לויפען און אָדלער—פליהען. פאַלט-אָן אויף די עדות אַ שרעק און זיי זאָגען דעם אֶמֶת.

פַּרעה נְכֹה האָט דעם שטול גענומען געפאַנגען און איהם געבראַכט קיין מִצְרַיִם, און אַז ער האָט געוואָלט זיך זעצען אויפ'ן שטול, האָט דער לייב אויסגעצויגען דעם רעכטען פוס און איהם געגעבען אַ קלאַפּ אין דיך,—איז ער געבליבען אַ הינקעדיגער ביז'ן טויט.

און אַז נְבוּכַדְנֶצַר הָרָשָׁע האָט חָרוּב געמאַכט די שטאָדט ירוּשָׁלַיִם און שפּעטער מצרים אויך איינגענומען, האָט ער דעם שטול אַוועקגעפיהרט אין בָּבֶל און געוואָלט זיך זעצען אויף איהם,—האָט איהם דער לייב אַראָפּ-געוואָרפען. און אַז דָרְיָוֶשׁ האָט איינגענומען בָּבֶל און אַוועקגעפיהרט דעם שטול אין מָדַי,—האָט שוין קיינער ניט געוואַגט צו זעצען זיך אויפ'ן שטול. און אַז אַלעקסאַנדר מוקדון האָט איינגענומען די גאַנצע וועלט, האָט ער דעם שטול צוריק אַוועקגעפיהרט אין מצרים. און אַז אַנְטִיפוֹנוֹס בֶּן אַנְטִיוֹכוֹס האָט חרוב געמאַכט מצרים האָט ער דעם שטול אָפּגעפיהרט אין אַ שיף, איז אַרויסגעפאַלען אַ פּיסעל און געבליבען הייגען אויף אַ גילדענער קייט. האָט ער אַראָפּגעבראַכט קינסטלער פון גאָר דער וועלט — און קיינער האָט ניט געקענט פערריכטען, ביז אויף היינטיגען טאָג.

VIII.

# מַלְכַּת שְׁבָא.

איינמאָל, ווען דעם מלך שלמה איז געווען אויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען נאָך אַ גוטען כּוֹס וויין, האָט ער פונאַנדער געשיקט שְׁלוּחִים אין אַלע לענדער אַרום אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל און געלאָזט בעטען אַלע מְלָכִים פון מִזְרָח און מַעֲרָב זיי זאָלען קומען אין זיין פּאַלאַץ און זעהן זיין גרויסקייט.

---

1) ספּרינזשינע. 2) קווישען.

דערנאָך האָט ער בעפוילען מען זאָל ברענגען דָוִד המלך׳ס פידלען און צימבלען, פויקען און פלייטען און שפּילען פאר זיי. און נאָך האָט ער בעפוילען, מען זאָל ברענגען אַלע בְּהֵמוֹת און חַיוֹת, עוֹפוֹת און שְׁרָצִים, שֵׁדִים און רוּחוֹת, טַאַוולען און שרעטעליך, זיי זאָלען פאר איהם טאַנצען און שפּרינגען. די שרייבער זיצען און לייענען די רעיסטער [1]), רופען־אויס יעדען בּיי זיין נאָמען, און זיי פערזאַמלען זיך און קומען אַלע, ניט געבונדען, ניט געשמידט און נישט געפיהרט פון קיינעם.

האָט מען דורכגעזוכט אַלע פויגעל און דעם אויער־האָן צווישען זיי ניט געפונען, ווערט שלמה שטאַרק אויפגעבראַכט און בעפוילט, מען זאָל איהם ברענגען און בעשטראָפען.

קומט דער אויער־האָן און זאָגט:

— אֲדוֹנִי קעניג! הער נאָר אויס מיינע רעד, און לאָזען מיינע ווערטער דיר אריין אין אויער. שוין דריי חָדָשִׁים אז ס׳איז מיר אריין אין קאָפּ א געדאַנק און האָב אַלץ געוואָלט דערגעהן איין זאַך; קיין ברויט האָב איך ניט געגעסען, קיין וואַסער געטרונקען, און אַלץ בּיי זיך געטראַכט: איך וועל פליהען־שוועבען איבער גאָר דער וועלט, און זעהן צי איז פאַראַן א לאַנד צי א קעניגרייך, וואָס איז דיר ניט אונטערטהעניג און פאָלגט ניט דיין געבאָט. האָב איך געפונען א ווייטע מְדִינָה מיט דער הויפט־שטאָדט קיטור אין מִזְרָח לאַנד. איהר זאַמד איז טייערער פון גאָלד, און זילבער וואַלגערט זיך אין די גאַסען ווי מיסט. און ביימער וואַקסען דאָרט פון אייביגע צייטען, געפלאַנצט נאָך אין די ערשטע טעג, ווען די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, און וואַסער טרינקען זיי פון גַן־עֵדֶן קוואַל. פאַראַהאַן דאָרט פיעל חֲיָלוֹת [2]), מיט קרוינען אויף די קעפּ, נאָר אָנצוציהען א בויגען [3]) קענען זיי ניט, און ווי צו פיהרען מלחמות ווייסען זיי ניט. א פרוי געוועלטיגט איבער זיי און איהר נאָמען איז מַלְכַּת־שְׁבָא. דעריבער, אויב די זאַך וועט וואוילגעפעלען דעם מֶלֶך מיין הער, וועל איך זיך אָנטהון א כּוֹח, און זיך אוועקלאָזען אין שטאָדט קיטור, אין לאַנד שבא. זייערע מְלָכִים וועל איך שמידען אין שלעסער און זייערע הערשער אין אייזערנע קייטען — און ברענגען זי צו דיר, אֲדוֹנִי קעניג.

און די זאַך איז וואוילגעפעלען אין מלך׳ס אויגען. האָט ער געשיקט רופען די קעניגליכע שרייבער, און מ׳האָט אָנגעשריבען א בריעף און אָנגעבונדען אין אויער־האָנ׳ס פליגעל.

---

1) צעטלען. 2) מיליטער. 3) צו שיסען מיט פיילען.

איז אויפגעשטאַנען דער אויער־האָן און אַרויפגעשוועבט אין דער הויך, און אַרומגעדרעהט זיך אין דער לופטען אַרום און אַרום, זענען אַלע פויגעל אַריין צו איהם אין ראַד און זיך צוציוגען וויט — דער אויער־האָן פליהט פאָראויס און אַלע ציהען זיך נאָך. אַזוי זענען זיי געפלויגען און גע־פלויגען, ביז זיי זענען געקומען צו דער שטאָדט קיטור אין מְדִינָה שְׁבָא.

אין דער פריה געהט אַרויס די מַלְכַּת־שְׁבָא זיך בוקען צו דער זון און זעהט, אַז ס'איז פלוצלונג געוואָרען פינסטער, ווייל די פויגעל האָבען מיט זייערע פליגעל פערשטעלט די שיין,—האָט זי צוריסען איהרע קליידער און געבליבען שטעהן פערוואונדערט און פערקלעמט.

האָט זיך דער אויער־האָן אַראָפּגעלאָזען צו איהר, — דערזעהט זי דעם בריעף העגנגען אויף זיינע פליגעל, בונדט זי אָפּ דעם בריעף און לייענט:

„פון מיר שלמה המלך.

שָׁלוֹם דיר און פריעד צו דיינע הערצען!

זיי וויסען, אַז דער אָויבערשטער האָט מיך געמאַכט קעניגען אויף אַלע חַיוֹת פון פעלד און פויגעל און הימעל און אויף אַלע שֵׁדִים, רוחות און טייוולען, און אַלע מְלָכִים פון מִזְרָח און מַעֲרָב, צָפוֹן און דָרוֹם קומען געבען מיר שָׁלוֹם.

אַצונד, אויב דו וועסט וועלען און קומען מיך בעגריסען, וועל איך דיר אָנטהון כָּבוֹד מעהר ווי אַלע מְלָכִים, וואָס זיצען ביי מיר, און אויב דו וועסט ניט וועלען און ניט קומען מיך בעגריסען, — וועל איך אויף אייך אָנשיקען מְלָכִים מיט רייטער און לעגיאָנען [1]). וועסטו פרעגען: ווער זענען עם שלמה'ס מְלָכִים מיט רייטער און לעגיאָנען? די חַיוֹת פון פעלד — דאָס זענען די מלכים, די פויגעל פון הימעל — דאָס זענען די רייטער, און די שֵׁדִים, רוחות און טייוולען זענען די לעגיאָנען. זיי וועלען אייך צושטיקען און צוווערגען אין אייערע הייזער אויף די בעטען, די חיות וועלען אייך פערצוקען און צורייסען אויפ'ן פרייען פעלד, און די פויגעל וועלען אייער לייב פיקען און אייער פלייש עסען".

אַז די מַלְכַּת־שְׁבָא האָט איבערגעלייענט דעם בריעף, האָט זי ווידער צוריסען די קליידער און געלאָזט רופען איהרע עלטסטע הערען און ראָטה־געבער און געפרעגט:

— ציי ווייסט איהר ניט, וואָס פערלאַנגט פון מיר שלמה המלך?

---

1) סולישער.

ענטפערען זיי: מיר ווייסען ניט פון שלמה המלך און שעצען ניט זיין מלוכה.

נאר זי האט זייערע רעד ניט געהערט און זייער ראטה ניט געפאלגט. האט זי געשיקט רופען אלע שיפס־קאפיטאנען און זעגעלמייסטער, און געלאזט אנלאדען פולע שיפען מיט פימסען־האלץ און קאראלען, פערעל און בריליאנטען, און געשיקט האט זי שלמה'ן זעקס טויזענד יונגליך מיט זעקס טויזענד מיידליך, אלע — געבוירען אין איין טאג, אין איין שעה, אלע פון איין הויך, איין וואוקס, און אלע אנגעטהון גלייך אין פורפור־וואהל.

און א בריעף האט זי זיי מיטגעגעבען צו שלמה'ן:

„פון דער שטאדט קיטור קיין ארץ־ישראל איז א מהלך פון זיבען יאהר, און איך פערלאנג צו קומען אין דריי יאהר צייט".

אין דריי יאהר ארום איז זי געקומען, און שלמה האט בעפוילען, אז ארויס אנטקעגען און בעגעגענען זי זאל בניהו בן יהוידע, וואס איז גלייך צום מארגען־רויט, וואס שיינט־אויף אין דער פריה, און צום שטערען נוגה, וואס פינקעלט צווישען אלע שטערען און צו א רויז ביי'ם טייך וואסער.

ווי זי האט איהם דערזעהן, איז זי אראפ פון איהר רייטוואגען, ווייל זי האט געמיינט, אז דאס איז שלמה אליין.

זאגט בניהו: איך בין ניט שלמה, נאר איינער פון זיינע דיענער. ווענדט זי זיך צו איהרע הערען און זאגט זיי א שפריכווארט:

„האט איהר ניט געזעהן דעם לייב, — זעהט זיין לאגער־ארט; האט איהר דעם מלך שלמה ניט געזעהן — קוקט־אן זיין שעהנעם בעדיענער".

און בניהו האט זי געבראכט צו שלמה'ן אין גלעזערנעם פאלאץ, האט זי געמיינט, אז ער זיצט אין וואסער און זיך דערשראקען און אויסגעטהון די שיך.

דערנאך פרעגט זי דעם מלך שלמה א רעטעניש:

פון דער ערד קריכט ער ארויס,
ווי וואסער גיסט ער זיך אויס,
און פולט־אן דאס גאנצע הויז.
ענטפערט ער: נאפט [1].

---

1) נאפט פולט אן דאס הויז מיט ליכטיגקייט.

פרעגט זי נאָך אַ רעטעניש:

וויִ עס גיט אַ בלאָז אַ ווינד,
בויגט ער איין דעם קאָפּ געשווינד,
און יאָמערט מיט אַ קלאָג;
פאַר רייכע — אַ פּוץ, פאַר אָרעמע — אַ נוץ;
פאַר לעבעדיגע — אַ סוף, פאַר טויטע — אַ שטראָף;
פאַר פויגעל — אַ פריייד, פאַר פיש — אַ פּלאָג.

ענטפערט ער: לייַן [1]!

וויל זי איהם נאָך אויספּרובען און זאָגט:

— דערקען, וועלכע פון די קינדער וואָס איך האָב דיר געשיקט זענען יונגליך, און וועלכע — מיידליך.

הייסט ער ברענגען ניס מיט געבּרענטע זאנגען און וואַרפען פאַר זיי. די יונגליך האָבען אויפגעהויבען די פּאָלעס, און די מיידליך זענען פון נאַטור שעמענדיג—האָבען זיי אויסגעשטרעקט די קאָפּ-טיכלעך.

האָט ער אָנגעוויזען און געטראָפען.

זאָגט די מלכּת שבא:

— איצט זעה איך מיט מיינע אויגען, ווי גרויס דיין חכמה איז.

און זי האָט געשאָנקען דעם מלך טייערע מתּנות און ער האָט איהר אויך געגעבען „אַלץ וואָס זי האָט פערלאַנגט".

.IX

# שלמה המלך'ס אָדלער.

אַ גרויסען אָדלער האָט שלמה געהאַט און ווען ער האָט געוואָלט בעזוכען די שטאָדט תּדמור אין דער מדבּר האָט ער זיך אויף איהם אַוועקגעלאָזט רייטענדיג און געקומען אין איין טאָג.

---

1) אַז דער לייַן וואַקסט און דער ווינד בלאָזט — רוישען די שטענגליך און די קעפּליך בוינען זיך פון פלאַקס וועבט מען פיינע ליינען פאַר רייכע און גראָבען שטאַרקען לייוואַנד פאַר אָרעמע. דער סוף פון יעדען מענשען איז — די תּכריכים. אַז מען בעשטראָפט אַ פערברעכער—הענגט מען איהם אויף אַ שטריק פון פלאַקס. די פויגעל פּיקען די זאַמען-קערנער און פרעהען זיך, און די פיש פאַנגט מען אין נעצען, געפלאָכטען פון פלאַקס.

X.

# שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ און דֶער אַשְׁמְדַי.

זִיבֶּען יאָהר האָט שלמה המלך געבּויט דעם בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ אויפ׳ן שעהנסטען בּאַרג פון יְרוּשָׁלַיִם, אויפ׳ן בּאַרג מוֹרִיָּה. פון געזעגטע שטײַנער האָט ער אויסגעמויערט די װענט און אינװעניג בּעשלאָגען מיט געשניצטען צעדער־האָלץ און דורכאויס בּעדעקט מיט לויטער גין־גאָלד. און די גאַנצע צײַט האָט בּײַ׳ם געבּײַ קײַן זעג ניט געזעגט, קײַן האַק ניט געהאַקט און קײַן האַמער ניט געקלאַפּט, און מ׳האָט ניט געהערט פון הַר־הַבַּיִת קײַן שום גערויש פון אײַזערנע געצײַג, װײַל אײַזען פערקירצט[1]) דעם מענשענס יאָהרען, און גאָט׳ס הויז פערלענגערט די יאָהר.

װי־זשע האָט מען געזעגט די שטײַנער אָהן אײַזערנע געצײַג?

אַ טײַערער בּריליאַנט איז דאָ אויף דער װעלט, װאָס הײַסט שָׁמִיר. ער איז האַרטער פון שטאָהל און שאַרפער פון דימענט: מיט אַ דימענט שנײַדט מען דינע טאָוולען גלאָז, און מיט׳ן שמיר קען מען צושנײַדען די שטאַרקסטע שטײַנער און צושפּאַלטען גאַנצע בּערג.

האָט שלמה המלך צונויפגערופען די חֲכָמִים און אַלטע לײַט פון אַלע מְדִינוֹת און שטעדט און זײַ געפרעגט: צי װײסט איהר ניט װאו געפינט זיך דער שמיר?

ענטפערען זײַ איהם:

— אֲדוֹנִי קעניג, מיר װײַסען װאויל, אַז גאָט האָט בּעשאַפען די װעלט אין זעקס טעג, האָט ער צולעצט, פרײַטאָג פאַרנאַכט, בּעשאַפען נאָך צעהן װאונדערליכע זאַכען, אײנס פון די װאונדערליכע זאַכען איז דער שָׁמִיר. מיט׳ן שמיר זענען אויסגעקריצט געװאָרען די צעהן געבאָט אויף די צװײ לוחות, װאָס משה רַבֵּינוּ האָט בּעקומען פון גאָט אויפ׳ן בּאַרג סִינַי. מיט׳ן שמיר האָט משה רבינו געשליפען די צװעלף טײַערע שטײַנער פון חוֹשֶׁן וְאֵפוֹד און אויף זײַ אויסגעקריצט די נעמען פון אַלע צװעלף שְׁבָטִים. און אַז די יודען האָבען געזינדיגט, איז דער שמיר פון זײַ בּעהאַלטען געװאָרען, און איצט װײַסען פון איהם נור שֵׁדִים און רוחות. רוף זײַ אַרויס, װעלען זײַ דיר זײַן אָרט ענטדעקען.

רופט שלמה אַרויס די שדים און פרעגט זײַ.

---

1) פון אײַזען מאַכט מען שװערדען און מיט שװערדען טויט מען מענשען.

ענטפערען זיי איהם: מיר ווייסען נישט, נאר אַשְׁמְדַי, אונזער גרויסער הערשער, ער ווייסט אָפְּשַׁר יאָ.

פרעגט ער זיי: וואו האלט זיך איער אשמדי אויף?

זאגען זיי: אויף יענעם און יענעם באַרג. דאָרט האָט ער א ברונען פול מיט וואַסער, פערדעקט מיט א שטיין און פערזיגעלט מיט זיין זיעגעל. אַלע טאָג הויבט ער זיך אויף אין דער הויך און פאַרשט־אוים דעם הימעל, לאָזט זיך אַראָפּ און פאַרשט־אוים די ערד. קומט צו זיין ברונען און קוקט־אַרום דעם זיעגעל, עפענט־אויף, און נאָכדעם ווען ער טרינקט זיך אָן פערזיעגעלט ער איהם ווידער און געהט אַוועק.

רופט שלמה זיין פעלד־מאַרשאַל בְּנָיָהו בֶּן יְהוֹיָדָע, גיט איהם מיט א קייט מיט א רינג, אויף וועלכען דער שֵׁם־הַמְפוֹרָשׁ איז אויסגעקריצט, בינדליך וואָהל און לאָגלען וויין, און שיקט איהם ער זאָל ברייננגען דעם אשמדי א געפאַנגענעם.

געקומען אויף יענעם באַרג, האָט בניהו אויסגעגראָבען א גרוב אונטער דעם ברונען פון אשמדי, אָפּגעצאַפּט אַהין דאָס וואַסער פונ׳ם ברונען און פערשטאָפּט דעם לאָך מיט די בינדליך וואָהל. דערנאָך האָט ער אויסגעגראָבען נאָך א גרוב העכער פון אשמדי׳ס ברונען, אַריינגעלאָזט אין ברונען דורך דער גרוב וויין, און דעם לאָך אויך פערשטאָפּט מיט וואָהל. פערשאָטען ביידע פרישע גריבער מיט ערד, האָט בניהו אַרויפגעקלעטערט אויף א הויכען בוים צו זעהן פון דאָרט, וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

קומט דער אשמדי, בעקוקט די חֲתִימָה, און זעהט, אַז זי איז גאַנץ,— הויבט ער אויף דעם שווערען שטיין און טרינקט־אויס דעם גאַנצען וויין. פער־דרעהט זיך איהם דער קאָפּ און ער ווערט באַלד אַנטשלאָפען טויט־שִׁכּוֹר.

ווי בְּנָיָהו בֶּן יְהוֹיָדָע האָט דאָס דערזעהן, שפּרינגט ער באַלד אַראָפּ פון בוים, וואַרפט אויף איהם אַרויף די קייט, שמידט איהם הענד און פיס, און האַלט־צו פעסט דעם רינג מיט׳ן שֵׁם־הַמְפוֹרָשׁ.

אַז דער אשמדי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזעהן, וואָס בניהו האָט מיט איהם געטהון, האָט ער אָנגעהויבען שרייען מיט א ווילדען קול און גענומען וואַרפען־זיך און רייסען די קייט. האָט בניהו איהם געוויזען דעם רינג מיט׳ן שם־המפורש און געזאָגט: אומזיסט דיין פילדערען, עס וועט דיר גאָרניט העלפען — דיין הער׳ס נאָמען איז אויף דיר!

איז דער אשמדי באַלד אַנטשוויגען געוואָרען און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

זאָגט צו איהם בְּנָיָהו בֶּן יְהוֹיָדָע: קום איך וועל דיך פיהרען צו שלמה המלך, מײַן הער.

זענען זיי אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. בניהו געהט פאָראויס און שלעפּט איהם פאַר'ן קייט, און דער אַשמדי געהט נאָך און זאָגט אויף זיך דאָס שפּרוכוואָרט:

דער וויין איז אַ שפּעטער,
געטראַנק בערווישט —
לאָזט זיך ווער אין איהם אַריין
קען ער קליג נישט זיין.

געהען זיי פאַרביי אַ הויכען פּאַלמען־בוים, — טהוט זיך דער אַשמדי אין איהם אַ רייב און רייסט איהם אויס. געהען זיי פאַרביי אַ רייכען פּאַלאַץ, טהוט איהם אַשמדי אַ שטויס, קעהרט איהם איבער און וואַרפט איהם־אום. קומען זיי צו אַ געצעלט פון אַן אַלְמָנָה, געהט־אַרויס די אָרעמע פרוי און הויבט־אָן צו בעטען זיך ביי'ם אַשמדי, ער זאָל איהר וואוינונג נישט פערוויסטען, שפּרינגט ער אָפּ צוריק און לינקט זיך אויס אַ פוס. געהט ער ווייטער און הינקט אויף זיינע היהנערשע [1] פיס און זאָגט אויף זיך דעם פּסוק:

ווייכער שפּראָך,
ברעכט ביין און קנאָך.

דערזעהט ער אַ בלינדער בלאָנדזעט, פיהרט ער איהם אויפ'ן וועג אַרויף. דערזעהט ער אַ שִׁכּוֹר בלאָנדזעט, פיהרט ער איהם אויך אויפ'ן וועג אַרויף. דערזעהט ער אַ זעהר פרעהליכע חֲתוּנָה — צוויינט ער זיך.

הערט ער, ווי איינער בעשטעלט אַ פּאָר שיך ביי אַ שוסטער, זיי זאָלען איהם דינען גאַנצע זיבען יאָהר, — הויבט ער אָן צו לאַכען.

דערזעהט ער, ווי אַ כִּשּׁוּף־מאַכער שטעהט אויף זיין פּלאַץ און צויבערט — הויבט ער אָן צו לאַכען.

בְּנָיָהו האָט די אַלע שד'ישע תנועות מיט פערוואונדערונג צוגעזעהן און נישט פערשטאַנען וואָס דאָס בעטייט. ער האָט אָבער איצט אין וועג נישט געוואָלט אַריין מיט'ן אַשמדי אין לאַנגע שמועסען און דאָס אָפּגעלעגט אויף אַ אַנדערע צייט.

---

1) שרים האָבען היהנערשע פיס.

אזוי זענען זיי געגאנגען און געגאנגען, וואלד-איין—וואלד-אויס, בארג-אויף — בארג-אפ, זיבען טעג און זיבען נעכט, ביז זיי זענען אנגעקומען קיין ירושלים.

דריי טעג האט מען דעם אשמדי ניט גערופען צו שלמה המלך. דעם ערשטען טאג פרעגט ער: פארוואס? זאגט מען איהם: דער מלך האט נעכטען ביינאכט געטרונקען צופיעל וויין, — טהוט איהם היינט וועה דער קאפ. נעהמט דער אשמדי צוויי ציגעל און לעגט ארויף די קלענערע אויף דער גרעסערער. דערצעהלט מען בניהו בן יהוידע, וואס ער האט געטהון. זאגט בניהו: דאס האט דער אשמדי געמאכט אויפ'ן וואונק, וואס פאר א רפואה מען דארף געבען אונזער מלך, און דער מיין איז: גיט שלמה'ן אויסטרינקען א כוס מיט וויין,—וועט עס איהם דעם דול פון קאפ ארויסשלאגען. האט מען אזוי געטהון—און ס'האט געהאלפען.

אויף מארגען פרעגט דער אשמדי: פארוואס רופט מען מיך היינט ניט צום מלך? ענטפערט מען איהם: ער האט נעכטען צופיעל פלייש געגעסען,— טהוט איהם היינט וועה דער בויך. נעהמט דער אשמדי אראפ איין ציגעל פון דער אנדערער. דערצעהלט מען בניהו'ן, זאגט ער: דער אשמדי ווייזט אויפ'ן וואונק: גיט דעם מלך היינט ניט עסען, — וועט ער גענעזען [1] ווערען. האט מען אזוי געטהון — און ס'האט געהאלפען.

אויפ'ן דריטען טאג האט מען איהם אריינגעפיהרט צו שלמה המלך, נעהמט ער א שטעקען, מעסט-אפ פיער איילען און גיט איהם א ווארף צו שלמה'ן און זאגט: נאכ'ן טויט וועט דיר זיין גענוג פיער איילען ערד, איצט איז דיר די גאנצע וועלט קארג, אפילו מיך ווילסטו אויך בעהערשען.

ענטפערט איהם שלמה: איך פערלאנג פון דיר גארניט, זאג מיר נור, וואו איז דער שמיר בעהאלטען? ווען איך בעקום דעם שמיר און בוי-אויס דעם בית-המקדש, — לאז איך דיך שוין פריי.

ענטפערט איהם דער אשמדי: נישט מיר אין האנד איז דער שמיר פערטרויעט, ער געפונט זיך אין רשות פונ'ם שר של ים, און ער האט איהם פערטרויט נור דעם אויער-האן, א פויגעל וואס האלט ווארט און ברעכט נישט קיין שבועה. נעהמט דער אויער-האן דעם שמיר, פערטראגט איהם אויף א הויכען פעלז, וואו אלעם ארום איז וויסט און ווילד, לעגט איהם אויפ'ן פעלזענשפיץ, שפאלט זיך אונטער איהם דער פעלז און עס עפענט זיך א טהאל,

1) געזונד.

בּרײנגט ער זאַמען פון געוויקסע און וואַרפט אַהין, ווערט דאָרט אַ ישוב. און דערפאַר האָט ער אַ צונאָמען „פעלזען־שפּאַלטער“.

האָט שלמה ווידער געשיקט בּניהו בּן יהוידע און איהם בּעפוילען: גיה אַוועק און געפין דעם נעסט פון׳ם אויער־האָן. דאָרט זאָלסטו בּעקומען דעם שמיר און איהם מיר בּרײנגען.

האָט בּניהו מיטגענומען מיט זיך מענשען מיט נײטיגע כּלים דערצו און ווידער זיך געלאָזט אין וועג.

געקומען צו יענעם אָרט, וואָס דער אַשמדי האָט אויסגעמאָהלט, האָט ער נאָך לאַנגען זוכען געפונען דעם נעסט פונ׳ם אויער־האָן פול מיט יונגע פײגעליך, נור־וואָס אויסגעפּיקט זיך פון די אײער. און דער אַלטער אויער־האָן אַלײן איז אין נעסט דעמאָלט נישט געווען, ער איז אַוועקגעפלויגען זוּ־כען שפּײז פאַר זײנע קלײנע קינדערליך. נעהמט בּניהו בּן יהוידע און דעקט צו דעם נעסט מיט אַ טאָוועל גלאָז און אַלײן בּעהאַלט ער זיך אונטער אַ געדיכטען צווײג.

קומט דער אויער־האָן צופליגען מיט אַ פולען שנאָבעל שפּײז פאַר זײנע יונגע קינדער. זעהן זעהט ער זײ דורכן גלאָז, נאָר דערלאַנגען קען ער ניט. פּיקט ער דאָס גלאָז מיט׳ן שנאָבעל, העלפט עס אָבער נישט, דאָס גלאָז איז דיק געווען און אײזען־שטאַרק, ניט דורכצופּיקען. נעהמט איהם אָן אַ גרויס רַחֲמָנות אויף זײנע הונגעריגע קינדערליך, ער קען אָבער גאָר נישט העלפען. ווי אַ פערצווײפעלטער בּלײבּט ער אַ ווײלע שטעהן אָפּהענדיג מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגעל. פּלוצום — אַ הויבּ זיך אין דער הויך, אַוועק און פון אויג פערשוואונדען.

דויערט נישט לאַנג, זעהט בּניהו: דער אויער־האָן קומט צוריק צופליהען, פאָכט פרעהליך מיט די פליגעל און טראָגט עפּיס אַזוינס אין שנאָבעל. דאָס איז געווען דער שָׁמִיר.

אַראָפּגעלאָזט זיך ווידער אויף זײן נעסט, האָט דער פויגעל אָנגעהויבּען פיהרען מיט׳ן שמיר איבּער׳ן גלאָז, וואָס הויבּט זיך אָן צו שפּאַלטען. חאַפּט בּניהו אַ גרויסען שטײן און וואַרפט דעם פויגעל אין קאָפּ. דערשרעקט ער זיך און לאָזט פון שנאָבעל אַרויס דעם שמיר. לויפען־צו בּניהו׳ס לײט און חאַפּען עס געשווינד אויף, און פרעהליך אַוועק מיט זײער טײערען רויבּ צו־ריק אַ היים.

דער אויער־האָן, איבּערגעבּליבּען אַלײן אָהן דעם שמיר, האָט זיך

שטאַרק צום האַרצען גענומען, פאַרוואָס ער האָט זײַן שבועה ניט אויסגע־האַלטען, נעהמט ער און דערוואַרגט זיך אויף טויט.

און מיט דעם שמיר, פונ׳ם אויער־האָן אוועקגענומען, האָט מען געזעגט די שטײנער צום בּנין [1] בּית־המקדש.

זיבּען יאָהר האָט געדויערט בּיז דער בּית־המקדש איז אויסגעבּויעט געוואָרען. די גאַנצע צײַט האָט שלמה נישט אָפּגעלאָזט דעם אשמדי און געהאַלטען איהם געשמידט אין קייטען.

אײַנמאָל אין אַ שמועס האָט בּניהו געפרעגט דעם אשמדי אַן ער־קלערונג, וואָס בּעטײַטען די אַלע תּנועות זײַנע וואָס ער האָט בּעוויזען אויפ׳ן וועג.

— זאָג מיר—פרעגט ער איהם—ווי קומט עס צו דיר, אַז דו זאָלסט זיך חאַפּען אַ פערבּלאָנזעטען בּלינדען און אַ שכּור אופ׳ן וועג אַרויפפיהרען?

— אויף דעם בּלינדען, פערשטעהסטו מיך, האָט מען אויסגערופען אין הימעל, אַז ער איז אַ אמת׳ער צדיק, און פאַר דעם בּיסעל נחת־רוח וואָס מען וועט איהם טהון בּעקומט מען גרינג עולם־הבּא, האָב איך עס בּײַ דיר אויסגעחאַפּט. אויף דעם שכּור ווידער האָט מען אויסגערופען, פער־קעהרט, אַז ער איז אַ אמת׳ער רשע, און מיט דעם פּיצעל נחת־רוח וואָס ער האָט דורך מיר בּעקומען, איז ער שוין יוצא פאַר זײַן לעצט בּיסעל עולם־הבּא, וואָס ער וואָלט אפשר געקענט האָבּען.

— פאַרוואָס אַז דו האָסט דערזעהן די פרעהליכע חתונה, האָסטו זיך צוחליפּעט?

— דערפאַר ווײַל איך האָבּ געזעהן אונטער׳ן חתן׳ס פּלײצעס שטעהן דעם מלאך־המות, און אָט די כּלה מיט׳ן שעהנען פּנים׳ל, וועט גאַנצע דרײַצעהן יאָהר פערוויסט ווערען וואַרטענדיג אויף איהר קליין שוואָגעריל׳ס חליצה.

— פאַרוואָס ווען יענער האָט בּעשטעלט זיך שיך „אויף זיבּען יאָהר״, האָסטו זיך צולאַכט?

— איהם אַליין איז נישט געבּליבּען זיבּען יאָהר צום לעבּען.

— פאַרוואָס אַז דו האָסט געזעהן דעם מכשף זיצט און צויבּערט, האָסטו זיך צולאַכט?

— פונקט אויף דעם אָרט אונטער איהם איז געליגען אין דער ערד בּע־האַלטען אַן אוצר. לאָז ער נור בּעווײַזען אַ קונץ און טרעפען פריהער וואָס אונטער איהם געפונט זיך.

---

[1] געבּײַ.

אַז דער בִנְיָן איִז שוין פאַרטיִג געוואָרעְן, שיִקט שלמה רופעְן צו זיִך דעם אַשמדי און זאָגט איִהם:

— בּאַלד ווערסטו שוין פריַי, נאָר וויַיז מיִר פריִהער דיַין בְּרִיָה׳שקיַיט, מיִט וואָס איִז גרויס דיַין טיַיוועלשער כּוֹח.

ענטפערט איִהם דער אַשמדי: נעהם פון מיִר אַראָפּ די קיַיט, שמיִר מיִר פונאַנדער העֶנד און פיס און גיִב מיִר דעם ריִנג מיִט׳ן שם־המפורש, — וועל איִך דיִר וויַיזעְן מיַין בּריה׳שקיַיט. האָט שלמה געטהון, ווי ער האָט געזאָגט. נעהמט דער אַשמדי און צולאָזט זיַינע פליִגעל, האָט איַין פליִגעל דערגרייכט צו דער ערד און דאָס צוויַיטע — בּיז׳ן היִמעל. און אויפגעעפענט האָט דער אשמדי זיַין מויל און שלמה׳ן איַינגעשלונגען, און בּאַלד איִהם צוריִק אויסגעשפּיִגען און פערשליַידערט איִהם איִבּער פוסטע וועלדער, איִבּער וויִסטע פעלדער, פיִער הונדערט מיַיל וויַיט פון יְרוּשָלַיִם.

און אַליין האָט דער אשמדי אָנגעטהון די בִּגְדֵי־מַלְכוּת [1] און געזעצט זיִך אויפ׳ן קעניִג׳ס שטול פון עלפענבּיַין און אָנגענומען שלמה המלך׳ס געשטאַלט, קיַינער זאָל איִהם ניִט דערקענען.

נאָר איין זאַך האָט ער ניִט געקענט ענדערען: די פיס זענען בּיַי איִהם געבּליִבּען היִהנערשע, ווי בּיַי אַלע שֵדים. האָט ער אָנגעטהון אַ פּאָר לאַנגע זאָקען און זיי געטראָגען אַ גאַנצען טאָג.

אזוי האָט ער געקעניִגט אַ לאַנגע צייט און קיינער האָט ניִט בּעמערקט, וואָס פאַר אַ איִבּערקעהרעניש איִז דאָ פאָרגעקומען.

* * *

און שלמה האָט זיִך אויפגעכאַפּט איִן פרעמדען לאַנד, וואו דער אַשמדי האָט איִהם פערוואָרפען, וויַיט פיִער הונדערט מיַיל פון ירושליִם. פרעמד און עלענד איִז ער אומעטום געווען, אַרומגעגאַנגען איִבּער די היַיזער און געבּעטעלט בּרויט, און וואוהיִן ער איִז געקומען און געשריִען: אֲנִי שלמה — איִך בּיִן שלמה המלך! — האָט איִהם קיינער ניִט געגלויבּט. אַלע האָבּען פון איִהם געלאַכט און געמיינט, אַז ניִשט אַנדערש, ער איִז מְשוּגָע. און פערשיַיטע יונגען זענען איִהם נאָכגעלאָפען איִן די גאַסען, פערוואָרפען איִהם מיִט שטיינער און נאָכגעשריִען: אָט געהט דער משוגע׳נער, וואָס זאָגט אויף זיִך, אַז ער איִז שלמה המלך.

---

1) קעניגליכע קליידער.

ווי משוגע שלמה האָט אויסגעזעהן בײַ לײַט, ווען ער האָט אַלס אָרומער וואַנדערער נישט אויפגעהערט צו שרײַען אני שלמה, — האָבען זיך דאָך געפונען אַמאָל אַזעלכע, וואָס האָבען איהם יאָ געגלויבט.

איין מאָל איז צו איהם געקומען אײנער אַ רײַכער מאַן און איהם געזאָגט:

— אֲדוֹני קעניג, טהו מיר דעם כבוד און קום צו מיר אויף אַ מאָהל־צײַט.

האָט ער איהם געבראַכט צו זיך אין הויז און געשאָכטען פון זײַנעט וועגען אַ געשטאָפּטען אָקס, און דערלאַנגט צום טיש די טײַערסטע שפּײַזען און געטראַנקען. און אַז שלמה האָט געוואָלט נעהמען עסען, האָט זיך דער רײַכער מאַן געזעצט אַנקעגען איהם, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אַזוי געזאָגט:

וועה צו די אויגען, וואָס זײַ זעהען דאָס! אָט דאָס איז דער גרויסער הערשער שלמה המלך, וואָס זײַן נאָמען האָט געקלונגען פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערען? וואו איז זײַן גרויסקײַט און רײַכטהום? וואו איז זײַן שטאַרקײַט און קלוגשאַפט? — שלמה'ן האָט עס פערנומען בײַ'ם האַרצען, גע־וואָרגען זיך מיט'ן ביסען און אויפגעשטאַנען פון טיש הונגעריג און טרויעריג.

אַ אַנדערעס מאָל קומט צו איהם אײנער אַ אָרומער און זאָגט: אֲדוֹני קעניג! טהו מיר אָן דעם כבוד און קום צו מיר אויף מיטאָג. זאָגט שלמה צו איהם: ווילסטו מיר אויך אָפּטהון, ווי יענער און יענער?

ענטפערט ער איהם: „אַן אָרומאַן בין איך און האָב ניט מעהר, ווי שוואַרץ ברויט און אַ שיסעל זויער־קרויט, נאָר גיבען גיב איך עס מיט'ן גאַנצען האַרצען און מיט אַ גוט געמיט". איז שלמה צו איהם געקומען אין שטוב. האָט דער אָרומאַן געבראַכט וואַסער און אָפּגעוואַשען שלמה'ן די הענד מיט די פיס און געזעצט איהם אויבען־אָן און דערלאַנגט צום טיש ברויט מיט זויער־קרויט. און אַליין האָט ער זיך געזעצט נעבען איהם און גענומען טרײַסטען שלמה'ן מיט זיסע רעד:

— גאָט האָט געשוואוירען דײַן פאָטער דָוד הַמֶלֶך, אַז די מְלוּכָה וועט ניט אָפּגעטהון ווערען פון זײַנע קינדער און קינדס־קינדער, און גאָט'ס וואָרט איז אֱמֶת און וואָהר. מיט איין האַנד שטראָפט ער — מיט דער אַנדערער הײלט ער. האָף צו איהם און ער וועט געוויס דיר ווידער אומקעהרען צו דײַן פריהערדיגען שטאַנד.

אויף די בײדע האָט שלמה המלך געזאָגט דאָס שפּרוכוואָרט:

„בעסער זויער־קרויט אין פרײַדען
אײדער אָקסען־פלײש אין לײַדען".

*
* *

אַזוי האָט שלמה המלך זיך געוואָגלעלט און געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, ביז ער האָט זיך דערשלאָגען צוריק קיין ירושלים, געקומען צו די סַנהֶדרין און אויסגעשריען: אֲנִי שְׁלֹמֹה! האָבען זיי איהם געזאָגט: נאַר איינער! שלמה זיצט אין קעניגליכען פּאַלאַץ אויף זיין שטול, און דו האָסט זיך איינגערעדט אַ מְשוּגַעַת אין קאָפּ.

אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען און געשריען: אני שלמה! און זיי האָבען איהם ווידער ניט געגלויבט. אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען האָבען זיי צו זיך געזאָגט: ער ווייזט־אויס ווי אַ קלאָרער מענש און רעדט אַלץ צו דער זאַך, נור איין נאַרישקייט האָט ער זיך אַריינגעשלאָגען אין קאָפּ, — דאַרף מען די זאַך אויספאָרשען.

אויסגעהערט פון שלמה'ן די גאַנצע מַעֲשֶׂה מיט'ן אשמדי, זענען די סַנְהֶדְרִין אַוועק אין קעניגליכען פּאַלאַץ און אויסגעפרעגט די הויף־לייט צי האָבען זיי זיך נישט צוגעקוקט ווי דעם קעניג'ס פיס זעהען־אויס. ענטפערען יענע, אַז קיינער האָט איהם ניט געזעהן באָרוועסערהייד: בייטאָג טראָגט ער לאַנגע זאָקען און ביינאַכט שלאָפט ער פערשלאָסען אין אַ בעזונדער חֶדֶר.

האָט זיי שלמה געגעבען אַן עֵצָה:

— געהט אַריין פאַרנאַכט אין חדר וואו ער שלאָפט און שיט דאָרט אָן דינעם זאַמד.

האָט מען אַזוי געטהון—און אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מען דערזעהן אין זאַמד טריט פון הינערשע פיס.

האָבען זיך אויפגעקלויבען אַלע גרויסע לייט פון ירושלים און אַוועק־געפיהרט שלמה'ן אין קעניגליכען פּאַלאַץ, און דעם אַשמדי האָבען זיי פער־טריבען מיט'ן שם־המפורש אין פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער.

און שלמה האָט זיך ווידער געזעצט אויף זיין קעניגליכען שטול פון עֶל־פענביין און געקעניגט איבער'ן פאָלק יִשְׂרָאֵל.

## יוֹנָה הַנָּבִיא אין פיש.

גאָט האָט זיך בעוויזען צו יוֹנָה הַנָּבִיא און איהם בעפוילען:

— געה און רוף־אויס אין די גאַסען פון נִינְוֵה: אין פערציג טעג אַרום וועט די שטאָדט איבערגעקעהרט ווערען צוליעב איהרע זינד!

האָט יונה געטראַכט ביי זיך אין האַרצען: גאָט איז אַ דערבאַרעמיגער

און אַ לײַטזעליגער. אײַנמאָל האָט ער מיך געשיקט אָנזאָגען, אַז ירושלים וועט חרוב ווערען, און די יודען האָבען תשובה געטהון און גאָט האָט זיי מוחל געווען,—האָט מען מיך גערופען פאַלשער נביא! איצט וועט אין נינוה אויך אַזוי זײַן און פרעמדע פעלקער וועלען אויך לעסטערען גאָט'ס שליח, און זאָגען: פאַלשער נביא! דעריבער וועל איך גאָר אַנטלויפען פון גאָט.

איז ער געקומען קיין יפו און אַרומגעגאַנגען צוויי טעג אויפ'ן ברעג פון ים און ניט געפונען קיין שיף.

האָט גאָט געשיקט אַ שטורם־ווינד אויף אַ שיף, וואָס איז שוין געווען אָפּגעשוואומען פון יפו אַ מהלך פון צוויי טעג, און זי פערוואָרפען צוריק אין יפו.

אַז יונה האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיך דערפרעהט און געזאָגט: איצט ווייס איך, אַז מײַן וועג איז רעכט פאַר גאָט.

קומט ער צו דער שיף און פרעגט:

— וואוהין פאָהרט איהר?

— צו די אינזלען פון ים, אין תּרשיש.

— פאָהר איך אויך מיט אײַך קיין תרשיש.

אַז זיי זענען אָפּגעפאָהרען אַ טאָג ברעכט אוים אויף זיי אַ שטורם־ווינד. אַלע שיפען שווימען רוהיג, נאָר אַרום יונה'ס שיף קאָכט דער ים לינקס און רעכטס, און די שיף האַלט בײַ אונטערגעהן.

און אויף דער שיף זענען געווען מענשען פון אַלע זיבעציג אומות, האָבען זיי געזאָגט: זאָל יעדער בעטען זײַן גאָט און וועמעס גאָט ס'וועט אונז העלפען — דער איז דער אמת'ער גאָט. האָבען זיי אַלע מתפלל געווען יעדער צו זײַן גאָט און קיין אײַנער האָט ניט געהאָלפען.

קומט דער שיפס־קאַפּיטאַן צו יונה'ן און זעהט ווי ער דרימעלט אין אַ ווינקעל, פרעגט ער איהם:

— פון וועלכען פאָלק ביסטו?

— אַ יוד!

— איך האָב געהערט, אַז אײַער גאָט איז גרויס און שטאַרק, — פאַר וואָס־זשע בעטסטו איהם ניט?

ענטפערט יונה: איך ווייס, אַז עס וועט ניט העלפען, ווײַל דער שטורם איז נור צוליעב מיר. נעהמט און וואַרפט מיך אַרײַן אין ים, — וועט ער שטיל ווערען.

האָבען זיי איהם אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער ביז די קניה —איז דער ים

באַלד שטיל געוואָרען. הויבען זיי איהם אויף — הויבט דער ים אָן ווידער שטורעמען. לאָזען זיי איהם אַראָפּ ביז'ן האַלז — ווערט ווידער שטיל. נעה־מען זיי איהם אַרויס — און עס שטורעמט ווייטער. האָבען זיי איהם אינ־גאַנצען אַריינגעוואָרפען — און דער ים האָט זיך ענדליך אינגאַנצען בערוהיגט.

איז געקומען אַ גרויסער פיש און יונה'ן איינגעשלונגען. און יונה איז אַריין אינ'ם פיש, ווי אין אַ גרויסען זאַל, און דעם פיש'ס צוויי אויגען האָבען בעלויכטען די זאַל, ווי צוויי גרויסע פענסטער.

און יונה איז אָפּגעווען אין די געדערעם פון פיש צוויי טעג און צוויי נעכט.

אויפ'ן דריטען טאָג זאָגט צו איהם דער פיש:

— איצט איז געקומען די צייט, איך זאָל אַריין צו'ם לויתן אין מויל.

זאָגט יונה: פיהר מיך צו איהם און איך וועל דיך מציל זיין.

קומען זיי צום לויתן, שרייט־אויס יונה פון פיש:

— לויתן, לויתן! זיי וויסען, אַז איך בין אַריין אין די געדערעם פונ'ם פיש, כּדי אויסצוקוקען דיין קעניגרייך. עס וועט קומען אַ צייט ווען איך וועל דיר לעכערען די צונג מיט אַ האָק און שעכטען דיך צו דער גרויסער סעודה פאַר די צדיקים.

האָט זיך דער לויתן דערשראָקען און אַנטלאָפען פון יונה'ן אויף אַ מהלך פון צוויי טעג.

זאָגט יונה צו'ם פיש: דערפאַר וואָס איך האָב דיך מציל געווען פון לויתן'ס מויל,—בעוויי מיר אַלץ וואָס געפונט זיך אין די אָפּגרונדען פון ים. האָט ער איהם אַלץ געוויזען: דעם גרויסען שטראָם, פון וואַנען עס געהען־אַרויס די וואַסערען פון ים אוקינוס און די צוועלף שטעגען פון ים־סוף, וואו די יודען זענען אַריבערגעגאַנגען, יעדער שבט אין אַ בעזונדער שטעג, דאָס אָרט פון וואַנען עס געהען־אַרויס אינדען און וואַלען פון ים, און די זיילען, אויף וועלכע די וועלט שטעהט, דעם גיהנום און די שאול־תחתיה [1]). לסוף האָט ער איהם געוויזען דעם גרונד־שטיין פון דער וועלט אַריינגעזעצט אין תהום [2]) אַקוראַט אונטער'ן בית־המקדש, און קורח'ס קינדער שטעהען אויפ'ן שטיין און זענען מתפלל.

זאָגט דער פיש צו יונה'ן: איצט שטעהסטו אונטער גאָט'ס פּאַלאַץ, שטעל זיך גאָט בעטען, וועט ער דיר העלפען.

האָט יונה מתפלל געווען צו גאָט:

---

1) די אונטערשטע אָפּטהיילונג אין גיהנום. 2) אָפּגרונד.

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! דו וואַרפסט און הויבסט, טוויסט און מאַכסט לע־בעדיג, איצט האָסטו מיך אַראָפּגעוואָרפען און איך האַלט בײ׳ם שטאַרבען — הויב מיך אויף און לאָז מיך לעבען.

און גאָט האָט זײן תְּפִלָּה ניט אָנגענומען — ביז ער האָט געזאָגט:

— מײן נֵדֶר וועל איך בעצאָהלען: אַז משיח וועט קומען, וועל איך שעכ־טען דעם לִוְיָתָן צו דער סְעוּדָה פאַר צַדִּיקִים.

האָט באַלד גאָט אַ ווינק געטהון דעם פִישׁ, ער זאָל יונה׳ן אויסשפּײ־ען אויף דער יַבָּשָׁה.

# מְרוֹדַאךְ בֶּן בַּלְאֲדָן.

מְרוֹדַאךְ־בַּלְאֲדָן דער מֶלֶךְ פון בָּבֶל איז געווען געוואוינט צו אָנבײסען אַלע טאָג נײן אין דער פריה און נאָכדעם שלאָפען ביז דרײ בײטאָג.

און אַז יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא האָט דעם מֶלֶךְ חִזְקִיָּהוּ געוויזען אַ מוֹפֵת [1] און די זון האָט זיך אָפּגעדרעהט צוריק אויף צעהן שָׁעָה, איז מרודאך אויפגע־שטאַנען נאָך מיטאָג און געזעהן, אַז ס׳איז ערשט פאַר טאָג; האָט ער גע־מײנט, אַז ער איז אָפּגעשלאָפען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און געוואָלט אוים־הַרְגִנ׳ען אַלע זײנע קנעכט, פאַר וואָס זײ האָבען איהם ניט אויפגעוועקט צו דער צײט.

זאָגען זײ: אדוני קעניג! מיר זענען ניט שולדיג.

— ווער דען איז שולדיג?

— דער טאָג! די זוהן האָט זיך אומגעקעהרט צוריק.

— און ווער האָט עס אַזוי געמאַכט?

— דער יודישער גאָט. ער איז שטאַרקער פון אַלע געטער!

האָט באַלד מרודאך געשיקט מַתָּנוֹת צו חזקיהו המלך מיט אַ בריעף:

„פריעד צו חזקיה׳ן, פריעד צו יְרוּשָׁלַיִם און פריעד צו׳ם גרויסען גאָט פון יִשְׂרָאֵל“.

ווי ער האָט אָפּגעשיקט דעם בריעף, האָט ער זיך בעטראַכט: ניט רעכט האָב איך געטהון! צוערשט געגעבען שָׁלוֹם חזקיה׳ן, הערנאָך דער שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם און גאָט — צולעצט.

איז ער אויפגעשטאַנען פון שטול און געמאַכט דרײ טריט, אומצו־קעהרען די שְׁלוּחִים, און איבערגעשריבען דעם בריעף:

1) וואונדער.

„שָׁלוֹם דעם גרויסען גאָט, שָׁלוֹם דער שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם און שָׁלוֹם חִזְקִיָּהוּ'ן".

האָט גאָט געזאָגט:

— דו האָסט געמאַכט דריי טריט פון מיין כָּבוֹד וועגען, דערפאַר וועל איך פון דיינע קינדער קרוינען דריי מְלָכִים, וואָס וועלען געוועלטיגען פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערען: נְבוּכַדְנֶצַר, אֱוִיל־מְרֹדַךְ און בֵּלְשַׁצַּר.

# מְנַשֶּׁה און יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא.

אַז מְנַשֶּׁה האָט געשטעלט אַן אָפּגאָט אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, איז יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא געקומען און איהם אָנגעהויבען צו שטראָפען:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט: וואָס גרויסט איהר זיך מיט'ן בית־המקדש? הימעל און ערד זענען צו קליין פאַר מיר, הייַנט וואָס פאַר אַ הויז קענט איהר פאַר מיר בויען? נבוכדנצר וועט קומען און פערברענען דאָס הויז און אייך פערטרייבען אין גָלוּת.

איז מְנַשֶּׁה געוואָרען אין כַּעַס און געהייסען זיינע קנעכט: חאַפּט איהם! איז ישעיה אַנטלאָפען אין וואַלד און זיי — נאָך איהם. אַז זיי האָבען איהם דעריאָגט, האָט ער געזאָגט אַ שֵׁם — און איז איינגעשלונגען געוואָרען אין אַ צעדערבוים, נאָר די פראַנזען פון זיין מאַנטעל האָבען אַרויסגעשטעקט פון דרויסען. האָט מנשה געהייסען ברענגען האָלצזעגערס און זיי האָבען גענומען אונטערזעגען דעם בוים, און בלוט האָט געשפריצט פון שטאַם. ווי די זעג האָט דערגרייכט צו יְשַׁעְיָה'ס מויל, איז זיין נְשָׁמָה אַרויס, ווייל ער האָט געזינדיגט מיט'ן מויל און געזאָגט: „איך זיץ צווישען אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּען".

# מְנַשֶּׁה'ס טויט.

אַז דער מֶלֶךְ פון בָּבֶל האָט געפאַנגען מְנַשֶּׁה'ן האָט ער איהם געשמידט און אַריינגעוואָרפען אין אַ קופּערנעם קעסעל מיט לעכער און אונטערגעהייצט פון אַלע זייטען. האָט מנשה אָנגעהויבען מִתְפַּלֵּל זיין צו אַלע אָפּגעטער, ניט דורכגעלאָזען קיין איינציגע עֲבוֹדָה־זָרָה, און איז ניט געהאָלפען געוואָרען. צולעצט האָט ער זיך דערמאָהנט, ווי זיין פאָטער חִזְקִיָּהוּ פלעגט לייענען דעם פָּסוּק: „אַז דיר וועט ענג ווערען און אַלע צָרוֹת וועלען דיך טרעפען, וועסטו זיך אומקעהרען צו דיין גאָט" — האָט ער געזאָגט:

— איך וועל פרובען! ענטפערט ער מיר—איז רעכט, ווען ניט איז א סימן, אז אלע געטער זענען גלייך.

האבען די מַלְאָכִים גענומען צושליסען אלע פענסטער פון הימעל, זיין תְּפִלָּה זאל ניט דערגרייכען, און געזאגט האבען זיי צו גאט:

— דו הער פון אלע וועלטען! דער מענש וואס האט געשטעלט אן אפגאט אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, — ווי קען תְּשׁוּבָה [1]) איהם העלפען?

— אויב אזוי—ענטפערט גאט—פערשליסט איהר דאך די טירען פאר יעדער בַּעַל־תְּשׁוּבָה [2]).

וואס־זשע האט גאט געטהון? ער האט אויסגעהוילט א דורכגאנג אונטער'ן כִּסֵּא־הַכָּבוֹד [3]), — איז אהין אריין מְנַשֶּׁה'ס תְּפִלָּה און אנגענומען געווארען.

## יְהוֹיָקִים און יְכָנְיָה.

אז יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ יְהוּדָה האט געמאכט א אויפשטאנד געגען נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל, איז נבוכדנצר געקומען חָרוּב מאכען ירושלים און געבליבען שטעהן אין דַּפְנֵי, דער פאר־שטאדט פון אַנְטְיוֹכְיָה. זענען די סַנְהֶדְרִין צו איהם געקומען און געפרעגט:

— איז שוין דען געקומען די צייט אז ירושלים זאל חָרוּב ווערען?

ענטפערט ער: ניין! נאר יהויקים האט אין מיר מוֹרֵד [4]) געווען, גיט מיר איהם איבער, — וועל איך מיר אוועקגעהן.

זענען זיי געקומען צו יהויקים'ען און איהם געזאגט, וואס נבוכדנצר פערלאנגט, פרעגט ער זיי:

— איז דען אזוי דער דין? מעג מען דען ארויסגעבען א נֶפֶשׁ פאר א נֶפֶשׁ? עס שטעהט דאך אין דער תּוֹרָה: „אן אנטלאפענעם קנעכט זאלסטו ניט ארויסגעבען צו זיין הער"!

ענטפערען זיי איהם:

— מַפְקִיר [5]) זיין איין מענשען כְּדֵי מַצִּיל צו זיין א גאנצע שטאדט — מעג מען! דיין עלטער־באבע האט אויך אזוי געטהון: ווען דָּוִד הַמֶּלֶךְ האט בעלאגערט די שטאדט תְּקוֹעַ, האט די קלוגע פרוי פון תקוע געזאגט: „שֶׁבַע

---

1) חרטה. 2) דער וואס האט חרטה אויף זיינע זינד. 3) גאט'ס שטול.
4) זיך צובונטעוועט. 5) לאזען הפקר, ניט בעשיצט.

בֶּן בְּכְרִי האָט דיך געשאָלטען — ווארפען מיר דיר אַרויס זיַין קאָפּ, און טרעט־אָפּ פון שטאָדט״.

און יהויקים האָט ניט געפאָלגט, און זיך ניט איבערגעגעבען מיט׳ן גוטען ווילען, האָבען זיי איהם געשמידט און אַראָפּגעלאָזען פון מויער אויף אייזערנע קייטען.

און נְבוּכַדְנֶצַר האָט זיין טויטען קערפּער אַרומגעפיהרט איבער די שטעדט פון יְהוּדָה, געשניטען זיין פלייש שטיקליך־וויַיז און געוואָרפען פאַר הינט, און דערמיט איז מְקוּיָם געוואָרען די רעד פון יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא, אַז „ער וועט בעגראָבען ווערען ווי אַן עזעל״ — וואו ווערט אַן עזעל בעגראָבען? אין די געדערעם פון הינט.

און נבוכדנצר האָט געקרוינט יְכָנְיָה׳ן אויף יְהוֹיָקִים׳ס אָרט און זיך אומגעקעהרט קיין בָּבֶל. זענען די שטאָדט־לייט איהם אַרויס אַנטקעגען און געפרעגט: וואָס האָסטו אויפגעטהון?

האָט ער געענטפערט:

— יהויקים האָט אין מיר מוֹרד געווען, — האָב איך איהם געטויט און יכניה׳ן געזעצט אויף זיין שטול.

ענטפערען זיי איהם מיט אַ שפּריכוואָרט:

„אַ גוט הונטעל פון אַ שלעכטער צוויג
האָט נאָך נישט געזעהן קיין אויג״.

האָט ער זיי געפאָלגט און ווידער אַוועק קיין יְרוּשָׁלַיִם. און די סַנְהֶדְרִין זענען איהם אַרויס אַנטקעגען צום פּאַר־פּלאַץ [1]) פון אַנְטִיוֹכְיָה און געפרעגט:

— איז דען געקומען די צייט ירושלים זאָל חָרוּב ווערען?

ענטפערט ער: ניין! איך וויל נור בונדען יכניה׳ן און זעצען איהם אין געפענגניש.

און אַזוי האָט ער געטהון.

* *
*

רַבִּי פְּרִידָא׳ס זיידע האָט אַ מאָל ביי׳ם טויער פון ירושלים געפונען אַ מענשען־שאַרבען, וואָס אויף איהם איז געווען אָנגעשריבען: „דאָס און נאָך עטוואָס״.

האָט ער דעם שאַרבען מְקַבֵּר געווען, איז ער ווידער אַרויסגעשפּראָצט

---

1) אַ פרייער פלאַץ, הינטער׳ן שטאָדט.

פון דער ערד. האט ער פערשטאנען, אז דאס איז דער שארבען פון יהויקים׳ן, ווי ירמיה האט אויף איהם נביאות געזאגט: „ווי אן עזעל וועט ער בעגראבען ווערען. פערשלעפט און פערווארפען אויף יענער זייט טויער פון ירושלים״.

טראכט ער ביי זיך: ער איז פארט א מלך, איז עס ניט קיין דרך־ארץ[1], מען זאל איהם מבזה [2] זיין. האט ער דעם שארבען איינגעוויקעלט און בעהאלטען אין א קאסטען.

און די פרוי זיינע האט געזעהן וואס ער טהוט און דערצעהלט די שכנות. זאגען זיי איהר: „דאס איז געוויס דער שארבען פון זיין ערשטער פרוי! ער קען זי אלץ ניט פערגעסען״. נעהמט זי דעם שארבען און פערברענט איהם אין אויבען.

אז רבי פרידא׳ס זיידע האט עס דערזעהן האט ער געזאגט: אט דאס מיינט די אויפשריפט — „דאס און נאך עטוואס״.

[1]) פאסינג, אנשטענדיג. [2]) שענדען.

# דער חורבן פון ערשטען בית־המקדש.

## דער הונגער.

נבוכדנצר׳ס חיל האָט לאַנג בעלאַגערט ירושלים און דער הונגער איז אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען. טויט־הונגעריגע האָבען די רײַכסטע טעכטער פון ציון זיך אין די מערק אַרומגעבלאָנקעט, אײַנע בעגעגענט די אַנדערע און פרעגט: „ווי קומסטו דאָ אין מאַרק, ווײַל דו לעבסט האָסטו דאָך די שוועל פון דײַן הויז ניט איבערגעטראָטען?“ און יענע ענטפערט: „וואָס זאָל איך פון דיר לײַקענען, די פּלאָג פון הונגער איז זעהר שווער, — ניט אַריבערצוטראָגען“. נעהמען זיי זיך פאַר די הענד און געהען אַרום צוזאַמען איבער׳ן שטאָדט זוכען עטוואָס צו עסען און געפינען ניט.

און פערשמאַכטע נעהמען זיי אַרום די זײַלען און פאַלען טויטע אין יעדען ווינקעל.

און די זויגעדיגע קינדערליך זײַערע קריכען אַרום אויף אַלע פיער, ביז יעדעס קינד געפינט זײַן מוטער, קלעטערט עם אַרויף, נעהמט אַרײַן אין מויל די ברוסט און וויל זויגען, ציהט זיך קײַן מילך ניט און די יונגע קינדערליך געהען־אויס אין דער מוטער׳ס שויס.

## יִרְמְיָה הַנָּבִיא.

אין דער צײַט האָט גאָט בעפוילען ירמיה׳ן:

— שטעה־אויף און געה קײַן ענתות און קויף־אָפּ דאָס פעלד בײַ חנמאל דײַן פעטער [1].

[1]) דערמיט האָט איהם גאָט געמיינט גיבען נאָך אַ האָפנונג, אַז אויב יודען וועלען תשובה טהון וועט די גזירה פונ׳ם חורבן צוריקגענומען ווערען, און דער ישוב אין לאַנד וועט זײַן ווי פריהער.

ווי יִרְמְיָה איז אַרוֹיס פון יְרוּשָׁלַיִם איז אַראָפּ אַ מַלְאָך פון הימעל אויפ'ן מויער פון שטאָדט, אײַנגעבראָכען זי מיט אַ שטוֹים פון די פיס און דערבײַ אויסגעשריען:

— זאָל דער שׂוֹנֵא אַרײַן אין דעם הויז, וואָס זײַן הער האָט עס פערלאָזען, און זאָל עס צורויבען און פערוויסטען; זאָל ער אַרײַן אין דעם ווײַנגאָרטען, וואָס דער היטער האָט עס אויף הֶפְקֵר געלאָזען, און זאָל איהם צוהאַקען און פערדאַרבען. און אַז ער וועט וועלען זיך בערימען מיט זײַן נִצָחוֹן — וועט מען איהם זאָגען:

— אַ צושטערטע שטאָדט האָסטו צושטערט, אַ טויט פאָלק גע'הָרְג'עט, און אונטערגעצונדען אַ פערברענט הויז.

## די שְׂרֵפָה.

און די פײַנד זענען אַרײַן אין שטאָדט און אויסגעבויט אַ בִּימָה [1] אויפ'ן הַר-הַבַּיִת [2]). איז אויסגעקומען דאָס אָרט, וואו שלמה המלך פלעגט זיצען און בעראָטען זיך מיט די זְקֵנִים, ווי דעם בֵּית-הַמִקְדָשׁ צו בעפוצען,— דאָרט האָבען די שׂוֹנְאִים געהאַלטען אַן עֵצָה, ווי פערברענט מען איהם.

ווי זיי זיצען אַזוי און בעראָטען זיך, דערזעהען זיי, ווי פיער מַלְאָכִים נידערען אַראָפּ און האַלטען אין די הענד פיער פלאָמען פײַער. און די מלאָכים האָבען אונטערגעצונדען אַלע פיער ווינקלען.

אין דער צײַט זענען די לְוִיִם געשטאַנען אינוועניג און געזאָגט שִׁירָה. און ווי זיי זענען געקומען צו'ם פָּסוּק: „גאָט זאָל זיי די שונאים בעצאָהלען זייער לוין און אויסראָטען זיי פאַר זייער שלעכטס“, — זענען די שונאים אָנגעקומען.

ווי דער כֹּהֵן-גָדוֹל האָט דערזעהן, אַז דער בית-המקדש ברענט, איז ער אַרויף אויפ'ן דאַך און יונגע כֹּהֲנִים נאָך איהם גרופּעס-ווײַז מיט די שליסלען פון בית-המקדש אין די הענד. און זיי האָבען אויסגעשטרעקט די הענד צו'ם הימעל און געזאָגט:

— רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם! אַזוי ווי מיר האָבען ניט זוֹכֶה געווען צו בלײַבען טרײַע היטער פון דײַן הייליג הויז, נעהם-זשע צו בײַ אונז די שליסעל!

איז אַרוֹיס אַ האַנד פון הימעל און צוגענומען אַלע שליסעל.

און די שונאים האָבען געחאַפּט דעם כֹּהֵן-גדול און געשאָכטען איהם

---

1) עסטראַדע. 2) דער באַרג פון בית-המקדש.

בײַ'ם מִזְבֵּחַ, אויף דעם אָרט וואו ער פלעגט מַקְרִיב זײַן דעם קָרְבַּן תָּמִיד [1].

דעם כּוֹהֵן־גָּדוֹל'ס טאָכטער האָט אַנטלויפענדיג געזעהן, וואָס מען טהוט מיט איהר פאָטער און אָנגעהויבען צו וויינען און קלאָגען, האָט מען זי געחאַפּט און אויך געקוילעט און ס'האָט זיך צונויפגעמישט זייער בּײדענס בּלוט.

ווי די לְוִיִּם האָבען דערזעהן, אַז דער בֵּית־הַמִקְדָּשׁ בּרענט, האָבען זיי פערנומען זייערע פידלען און פלייטען און אַרײַנגעשפּרונגען אין פײַער.

און די יונגע פּרויען, וואָס וועבען די פָּרוֹכֶת'ען, האָבען פערנומען זייער וועב־געצייג און אויך זיך אַרײַנגעוואָרפען אין פײַער און פערבּרענט געוואָרען.

# צִדְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ.

און צִדְקִיָּהוּ מיט זיינע קינדער האָבען זיך געלאָזט לויפען דורך אַ טונעל, וואָס האָט זיך געצויגען אונטער דער ערד פון קעניגליכען פּאַלאַץ בּיז די סטעפּעס פון יְרִיחוֹ.

דערווייל האָבען די כַּשְׂדִים דערזעהן אַ הירש און איהם גענומען נאָכיאָגען, איז ער געלאָפען גלײַך איבער'ן טונעל און זיי נאָך איהם—בּיז צו די סטעפּעס פון יריחו און האָבען זיך אָנגעשטויסען מיט צדקיהו'ן און זיינע קינדער אין דער רֶגַע, ווען זיי זענען אַרויס פון אונטער דער ערד.

האָט מען זיי געחאַפּט און נְבוּזַרְאֲדָן דער שעכט־מייסטער האָט זיי אָפּגעשיקט צו נְבוּכַדְנֶצַּר'ען.

בּעט זיך צדקיהו פאַר נבוכדנצר: הַרְג'ע מיך פריהער, איך זאָל ניט זעהן מיינע קינדער'ס טויט, און זיי בּעטען: טויט אונז פריהער, מיר זאָלען ניט זעהן, ווי דו פערגיסט אונזער פאָטער'ס בּלוט.

און נבוכדנצר האָט אַזוי געטהון: פריהער האָט ער זיי געשאָכטען, דערנאָך האָט ער צדקיהו'ן אויסגעשאָכטען די אויגען און זיי פערבּרענט אין אויבען, און איהם אַליין האָט ער געבּראַכט געשמידט אין בָּבֶל.

און אויף דעם האָט דער מְקוֹנֵן געקלאָגט:

„עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה" — אָט אויף וואָס איך וויין: וואו איז זיין מוטה געוועזן? וואו איז זיין דרייסט הינגעקומען? געזעהן ווי מע נעהמט איהם אויסשטעכען די אויגען און קיין מוטה אין זיך נישט געפונען דעם קאָפּ אין וואנד

---

1) וואָס מע פלעגט יעדען טאָג מקריב זיין.

צושמעטערען, זיך אליין דאס לעבען נעהמען און דער פיינד זאל זיך איבער איהם נישט לוסטיג מאכען.

## ירמיה נאכ'ן חורבן.

אז ירמיה איז ארויס פון ענתות און געלאזט זיך געהן צוריק קיין ירושלים, האט ער דערזעהן פון ווייטען, ווי א רויך געהט פון בית־המקדש — און געטראכט אין הארצען: אפשר האבען די יודען תשובה געטהון און ברענגען איצט קרבנות? איז דאס אפשר דער רויך פון קטורת?

איז ער ארויף אויפ'ן מויער און דערזעהן, ווי דער בית־המקדש ליגט אין הויפען אש און פערברענטע שטיינער — האט ער אנגעהויבען צו שרייען און קלאגען: „א גאט, דו האסט מיך פערפיהרט און איך האב זיך געלאזט פערפיהרען!" [1]

לאזט זיך ירמיה געהן ווייטער, געהט און קלאגט:

„מיט וועלכען וועג זענען זיי אוועק, די זינדיגע,
מיט וועלכען שטעג זענען זיי אוועק, די עלענדע, —
וועל איך געהן און אומקומען מיט זיי אינאיינעם".

געהט ער מיט'ן וועג און זעהט, ווי דער שטויב איז נאס, בעשפריצט מיט בלוט, בויגט ער זיך איין און זעהט טריט פון קליינע קינדער, וואס מ'האט געפיהרט געפאנגען, — פאלט ער אויף דער ערד און קושט די טריט זייערע. געהט ער ווייטער און דעריאגט א גרופע בחורים, געבויגען דעם האלז אין אייזערנע שטאנגען, — טהוט ער אריין זיין קאפ אין שטאנג און העלפט זיי שלעפען דעם יאך, קומט נבוזראדן און נעהמט איהם צו פון דארט.

זעהט ער, ווי גרויע זקנים געהען געשמידט אין שווערע קייטען, — פאלט ער צו צו זיי מיט'ן קאפ. קומט נבוזראדן און רייסט איהם אפ פון זיי. געהט מען צושיידטע און מע ווייגט איינער אויפ'ן אנדערען קוקענדיג.

אזוי האט ער זיי בעגלייט ביז'ן טייך פרת. דארט האט ער זיך מיט זיי צוזעגענט אומצוקעהרען זיך צו די חורבות פון ירושלים, צו טרייסטען די וואס זענען דארט געבליבען.

ווי די פערטריבענע האבען געזעהן, אז ירמיה שיידט זיך אפ פון זיי, האבען זיי אנגעהויבען צו וויינען:

---

1) מיט דעם וואס נאס האט איהם געשיקט קויפען א פעלד אין ענתות.

— יִרְמְיָה אונזער פֿאָטער, אויף וועמען לאָזטו אונז?

ענטפֿערט זיי יִרמיה:

— הימעל און ערד זענען מיינע עדות, אַז ווען איהר וויינט אַזוי איין מאָל אין ציון [1]) — וואָלט איהר איצט ניט פֿערטריבען געוואָרען.

מיט אַ פֿערוויינטען האַרץ געהט ירמיה צוריק קיין ירושלים. אויפ'ן גאַנצען וועג זעהט ער ליגען צוזייעט און צוואָרפֿען פֿון זיינע ברידער פֿינגער פֿון הענד און פֿון פֿיס און אַנדערע אָפּגעהאַקטע גלידער, קלויבט ער זיי צערטליך אויף איינציגווייס און בעהאַלט זיי אין זיין קלייד, וויינט אויף זיי און קלאָגט: קינדער מיינע, פֿאַר וואָס האָט איהר מיך נישט געפֿאָלגט אײדער דער פֿינסטערער טאָג איז אָנגעקומען? געהט ער ווייטער און זעהט פֿאַר זיך די קעפּ פֿון די בערג בעדעקט מיט אַש פֿון פֿערברענטע דערפֿער, די שעהנסטע טהאָלען פֿערוויסט און פֿערפֿינסטערט. און אַ גרויסע קלאָג־ליעד האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון ירמיה'ס האַרצען און לאַנג האָט זי זיך געלאָזט הערען צווישען די בערג און טהאָלען.

* * *

מיעד און צובראָכען — דערצעהלט ירמיה — בין איך ביינאַכט אָנגעקומען ביז די בערג וואָס אַרום ירושלים און האָב זיך פֿאַר זיי אַ פֿערצווייפֿעלטער אָפּגעשטעלט. הויב איך אויף די אויגען און דערזעה, אויפ'ן שפּיץ באַרג זיצט אַ פֿרוי געקליידט אין שוואַרצען מיט צוואָרפֿענע האָר. זי קלאָגט און פֿרעגט: „ווער וועט מיך טרויסטען?"

קום איך נאָהענט צו איהר און זאָג: ביסטו אַ פֿרוי — רעד מיט מיר, ביסטו אַ רוח — ווער פֿערשוואונדען.

ענטפֿערט זי: דו דערקענסט מיך דען ניט? איך בין דאָס די מוטער פֿון זיבען קינדער. מיין מאַן איז אַוועק אין ווייטע לענדער און ווי איך זיץ און וויין נאָך איהם, קומט מען מיר אָנזאָגען: „די שטוב איז איינגעפֿאַלען און דער'הרג'עט דיינע זיבען זיהן" — ווייס איך ניט אויף וועמען זאָל איך מעהר קלאָגען און רייסען די האָר פֿון קאָפּ.

זאָג איך איהר: דו ביסט ניט בעסער פֿון דיין מוטער ציון — זעה ווי זי ליגט דאָ פֿערוויסט, און ווילדע חיות פּיטערען זיך אויף איהר פּלאַץ.

ענטפֿערט זי: די מוטער ציון דאָס בין איך דאָך.

זאָג איך איהר: דיין פּלאָג איז גלייך צו איוב'ס פּלאָג: ער האָט פֿערלוירען זיינע זיהן און טעכטער, האָב און גוטס — דו אויך, ער איז געבליבען

---

1) ד.ה. ווען איהר נעהמט זיך מיינע שטראָף־רעד צום האַרצען.

ליגען אויפ׳ן מיסט און געוואַלגערט זיך אין אַש — פון דיר איז אויך געוואָ־
רען אַ באַרג אַש און אַ הויפען מיסט. און אַזוי ווי גאָט האָט איוב׳ן געטרייסט —
וועט ער דיך אויך אַ מאָל טרייסטען.

## דער טרויער פון די אָבות.

בְּשָׁעַת דער בֵּית־הַמִקְדָשׁ איז חָרוּב געוואָרען, האָט זיך יִרְמְיָה אַוועק־
געלאָזט צו דער מְעָרַת־הַמַכְפֵּלָה, אויפריהרען דאָרט די אָבוֹת פון זייער רוה,
זאָלען זיי קומען פאַר גאָט און איינשטעלען זיך פאַר זייערע קינדער. גע־
קומען אַהין, קלאַפּט ער אָן אין דער מְעָרָה: אָבות פון דער וועלט, שטעהט־
אויף, ס׳איז געקומען אַ צייט, וואָס מע דאַרף אייך האָבען פאַר גאָט. פרעגען
זיי דערשראָקענע: „וואָס האָט זיך אַזוינס געטראָפען, ירמיה?״ ענטפערט ער:
„גאָט ווייסט״, ווייל ער האָט מוֹרא געהאַט זיי אויסזאָגען, זיי זאָלען איהם
נישט פאָרוואורף מאַכען: ירמיה, פאַרוואָס האָסטו דערלאָזט דערצו? אין דיינע
יאָהרען זאָל זיך אַזוינס מיט אונזערע קינדער טרעפען!

געהט ירמיה פון דאָרט אַוועק און שטעלט זיך ביים ברעג יַרְדֵן און
שרייט: „בֶּן־עַמְרָם! בן־עמרם! שטעה־אויף, ס׳איז געקומען אַ צייט וואָס מע
דאַרף דיך האָבען פאַר גאָט״. לאָזט זיך הערען פון יענער זייט ירדן משה׳ס
קול: „וואָס האָט זיך אַזוינס געטראָפען, ירמיה, צו וואָס רופט מען מיך?״
ענטפערט ירמיה: „גאָט ווייסט״.

געהט־אַוועק משה צו זיינע אַלטע בעקאַנטע נאָך פון מַתַּן־תּוֹרָה אָן,
צו די מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת, און פרעגט ביי זיי: „דינער פון הימעל! צי ווייסט איהר
נישט וואָס דאַרף מען מיך האָבען פאַר גאָט? וואָס איז אַזוינס געשעהן?״
זאָגען זיי איהם: „בן־עמרם! ווייסטו דען נישט אַז דער בית־המקדש איז חָרוּב
און יודישע קינדער זענען פערטריבען״. חאַפּט משה און צורייסט זיינע בִּגְדֵי־
כָבוֹד, וואָס גאָט האָט איהם אָנגעקליידעט, לעגט די הענד אויפ׳ן קאָפּ און
לאָזט זיך געהן מיט אַ יאָמערליך געוויין ביז ער קומט צו די אָבות. דער־
זעהן איהם, האָבען זיי אויך באַלד צוריסען זייערע קליידער, געשאָטען אַש
אויף די קעפּ, און אינאיינעם זיך געלאָזט געהן מיט אַ יאָמער. ביז זיי זענען
געקומען צו די וויסטע טויערען פון ירושלים. געהט מען פון טויער צו טויער,
בעטראַכט דעם חורבן און מע קלאָגט ווי אויף אַ מֵת, וואָס־ליגט נאָך פאַר
די אויגען.

„רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם — האָט אַבְרָהָם ביטער געקלאָגט און גע׳טַעֲנָה׳ט —
מיט וואָס האָבען זיך מיינע קינדער אַזוינס פערזינדיגט? פאַר וואָס קומט

עס מיר אזא בזיון?״ ווי די מלאכים האבען איהם דערזעהן האבען זיי זיך אויסגעשטעלט שורות־ווייז, ווי ביי א אבל, און אלע אינאיינעם איבערגאנגען מיט א ביטערען געוויין אויסגעבראכען.

— רבונו־של־עולם — האבען זיי געזאגט — זעה, דיין בעליעבטער אברהם איז אין דיין הויז געקומען, קוק זיך־אום אויף איהם, הער־אויס זיינע טענות.

מיט א טיעפען רחמנות האט גאט א קוק געטהון אויף אברהם'ן און געזאגט: „אברהם, איך ווייס, גרויס איז דיין צער, אבער אויך גרויס איז די זינד פון דיינע קינדער, זיי האבען עובר געווען [1] אויף דער תורה, אלע איהרע הייליגע אותיות איבערגעטראטען. לאז די תורה אליין קומען און זיין אן עדות.

באלד קומט די תורה פאר גאט און וויל עדות זאגען. זאגט איהר אברהם: „טאכטער מיינע, ווי שעמסטו זיך נישט פאר מיר? געדענק דעם טאג, ווען גאט האט זיך מיט דיר ארומגעטראגען איבער אלע אומות און קיינע פון זיי, אחוץ מיינע קינדער, האט דיך נישט געוואלט אננעהמען. און איצט, אינ'ם טאג פון זייער אומגליק, ביסטו געקומען אקעגען זיי עדות זאגען!״ דערהערט דאס, האט זיך די תורה אפגעריקט אין א זייט און נישט גערעדט קיין ווארט.

— אויב אזוי — זאגט גאט — לאזען איינציגווייס קומען די צוויי און צוואנציג אותיות פון דער תורה און עדות זאגען.

טרעט־ארויס דער אלף. „אלף איינער—זאגט איהם אברהם—דו, דער ערשטער פון אלע אותיות, טרעטסטו ארויס אקעגען מיינע קינדער אינ'ם טאג פון זייער אומגליק? געדענקסט דעם טאג, ווען גאט האט זיך אנטפלעקט אויפ'ן בארג סיני און אנגעהויבען מיט דיר דאס ערשטע פון די צעהן געבאט: „אנכי ה' אלהיך—איך בין גאט דיין גאט״. ווער האט דיך דעמאלט אנגענומען אחוץ מיינע קינדער?״ ווערט דער אלף פערשעמט און רוקט זיך אפ שטיל אין א זייט.

טרעט־ארויס די בית. זאגט איהר אברהם: „טאכטער, מיט דיר הייבט זיך אן דער ערשטער פון די פינף חומשים—בראשית—ווער אויסער מיינע קינדער לערענט זיי אזוי פלייסיג?״—רוקט זיך די בית אויך אפ אין א זייט. נאכדעם האט שוין קיינער פון די איבריגע אותיות נישט געוואלט ארויסטרעטען.

---

1) איבערגעטראטען, נישט געהאלטען.

דאָ הויבט אַבְרָהָם ווידער אָן צו טַעֲנֶה'ן פאַר גאָט:

— רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם! דו האָסט מיר געשענקט צו הונדערט יאָהר אַ זוהן, און ווען אין זיינע בעסטע און בליהענדסטע יאָהרען, האָסטו מיר בעפוילען: „ברייננ איהם מיר פאַר אַ קָרְבָּן", האָב איך פערבויגען מיין פאָטערליכע געפיהלען און בין געווען גרייט צו טהון דיין רָצוֹן—שוין-זשע וועסטו מיר דעם זְכוּת נישט געדיינקען? שוין-זשע וועסטו זיך איצט נישט דערבאַרמען אויף מיינע קינדער?

הויבט דערנאָך אָן יִצְחָק צו טענה'ן:

— רבונו-של-עולם! ווען מיין פאָטער האָט מיך אויפ'ן מִזְבֵּחַ אויפגעבראַכט, האָב איך מיט מיין איינענעם ווילען זיך בונדען געלאָזט, דעם האַלז אונטער דעם שעכט-מעסער אויסגעשטרעקט — שוין-זשע וועסטו מיר עס נישט געדיינקען? שוין-זשע וועסטו זיך נישט דערבאַרמען אויף מיינע קינדער?

טרעט-אַרויס יַעֲקֹב און טענה'ט:

— רבונו-של-עולם! צוואַנציג יאָהר האָב איך שווער געאַרבייט אין לָבָן'ס הויז, אַוועק פון איהם האָט מיך בעגעגענט עֵשָׂו הָרָשָׁע און געוואָלט מיין גאַנץ הויזגעזונד אומברייננען, האָב איך זיך איינגאַנצען אַוועקגעלעגט פאַר זיי, דאָס לעבען זיך איינגעשטעלט; איצט, נאָך אַזוי פיעל צַעַר פון גִּדּוּל בָּנִים [1], נאָכדעם וואָס איך האָב זיך מיט זיי, ווי אַ היהן מיט איהרע יונגע עופ'ליך אַרומגעפיהרט און אויף די פיס געשטעלט, — זאָלסטו זיי אַלע צו'ם שׂוֹנֵא אין האַנד איבערגעבען? ווי שעפעליך צו דער שְׁחִיטָה אַוועקפיהרען? שוין-זשע וועט מיין גאַנצע מִיה פערפאַלען ווערען? שוין-זשע וועסטו זיך נישט דערבאַרמען אויף מיינע קינדער?

טרעט-אַרויס משה און טַעֲנֶה'ט:

— רבונו-של-עולם! בין איך נישט געווען קיין טרייער פאַסטוך ביי יודען? בין איך נישט געלאָפען פאַר זיי ווי אַ פערד אין דער מִדְבָּר פערציג יאָהר? און צום סוף, אַז די גליקליכע שָׁעָה איז געקומען ווען זיי האָבען בעדאַרפט אַריינטרעטען אין געוואונשטען לאַנד, האָסטו אויף מיר גוֹזֵר געווען: מיינע ביינער זאָלען אין דער מִדְבָּר בלייבען. איצט אָבער, ווען זיי ווערען פון זייער לאַנד פערטריבען, איז מען מיך געקומען רופען צוקוקען דעם אומגליק און העלפען וויינען און קלאָגען? „פון נַחַת קיין האָר, און דעם צַעַר ביז גאָר"!

---

1) קינדער אויפהאָדיוועז.

און דאָ זאָגט משה צו ירמיה'ן: קום מיט מיר, לאָמיך געהן זעהן, ווער וועט עס אויף זיי זיין האַנד אַרויפלעגען.

לאָזען זיי זיך געהן נאָך די שפורען פון די פערטריבענע, און זיי שלאָגען זיך אָן אויפ'ן וועג אין די טויטע קערפער פון גע'הרג'עטע און געפאַלענע, ביז זיי קומען צו די טייכען פון בבל. דערזעהען די פערטריבענע משה'ן, דערפרעהען זיי זיך און זאָגען איינער צו'ם אַנדערען: „אָט געהט בן-עמרם, ער איז אייפגעשטאַנען פון זיין קבר, געקומען אונז אויסלעזען פונ'ם שונא'ס הענד". זאָגט משה מיט גרויס צער: „ניין, קינדער מיינע, איך האָב איצט קיין מאַכט נישט, איין גאָט וועט אייך העלפען" — און משה איז צוריק זיין וועג געגאַנגען. אַ יאָמער פון פערצווייפלונג האָט מיט אַמאָל אויסגעבראָכען „ביי די טייכען פון בבל" און דער וועה-געשריי האָט הימלען געשפאַלטען.

קומט משה צוריק צו די אָבות, פרעגען זיי איהם: וואָס האָבען די שונא'ים מיט אונזערע קינדער געטהון? זאָגט משה: אַ טהייל גע'הרג'עט, אַ טייל געבונדען די הענד אַרונטער, אַ טהייל פערשמידט אין אייזערנע קייטען, אַ טהייל אויסגעטהון נאַקעט, אַ טהייל זענען אויפ'ן וועג געפאַלען און זייער פליייש איז שפייז פאַר חיות און פויגעל, און די איבעריגע ליגען פערשמאַכטע, הונגעריגע און דאָרשטיגע אַקעגען דער ברענענדיגער זון. דערהערט דאָס, האָבען זיי אַלע צוזאַמען אָנגעהויבען וויינען און קלאָגען: „אוי, וואָס איז געוואָרען מיט אונזערע קינדער!"

אין דער מינוט האָט זיך אויפגעכאַפּט די מוטער רחל און איז געקומען פאַר גאָט.

— רבונו-של-עולם — האָט זי אויסגעשריען — דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז דיין קנעכט יעקב האָט מיך מיט אַ גרויסער ליעבע געליעבט, פאַר מיר האָט ער זיבען יאָהר דעם טאַטען געדיענט, און פון דעסטוועגען, ווען מיין פאָטער האָט מיך צו דער חתונה אויף מיין שוועסטער פערביטען, האָב איך מיינע געפיהלען פערצוימט און האָב עס אין דער שטיל פאַר ליעב אָנגענומען, און איך בין דאָך געוועזען נישט מעהר ווי אַ מענש, בלוט און פליייש, — בפרט דו, וואָס לעבסט אייביג, זאָל דיך אַזוי פערדריסען פאַר אַ נישטיגע עבודה-זרה, האָלץ און שטיין? דו, דער גרויסער בעל-רחמים, זאָל זיך נישט דערבאַרמען אויף מיינע קינדער?!

פון דער מוטער רחל'ס ווערטער האָט זיך דערוועקט גאָט'ס דערבאַרימקייט און ער האָט טרעסטענד געזאָגט: צוליעב דיר, רחל, וועל איך אומקעהרען די יודישע קינדער צוריק אין זייער לאַנד.

און אויף דעם זאָגט דער נָביא ירמיה:

אַ שטומע לאָזט זיך אין דער הויך הערען,
אַ קלאָג, אַ ביטער געוועין,
רָחֵל יאָמערט אויף איהרע קינדער,
וויל זיך נישט טרייסטען...
האַלט־אָפּ דיין שטומע פון געוויין,
דיינע אויגען פון טרעהרען.
פאַרהאַן אַ לוין פאַר דיין פערדיענסט,
פאַרהאַן אַ האָפנונג פאַר דיין צוקונפט —
דיינע קינדער וועלען זיך אומקעהרען
צוריק אַהיים אין זייער גרעניץ.

# זְכַרְיָה הַנָּבִיא'ס בְּלוּט.

רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה האָט געזאָגט:

אַן אַלטער מאַן פון ירושלים האָט מיר דערצעהלט:

אין דעם טהאָל האָט דער שעכט־מייסטער נְבוּזַרְאֲדָן אויסגע'הָרְג'עט צוויי הונדערט און עֶלֶף רִבּוֹא [1]) מענשען און אין ירושלים האָט ער אויסגעשאָכטען פיער און ניינציג רבוא מענשען אויף איין שטיין, און זייער בלוט האָט פערפלייצט און דערגרייכט ביז זְכַרְיָה הַנָּבִיא'ס בלוט.

זעהט נבוזראדן, ווי זכריה'ס בלוט האַלט אין איין זידען.

פרעגט ער: „וואָס איז עס פאַר אַ בלוט?" זאָגען יודען: „דאָ האָט זיך פערגאָסען בלוט פון אַ קָרְבָּן". האָט ער געבראַכט בלוט פון שאָף און רינדער און פערגליכען און באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַן אַנדער בלוט.

זאָגט ער זיי: „דערצעהלט איהר מיר איז רעכט, ווען ניט — שינד איך אייך דאָס לייב מיט אייזערנע קאַמען". האָבען זיי זיך מודה געווען: אַ נָביא האָבען מיר געהאַט, וואָס פלעגט אונז שטענדיג שטראָפען פאַר אונזערע זינד, — האָבען מיר איהם גע'הָרְג'עט, איצט איז שוין אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען און זיין בלוט רוהט ניט.

זאָגט ער: איך וועל איהם איינשטילען.

האָט ער געבראַכט די גרויסע און די קלייגע סַנְהֶדְרִין און זיי געשאָכטען אויפ'ן בלוט — און ס'האָט זיך ניט איינגעשטילט, געקוילעט בחורים

---

[1]) מיריאַד, צעהן טויזענד.

און בתולות — און ניט איינגעשטילט, געשאָכטען שוהל־קינדער — און אַלץ ניט איינגעשטילט. האָט נבוזראַדן אויסגעשריען:

— זכריה, זכריה! די בעסטע פון זיי האָב איך אומגעבראַכט, איז דיר דען ליעב איך זאָל אַלעמען אומברענגען?

האָט באַלד דאָס בלוט אויפגעהערט צו זידען.

אין דער מינוט האָט זיך אין נבוזראַדן'ס האַרצען דערוועקט אַ געדאַנק פון תשובה: „אויב צוליעב איין נפש איז אַזוי, היינט וואָס־זשע קומט שוין מיר דערפאַר וואָס איך האָב אַזוי פיעל נפשות אומגעבראַכט?"

איז ער אַנטלאָפען, אָפּגעשיקט אַהיים אַ צוואה און אַליין זיך מגייר געווען.

# דאָס אַכזריות פון ישמעאל'ס קינדער.

נבוכדנצר האָט געטריבען די יודען קיין בבל הויל־נאַקעטע, די הענד פערבונדען אַרונטער, און די פיס געשמידט אין אייזערנע קייטען.

אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען פערביי די בני־ישמעאל[1], האָבען זיי געבעטען די עלטסטע: „טהוט מיט אונז די גנאָד און פיהרט אונז צו אונזערע ברידער, די קינדער פון פעטער ישמעאל". האָבען יענע געפאָלגט.

און די בני־ישמעאל זענען אַרויס אַנטקעגען און דערלאַנגט זיי צו'ם עסען געזאַלצענע הערינג און ברויט מיט ליאַק[2]). אַז זיי האָבען אָפּגעגעסען האָבען די בני־ישמעאל אַרויסגעטראָגען גרויסע לאָגלען, אויסענווייניג פייכט, פון אויבען שטאַרק פערקניפט, און אינווייניג — אָנגעבלאָזען.

און די אונגליקליכע האָבען פון גרויס דאָרשט מיט די צייהן געביסען די שנירלעך פון די פערקניפטע לאָגלען, ביז זיי האָבען זיי געעפענט, איז דער ווינט אַריין אין די געדערעם און זיי זענען געפאַלען טויט מיט געשוואָלענע בייכער.

רבי יוחנן זאָגט, אַז די מעשה האָט זיך געטראָפען מיט אַכציג טויזענד כהנים יונגע לייט, וואָס זיי האָבען זיך דורכגעריסען, יעדער פון זיי מיט אַ גילדענעם פאַנציר, דורך נבוכדנצר'ס חילות און זיך צוגעשלאָגען צו די בני־ישמעאל.

# ביי די טייכען פון בבל.

דעם גאַנצען וועג האָט נבוכדנצר געטריבען די געפאַנגענע, ערגיץ זיך ניט אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך [illegible]: „זייער גאָט קוקט־אויס, זיי

---

1) ישמעאל'ס קינדער 2) הערינג־זאַפט, זאַלץ־וואַסער.

זאָלען תּשובה טהון, כּל־זמן זיי זענען נאָך אין ארץ־ישׂראל — וועט ער זיי בעפרייען און אונז טויטען, ווי ער האָט אַמאָל געטהון מיט סנחריב מלך אשור".

ווי די שׂונאים זענען געקומען צו די טייכען פון בבל און געזעהן, אַז זיי האַלטען שוין די יודען ביי זיך אין האַנד אין אייגענעם לאַנד, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט רוהען.

האָבען די זיך צוזעצט אין איין זייט צו עסען און טרינקען, און יענע פון דער אַנדערער זייט — וויינען און קלאָגען.

שיקט נבוכדנצר רופען די לוים און הייסט זיי שפּיעלען צו'ם עסען מיט די כּלי־זמר פון בית־המקדש.

שטעהען די לוים, קוקען איינער אויפ'ן אַנדערען און זאָגען:

—ניט גענוג וואָס מיר האָבען דעם בית־המקדש חרוב געמאַכט דורך אונזערע זינד, זאָלען מיר נאָך שפּיעלען מיט די הייליגע כּלים פאַר אָט דעם נישט?

האָבען זיי זיך בעראָטען און צוהאַנגען די האַרפען אויף די ווייַדען [1] ביי'ם ברעג.

דערנאָך האָט יעדערער אַרייַנגעלעגט די האַנד אין מויל און אַליין זיך אָפּגעביסען די גראָבע פינגער, כּדי דער רשׁע זאָל זיי ניט נויטען צו שפּיעלען.

אָט דאָס דערצעהלט דער פּסוק:

ביי די טייכען בּבל'ס
זענען מיר געזעסען און געוויינט,
אויף די ווייַדען דאָרט
אונזערע האַרפען אויפגעהאַנגען.
דען דאָרט האָבען די פּענגער
געפאָדערט פון אונז ליעדער
און די הענקער—
פרייד־געזאַנג.
ווי קענען מיר גאָט'ס ליעד
זינגען אויפ'ן פרעמדען לאַנד?

— ווי קענען מיר זינגען — האָבען זיי געזאָגט צו די שׂונאים — זעהט אונזערע הענד, שטאַרק ווי אייזען זענען זיי געוועזען, איצט זענען ביי זיי די פינגער אָפּגעהאַקט —

איך נישׁיר—ווי־זשע קענען מיר שפּיעלען?

---

1) ווערבעס.

# בענקעניש.

„דאָס אַלעס אַז איך דערמאָהן זיך צוגעהט זיך אין מיר מײַן האַרץ”— אַזוי קלאָגען זיך פערבײַנקט אין זײַער ליעד די פערטריבענע לוים אין נאָמען פון די כּנסת־ישׂראל — „רבונו־של־עולם! איך דערמאָהן זיך די רוהיגקײַט און דאָס זיכערהײַט פון מײַן פריהעריג לעבען אין מײַן אײגען לאַנד. איצט איז עס אַלעס פערשווינדען, און איך וויין און קרעכץ אין בײַנק: אוי, ווי קעהרט מען־אום צוריק די פריהעריגע גליקליכע צײַט, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען אין זײַן גאַנצען פראַכט און גלאַנץ, און דו, אונזער גרויסער גאָט, האָסט זיך אַראָפּגעלאָזט אין איהם פון דײַנע הויכע הימלען און דײַן הײליגע שכינה האָט אויף מיר גערוהט. אומות־העולם האָבען צוגעזעהן מײַן כּבוד און מיר מקנא געווען. אין אַ שווערער מינוט, ווען די זינד האָבען מיר אויפ'ן האַרץ געדריקט, איז געווען פאַר ועמען רחמים צו בעטען; איך האָב זיך צו דיר, פאָטער אין הימעל, געווענדעט און דו האָסט מיר באַלד געענטפערט. איצט אָבער, וועה איז מיר, צו שאַנד און צו שפּאָט בין איך געוואָרען. פינסטער און וויסט ווערט מיר אויף דער נשמה, ווען איך געה פערבײַ דײַן הויז און איך זעה ס'איז פון איהם אַ חורבה געוואָרען, אָפּגעשטאָרבען איז דאָרט אַלעס און אַ שטילער טרויער שוועבט־אַרום אין יעדען ווינקעל. ערשט ווי לאַנג איז דאָס אָרט אַזוי בעלעבט געווען פון פײַערליכען גאָטעסדיענסט, דאָ האָבען אַבְרָהָם'ס קינדער קָרְבָּנוֹת געבראַכט, דאָ האָבען די כּהנים פון זײַער בּימה מיט פערשפּרײַטע הענד דאָס פאָלק געבענשט, דאָ זענען געשטאַנען די כאָרען און די קאַפּעליעס פון לוים, און הילכיג פאַר גאָט געזונגען און געשפּיעלט — איצט שפּרינגען דאָ, אויף דעם אָרט, ווילדע שאַקאַלען אַרום, און זײַער הײַלען לאָזט זיך הערען איבער דער גאַנצער געגענד”.

און נאָך קלאָגט די כּנסת־ישׂראל: „רבונו־של־עולם, אויף וואָס איך בּין איצט איבערגעקומען, וואָס איך בּין געווען פריהער און וואָס פון מיר איז איצט געוואָרען: אַמאָל פלעג איך דרײַ מאָל אין יאָהר עולה־לרגל זײַן, בעשיצט אינ'ם זיסען שאָטען פון דײַנע פליגעל, גלײַכע וועגען האָבען זיך דורך גרינע פעלדער פאַר מיר געצויגען און שורות בײמער האָבען מיט געדיכטע צווײַגען מײַן קאָפּ פערדעקט, און איצט בּין איך פערריקט אינ'ם

---

1) נענאַנגען קײַן ירושלים אויף די דרײַ גרויסע ימים־טובים: פּסח שבועות און סוכּות.

פינסטערען שאָטען פון פרעמדע קעניגרייכען. מיין וועג איז פערלעגט מיט שטיינער און בעוואָקסען מיט דערנער און אָהן א שוץ קוים וואס איך געה א מידער אונטער דער ברענענדיגער זון! אמאל האבען די וועגען אָהן אויפהער גערוישט ווי וואסערפאלען, טאג מיט נאכט האבען זיך איבער זיי יום־טוב׳דיג גאנצע מחנות געצויגען מיט קערב פון בכורים אויפ׳ן קאָפּ, און מיט פרעהליכע ליעדער און געזאנגען אין מויל. און איצט—אנשוויגען זענען געוואָרען די וועגען, מיט א שטומען צער שלעפּ איך זיך אום איבער זיי הין און הער און קען פאר זיך קיין אָרט ניט געפינען".

## נֶחָמָה [1].

„נַחֲמוּ, נַחֲמוּ עַמִּי" — טרעסט, טרעסט מיין פאָלק! מיך טרעסט, מיין פאָלק, זאָגט גאָט. איך, אייער גאָט, נאָך מעהר ווי איהר, נויטיג מיך אין טרעסט. בעזיצט איינער א הויז און רוצחים קומען און פערברענען עס, וועמען ריהרט עס מעהר אָן ווי דעם בַּעַל־הַבַּיִת אַליין? פערמאָגט איינער א שעהנעם גאָרטען און רויבער בעפאלען און פערדארבען איהם — ווער פיהלט נאָך אזוי דעם צער ווי דער אייגענטהימער זעלבסט? איהר זענט דאָך מיין גאָרטען, דער בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ איז דאָך מיין הויז, און אז דער שׂוֹנֵא איז געקומען, מיין פאָלק פערטריבען און מיין הויז פערברענט, וועמען, אויב ניט מיך, קומט פריהער פאר אלעמען טרעסטען?—טרעסט־זשע מיך, טרעסט מיך מיין פאָלק!

*
* *

„אָסָף׳ם א געזאנג — אזוי הויבט זיך אָן א מִזְמוֹר אין תְּהִלִּים — גאָט, פעלקער זענען אריין אין דיין בעזיץ".

„אָסָף׳ם א געזאנג"—ווי הייסט? ! „אָסָף׳ם א געוויין", „אָסָף׳ם א קלאָג־ליעד" — וואָלט דאָ בעדארפט זיין. נאָר אָט וואס דאס געזאנג בעטייט: א קעניג האט אמאל א חופּה־צימער איינגעאָרדענט פאר זיין זוהן, האט ער עס בעפוצט מיט די שעהנסטע געמעלדע, בעהאנגען מיט די בעסטע טעפּיכער, און מיט זיין פראכט און גלאנץ האָט דאס צימער יעדענם אויג פערנומען. דער זוהן אָבער איז אראָפּ פון גלייכען וועג. ווערט דער קעניג אויפגעבראכט, חאפּט און רייסט־אראָפּ די שעהנע טעפּיכער און צוברעכט די חופּה־שטאנגען.

---

1) טרעסט.

צוגעזעהן דאָס — נעהמט דער ערציהער פונ׳ם קעניג׳ס זוהן אַ פלייט און שפּיעלט. וואונדערען זיך אַלע, ווי הייסט? דער קעניג האָט אַ תּל פון דעם זוהנ׳ס חופּה־צימער געמאַכט — און דער זיצט גאָר און שפּיעלט! זאָגט יענער: יאָ, דערפאַר שפּיעל איך טאַקי, וואָס דער קעניג האָט אויסגעגאָסען זיין גאַנ־צען צאָרן אויף דעם זוהנ׳ס חופּה און נישט אויף דעם זוהן אַליין.

דאָס זעלבע בעטייט אויך דאָס געזאַנג פון אָסף׳ן. גרוים איז געווען דער חורבן, פערברענט איז גאָט׳ס הויז, פערוויסט זענען געוואָרען זיינע הייליגע פּאַלאַצען, דאָך לאָז חאָטש בלייבען די איינציגע טרעסט, וואָס גאָט האָט זיין גאַנצען צאָרן אויף שטיין און האָלץ אויסגעגאָסען און נישט אויף זיין פאָלק ישראל.

# צווישען ערשטען און צווייטען בית־הַמִקְדָשׁ.

## חִירָם מֶלֶך צור׳ס לופט־שלאָס אין מיטען יָם.

„מענשען־זוהן — האָט גאָט געזאָגט צו׳ם נביא יחזקאל — געה אין מיין נאָמען און זאָג דעם הערשער פון צור, חירם׳ן: אומזיסט שטאָלצירט דיין הארץ, איינרעדענדיג זיך: א גאָט בין איך, ווי א גאָט האָב איך מיך בעזעצט אין מיטען די ימים״.

חירם מלך צור האָט זיך זעהר איבערגענומען מיט דעם וואונדערליכען פאלאץ וואָס ער האָט פאר זיך אין מיטען ים, אויף א הויכען פעלז אויסגעבויט, און געמאכט האָט ער איהם אזוי: אויף פיער ריעזיג־הויכע אייזערנע זיילען, אין מיטען ים אריינגעשטעקטע, האָט ער אויסגעבויט א קינסטליכען זיבענשטאָקיגען געוועלבטען פאלאץ, אינ׳ם געשטאלט פון זיבען הימלען מיט זייערע ליכטער, מיט א פראכט־שטוהל, הייליגע חיות, דינערען און בליצען, קאָמעטען און מעטעאָרען. דער ערשטער הימעל — א גלעזערנער, 500 אויף 500 איילען די גרויס, פון וועלכען ס׳האָבען ארויסגעשיינט א זון ביי טאָג און א לבנה מיט שטערען ביינאכט. איבער איהם נאָך זעקס הימעל־געוועלבען, איינער העכער און גרעסער פונ׳ם אנדערען, יעדער פון א אנדער מעטאל; דער צווייטער פון אייזען, אויף וועלכען ס׳האָבען זיך מיט קינצען גרויסע שטיינער הילכיג געקויקעלט און פלאצענדיג ארויסגעלאָזט פון זיך קולות ווי דינערען; דער דריטער פון בליי, דער פיערטער פון צין, דער פינפטער פון קופער, דער זעקסטער פון זילבער, איינגעפאסט מיט פערעל, דימאנטען און בריליאנטען, און גאר דער לעצטער, דער זיבעטער, פון גאָלד. אויף איהם האָט חירם איינגעאָרדענט פאר זיך א שטוהל מיט הייליגע חיות און כרובים,

איבער וועלכע עס זענען געהאַנגען די טייערסטע פייער-רויטע איידעל-שטיי-נער. דורך אַ קונץ פלעג דער הימעל צוישען די טייערע שטיינער, און די פינקעלדיגע איידעל-שטיינער האָבען שעמערירט און ס'האָט אויסגעזעהן ווי בליצען און מעטעאָרען פליהען אין דער לופטען.

זאָגט גאָט צו יְחֶזְקאל'ן: „מענשען-זוהן, געה זאָג חירם'ן, וואָס נעהמסטו זיך איבער, ביסט דאָך נישט מעהר, ווי אַ פּרויען-קינד?"

זאָגט יחזקאל: ווי קען איך קומען צו איהם אין זיין לופט-שלאָס?

האָט גאָט אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקען שטורמווינד, האָט ער אָנגע-כאַפּט יחזקאל'ן פאַר זיינע לאָקען, אויפגעהויבען אין דער לופטען, און איהם אוועקגעשטעלט פאַר חירם'ן. דערזעהן פאַר זיך פּלוצים דעם יודישען נביא, איז חירם דערציטערט געוואָרען.

— ווער האָט דיך אהער אַרויפגעבראַכט? — פרעגט ער אַ דערשראָקענער.

— גאָט האָט מיך אהער געבראַכט. ער האָט מיר בעפוילען דיר אַזוי צו זאָגען: חירם, וואָס נעהמסטו זיך איבער, ביסט דאָך נישט מעהר ווי אַ פרויען-קינד?

זאָגט חירם: אמת, איך בין אַ פרויען-קינד, אָבער ווי אַ גאָט וועל איך לעבען אייביג אין דעם פּאַלאַץ: גאָט זיצט אין מיטען די ימים, איך אויך ווי ער; גאָט וואוינט אין זיבען הימלען, — איך אויך...

אַ סוף האָט אָבער חירם געהאַט זעהר אַ מיאוס'ען. גאָט האָט אויף איהם געבראַכט נְבוּכַדְנֶצַר'ן, וועלכער האָט איהם פון זיין שטוהל אַראָפּגע-וואָרפען, פון זיין לייב שטיקליך געשניטען, געטונקען זיי אין עסיג און איהם אַליין געגעבען אויפעסען, ביז ער איז מיט דער מיתה-משונה געשטאָרבען.

און חירם'ס וואונדערליכער פּאַלאַץ איז אָט וואו אהינגעקומען: גאָט האָט אונטער איהם די ערד צושפּאַלטען, און איינגעזונקען דאָרט, ליגט דער פּאַלאַץ בעהאַלטען פאַר די צדיקים לעתיד-לבוא [1].

## דָנִיאֵל און די שלאַנג.

נְבוּכַדְנֶצַר האָט געדינט צו אַ שלאַנג און בעריהמט זיך פאַר דָנִיאֵל'ן:

— זעה ווי שטאַרק די שלאַנג איז, וויפיעל מען גיט איהר צו עסען — שלינגט זי אַלץ איין.

זאָגט דניאל: גיב מיר רשות, וועל איך זי אָפּשוואַכען.

---

1) אויף יענער וועלט.

האָט ער איהם גענעבען.

האָט דניאל גענומען שאַרפע אײַזערנע נעגעל [1], איינגעוויקעלט אין שטרוי און געוואָרפען פאַר דער שלאַנג. די שלאַנג האָט די שטרוי איינגע־שלונגען, און די נעגעל האָבען איהר געלעכערט די געדערעם.

## חֲנַנְיָה, מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה.

אַז נְבוּכַדְנֶצַר האָט חֲנַנְיָה, מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה אין קאַלך־אויבען אַריינגע־וואָרפען, האָט זיך יוּרְקְמִי, דער מַלְאָךְ פון האָגעל, געשטעלט פאַר'ן אויבער־שטען און געזאָגט:

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! לאָז מיך געהן אָפּקיהלען דעם אויבען.

זאָגט צו איהם גַבְרִיאֵל: דאָס וועט ניט זיין קיין גרויסער וואונדער— דו בִּיסט דער מלאך פון האָגעל, און אַלע וויסען, אַז וואַסער לעשט פייער; איך בין אָבער דער מלאך פון פייער, וועל איך געהן און ווייזען דעם אוי־בערשטען'ס גבוּרה, אַז דער אויבען וועט זיין אינוועניג קיהל, אויסענוועניג אַזוי הייס גליהענד, אַז די געצען־דינער פון דרויסען וועלען פערברענט ווערען.

און אַזוי איז געשעהן.

* * *

אַז חנניה, מישאל ועזריה זענען אַרויס פון קאַלך־אויבען, האָבען זיך אויפגעקליבען אַלע אומות פון גאַר דער וועלט, מיט פעראַכטונג געפּעטשעלט יודען איבער'ן פּנים און זיי בעשפּיגען פון קאָפּ ביז פיס.

— שעמען מעגט איהר זיך, אַזאַ שטאַרקען גאָט האָט איהר—און בוקט זיך צו'ם געצען־בילד!

חנניה, מישאל ועזריה האָבען ניִשט געוואוסט וואוהין הינצוטהון זיך פאַר בּוּשָׁה, צו־געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט: „גערעכט ביזטו גאָט, און אונז בלייבט נור זיך צו שעמען".

—אין אַזאַ שפּייעכ'ן—האָט דער תַּנָּא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ געזאָגט — קען מען דערטרונקען ווערען.

---

[1] צוועקעס.

# נֵס פּוּרִים.

I.

## אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ'עס סְעוּדָה.

אַ מִנְהָג איז געווען אין פָּרַס, אַז אויף אַ גרויסער סְעוּדָה האָט מען געשטעלט אַ גרויסען כּוֹס, וואָס האַלט פינף אַכטעל עמער, און יעדער גאַסט האָט געמוזט אויסטרינקען אין גאַנצען, ער מעג אֲפִילוּ פון זינען אַראָפּ. דער-פון פלעגען די שענק-מייסטערס רייך ווערען: ווער ס'האָט ניט געקענט טרינ-קען, האָט זיך שטילערהייד בּיי זיי אויסגעקויפט מיט געלד.

דאָס מאָל האָט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בּעפוילען, מען זאָל דעם גרויסען כּוֹס ניט שטעלען, כְּדֵי „קיינעם ניט נויטען" און „טהון יעדענס ווילען".

זאָגט גאָט צו איהם: רָשָׁע איינער! ווי קומסטו צו טהון יעדענס ווילען? אַז צוויי שיפען שווימען אין יָם, איינע בעט אויף אַ צָפוֹן-ווינד, די צווייטע אויף אַ דָרוֹם-ווינד, קען זיי דען איין ווינד טרייבען? מאָרגען קומען צו דיר צוויי מענשען, מָרְדְכַי און הָמָן, וועסטו פאַר בּיידע מיט אַמאָל ניט קענען יוֹצֵא זיין, נור דעם — דערהויבען, יענעם — הענגען. י ע ד ע ן צופריעדען שטעלען — דאָס קען נור איין גאָט אַליין.

II.

## בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ.

בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ זענען בּיידע געווען פון טַרְסִים-לאַנד. אַז מרדכי איז אַריינ-געטרעטען אין הויף, האָבען זיי זיך בּעראָטען צו פער'סמ'ען אחשורוש'ן כְּדֵי מען זאָל זאָגען: כָּל-זְמַן ס'איז ניט געווען קיין יוד אין הויף, איז גאָר-ניט געשעהן, ווי נור אַ יוד האָט זיך אַהער אַריינגעדרעהט, האָט מען שוין אַריינ-געטהון גיפט אין מֶלֶך'ס שאַהל.

גערעדט האָבען זיי אויף טַרְסִיש-לָשׁוֹן און געמיינט, אַז קיינער פער-שטעהט ניט. זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז מרדכי איז פון די סַנְהֶדְרִין, וועלכע מוזען קענען אַלע זיבּעציג לְשׁוֹנוֹת.

III.

## ווי מיט די אויבּערשטע, אַזוי מיט די אונטערשטע.

„האָט מען אויפגעהאַנגען זיי בּיידע (בּגתן ותרש) אויף אַ בּוים..."

„נאָכדעם האָט דער קעניג גרויסגעמאַכט הָמָנ'ען".

אויף דעם נאָהענטען שְׁכֵנוּת פון די צוויי פְּסוּקִים דערצעהלט רַבִּי אַזאַ מָשָׁל:

דער לייב האָט פערבעטען אַלע בְּהֵמוֹת צו זיך אויף אַ מאָהלצייט און געמאַכט פון זייערט-וועגען אַ געצעלט פון לייבען-פעל. נאָכ'ן עסען בעטען זיי דעם פוקס, ער זאָל זיי זינגען, זאָגט דער פוקס: אויב איהר וועט מיר מיטהעלפען און נאָכזינגען—זינג איך פאָר. זאָגען זיי: רעכט!

הייבט ער אויף די אויגען צו די לייב-פעל און זאָגט:

וואָס מיר האָבען אויף די אויבערשטע געזעהן,
וועט מיט די אונטערשטע אויך געשעהן.

אַזוי האָט מָרְדְּכַי געזאָגט: וואו בִּגְתָן וָתֶרֶש הענגט, דאָרט וועט הָמָן אויך זיין.

IV.

## הָמָן'ס גְדוּלָה.

אַנדערע חֲכָמִים האָבען געזאָגט אויף הָמָנ'ס גְדוּלָה די דאָזיגע מְשָׁלִים:

איינער האָט געהאַט אַ פערד מיט אַן עזעל און אַ חֲזִיר. יענע צוויי האָט ער געגעבען צו עסען מיט אַ מאָס, און דעם חזיר—אָהן אַ מאָס.

פרעגט דער עזעל: פאַרוואָס קומט עס אונז? מיר אַרבייטען דאָך און דער שווייַן טהוט גאָרניט.

ענטפערט איהם דאָס פערד: ס'וועט קומען די צייט — וועסטו זעהן.

ווי ס'איז געקומען חָנָא קאַלענדאַ, האָט מען דעם שווייַן געשאָכטען.

אַזוי איז המנ'ען: פריהער אַן עֲלִיָּה [1], דערנאָך אַ תְּלִיָּה.

*
* *

דעם מלך'ס קוטשער האָט געשאָלטען דעם פּרינץ.

זאָגט דער מלך: הַרְג'נען אַ קוטשער איז אַ קלייניגקייט. איך וועל איהם פריהער מאַכען פאַר אַ שטאַל-מייסטער, דערנאָך פאַר אַ הויף-מייסטער — און ערשט דעמאָלט בעשטראָפען.

V.

## הָמָן'ס אונטערנעהמען.

אַ פייגעל האָט זיך אויסגעפלאָכטען אַ נעסט ביים ברעג פון יָם, קומט אַ כוואַליע און פערפלייצט איהם.

---

[1]) דערהויכונג.

שטעלט ער זיך ביים ברעג, נעהמט אן א פולען שנאבעל וואסער און גיסט אויף דער יבשה, און נעהמט א פולען שנאבעל זאמד און שיט אין ים.

קומט א אנדער פויגעל און פרעגט: וואס טהוסטו?

ענטפערט איהם יענער: איך וועל ניט אפטרעטען פון ארט, ביז איך פערשיט דעם ים און פערפלייץ די יבשה.

זאגט ער איהם: שוטה איינער, וואס דו קענסט שוין אויפטהון מיט דיין נארישען שנאבעל?

אזוי האט גאט געזאגט צו המנ'ען:

— איך האב געוואלט אויסראטען דאס פאלק ישראל און איך ניט גע־קענט, ווילסטו זיי „פערטיליגען, הרג'נען און פערלירען"—מעגסט זיין זיכער, ועסט פריהער דיין קאפ פערלירען איידער פון זיי וועט א האר געמונערט ווערען.

## .VI

# המן'ס מסירות.

„און המן איז געקומען פאר אחשורוש'ען" מיט זיינע מסירות אויפ'ן יודי־שען פאלק. א מסור אויף יודען — האט רבא געזאגט — איז המן געווען א געניטער ווי ניט קיינער. אלעס ביז האט ער אויף זיי אויסגערעדט פאר אחשורוש'ען, און געזאגט: „שוין צייט זיך א נעהם־טהון צו זיי". יא — זאגט איהם אחשורוש — זיי האבען אבער א שטארקען גאט, וואס שטעלט זיך פאר זיי איין.

זאגט המן: זיי האבען זיך שוין פון איהם דערווייטערט, זיינע געבאט היטען זיי נישט.

— ס'איז אבער נאך דא צווישען זיי עהרליכע און פרימע.

— ס'איז „א יין פאלק", איינער נישט בעסער פונ'ם אנדערען, אלע מוז מען אומברייינגען.

— צי וועט אפשר נישט ווערען דורך דעם א גרויסער חלל [1] אין דער מדינה?

— זיי זענען „צוזייט און צושפרייט", עס וועט זיך נישט אנזעהן.

— די קרוין וועט דורך דעם א סך פערלירען.

---

1) לאך, לעדיג פלאץ.

— אונפּרוכטבאַר זענען זיי פאַר דער קרוין. דאָס איז אַ פאָלק אַ אָנ־שיקעניש אויף דער גאַנצער מדינה, משונה־ווילד זענען זייערע מנהגים און מיט קיין פאָלק לעבען זיי זיך נישט איין, מישען זיך נישט מיט אונז מיט׳ן עסען און טרונקען און זענען זיך מיט אונז נישט מתחתן, זיי האָבען אונז פיינט און פעראַכטען אונז פונ׳ם קלענסטען ביז׳ן גרעסטען. פון דער וועלט תירוצים זוכען זיי אויס, כדי אויסצומיידען די דינסט פון קעניג און נישט ערפיהלען זיינע געזעצען. דאָ איז ביי זיי שאַבאַש [1], דאָ — יום־טוב. עפּיס אָהן אַ שיעור ימים־טובים: פּסח, שבועות, סכות, ראש־השנה, יום־כפור...

— רשע! — האָט גאָט דערביי געזאָגט — גרויס איז ביי דיר אין די אויגען זייערע ימים־טובים. וואַרט, אָט באַלד בעקומסטו די מפלה, וועט זיי צו־קומען נאָך איין יום־טוב, גאָר אַ נייער.

*
* *

צוויי שכנים זענען געווען. איינער האָט געהאַט אַ באַרג אויף זיין פעלד, דער אַנדערער — אַ גראָבען. דער טראַכט: ווען איך האָב דעם באַרג — פערשיט איך דעם גראָבען, און יענער טראַכט: ווען האָב איך אַזאַ גראָבען,— רוים איך אָפּ דעם באַרג. איינמאָל טרעפען זיי זיך ביידע, זאָגט איינער: פערקויף מיר דיין באַרג. ענטפערט דער: נעהם אומזיסט.

אַזוי האָט המן געבאָטען אחשורוש׳ען צעהן טויזענד צענטנער זילבער, און דער האָט איהם געזאָגט: ווילסט, האַלט דאָס געלד פאַר זיך און טהו מיט די יודען וואָס דו ווילסט.

### VII.

## די גזירה.

„האָט מען גערופען די קעניגליכע שרייבער, האָבען זיי אָנגעשריבען בריעף און מ׳האָט זיי צושיקט”. און אַזוי האָט מען געשריבען אין די בריעף:

אַלע פעלקער, נאַציאָנען און שפּראַכען, אייער פריעד זאָל וואַקסען! זייט וויסען אַז געקומען איז פאַר אונז אַ מאַן, נישט פון אונזער אָרט און נישט פון אונזער לאַנד, פון עמלק׳ס שטאַם איז ער, אַ גרויסער יחסן, המן איז זיין נאָמען. בעט ער ביי אונז איין קליינינקייט: איין פאָלק, זאָגט ער, איז דאָ צווישען אונז, אַ נישטיגס, פעראַכטעט פון אַלע פעלקער, אָבער פול מיט חוצפּא [2] און דערצו זעהר אַ שעדליכס, וואו אַ צרה זענען זיי אין דערמיט, זיי לאַכען אונז אויס און אונזער אומגליק איז פאַר זיי אַ שמחה. זיי בעטען

[1] שבת. [2] עזות.

תָּמִיד אויף אונזער מַפָּלָה און גאַרען צו זעהן נְקָמָה אין אונז. און ווי אונדאַנקבאַר דאָס פֿאָלק איז! דאָס ווײַזט זיך קלאָר אַרויס פֿון זייער גאַנצער געשיכטע. אָט זעהט וואָס זיי האָבען געטהון מיט׳ן קעניג פֿון מצרים, מיט דעם אָרומען פַּרְעה, נעביך: אַזוי פֿריינדליך ווי ער האָט זיי אויפֿגענומען, בעזעצט זיי אין׳ם שעהנסטען טהייל פֿון זיין לאַנד, זיי געשפּייזט אין די הונגער־יאָהרען און זיי אויסגעהאַלטען מיט אַלעם גוטען. פֿאַר דעם האָט ער בּיי זיי געבעטען, זיי זאָלען אויסבּויען פֿאַר איהם נור איין פּאַלאַץ, האָבען זיי בּאַלד זיך גענומען אויסדרעהען מיט שווינדלערייען: „לאָז אונז אָפּ, זאָגען זיי, אויף אַ דריי טעג אין דער מִדְבָּר, אונזער גאָט דינען דאָרט, דערנאָך קעהרען מיר זיך ווידער צוריק. אַגַב, זאָגען זיי, טהו אַ געפֿעליגקייט און אַנטלייַ אונז אַבּיסעל גאָלד מיט זילבער מיט קליידער,—אַנטלייט מען זיי פֿונ׳ם שעהנסטען און בּעסטען, לאָדט יעדער פֿון זיי אָן עטליכע עזלען מיט פֿרעמד האָב־און־גוטס—און מע מאַכט פְּלֵיטָה. יאָגט זיך פַּרְעה מיט זיין מַחֲנֶה נאָך די שווינדלער, מיינט אָפּצוראַטיווען זיין פֿערמעגען. וואָס־זשע מיינט איהר, האָבען זיי איהם אָפּגעטהון? האָבען זיי בּיי זיך עפּיס איינעם אַ מאַן משה בֶּן עַמְרָם, אַפָּנִים אַ גרויסער מְכַשֵּׁף, חאַפּט ער עפּיס אַ מין שטעקען, זאָגט־אָפּ אַ מין שפּרוך, גיט אַ קלאַפּ איבּער׳ן יַם, טריקענט־ער אויס, געהען זיי איהם איבּער פֿאַראויס טרוקען, און פּרעה מיט זיין גאַנצער מַחֲנֶה, נאָך זיי, זענען געגאַנגען אַלע צום גרונד. אָט מיט וואָס זיי האָבען אָפּגעצאָהלט פֿאַר זיינע אַלע טובות!

און וואָס האָבען זיי אָפּגעטהון דעם עלטער זיידען, דעם גרויסען עֲמָלֵק? אַז ער האָט ניט געקענט ליידען די שרעקליכע עַוְלָה, וואָס איז אָפּגעטהון געוואָרען פּרעה׳ן, און איז געגען זיי אַרויסגעטראָטען, שטעלט משה אַרויס אַקעגען איהם זיינעם אַ תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ־בִּן־נוּן, אַ מענש אַן אַכזר, אָהן אַ פֿונק רַחְמָנוּת, מיט אַ גאַנצער מַחֲנֶה וואָוילע יונגען, ווער ווייסט זיי דאָרטען, צי מְכַשְּׁפִים צי גִבּוֹרִים. און משה אַליין האָט גענומען דעם געוויסען שטעקען אין דער האַנד, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, און געזאָגט עפּיס אַ שפּרוך — זענען פּלוצים די מַחֲנוֹת פֿון עמלק׳ן ווי אָפּהענדיג געוואָרען און געפֿאַלען טויט בּיז איינעם. נאָכדעם זענען די לייט בּעפֿאַלען אויף סִיחוֹן וְעוֹג, די בּעוואוסטע וועלט־גִבּוֹרִים, ריזען, וואָס קיינער האָט נישט געוואַגט אָנצוהייבען זיך מיט זיי, און ס׳איז גאָר נישט צו׳ם פֿערשטעהן, ווי אַרום די יודליך האָבען זיי בּייגעקומען!

מיינט איהר דאָס איז גאָר? דער זעלבער יהושע פֿיהרט זיי אַוועק אין לאַנד כְּנַעַן, הרג׳עט־אויס איין און דרייסיג מְלָכִים און צוטהיילט זייער לאַנד.

צווישען זייניגע. און אפילו די גבעונים, מיט וועלכע זיי האָבען שלום געשלאָסען, האָבען זיי אויך נישט געשוינט און געמאַכט זיי ביי זיך פאַר קנעכט. און אז דער שטאַרקער סיסרא מיט זיינע חילות איז דערנאָך געגען זיי אַרויסגעטראָטען, האָבען זיי איהם עפּיס אַזוינס אָפּגעטהון — און דער טייך קישון האָט פערפלייצט אַלע זיינע מחנות און זיי פערטראָגען אין גרויסען ים אַריין.

דער ערשטער קעניג זייערער, שאול, איז בעפאַלען מיט רציחה איינעם פון מיינע זיידעס, אַ קעניג פון עמלק, און אום׳ברחמנות׳דיג אומגעבראַכט הונדערט טויזענד רייטער אין איין טאָג, מ׳האָט נישט געשוינט קיינעם, אפילו פרויען מיט קליינע קינדער. און דעם געקרוינטען גריי־גרויען אַגג, מיין גרויסען זיידען, האָט זייער אַ נביא צושניטען און פאַר פויגלען זיין פלייש געוואָרפען. ס׳איז גאָר נישט צו׳ם בעגרייפען פון וואַנען אַזאַ כח האָט זיך צו זיי גענומען.

נאָכדעם איז פון זיי אַ נייער קעניג אויפגעשטאַנען, דוד בן ישי, אַ ווילדע בריה, ער האָט דורס געווען אַלע פעלקער וואָס אַרום איהם, אַ תל־עולם פון זיי געמאַכט. זיין זוהן שלמה, האָט פאַר זיי אויסגעבויעט אַ הויז, בית־המקדש הייסט עס ביי זיי, ווער ווייסט זיי וואָס אינוועניג האָט זיך דאָרט אָפּגעטהון? מאַכט זיך אַ מלחמה, לויפען זיי באַלד אַהין, טהוען־אָפּ אַ מין כשוף, געהען־אַרויס און מאַכען חרוב די וועלט. פרעגט זיי אָבער, האַלטען זיי זיך פאַר לייטישער און פיינער פון אַלע פעלקער, וואו אַ גוטע מעלה איז נור ביי זיי, קיינער אין דער וועלט קען זיך צו זיי נישט גלייכען.

ס׳איז אָבער געקומען אויף זיי אויך אַ צייט, זייער גאָט איז געוואָרען אַלט און שוואַך, זייער כשוף־מאַכעריי האָט פערלוירען דעם כח, און דער גרויסער נבוכדנצר מלך בבל האָט פערוויסט זייער לאַנד, פערברענט זייער בית־המקדש און פערטריבען זיי צווישען אונז. מיינט איהר, זיי האָבען געענדערט זייער מיאוס׳ע טבע? נישט אויף אַ האָר! דאָס זעלבע עזות, די זעלבע גאוה, און איבערנומען זיך, און חאָטש זיי זענען ביי אונז אין גלות, פעראַכטען זיי אונז, שפּעטען פון אונזער אמונה און קענען אונז נישט אָנקוקען.

איבער דעם אַלעמען איז ביי אונז געבליבען, איינמאָל פאַר אַלעמען, פּטור צו ווערען פון דער אומה. מיר האָבען געוואָרפען גורל, ווען זיי אומצובריינגען פון דער וועלט, איז אויסגעפאַלען אויף דעם דרייצעהנטען טאָג אין חודש אדר. אָט דאָס זענען מיר איצט מודיע דורך די בריעף, איהר זאָלט זיין גרייט צו דער רעכטער צייט. ווער עס קען אָנציהען אַ בויגען — זאָל ער איהם אָנציהען, ווער עס קען נעהמען אַ שווערד אין דער האַנד —

זאָל נעהמען, און אַלע מיט אַמאָל אין איין טאָג זאָלט איהר בּעפאַלען די יודען, אויסראָטען זיי, פערטיליגען, פערניכטען אַלט און יונג, פרוי און קינד, עס זאָל פון זיי נישט בּלײַבּען קיין שָׂרִיד וּפָלִיט".

*
* *

שטאַרק צופרידען מיט די גע'חַתְמ'עטע בּריעף אין דער האַנד איז הָמָן אַרויס פונ'ם קעניג'ס פּאַלאַץ, און ער מיט זײַן חַבְרַיָא [1]) האָבּען זיך געלאָזט געהן אַהיים זעהר אויפגעלעגט. מָרְדֳכַי, בּײַ'ם קעניגס-טויער אויף דער וואַך, האָט דאָס בּעמערקט. דערזעהט ער פון ווײַטען דרײַ יודישע קינדער געהען פון שולע אַרויס, לויפט ער זיי נאָך. המן מיט זײַנע לײַט האָבּען זיך אָפּגעשטעלט, נײַגעריג צו וויסען, וואָס וועט דאָ פאָרקומען. אָפּגעשטעלט די קינדער, פרעגט מרדכי בּײַ איינעם פון זיי: קינד מײַנס, בּײַ וואָס פאַר אַ פּסוק האָסטו זיך הײַנט אין שולע אָפּגעשטעלט? ענטפערט דאָס קינד הויך אויף אַ קול: „פאָרכט דיך נישט פאַר אַ פּלוצליכען שרעק און פאַר אַ דונערשלאַג פון שלעכטע, וואָס רוקט זיך אָן". זאָגט דער צווייטער זײַן פָּסוּק: „בּעטראַכט אַ ראָטה און עס וועט ווערען צו נישט, רעדט זיך אָפּ אַ בּעשלוס און עס וועט נישט קומען צו שטאַנד, דען גאָט איז מיט אונז". רופט זיך אָפּ דער דריטער מיט זײַן פּסוק: „בּיז דער עלטער בּין איך אײַער גאָט, און בּיז די גרויע האָר טראָג איך אַלץ איבּער, איך מאַך, און איך טראָג, און איך לײַד און איך רעטע".

אַז מָרְדֳכַי האָט דאָס דערהערט האָט זײַן געזיכט אָנגעהויבּען שײַנען פאַר פרייד. פרעגט איהם הָמָן: וואָס אַזוינס האָבּען די קינדער געזאָגט, וואָס דו פרעהסט זיך אַזוי? זאָגט מרדכי: אַ גוטע בְּשׂוֹרָה האָבּען מיר די קינדער-ליך אָנגעזאָגט: איך זאָל זיך נישט שרעקען פאַר דײַנע שלעכטע אויפטהוען געגען אונז. ווערט המן בּעז און זאָגט: אויבּ אַזוי וועל איך צו'ם ערשטען אומבּרײַנגען טאַקי די קינדער.

*
* *

אַז אחשורוש האָט אַרויסגעגעבּען דעם בּעפעהל, מען זאָל אַלע יודען אויס'הַרגנ'ען, איז אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא אַוועקגעלאָפען צו די אָבוֹת, און אויסגע-שריען:

1) קאָמפּאַניע.

— הײליגע אָבות! הימעל און ערד װײנען און קלאָגען און די גאַנצע װעלט ציטערט — און איהר ליגט גאָר רוהיג!

פרעגען זײ: װאָס איז געשעהן?

ענטפערט ער: אַ גְזֵרָה איז אַרױס אויף יודען, מען זאָל אַלע אויסראָטען.

זאָגען די אָבות: װי באַלד אַז דער גְזַר־דִין איז שוין אָנגעחַתְמ׳עט, װאָס קענען מיר שוין העלפען?

האָט אֵלִיָהוּ זיך געװענדעט צו משה רַבֵּינוּ און געזאָגט: אָ דו הירט[1] געטרײַער! פיעל מאָל האָסטו זיך אײַנגעשטעלט פאַר יודען און אָפּגערופען די גְזֵרוֹת אויף פערדאַרבען זײ, װאָס װעסטו איצט זאָגען בײַ אַזאַ צָרָה?

פרעגט משה: צי איז פאַרהאַן אַײן צדיק אין דעם דור?

זאָגט אליהו: פאַראַהאַן, מָרְדְכַי הײסט ער.

— אויב אַזוי — זאָגט משה — זאָל ער דאָרט מִתְפַּלֵל זײַן און איך דאָ, װעלען מיר אָפּבעטען.

זאָגט אליהו: װאָס קען שוין העלפען, אַז די בריעף מיט דער גְזֵרָה זענען שוין אויפגעשריבען און אָנגעחַתְמ׳עט?

ענטפערט משה: אויב ס׳איז געחַתְמ׳עט מיט לײם — װעט אונזער תְּפִלָּה אָנגענומען װערען. אויב מיט בלוט — איז פערפאַלען.

זאָגט אֵלִיָהוּ: מיט לײם!

— געה־זשע זאָג מָרְדְכַי׳ן ער זאָל מִתְפַּלֵל זײַן.

*
* *

אַז הָמָן האָט אַנידערגעשטעלט די תְּלִיָה, איז ער אַװעק און געטראָפען מרדכי׳ן, װי ער זיצט און לערענט מיט צװײ און צװאַנציג טויזענד קלײנע יונגעליך, אַלע מיט אַש אויף די קעפ און זעק אויף די לענדען, אַלע פאַסטען און װײנען.

האָט המן זײ געשמידט אין קײטען און געזעצט װעכטער נעבען זײ און געזאָגט: מאָרגען װעל איך זײ פריהער אויסקוילען, דערנאָך — מרדכי׳ן אויפהענגען!

זענען געקומען זײערע מוטערס און געבראַכט זײ ברויט און װאַסער — האָבען זײ ניט געװאָלט עסען, און זײ האָבען גענומען די סְפָרִים און אַװעק־געגעבען מרדכי׳ן און געזאָגט: מיר האָבען געמײנט, אַז מיר װעלען האָבען

---

1) פאַסטוך.

לאַנגע יאָהר צוליעב דעם זכות פון דער תּוֹרָה, איצט, אַז מיר האָבען ניט זוֹכֶה געווען — נעהם־צו בײַ אונז די ספרים.

האָבען די מוטערס אָנגעהויבען װײַנען פון אויסענװעניג און די קינדער פון אינװעניג, און זײַער קול האָט דערגרײַכט צום הימעל.

פרעגט גאָט: װאָס איז עס פאַר אַ געשרײַ, װי פון ציקעליך מיט לעמעליך?

זאָגט משה: דאָס איז ניט קײן ציקעליך, ניט קײן לעמעליך, — די הײליגע שאָף זענען עס, די קלײנע קינדערליך פון דײַן פאָלק יִשְׂרָאֵל, װאָס מאָרגען דאַרף מען זײ צוקוילען װי שאָף.

בּאַלד האָט זיך דערװעקט גאָט׳ס רַחֲמָנוּת און ער האָט צובּראָכען די חֲתִימוֹת און צוריסען די בּריעף.

VIII.

# הָמָנ׳ס מַפָּלָה.

„אין יענער נאַכט איז געשטערט געװאָרען דעם קעניגס שלאָף“. אײ־געגנטליך האָט אין דער נאַכט קײנער מיט קײן אויג ניט צוגעמאַכט:

אֶסְתֵּר איז געװען פערטראָגען מיט די הֲכָנוֹת צו דער סעוּדָה פאַר אַחשורוש מיט המנ׳ען, מרדכי האָט געפאַסט און געקלאָגט און מִתְפַּלֵל גע־װען פאַר גאָט, המן איז געװען בּעשעפטיגט מיט דער תְּלִיָה, װאָס ער האָט געגרײט פאַר מרדכי.

זאָגט גאָט צו׳ם מַלְאָך פון שלאָף: מײַנע קינדער געפונען זיך אין אַזאַ אומגליק, און דער רָשָׁע שלאָפט זיך רוהיג בּײַ זיך אין בּעט! גײה פערטרײַבּ פון איהם דעם שלאָף.

לאָזט זיך אַראָפּ דער מלאך, שטעלט זיך אַװעק איבּער אַחשורוש און רודערט בּײַ איהם אין האַרצען: דו אונדאַנקבּאַרער, גײה דאַנק־אָפּ דײַן רעטער.

— „האַ, װאָס איז—בּעאונרוהיגט זיך אַחשורוש—װעמען בּין איך שולדיג אַ דאַנק?“ — „און בּאַלד האָט ער געהײסען בּרײַנגען דעם סֵפֶר־הַזִכְרוֹנוֹת“.

נעהמט דעם קעניג׳ס שרײַבּער, המנ׳ס זוהן, און הײבּט־אָן לײַענען פאַר׳ן קעניג די שריפטען. קומט ער צו דער מַעֲשֶׂה, װי מרדכי האָט גערע־טעט דעם קעניג פון בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ. חאַפּט ער און קעהרט גיך איבּער דאָס בּלאַט און װיל לײַענען װײַטער. קעהרט זיך אָבּער דאָס בּלאַט פון זיך אַלײן איבּער צוריק און װידער װאַרפט זיך איהם אין אויג יענע מעשה. בּלעטערט

ער ווייטער איבער, ווערט אַחשורוש אויפגערעגט: ביז וואַנען — זאָגט ער וועסטו אַלץ בלעטערען, לייען כּסדר [1]. „איך קען עס נישט לייענען", — זאָגט המנ'ס זוהן. פּלוצום הייבען זיך די ווערטער אָן צו לייענען ווי פון זיך אַליין.

ווי דער קעניג האָט דערהערט מרדכי'ס נאָמען האָט ער זיך בערוּ-היגט און ס'האָט איהם אָנגעהויבען נויגען צו'ם שלאָף. פּאַרטאָג, ווען ער איז איינשלאָפען, זעהט ער אין חלום, ווי המן שטעהט איבער איהם מיט אַ שווערד אין דער האַנד און וויל איהם טויטען. אין דער מינוט האָט מען אָנגע-קלאַפּט אין טויער, חאַפּט זיך אויף דער קעניג פון שלאָף און פרעגט אַ דער-שראָקענער: ווער איז דאָרט? זאָגט מען איהם: המן שטעהט אין הויף. „ניין, ס'איז נישט קיין חלום, טראַכט זיך אַחשורוש — ס'איז אַן אֶמֶת" — און זאָגט: לאָז ער אַריין!

ווי המן איז נור אַריין, גיט דער קעניג אַ פרעג: וואָס זאָל מען טהון דעם מענשען וואָס דער מלך פערלאַנג זיין כּבוד? טראַכט זיך המן: „דאָס מיינט מען מיך, מע דאַרף זאָגען וואָס מעהר".

— הער קעניג — זאָגט המן — דעם מאַן דאַרף מען אָנטהון דאָס קע-ניגליכע קלייד, אויפזעצען אויף דעם קעניג'ס פערד, אָנטהון די קעניגליכע קרוין... ווי דער קעניג האָט דערהערט „די קרוין", האָט זיך איהם אָנגעהוי-בען בייטען די פאַרב אין פּנים. „אָט איז דער פּתרון פון דעם חלום—טראַכט ער זיך—ער האָט חשק צו מיין קרוין", און קוים איינגעהאַלטען דעם כּעס זאָגט ער: „גיך נעהם און טהו דאָס אַלעס מָרְדְכַי'ן".

— הער קעניג — האָט הָמָן געשטאַמעלט פאַר ערשטוינונג — וואָס פאַר אַ מָרְדְכַי?

— מָרְדְכַי דעם יודען.

— איין מָרְדְכַי איז דאָ ביי יודען?

— דעם, וואָס זיצט אין קעניגליכען טויער.

— דעם מָרְדְכַי? — זאָגט הָמָן — צי וועט עס אפשר נישט זיין פאַר איהם צופיעל, איך מיין ער וועט זיך בעגניגען מיט עפּיס וועניגער: אַ שטעד-טיל איהם שענקען, צי אַ טייכיל.

דאָ האָט שוין דער קעניג זיך נישט געקענט איינהאַלטען און

1) איינס נאָכ'ן אַנדערען.

אויסגעשריגען ווי א צורייצטער לייב: „קיין האר זאלסטו נישט פערפעהלען פון דעם אלעמען וואס דו האסט פריהער געזאגט!”.

און דער קעניג רופט־אריין התך און חרבונה און בעפעהלט זיי: געהט מיט איהם און זעהט אכטונג געבען ער זאל קיין האר נישט פערפעהלען...

המן איז געשטאנען צוטומעלט, הענד און פיס האבען איהם געציטערט, די אויגען איינגעגראבען אין דער ערד, נישט געזעהן פאר זיך די שיין און נישט געוואוסט, וואס מיט איהם טהוט זיך. אין דרייען איינגעבויגען איז ער אריין אין קעניגליכען שאץ־קאמער, גענומען די קעניגליכע קליידער מיט אלע רעגאליען, פון דארט איז ער א צומישטער און א דערשלאגענער אריין אין שטאל, אנגענומען דעם שעהנסטען קעניגליכען פערד פאר דער גאלדענער צוים, און אנגעלאדען מיט די קעניגליכע קליידער אויף די אקסעל—איז ער אוועק צו מרדכי.

ווי מרדכי האט דערזעהן המנ׳ען מיט׳ן פערד, זאגט ער זיינע תלמידים: „אנטלויפט, קינדער, רעטעט זיך גיכער פונ׳ם אומגליק, דער רשע געהט צו אונז!” זאגען זיי: „פון דיר וועלען מיר זיך נישט אפשיידען, אינאיינעם געלעבט, אינאיינעם שטארבען”.

פערוויקעלט זיך מרדכי אין זיין טלית און פערטיעפט זיך אין תפלה צו גאט.

המן איז דערווייל צוגעגאנגען נאהענט, געשטאנען און געווארט. ווי מרדכי האט געענדיגט זיין תפלה זאגט המן צו איהם: מרדכי הצדיק, אברהם׳ס אייניקעל, ווארף אראפ פון זיך דיין זאק און אש און טהואן דעם קעניגס קלייד און זעץ זיך רייטען אויפ׳ן קעניגס פערד.

ענטפערט איהם מרדכי פערביטערט: המן הרשע, עמלק׳ס אייניקעל, ווארט א ווייל, לאז מיך אויסטרינקען פריהער דעם ביטערען כוס און דערנאך וועסטו מיך אוועקפיהרען צו דער תליה.

— ניין, מרדכי הצדיק—זאגט המן—פון אייביגע יאהרען טרעפען זיך מיט אייך גרויסע נסים. דער קעניג אליין האט מיך געשיקט צו דיר, ער פערלאנגט דיין כבוד. שטעה־זשע אויף און ערפיל דעם קעניג׳ס ווילען: טהואן דאס קעניגליכע קלייד און רייט אויף דעם קעניגליכען פערד.

פערשטאנען אז דא איז באמת מיט איהם א גרויסער נס געשעהן, זאגט מרדכי צו המנ׳ען: קוק מיך אבער אן, איך בין דאך אויסגעוואלגערט אין אש, אינגאנצען פערשמירט און פער׳חשכ׳ט, ווי־זשע קען איך אויף זיך אנציהען דאס קעניגליכע קלייד? איך מוז זיך פריהער ווי געהעריג ארומוואשען

און אַרומשערען. שיקט המן נאָך אַ בעדער און ראַזירער, איז נישט געווען צו בעקומען. נעהמט המן אַליין און פיהרט מרדכי'ן אין באָד, און דאָרט האָט ער אונטערגענורט די לענדען און פערקאָטשעט די אַרבעל און זיך געשטעלט וואַשען און פוצען מרדכי'ן, אויסגעשמירט איהם דאָס לייב מיט די בעסטע בוימלען און בְּשָׂמִים. דערנאָך האָט ער געשיקט גיך צו זיך אין הויז ברייִנגען פון דאָרט אַ שער און גענומען אַרומשערען מרדכי'ן. הערט מרדכי ווי הָמָן זיפצט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה. פרעגט ער איהם: וואָס בעטייט דיין זיפצען? ענטפערט המן: אַז אָך און ווערה, אויף וואָס איך, דער ערשטער מיניסטער ביי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ'ן, בין איצט איבערגעקומען—אַ בעדער און אַ שערער געוואָרען. זאָגט מרדכי: יאָ, המן, דאָס רעדיל דרעהט זיך איבער, געדיינקסט דעם טאַטען דיינעם, איך האָב איהם גאַנץ גוט געקענט, ער איז געווען אַ שערער אין יענעם דאָרף אַזעלכע צוויי און צוואַנציג יאָהר; דוכט זיך, אַז די שער איז טאַקי פון זיין געצייג.

פאַרטיג געוואָרען מיט'ן פוצען און אָנקלייידען, זאָגט המן: איצט, מרדכי, זעץ זיך אויפ'ן פערד.

— איך בין אַלט—זאָגט מרדכי—און אָפּגעשוואַכט פון תַּעֲנִית. איז זיך הָמָן מַכְנִיעַ [1]), בייגט זיך אָן פאַר איהם נידריג, און מרדכי שטעלט זיך אויף איהם און קריכט אַרויף אויפ'ן פערד.

רייט מרדכי איבער די גאַסען און המן געהט פאָראויס, פיהרט דאָס פערד פאַר'ן צוים און רופט-אויס: „אַט אַזוי טהוט מען דעם מאַן וואָס דער קעניג פערלאַנגט זיין כָּבוֹד!". פון ביידע זייטען זענען מיטגעגאַנגען זיבען און צוואַנציג טויזענד בַּחוּרִים פון קעניגס הויף, געטראָגען גאָלדענע כּוֹסוֹת אין דער רעכטער האַנד און זילבערנע בעכער אין דער לינקער האַנד, און אַלע מאָל אויסגעשריען: „אַט אַזוי טהוט מען דעם מאַן וואָס דער קעניג פער-לאַנגט זיין כּבוד!". אַלע איינוואוינער זענען אַרויס אַקעגען מיט ברענענדיגע פאַקעלען אין די הענד, און די גאַנצע שטאָדט האָט גערוישט פון פריי-ליכע אויסרופען און לויב-לידער מרדכי'ן.

המנ'ס טאָכטער האָט אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און דערזעהן דעם פאָטער אין אַזאַ שענדליכער לאַגע, האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפען פון דער הויך אויף דער ערד און געפאַלען טויט.

---

1) לענט זיך אונטער.

און המן האט זיך דעם טאג צוריקגעקעהרט אהיים א פיער־פאכיגער בעל־מלאכה: א בעדער, א שערער, א קוטשער און א העראלד.

# המן׳ם תליה.

אין דעם טאג וואס המן האט בעדארפט, לויט אחשורוש׳עס בעפעהל, געהאנגען ווערען, איז ער אריין צו זיך אין גארטען און א היבשע צייט ארום־געדרעהט זיך ווי א צומישטער צווישען די שורות הויכע אלט־געוואקסענע ביימער. פלוצום שטעלט ער זיך אפ אין מיטען גארטען און פערקוקט זיך לאנג אויף די בעקאנטע ביימער, ווי איינער זאגט: אלטע גוטע פריינד מיינע, אויף וועמען פון אייך וועט המן, דער עלטסטער און גרעסטער. פון אלע שרים אין פרס און מדי, מארגען הענגען? אויף דעם גיט א ווינטעל א בלאז און א לייכטער געראויש לויפט־דורך צווישען די ביימער, ווי זיי וואלטען צווי־שען זיך א געשפרעך געפיהרט:

— ניט אויף מיר, ניט אויף מיר!—האט זיך א טרעסעל געטהון דער וויינשטאק און מיט זיינע בלעטער די שטייגלען טרויבען פערשטעלט— פון מיר נעהמט מען וויין פאר דעם הייליגען מזבח, קען איך דעם רשע אויף זיך ניט פערטראגען.

— ניט אויף מיר, ניט אויף מיר!—ניט א ציטער דער איילבירט—פון מיר נעהמט מען בוימעל צו דער מנורה.

— איך וויל אויך ניט! — מורמעלט דער פייגענבוים — מיט מיינע בלעטער האט זיך אדם וחוה געקליידעט און מיינע זאפטיגע פרוכט געהען אויף בכורים [1].

— אויף מיר אודאי ניט — ווארפט זיך אפ דער פאלמענבוים מיט זיינע ברייטע לולבים — אט דער רשע, א שטעכיגע צוויג פון א קרומען דארנשטאם, זאל הענגען אויף מיין גלייכען שלאנקען שטאם, צו ווען די יודישע קינדער זענען געגליכען! ניין, איך וויל ניט!

— און איך וויל אויך ניט!—שאקעלט זיך אפ דער אתרוג—מיט מיינע שעהנע צארטע פרוכט פרעהט מען זיך יום־טוב פאר גאט.

— און איך אויך ניט! — זאגט דער הדס — דער זאנפטער ריח פון מיינע צווייגען זענען געשאפען צו׳ם ערקוויקען און ערפרישען.

---

1) די ערשט־צייטיגע פרוכט, וואס יודען פלעגען פיהרען קיין ירושלים.

— אונטער מיר — זאָגט דער אייכענבוים—ליגט דבורה, רבקה'ס אם, בעגראָבען.

— צו מיינע פרוכט זענען די צדיקים געגליכען—זאָגט דער מילגרוים.

— אויב אזוי — זאָגט דער צעדערבוים — זאָל מען איהם אויף מיר אויפהענגען. איך פאַס פאַר איהם ווי אָנגעמאָסטען, ווייל ער האָט מיך צו־געגרייט פון מרדכי'ס וועגען, און אז ער האָט די תליה פאַרטיג געמאַכט האָט ער זיך צוגעמאָסטען.

# די יידישע
# אַגדות

דערציילונגען, זאָגן, לעגענדן, משלים, אַפאָריזמען
און שפּריכווערטער

געקליבן פון תלמוד און מדרשים
נאָכ'ן העברעאישן „ספר האגדה"

באַארבעט און גרופּירט נאָכ'ן אינהאַלט
דורך
**י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק**

**צווייטער באַנד**

משה שמואל שקלארסקי

ניו יאָרק 1948

RAWNITZKI, J. CH.

BIALIK, CH. N.

# DI YIDISHE AGODES

## (THE JEWISH LEGENDES)

BOOK 2

MORRIS S SKLARSKY

Publisher, Bookseller and Importer

10 Monroe Street, G.D.4.

New York 2, N. Y.

rinted in U.S.A. 1948

# אינהאלט.

זייט.

## די צייט פון צווייטען בית־המקדש.


דער בית־המקדש אין זיין פראכט . 3
שמעון הצדיק . . . 5
אלכסנדר מוקדון . . . „
חוניו׳ם בית־המקדש . . 10
די אלכסנדריער שוהל . . „
גם חנוכה . . . 11
ינאי המלך . . . 14
הורקנוס און אריסטובלוס . 15
הורדוס . . . 16
כהנים און קרבנות . . 18
קרבן פסח . . . 21
בכורים . . . 22
שמחת בית השואבה . . 23
עולי־רגל . . . 24
גזרות . . . „
כהני׳שע משפחות . . 25


## די חכמה פון יודישע קינדער אין ירושלים.


די רוהם פון ירושלים . . 28
דריי איינפאלען. . . „
א שארף אויג . . . 30
א טייערער געפאנג . . 31
דריי שפרינג . . . 32
א סך און ביליג . . . 33
פערנייען א שטעסעל . . „
לויט דעם פרעג דער ענטפער . „
דורכגעפאלען . . . 34
אויסגעשפעט דעם שפעטער . 35
דער גוי מיט דער פרה אדומה . 36
אויפ׳ן ארט אפגעענטפערט . 37


## דער צווייטער הורבן.


שרעקענדיגע סימנים . . 38


זייט.


איבער וואס איז דאס לאנד חרוב געווארען? . . „
I. איבער קמצא און בר־קמצא איז חרוב געווארען ירושלים . 39
II. איבער א האהן מיט א הוהן איז חרוב געווארען טור־מלכא . 46
III. איבער אן אקס פון א וואגען איז חרוב געווארען ביתר . 48
ווי דער שונא איז זיך נוקם אין יודען . . 51
פונ׳ם פאטערס פלייש . . „
דאס ציטעריגע קינד . . 52
אינ׳ם שוים פונ׳ם ים . . „
א ברודער מיט א שוועסטער . 53
צפנת בת פניאל . . . „
די ציטעריגע . . . 54
גאט׳ס צארן . . . „
נקדימון בן־גוריון׳ס טאכטער . 55
גאט׳ס טרויער . . . 56
מנחם . . . . 57
דאס געוויין ביינאכט . . 58
זינט דער בית־המקדש איז חרוב געווארען . . „
טרייסט . . . . 59


## רבי שמעון בן שטח.


די בענייעטע סנהדרין . . 61
אנטלאפען און צוריקגעקומען . 62
ינאי פאר שמעון בן שטח׳ס געריכט . . 63
קדוש־השם . . . 64
אכציג מכשפות אין איין טאג אויפגעהאנגען . . „


## חוני־המעגל און זיינע אייניקליך.


חוני־המעגל בעט־אוים רעגען . 66

זייט.

א זיבציגיעהריגער שלאף . . 67
אבא־חלקיה בעט־אויס רעגען . 69
חנן דער בעהאלטענער . . 71

## הלל הזקן.

הלל און זיין ליעבע צו תורה . 72
הלל׳ס עניוות . . . 73
די געשריבענע תורה און
די מינדליכע . . 74
כל־התורה אויף איין פוס . 75
א גר צוליעב דער כהונה . „
חסד מיט׳ן גוף און מיט
דער נשמה . . . 76
הלל׳ס גוט־הארציגקייט . . 77

## רבי יוחנן בן זכאי.

בן־זכאי׳ס תורה און חכמה . 78
צוויי וועגען . . . 79

## רבי חנינא בן דוסא.

א טאפ באקסערען . . 81
דער גס אין אויבען און
אין מולטער . . . „
א פיסעל פון א גאלדענעם טיש . „
עסיג וואס ברענט . . 82
בן־דוסא׳ס ציגען . . „
אויסגעצויגענע באלקענס . 83
מלאכים—טרעגער . . „
בן־דוסא און רעגען . . 84
„וועה איז דער שלאנג״ . „
בן־דופא און דער לייב . . „
בן־דוסא׳ס תפלה איבער קראנקע. 85
דער פרומער עזעל . . „

## רבן גמליאל דער צווייטער.

א קנעכט ביי׳ם פאלק . . 87
רבן גמליאל און ר׳ יהושע . 88
דער נשיא בעדיענט זיינע געסט . 92
פון קללות—ברכות . . „

## רבי אליעזר בן הורקנוס.

ווי רבי אליעזר האט זיך
גענומען צו׳ם לערנען . . 94

זייט.

ר׳ אליעזר׳ס בית־המדרש . . 97
די גרויסע מחלוקת . . „
ווען ר׳ אליעזר איז קראנק
געווארען . . 100

## רבי יהושע בן חנניה.

„אז וואויל איז זיין מוטער״ . 103
שעהנע חכמה אין א
מאוס׳ער כלי . . „
דער לייב און דער שטארך . 104
איין שפעלע צווישען
זיבציג וועלף . . 105
דאס אויסגעלייזטע קינד . „
דריי האבען איהם בייגעקומען . 106
„געהם־אויף שעהן און זיי
פארזיכטיג״ . . 107
„דאס געזיכט פון גאט״ . . „
א מאהלצייט פאר גאט . . 108
דער בי־עילאי׳ער לייב . . „
דעם קיסר׳ס בעפעהל און
משה׳ס בעפעהל . . 109
ר׳ יהושע און די אטהענער
געלעהרטע . . 110
רבי יהושע אויף דער עלטער . 113

## נחום איש גם־זו.

גם זו לטובה . . . 114
אליין אויף זיך אויסגעבעטען . 115

## רבי טרפון.

רבי טרפון אין זאק . . 117
איינגעקויפט א שטעדטיל . „
רבי טרפון און זיין מוטער . 118

## רבי עקיבא.

משה רבנו און רבי עקיבא . 119
רבי עקיבא און כלבא־שבוע׳ס
טאכטער . . 120
ווי ר׳ עקיבא האט זיך גענומען
צו׳ם לערנען . . 122
אנגעבוויגען דעם קאפ . . 123
אלעס וואס גאט טהוט איז
צו גוטען . . . „

זייט.
ר׳ עקיבא און זיין טרויער . 124
אפגעצאהלט א חוב . . 125
ר׳ עקיבא און טורנוסרופוס . 126
ר׳ עקיבא׳ס טויט . . „
ר׳ עקיבא׳ס קבורה . . 128


## עשרה הרוגי מלכות.

I. גע׳חתמ׳עט די גזירה . 130
II. ר׳ שמעון און ר׳ ישמעאל . 131
III. ר׳ עקיבא בן יוסף . . 133
IV. רבי חנינא בן תרדיון . 134
V. רבי יהודה בן בבא . . 136
VI. רבי יהודה בן דמא . . 137
VII. רבי חוצפית דער מתורגמן . „
VIII. רבי חנינא בן חכינאי . 138
IX. רבי ישבב הסופר . . 139
X. רבי אליעזר בן שמוע . 140
XI. „שיינקען זייער בלוט— וועל איך נישט" . . „


## רבי מאיר.

רבי מאיר׳ס פרנסה . . 141
ר׳ מאיר אקעגען דעם נשיא . „
רבי מאיר און „אחר" . . 143
צוליעב שלום . . . 148
ארויסגעשטופט דעם שטן . 149
דער „גוטער" ברודער . . „
בידור־ווידער . . . „
צוריקגעגיבען דעם פקדון . 150
„לאזען אויפהערען די זינד" . 151
פון רבי מאיר׳ס משלים . . „


## רבי שמעון בן יוחאי און ר׳ אלעזר זיין זוהן.

איין מויל . . . 154
אין דער הייהל און פון דער הייהל . . . „
צעריסען די גזירה . . 257
א טאהל פון גאלדענע רענדליך . . . 159
דער טרעגער—אליהו׳ס א תלמיד . . . „

זייט.
גענומען אויף זיך יסורים . 160


## רבי פנחס בן יאיר.

נישט געגעסען פון פרעמדס . 165
רבי פנחס בן יאיר אין וועג . „
א פאר מעסטליך—אויף קעמלען מיט עזלען . . 167
דער אויסגעזוכטער פערל . „


## רבי יהודה הנשיא.

פערביטען די קינדער . . 169
אכט מעלות . . . 170
קראנק געווארען און געזונט געווארען . . . „
אין א הונגער־יאהר . . 171
אחר׳ס טאכטער פאר רבי׳ן . 172
א דארף מיט קינדער . . „
שיער אראפגעבראכט משיח׳ן . 173
לעגיאנען און פליגען . . 174
וואס „צו" איז איבריג . . „
א טייערע מתנה . . . 175
רבי׳ס פטירה . . . „


## רבי חיא.

ווי מאכט מען די תורה זאל נישט פערגעסען ווערען? . 178
פאר רחמנות . . . 179
ר׳ חיא׳ס שטוהל . . „


## רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש.

רבי יוחנן׳ס שעהנקייט . . 180
געוויינט צוזאמען . . „
תורה און סחורה . . 181
א גוטער בייט . . . 182
ריש־לקיש צווישען ווילדע . „
קראפט צו תורה . . 183
רב כהנא ביי רבי יוחנן . „
„וואו ביסטו, בן־לקיש?" . 185


## רב און שמואל.

פינקען זענען געפלויגען . 187

| | זייט. |
|---|---|
| איבערגעגיבען פערקעהרט . | 187 |
| אויסגעזאגט פונ'ם חדר . | 188 |
| יתומ'יש געלד . . . | „ |
| „חכם" און גישט „רבי" . . | 189 |

## רב הונא.

| | |
|---|---|
| פון רב-הונא'ס אויפפיהרונגען . | 190 |
| פון עסיג—וויין . . . | „ |
| רב הונא'ס קבורה . . | 191 |

## רב ששת.

| | |
|---|---|
| דער זעהענדיגער בלינדער . | 193 |

| | זייט. |
|---|---|

## רבה בר נחמני.

| | |
|---|---|
| געשטארבען אין וואלד . . | 195 |

## רבי יוסי פון יוקרת.

| | |
|---|---|
| פאר דער צייט . . . | 198 |
| צוריק צו'ם שטויב . . | „ |
| רבי יוסי'ס זועל . . | 199 |

## פטירות און הספדים.

| | |
|---|---|
| ביי'ם טויט פון צדיקים . . | 200 |
| הספדים. . . . | „ |

# די צייט
# פון צווייטען בית־המקדש.

## דער בית־המקדש און זיין פראַכט.

ווער ס'האָט נישט געזעהן ירושלים אין איהר גלאַנץ — האָט אויף זיין לעבען קיין פראַכטפאָלע שטאָדט ניט געזעהן. ווער ס'האָט נישט געזעהן דעם בית־המקדש אויף זיין פלאַטץ — האָט אויף זיין לעבען קיין וואונדערשעהנע געביידע ניט געזעהן.

פון הינטען שמאָל און פון פאָרענט ברייט — האָט דער טעמפעל אויף דעם באַרג „מוריה" פון ווייטענס אויסגעזעהן, ווי אַ לייב וואָס האָט זיך מאַיעסטעטיש צולעגט אויף זיין לאַגער־פלאַטץ. אינ'ם גאָלד פון די טיהר און טויערען האָבען זיך אָפגעשפיגעלט די זונענשטראַהלען, און זייער הייליגער גלאַנץ האָט געוואָרפען אַ אָפשיין איבער דער גאַנצער שטאָדט.

אַלע טויערען פון בית־המקדש, וואָס זענען לכתחלה געמאַכט געווען פון קופער, זענען שפעטער איבערגעמאַכט געוואָרען אויף גאָלדענע, חוץ נקנור'ס טויערען, ווייל מיט זיי איז אַ נס געשעהן:

נקנור האָט בעשטעלט די טויערען אין אלכסאַנדריע אין מצרים, און אַז ער האָט זיי פון דאָרט געפיהרט איז אויפגעשטאַנען אַ שרעקליכער שטורם־ווינד אויף צו דערטרינקען ווערען. האָט מען איין טויער אַריינגעוואָרפען אין ים — און דער שטורם איז ניט געשטילט געוואָרען, האָט מען געוואָלט דעם אַנדערען אַריינוואַרפען — האָט נקנור זיך אָנגעהאַנגען אָן טויער און געזאָגט: וואַרפט מיך אַריין מיט איהם אינאיינעם — איז באַלד דער שטורם געשטילט געוואָרען. האָט איהם שטאַרק באַנג־געטהון אויף יענעם טויער וואָס איז פערלוירען געגאַנגען. ווי מ'איז געקומען צום האַפען [1]) פון עכו, האָט מען דערזעהן, ווי דער אַרויסגעוואָרפענער טויער שווימט אַרויס פון אונטער'ן שיף.

[1]) פאָרט, האַווען.

די דאָזיגע פּאָר טירעֶן זענען געווען אויסגעגאָסען פֿון איין שטיק קופּער און בלאַנק געשליפֿען. און אַז די זון האָט אַנטקעגען זיי געשײַנט, האָבען זיי געגלאַנצט ווי גאָלד.

בײַם טיהר פֿון היכל [1] איז געשטאַנען אַ גאָלדענער ווײַנשטאָק, און ווער ס׳האָט געוואָלט פֿלעגט שענקען אַ גאָלדענעם בלאַט, אַ טרויב אָדער אַ הענגעל און אָנהענגען אויפֿ׳ן ווײַנשטאָק.

איינמאָל האָט מען געדאַרפֿט אָפּרוימען דעם פּלאַץ, האָט מען צונויפֿגערופֿען דרײַ הונדערט כהנים, זיי זאָלען צוזאַמען דעם שווערען ווײַנשטאָק ריהרען פֿון אָרט.

דער פּרוכת האָט געהאַלטען פֿערציג איילען די לענג, צוואַנציג איילען די ברייט און אַ טפח [2] די דיק. געוועבט האָט מען איהם אויף אַ וועבשטול פֿון צוויי און זיבעציג פֿאַכען [3], יעדער פֿאָדעם געדרעהט פֿון פֿיער און צוואַנציג שטיק דינע גאָרען. אַזעלכע פּרוכת׳ן פֿלעגט מען מאַכען צו צוויי אַ יאָהר, און מחמת שווערקײַט פֿלעגען זיי דרײַ הונדערט כהנים געהן טובל זײַן אין וואַסער.

אַ פּלײַט איז געווען אין בית=המקדש נאָך פֿון משה רבינו׳ס צײַטען, גלאַט און דין, אויסגעשניצט פֿון רעהר=האָלץ.

איינמאָל האָט דער מלך געהייסען, מען זאָל זי בעדעקען מיט גאָלד, האָט זי פֿערלאָרען איהר זיסען קול. האָט מען דאָס גאָלד אַראָפּגענומען — איז דאָס קול געוואָרען ווידער זיס ווי פֿריהער.

אַן אָרגעל איז געווען אין בית=המקדש מיט צעהן לעכליך, יעדער לאָך האָט אַרויסגעלאָזען צעהן נגונים, צוזאַמען — הונדערט ליעדער.

אַ קוואַל איז אַרויסגעגאַנגען פֿון אונטער׳ן טעמפּעל, פֿונ׳ם קדשי=קדשים, בײַ׳ם אָנהויב האָט ער אויסגעזעהן ווי די דינע הערנערליך פֿון אַ היישעריק, בײַ דער טיהר פֿונ׳ם אינוועניגסטען טעמפּעל=צימער האָט ער שוין אויסגעזעהן ווי דער אויפֿצוג=פֿאָדעם אין געוועב, ווײַטער, בײַ דער טיהר פֿון פֿאָרצימער, עטוואָס דיקער, ווי דער איינשוס=פֿאָדעם, נאָך ווײַטער, בײַ דער טהיר פֿונ׳ם הייליגען הויף, האָט דער שטראָם זיך שוין געשנירעלט ווי פֿון אַ פֿלאַש=פּיסקעל אַרויס. וואָס ווײַטער האָט ער אַלץ שטאַרקער און ברייטער געשטראָמט, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער טהיר פֿון בית=דוד און דאָרט זיך שוין פֿערוואַנדעלט אין אַ פֿליסענדען טײַך, אין וועלכען די אומרייניגע פֿלעגען זיך טובל׳ען ריין צו ווערען.

---

1) הויפּטזאַל פֿון בית המקדש. 2) פֿיער פֿינגער. 3) רינגען דורך וועלכע מען ציהט דורך די גרונד=פֿעדים אין דער לענג, איינעם איבער דעם צווייטען.

# שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק.

אַז אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקדוֹן הָאט אײַנגענומען אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, זענען די כּוּתִים [1] געגאַנגען בּעטען איהם, ער זאָל חָרוּב מאַכען דעם בֵּית־הַמִקְדָשׁ.

האָט זיך דערפון בּאַלד דערוואוסט שִׁמְעוֹן הַצַדִיק. האָט ער אָנגעטהון די בִּגְדֵי כְּהוּנָה און מיטגענומען די אָנגעזעהענע לײַט פון יְרוּשָׁלַיִם און אַרויס אַנטקעגען אַלֶכּסנדר'ען מיט פאַקעלען אין די הענד.

זענען זײַ געגאַנגען די גאַנצע נאַכט, די פון אײן זײַט, יענע — פון דער אַנדערער זײַט. אַז דער פריה־מאָרגען האָט אויפגעשײַנט פרעגט אַלכּסנדר די כּוּתים: ווער געהט עס דאָרט?

ענטפערען זײַ: דאָס זענען די יודען, וואָס האָבּען געגען דיר ווידער־געשפעניגט.

אַז זײַ זענען געקומען בּיז אַנטיפּאַטרעס, איז די זון אויפגעגאַנגען און זײַ האָבּען זיך בּעגעגענט.

ווי אַלכּסנדר האָט דערזעהן דעם כֹּהֵן־גָדוֹל, איז ער אַראָפּ פון פערד און זיך צו איהם געבּוקט.

פרעגט מען איהם: ווי קומט עס, אַז אַזאַ גרויסער מֶלֶךְ ווי דו, זאָל זיך בּוקען צו אָט דעם יודען?

ענטפערט ער: זײַן געשטאַלט געהט שטענדיג פאָראויס אין אַלע מײַנע מִלְחָמוֹת — שענקט מיר גליק און זיג.

דערנאָך פרעגט ער די יודען: וואָס פערלאַנגט איהר?

ענטפערען זײַ איהם:

— דאָס הויז וואו מיר זענען מִתְפַּלֵל צו גאָט פאַר דיר, רעדען דיך אָן די שׂוֹנְאִים דו זאָלסט עס חָרוּב מאַכען.

— ווער זענען זײַ, די שׂונאים?

— אָט די כּותים, וואָס שטעהען דאָ פאַר דיר.

— איך גיב זײַ איבּער אין אײַערע הענד.

האָבּען זײַ בּאַלד גענומען די כּותים און צוגעבּונדען זײַ צו די ווײַדלען פון די פערד און זײַ אַוועקגעשלעפּט צו'ם בּאַרג גְרִיזִים, וואו זײַער בֵּית־הַמִקְדָשׁ איז געשטאַנען. און דעם בּאַרג גריזים האָבּען זײַ צואַקערט און פערזעהט מיט וויקע [2].

# אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקְדוֹן.

## I.

אַז אַלכּסנדר מוקדון איז געקומען אין יְרוּשָׁלַיִם האָבּען איהם אײניגע

---

[1]) שׂומרונים, פערױדעשטע גויים. צווישען זײַ און צווישען יודען האָט געהערשט אַ שטענדיגער האַס. [2]) אַזאַ קערענדיל צו פיטערען בּהמות.

פון די כותים געווארענט: אט וועסטו זעהן אז די יודען וועלען דיך נישט וועלען אריינלאזען אינ׳ם הייליגסטען ארט פון זייער טעמפעל. איז דערפון געוואהר געווארען איינער גביהה בן פסיסא, א יוד א הויקער, א פראסטער מענש אבער זעהר א קלוגער. נעהמט ער א פאר זאקען, און פאסט אין זיי איין צוויי טייערע בריליאנטען וואס בעטרעפען צו צעהן טויזענד זילבערשטיק. ווי אלכסנדר מוקדון איז געקומען צו׳ם הר־הבית, זאגט איהם גביהה בן פסיסא: ווארף־אראפ די שיך און טהו־אן די זאקען, זאלסט זיך נישט אויסגליטשען איף דעם גלאט־אויסגעפלאסטערטען באדען. דער־גרייכט דעם קדשי־קדשים, זאגט איהם גביהה שוין מיט מעהר מוטה: „אדוני מלך, ביז אהער איז אונז ערלויבט צו טרעטען, ווייטער נישט״. אלכסנדר האט פערשטאנען גביהה׳ס אויפטהו און איהם א זאג געטהון מיט א שמייכעל:

— איי דו הויקער, אז איך וועל ארויס פון דאנען וועל איך דיר אויסגלייכען דעם קרימען ריקען דיינעם.

— דיין מאיעסטעט — ענטפערט אויף דעם גלייך דער הויקערער — וועט זיך דערמאלט מאכען א שם פאר א גרויסען מומחה אין דאקטעריי און בעקומען דערפאר א גרויסען לוין.

II.

וועגען דעם זעלבען גביהה בן פסיסא ווערט דערצעהלט אויך אזא מעשה:

איינמאל זענען די אפריקאנער געקומען לאדען זיך מיט יודען פאר אלכסנדר מוקדון. „דאס לאנד כנען — האבען זיי גע׳טענה׳ט — איז אונזערס. עס קומט אונז אלס ירושה פון אונזער פאטער כנען, און די יודישע תורה אליין רופט דאס לאנד מיט׳ן נאמען „ארץ כנען״.

רופט זיך אן גביהה בן פסיסא צו די חכמים: לאזט מיך, וועל איך זיך מיט זיי אויס׳טענה׳ן. ממה־נפשך: וועלען זיי מיך בייקומען, וועט איהר זאגען: א קונץ בייצוקומען א פראסטען נפש; וועל איך אבער זיי בייקומען, וועט איהר זאגען: משה רבינו׳ס תורה האט געזיגט.

ערלויבט מען איהם און ער געהט זיך מיט זיי אויס׳טענה׳ן. גיט ער א פרעג די אפריקאנער:

— וואו זענען אייערע בעווייזען?

— אין דער יודישער תורה.

— אויב אזוי וועט מיין בעוויז אויך זיין פון דער תורה. שטעהט דען נישט דארט, אז כנען איז פערשאלטען, א קנעכט צו זיין ביי זיינע ברידער? וועמען־זשע געהערט דער קנעכט אליין און מיט איהם אלע זיינע גיטער, וואס ער האט ערווארבען, אויב נישט דעם האר זיינעם? נאך מעהר, פון אייך קומט נאך אונז ארויס: אזוי פיעל יאהר שוין, וואס איהר האט אונז אויפגעהערט צו דינען,

אויסגעהערט די טַעֲנוֹת, זאָגט זײַ אַלֶכְּסַנְדר:

—האָט איהר עפּעס אויף דעם צו ענטפערען?

—גיב אונז צייט דרײַ טעג.

גיט ער זײַ. האָבען זײַ געזוכט און געקלערט—און גאָרנישט אויסגעקלערט. האָבען זײַ זיך אויפגעהויבען און אַנטלאָפען פון זײַערע פלעצער, איבערגעלאָזט אויף הֶפְקֵר זײַערע פערזײַהטע פעלדער און פערפלאַנצטע ווײַנגערטנער.

III.

אַ אַנדערס מאָל זענען די מִצְרִים געקומען פערקלאָגען די יודען פאַר אַלֶכְּסַנְדר מוקדון:—„לאָזען זײַ אונז אָפּגעבען דאָס געלד מיט'ן זילבער, וואָס זײַ האָבען בײַ אונז אָנגעליהען בײַם אַרויסגעהן פון מִצְרַיִם". האָט זיך ווידער אַרויסגערופען גְּבִיהָה בֶּן פְּסִיסָא. קומט ער און גיט זײַ אַ פרעג: יודען האָבען שווער געאַרבייט בײַ אײַך אַ מֶשֶׁך פון 430 יאָהר, וואו איז די אַרבייטס-לוין, וואָס קומט 600 טויזענד מאַן פאַר אַזאַ לאַנגער צייט? — נישט וויסענדיג וואָס צו ענטפערען, האָבען די מִצְרִים געמוזט אַנטלויפען און איבערגעלאָזט אויף הֶפְקֵר זײַערע פערזײַהטע פעלדער און פערפלאַנצטע ווײַנגערטנער.

IV.

אײַנמאָל רופט אַלֶכְּסַנְדר מוקדון צונויף אַלע זײַנע שָׂרִים און חֲכָמִים:

— איך וויל זיך לאָזען—זאָגט ער—אין די ווײַטע מְדִינוֹת פון אַפריקע.

זאָגען זײַ איהם:

— שווער אַהין צו צוקומען, די הָרֵי-חֹשֶׁךְ [1] פערשטעלען.

זאָגט ער זײַ:

— קומען אַהין האָב איך מיר פעסט בעשלאָסען, מען דאַרף נור בעטראַכטען, אויף וואָס פאַר אַ אופן דערשלאָגט מען זיך אַהין.

זאָגען זײַ:

— נעהם לוביאַנער עזלען, וואָס זענען געוואוהנט צו געהן אין פינסטערניש, און נעהם אויך מיט קנוילען פון שטריק, וועלכע דו זאָלסט בײַם אַרײַנגאַנג צווישען די הָרֵי-חֹשֶׁךְ צובינדען און אויפוויקלען, כְּדֵי זאָלסט קענען מיט דער הילף פון זײַ טרעפען דעם וועג צוריק.

האָט ער אַזוי געטהון און זיך געלאָזט אין וועג. געקומען קיין קאַרטיגען, אַזאַ מְדִינָה וואו די פרויען הערשען, האָט ער געוואָלט מיט זײַ פערפיהרען מִלְחָמָה. זאָגען זײַ איהם: וועסטו אונז בײַקומען, וועט מען זאָגען: פרויען האָט ער אומגעבראַכט. וועלען מיר אָבער דיר בײַקומען, וועט מען זאָגען: אָט אַ קעניג, וואָס איז דורך פרויען בעזיגט געוואָרען!

[1] די פינסטערע בערג.

הייסט ער זיך אַרויסטראָגען ברויט. טראָגט מען איהם אונטער גאָלדענע ברויטען מיט גאָלדענע עפּעל און מילגרוימען. וואונדערט ער זיך: וואָס, גאָלד עסט מען אין אייער מדינה?

—מיינסטו, הייסט דאָס, געוועהנליכען ברויט? צו וואָס־זשע האָסטו זיך בעמיהט קומען אַהער. פעהלט דיר דען געוועהנליכער ברויט בײַ זיך אין דער היים?

פערלאָזט יענע מדינה, האָט דער קעניג געמאַכט אויף איהרע טויערען אַזאַ אויפשריפט:

„איך אַלעכּסנדר מוקדון בין אַ נאַריש׳ער קעניג געווען, ביז איך בין קיין אַפריקע געקומען און די פרויען האָבען מיך שׂכל געלערנט".

.V

פון יענער מדינה האָט זיך אַלעכּסנדר געלאָזט צום קעניג פון קאַציע. בעוויזט יענער איהם זיינע אוצרות. זאָגט איהם אַלעכּסנדר: נישט אָנצוקוקען אייער גאָלד און זילבער בין איך אַהער געקומען, מיר ווילט זיך בעקאַנען מיט אייערע אויפפיהרונג און אייערע דינים. אין דעם קומען־אָן צוויי מענשען לאָדען זיך פאַר׳ן קעניג.

— אֲדוֹני מֶלֶך—האָט איינער גע׳טַעֲנה׳ט—איך האָב פון דעם מאַן גע־קויפט אַ חורבה. ווי איך נעהם זיך אָפּריימען דאָס פּלאַטץ געפון איך דאָרט בע־האַלטען אין דער ערד אַן אוצר. וויל איך, ער זאָל זיך צונעהמען דעם אוצר, ער געהער איהם, איך האָב דאָך נור די חורבה אַליין, אָהן אַן אוצר, געקויפט.

דער צווייטער טַעֲנה׳ט פאַרקערט: איך וויל אויך נישט, גלייך ווי דו, נכשל ווערען אין גזלה. פערקויפט האָב איך דיר די חורבה מיט אַלעמען וואָס אין איהר געפינט זיך, „פונ׳ם אָבגרונד פון דער ערד ביז דער הויך פון הימעל".

אויסגעהערט די טַעֲנות, ווענדעט זיך דער קעניג צו איינעם פון די בַּעֲלֵי־דינים:

— האָסטו אַ זוהן?

— יאָ.

דערנאָך צום צווייטען:

— און דו האָסט אַ טאָכטער?

— יאָ.

— אויב אַזוי לאָזען זיי איינער פאַר׳ן אַנדערען חתונה האָבען און דער אוצר וועט זיין זייער נדן.

אַלעכּסנדר הערט עס אויס און איז ערשטוינט געבליבען.

— וואָס, אפשר נישט גוט גע׳פּסקנ׳ט? — פרעגט איהם יענער קעניג.

— געוויס — ענטפערט אַלעכּסנדר.

— און דו אין דיין מדינה ווי וואלסטו גע׳פסקנ׳ט ביי אזא פאל?

—איך וואלט ארויסגעטראגען אזא פסק: מען זאל קעפען אי דעם, אי יענעם, און דער אוצר זאל געהערען דער קרוין.

—אזוי גאר!—זאגט יענער קעניג—זאג־זשע מיר: די זון שיינט אויף אייך?

—געווים—ענטפערט אלכסנדר.

—און רעגענס געהען ביי אייך?

—געווים.

—אפשר איז קליין־פיה ביי אייך אין דער מדינה פארהאן?

—געווים—זאגט אלכסנדר און קוקט איהם אן פערוואונדערט.

—אויב אזוי—פיהרט־אוים דער קעניג—איז טאקי נור־צוליעב דעם זכות פון די קליין־פיה שיינט אויף אייך די זון און עס געהען אין אייער מדינה רעגענס...

.VI

צוריקוועגס האט זיך אלכסנדר אפגעשטעלט רוהען ביי א קוואל און זיך געזעצט עסען. האט ער מיט זיך געהאט געזאלצענע פישליך, שווענקט מען זיי אפ אין קוואל, בעקומען זיי א גוטען ריח.

—עס ווייזט אויס—זאגט אלכסנדר—דער קוואל ציהט זיך גלייך פונ׳ם גן־עדן ארוים.—פרישט ער אפ דאס פנים זיינס מיט׳ן וואסער און לאזט זיך געהן מיט׳ן קוואל ביז ער קומט צום טויער פון גן־עדן. קלאפט ער אן און רופט אויף א קול:

— עפענט מיר אויף דעם טויער!

ענטפערט מען איהם פון דארט ארוים:

— „דאס איז דער טויער צו גאט, צדיקים קומען אין איהם אריין".

—אבער א קעניג בין איך דאך, דער גרויסער קעניג אלכסנדר מוקדון שענקט מיר פון דארט וואס־עס־איז.

דערלאנגט מען איהם פון דארט א שטיק ביין פון א שארבען. געקומען אהיים,ווארפט ער דאס שטיק שארבען אויף א וואגשאל, און לעגט אקעגען זיין גאנץ גאלד און זילבער, וואס ער האט מיטגעבראכט—האט דער שארבען דאס אלעס איבערגעוואויגען. פרעגט ער זיינע חכמים, וואס דאס בעטייט. זאגען זיי: דאס איז דער ביין פונם מענשען־אויג, וואס קען זיך קיינמאל נישט אנזעטען.

—פון וואנען איז דאס געדרינגען?—פרעגט ער זיי.

—אט פרוב נעהם פערשיט עס מיט א הייפעל ערד.

טהוט ער דאס—און באלד האט זיך די שאל מיט׳ן שטיק שארבען אויפגעהויבען אין דער הויך [1].

[1]) א רמז, אז דאס הייפעל ערד אויפ׳ן מענשענ׳ס אויג (דער קבר) מאכט א סוף צו זיינע אלע תאוות.

# חוניו׳ס בית־המקדש.

פערציג יאָהר האָט שמעון הצדיק געדינט פאַר אַ כהן גדול, נאָכ׳ן פערציגסטען יום־כפור זאָגט ער:

— איך וועל דאָס יאָהר ניט אויסלעבען.

פרעגט מען איהם:

— פון וואַנען ווייסטו?

ענטפערט ער:

— יעדער יום־כפור, ווען איך גיה אַריין אין קדשי־קדשים, זעה איך אַן אַלטען מאַן, איינגעהילט אין ווייסען, מיט מיר פלעגט ער אַריינגעהן אין קדשי־קדשים און מיט מיר אַרויסגעהן. דאָס יאָהר איז דער זקן געווען איינגעהילט אין שווארצען, אַריין איז ער מיט מיר און צוריק שוין ניט אַרויס.

נאָך סוכות איז שמעון הצדיק קראַנק געוואָרען און אין׳ן אַכטען טאָג געשטאָרבען.

פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעזאָגט: חוניו, מיין יונגערער זוהן, זאָל זיין כהן גדול אויף מיין אָרט.

האָט עס דעם עלטערען ברודער, שמעי, דעם דערכטליכען יורש פון דער כהונה גדולה, פערדראָסען.

צו׳ם סוף האָט מען זיך אויסגעגלייכט, אַז חוניו איז מוחל אויף זיין זכות, און שמעי ווערט כהן גדול.

אין האַרצען אָבער האָט חוניו זיך מתקנא געווען אין זיין עלטערען ברודער.

וואָס זשע טהוט ער?

ער קומט צו שמעי׳ן און זאָגט איהם: „קום, איך וועל דיר אויסלערנען די עבודה״. האָט ער איהם אָנגעטהון אַ פרויען קלייד און אָנגעגורט אַ פרויען־גאַרטעל און געשטעלט איהם ביי׳ם מזבח, און צו די איבעריגע כהנים זאָגט ער: געהט זעהט נור וואָס ער טהוט. דאָס האָט ער אַזוי צוגעזאָגט זיין געליבטער: ווען איך ווער כהן גדול — טהו איך אָן דיין קלייד מיט דיין גאַרטעל און גיה צו׳ם מזבח״. איצט איז ער דעם נדר מקיים.

האָבען די כהנים געוואָלט הרג׳ען שמעי׳ן — דערצעהלט ער זיי אַז חוניו האָט איהם אויף דעם אַרויפגעפיהרט; האָבען זיי חוניו׳ן געוואָלט הרג׳ען — איז ער אַנטלאָפען אין אַלכסנדריא של מצרים און דאָרט אויסגעבויט אַ בית־המקדש.

# די אַלכסנדריער שוהל.

ווער עס האָט ניט געזעהן די אַלכסנדריער גרויסע שוהל, האָט

נִיט געזעהן דִי יודִישֶׁע פּראַכט, — אַ גרויסֶע זאַל מִיט צווייַ צייַלען זייַלען [1] מִיט שורוֹת בּענק אַרום און אַרום, אֵיינֶע העכער פון דער אַנדערער, ווי גַאלערעֶען. אִין שוהל האָבּען געקענט אַרייַנגעהן צוויי מאָל אַזוי פִיל מענ-שען ווי דִי צאָהל יוֹצְאֵי-מִצְרַיִם [2].

אֵיין און זִיבּעציג גאָלדענע קאַטהעדרען זענען דאָרט געשטאַנען פאַר דִי אֵיין און זִיבּעציג סַנְהֶדְרִין. יעדער קאַטהעדר האָט געוואוינען נִיט ווענִיגער פון אֵיין און צוואַנציג מאָל צעהן טויזענד צענטנער גאָלד.

אַ גרויסֶע בִּימָה אִיז געשטאַנען אִין מִיטען פאַר'ן חַזָן, און דִי שַׁמָשִׁים זענען געשטאַנען אַרום אִיהם מִיט טִיכער אִין דִי הענד, און אַז מ'ען האָט געדאַרפט ענטפערען אָמֵן—האָבּען זיי געפאָכט מִיט דִי טִיכער, כְּדֵי דִי וואָס זִיצען פון ווייַטען און הערען נִיט, זאָלען זעהן און ענטפערען אָמֵן.

און געזעסען אִיז מען דאָרט נִיט צונויפגעמִישט, נאָר צעכענ-ווייז: גאָלדשמִידען, שלאָסער, קעסלער, וועבער—יעדערער בּעזונדער לויט זייַן פאַך, און אַז אַן אוֹרֵחַ אִיז געקומען—האָט ער זִיך גלייַך געזעצט צווִישען זייַן צעך און דורך זיי געפונען זייַן פַּרְנָסָה.

# נֵס חֲנוּכָּה.

I.

אִין דער צייַט ווען מַלְכוּת יָוָן האָט געוועלטִיגט אִין אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל, אִיז אַרויס אויף יודען אַ גְזֵירָה, אַז יעדער בַּעַל-הַבַּיִת וואָס האָט אַ רִיעגעל צו זייַן טהִיר, זאָל ער אויף אִיהם אויסקריצען: „אִיך קעהר זִיך מִיט'ן יודִישען גאָט גאָר נִישט אָן". האָבּען בּאַלד יודען געגומען און אויסגעריסען אַלע רִיגלען פון זייערע הייַזער.

אִיז אַרויס ווִידער אַ גְזֵירָה: יעדער יוד וואָס האָט אַ אָקס זאָל ער אָנשרייַבּען אויף זייַן האָרן: „אִיך קעהר זִיך מִיט'ן יודִישען גאָט גאָר נִישט אָן". האָבּען בּאַלד דִי יודען אויספערקויפט אַלע זייערע אָקסען.

II.

## דִי פְרוי מִיט אִיהרע זִיבּען זִיהן.

„צולִיעב דִיר זענען מִיר געטויט געוואָרען, פערעכענט ווי שאָף צום שעכטען" — ווי ס'אִיז געשעהן אִין דִי צייַטען פון גרִיכִישען קענִיג אַנטיוכוּס מִיט דער פרוי און אִיהרע זִיבּען קִינדער:

מִרְיָם בַּת נַחְתּוּם אִיז געפאַנגען געוואָרען, זי מִיט אִיהרע זִיבּען זִיהן, האָט מען זיי אַרייַנגעזעצט יעדערען אִין אַ בּעזונדער קאַמער.

---

[1]) שוּרוֹת סלופּען. [2]) דִי יודען וואָס זענען אַרויס פון מִצְרַיִם, כ'הייסט צוויי מאָל זעקס הונדערט טויזענד.

ברענגט מען דעם עלטסטען צו'ם קיסר, הייסט ער איהם:

— בוק זיך צו'ם בילד!

ענטפערט ער:

— אין דער תורה שטעהט: „איך בין גאָט דיין גאָט!"

האָט מען איהם גע'הרג'עט.

ברענגט מען דעם צווייטען:

— בוק זיך צו'ם בילד!

— אין דער תורה שטעהט: „זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע געטער!"

דעם דריטען:

— בוק זיך צו'ם בילד!

— „בוק זיך ניט צו קיין אַנדער גאָט".

דעם פירטען:

— בוק זיך צו'ם בילד!

— „ווער ס'שעכט צו'ם אָפּגאָט זאָל פערוויסט ווערען".

דעם פינפטען:

— בוק זיך צו'ם בילד!

— „הער, ישראל, גאָט אונזער האר איז גאָט איינער":

דעם זעקסטען:

— בוק זיך צו'ם בילד!

— „גאָט איז דער האר אין הימעל פון אויבען און אויף דער ערד פון אונטען, מעהר—ניטאָ".

האָט מען זיי אַלע איינציגווייז גע'הרג'עט.

ברענגט מען דעם זיבעטען, דעם קלענסטען.

זאָגט צו איהם דער קיסר מיט גוטען:

— קינד מיינס, פאָלג מיר, און בוק זיך צו'ם בילד.

— חס ושלום!

— פאַר וואָס?

— אַזוי שטעהט אין דער הייליגער תורה: „דו האָסט גאָט געגרויסט און גאָט האָט דיך געגרויסט". מיר האָבען איהם געשוואוירען ניט צו פערביי-טען איהם אויף אַן אַנדער גאָט, און ער האָט אונז געשוואוירען ניט צו פער-בייטען אונז אויף אַן אַנדער פאָלק.

זאָגט דער קיסר:

— דיינע ברידער האָבען וועניגסטענס שוין געלעבט און גוטס געהאַט אויף זייער וועלט, דו אָבער ביזט נאָך יונג, קיין נחת נאָך ניט גע'האַט, — בוק זיך צום בילד — וועסטו לעבען בלייבען.

— „גאָט איז אַ מלך אויף אייביג, פעלקער וועלען פערלאָרען ווערען

פון זיין לאַנד. פון איַיך וועט קיין זֵכֶר נישט בלייבען—און גאָטס מאַכט איז אויף אייביג!"

בעט זיך ביי איהם דער קֵיסָר:

— איך וועל אַראָפּוואַרפען מיין רינג, און דו בויג זיך נור איין און הויב אויף, מען זאָל מיינען, אַז דו בוקסט זיך צו'ם בילד.

ענטפערט דאָס קינד:

— אָך און וועה איז דיר, קֵיסָר, דיין כָּבוֹד אַרט דיר. ווילסט לייטען נאַרען, אַבי דיין ווילדען ווילען כְּלוֹמֶר'שט אויספיהרען; ווי־זשע טייער דאַרף זיין דער כָּבוֹד פון מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא?

געזעהן אַז ער קען ביי'ם קינד גאָר נישט אויספיהרען, רופט דער קיסר די מוטער און זאָגט איהר: רעטע־אָפּ דיין לעצט קינד, רעד איהם איין ער זאָל מיר פאָלגען. פיהרט זי איהם אַוועק אויף אַ זייט, הויבט אים אָן קושען און האַלזען און זאָגט איהם: זוהן מיינער, איצט איז געקומען די צייט זאָלסט דער מאַמען דיינער בעצאָהלען פאַר דעם אַלעמען וואָס זי איז אויסגעשטאַנען און זיך אָנגעליטען ביז זי האָט דערלעבט דיך מְגַדֵּל צו זיין. האַלט זיך פעסט אין אונזער גאָט, פאָלג נישט דעם רָשָׁע, דעם רוֹצֵחַ, און גיב זיך איבער מוטהיג צו'ם טויט, ווי די זעקס כָּשֵׁר'ע ברידער דיינע. אָהן שרעק, מיין זוהן! גיך וועלען מיר זיך אַלע זעהן אין איינעם אויף יענער וועלט.

און אַז מ'האָט דאָס קינד אַרויסגעפיהרט צום טויט, בעט זיך די מוטער פאַר'ן קֵיסָר: האָב רַחֲמָנוֹת און טויט מיך פריהער און דערנאָך איהם. קיינער האָט איהר אָבער נישט געהערט. פאַלט־צו די מוטער אין דער לעצטער מינוט צו'ם קינד, האַלזט איהם און קישט איהם און וויל זיך פון איהם נישט אָפּרייסען.

— געה — זאָגט זי — זוהן מיינער, צו אונזער אַלטען פאָטער אַבְרָהָם און זאָג איהם: אַזוי האָט מיין מאַמע געזאָגט: „גְעהם זיך נישט איבער, דו האָסט איין עֲקֵדָה געמאַכט און איך זיבען; ביי דיר איז געווען נור געפּרובט, ביי מיר—געטהון".

און אונטער דער מוטער'ס הענד האָט מען דאָס לעצטע קינד געטויט. איז זי אַרויף באַלד אויף אַ דאַך, זיך אַראָפּגעוואַרפען און צושלאָגען זיך אויף טויט.

.III

אַז די גריעכען זענען אַריין אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, האָבען זיי פער־אומרייניגט אַלע בוימלען.

שפּעטער, אַז די חַשְׁמוֹנָאִים האָבען זיי בייגעקומען, האָט מען געזוכט ריינעם בוימעל אויף אָנצינדען די מְנוֹרָה און געפונען איין קריגעל, פער'חַתמ'עט מיט'ן כֹּהֵן־גָּדוֹל'ס זיגעל, און דאָרט איז געווען בוימעל נור אויף איין טאָג, איז געשעהן אַ נֵס און דאָס ביסעל בוימעל האָט געברענט גאַנצע אַכט טאָג.

דעריבער האָט מען איינגעפיהרט דעם יום־טוב מיט חנוכּה־ליכטליך אַכט טאָג.

## ינאַי המלך[1].

ינאַי המלך איז אוועק אין כּוחלית, וואָס ליגט אין מדבּר, און איינ־גענומען דאָרט זעכציג שטעדט.

צוריקקומענדיג, האָט ער צונויפגערופען אַלע חכמי־ישׂראל און זיי געזאָגט:

—ווען אונזערע עלטערען האָבען געבּויט דעם בּית־המקדש, האָבען זיי אין איילעניש און אָרעמקייט געגעסען געזאַלצענס; איצט, אַז גאָט האָט אונז אַזוי געהאָלפען, לאָמיר מאַכען אונזערע עלטערען אַן אַנדענקונג און אויך עסען געזאַלצענס. האָט מען דערלאַנגט געזאַלצענס אויף גאָלדענע טישען.

איז דאָרט געוועזען איינער אלעזר בּן פּועירא, אַ פערדאָרבענער מענש און אַ שלעכטער. זאָגט ער צו ינאַי המלך:

— די פּרושים [2] טראָגען אויף דיר אַ האַרץ.

—וואָס זשע טהוט מען מיט זיי?

—טהו אָן די גאָלדענע בּלעך אויפ׳ן שטערען, וועלען זיי אויפשטעהן פאַר דיר, ווי פאַר אַ כּהן־גדול, און שוין מעהר ניט קענען זאָגען, אַז דו בּיסט פּסול צו דער כּהונה.

האָט ינאַי אָנגעטהון די בּלעך און אַלע זענען פאַר איהם אויפגעשטאַנען.

נאָר איין אַלטער מאַן, יהודה בּן גדידיה, האָט זיך געוואַגט און גע־זאָגט צו ינאַי המלך:

—ינאַי המלך! גענוג פאַר דיר די קעניגס־קרוין, די קרוין פון כּהונה אָבער לאָז־איבּער פאַר אַן אַנדער כּהן, ווייל מען רעדט, אַז דיין מוטער איז אַ מאָל געפאַנגען געוואָרען אין מודעים [3].

האָט מען נאָכגעזוכט און ניט געפונען קיין בּעווייז, אַז די מעשׂה איז אמת.

זענען די חכמי ישׂראל אַוועק מיט צאָרן.

זאָגט אלעזר בּן פּועירא צו ינאַי׳ן: גלאַט אַזוי אַ מענשען אַז מ׳איז

---

[1]) פון דער כהנישער משפחה חשמונאים, אַ מלך בּיי יודען און אַ כּהן. די יו־דישע געלעהרטע האָבען, צוליעב פערשידענע טעמים, רעליגיעזע און פּאָליטישע, איהם געוואָלט פּסל׳נען פון דער כהונה. [2]) די פאָלקס־פּאַרטיי, צו וועלכער אַלע חכמים האָבען געהערט, זיי האָבען שטענדיג געפיהרט מחלוקת מיט די אַריסטאָ־קראַטען, די צדוקים. [3]) אַ זוהן פון אַ געפאַנגענער איז פּסול לכהונה, אַזוי ווי אַ זוהן פון אַ שקלאַפין.

מְבַיֵש, קומט דערפאַר אַ האַרטע שטראָף, און דו ביסט דאָך מֶלֶך און כֹּהֵן־גָדוֹל, הײַנט ווי דאַרף מען זײַ בעשטראָפען!

—וואָס־זשע זאָל איך טהון?

—ווילסטו פאָלגען מײַן עֵצָה — ברענג זײַ אום.

—און וואָס וועט זײַן מיט דער תּוֹרָה?

—זי ליגט זיך צונויפגעוויקעלט אין ווינקעל — ווער עס וויל קען קומען לערנען.

איז באַלד אויפגעפלאַקערט דאָס אונגליק דורך אֶלְעָזָר בֶּן פּוֹעִירָא, אין די חַכְמֵי־יִשְׂרָאֵל זענען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, און די וועלט איז געווען צוטומעלט, ביז שִׁמְעוֹן בֶּן שֶׁטַח, דער ברודער פון דער קעניגין שְׁלוֹמִית יַנָאַי׳ס פרוי, איז געקומען און דורך איהם האָט די תורה ווידער פערנומען איהר אַלטען פלאַץ.

---

ווען יַנְאַי הַמֶּלֶךְ האָט זיך געלעגט אויפ׳ן טויטען בעט, האָט ער גע־הייסען פערנעהמען זיבעציג זְקֵנִים פון די חַכְמֵי־יִשְׂרָאֵל און אײַנזעצען זײַ אין געפענגניש, און דעם אויפזעהער פון דער תְּפִיסָה האָט ער אָנגעזאָגט אַזוי:

—באַלד ווי איך וועל שטאַרבען זאָלסטו זײַ אַלע טויטען, וועלען די יודען בעוויינען זייערע חֲכָמִים און פערגעסען צו פרעהען זיך אויף מײַן טויט.

די פרוי זײַנע, די קעניגין שְׁלוֹמִית, איז אָבער געווען אַ צַדֶקֶת, האָט זי נאָך זײַן טויט אַראָפּגענומען בײַ איהם פון האַנד דאָס רינג און אָפּגעשיקט אין תְּפִיסָה פאַר אַ צייכען פון קעניגס בעפעהל, מע זאָל די זְקֵנִים לאָזען פרײַ, און ערשט שפּעטער האָט זי געמעלדעט, אַז דער קעניג יַנְאַי איז געשטאָרבען.

# הוֹרְקָנוּס און אַרִיסְטוֹבְּלוּס.

אײַנמאָל, בְּעֵת די ברידער־חַשְׁמוֹנָאִים הוֹרְקָנוּס און אַרִיסְטוֹבְּלוּס האָבען געפיהרט צווישען זיך אַ מִלְחָמָה פאַר דער קרוין, האָט הורקנוס, מיט דער הילף פון די רוימער, בעלעגערט די שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם פון אויסענוועניג און אַרִיסְטוֹבְּלוּס איז געווען פערשלאָסען אינוועניג.

יעדען טאָג האָט מען אַראָפּגעלאָזט פון מויער אַ קאָרב מיט רענד־ליך, און די בעלעגערער האָבען דערפאַר אין קאָרב אַרײַנגעזעצט צוויי שאָף צום קָרְבַּן תָּמִיד.

איז צווישען זײַ געווען אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט פערשטאַנען די חָכְמַת יָוָן [1]. האָט ער זײַ געזאָגט: כָּל־זְמַן זײַ טהוען דאָרט די עֲבוֹדָה [2] אין בֵּית־הַמִקְדָשׁ, וועט איהר ניט קענען אײַננעהמען די שטאָדט.

---

[1]) גריכישע וויסענשאַפט, העצען־דיענערישע פילאָזאָפיע. [2]) גאָטעס־דיענסט.

אויף מאָרגען האָבען זיי צוגענומען די רענדליך און אַרייַנגעװאָרפען אַ חזיר אין קאָרב. ווי מען האָט איהם אַרױפגעצױגען, האָט ער זיך אײַנגעגריבּעלט מיט די שפּיצען קלױען אין מױער, און ארץ־ישראל איז דערציטערט געוואָרען פיער הונדערט פּרסא [1]) אויף פיער הונדערט פּרסא.

אין יענעם טאָג האָט מען אויסגערופען: פערפלוכט איז דער מענש, וואָס האָדעוועט חזירים, און פערפלוכט איז דער, וואָס לערענט זיין זוהן חכמת יון!

# הורדוס.

הורדוס איז געווען אַ קנעכט אין די חשמונאים'ס פאַמיליע, האָט ער געוואָרפען אַן אויג אויף אַ יונגע פּרינצעסין פון הויז.

איינמאָל הערט ער ווי אַ בּת־קול רופט־אויס: דער קנעכט, וואָס וועט איצט מורד זיין, וועט מצליח [2]) זיין. האָט ער אויסגע'הרג'עט די גאַנצע פאַמיליע חשמונאים און געלאָזט לעבען נור יענע יונגע פרוי, און אַליין האָט ער זיך אויסגערופען פאַר אַ מלך.

אַז זי האָט געזעהן, דאָס ער וויל זי נעהמען, איז זי אַרויף אויפ'ן דאַך און אויסגערופען:

— ווער עס וועט זיך בּעריהמען, אַז ער שטאַמט פון די חשמונאים— דער איז אַ קנעכט; איך בּין די לעצטע פון דער פאַמיליע!

בּיי די רעד איז זי אַראָפּגעשפּרינגען פון דאַך און גע'הרג'עט געוואָרען.

האָט הורדוס גענומען און בּעהאַלטען זי אין האָניג זיבּען יאָהר, כּדי מע זאָל זאָגען, אַז ער האָט זי גענומען פאַר אַ פרוי.

און די חכמים האָבּען איהם ניט אָנערקענט פאַר אַ מלך, ווייַל ער איז אַן אדומי, ניט קיין יוד, און אין דער תּורה שטעהט געשריבּען: „פון צווישען דיינע בּרידער זאָלסטו זיך מאַכען אַ מלך, טאָרסט ניט מאַכען קיין פרעמדען פאַר אַ קעניג".

האָט ער זיי אַלע אוסגע'הרג'עט, נאָר איין בּבא בּן בּוטא געלאָזט לעבּען, — כּדי צו האָבען מיט וועמען זיך אַמאָל אַן עצה האַלטען, ער האָט איהם אָבער בּעקריינט מיט אַן איגעל־קראַנץ [3]) און אויסגעשטאָכען די אויגען.

אייַנמאָל קומט הורדוס צו איהם פערשטעלטערהייד און זאָגט איהם מיט אַ פערענדערט קול:

— האָסטו געזעהן, וואָס דער בּעזער שקלאַף צוטהוט?
— וואָס־זשע קען איך טהון?
— פערשעלט איהם!

---

[1]) פיער וויאָרסט, בּערך. [2]) אָפּגליקען, אָפּגליקען. [3]) אַ קראַנץ פון פיאַווקעס.

— „אפילו אין געדאנק זאלסטו קיין קעניג ניט שעלטען“ [1].

— דער איז דאך אבער קיין מלך ניט.

— „און א עלסטען פון דיין פאלק זאלסטו ניט פלוכען“ [1].

— דער איז דאך אבער פון פאלק אדום, און זיין אויפפיהרונג איז ניט יודיש.

— איך האב מורא, מע וועט איהם אפדערצעהלען.

— קיינער איז דאך דא ניטא, חוץ אונז ביידען.

— „א פויגעל קען אפטראגען דאס קול [1]!“

זאגט הורדוס: דאס בין איך! ווען איך וויים, אז די חכמים זענען אזעלכע פארזיכטיגע—וואלט איך זיי ניט אויסגע׳הרג׳עט, איצט מיט וואס זאל איך פערריכטען מיין פעהלער?

— דו האסט אויסגעלאשען די ליכטיגע שיין — די חכמים, געה בוי אוים א נייעם בית־המקדש, וואס לייכט פאר אלע פעלקער.

— איך האב מורא פאר דער מלוכה פון רוים, זי וועט ניט ערלויבען.

— שיק אהין א שליח, וועט ער געהן אהין א יאהר, דארט זיך אפזוימען א יאהר, צוריקגעהן א יאהר, דערווייל וועסטו צעווארפען און אויפבויען.

און הורדוס האט אזוי געטהון.

שפעטער איז אנגעקומען אן ענטפער פון רוים:

— האסטו ניט צעווארפען — ווארף ניט! האסטו צעווארפען, — בוי ניט! האסטו צעווארפען און אויפגעבויט — שלעכטער קנעכט! פריהער אפגעטהון — נאך דעם זיך בעראטען! ביזט א העלד און טראגסט געוועהר, נאר דיין יחוס־בריעף איז דא: ניט קיין מלך, ניט קיין בן־מלך — הורדוס קנעכט איז געווארען האר.

ווען מען האט איבערגעבויט דעם בית־המקדש אין הורדוס׳עס צייטען, פלעגט געהן רעגען נור ביינאכט. אין דער פריה טהוט דער ווינד א בלאז—און צוטרייבט די וואלקען און די זון שיינט־אויף, איז מען געגאנגען צו דער ארבייט און געוואוסט, אז זיי טהוען גאט׳ס ווערק.

ווער עס האט ניט געזעהן הורדוס׳עס בנין, האט אויף זיין לעבען קיין שעהן געביי ניט געזעהן. ער האט איהם געבויט פון ווייסען און קאלירטען מארמאר און בלויען מאלאכיט, איין שטיין ארייו—דער אנדערער ארוים. ער האט עס נאך געוואלט בעדעקען מיט גאלד, האבען איהם די חכמים געזאגט: „לאז, אזוי איז שעהנער: עס ווייזט אויס ווי די אינדען [2] פון ים“.

---

[1]) דאס זענען ווערטער פון פסוק. [2]) פאליעס, טונקעלער גרונד מיט ווייסען שוים.

# כֹּהֲנִים און קָרְבָּנוֹת.

I.

אַגריפַּס הַמֶּלֶךְ האָט אַמאָל געוואָלט מַקְרִיב זיין טויזענד קָרְבַּן עוֹלוֹת מיט אַמאָל און האָט בּעפוילען דעם כֹּהֵן־גָּדוֹל, מען זאָל דעם טאָג בּיי קיינעם קיין קָרְבָּנוֹת ניט אָננעהמען.

קומט אַן אָרעמאַן און בּרענגט צוויי טויבען, און דער כֹּהֵן גָּדוֹל וויל זיי ניט צונעהמען. זאָגט דער אָרעמאַן:

— אֲדוֹנִי כֹּהֵן גָּדוֹל! פיער פאַנג איך יעדען טאָג, צוויי בּין איך מַקְרִיב, מיט צוויי דערנעהר איך זיך, ווען דו נעהמסט איצט ניט בּיי מיר דאָס פּאָר טויבען — גראָבּסטו אונטער מיין פַּרְנָסָה.

האָט דער כֹּהֵן־גָּדוֹל צוגענומען די טויבען. ווייזט מען אַגריפּס'ן אין חָלוֹם: דעם אָרעמאַנ'ס קָרְבָּן איז פריהער אָנגענומען געוואָרען.

שיקט ער רופען דעם כֹּהֵן־גָּדוֹל און רעדט איהם אויס. דערצעהלט איהם דער כֹּהֵן גָּדוֹל ווי די זאַך איז פאָרגעקומען, זאָגט אַגריפּס:

— רעכט האָסטו געטהון.

* *
*

פיער און צוואַנציג וואַכען האָבּען זיך געבּיטען אין בֵּית־הַמִּקְדָשׁ, יעדע וואַך איז אָפּגעשטאַנען אַ וואָך.

בּיינאַכט פלעגט דער אויפזעהער אַרומגעהן מיט פאַקעלען און זעהן צי די כֹּהֲנִים שטעהען אויף דער וואַך. ווער עס האָט איהם ניט בּעגריסט, איז אַ סִימָן אַז ער שלאָפט, און דער אויפזעהער האָט געהאַט דאָס רעכט צונעהמען זיין מאַנטעל און פערבּרענען.

* *
*

פריהער איז געווען איינגעפיהרט, אַז ווער עס וויל קען געהן אָפּ־רוימען דאָס אַש פונ'ם מִזְבֵּחַ, שפּעטער האָבּען זיך אויף דעם געפונען צווישען די כֹּהֲנִים פיעל בַּעְלָנִים, — האָט מען געמאַכט, אַז אין דער מִצְוָה איז זוֹכֶה דער, ווער עס פערחאַפּט פריהער.

איינמאָל זיינען צוויי גלייך געלאָפען אויפ'ן טרעפּ צום מִזְבֵּחַ־אַש און איינער האָט דעם צווייטען אַ שטויס געטהון, איז ער אַראָפּגעפאַלען און אויסגעבּראָכען זיך אַ פוס; פון דעמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבּען צו וואַרפען גוֹרָל.

נאָך אַ מַעֲשֶׂה האָט געטראָפען, אַז לויפענדיג, האָט איין כֹּהֵן דעם אַנדערען דערשטאָכען מיט אַ מעסער, האָט זיך רַבִּי צָדוֹק געשטעלט אויף די

טרעף פון פאָרזאַל [1]) און געזאָגט: ברידער, בית ישׂראל, הערט! עס שטעהט אין דער הייליגער תּורה, אַז מען געפונט אַ גע׳הרגט׳ען אין מיטען פעלד, דאַרפען זיך צונויפקלויבען די עלטסטע פון די אַרומיגע שטעדט און קעפען אַ קאַלב און אויסרופען: „אונזערע הענד זענען ריין פון אונשולדיג בלוט”. איצט ווער דאַרף ברענגען די עגלה ערופה [2]), די שטאָדט ירושלים, צי די כּהנים פון בית־המקדש? ווער איז שולדיג אין דעם בלוט?

האָט דער גאַנצער עולם אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

דערווייל קומט צולויפען דעם יונגען־מאַן׳ס פאָטער און זאָגט: מיין קינד צאַפּעלט זיך נאָך — איז דער מעסער נאָך ניט טמא [3]).

אַזוי וויכטיג איז ביי זיי געווען דער ענין פון טהרה [4])!

* *
*

סוף וואָך, אַז די וואַכען פליגען זיך בייטען, האָבען זיי איינס דאָס אַנדערע געבענשט:

— דער וואָס האָט געמאַכט רוהען זיין נאָמען אין דעם הויז, זאָל צווישען אייך מאַכען רוהען ליעבשאַפט און ברידערשאַפט, פריעד און פריינדשאַפט.

.II

דער כּהן־גדול האָט געדאַרפט זיין גרעסער פון אַלע איבריגע כּהנים אין פינף זאַכען: אין שעהנקייט, כּוח, רייכקייט, חכמה און אויסזעהן.

אַמאָל האָט מען פּנחס דעם שטיין־קריצער אויפגענומען פאַר אַ כּהן גדול, קומען די כּהנים און טרעפען איהם, ווי ער שטעהט און האַקט שטיינער פון באַרג, האָבען זיי אָנגעשאָטען אַ פולען שטיין־ברוך מיט גאָלד און איהם אוועקגעשענקט, און מעהר איהם ניט געלאָזען אַרבייטען.

מע דערצעהלט אויף רבי ישמעאל בן פאבי, אַז זיין מוטער האָט איהם געמאַכט אַ ליינען־העמדיל פאַר הונדערט מנה [5]), האָט ער עס איינמאָל אָנגעטהון צו דער עבודה און באַלד אַוועקגעשענקט אין בית־המקדש, אַנדערע כּהנים זאָלען עס טראָגען.

רבי אליעזר בן חרסום׳ס מוטער האָט איהם געמאַכט אַ העמדיל, וואָס האָט אָפּגעקאָסט צוואַנציג טויזענד גילדען. ס׳איז געווען אַזוי איידעל פיין, אַז די כּהנים האָבען איהם עס ניט געלאָזט אָנטהון צו דער עבודה, וויל פון וויטען האָט אויסגעזעהן, ווי ער שטעהט נאַקעט.

---

[1]) אולם. [2]) די געקעפּטע קאַלב. [3]) אַ מת איז מטמא די כלים וואָס בעריהרען איהם. [4]) ריינקייט. [5]) מנה — הונדערט גילדען.

* *
*

דער ערשטער בית־הַמִקְדָש איז געשטאַנען פיער הונדערט צעהן יאָהר, און די גאַנצע צייט האָבען דאָרט געדיענט ניט מעהר ווי אַכצעהן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים.

דער צווייטער בית־הַמִקְדָש איז געשטאַנען פיער הונדערט צוואַנציג יאָהר, און פאַר דער צייט זענען איבערגעווען העכער דריי הונדערט כֹּהֲנִים גְדוֹלִים. ווען מען זאָל אַראָפּרעכענען די פערציג יאָהר, וואָס שִׁמְעוֹן הַצַדִיק האָט געדיענט, אַכציג יאָהר פון יוֹחָנָן כֹּהֵן גָדוֹל, צעהן — פון ר׳ יִשְׁמָעֵאל בֶּן פַּאבִּי און עֶלף— פון ר׳ אֱלִיעֶזֶר בֶּן חַרְסוּם, קומט־אויס אַז פון די איבע־ריגע האָט קיינער קיין יאָהר ניט דערצויגען.

אַלץ דערפאַר, וואָס זיי האָבען געקויפט די כְּהוּנָה פאַר געלד. מָרְתָא בַּת בַּיְתוּס האָט בעצאָהלט דריי טעפּ רענדלעך דערפאַר, וואָס מען האָט יְהוֹשֻׁעַ בֶּן גַמְלָא געקרוינט פאַר אַ כֹּהֵן־גָדוֹל.

.III

רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן קִמְחִית איז אַמאָל יוֹם־כִּפּוּר אַרויסגעגאַנגען פון בֵּית־הַמִקְדָש אַנטקעגען דעם אַראַבישען מֶלֶך און גערעדט מיט איהם. איז געפאַלען אויף איהם אַ שפּרענקיל [1]) פון מֶלֶך׳ס מויל — איז ער אויף דעם טאָג טָמֵא [2]) געוואָרען, און יֶשֵׁבָב זיין ברודער האָט זיך געשטעלט אויף זיין אָרט און געענדיגט די עֲבוֹדָה, — האָט די מוטער זוֹכֶה געווען צו זעהן צוויי זיהן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים אין איין טאָג.

זיבען זיהן האָט זי געהאַט און אַלע כְּסֵדֶר זענען געווען כֹּהֲנִים גְדוֹלִים. פרעגט מען זי: מיט וואָס האָסטו עס זוֹכֶה געווען?

ענטפערט זי: — צייט איך לעב, האָבען די באַלקען פון מיין הויז ניט געזעהן מיינע צעפּ האָר.

* *
*

איינמאָל, אום מוֹצָאֵי־יוֹם־כִּפּוּר, איז דער כֹּהֵן־גָדוֹל אַרויס פון בֵּית הַמִקְדָש, און דאָס פאָלק האָט איהם בעגלייט. ווי זיי האָבען דערזעהן שְׁמַעְיָה וְאַבְטַלְיוֹן [3]), האָבען זיי איהם פערלאָזען און נאָכגעגאַנגען נאָך שְׁמַעְיָה וְאַבְטַלְיוֹן. אַז די בּיידע תַּנָאִים האָבען זיך געזעגענט מיט׳ן כֹּהֵן גָדוֹל, זאָגט ער זיי:

— זאָלען די פעלקער־קינדער [4]) געהן לְשָׁלוֹם.

---

[1]) אַ שפּריץ שפּייעכץ. [2]) דאָס ליחות פון אַ אומרייניגעם מענשען איז מטמא ביז אויף מאָרגען. [3]) צוויי גרויסע חכמי ישראל. [4]) שמעיה ואבטליון שטאַמען פון גרים.

ענטפערען זיי איהם: די פעלקער־קינדער, וואס געהען אין אַהרן הכּהן׳ס וועגען, געהען מיט שלום, און אַהרנ׳ס קינדער, וואס געהען ניט אין זיינע וועגען, זענען ווייט פון שלום.

## קָרְבַּן פֶּסַח.

דעם קָרְבַּן פֶּסַח פלעגט מען שעכטען אין דריי כּתּות [1], ווייל אַלע מיט אַמאל האָבען ניט געקענט אַריין אין בֵּית־הַמִקְדָש. ווי די עֲזָרָה [2] איז פול געוואָרען מיט מענשען, האָט מען פערמאַכט די טויערען און געבּלאָזען שופר דריי מאָל, כְּדֵי צו געבען וויסען דעם עולם, אַז די עֲזָרָה איז שוין פער־פולט. און צוויי שורות כֹּהֲנִים זענען געשטאַנען פון עֲזָרָה בּיז׳ן מִזְבֵּחַ, איינע מיט זילבּערנע לעפעל, איינע — מיט גאָלדענע. און ווי מען האָט דעם קָרְבָּן געשאָכטען, האָט מען פון האַנד צו האַנד איבּערגעגעבען דאָס בּלוט אויף צו שפּרענגען [3] אויפ׳ן מִזְבֵּחַ, די פולע לעפעל — מיט דער רעכטער האַנד — צום מִזְבֵּחַ, און מיט דער לינקער — די ליידיגע לעפעל צוריק.

אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט דער ערשטער כִּתָּה — איז אַריין די צווייטע, דערנאָך—די דריטע. בּיי יעדער כּתּה האָט מען געזאָגט הַלֵל, בּיז מען האָט אַלע קָרְבָּנוֹת צורעכט געמאַכט, און די אַרבּייט איז געגאַנגען אַזוי פלינק, אַז מעהר ווי צוויי מאָל האָט מען ניט געדאַרפט איבּער׳חזר׳ן דעם הַלֵל. צו דער דריטער כּתּה האָט מען שוין דעם הַלֵל ניט דערזאָגט בּיז׳ן סוף, ווייל ס׳איז געבּליבּען ווענינ מענשען.

בּיי אַזאַ ענגשאַפט האָט דאָך קיין מאָל ניט געטראָפען קיין אונגליק מיט מענשען, חוץ איין פֶּסַח אין הִלֵל הַזָקֵן׳ס צייטען, וואָס אַ מענש איז דערשטיקט געוואָרען, האָט מען יענעם פֶּסַח גערופען „צוריבּענער פֶּסַח".

איינמאָל האָט אַגריפּס הַמֶלֶך געוואָלט וויסען די צאָהל יודען, וואָס קומען קיין יְרוּשָׁלַיִם אויף פֶּסַח, האָט ער געהייסען דעם כֹּהֵן־גָדוֹל ער זאָל פון יעדען קָרְבָּן אַראָפּנעהמען אַ ניער. שפּעטער האָט מען אויסגעצעהלט זעכציג טויזענד פּאָר ניערען—דאָפּעלט ווי די יוֹצְאֵי מִצְרַיִם. פיעל יודען זענען דאָך אָבער פערבּליבּען אין ווייטען וועג, אַ טייל זענען געווען טָמֵא און ניט געטאָרט בּרענגען דעם קָרְבַּן פֶּסַח, און די איבּעריגע פלעגען זיך דאָך פעראיינינען ניט ווענינער ווי צעהן מאַן אויף איין קָרְבַּן פֶּסַח, ווייל מען האָט איהם געמוזט אָפּבּראָטען און אין גאַנצען אויפעסען די זעלבּע נאַכט; דערפון איז געדרונגען, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט דעמאָלט געצעהלט העכער זעקס מיליאָן מאַן.

---

[1] גרופען, פּאַרטיען. [2] האַלע. [3] שפּריצען.

*
* *

איינער אַ גוי פלעגט אַלע פסח קומען קיין ירושלים פערשטעלט פאַר אַ יודען און מיט־עסען דעם קרבן פסח גלייך מיט אַלעמען.

איינמאָל קומט ער צו ר׳ יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָא און בערימט זיך:

— אין אייער תורה שטעהט: „קיין פרעמדער זאָל איהם ניט עסען״— און איך בעקום אַלע יאָהר דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע.

פרעגט איהם ר׳ יהודה בן בתירא:

— און קאָרדע[1]) האָט מען דיר געגעבען?

— ניין.

— דאָס צווייטע מאָל בעט, וועסטו פערזוכען.

אויף איבער אַ יאָהר קומט יענער ווידער און בעט:

— גיט מיר קאָרדע!

— סטייטש, דאָס איז מען דאָך גאָר מַקְרִיב אויפ׳ן מִזְבֵּחַ!?...

— און ר׳ יהודה בן בתירא האָט מיר געהייסען בעטען.

האָט מען איהם אונטערזוכט און מ׳איז דערגאַנגען, אַז ער איז אַ גוי.

האָבען זיי געשיקט אַ בריעף צו ר׳ יהודה:

— פריעד צו דיר, ר׳ יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָא, וואָס דו זיצט אין נְצִיבִין (בָּבֶל) און דיין נעץ איז פערשפרייט אויף ירושלים!

## בִּכּוּרִים[2]).

ווי די ערשטע פרוכט ווערט צייטיג, זאַמלען זיך אויף אַלע אַרומיגע שטעהט אין מַעֲמָד־שטאָדט[3]) און נעכטיגען אויפ׳ן גאַס אינמיטען שטאָדט.

פאַרטאָג געהט־אַרויס דער אויפזעהער פון דעם מַעֲמָד און רופט אויס.

— קומט געהן קיין צִיּוֹן אין גאָטס־הויז.

די נאָהענטע ברענגען פרישע פייגען און וויינטרויבען, און די וייטע— געטריקענטע פייגען מיט ראָזינקעס. דער אָקס געהט פאָראויס, די הערנער בעדעקט מיט גאָלד און אַ אייל־בירט־קראַנץ אויפ׳ן קאָפּ. די פלייט שפילט דעם גאַנצען וועג, ביז זיי קומען צו נאָהענט צו יְרוּשָׁלַיִם. די האַרען און עלטסטע, כֹּהֲנִים און לְוִיִּם געהען־אַרויס אַנטקעגען און אַלערליי האַנדווער־קער שטעהען צעכען־ווייז און בעגריסען:

— ברידער פון יענעם און יענעם אָרט, קומט אַריין מיט פריעדען!

און די פלייט געהט אַליץ פאָראויס און שפילט, ביז זיי קומען צום הַר־הַבַּיִת. ווי זיי קומען אַהין, מעג זיין אַפילו אַגריפס הַמֶּלֶךְ—נעהמט ער

[1]) אַליה, ווידעל־פעט פון שאָף. [2]) די ערשטע פרוכט. [3]) אַ בעצירק, ראַיאָן. ארץ ישראל איז צוטיילט געווען אויף 24 אַזעלכע מעמדות.

זײַן קאָרב אויף די אַקסעל און טראָגט זי צו דער עֲזָרָה. דערבײַ שטעהען שוין די לְוִיִם און זינגען:

— איך לויב דיך גאָט, וואָס דו האָסט מיך דערהויבען!

די רײַכע פלעגען ברענגען זייערע בִּכּוּרִים אין גאָלדענע און זילבערנע כֵּלִים, און די אָרעמע אין קערב, געפלאָכטען פון געשיילטע ווײַדע־ריטער [1], די קערב פלעגט מען איבערלאָזען צוזאַמען מיט די בִּכּוּרִים.

## שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה [2].

ווער עס האָט ניט געזעהן דעם פּאַראַד פון שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, האָט קיין פרעהליכס אויף זײַן לעבען ניט געזעהן.

די ערשטע נאַכט חול־הַמּוֹעֵד סוכּות, געהען די כֹּהֲנִים אַרײַן אין עֶזְרַת נָשִׁים [3] און אָרדנענען אײַן אַלעס צו דער גרויסער באַלײַכטונג. פיער גאָלדענע מְנוֹרוֹת זענען דאָרט געשטאַנען מיט פיער גאָלדענע בעקען פון אויבען, צו יעדען בעקען איז געווען צוגעשטעלט פיער לייטער און פיער יונגע כֹּהֲנִים האָבען אַרויפגעטראָגען קריג בוימעל, צי הונדערט צוואַנציג קוואָרט אין יעדען בעקען.

פון די אַלטע כֹּהֲנִים־גאַרטלען האָט מען געצויגען קנויטען און אָנגעצונדען די מְנוֹרוֹת — איז ניט געווען קיין הויף אין יְרוּשָׁלַיִם, וואָס זאָל ניט אָפּלײַכטען פון דער שײַן פון בֵּית־הַשּׁוֹאֵבָה.

פרומע לײַט האָבען געטאַנצט מיט פאַקלען אין די הענד, און די לְוִיִם, אויסגעשטעלט אויף פופצעהן טרעפּ מיט כְּלֵי־זֶמֶר, שפּילען און זינגען ביז האַלבע נאַכט.

בײַ'ם ערשטען האָהן־קרעהען איז מען אַרויס צום מִזְרָח־טויער שעפּען וואַסער און דערבײַ געזונגען:

שעפּט וואַסער מיט פרייד
פון די קוואַלען פון הילף...

און בײַ'ם זעגענען זיך האָט מען זיך געוואונשען:

בענטש דיך גאָט פון ציון,
און זעה דאָס גליק פון ירושלים.
קינדס־קינדער זאָלסטו דערלעבען —
פרידען אויף ישראל.

---

[1] ווערבע, [2] פּאַראַד פון וואַסער־שעפּען אין בית המקדש אויף צו גיסען אויפ'ן מזבח. [3] ווײַבער־האַלע.

# עולי־רגל [1].

אַמאָליגע יאָהרען, אַז יודען זענען געווען גוט און פרום — פלעגען זיי פערלאָזען די הייזער און געהן מיט דער גאַנצער פאַמיליע עולה־רגל זיין און האָבען קיינמאָל קיין שאָדען ניט געליטען.

אַמאָל האָט איינער, אַוועקגעהענדיג קיין ירושלים, פערגעסען פער־שליסען דאָס הויז. ווי ער קומט צוריק נאָך יום־טוב, זעהט ער, ווי אַ שלאַנג הענגט אויף די רינגען פון טיהר, — און היט די שטוב.

נאָך אַ מעשה האָט געטראָפען מיט איינעם, וואָס האָט פערגעסען אַריינצונעהמען די היהנער אין שטוב; קומט ער צוריק און זעהט, ווי די היהנער געהען־אַרום אויף'ן גראָז און ווילדע קעץ ליגען צוריסען נעבען זיי.

צוויי ברידער עשירים זענען געווען אין אַשקלון און נעבען זיי האָ־בען געוואוינט שלעכטע שכנים גויים, וועלכע האָבען געוואַרט אויף דער צייט, ווען די ברידער וועלען געהן עולה־רגל זיין, — וועלען זיי אַריין אין הויז און צונעהמען דאָס גאַנצע האָב און גוטס.

זענען געקומען מלאכים אין געשטאַלט פון די ברידער און די גאַנצע צייט זיך אַרומגעדרעהט אין הויז.

צוריקקומענדיג, האָבען די ברידער געבראַכט די שכנים מתנות פון ירושלים.

פרעגען יענע:

— וואו זענט איהר דען געווען?

— אין ירושלים אויף יום־טוב.

— ווען אַוועק און ווען צוריקגעקומען?

— דעם און דעם טאָג.

— וועמען האָט איהר אין הויז געלאָזט?

— קיינעם ניט.

האָבען די גויים פערשטאַנען, אַז אַ נס איז דאָ געשעהן און געזאָגט:

— געלויבט איז דער יודישער גאָט, וואָס פערלאָזט זיי קיינמאָל ניט.

# גזירות.

איינמאָל האָט די מלוכה אַרויסגעגעבען אַ גזרה, מען זאָל ניט טראָ־גען קיין בכורים קיין ירושלים, און געזעצט חילות אויף'ן גאַנצען וועג, זיי זאָלען קיינעם ניט דורכלאָזען מיט קערב בכורים.

וואָס האָבען פרומע לייט געטהון?

[1]) געהן דריי מאָל אַ יאָהר קיין ירושלים אויף יום־טוב: פסח, שבועות, סוכות.

זיי האָבען בערעקט די קערב בכורים מיט געפרעסטע פייגען און מיטגענומען שטייסלען מיט מערזלען [1].

און די היטער בעגעגענען זיי און פרעגען: וואוהין געהט איהר?

ענטפערען זיי: איהר זעהט דאָך, אַז מיר פרעסען פייגען — אָט זענען אַפילו די שטייסלען מיט די מערזלען.

פון זיי שטאַמט די פאַמיליען מערזעלשטייסלער און פייגענפרעסער.

אַן אַנדערס מאָל האָט די מלוכה פערוועהרט ברענגען האָלץ צו׳ם מזבח. האָבען פרומע לייט געמאַכט לייטערס און געטראָגען קיין ירושלים און אָבגענאַרט די היטער, אַז זיי דאַרפען די לייטערס כדי אויפהויבען זיך אין דער הויך צו די טויבען־קלאַפען [2].

געמידען די וואַך, האָבען זיי די לייטערס פונאַנדערגענומען און דאָס האָלץ געבראַכט קיין ירושלים.

פון זיי שטאַמט די פאַמיליע לייטערברעכער.

## כהני׳שע משפחות [3].

די פאַמיליע בית־גרמו האָט געוואוסט דעם סוד, ווי צו באַקען דאָס הייליגע ברויט צום בית־המקדש און קיינעם ניט געוואָלט אויסלערנען. האָבען די חכמים אַמאָל אַראָפּגעבראַכט קינסטלער בעקער פון די כהנים, וואָס האָבען געדינט אין חוניו׳ס בית־המקדש אין מצרים, — איז דאָס ברויט ניט אַזוי גוט אַרויסגעקומען. האָט מען געשיקט צוריק בעטען די בית־גרמו, און זיי האָבען ניט געוואָלט געהן, ביז מ׳האָט זיי געדאָפּעלט דעם לוין, — פון צוועלף הונדערט גילדען אַ טאָג אויף פיער און צוואַנציג הונדערט.

פרעגט מען זיי: פאַרוואָס ווילט איהר קיינעם ניט אויסלערנען?

ענטפערען זיי: אונזער פאַמיליע ווייסט וואויל, אַז דער בית־המקדש וועט אַמאָל חרוב ווערען, איז אויב איינער ניט קיין רעכטער מענש וועט זיך עס אויסלערנען, קען טרעפען ער זאָל אַזאַ הייליג ברויט צו דער עבודה־זרה באַקען.

פאַר איין זאַך האָבען זיי די חכמים געלויבט: אין זייער הויז האָט זיך ניט געטראָפען קיין ווייס־ברויט, כדי מען זאָל זיי ניט חושד זיין, אַז זיי נעהמען אַראָפּ זעמעל־מעהל פון בית־המקדש.

די בית־אַבטינס האָבען געוואוסט דעם סוד ווי צו מאַכען קטורת [4], און קיינעם ניט געוואָלט אויסלערנען, און טאַקי אויך מחמת דעם זעלבען טעם: טאָמער וועט מען אַמאָל מיט אַזאַ קטורת דעמפען פאַר דער עבודה־זרה. איינמאָל

---

[1]) דאָס אויבערשטע פון שטייסעל, טאָלקאַטש. [2]) שטייגען. [3]) כהנים־פאַמיליען.

[4]) צענויפשטעלען פערשידענע געווירצען צום רויכערען אין בית־המקדש.

האָבען די חֲכָמִים אַראָפּגעבּראַכט קינסטלער פון אַלֶכְּסַנְדְרִיָא של מִצְרַיִם, איז די קְטוֹרֶת אַרויסגעקומען ניט אַזוי גוט ווי פריהער: דאָ איז געגאַנגען דער רויך אין דער הויך גלייך ווי אַ זייל, און דאָ האָט ער זיך געקויקעלט אין אַלע זייטען.

האָט מען זיי געמוזט בּעטען צוריק און בּעצאָהלען אַכט און פערציג הונדערט גילדען אָנשטאָט פריהעריגע פיער און צוואַנציג הונדערט.

דערפאַר האָבען זיי די חֲכָמִים געלויבּט, וואָס פון זייער הויז איז קיינמאָל ניט אַרויס קיין געווירצטע כַּלָּה, און ווען עמיצער פון זיי האָט גענומען אַ פרוי פון דער פרעמד, פלעגט ער איהר שטעלען אַ תנאי — זי זאָל קיינמאָל ניט בּענוצען קיין בְּשָׂמִים, מען זאָל ניט זאָגען, אַז זיי גענִיסען פון קְטוֹרֶת.

רַבִּי עֲקִיבָא דערצעהלט אין ר׳ יִשְׁמָעֵאל בֶּן לוֹנָה׳ס נאָמען: איינמאָל בּין איך מיט אַן אוראייניקעל פון די בֵּית־אַבְטִינָס געגאַנגען אין פעלד קלויבּען קרייטעכצער, — זעה איך ווי ער וויינט און שמייבעלט. פרעג איך איהם:

— וואָס האָסטו געוויינט?

— איך האָב זיך דערמאָהנט דעם כָּבוֹד פון מיינע אורעלטערען.

— און וואָס האָסטו געשמייכעלט?

— גאָט וועט אונז נאָך צוריק אומקעהרען דעם פערלאָרענעם כָּבוֹד!

— וואָס האָסטו דען דערזעהן?

— דעם מַעֲלֶה־עָשָׁן [1].

— ווייז מיר איהם.

— מיר זענען בּעשוואוירען, קיינעם עס ניט צו ווייזען.

ר׳ יוֹחָנָן בֶּן נוּרִי דערצעהלט:

— איינמאָל האָבּ איך געטראָפען אַן אַלטען מאַן מיט אַ רייסטער פון אַלערליי קרייטעכצער אין האַנד. רעד איך זיך מיט איהם צונויף, איז ער פון בֵּית־אַבְטִינָס. בּעט איך איהם דעם רייסטער — גיט ער מיר און זאָגט: כָּל זְמַן אונזער פאַמיליע האָט עקסעסטירט, האָבען מיר עס קיינעם ניט איבּערגעגעבּען, איצט בּין איך געבּליבּען נור איינער, אַלט און שוואַך — נעהם עס צו און היט עס אָפּ.

און אַז איך בּין געקומען און דערצעהלט ר׳ עֲקִיבָא׳ן, האָט ער געזאָגט:

— פון איצט אָן טאָר מען קיין שלעכט וואָרט ניט אויסרעדען אויף די בֵּית־אַבְטִינָס: זיי האָבען אַלץ געטהון פון גאָטס כָּבוֹד וועגען.

בַּר־קַמְצַר האָט געקענט אַ קונץ: נעהמען פיער שרייבּ־פעדער צווישען

---

[1] אַזאַ גראָז וואָס טרייבּט דעם רויך פון קטרת גלייך אַרויף.

אַלֶע פִינף פִינגעֶר און מִיט אֵיינמָאל אוֹיפשרַייבֶען אַ וואָרט פון פִיער אותיות. דאָס קִינצלעֶרשעֶ שרַייבעֶן זַיינס האָט עֶר קֵיינעֶם נִיט געֶוואָלט אויסלעֶרנעֶן. יעֶנעֶ אַלעֶ האָבעֶן געֶהאַט תירוצים, עֶר — גאָרנִיט. אויף יעֶנעֶ אִיז געֶזאָגט געֶוואָרעֶן דער פָסוק:

—„זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה“,— דעֶם צַדִיק׳ס אַנדעֶנקעֶן צו בעֶנשעֶן.

און אויף אִיהם:

—„שֵם רְשָעִים יִרְקָב“,— דעֶם רָשָע׳ס נאָמעֶן ווערט פעֶרפוילט.

*

* *

יִשָשְכָר דעֶר כְּפַר־בַּרְקָאי׳עֶר האָט זִיך געֶהאַלטעֶן צו גרוֹיס און די הַיילִיגקַייט פון בֵית־הַמִקְדָש — צו נִידעֶרִיג. צו דעֶר עֲבוֹדָה פלעֶגט עֶר פעֶרווִיקלעֶן די העֶנד אִין זַיידעֶנעֶ טִיכעֶר, עֶר זָאל זֵיי נִיט אֵיינרִיכטעֶן אִין בלוּט.

דעֶרפאַר האָט עֶר געֶהאַט זיין שטראָף.

אֵיינמָאל זִיצט דעֶר מֶלֶך מִיט דעֶר מַלְכָּה און שפּאַרעֶן זִיך: וואָס אִיז געֶשמאַקעֶר, עֶר זָאגט — צִיגעֶן־פלֵייש, און זִי זָאגט — שאָפעֶן־פלֵייש, אִיז געֶבלִיבעֶן, מעֶן זָאל פרעֶגעֶן דעֶם כֹּהֵן־גָדוֹל: עֶר שעֶכט דאָך און בראָט קָרְבָּנוֹת אַלעֶ טאָג — דאַרף עֶר ווִיסעֶן.

פרעֶגט מעֶן יִשָשְכָר דעֶם כְּפַר־בַּרְקָאי׳עֶר, — ווַייזט עֶר מִיט׳ן פִינגעֶר געֶגעֶן מֶלֶך און זָאגט: ווען די צִיג וואָלט געֶוועֶן חָשוּב׳עֶר—וואָלט מעֶן דאָך זִי געֶבראַכט פאַר אַ קָרְבַּן תָמִיד. אִיז דעֶר מֶלֶך אִין כַּעַס געֶוואָרעֶן און געֶהֵייסעֶן, מעֶן זָאל אִיהם אָפּהאַקעֶן די רעֶכטעֶ האַנד. האָט עֶר געֶגעֶבעֶן שׂוֹחַד און מ׳האָט אִיהם אָפּגעֶהאַקט די לִינקעֶ. דעֶרווִיסט זִיך דעֶרפון דעֶר מֶלֶך און הֵייסט, מעֶן זָאל אִיהם די רעֶכטעֶ אויך אָפּהאַקעֶן.

אֵיינעֶ פון די פִיעֶר און צוואַנצִיג וואַכעֶן אִין בֵית־הַמִקְדָש האָט געֶ־הֵייסעֶן בֵית־בִּלְגָה. אֵיינעֶ פון זֵייעֶר פאַמִילִיעֶ, מִרְיָם בַּת בִּלְגָה, האָט זִיך געֶשְמַד׳ט און חֲתוּנָה געֶהאַט פאַר אַ גרִיכִישעֶן געֶנעֶראַל.

און אַז די גרִיכעֶן זעֶנעֶן אַרַיין אִין בֵית־הַמִקְדָש, האָט זִי מִיט׳ן שוּך געֶטרעֶטעֶן אויפ׳ן מִזְבֵּחַ און געֶשרִיעֶן:

לוּקוּס, לוּקוּס [1], בֵּייזעֶר וואָלף!
בִּיז וואַנעֶן ווִעסטוּ מאַכעֶן,
יוּדִיש געֶלד צו אַש?!

האָט מעֶן דעֶרפאַר געֶקַנְס׳עֶט [2] די בֵית בִּלְגָה: מ׳האָט פעֶרשטעֶלט זֵיי־עֶר פעֶנסטעֶר און פעֶרשלאָסעֶן זֵייעֶר רִינג [3], און זֵיי האָבעֶן זִיך געֶדאַרפט בעֶנוּצעֶן מִיט פרעֶמדעֶ פלעֶצעֶר.

---

[1]) וואָלף אויף גרִיכִיש. [2]) בעֶשטראָפט. [3]) יעֶדעֶ וואַך האָט געֶהאַט אִיהר אֵייגעֶן אָרט, אויף צו רעֶכטמאַכעֶן די קרבנות.

# די חכמה
# פון יודישע קינדער אין ירושלים.

## די רוהם פון ירושלים.

אַ גרויסען נאָמען האָט ירושלים געהאַט אין דער וועלט, געהויכט און געקרוינט איז זי געווען צווישען אַלע פעלקער, בערימט מיט איהר שעהנקייט, און נאָך מעהר מיט דער חכמה פון איהרע לייט. איז איינער פון די ירושלים'ער אַראָפּגעקומען ערגעץ=וואו אין דער פּראָווינץ, האָט מען איהם באַלד אָפּגעגעבען דאָרט דעם אויבען=אָן, איהם בעזעצט אויף אַ הויבער קאַטעדראַ און דער עולם האָט פון אַלע זייטען זיך געלאָזט הערען זיין חכמה.

ס'איז כדאי דאָ איבערצוגעבען איינינע ביישפּיעלען פון זייערע איינפאַלען, פון וועלכע מע קען אַרויסזעהן ווי קלוג און געשפּיצט זענען געווען די ירושלים'ער לייט פון גרויס ביז קליין.

## דריי איינפאַלען.

איינער אַ ירושלים'ער, אַ לייטישער און אַ פערמעגליכער מאַן, האָט אַ צייט פערבראַכט אין דער פרעמד אויף דער פּראָווינץ. פּלוצים איז ער דאָרט פערשלאַפט געוואָרען און געהאַלטען ביי'ם שטאַרבען. פאַר'ן טויט רופט ער צו זיך דעם בעל=אכסניא [1], גיט איהם איבער דאָס גאַנצע געלד זיינס און זאָגט איהם אַזוי: אויב מיין זוהן, דער יורש, וועט אַראָפּקומען פון ירושלים אַהער נאָכ'ן געלד, זאָלסטו עס איהם אַנדערש נישט אָפּגעבען ביידען ער וועט פריהער בעווייזען פאַר דיר דריי קלוגע איינפאַלען. געשטאָרבען — בעגראָבען. אין אַ צייט אַרום קומט אַראָפּ דער זוהן. און אין דעם שטעדטיל איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז קיינער טאָר נישט אָנווייזען דעם

[1] דער בעל-הבית פונ'ם איינפאָהר=הויז.

גאַסט וואָס פרעגט זיך נאָך עמיצען, וואו יענער וואָהנט. געקומען צו׳ם טויער פון דער שטאָדט, דערזעהט דער יורש איינער טראָגט זיך אַרום אין מאַרק מיט אַ בינדעל האָלץ.

— צו׳ם פערקויפען? — פרעגט דער אָנגעקומענער.

— יאָ—ענטפערט דער טרעגער.

— נאַ־זשע דיר לויט דער פרייז פאַר׳ן האָלץ און טראָג עס אַוועק צו יענעם און יענעם. — און דערביי האָט דער גאַסט אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם בעל־אַכסניא.

געהט דער האָלצטרעגער פאָראויס און ער נאָך איהם, ביז זיי זענען געקומען אין הויף פונ׳ם הויז וואָס ער האָט בעדאַרפט.

— היי, דער און דער! קום נעהם־צו דיין בינדעל־האָלץ—רופט דער האָלצטרעגער צו יענעם בעל־הבית.

— וואָס פאַר אַ האָלץ? — פרעגט יענער פערוואונדערט — ווען האָב איך דיר געהייסען ברייננגען האָלץ?

— געהייסען האָט אָט דער מאַן, וואָס געהט נאָך מיר — זאָגט דער האָלצטרעגער.

גיט־אָפּ דער בעל־הבית דעם גאַסט שלום און פיהרט איהם אַריין צו זיך אין שטוב.

— ווער איז אַ יונגערמאַן? — פרעגט דער בעל־הבית

— איך בין—ענטפערט ער — דער זוהן פון יענעם מאַן וואָס איז ביי דיר אין שטוב געשטאָרבען.

נעהמט איהם דער בעל־הבית זעהר שעהן אויף און מאַכט פאַר איהם אַ מאָהלצייט. זעצט זיך אַרום טיש דאָס גאַנצע הויזגעזונד: דער בעל־הבית, זיין פרוי, צוויי זוהן און צוויי טעכטער. דערלאַנגט מען צו׳ם טיש פינף געבראָטענע הינדליך, איז דער בעל־הבית מכבד דעם גאַסט מיט טהיילען. קווינקעלט זיך דער. שטעהט אָבער דער בעל־הבית צו איהם צו. טהוט איהם דער גאַסט צוליעב און נעהמט טהיילען. לעגט ער אַוועק איין הינדעל צווישען מאַן און ווייב, אַ צווייטס צווישען די צוויי זיהן, אַ דריטס צווישען די צוויי טעכטער, און די לעצטע צוויי הינדליך לעגט ער פאַר זיך. עסט מען און מע מאַכט זיך נישט וויסענדיג.

פאַר נאַכט ברייננגט מען צו׳ם טיש אַ געשטאָפּטע הינה. שטעהט דער בעל־הבית ווידער צו צו׳ם גאַסט ער זאָל זיין דער אויסטהיילער. טהוט יענער איהם ווידער צוליעב, און טהיילט דאָס מאָל איין אויף אַזאַ אופן: דעם קאָפּ לעגט ער אַוועק פאַר׳ן בעל־הבית, די אינוועניגסטע—פאַר דער פרוי, די צוויי פולקעס — פאַר די צוויי זיהן, די צוויי פליגעליך—פאַר די צוויי טעכטער, און זיך נעהמט ער דעם גאַנצען געעפּענטען גוף.

דאָ האָט שוין דער בַּעל־הַבַּיִת זיך נישט געקענט איינהאַלטען און איהם אַ פרעג געטהון: יונגערמאַן, האָט מיר קיין פאַראיבעל נישט, עפּיס אַ משׁונה מין אויסטהיילען. אַזוי איז טאַקי אין אַיערע מקומות דער מנהג?

—ליעבער בַּעל־הַבַּיִת—האָט דער גאַסט געענטפערט—איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך בּיידע מאָל אָפּגעזאָגט פון אויסטהיילען, ווייל אין אֱמֶת'ען גערעדט איז עס נישט מיין זאַך, נאָר פון דעסטוועגען געפון איך, אַז איך האָב בּיידע מאָל איינגעטהיילט ווי געהעריג. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געבּראַכט פינף הינדליך. אַ הינדעלע פאַר דיר מיט דיין פרוי—האָבען מיר אינאיינעם אַ דרייער. דיינע צוויי זיהן מיט אַ הינדעל—ווידער אַ דרייער. דיינע צוויי טעכטער מיט אַ הינדעל—אָבער אַמאָל אַ דרייער. נו, און איך מיט צוויי הינדליך—איך נישט מעהר ווי אַ דרייער. וואָס, האָב איך אֶפְשַׁר פערנומען אַ פרעמדען חֵלֶק? היינט מיט דער געשטאָפּטער היהן. דער קאָפּ קומט דיר: דו בּיסט דאָך דער קאָפּ פון דער שטוב. די אינוועניגסטע—דיין פרוי: פון איהר בּויך קומען דאָך די קינדער אַרויס. די צוויי פולקעס—דיינע זיהן: זיי זענען די זאַלען פונ'ם הויז. די צוויי פליגעליך — דיינע טעכטער: מאָרגען האָבּען זיי חֲתוּנָה לְמַזָל, הויבען זיי זיך אויף און פליהען פון דאַנען אַוועק מיט זייערע מאַנען. איך פאַר זיך האָב גענומען דאָס שיפעל[1]: מיט אַ שיפעל בּין איך אַהער געקומען און מיט אַ שיפעל פאָהר איך אַוועק. גיבּישע מיר, זיי מוחל, אָפּ דאָס געלד וואָס מיין פאָטער האָט בּיי דיר איינגעלעגט און לאָז מיך אָפּ.

נאָך די דריי איינפאַלען פונ'ם יורש האָט דער בַּעל־הַבַּיִת נישט געערעדט קיין וואָרט, איהם בּאַלד אָפּגעגעבען זיינס און אָפּגעלאָזט בְּשָׁלוֹם אַהיים.

## אַ שאַרף אויג.

צוויי יודען, געפאַנגענע אויפ'ן הַר הַכַּרְמֶל, זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט זייער פענגער אין וועג. הערט דער פענגער ווי זיי שמועסען צווישען זיך: אָט יענער קעמעל, וואָס געהט דאָרט ווייט־ווייט פאָראויס, איז אַ בּלינדער אויף איין אויג און איז אָנגעלאָדען מיט צוויי לאָגלען, איינער מיט וויין און איינער מיט בּוימעל, און יענע צוויי וואָס פיהרען איהם איז איינער פון זיי אַ יוד און דער אַנדערער אַ גוי.

ווערט דער פענגער אויפגעבּראַכט און שרייעט־אויס: אַ הארט נאַקענדיג פאָלק דאָס איז! פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַזוי?

— גאָר פָּשׁוּט — ענטפערען די יודען — זעהסט דאָס גראָז פון בּיידע זייטען וועג, פון איין זייט איז עס אָפּגעריזעט, די אַנדערע זייט אָבער, וואָס

[1] דער אָפּגענער גוף איז ענהליך צו אַ שיפעל.

דער קעמעל מיט זײַן בלינד אויג האָט נישט געזעהן, איז געבליבען נישט גערירט. איצט איז צו בעמערקען דאָ אויף׳ן זאַמד שפּורען פֿון טראָפּענס, אַ טהייל אײַנגעזאַפּט אין דער ערד — דאָס איז פֿון וויין, אַ טהייל האַלטען זיך פֿון אויבען — דאָס איז פֿון בוימאייל. און אַז פֿון די צוויי פֿיהרער איז איינער אַ יוד און איינער אַ גוי — זעהט מען פֿון דעם, וואָס דער ערשטער האָט זיך אָפּגעקעהרט צו זײַן בעדערפֿעניש אין אַ זײַט, און דער צווייטער האָט עס געטהון אין מיטען וועג.

איז דער פֿענגער אַ בעלן געווען נאָכצולויפֿען דעם אַנגעלאָדענעם קעמעל מיט זײַנע פֿיהרער—האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זײַנע צוויי געפֿאַנגענע יודען האָבען געטראָפֿען מיט אַלע פּרטים [1]. אַ פֿערגאַפֿטער קומט דער פֿענגער צוריק צו זײַנע געפֿענגענע, קושט זיי אויפ׳ן קאָפּ, ברײַנגט זיי צו זיך אַהיים מיט כּבוד. דאָרט מאַכט ער פֿאַר זיי אַ מאָהלצײַט, טאַנצט מיט זיי און רופֿט־אויס אַ ענטציקטער:

גלויבט־געדאַנקט זײַן ליעבער נאָמען,
וואָס האָט דערוועהלט אברהם׳ס זאָמען,
און מיט זײַן ברייטער פֿולער האַנד
האָט ער געשאָנקען זיי פֿערשטאַנד,
און וואו זיי ווענדען זיך און קערען
ווערען זיי די אויבערהערען—

און באַלד האָט ער זיי בעפֿרײַט און אָפּגעלאָזט אַהיים בּשלום.

## אַ טײַערער געפֿאַנג.

אַ רוימער האָט געפֿאַנגען צוויי יודישע קינדער פֿון ארץ־ישׂראל, פֿיהרט ער זיי מיט זיך אַהיים, ער רײַט אויף אַ פֿערד און זיי לויפֿען פֿאָר־אויס. בײַם טויער פֿון רוים הערט ער ווי איינער זאָגט צום אַנדערען: איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז עס פֿיהלט זיך דאָ אַ ריח פֿון יהודה׳שען לויך [2], ווי מע קאָכט איהם אין טאָפּ אין אונזער כּפר־חנניה. דערהערט דאָס ווערט דער רוימער אויפֿגעבראַכט:

— אַ מין אומה דאָס איז—שרײַעט ער אויס מיט כּעס—נישט איבער־צוטראָגען! אַפֿילו גאָט זײַערער קען זיי אויך נישט לײַדען.

ווי ער בײַזערט זיך דאָ אַזוי לויפֿט־אָן אַהין אַ בעקאַנטער רוימישער פּאַרלאַמאַנטער [3].

— פֿון וואַנען? — גיט ער יענעם אַ פֿרעג.

— פֿון יהודה, הײַנט בין איך פֿון דאָרט אַרויס — ענטפֿערט יענער.

---

[1]) אײַנצעלהייטען. [2]) אַ מין קרויט. [3]) קעניגליכער קוריער (שליח).

— איז דאָס מעגליך? אַזאַ מַהֲלָך פון פיער הונדערט פַּרְסָא[1] גע־מאַכט אין איין טאָג!

— יאָ—זאָגט יענער—אַ גוטער ווינט האָט געטריבען מיין שיף און מיך געבראַכט אין איין טאָג. וואָס, גלויבסט נישט? אָט זעה דעם פריש געקאָכ־טען יהודה׳שען לויך ביי מיר אין קעסעל, איך האָב נאָך אפילו פון איהם נישט פערזוכט.

קומט דער רוימער מיט די צוויי יודישע קינדער צו זיך אַהיים. פרעהט זיך זעהר די מוטער מיט׳ן זוהן איהרען דעם זיגער, שעכט לְכָבוֹד דעם גאַסט אַ יונג שעפּעלע, גרייט פאַר איהם אַ מאָהלצייט און עפענט־אויף פון זיינעט־וועגען אַ פעסעל ווין. זיצט ער און טהוט זיך וואויל ביי דער סְעוּדָה, און די יודישע קינדער שטעהען דערביי. הערט ער, ווי איינער פון די קינ־דער רוימט־איין דעם אַנדערען: דו שפּורסט? פון פלייש שמעקט מיט כֶּלֶב און פונ׳ם ווין מיט פֶּגֶר. נעהמט ער די מוטער אויף אַ זייט און גיט זי אַ פרעג: זאָג נור מיר, וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ מין פלייש?

— דאָס איז — ענטפערט זי — פלייש פון אַ שעפּעלע, וואָס די מוטער זיינע איז געפאַלען טויט ביי זיין געבוירען, האָט עס געזויגען ביי אונזער הונט, איצט האָב איך עס לְכָבוֹד דיר געשאָכטען. עס, מיין זוהן, און זאָל דיר וואויל בעקומען.

— נו און דער ווין? — פרעגט ער.

— דער ווין—זאָגט זי—איז פון דעם וויינגאָרטען וואָס ציהט זיך איבער דיין פאָטערס קֶבֶר; פון אַלע וויינגערטנער, וואָס איז געבליבען נאָך דיין פאָטער, גיט ער אַרויס דעם בעסטען ווין. אָט פון דעם ווין האָב איך פער־שפּינטעוועט אַ גאַנץ פעסיל און האָב עס אויסגעהאַלטען ביז דו, מיין זוהן, דער רוימישער העלד, וועסט קומען בְּשָׁלוֹם פונ׳ם וועג. היינט, אַז איך האָב דערלעבט דיך צו זעהן, איז מיין האַרץ פול מיט פרייד און האָב געעפענט דאָס פעסיל לְכָבוֹד דיר.

דערזעהן וואָס פאַר אַ טייערער געפאַנג זענען די צוויי יודישע קינדער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, איז ער געוואָרען מָלֵא שִׂמְחָה און האָט געפּוס׳עט אַ גאַנצע נאַכט.

## דריי שפּרינג.

איינער אַ ירושלים׳ער איז געקומען צוליעב געשעפט צו די גריכען אין אַטהען. קומט ער אַריין אין אַ ווייַנהויז, וואו ער האָט געמיינט דאָרט זיך אָפּשטעלען. געפונט ער דאָס הויז פול געפּאַקט מיט געסט, וואָס זיצען

---

[1]) פרסא — בערך 4 וויארסט

דאָרט אין אײַנגשאַפּט און טרינקען. זעצט ער זיך אויך אַרײַן. אָפּגעגעסען און אָפּגעטרינקען, וויל ער דאָרט בלײַבען איבערנעכטיגען. די געסט אָבער האָט דאָס, ווײַזט־אויס, ניט געשמעקט, רופט־זיך־אָפּ אײנער צו איהם: ליעבער גאַסט, בײַ אונז איז שוין אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז מע נעהמט ניט צו קײן גאַסט אויף נאַכטלעגער ביז ער טוהט ניט קײן דרײַ שפּרינג פונ׳ם טיש צו דער טהיר.

— רעכט!—זאָגט דער ירושלים׳ער—איך ווײס אָבער ניט ווי מע מאַכט דאָס. זאָל אײנער פון אײַך דאָס מיר פריהער בעווײַזען, וועל איך איהם נאָכטוהן.

הויבט זיך אײנער אויף, גיט אײן שפּרונג — און ער איז שוין אין מיטען צימער, אַ צווײטען — און ער איז בײַ דער טהיר, אַ דריטען — און ער איז פון יענער זײַט טהיר. חאַפּט דער ירושלים׳ער און פערשליסט די טהיר. דערבײַ זאָגט ער מיט אַ שמײכעל:

— וואָס ס׳האָט געזאָלט זײַן מיר איז געשעהן אײַך...

# אַ סך און ביליג.

אײנער אַן אַטהענער איז געקומען קײן ירושלים. בעגעגענט ער אַ יודיש קינד, גיט ער איהם עטליכע פּרוטות און זאָגט איהם: געה ברײנג מיר אַזוינס וואָס איך זאָל דערמיט זיך אָנעסען און זאַט ווערען און איבערלאָזען און נאָך האָבען מיטצונעהמען אויפ׳ן וועג. געהט דאָס קינד און ברײנגט איהם זאַלץ. קוקט איהם דער אַטהענער אָן פערוואונדערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַכל?

— איך האָב געבראַכט דאָס וואָס דו האָסט פערלאַנגט—ענטפערט דאָס קינד—ס׳ועט דיר קלעקען, אי צו׳ם עסען, אי צו׳ם זאַט זײַן, אי צו׳ם איבערלאָזען, אי נאָך מיטצונעהמען אויפ׳ן וועג.

# פערנעהן אַ שטעסעל.

אַן אַטהענער האָט געפונען אַ צובראָכען שטעסעל, ברײנגט ער עס צו אַ יודישען שנײַדער און זאָגט: „פערנעה מיר, זײַ מוחל, אָט דאָס צובראָכענע שטעסעל". דער שנײַדער בײגט זיך אָן, הויבט־אויף אַ הײַפעל זאַמד און דערלאַנגט עס דעם אַטהענער: „אָך מיט׳ן גרעסטען פערגניגען — זאָגט ער איהם—נאָר פריהער זײַ דו זיך מטריח און דרעה־אויס פון דער זאַמד אַ פאָדים".

# לויט דעם פרעג דער ענטפער.

אַן אַטהענער איז געקומען קײן ירושלים. בעגעגענט ער אַ יודיש קינד, גיט ער איהם עטליכע פרוטות און זאָגט איהם: געה ברײנג מיר אײער און קעז. געהט דאָס קינד און ברײנגט. רופט זיך אָן צו איהם דער אַטהענער: „זאָג נור מיר, יונגעלע, וועלכער קעז איז דאָ פון אַ ווײַסער ציג און וועלכער פון אַ שוואַרצער?"

דאָס קינד ענטפערט איהם אָפּ אויפ׳ן אָרט: „פעטער, איהר זענט

אַ זָקֵן, אַדְרַבָּה, זאָגט איהר, וועלכס איז איז פון אַ ווייסער הוהן און וועלכס פון אַ שוואַרצער.

## דורכגעפאַלען.

אַן אַטהענער איז געקומען קיין ירושָלַיִם, געהט ער אַריין אין אַ שולע. טרעפט ער דאָרט קינדער זיצען אַליין אָהן דעם רבּי'ן. פערפיהרט ער מיט זיי אַ שמועס, ער פרעגט און זיי ענטפערען. זאָגען זיי איהם: ווייסטו וואָס, לאָמיר אָפּמאַכען, ווער פון אונז וועט ביי איינער פון די שאֵלות דורכפאַלען, מוז ער דעם צווייטען צד געבען קנס זיינע אַלע קליידער.

— געמאַכט.

זאָגען זיי: הויב דו אָן פריהער, דו ביסט עלטער.

— ניין — זאָגט ער — אייך קומט דער פאָראויס: איהר זענט היגע.

פרעגען זיי איהם אַ רעטעניש:

„אַרויס — ניין,
אַכט — אַריין,
צוויי געגאָסען,
איינער גענאָסען —
זאָג וואָס איז דאָס?"

ווייסט ער נישט וואָס צו ענטפערען. נעהמט מען צו ביי איהם די קליי־דער. לויפט ער אַוועק צו זייער רבּי'ן און פילדערט: סטייטש, רבּי, וואָס איז עס פאַר אַ שטאָדט? וואָס איז ביי אייך פאַר מנהגים? פאַלט צו אייך אַריין אַן אורח בענעהמט מען איהם פון קאָפּ ביז פיס!

— האַ — מאַכט דער רבּי מיט אַ שמייכעל — איך פערשטעה שוין. מסתמא האָט מען דיך עפּיס געפרעגט און דו ביסט געבליבען אָהן ענטפער.

— ווי געוועזן דערביי — זאָגט יענער.

— וואָס־זשע, קינד מיינס, האָבען זיי דיך אַזוינס געפרעגט?

דערצעהלט ער איהם: דאָס און דאָס.

— געה־זשע, קינד מיינסט, צוריק צו דער חבֿרה יונגע לייט — זאָגט דער רבּי — און גיב זיי ענטפער: אַרויס ניין — דאָס איז די ניין חדשים פון שוואַנגערן. אַכט אַריין — דאָס איז די אַכט טעג ביז'ן בּרית. צוויי געגאָסען — דאָס איז די צוויי מוטערליבע בריסט. איינער גענאָסען — דאָס איז דאָס זויג־קינד.

דער אַטהענער איז באַלד אַוועק מיט דער תּשובֿה און צוריק אָפּגע־נומען די קליידער. ביי'ם אַוועקגעהן האָבען איהם די תּלמידים בעלייט מיט אַ זמר:

„גענאַשט פון אַ פרעמדען טאָפּ —
זיך אָנגעשטויסען מיט יענעמס קאָפּ".

# אויסגעשעפּט דעם שפּעטער.

איינער אַן אַטהענער סוחר איז געווען אין ירושלים, האָט ער דערנאָך אויסגעלאַכט איהרע איינוואוינער. האָט דאָס פערדראָסען די ירושלים׳ער. שמועסט מען צווישען זיך: ווי אַזוי אַרום בריינגט מען איהם אַהער ווידער אַראָפּ? רופט זיך אָן איינער: פערלאָזט זיך אויף מיר, איך וועל איהם אייך שוין אַראָפּבריינגען מיט אַ אָפּגעגאָלטען קאָפּ. לאָזט ער זיך אַוועק צו׳ם גרעק און שטעלט זיך ביי איהם אָפּ. אויף מאָרגען געהען זיי ביידע אַרויס שפּאַצירען אין מאַרק. רייסט זיך ביי׳ם ירושלים׳ער איבער אַ רימענדעל פון זיין שוך. ווענדעט ער זיך דאָרטען צו אַ שוסטער, און בעצאָהלט איהם פאַר׳ן פערריכטען דאָס קליינינקייט אַ גרויסע מטבע. אויפ׳ן אַנדערען טאָג—ווידער די אייגענע מעשה. חידוש׳ט זיך דער אַטהענער: וואָס הייסט עס, פאַר אַ פּאָר שטעך—אַזאַ איבעשע מטבע! אַפּנים, שיך איז אין אייער קאַנט אַ טייער אַרטיקעל.

— געווים—זאָגט דער ירושלים׳ער.

— וויפיעל רענדליך — פרעגט דער אַטהענער — קאָסט, למשל, ביי אייך אַ פּאָר שיך?

— אַזעלכע ניין, צעהן רענדליך אַ פּאָר—ענטפערט דער ירושלים׳ער—און אַז גאָר ביליג—זיבען, אַכט.

— ווי מיינסטו, אַ שטייגער, ווען איך בריינג אַהין דעם מין סחורה וועט זי זיך אויספערקויפען?

— געווים, נאָר פאַר׳ן אַריינפאָהרען אין שטאָדט זאָלסטו מיר געבען צו וויסען, וועט שוין זיין רעכט.

קויפט ער איין אַ גרויסע פּאַרטיע שיך און לאָזט זיך אַוועק קיין ירושלים. געקומען צום טויער, שיקט ער באַלד נאָך זיין בעקאַנטען יודען. קומט יענער צו לויפען.

— אָ, אַ גאַסט! — בעגעגענט ער איהם מיט שמחה — מע קוקט שוין דאָ אַרויס אויף דיין סחורה. דו מוזט אָבער וויסען, אַז ביי אונז אין ירושלים איז שוין אַזאַ מנהג, אַז אַ שיכהענדלער טאָר זיך נישט ווייזען אין מאַרק מיט זיין סחורה סיידען מיט אַ אָפּגעגאָלטען קאָפּ און מיט אַ פּנים אויסגעשמירט אין שוואַרצען.

— מילא — מאַכט דער גרעק — וואָס מאַכט עס אויס? אַבי אויספערקויפען די סחורה.

פיהרט איהם אַוועק דער יוד און מע גאָלט איהם רעכט אָפּ און מע פאַרשמירט איהם דאָס פּנים, און נאָכדעם זעצט ער איהם אַנידער מיט דער סחורה אין מיטען מאַרק. לאָזען זיך צו איהם קונים.

— ווי טייער אַ פּאָר שיך? — פרעגט מען איהם.

— צעהן רענדליך, צוליעב דיר — ניין, און נישט וועניגער פון אַכט אַפילו איין פּרוטה.

דערהערט אַזאַ פּרייז, קוקט איהם דער קונה אָן ווי אַ משוגע׳נעם, גיט איהם אַ פּעטשיל מיט די שיך איבער׳ן גלאַטען קאָפּ, שפּײַט־אויס און אַנטלויפט.

אַזוי איז איבערגעגאַנגען דער טאָג און דער סוחר איז געבליבען בײַ זײַן גאַנצער סחורה. דאָ האָט ער ערשט פערשטאַנען וואָס פאַר אַ שפּיצעל מ׳האָט איהם אָפּגעטהון.

שיקט ער ווידער נאָכ׳ן בעקאַנטען יודען און זאָגט איהם מיט אַ ביטערען פאָרוואורף: פון דיר האָב איך זיך אויף אַזוינס ניט גערעכנט; פאַר וואָס קומט עס מיר, האָב איך דיר עפּעס שלעכטס געטהון?

— אַ מצוה אויף דיר — ענטפערט דער יוד — וועסט ווײַטער שוין ויסען ווי אָפּצולאַכען פון ירושלים׳ער יודען!

## דער גוי מיט דער פּרה אֲדוּמה[1].

יודען האָבען אַמאָל בעדאַרפט האָבען אַ פּרה אֲדוּמה. נאָך לאַנג זוכען האָט מען זי געפונען בײַ איינעם אַ גוי. וויל ער פאַר איהר פיער רענדליך. דינגט מען זיך נישט און מ׳געהט ברײַנגען דאָס געלד. שטויסט זיך דער גוי אָן אויף וואָס די יודען דאַרפען זײַן קוה, און ווי מ׳האָט געבראַכט דאָס געלד, זאָגט ער: ניין, איך וויל אייך נישט פערקויפען. זאָגען זיי איהם: אפשר ביסטו נישט צופריעדען מיט דער פּרייז, זאָג־זשע וויפיעל פערלאַנגסטו. פערשטעהט דער ערל, אַז די יודען וועלען דאָ נישט שטעהן אין געלד, האַלט ער זיך פעסט. גיבען זיי איהם שוין פינף רענדליך, צעהן, צוואַנציג—וויל ער נישט; פינפציג, הונדערט—און ער וויל אַלץ ניט. צום סוף איז ער קוים אײַנגעגאַנגען אויף טויזענד. בלײַבט עס אַזוי און מ׳געהט ברײַנגען דאָס געלד.

ווי מ׳איז אַוועקגעגאַנגען איז זיך מישב דער גוי און זאָגט צו זײַנעם אַ חבר אַזוי: אָט באַלד וועסטו זעהן וואָס פאַר אַ שעהן שפּיצעל איך וועל דאָ אָפּטהון די דאָזיגע יודען. פאַר וואָס, אַ שטײַגער, מיינסטו גיבען זיי מיר אַזאַ פּרייז? דערפאַר וואָס מײַן קוה איז נאָך נישט געגאַנגען אין יאָך. וואָס־זשע טהו איך? ביז יענע וועלען קומען צוריק—טהו איך אָפּ איין קליינינגקײַט: איך שפּאַן זי באַלד אײַן און האַלט זי אַ גאַנצע נאַכט אין דער יאָך, דערנאָך אַבי זיי וועלען בעצאָהלען דעם טויזענדער, מעגען זיי געהן אַהיים זיך קווי־קען מיט זייער מציאה. געזאָגט און געטהון. איז אָבער דאָ געווינסע סימנים, וואָס בעווײַזען צי די קוה איז געווען אין יאָך צי ניין: אויף איהר האַלז,

[1]) אַ גאַר רויטע קוה, וואָס מע פערברענט זי און מיט איהר אַש רייניגען בהנים די אומריינע.

פונקט אויף דעם אָרט ווי מע טהוט=אָן די יאָך, איז פאַרהאַן אַזעלכע צוויי האָר. פאַר׳ן ערשטען יאָך זענען די האָר אויפגעשטעלט, נאָך דעם—בלייבען זיי איינגעבויגען. אויסער דעם איז צו דערקענען די קוה אין די אויגען: פאַר׳ן ערשטען יאָך קוקען ביידע אויגען גלייך; נאָך דעם—פינטעלט זי מיט די אויגען און קוקט קרום צו דער יאָך צו.

ווי דער גוי האָט דערזעהן די יודען קומען צוריק מיט׳ן געלד, האַפּט ער און בעפרייעט געשווינד די קוה פון דער יאָך, און פיהרט זי אַרויס צו זיי אַנטקעגען. נעהמען זיך די קונים זי גוט בעטראַכטען, בעמערקט מען, ווי די געוויסע צוויי האָר אויפ׳ן האַלז ליגען שוין איינגעבויגען און די אויגען פינטלען און קוקען קרום אין דער זייט. דערזעהן דאָס, זאָגען זיי דעם גוי: „מעגסט זיך צונעהמען דיין קוה צוריק, מוחל די מציאָה, אַפילו אומזיסט נעהמען מיר זי אויך נישט״.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, איז דער גוי געבליבען שטעהן ווי אַ געלעהמטער. אויף אַזאַ מַפָּלָה האָט ער זיך גאָר נישט גערעכט. און פאַר גרויס פערדראָס, וואָס ער האָט אָנגעוואוירען אַ מַטְמוֹן מיט געלד -- האָט ער זיך אין דער אייגענער נאַכט ביי זיך אין שטוב אויפגעהאַנגען.

## אויפ׳ן אָרט אָפּגעענטפערט.

דער תַּנָא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ איז געגאַנגען אין וועג, בעגעגענט ער אַ קינד טראָגט אַ פערדעקטע כֵּלִי. פרעגט ער איהם: וואָס טראָגסטו דאָ אין דער פערדעקטער כלי?

— וואָלט די מאַמע וועלען — ענטפערט דאָס קינד אויפ׳ן אָרט — מע זאָל וויסען וואָס איך טראָג—וואָלט זי מיר נישט הייסען פערדעקען.

אַריינגעקומען אין שטאָדט, זעהט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אַ מיידעלע שטעהט און שעפּט וואַסער פונ׳ם קוואַל. פרעגט ער זי: וועסט מיר גיבען אַ טרונק?

— אָך, אי דיר אי דיין עזעל.

ביי׳ם אַוועקגעהן זאָגט ער איהר: טאָכטער מיינע, דו האָסט נאָכגעטהון די מוטער רִבְקָה.

— יאָ—האַקט זי איהם אָפּ—איך האָב נאָכגעטהון דער מוטער רִבְקָה, דו אָבער אֱלִיעֶזֶר׳ן האָסט נישט נאָכגעטהון [1].

---

[1]) ווען אליעזר, אברהם=אבינו׳ס קנעכט, האָט רבקה׳ן ביי׳ם ברונען געבעטען אַ טרינק, האָט זי איהם געענטפערט: „טרינק דו מיט דיינע קעמלען״. דערנאָך, ביי׳ם אַוועקגעהן, האָט ער איהר דערפאַר געגעבען אַ געשאַנק.

# דער צווייטער חורבן.

## שרעקענדיגע סימנים.

פיערציג יאָהר פאַר'ן חורבן פונ'ם צווייטען בית־המקדש, האָבען זיך שוין בעוויזען שרעקענדיגע סימנים. דער נר־תמיד אין בית־המקדש פלעג זיך פלוצום אויסלעשען. די ברייטע טהירען פונ'ם טעמפעל פלעגען זיך פלוצום פון זיך אַליין עפענען, ביז ר' יוחנן בן זכאי האָט איינמאָל אָנגעשריגען: „טעמפעל, טעמפעל! — וואָס וואַרפסטו אָן אַ שרעק? מע ווייסט, מע ווייסט, ס'געהט צו'ם חורבן, ס'קלינגט נאָך אין אונזערע אויערען די שרעקליכע נבואה פון זכריה בן עדו:

„עפען־אויף, לבנון [1], דיינע טהירען,
זאָל פרעסען דאָס פייער דיינע צעדערען".

ר' לוי זאָגט: זעקס יאָהר דורכאַנאַנד האָבען די קוילען געטליהט אין דער האַנד פון מלאך גבריאל. ער האָט אַלץ געוואַרט, אפשר וועלען די יודען תשובה טהון. געזעהן, אַז זיי האַלטען נישט דערביי, האָט ער אויפגעהויבען די האַנד מיט צאָרן און געוואָלט שוין אַ שליידער טהון אויף זייערע קעפּ.

— גבריאל, האַלט! — האָט אויף איהם גאָט אָנגעשריגען — נישט געאיילט, ס'איז נאָך דאָ צווישען זיי בעלי־צדקות.

## איבער וואָס איז דאָס לאַנד חרוב געוואָרען?

„וואויל איז דעם מאַן — זאָגט שלמה אין זיינע שפּריכווערטער — וואָס זעהט פאָראויס שטענדיג דאָס געפאַר, און דער צו־איינגעשפּאַרטער פאַלט־אַריין אין אַ אומגליק". ר' יוחנן האָט עס איינגעווענדעט אויף דער צייט פונ'ם חורבן: איבער אַ קמצא מיט אַ בר־קמצא איז חרוב געוואָרען ירושלים; איבער אַ האָהן מיט אַ היהן — טור־מלכא; איבער אַן אַקס פון אַ וואָגען — ביתר.

---

[1]) דער בית־המקדש איז געבויט פון צעדערבוימער גענומענע פון וואַלד לבנון.

# I. איבער קַמְצָא און בַּר־קַמְצָא איז חָרוּב געוואָרען יְרוּשָׁלַיִם.

איינער פון די געהויבענע יְרוּשָׁלַיִם׳ער לייט האָט געהאַט אַ גוטען פריינד מיט׳ן נאָמען קַמְצָא, און אַ שׂוֹנֵא — בַּר־קַמְצָא. מאַכט ער איינמאָל אַ מאָהלצייט, און הייסט זיין בעדינער איינלאַדען קַמְצָא׳ן. געהט יענער און רופט עַל פִּי טָעוּת בַּר־קַמְצָא׳ן. ביי דער סְעוּדָה דערזעהט דער בַּעַל־הַבַּיִת צווישען די געסט זיין שׂוֹנֵא בַּר־קַמְצָא. פרעגט ער איהם: „דו ביסט דאָך מיין שׂוֹנֵא, ווי קומסטו אַהער? אַרויס פון דאַנען!"

— אַז איך בין שוין דאָ, — זאָגט יענער — לאָז מיך, איך בעט דיך, און איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר מיין חֵלֶק וויפיעל איך וועל ביי דיר געניסען.

— ניין — זאָגט דער בַּעַל־הַבַּיִת.

— וועל איך דיר בעצאָהלען פאַר אַ האַלבער סְעוּדָה.

— ניין!

— פאַר דער גאַנצער.

— ניין און ניין!

און אָנגענומען דעם אומגעבעטענעם גאַסט פאַר דער האַנד, פיהרט איהם דער איינגעשפאַרטער בַּעַל־הַבַּיִת פון׳ם טיש אַרויס.

אַ טיעף־בעליידיגטער בלייבט שטעהן בַּר־קַמְצָא און טראַכט זיך מיט פערדרוס: „סטייטש, אַזאַ בִּזָּיוֹן מיר אָנגעטהון פאַר אַן עֵדָה יודען, אין עמיצער פון די תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים, וואָס זענען געזעסען דערביי, זאָלען עם איהם זאָגען אַ וואָרט. וואו איז כְּבוֹד הַבְּרִיּוֹת[1])? איך מוז נעהמען נְקָמָה".

געהט ער גלייך אַוועק צום רוימישען קֵיסָר און מַסְר׳ט:

— יודען בונטעווען...

— אַ בעוויַיז? — פרעגט דער קֵיסָר.

— פרוב שיק אַ קָרְבָּן אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, וועסטו זעהן צי זיי וועלען איהם אָננעהמען.

שיקט דער קֵיסָר, טאַקי דורך בַּר־קַמְצָא אַליין, אַ דריי־יעהריג פיין קאַלב. אויפ׳ן וועג נעהמט בַּר־קַמְצָא און מאַכט אינ׳ם קאַלב אַזאַ קליינעם מום[2]), וואָס נור ביי יודען רעכענט מען זיך מיט איהם, אָבער ניט ביי גוֹיִם. קומט ער קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט׳ן קָרְבָּן אין נאָמען פון׳ם קֵיסָר. ווילען די חֲכָמִים איהם אָננעהמען, צוליעב שְׁלוֹם־מַלְכוּת[3]). דערלאָזט נישט ר׳ זְכַרְיָה בֶּן אַבְקִילוּס. „ווי הייסט? — טַעֲנֶה׳ט ער — איהר ווילט מע זאָל זאָגען, אַז

---

[1]) מענשליכע עהרע. [2]) אַ פעהלער וואָס פסל׳ט די בהמה פאַר אַ קרבן צום מזבח. [3]) כדי זיך נישט צו פערקריגען מיט׳ן מלך.

מע מעג ברײַנגען אַ קָרְבָּן אַ בַּעַל־מום!" ווײַל מען טויטען בּר־קַמְצָא'ן, ער זאָל ווײַטער נישט געהן פערמַסר'ען יודען פאר'ן קֵיסָר — לאָזט ווידער נישט ר' זְכַרְיָה: „ווי הייסט, מע זאָל זאָגען, אַז פאר אַ מום מאַכען קומט טויט־שטראָף?"

בּר־קַמְצָא האָט מעהר נישט בּעדאַרפט. ער איז גלײַך אַוועקגעגאַנגען און געבּראַכט צום קֵיסָר דעם בּעווײַז.

(אָ! — האָט ר' יוחָנן וועגען דעם אויסגעשריגען — ר' זְכַרְיָה'ס איבּער־פרומקייט האָט חָרוב געמאַכט אונזער הויז, פערבּרענט אונזער טעמפעל און אונז פערטריבּען פון אונזער לאַנד!).

האָט זיך נירון־קֵיסָר געלאָזט געהן אויף דעם יודישען לאַנד. צוגע־קומען נעבּען ירושָלַיִם, האָט ער געפּרובּט אַרויסלאָזען אַ פײַל אין מִזְרַח־זײַט, האָט זי זיך אויסגעדרעהט און געפאַלען אין ירושָלַיִם. נאָך אַ פײַל קיין מַעֲרָב — און די איז אויך געפאַלען אין ירושָלַיִם, און דאָס זעלבּע מיט אַלע פיער זײַטען וועלט.

בּרײַנגט מען פאַר נירון־קֵיסָר אַ יודיש קינד. פרעגט ער איהם: יונ־געלע, זאָג וואָס פאַר אַ פָּסוּק האָסטו הײַנט געלערענט? ענטפערט דאָס קינד: „איך וועל אויסלאָזען מײַן נְקָמָה צו אֱדוֹם'ן דורך מײַן פאָלק יִשְׂרָאֵל" [1].

„אַזוי גאָר — טראַכט זיך נירון־קֵיסָר — גאָט וויל חָרוב מאַכען זײַן הויז און מיך שטעלט ער אַרויס"... הויבּט ער זיך אויף און אַנטלויפט, און, ווי מ'האָט דערצעהלט, האָט ער זיך מְגַיֵּיר געווען און פון איהם איז אין אַ שפּע־טערדיגען דור אַרויסגעקומען דער תַּנָּא ר' מֵאִיר.

נאָך דעם איז בּעפאַלען אויפ'ן יודישען לאַנד אֶסְפַּסְיָנוּס. דרײַ יאָהר דורכאַנאַנד איז געווען ירושָלַיִם בּעלאַגערט, נישט אַרײַן און נישט אַרויס. האָבּען זיך געפונען דעמאָלט אין שטאָדט דרײַ רײַכע, גוטע און פרומע לײַט: נַקְדִּימוֹן בֶּן גוריון, בֶּן־כַּלְבָּא־שָׂבוּעַ און בֶּן־צִיצִית־הַכֶּסֶת. נעהמען זיי זיך אונטער אויסצוהאַלטען די בּעלאַגערטע שטאָדט מיט די נויטיגסטע בּעדערפעניסען: איינער מיט ווייץ און גערשטען, איינער מיט וויין, זאַלץ און בּוימאייל, און איינער מיט האָלץ. אַז זיי האָבּען געעפענט זייערע אָנגעפּולטע אַמבּאַרען, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז זיי האָבּען בְּכֹחַ אויסצוהאַלטען די גאַנצע שטאָדט איין און צוואַנציג יאָהר דורכאַנאַנד.

אין יענער צײַט האָבּען געהאַט די אויבּערהאַנד אין ירושָלַיִם די גע־וויסע חֶבְרָה זעלאָטען, פערבּרענטע געגנער פון די רוימער. האָבּען זיי זיך געריסען פון שטאָדט אַרויסצוטרעטען געגען דעם שׂוֹנֵא. בּעטען זיך בּײַ זיי

[1]) דאָס איז אַ פסוק אין נביא יחזקאל, דער נאָמען אדום ווערט אין דער אגדה אַמייסטען אָנגעצויגען אויף רוים.

די עלטערע און געלאסענע לייט: „לאמיר בעסער ארויסגעהן מאכען שלום מיט די רוימער". ווילען זיי דערפון נישט הערען. „ניין — זאגען זיי — נור מלחמה". — „מיט מלחמה אבער — האלטען זיך יענע ביי זייערס — וועלען מיר גאר נישט אויספיהרען, מיר זענען שוואך און דער שונא שטארק". נעהמען די זעלאטען און פערברענען אלע אמבארען — שטארקט זיך אין שטאדט דער הונגער.

אין יענער צייט פונ'ם גרויסען הונגער האט איין פרוי, מרתא בת ביתוס, די גרעסטע גביר'טע אין ירושלים, ארויסגעשיקט איהר משרת אין מארק קויפען פאר איהר זעמעל־מעהל. איידער ער האט זיך געריהרט געהן איז די גאנצע זעמעל־מעהל פון מארק אויספערקויפט געווארען, קומט ער צוריק און זאגט איהר: קיין זעמעל־מעהל איז שוין נישטא, ס'איז צו בעקומען נור וויס־ברויט. שיקט זי איהם נאך וויס ברויט. קומט ער צוריק און זאגט: שוין צוחאפט דאס וויס־ברויט אויך, געבליבען איז נור גראב־ברויט. „לויפ־זשע — זאגט זי — גיכער און ברייננ חאטש גראב ברויט". לויפט ער און קומט ווידער מיט גאר נישט. „ס'איז שוין נישט מעהר געבליבען — זאגט ער — ווי גערשטען־ברויט". — לאז שוין זיין גערשטען־ברויט, אבי ברייננ — שרייט זי אוים. לויפט ער און קומט ווידער מיט לעדיגע הענד. נישטא גארנישט, אלעס אויספערקויפט. חאפט זי און טהוט־אוים איהרע מיט גאלד געשטריק־טע שיכליך, און לאזט זיך געהן אליין אין מארק. „אפשר — זאגט זי — וועט מיר געראטען וואס ס'איז בעקומען דארט צו שטילען דעם הונגער". אין מארק האבען זיך איהרע בארוויסע פיס איינגעשמירט אין קויט, האט זי עס נישט געקענט איבערטראגען און איז געשטארבען.

— אזעלכע ווי זי — האט ר' יוחנן בן זכאי אויסגעשריגען — מיינט עס דער פסוק פון דער תוכחה: „די צארטליכסטע און די עדעלסטע, וואס האט נישט געפרובט שטעלען איהר פוס־טריט אויף דער ערד פאר עדילקייט און צארטליכקייט".

ווי אנדערע דערצעהלען איז געקומען איהר טויט דורך דעם וואס זי האט זיך אנגעשלאגען אויף ר' צדוק'ס אן אויסגעזויגענע געפרעסטע פייג, האט זי עס געחאפט און אויפגעגעסען, דערפון איז זי חלשות געפאלען און געשטארבען.

פאר'ן טויט האט זי אויסגעשריגען: וואס טויג מיר מיין גאלד? וואס דארף איך מיין זילבער? נעהמט אוןווארפט עס ארויס אויף דער גאס!

מיט ר' צדוק'ס פייג איז אזא מעשה: דער תנא ר' צדוק האט פער־בראכט פערציג יאהר, דורכאנאנד אין טרויער און אין תעניתים, אלץ געבע־טען גאט ער זאל זיך דערבארעמען און נישט חרוב מאכען ירושלים. פון די תעניתים איז ר' צדוק געווארען אזוי אויסגעדארט און איינגעטריקענט, אז

די הויט פון זיין לייב האט אויסגעזעהן ווי דורכזיכטיג, און ווען ער האט עפּיס געשלינגען האט מען עס אַרויסגעזעהן דורכ'ן האלז. נאך יעדען תּענית פלעג ער אין אָבענד אָפּפּאַסטען מיט געפּרעסטע פייגען, אויסזויגען די זאַפט און אַוועקוואַרפען. איינע פון די אויסגעזויגענע פייגען האט מרתא בּת בּיתוס געפונען.

געהט אַרויס ר' יוחנן בּן זכּאי אין גאַס, דערזעהט ער ווי מע קאָכט שטרוי און מע זופּט דאָס וואַסער, טראַכט ער זיך: איז מעגליך - אַז מענשען וואָס נעהרען זיך מיט וואַסער פון אויסגעקאָכטע שטרוי, זאָלען קענען אַקעגענשטעהן די מחנות פון אספּסינוס? ניין, דאָס איינציגע מיטעל איז איך זאָל אַרויס פון שטאָדט, אפשר וועל איך עפּיס קענען אויספּיהרען בּיי אספּסינוס'ן.

שיקט ר' יוחנן רופען צו זיך בּסוד זיין קרוב אבּא-סיקרא, דעם עלטסטען איבּער די זעלאָטען. אַז ער איז געקומען פרעגט איהם ר' יוחנן: בּיז וואַנען וועלען דיינע לייט זיך אַזוי אויפפיהרען און אומבּריינגען די שטאָדט דורך הונגער? זאָגט ער: „וואָס קען איך מאַכען? לאָמיך פּרובען זיי איין וואָרט זאָגען בּין איך נישט זיכער מיט'ן לעבּען". זאָגט איהם ר' יוחנן: „זעה געפונען עפּיס אַ מיטעל איך זאָל פון דאַנען אַרויס, אפשר וועט זיך מיר איינגעבּען צו בּריינגען אַ שטיקעל הילף". זאָגט איהם אבּא-סיקרא: „בּיי אונז איז אָבּער אָפּגעמאַכט, אַז אַרויסלאָזען אויסער דער שטאָדט זאָל מען נור אַ מת". אויבּ אַזוי — זאָגט ר' יוחנן — קען מען דאָך מיך אַרויסטראָגען אַלס אַ מת. — „דאָס קען מען אפשר — זאָגט אבּא-סיקרא — נאָר דו מוזט זיך פריהער מאַכען קראַנק און אַלע זאָלען קומען דיך בּעזוכען. דערנאָך זאָל מען לעגען אויף דיין בּעט אַזוינס וואָס האָט אַ שלעכטען ריח, און מ'זאָל אַרויסלאָזען אַ קול: געשטאָרבּען ר' יוחנן; זאָלען קומען דיינע נאָהענטע תּלמידים און זיי זאָלען טראָגען דיין אָרון, אַ פרעמדען אָבּער זאָל מען נישט צו-לאָזען: אַ לעבּעדיגער איז, ווי בּעקאַנט, פיעל גרינגער פון אַ טויטען קערפּער — קען מען זיך נאָך לייכט אָנשטויסען".

פאָלגט איהם ר' יוחנן. קומען זיינע תּלמידים און טראָגען דעם אָרון, ר' אליעזר צוקאָפּענס און ר' יהושע צופוסענס. פאַר-נאַכט, בּיי'ם זון-אונטערגאַנג, איז מען צוגעקומען מיט'ן אָרון צו די טויערען פון ירושלים. שטעהען דאָרט בּעוואָפענטע טויער-היטערס פון די זעלאָטען, פרעגען זיי: וועמען טראָגט איהר דאָ?

— אַ מת — ענטפערען די טרעגער — אונזער רבּי איז נפטר געוואָרען. ווייסט איהר דען נישט אַז מע טאָר נישט לאָזען אַ מת איבּערנעכטיגען אין ירושלים?

הויבּט-אויף איינער פון די היטער זיין שפּיז מיט דער דעה דעם מת אַ שטאָך צו טהון. דערלאָזט נישט אבּא-סיקרא. „וואָס וועט מען זאָגען —

שרייעט ער אָן—דעם רבי'ן געשטאָכען.". ווייל אַ צווייטער אַ שטוים טהון דעם מת מיט'ן פויסט. שרייעט ווידער אָן אַבּא-סיקרא: „מע וועט זאָגען, דעם רבי'ן געשטויסען!"

עפענט מען די טויערען און מע לאָזט אַרוסטראָגען דעם אָרון.

געקומען אין דער רוֹמישער מַחֲנֶה לאָזט מען אַרויס ר' יוֹחָנָן פוּנ'ם אָרוֹן און ער שטעלט זיך פאַר אֶספּסינוס'ן.

— פריעד צו דיר, קעניג! פריעד צו דיר, קעניג! — בעגריסט איהם ר' יוֹחָנָן.

— דו פערדיענסט — ענטפערט איהם אויף דעם אֶספּסינוס — אַ צווייפאַכען טויט. איינמאָל, פאַר דעם וואָס דו רופסט מיך מיט'ן נאָמען קעניג, און דו ווייסט דאָך אַז איך בין נישט קיין קעניג; צווייטענס, בין איך יאָ אַ קעניג, פאַר וואָס ביסטו צו מיר ביז איצט נישט געקומען?

— ערלויב מיר דיר צו ענטפערען אויף ביידע זאַכען—זאָגט ר' יוֹחָנָן—מֶלֶךְ האָב איך דיר גערופען, ווייל אונזער קעניגליכע שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם, לויט דעם פאָראויסזעהן פון אונזערע נְבִיאִים, מוז פאַלען נור דורך דער האַנד פון אַ מעכטיגען קעניג. און פאַר וואָס בין איך נישט געקומען ביז איצט? אונזערע זעלאָטען האָבען נישט דערלאָזט.

— איז קיין מיטעל נישטאָ? — זאָגט אֶספּסינוס פערביסען — ווען אַ גיפטיגע שלאַנג וויקעלט זיך אַרום אַ פאַס מיט האָניג, וואָס בלייבט צו-טהון? צוברעכט מען אינגאַנצען די פאַס אַבּי פוּנ'ם שלאַנג פּטור צו ווערען.

ר' יוֹחָנָן איז געבליבען אַנשוויגען.

(אויף דעם האָט איינער פון די שפּעטערדיגע תַּנָּאִים אויסגעשריגען מיט די ווערטער פוּנ'ם נָבִיא: „ער (גאָט) נעהמט-אָפּ דעם שֵׂכֶל בייַ קלוּגע און מאַכט זיי צו'ם נאַר". וואָלט נישט גלייכער זיין ער זאָל בעסער געווען ענטפערען: דעם שלאַנג נעהמט מען אַראָפּ מיט אַ צוואַנג און מע טויט איהם—און די פאַס לאָזט מען גאַנץ).

אין דעם קומט-אָן אַ שָׁלִיחַ פון רוים און ברענגט אֶספּסינוס'ן די בְּשׂוֹרָה: „זיי ווייסען, אַז דער קֵיסָר איז געשטאָרבען, און די גרויסע לייט אין רוים האָבען דיך אויסגעוועהלט פאַר אַ קעניג. גראָד אין דער מינוט האָט אֶספּסינוס געהאַלטען אין מיטען אָנטהון די שיך. נעהמט ער אָנטהון דעם צווייטען שוך—געהט די פוס נישט אַריין, ווייל ער אויסטהון דעם ערשטען—געהט די פוס נישט אַרויס. „וואָס קען דאָס זיין?" — פרעגט אֶספּסינוס בעאונרוהיגט.

— ערגער זיך נישט דעריבער—בערוהיגט איהם ר' יוֹחָנָן—דאָס קומט פון דער גוטער בְּשׂוֹרָה, ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „אַ גוטע בְּשׂוֹרָה מאַכט פעטער דעם ביין". ס'איז אָבער דערצו אויך פאַראַן אַ מיטעל: זאָל

מען דורכפיהרען פאר דיינע אויגען איינעם וואס איז דיר נישט ליעב, ווי עס זאגט דאס זעלבע שפריכווארט: „א שווער געמיטה מאכט איינגעטריקענט דעם ביין". האט מען אזוי געטהון און די פוס איז גלייך אריין אין שוך.

זאגט אספסינוס: זענט איהר יא אזוי געשייט, פאר וואס־זשע האט איהר זיך ביז איצט פאר מיר נישט געוויזען?

— איך האב דאך שוין מיינס געזאגט.

— און איך האב דאך מיינס אויך געזאגט—האקט איהם אפ אספסינוס— איצט אבער—זאגט ער ווייטער—געה איך פון דאנען אוועק און שיק אויף מיין ארט אן אנדערען. בעט ביי מיר עפים וועסטו פועל'ען.

— דריי זאכען בעט איך ביי דיר—זאגט ר' יוחנן—לאז פאר אונז איבער יבנה מיט איהר געלעהרטע, אונזער נשיא רבן גמליאל'ס משפחה, און רופאים צו היילען ר' צדוק'ן.

(און אויך דערויף האט יענער תנא אויסגעשריגען מיט די זעלבע ווערטער פונ'ם נביא: „ער נעהמט־אפ דעם שכל ביי קלוגע און מאכט זיי צום נאר". וואלט נישט גלייכער זיין ער זאל בעסער געוועזען ביי איהם אויס־בעטען דאס מאל גאנץ ירושלים?

ר' יוחנן אבער האט מורא געהאט, טאמער וועט ער אזעלכם ביי אספסינוס'ן נישט אויספיהרען—און בעסער עפים איידער גאר נישט).

פאהרט־אפ אספסינוס און שיקט אויף זיין ארט טיטוס הרשע. קומט טיטוס, שטעלט זיך אוועק און רופט־אוס מיט גרויס חוצפא און לעסטערונג: „איי, וואו איז זייער גאט, דער פעלז, דער שיצער זייערער?" נאכדעם ווי די מויערען פון ירושלים זענען פאר איהם געפאלען, האט ער זיך אריינגעריסען אין דעם הייליגסטען ארט פון בית־המקדש, אין קדשי־קדשים, ארויסגע־שלעפט די ספר־תורה און זי פעראומרייניגט. א פערשכור'טער פון נקמה און רציחה חאפט ער ארויס די שווערד און שטעכט־דורך האסטיג דעם פרוכת. טרעפט א וואונדער און א שטראם פון בלוט גיט אויף איהם א שפריץ—מיינט ער, דער נארישער רשע, אז דא האט ער אומגעבראכט כביכול דעם יודישען גאט.

(אך, ווער איז גלייך צו דיר, שטארקער גאט!—האט דערויף אויסגע־שריגען איינער פון די שפעטערדיגע תנאים—ווער נאך ווי דו קען אויסהע־רען דאס לעסטערען פון אזא רשע און בלייבען דערביי גלייכגילטיג? ווער נאך איז אזא גרויסער שווייגער ווי דו?)

און באלד נאך־דעם רייסט אראפ טיטוס דעם פרוכת, מאכט פון איהם ווי א מין קארב, און לעגט אהין אריין אלע גאלדענע הייליגע כלים פונ'ם בית־המקדש. לאזט ער זיך אוועק מיט די טראפייען אין א שיף צו זיך א היים קיין רוים, בעריהמען זיך דארט מיט זיין גרויסען נצחון איבער די

יודען. בעפאלט אויף איהם אין מיט׳ן ים א שטורם און די שיף האלט ביי אונטערגעהן. דערשרעקט זיך טיטוס, נאר ער מאכט זיך הארץ און זאגט: „דער גאנצער כח פון זייער גאט שטעקט, אפנים, נור אין וואסער! פרעה׳ן האט ער אומגעבראכט דורך וואסער; סיסרא׳ן — אויך דורך וואסער. איז ער יא א גבור, זאל ער פרובען מיט מיר מלחמה פיהרען אויף דער יבשה!"

— רשע מרושע, עשו הרשע׳ס אייניקעל—ענטפערט איהם דערויף א בת־קול — א קליין בעשעפעניש׳ל, א פליגעלע, געפונט זיך אין מיין וועלט, מ יק הייסט דאס, געה־זשע אראפ אויף דער יבשה און פרוב פיהרען א שטרייט אט מיט דעם פליגעלע.

און באלד ווי טיטוס איז אראפ אויף דער יבשה, איז אנגעפלויגען א מיק, אריין צו איהם דורך די נאזלעכער אין מוח אריין, און אהן אויפהער האט עס דארט געפיקט און געפיקט גאנצע זיבען יאהר.

איינמאל מאכט זיך, געהט טיטוס פערביי דאס הויז פון א שמיעד, דערהערט ער האמער־קלעפ — פיהלט ער, ווי די מיק ווערט איינגעשטילט. „איז פארהאן, הייסט עס, א מיטעל!" — דערפרעהט זיך טיטוס. בעשטעלט ער אלע טאג זאל קומען א שמיעד און קלאפען פאר איהם מיט׳ן האמער. א גויעשען שמיעד פלעג ער צאהלען פיער גילדען א טאג, א יודישען — גאר נישט. „גענוג פאר דיר — זאגט ער איהם — וואס דו זעהסט נקמה אין דיין שונא". די ערשטע דרייסיג טעג האט דאס מיטעל נאך געהאלפען, דערנאך איז די מיק צו די האמער־קלעפ צוגעוואוינט געווארען.

ביי טיטוס׳ס טויט—דערצעהלט פנחס בן ערובא—איז מיר אויסגעקו־מען צו זיין צווישען די גרויסע מענער פון רוים, האב איך געזעהן ווי מ׳האט איהם געעפענט דעם מוח און מ׳האט דארט געפונען ווי א מין שוואלב די גרויס, גאנצע צוויי טאלער די וואג.

און ווי אנדערע גיבען־איבער — האט יענער פויגעל געהאט א קופער־נעם פיסק מיט אייזערנע נעגעל).

פאר׳ן טויט האט טיטוס בעפוילען אזוי: נעהמט פערברענט מיך און פערשפרייט מיין אש אויף זיבען ימים, כדי דער יודישער גאט זאל מיך נישט קענען אויפזוכען צו בעשטראפען.

נאך טיטוס׳עס טויט האט זיינע א שוועסטערס זוהן, אונקלוס בר קלוניקוס, געוואלט זיך מגייר זיין. רופט ער ארויס דורך כשוף זיין פעטער טיטוס און פרעגט ביי איהם: „ווער איז דארט אויף יענעם עולם פון די גע־הויבענע?" ענטפערט ער איהם: יודען.

— ווי מיינסטו—פרעגט ער ווייטער—ס׳איז כדאי צושטעהן צו זיי?

— צופיעל מצות האבען זיי—זאגט טיטוס—אונמעגליך אויסצוהאלטען. טרעט בעסער ארויס געגען זיי, וועסטו איבער זיי איבערהאר ווערען, ווייל

אַזוי איז שוין פון אייביג-אָן: ווער עס דריקט יודען ווערט זייער אויבערהאַר.

— זאָג נור — פרעגט ער איהם ווייטער — ווי בעשטראָפט מען דיך דאָרט?

— ווי איך אַליין האָב אויף זיך גע'פּסק'ענט—ענטפערט טיטוס—אַלע טאָג זאַמעלט מען צונויף מיין אַש, און מע בעשטראָפט מיך צום פערברענען און מען צושפּרייט דערנאָך מיין אַש אויף זיבען ים'ען.

---

אין יענער צייט, פאַר דעם חֻרְבָּן, האָט זיך אין יְרוּשָׁלַיִם געטראָפען אַזאַ מַעֲשֶׂה: איינער אַ יונג, אַ אַרבייטער ביי אַ טישלער, האָט זיך איינגעליעבט אין זיין ווירטה'ס פרוי. מאַכט זיך אַז דער ווירטה האָט זיך גענייטיגט אין אַ הַלְוָאָה. זאָגט איהם זיין יונג: שיק צו מיר אַהיים דיין פרוי וועל איך דיר אַנטלייען וויפיעל דו דאַרפסט. טהוט ער אַזוי. גיעהט די פרוי צו'ם יונג אַהיים און פערברענגט ביי איהם דריי טעג דורכאַנאַנד. גיעהט דער מאַן זי זוכען און בעגעגענט זיין אַרבייטער אויפ'ן וועג.

— זאָג מיר נור — פרעגט ער איהם — וואו קען זיין מיין פרוי, וואָס איך האָב צו דיר מיט דריי טעג צוריק געשיקט?

— איך האָב זי גלייך אָפּגעלאָזט — ענטפערט דער יונג — און געהערט האָב איך, אַז אַ חֶבְרָה יונגען זענען זי בעפאַלען אויפ'ן וועג און זי געשענדט.

— וואָס טהוט מען איצט? — פרעגט ער איהם.

— פאָלג מיר, גט זי.

— זי האָט דאָך אָבער אַ גרויסע כְּתוּבָּה—זאָגט דער ווירטה ווייטער.

— קען איך דיר אַנטלייען אויף אַ צייט און דו וועסט איהר אָפּצאָהלען.

פאָלגט דער ווירטה און גט-אָפּ זיין פרוי. גיעהט דער יונג און נעהמט זי זיך פאַר אַ פרוי.

ווען ס'איז אָנגעקומען די צייט צו בעצאָהלען דעם חוב, האָט דער טישלער נישט געהאַט מיט וואָס, זאָגט איהם דער יונג: „שטעל זיך ביי מיר פאַר אַ בעדיענער און צאָהל מיר אָפּ דעם חוב מיט אַרבייט". פאָלגט דער יונג מיט זיין נייער פרוי זיצען ביים טיש, עסען און טרינקען און זיך וואוילטהון, און ער, דער געוועזענער ווירטה, איז געשטאַנען פאַר זיי אַלס בעדיענער און דערלאַנגט זיי די געטראַנקען, און טראָפּענס טרעהרען פלעגען פון זיינע אויגען פאַלען צו זיי אין די בעכער אַריין.

און איבער דער שָׁעָה איז די גְזֵירָה פון חורבּן גע'חתמ'עט געוואָרען.

## II. איבער אַ האָהן מיט אַ הוהן איז חָרוּב געוואָרען טור-מַלְכָּא.

אין יענע מְקוֹמוֹת איז געווען אַ מִנְהָג, אַז ווען חָתָן-כַּלָּה זענען געגאַנגען

פון דער חוּפּה, האָט מען זיי אַקעגענגעטראָגען אַ האָהן מיט אַ הוּהן, דאָס הייסט: פּרוּכפּערט זיך און מעהרט זיך ווי די הינהנער. איינמאָל איז אַ רוימישער לעגיאָן געגאַנגען פערביי אַ חוּפּה, האָט ער אַוועקגענומען דעם האָהן מיט דער הוּהן. בּעפאַלען זיי די יודען און שלאָגען זיי אָן. קוּמט מען צוּם קיסר און מע שרייעט: יודען בּונטעווען. טרעט־אַרוים אַקעגען זיי דער קיסר מיט זיין חיל. געפונט זיך צווישען יודען איינער אַ גבּור, בּר־דרומי, וואָס פלעגט גיבען אַ שפּרינג אַ מייל און אויסגעהרג'עט אין איין־וועגס די רוימער. נעהמט־אַראָפּ דער קעניג די קרוין פון זיין קאָפּ, לעגט זי אויף דער ערד און זאָגט דערביי: „אַלמעכטיגער גאָט! איך בּעט דיך, גיב נישט איבּער מיך און מיין קעניגרייך אין דער האַנד פון איין מענשען". טרעפט זיך גראָד אַז בּר־דרומי חאַפּט זיך אַרוים מיט זונדיגע ווערטער פאַר גאָט: „דו גאָט — האָט ער אויסגערופען—האָסט דאָך אונז פערלאָזט, טרעט נישט אַרוים אין אונזערע מחנות" [1]). קוּמט אַ גיפטיגע שלאַנג, גיט איהם אַ בּיס און ער פאַלט טויט.

דערוואוּסט זיך פון דעם דער קיסר, דאַנקט ער גאָט און זאָגט: פאַר דעם נס וואָס מיר איז געשעהן, לאָז איך זיי איצטיגס מאָל אָפּ. און ווי דער קעניג מיט זיינע חילות זענען נור אָפּגעטראָטען פון טוּר־מלכּא, ווערט בּאַלד בּיי יודען אַ גרויסע שמחה, מע עסט און מע טרינקט און מע הוליעט און מע צינדט־אָן ליכט אין אַלע גאַסען, אַז מ'האָט געקענט בּיינאַכט אַרויסזעהן אויף אַ מייל וויַיט פון דער שטאָדט דעם זיגעל פון אַ רינג. ווערט דער קעניג אויפגעבראַכט: „יודען, ווייזט אויס, זענען שטאַרק אויפגעלעגט, זיי לאַכען אויס מיר"—קעהרט ער זיך אום און בּעפאַלט זיי ווידער. און ווי מע דערצעהלט, איז ער אַריין אין טוּר־מלכּא מיט אַ מחנה פון דריי הונדערט טויזענד מאַן מיט בּלויזע שווערדען און דריי טעג מיט דריי נעכט האָבען זיי געהרג'עט די שטאָדט־לייט אָהן אויפהער, און ווען פון איין זייט שטאָדט איז געווען הריגות און יללות, האָט זיך נאָך פון דער אַנדערער זייט דאָס הוליען און טאַנצען ניט אויפגעהערט —און איינע האָבען נישט געוואוּסט פון די אַנדערע.

---

דעם רוימישען קעניג טריאַנוס פרוי האָט געבּוירען אַ קינד אום תּשעה־בּאָב, ווען יודען טרויערען, און געשטאָרבּען איז דאָס קינד אין חנוכּה. קלערט מען: וואָס זאָל מען טהון, אָנצינדען חנוכּה־ליכט צי ניין? בּלייבּט: אָנצינדען—און זאָל זיין ווי גאָט וועט פיהרען. קומען שונאים צו דער קעניגין מיט אַ מסירה אויף יודען: אַזוינע און אַזוינע, איז בּיי דיר אַ זוהן געבּוירען געוואָרען זענען זיי געזעסען אין טרויער, און בּאַלד ווי ער איז געשטאָרבּען האָבען אַלע אָנגעצונדען ליכט. שיקט זי אַ בּריעף צו איהר מאַן דעם קעניג:

---

[1]) ד. ה. מיר קענען זיך בּעגעהן אָהן דיר.

„אײדער דו נעהמסט־אײַן די באַרבאַרען דאָרט, אַ מעהר קום אײַננעהמען די יודען וואָס בונטעווען דאָ“. זעצט ער זיך אַוועק אין אַ שיף און לאָזט זיך אין יודישען לאַנד, אויסגערעכענט אָנצוקומען אַהין אין צעהן טעג — טרײַבט אַ גינסטיגער ווינד די שיף און ער קומט אין פינף טעג. געהט ער פערבײַ אַ בית־המדרש, קומט ער אַהין אַרײַן און טרעפט, ווי יודען זיצען און לערנען יענעם פסוק פון דער תוכחה: „גאָט וועט אויפהויבען און ברײַנגען אויף דיר אַ פאָלק פון דערווײַטען... געשווינד ווי אַן אָדלער שוועבט“.

— דאָס בין איך — רופט־אויס דער קעניג — אויסגערעכענט האָב איך קומען אויף אײַך אין צעהן טעג און דער ווינד האָט מיך געבראַכט אין פינף טעג.

און באַלד האָבען די רוימישע לעגיאָנען אַרומגערינגעלט די יודען און זײ אַלע אויסגעהרג׳עט. קומט טריאַנוס צו זײערע פרויען און זאָגט זײ: גיט זיך אונטער מײַנע לעגיאָנען, אויב נישט וועט איהר האָבען דעם אײגענעם סוף וואָס אײַערע מענער.

— טהו מיט די פרויען דאָס זעלבע וואָס מיט די מאַנסבלען — ענטפערען איהם די פרויען.

רינגלען זײ אַרום די לעגיאָנען און הרגענ׳ען אַלע אויס. האָט זיך אויסגעמישט דאָס בלוט פון די פרויען מיט׳ן בלוט פון זײערע מענער, און צוזאַמען געשטראָמט ביז׳ן טײַך.

## III. איבער אַן אַקס פון אַ וואָגען איז חרוב געוואָרען ביתּר.

אין יענע מקומות איז געווען אַ מנהג, אַז ס׳איז געבוירען געוואָרען בײַ עלטערען אַ בן־זכר [1]) האָבען זײ געפלאַנצט אַ צעדערבוים, אויב אַ מײדעלע — אַן אַקאַציע. צו דער חתונה פלעגט מען אויסהאַקען די בײמער און מאַכען פון זײ אַ חופּה. מאַכט זיך אײנמאָל, אַז דעם קיסר׳ס טאָכטער איז דורכגעפאָהרען און ס׳האָט זיך צובראָכען די אַקס אין איהר רײַטוואָגען. האַקען־אויס איהרע בעדינער אײנעם פון אַזעלכע צעדערבוימער און פעררעכטען מיט איהם דעם רײַטוואָגען. פאַלען אויף זײ אָן די יודען און שלאָגען זײ. קומען די רוימער צום קיסר און מסר׳ען: יודען בונטעווען. לאָזט ער זיך אויף זײ מיט זײַנע לעגיאָנען, קומט קײַן ביתּר און בעלאַגערט זײ.

ווי ר׳ יוחנן גיט־איבער, האָבען זיך געפונען אינ׳ם לאַגער אַרום ביתּר אַכציג טויזענד טראָמפּעטען־בלאָזער. און אַקעגען די רוימער האָט דער יודישער גבור בן־כוזיבאַ [2]) אַרויסגעשטעלט צוויי הונדערט טויזענד מאַן

---

[1]) אַ יונגעל. [2]) אַ העלד פון דער שטאָדט כוזיבאָ, וועלכען ר׳ עקיבא האָט געקרוינט מיט׳ן נאָמען בר כוכבא, דאָס הײסט: דער שטערען פון יודען. נאָכדעם ווי ער איז געפאַלען אין מלחמה, האָט מען איהם גערופען מיט דעם צווײדײַטיגען נאָמען בן־כוזיבאָ, ד. ה. דער מאַן פון כוזיבאָ, און אויך דער מאַן פון ליגען (כזב — ליגען).

יעדער מיט אן אָפּגעהאַקטען גראָבען פינגער [1]. שיקען צו איהם די חַכְמֵי-יִשְׂרָאֵל [2]: ביז וואַנען וועסטו מאַכען יודישע קינדער פאַר בַּעֲלֵי-מוּמִים [3]? ענטפערט ער: דורך וואָס דען זאָל איך אויספּרובען זייער מוטה? ראַטהען זיי: זוער עס וועט נישט קענען אויסרייסען אַ צעדערבוים פונ'ם לְבָנוֹן בְּשָׁעַת דורכ-פליהען רייטענדיג אויף אַ פערד — דער זאָל נישט אָנגענומען ווערען אין דיין מַחֲנֶה. פאָלגט ער זיי, קומען איהם צו נאָך נייע-אויסגעפּרובטע צוויי הונדערט טויזענד מאַן. און ווען ער איז אַרויסגעטראָטען מיט זיינע העלדען אויף דער מִלְחָמָה, האָבען זיי, פערזיכערטע אין זייערע אייגענע גְבוּרָה, געזאָגט: זאָל ער (גאָט) נישט שטוצען און נישט שטערען — „האָסטו אונז גאָט פערלאָזט, טרעט נישט אַרויס אין אונזערע מַחֲנוֹת". בֶּן-כּוֹזִיבָא אַליין פלעג בעווייזען אַזאַ גְבוּרָה: די אין איהם געצילטע וואַרפשטיינער פלעג ער מיט איין קְנִיָה אויפחאַפּען, און אָפּגעוואָרפענע מיט גרויס קראַפט צוריק אינ'ם שׂוֹנֵא'ס מַחֲנֶה, האָבען זיי דאָרט אָנגעמאַכט אַ חוּרְבָּן.

דערזעהן אין איהם אַזאַ מאַכט, האָט ר' עֲקִיבָא אויף איהם געזאָגט: אָט דער איז דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.

דערויף האָט איהם געענטפערט ר' יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָא:

— עֲקִיבָא, גראָז וועט פון דיינע באַקען אַרויסוואַקסען און מָשִׁיחַ וועט נאָך נישט קומען.

דריי יאָהר מיט אַ האַלבען דורכאַנאַנד האָט אַדריאַנוס-קֵיסָר בעלאַגערט בֵּיתָר. און דער אַלטער תַּנָא ר' אֶלְעָזָר הַמוֹדָעִי, בֶּן-כּוֹזִיבָא'ס פעטער, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָדט, האָט נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו פאַסטען און צו טרויערען. אַלע טאָג האָט ער מִתְפַּלֵל געווען פאַר גאָט: „רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם! נישט היינט זאָלסטו אויספיהרען דיין גְזֵירָה אויף יודען". געזעהן אַז עס נעהמט קיין ענדע נישט, האָט אַדריאַנוס בעשלאָסען אָפּטרע-טען פון שטאָדט. קומט צו איהם פון ערגיץ אַ כּוּתִי [4] און זאָגט איהם: ווי לאַנג יענע אַלטע הוהן וועט קוואָקען און קוילערען זיך אין אַש, אַזוי לאַנג וועסטו די שטאָדט נישט איינעהמען. איך אָבער קען מאַכען אַז דו זאָלסט זי איינעהמען נאָך היינטיגען טאָג, וואַרט וועסטו זעהן. געהט ער צוריק אין שטאָדט, טרעפט ער ר' אֶלְעָזָר'ן ווי ער שטעהט און האַלט אין מיטען תְּפִלָּה טהון. רייגט זיך דער כּוּתִי צו איהם צו און מאַכט ווי ער רוימט איהם עפּיס איין אין אויער. דערציהלט מען אָפּ בֶּן-כּוֹזִיבָא'ן: דיין פעטער ר' אֶלְעָזָר האָט פערטראַכט איבערצוגעבען דעם געגענד אין שׂוֹנֵא'ס האַנד. הייסט בֶּן-כּוֹזִיבָא און מע ברייננט פאַר איהם יענעם כּוּתִי.

---

[1]) דורך דעם האָט ער אויסגעפּרובט זייער מוטה וואָס זיי אַליין האָבען זיך אָפּגעהאַקט דעם גראָבען פינגער פון דער האַנד. [2]) יודישע געלעהרטע. [3]) קאַליקעס. [4]) אַ סאַמאַריטאַנער.

— זאָג — ווענדעט ער זיך צו איהם — וואָס האָסטו אַזוינס אײַנגערוימט ר׳ אֶלְעָזָר׳ן ?

— אויסזאָגען—ענטפערט דער כּוּתִי, ווי אײַנער רעדט צו זיך—וועט מיך דער קֵיסָר טויטען, נישט אויסזאָגען — וועסט דו מיך טויטען. בעסער זיך אַליין דאָס לעבען נעהמען און נישט אַרויסגעבען דעם קֵיסָר׳ס סוֹדוֹת.

שיקט בן־כּוזיבא און מע ברײַנגט פאַר איהם ר׳ אֶלְעָזָר׳ן.

— וואָס האָט אַזוינס דער כּוּתִי דיר געזאָגט ? — פרעגט ער איהם שטרענג.

— עפּיס האָט ער מיר אײַנגערוימט—ענטפערט ר׳ אֶלְעָזָר—איך ווייס אָבער נישט וואָס. איך האָב געהאַלטען אין מיטען דער תְּפִלָּה האָב איך נישט געהערט.

— און דו וואָס האָסט איהם געזאָגט ? — פרעגט ווײַטער בֶּן־כּוֹזִיבָא.

— גאָר נישט.

ווערט בֶּן־כּוֹזִיבָא שטאַרק אויפגעבראַכט, גיט דעם אַלטען אַ שטויס מיט דער פוס און ר׳ אֶלְעָזָר פאַלט טויט.

לאָזט זיך הערען אַ בַּת־קוֹל: „אוי, נישטיגער הירט, וואָס פערלאָזט די שאָף—אַ שווערד אויף זײַן אַרעם און אויף זײַן רעכטען אויג״—צובראָכען האָסטו די אָרעם פון יודען — וועט דײַן אָרעם דערפאַר דיר אויסגעטריקענט ווערען, בלינד האָסטו געמאַכט דאָס רעכטע אויג פון יודען—וועט דײַן רעכט אויג דיר פינסטער ווערען.

און באַלד נאָכדעם איז די שטאָדט בֵּיתָר חָרוּב געוואָרען און בֶּן־כּוֹזִיבָא איז געפאַלען טויט.

האָט מען געבראַכט בֶּן־כּוֹזִיבָא׳ס קאָפּ פאַר אדריאַנוס׳ן ;

— ווער האָט איהם געטוידט ? — פרעגט דער קֵיסָר.

— איך — ענטפערט אײַנער אַ כּוּתִי.

— ברײַנג מיר זײַן טויטען קערפּער — בעפעלט דער קֵיסָר.

געהט דער כּותי און ברײַנגט. לאָזט זיך אויס — אַ שלאַנג איז אַרומגעוויקעלט אַרום זײַן האַלז. „ווער וואָלט דעם העלד געקענט טויטען—רופט אויס אַדריאַנוס — ווען נישט זײַן גאָט אַליין״ ?

און די רוימישע לעגיאָנען זענען בעפאַלען מיט גרויס רְצִיחָה אויף די אײַנוואוינער פון בֵּיתָר. דאָס בלוט פון די הֲרוּגִים האָט זיך געגאָסען דורך די טהירען, דורך גראַטעס פון פענסטער און דורך רינעס. פערד האָבען געזינקען אין טײַכען בלוט. הויפענווײַז זענען געלעגען אַ לאַנגע צײַט די טויטע קערפּער און געדיענט אַלס צוימען אַרום אַדריאַנוס׳עס ווײַנגערטנער. און זיבען יאָהר דורכאַנאַנד האָבען די רוימער נישט געמיסטיגט זײַערע ווײַנגערטנער, אַזוי פעט זענען זיי געווען פון יודיש בלוט.

מע דערצעהלט: ביז פיער הונדערט שוהלען זענען געווען אין דער גרויסער שטאדט ביתר און אין יעדער שוהל האבען זיך געפונען ביז פיער הונדערט לעהרער, פאר יעדען פון זיי זענען געזעסען ביז פיער הונדערט תלמידים, איז ווען א שונא אהין אריינגעקומען, האבען זיי איהם דערשטאכען מיט די טייטלען. און אז דער שונא האט זיך אריינגעריסען אין שטאדט און זי חרוב געמאכט, האט ער זיי אלע, די לעהרער מיט די תלמידים, איינגע־וויקעלט, אין זייערע ספרים און זיי צוזאמען פערברענט.

## ווי דער שונא איז זיך נוקם אין יודען.

איינמאל איז א יוד געגאנגען פערביי דעם רוימישען קעניג אדריאנום און האט איהם בעגריסט.

— ווער ביסטו? — פרעגט איהם דער קעניג.

— א יוד.

— א יוד—זאגט אדריאנום אויפגעבראכט—און דערוועגט זיך פערביי־געהן דעם קעניג און בעגריסען איהם? קעפען זאל מען איהם!

געהט פערביי א צווייטער יוד, געזעהן דעם סוף פונ׳ם ערשטען, האט ער דעם קעניג נ י ט בעגריסט.

— ווער ביסטו? — שטעלט־אפ אדריאנום אויף דעם יודען.

— א יוד.

— א יוד און דערוועגט זיך געהן פערביי אדריאנוס׳ען און איהם נישט בעגריסען? קעפען זאל מען איהם!

בלייבען די שרים שטעהן פערוואונדערט: וואס זאל דאס בעדייטען—פרעגען זיי דעם קעניג—פאר יא בעגריסען—קעפען, פאר נישט בעגריסען—אויך קעפען!

דער קעניג צולאכט זיך און זאגט:

— וואס, מיך ווילט איהר לערנען ווי אזוי אומצובריינגען מיינע שונאים?

און אויף דעם שרייעט און קלאגט ביטער דער מקונן: „זעה, אוי גאט, וואס איז מיין פערברעכען... ווי וויים דער שונא טראכט נור אין מיר זיך נוקם צו זיין!"

## פונ׳ם פאטערס פלייש.

אדריאנוס דער רשע האט אוועקגעשטעלט פאסטען אין דריי פונקטען: איינע אין חמת, איינע אין דארף לקטיא און איינע אין בית־לחם, מיט דער רעכנונג, אז אויב עמיצען פון יודען וועט געראטען צו אנטלויפען פון איין פונקט זאל מען מען איהם איבערחאפען אויף די איבריגע. און אין דער זעלבער צייט האט אדריאנוס געלאזט אויסרופען: „יודען מעגען פריי ארוים

פון זייערע בעהעלטעניִשען, קיין בעז וועט זיי ניִשט געשעהן". די יודען וואָס האָבען פערשטאַנען דעם מיין דערפון—האָבען זיך ניִשט אַרויסגעוויזען, און די וואָס האָבען זיך געלאָזט אָפּנאַרען, זיינען אַרויס און דער שׂונא האָט זיי גלייך אויפגעחאַפּט. טרייבט מען צונויף אַלע געפאַנגענע אין איין טהאָל בית־רמון. מעלדעט מען פון דעם אַדריאַנוס'ען ווען ער האָט זיך געזעצט צום טיש, ניט ער אַרויס אַזאַ בעפעהל: ביז איך וועל אָפּעסען דעם שפּיין קוכען מיט דער פּולקע הוהן זאָל ניִשט בלייבען איינער פון די יודען שטעהן אַ לעבעדיגער אויף די פיס. בעפאַלען גלייך די רוימישע לעגיאָנען אויף די די יודען, טוידטען זיי אויס ביז איינעם און יודיש בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז.

די בעהאַלטען געבליבענע אין די הייהלען—פלעגען אַרויסגעהן ביי־נאַכט, יעדע נאַכט איינער פון זיי, נאַכשפּורען דעם ריח פון אַ טויטען קערפּער, ברייגנען איהם אין הייהל און שטילען מיט זיין פליישׁ דעם הונגער. איינמאָל איז אַרויסגעגאַנגען אַ יונגערמאַן און געפונען דעם טויטען קערפּער פון זיין אייגענעם פאָטער. בעהאַלט ער איהם ערגיץ אין אַ ווינקעל, לעגט אויף איהם אַ סימן, און קעהרט זיך איהם צוריק מיט גאָרניִשט. שיקט מען אַן אַנדערען, געהט יענער און ברייגנט. נאָכ'ן עסען פרעגט מען איהם: פון וואַנען האָסטו בעקומען דעם הרוג? ענטפערט ער: פון יענעם און פון יענעם ווינקעל.

— און וואָס פאַר אַ סימן איז געווען אויף איהם? — פרעגט דער יונ־גערמאַן אַ דערשראָקענער.

— אַזעלכער און אַזעלכער.

— אוי און וועה איז מיר! — שרייעט־אויס דער יונגערמאַן און ברעכט די הענד — פונ'ם פאָטער'ס פליישׁ האָב איך געגעסען...

## דאָס ציטעריגע קינד.

דואָג בן יוסף איז איבערגעבליבען נאָך זיין פאָטערס טויט אַ ציטעריג קינד ביי זיין רייכער מוטער. אַלע טאָג פלעג זי איהם אויסמעסטען און איבערוועגען, און זיין וואָג גאָלד אַוועקשענקען אין בית־המקדש. און אַז דער שׂונא איז בעפאַלען די שטאָדט און דער הונגער איז דאָרט געוואָרען גרויס, האָט זי איהר קינד מיט אייגענע הענד געקוילעט און אויפגעגעסען זיין פליישׁ.

און אויף דעם יאָמערט און קלאָגט דער מקונן: „צי איז געהערט געוואָ־רען אַז פרויען זאָלען עסען זייערע מוטערליכע פרוכט, אייגענע קינדערליך געמאָסטענע און געוואויגענע!"

## אינ'ם שוים פונ'ם ים.

פיער הונדערט יודישע יונגליך מיט מיידליך האָט דער שׂונא געפאַנגען

און צוזאַמען זיי געפירט אין אַ שיף פערקויפען זיי צו שאַנד. דערשפירט דעם שענדליכען מיין פון זייערע פאַנגער, פערפירען זיי אויפ׳ן וועג צווישען זיך אַזאַ שמועס: ווען, אַ שטייגער, מיר וואַרפען זיך אַריין אין ים, קענען מיר נאָך האָפען אויף עולם־הבא? דער עלטסטער צווישען זיי האָט געענטפערט אויף דעם מיט אַ פסוק פון תהלים אויסגעטייטשט אַזוי: „גאָט האָט געזאָגט — פון דעם לייב׳ס ציינער וועל איך אייך צוריקרייסען, אַרויסהויבען וועל איך פון ים־טיפענישען״. דערהערט דאָס, טראַכטען נישט די מיידליך און וואַרפען זיך אַלע אַריין אין ים. און קוקענדיג אויף זיי האָבען דאָס זעלבע באַלד נאָכגעטהון די יונגליך.

## אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

דעם כהן־גדול ישמעאל בן אלישע׳ס צוויי יונגע קונדער, אַ זוהן מיט אַ טאָכטער, זענען אַריינגעפאַלען אין געפענגעניש צו צוויי רוימער. טרעפט זיך אַז די ווירטהען פון די צוויי קינדער זענען זיך ביידע צוזאַמענגעקומען. דערצעהלט איינער: „איך האָב אַ קנעכט אַזאַ שעהנעם, וואָס זיין גלייכען איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט״. — „און איך האָב אַ דינסט — בערימט זיך דער צווייטער — וואָס די גאַנצע וועלט האָט נאָך אַזאַ שעהנהייט נישט געזעהן״. בלייבט ביי זיי: חתונה מאַכען די צוויי יודישע געפאַנגענע איינעם פאַר׳ן אַנדערען און מיט די שעהנע קינדער פון דעם פאָר־פאָלק וועט מען זיך טהיילען. פירט מען דאָס פּאָרל צונויף אין אַ פינסטערען צימער. זיצען זיי פעראומערטע און פערטרויערטע, יעדער אין זיין ווינקעלע. דער קלאָגט: איך אַ כהן, אַ זוהן פון כהנים גדולים, זאָל חתונה האָבען פאַר אַ דינסט! און זי קלאָגט: איך אַ כהנת, אַ טאָכטער פון כהנים גדולים, זאָל חתונה האָבען פאַר אַ קנעכט! וויינען זיי אַזוי אָפּ אַ גאַנצע נאַכט. ווי ס׳האָט נור אָנגעהויבען טאָגען האָבען זיי זיך דערקענט, פאַלען זיי איינער דעם אַנדערען אויפ׳ן האַלז און פערגעהען זיך אין אַ געוויין ביז די נשמה איז זיי אויסגעגאַנגען.

## צפנת בת פניאל.

איינע אַ פרוי, אַ זעלטענע שעהנהייט און אַ גרויסע מיוחסת, די טאָכטער פונ׳ם כהן גדול, צפנת בת פניאל, איז אַריינגעפאַלען אין געפענגעניש צו אַ רוימער, האָט ער זיך איבער איהר לוסטיג געמאַכט אַ גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגען האָט ער איהר אָנגעטהון זיבען רעק און זי אַרויסגעפירט אין מאַרק, צו פערקויפען. קומט־צו איינער, זעהר אַ מיאוסער, און זאָגט: אַנו בעוויין נור מיר איהר שעהנקייט!

— דו קערל — זאָגט דער פערקויפער — ביסטו אויף איהר אַ בעלן, רעד נישט און קויף, אַזאַ שעהנהייט האָט נאָך די וועלט נישט געזעהן.

— פאָרט!

הייסט מען און זי ציהט פון זיך אַראָפּ מיט ציטערענדע הענד אַ קלייד נאָך אַ קלייד. געקומען צום לעצטען, רייסט זי דאָס פון זיך אַראָפּ און גיט זיך אַ וואָרף אויף דער ערד: „רבונו־של־עולם! — שרייט זי אויס אין גרויסע אַנגסטען — האָסטו אויף אונז קיין רחמנות נישט, אָבער אויף דיין הייליגען גרויסען נאָמען ווי דערבאַרעמסטו זיך נישט?"

## די ציטעריגע.

אַ יונג יודיש מיידעל פון אַ זעהר רייכער פאַמיליע איז אַריינגעפאַלען אין געפענגעניש, זי מיט איהרע צעהן דינסטען. זענען זיי אַלע אָנגעקומען צו אַ גוי אין הויז. איינמאָל דערלאַנגט ער דעם מיידעל אַ קרוג און הייסט איהר ברייגנען וואַסער; לויפט־צו איינע פון די דינסטען און נעהמט־אַוועק ביי איהר די קרוג.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער גוי פערוואונדערט.

— אַך, האַר מיינער — ענטפערט די דינסט — זאָלסט וויסען פון וואָס פאַר אַ הויז זי קומט, ווי ציטעריג זי איז געווען ביי איהר מוטער! איך בין דאָך איינע פון איהר מוטער'ס פינף הונדערט דינסטען.

דערהערט דאָס האָט דער גוי אָפּגעלאָזט פריי זי מיט איהרע צעהן דינסטען.

## גאָט'ס צאָרן.

אַ אַנדער יודיש מיידעל איז אויך אָנגעקומען פון געפענגעניש צו אַ גוי; האַלט זי זיך אויף ביי איהם אין הויז, און איז שטענדיג שטיל און טרויעריג. וועקט זיך אויף ביי'ם גוי דאָס האַרץ. ביינאַכט חלומ'ט זיך איהם ווי עמיצער הייסט איהם: לאָז זי אָפּ פריי אַהיים. דערצעהלט ער דעם חלום זיין פרוי, זאָגט זי: מאַך זיך נישט דערפון. די צווייטע נאַכט חלומ'ט זיך איהם ווידער: „לאָזטו זי נישט אָפּ פריי וועסטו שטאַרבען!" הערט ער נישט זיין פרוי און לאָזט־אָפּ דאָס יודיש מיידעל פריי. און אַליין געהט ער שטי־לערהייד איהר נאָך און טראַכט זיך: איך וויל זעהן וואָס מיט איהר וועט געשעהן.

אויפ'ן וועג זעהט ער ווי זי טרעט־אָפּ אין אַ זייט אין פעלד צו אַ ברו־נען און לאָזט זיך אַהין אַראָפּ צו שטילען איהר דאָרשט. ווי זי האָט זיך נור אָנגעשפּאַרט אויפ'ן ווענטיל פונ'ם ברונען איז אַרויס אַ גיפטיגער שלאַנג, זי אַ ביס געטהון און דאָס מיידעל איז אַריינגעפאַלען אין ברונען. געהט ער צו, דערזעהט ער זי אַ טויטע שווימען אויפ'ן וואַסער. נעהמט ער זי פון דאָרט אַרויס, גראָבט־אויס אין פעלד אַ קבר און בעהאַלט זי.

געקומען צוריק אַהיים זאָגט ער צו זיין פרוי: װעהסטו אָט דאָס פאָלק, נור זייער גאָט אַליין גיסט־אויס אויף זיי זיין צאָרן!

# נַקְדִימוֹן בֶּן־גוּרְיוֹן׳ס טאָכטער.

נַקְדִימוֹן בֶּן גוריון איז געװען איינער פון די רייכסטע און פאָרנעהמסטע לייט אין יְרוּשָׁלַיִם. אַלע טאָג װען ער פלעג געהן אין בֵּית־הַמִדְרָשׁ, פלעגען זיינע בעדיענער אויסשפּרייטען אונטער איהם דעם װעג מיט זיידענע טעפּי־כער און אָרומע־לייט זענען געגאַנגען נאָך איהם, צונויפגעװיקעלט דאָס זיי־דענס און פאַר זיך גענומען. נאָך זיין טויט, האָבען דַיָינִים בעשטימט פאַר זיין טאָכטער פיער הונדערט גילדען אַ טאָג נור אויף בְּשָׂמִים אַליין; איז זי נאָך נישט געבליבען דערמיט צופרידען און זי געזאָגט: „נישט מעהר זאָלט איהר איהר פאַר אייערע טעכטער בעשטימען”. האָבען יענע אויף דעם גע־ענטפערט: אָמֵן, הַלְוַאי!

און נאָכ׳ן חוּרְבָּן איז איינמאָל ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי געריטען אויפ׳ן עזעל פון יְרוּשָׁלַיִם אַרויס, און זיינע תַּלְמִידִים זענען איהם נאָכגעגאַנגען. זעהט ער אַ אָרום אָפּגעריסען מיידעל קלויבט־אויף גערשטען־קערנער פונ׳ם קויט אַרויס אונטער די פיס פון די אַראַבישע פערד. װי זי האָט איהם דערזעהן האָט זי זיך איינגעהילט אין איהרע צולאָזענע האָר און צו איהם צוגעגאַנגען.

— רַבִּי — זאָגט זי איהם—איך האָב נישט װאָס צו עסען.

פרעגט ער זי: װער ביסטו ,טאָכטער? שװייגט זי.

פרעגט ער זי איבער: טאָכטער, זאָג װער ביסטו? ענטפערט זי: איך בין די טאָכטער פון נַקְדִימוֹן בֶּן גוריון.

— װאו איז היגגעקומען דיין פאָטער׳ס פערמעגען?

— געלד זאָלצט מען נישט איין—ענטפערט זי.

— און דיין שװער׳ס פערמעגען?

— נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער׳ס. אַך רַבִּי, געדענקסטו, אז דו האָסט זיך געחתמ׳עט אויף מיין כְּתוּבָּה?

ר׳ יוֹחָנָן האָט זיך געװענדעט צו זיינע תַּלְמִידִים און געזאָגט: יאָ, איך געדענק, אַ מיליאָן גאָלדענע רענדליך איז איהר געװען אָפּגעשריבען אין דער כְּתוּבָּה פונ׳ם פאָטער׳ס צד, אויסער דעם שװער׳ס.

און ר׳ יוֹחָנָן האָט זיך צום סוף צעװיינט און אויסגעלאָזט:

— אוי יודישע קינדער, אַז־װאויל איז זיי װען זיי טהון גאָטס רָצוֹן; קיין אוּמָה וְלָשׁוֹן האָט אויף זיי דעמאָלט קיין שְׁלִיטָה נישט. װען אָבער זיי טרעטען־איבער זיין רָצוֹן—גיט ער זיי איבער צו אַ נידעריגער אוּמָה אין די הענד, און נאָך ערגער: צו דער בְּהֵמָה פון אַ נידעריגער אוּמָה!

# גאָט'ס טרויער.

ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זאָגט: נאָכ'ן חורבן האָט גאָט צוזאַמענגערופען די מַלְאָכִים און זיי געפרעגט: אַ קעניג, אַ בָּשָׂר־וָדָם, ווען ער טרויערט אויף אַ מֵת וואָס איז איהם שטאַרק ליעב געוועזען, ווי איז ער זיך נוֹהֵג? ענטפערען זיי: ער לאָזט אַרויסהייַנגען אַ שוואַרצען געוואַנד פאַר דער טהיר.

— טהו איך דאָס אויך — זאָגט גאָט:

„איך ציה־אָן די הימלען דונקעל־שוואַרץ
און אַ זאַק מאַך איך זייער דעק".

— און וואָס נאָך טהוט ער? — פרעגט ער ווייַטער בייַ די מַלְאָכִים.

— ער לאָזט אויסלעשען די לייַכטער.

— טהו איך דאָס:

„זוהן און לבנה ווערען פינסטער,
דער גלאַנץ פון שטערען אויסגעלאָשען".

— און וואָס נאָך טהוט ער? — פרעגט ער ווייַטער.

— ער געהט באָרוועס.

— טהו איך דאָס:

„אין ווירבעל און שטורם איז גאָטס וועג,
שטויב־אויף וואָלקענס מיט זיינע פיס־טרעט".

— און נאָך וואָס טהוט ער?

— ער צערייַסט זיין קעניגליך פורפור־קלייד.

— טהו איך דאָס:

„אויסגעפיהרט דער גזר־דין פון גאָט —
און צוריסען האָט ער זיין פורפור־קלייד".

— און נאָך וואָס טהוט ער?

— ער זיצט אין אַ ווינקעל און שווייַגט.

— טהו איך דאָס:

„אייַנזאַם זיצט ער און שווייַגט
אונטער דעם שווערען לאַסט פון זיין טרויער".

רַב אַחָא זאָגט: חָרוּב איז געוואָרען דער בֵּית־הַמִקְדָּשׁ, וויסט איז דער הַר־הַבַּיִת, די שְׁכִינָה קען זיך אָבער פון דאָרט נישט אָפּרייַסען, און קיינמאָל טרעט זי נישט אָפּ פונ'ם כּוֹתֶל מַעֲרָבִי:

„אָט שטעהט זי אונטער אונזער וואַנד,
קוקט דורך די שפּאַלטען אַרויס".

---

ר' יוֹסִי דערצעהלט: אייַנמאָל געהענדיג אין וועג בין איך אַריין אין אַ חוּרְבָּה אין יְרוּשָׁלַיִם מִתְפַּלֵל צו זיין פאַר גאָט. הער איך ווי אַ בַּת־קוֹל ברומט פון דאָרט אַרויס ווי אַ טויב און זאָגט אין דער שטיל:

וועה איז מיר,
פערוויסט האב איך מיין הויז,
פערברענט האב איך מיין פאלאץ,
און פערטריבען מיינע קינדער
צווישען ווילד-פרעמדע.

## „מְנַחֵם".

אינ'ם טאג פונ'ם חורבן איז געבוירען געווארען דער גואל [1].

ערגיץ וויים פון ירושלים איז געשטאנען איינער א דארפסמאן אין פעלד און געאקערט. גיט זיין קוה א ברום. דערהערט עס א פערביינגע-הענדער אראבער, שטעלט ער זיך אפ און פרעגט דעם דארפסמאן: ווער ביסטו?

— א יוד בין איך — ענטפערט יענער.

— היי, דו יוד, שפאן-אויס דיין קוה, בינד-אפ דיין אקער-אייזען.

— וואס איז דען?

— דער יודישער בית-המקדש איז ערשט חרוב געווארען.

— פון וואנען ווייסטו דאס? — פרעגט דער יוד א דערשראקענער?

— פון דיין קוה'ס ברום ווייס איך עס.

דערווייל גיט די קוה נאכאמאל א ברום. רופט זיך אן דער אראבער:

— היי, דו יוד, שפאן-איין צוריק דיין קוה, בינד-צו ווידער דיין אקער-אייזען, ערשט איז דאך געבוירען געווארען משיח, דער יודישער ערלעזער.

— ווי איז זיין נאמען — פרעגט דער יוד.

— מְנַחֵם הייסט ער.

— און זיין פאטער'ס נאמען?

— חִזְקִיָהוּ.

— און וואו געפונט ער זיך?

— אין דארף בִּירַת-עַרְבָא, נעבען בֵּית-לֶחֶם יְהוּדָה.

געהט-אוועק דער יוד, פערקויפט זיין קוה, פערקויפט זיין אקער-אייזען און ווערט א הענדלער פון געוואנד פאר קינדער. לאזט ער זיך אין וועג, לאנד-איין לאנד-אויס, שטאדט-איין שטאדט-אויס, ביז ער קומט אהין אין יענעם ארט. קומען ווייבער פון אלע ארומיגע דערפליך, איינקויפען ביי איהם געוואנד פאר זייערע קינדער. נור איין פרוי, מְנַחֵם'ס מוטער, האט גאר נישט געקויפט. הערט דער הענדלער ווי ווייבער שרייען אויף א קול: מְנַחֵם'ס מוטער, מְנַחֵם'ס מוטער! געה קויף-איין געוואנד פאר דיין זוהנדיל.

— הַלְוַאי וואלט ער, שׂוֹנֵא צִיוֹן, דערווארגען געווארען—ענטפערט יענע.

---

[1] ערלעזער, משיח.

— וואָס האָסטו צו איהם? — פרעגען די ווייבער.

— אין'ם טאָג פון זיין געבוירען איז דאָך דער בית־המקדש חרוב געוואָרען.

רופט זיך אָן דער יוד:

— גלויב מיר, טאָכטער, מיט איהם איז ער חרוב געוואָרען און דורך איהם וועט ער, אם ירצה השם, צוריק אויפגעבויט ווערען. נעהם קויף פאַר איהם.

— איך האָב אָבער קיין געלד נישט — זאָגט די מוטער.

— עס מאַכט נישט אויס, נעהם אויף בּאָרג; אַן אַנדערסמאָל, ווען איך וועל ווידער קומען, וועסטו מיר בּעצאָהלען.

אין אַ צייט אַרום קומט דער הענדלער ווידער אין יענעם אָרט. קלערט ער זיך: מע דאַרף געהן זעהן וואָס מאַכט יענס קינד. קומט ער צו דער מוטער און פרעגט זי: וואָס מאַכט עפּים דיין קינד?

— ניטאָ איהם! — ענטפערט די מוטער — באַלד נאָך דיין אַוועקגעהן זענען אָנגעקומען אַזעלכע ווינטען און שטורעמס, בּיי מיר פון די הענד איהם אויסגעכאַפּט, און מיט איהם אינאיינעם פערשוואונדען געוואָרען—און ניטאָ איהם!

## דאָס געוויין בּיינאַכט.

„ציון וויינט און וויינט בּיינאַכט" — זי וויינט, און אויף איהר קוקענדיג וויינט אויך גאָט בּרוך־הוא; די הייליגע מלאָכים וויינען מיט איהר; הימעל און ערד, בּערג און טהאָלען וויינען מיט איהר.

„בּיינאַכט וויינט זי"—וויינט ווער בּיינאַכט לאָזט זיך זיין געוויין שטאַר־קער הערען און עס האַפּט־אָן בּיי'ם האַרצען און מע וויינט מיט איהם צוזאַמען; וויינט ווער בּיינאַכט—וויינען מיט איהם שטערען און מזלות.

רבּי האָט געלייענט די קינות. געקומען צום פּסוק: „אַראָפּגעשליידערט פון הימעל אויף דער ערד יודישער פּראַכט"—האָט זיך איהם די האַנד אָפּגע־לאָזט און דער ספר האָט זיך אַרויסגעגליטשט, און טיעף פונ'ם האַרצען האָט ער דערבּיי אַ קרעכץ געטהון: אוי, פונ'ם העכסטען דאַך אין דער טיעפס־טער גרוב!...

## זינט דער בּית־המקדש איז חרוב געוואָרען.

זינט דער בּית־המקדש איז חרוב געוואָרען בּעווייזט זיך נישט בּיי גאָט בּרוך־הוא קיין פרעהליכע מינע און מע זעהט נישט דעם הימעל אַ לויטערען.

ר' אלעזר זאָגט: זינט דער בּית־המקדש איז חרוב געוואָרען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ אייזערנע וואַנד צווישען יודען און צווישען זייער פאָטער אין הימעל.

ר׳ יְהוֹשֻׁעַ זאָגט: זינט דער בֵּית־הַמִּקְדָשׁ איז חָרוּב געוואָרען געהט נישט פאַראיבּער קיין טאָג אָהן אַ צָרָה.

ר׳ פִּנְחָס בֶּן יָאִיר זאָגט: זינט דער בֵּית־הַמִּקְדָשׁ איז חָרוּב געוואָרען געהען־אַרום די געלערנטע ווי פערשעמטע און די אַרעל־לייט מיט אַראָפּגע־לאָזענע קעפּ, וואָהלטעהטיגע ווערען אַלץ דערנידעריגטער און די גע־וואַלטהוער און די בּרייטע מיילער זענען פון אויבּען; ניטאָ וואוהין זיך צו קעהרען, צו וועמען זיך ווענדען, קיינעם אַרט נישט, קיינער קוקט זיך נישט אום, אויף וועמען־זשע איז אונז געבּליבּען זיך אָנצולעהנען? — אויף דעם איינציגען פאָטער אין הימעל אַליין.

# טרעסט.

פיער גרויסע תַּנָאִים זענען געגאַנגען אין וועג קיין רוים: רַבָּן גַּמְלִיאֵל, ר׳ אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲזַרְיָה, ר׳ יְהוֹשֻׁעַ און ר׳ עֲקִיבָא. נאָך געוועזען ווייט פון דער שטאָדט אויף אַ שטרעקע פון הונדערט צוואַנציג מֵיל דערהערען זיי שוין דעם פרעהליכען זידיגען גאַסען־רויש פון רוים. הויבּען־אָן די ערשטע דריי צו וויינען, נור איין ר׳ עֲקִיבָא לאַכט.

— וואָס לאַכסטו — פרעגען זיי איהם.

— און איהר, וואָס וויינט איהר? — פרעגט ער זיי.

— ווי זאָלען מיר נישט וויינען — זאָגען זיי — אַז מיר זעהען ווי די היידען, וואָס בּיקען זיך צו אָבּגעטער און דעמפּפען פאַר געצען, זיי זיצען זיך אַזוי רוהיג און געזיכערט, און מיר — אונזער בֵּית־הַמִּקְדָשׁ, דאָס פוס־בּיינקעלע פון אונזער גרויסען גאָט, ליגט פערבּרענט אין אַש.

— דערפאַר טאַקי — זאָגט ר׳ עֲקִיבָא — לאַך איך. אויב זיי, די פערזינ־דיגטע פאַר גאָט, לעבּט זיך אַזוי, ווי וועט שוין זיין מיט די וואָס טהוען זיין ווילען?

די זעלבּע תַּנָאִים האָבּען איינמאָל נאָכ׳ן חורבן, זיך געלאָזט געהן קיין יְרוּשָׁלַיִם. געקומען צו׳ם הַר־הַצוֹפִים [1], האָבּען זיי אויף זיך קְרִיעָה געריסען. געקומען נאָהענטער צו׳ם הַר־הַבַּיִת, דערזעהען זיי אַ שאַקאַל שפּרינגט־אַרויס פון דעם אָרט וואו ס׳איז געווען דער קֹדֶשׁ־קָדָשִׁים [2], הויבּען־אָן יענע דריי צו וויינען, און ר׳ עֲקִיבָא לאַכט. פרעגען זיי איהם: וואָס לאַכסטו?

— און איהר, פאַר וואָס וויינט איהר?

— ווי זאָלען מיר נישט וויינען, אַז דאָס הייליגסטע אָרט אונזערס, וואו קיין בֶּן־אָדָם, אויסער דעם כֹּהֵן גָדוֹל, האָט קיינמאָל נישט געטאָרט אַהין איינטרעטען, — דאָרטען שפּאַצירען איצט פריי אַרום שאַקאַלען.

[1] אַ בּאַרג אונטער ירושלים, וואָס פון דאָרט זעהט מען אַרוים די שטאָדט.

[2] דאָס הייליגסטע אָרט אין בית־המקדש.

— דערפאַר טאַקי לאַך איך — זאָגט ר׳ עֲקִיבָא — צוויי נְבוּאוֹת פערבינדענע צוזאַמען זענען געזאָגט געוואָרען, איינע פון שטראָף: „צִיוֹן וועט אויף פעלד צואַקערט ווערען, פון יְרוּשָׁלַיִם — ווּעלען וויסטע בערגליך ווערען, און דער הַר־הַבַּיִת מיט ווילדען וואַלד בעוואַקסען”; די צווייטע פון טרעסט: „עס וועלען נאָך זיצען זְקֵנִים און זְקֵנוֹת אין די גאַסען פון יְרוּשָׁלַיִם, יעדער מיט זיין שטעקען אין האַנד, אָנגעלאָדענע מיט יאָהרען; און יונגע קינדערליך, יונגעליך מיט מיידעליך, וועלען אַקעגען זיי פרעהליך זיך שפּיעלען און אָנפּולען מיט זייער פרעהליכען געלעכטער די גאַסען”. איידער די ערשטע נְבוּאָה איז מְקוּיָם געוואָרען, האָב איך אַלץ מוֹרָא געהאַט טאָמער וועט די צווייטע אויך נישט מְקוּיָם ווערען, איצט אַז די ערשטע איז שוין ערפולט, מעג מען זיכער זיין אַז די צווייטע וועט אויך ערפולט ווערען.

אויסגעהערט ר׳ עֲקִיבָא׳ן, האָבען זיינע חֲבֵרִים איהם געזאָגט מיט די ווערטער:

— עֲקִיבָא, דו האָסט אונז געטרעסט! עֲקִיבָא, דו האָסט אונז געטרעסט!

# רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח.

## די בענייטע סַנְהֶדְרִין.

נאָכדעם ווי יַנַאי דער ערשטער [1]) האָט אומגעבראַכט די גרעסטע יודישע געלעהרטע [2]), איז די גאַנצע יודישע וועלט געווען ווי צעטומעלט; די צְדוּקִים, די ביטערע שׂוֹנְאִים פון די פְּרוּשִׁים, האָבען אומעדום בעקומען די אויבערהאַנד — ביז שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח איז געקומען און האָט צוריק אַוועקגעשטעלט די תּוֹרָה אויף איהר אַלטען שטייגער.

צום ערשטען האָט ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח זיך גענומען אויסרוימען די צדוקים פון די סַנְהֶדְרִין, און אויסגעפיהרט האָט ער עס אויף אַזאַ אופן: אין דער סַנְהֶדְרִין, וואָס איז צו יענער צייט בעשטאַנען אויס לויטער צדוקים, פלעג זיצען דער מֶלֶךְ אַלֶכְּסַנְדֶר-יַנַאי און נעבען איהם די מַלְכָּה שְׁלוֹמִית, און אויך דער איין-און-איינציגער פון די פְּרוּשִׁים — ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח, דער מַלְכָּה׳ס ברודער. געוועהנליך, פלעגען אָפט פאָרקומען אין סַנְהֶדְרִין פערשיעדענע פראַגען פון אַלערליי דִינִים, האָבען די סַנְהֶדְרִין לייט אין אַזעלכע פאַלען נישט געוואוסט ווי אויסצודרינגען דעם אֱמֶת׳ן דין מיט בעווייזען פון דער תּוֹרָה [3]). רופט זיך אָן ר׳ שִׁמְעוֹן בן שטח: עס דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערען, אַז פאַר דער סַנְהֶדְרִין זאָל רָאוּי [4]) זיין נור דער, וואָס קען אויסווייזען יעדען דין פון דער תּוֹרָה; דער אָבער וואָס קען דאָס נישט בעווייזען איז פאַר איהם אין סַנְהֶדְרִין קיין פלאַץ נישט. טרעפט זיך דערנאָך ווידער אַ פאַל וואו סַנְהֶדְרִין-לייט, נישט וויסען ווי אויסצודרינגען דעם דין פון דער תּוֹרָה, האָבען געשוויגען. נאָר איינער פון זיי האָט זיך אַרויסגעשטעלט געגען שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח און עפּעס געפּלאַפּעלט: „גיב מיר — זאָגט ער — אַ טאָג צייט, מאָרגען וועל איך שוין דיר בריינגען אַ קלאָרע תְּשׁוּבָה". אויף מאָרגען האָט ער שוין אָבער זיך געשעמט ווייזען אין סַנְהֶדְרִין, ווייל ער האָט

---

[1]) יוחנן-הורקנוס. [2]) זעה אויבען ז׳ 15. [3]) די צדוקים וואָס האָבען נישט געהאַלטען ווי די פרושים פון תורה שבעל-פה (מינדליכע טראַדיציאָן) פלעגען זיך האַלטען נור ביים בוכשטעבליכען זינן פון דער תורה. [4]) האָט די ווערטה.

אין דער תּוֹרָה נישט געקענט אויסזוכען די נייטיגע בעווייזען. האט ר' שמעון בן שטח באלד אויף זיין ארט אין סנהדרין אוועקגעזעצט איינעם פון די פרושים. „די סנהדרין — האט ער געזאגט — מוז דורכאויס בעשטעהן פון איין און זיבעציג מאן, נישט ווענינער". דאס נעמליכע איז פארגעקומען אויך מיט די איבריגע — ביז די צדוקים זענען איינער נאכ'ן אנדערען אלע אויסגעביטען געווארען אויף פרושים, און אזוי ארום האט ר' שמעון בן שטח אויסגעפיהרט צו האבען אזא סנהדרין ווי ער האט פערלאנגט.

און יענעם טאג, ווען די גאנצע סנהדרין איז בעשטאנען פון הוילע פרושים, האבען יודען געמאכט פאר יום־טוב.

## אנטלאפען און צוריקגעקומען.

קיין ירושלים זענען איינמאל אנגעקומען דריי הונדערט נזירים [1] מיט דער דעה דארט צו ברייננגען ניין הונדערט קרבנות. פאר האלב פון זיי, פאר הונדערט פופציג מאן, האט ר' שמעון געפונען א געזעצליכען אויסגאנג [2] און זיי בעפרייעט פון קרבנות. פאר די איבעריגע האט ער נישט געפונען. קומט ער צום קעניג ינאי און זאגט איהם: עס זענען אנגעקומען דריי הונ־דערט נזירים, דארפען זיי ברייננגען ניין הונדערט קרבנות, פערמאגען זיי נישט. שענק־זשע זיי דו איין העלפט און איך די צווייטע — און לאזען זיי אויספולען זייער חוב. פאלגט איהם ינאי און שענקט העלפט קרבנות. קומט מען דערנאך פאר ינאי'ן און מע רעדט־אן אויף שמעון בן שטח: זיי וויסען, אז שמעון בן שטח האט דיך אבגענארט. אלע קרבנות זענען נור דעם קע־ניג'ס; ער אליין אבער האט גאר נישט געגעבען. איז ינאי געווארען שטארק אויפגעבראכט. דערוואוס זיך דערפון ר' שמעון בן שטח, דערשרעקט ער זיך און אנטלויפט.

אין א צייט שפעטער, אויף א מאהלצייט ביים קעניגליכען טיש, האבען זיך געפונען צווישען די געסט, אויך פארנעהמע לייט פון פערסישער מלוכה. רופען זיי זיך אפ צו ינאי'ן: הער קעניג, עס געדענקט זיך אונז, אז דא ביי'ם קעניגליכען טיש איז תמיד געווען איינער א זקן, פלעגט ער אונז זאגען קלוגע ווערטער פון דער תורה. האט ינאי געהייסען זיין פרוי שלומית, רבי שמעון'ס שוועסטער, וועלכע האט געוואוסט וואו איהר ברודער בעהאלט זיך, זי זאל שיקען נאך איהם, ער זאל קומען צוריק. זאגט זי צו איהם: שווער

---

[1] נזיר — אן אבגעשיידטער, אן איינגעהאלטענער — דער וואס נעמהט אויף זיך א געוויסע צייט זיך אפצוהאלטען פון וויין, פון גאלען זיך און פון טומאה. לויט'ן דין מוז יעדער נזיר ברייננגען דריי קרבנות. [2] א מיטעל ווי אויפצובינדען זיי פונ'ם נדר, דורך וואס זיי ווערען בעפרייט פון קרבנות.

מיר, אז דו וועסט איהם ניט אָנריהרען און שיק איהם דיין קעניגליכען רינג— וועט ער קומען. האָט ינאי אזוי געטוהן און ר' שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח איז צוריקגעקומען.

פרעגט איהם דער קעניג:

— צו וואָס ביסטו אנטלאָפען?

— כ'האָב געהערט — ענטפערט ער — אז דער קעניג איז אויף מיר אויפגעבראַכט, האָב איך מוֹרא געהאַט, זאָלסט מיך נישט טויטען, און געטהון ווי אין פָּסוּק שטעהט: „בעהאַלט זיך אַ קליינע ווייַלע, ביז דער צאָרן וועט פאַראיבער".

— און פאַר וואָס האָסטו מיך אויסגעלאַכט?

— חָלִילָה! — ענטפערט ר' שִׁמְעוֹן — איך בין דאָס גאָר ניט אויסען געווען. דו האָסט געשטיצט די נזירים מיט דיין געלט, און איך — מיט מיין תּוֹרָה. איז אויסגעקומען גלייך אויף גלייך, ווי עס ווערט געזאָגט: „ווער אין שאָטען פון חָכְמָה—ווער אין שאָטען פון געלט".

— פאַר וואָס־זשע האָסטו דאָס מיר נישט דערצעהלט באַלד?

— ווען איך דערצעהל דיר באַלד, ווער ווייסט צי דו וואָלסט געגעבען.

זעצט איהם ינאי ביי'ם טיש צווישען זיך און צווישען דער קעניגען.

„זעה — זאָגט ער איהם — וואָס פאַר אַ כָּבוֹד איך טהו דיר אָן".

— נישט דו — ענטפערט ער — די תּוֹרָה טוהט מיר אָן דעם כָּבוֹד, ווי בֶּן־סִירָא זאָגט: „ווערסטו זי אַכטען און עהרען — באַזעצט זי דיך צווישען הערען".

— הערסט! — רופט זיך אָן יַנַּאי צו דער קעניגען — ער האָט גאָר פאַר קיינעם קיין אָבשיי ניט!

## יַנַּאי פאַר שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח'ס געריכט

איינמאָל האָט דעם קעניג יַנַּאי'ס אַ קנעכט געהרג'עט אַ מענשען. האָט ר' שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח דער נָשִׂיא פון די סַנְהֶדְרִין איהם געהייסען אַרויסרופען פאַר'ן געריכט. שיקט מען צו'ם קעניג יַנַּאי: „דיין קנעכט האָט געטויט אַ מענשען". שיקט ער אַוועק דעם קנעכט פאַר'ן געריכט. באַפוילט מען איהם ווייטער: „לויט'ן דין פון דער תּוֹרָה מוזטו אַליין, דער אייגענטימער פון'ם פערברעכער, אויך זיך שטעלען צוזאַמען מיט איהם פאַר'ן געריכט". פאָלגט יַנַּאי און קומט. שטעלט מען איהם אַ שטוהל נעבען שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח און ער האָט זיך געזעצט. רופט זיך אָן צו איהם שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח: קעניג יַנַּאי, שטעל זיך אויף צום דין און זאָל מען די עֵדוּת געגען דיר אויסהערען — אזוי הייסט אונזער תּוֹרָה. זאָגט יַנַּאי: אזוי זאָגסט דו, וואָס זאָגען אָבער דיינע חֲבֵרִים. ווענדעט ער זיך רעכטס, לאָזען די ריכטער אַראָפּ די אויגען צו דער ערד, לינקס — אויך דאָסזעלבע. אויפגעבראַכט פון אַזאַ מַשּׂא־פָּנִים,

שרײַעט שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח אויף זײ אָן: „איהר זענט נישט אָפענהערציג, זאָל גאָט דער יוֹדֵעַ־מַחְשָׁבוֹת מיט אײַך זיך רעכנען!“—געשעהט אַ וואונדער אין אַלע ריכטער ווערען פלוצלינג נידערגעוואָרפען צו דער ערד און בלײַבען אין אָהנמאַכט. ווערט דער קעניג דערציטערט. שרײַעט ווידער אויס ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח: „שטעל זיך אויף, זאָל מען געגען דיר עֵדוּת זאָגען. נישט פאַר אונז שטעלסטו זיך אויף, נאָר פאַר דעם שעפער פון דער וועלט“. און ינאַי האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט אויף די פיס.

# קִדּוּשׁ־הַשֵּׁם.

שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח איז געווען אַ נויטבעדערפטיגער. און האָט זיך בע־שעפטיגט מיט פלאַקס. אײנמאָל האָבען די תַּלְמִידִים פאַר איהם געקויפט אַן עזעל בײַ אַן אַראַבער. געפונען זײ אויף'ן עזעל'ס האַלז פערשטעקט אַ טײַערען עדעלשטײן. רופען זײ אויס מיט אַ שִׂמְחָה: רַבִּי, גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַ כָּשֵׁר'ע מְצִיאָה, ביזט נִתְעַשֵּׁר געוואָרען! זאָגט זײ ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח: „ניין, קינדער, איך האָב געקויפט אַן עזעל, נישט קיין עדעלשטײן“. און האָט באַלד אָפּגעשיקט דעם עדעלשטײן צוריק צו'ם אַראַבער.

פערוואונדערט האָט אויסגערופען דער אַראַבער: „געלויבט זאָל זײַן דער יודישער גאָט, דער גאָט פון שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח“.

# אַכציג מְכַשֵּׁפוֹת אין אײן טאָג אויפגעהאַנגען.

ווען ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח איז געוואָרען נָשִׂיא קומט מען און מע דער־צעהלט איהם, אַז ערגיץ אין אַ הײל אין אַ וואַלד בײַ אַשקלון האַלטען זיך אויף אַכציג פרויען, זעהר שעדליכע מְכַשֵּׁפוֹת. פערזאַמעלט ר׳ שִׁמְעוֹן אין אַ נאַסען רעגענדיגען טאָג אַכציג יונגע לײַט, אַלע שעהנע פאַרשוינען פון הוי־כער וואוקס, טהײלט זײ אײן יעדען אַ נײַעם קרוג מיט אַ רײנעם צונויפגע־לעגטען מאַנטעל אינוועניג, הײסט זײ אָנטהון די קרוגען איבערגעקעהרטע אויף די קעפּ, און לאָזט זיך מיט זײ אין וועג צו דער הײל. און אָנגעזאָגט האָט ער זײ: באַלד ווי איהר וועט דערהערען פון מיר פון דער הײל אַרויס דעם ערשטען פײַף, זאָלט איהר חאַפּען אָנטהון די רײנע מאַנטלען, דעם צווײטען — זאָלט איהר זיך אַלע אַ לאָז טהון אין הײל און יעדער פון אײַך זאָל באַלד אויפחאַפּען אײן מְכַשֵּׁפָה און זי גיבען אַ הויב־אויף פון דער ערד, ווײל אַזוי איז שוין מיט אַ מְכַשֵּׁף: הויבסטו איהם אויף פון דער ערד פער־לירט ער אויף'ן שטעל זײַן מאַכט.

קומט מען צו דער הײל. הילט זיך ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח אײן אין'ם טריקענעם מאַנטעל, קלאַפּט־אָן בײַ'ם אַרײַנגאַנג און שרײַעט־אויס:

— אויים, אויים [1]! עפענט, איך בין פון אייערע.

אריינגעלאזט איהם אין הייל, גיבען איהם די מכשפות גלייך א פרעג:

— ווי קומט עס דו זאלסט פון אזא רעגען ארויס א טרוקענער?

— איך האב זיך דורכגעשלאגען צווישען די טראפענס — ענטפערט זיי ר' שמעון.

— און צי וואס ביסטו אהער געקומען?

— איינער ביי'ם אנדערען זיך לערנען! זאל יעדערע פון אייך בעווייזען וואס זי קען.

זאגט איינע א שפרונג — און ס'ווערט באלד בעשאפען זילבערנע ברויט. די צווייטע — און עס בעקומט זיך אייזערנע פלייש, די דריטע — און עס וואקסט אויס גאלדענער וויין, די פירטע — און עס בעווייזט זיך קופערנע זופ.

— זעה — זאגען זיי — וואס פאר א סעודה מיר האבען פאר דיר בעשאפען. איצט האלט עס ביי דיר, בעוויז דו וואס דו קענסט.

— איך — זאגט ר' שמעון — וועל גיבען א פייף איינס און צוויי, וועלען צו אייך אריין אכציג שעהנע, שטאלטנע יונגע־לייט, אלע איינגעהילט אין טרוקענע מאנטלען, און ס'וועט שוין זיין מיט אייך פרעהליך און לעבעדיג.

און באלד אויף דעם גיט ר' שמעון איין פייף, און די יונגען האבען געחאפט און איינגעהילט זיך אין די מאנטלען, א צווייטען — און זענען אלע מיט אמאל אריין אין הייל.

— זאל יעדער פון אייך — בעפעהלט ר' שמעון — געשווינד אויסקלויבען איינע, א פאר צו זיך.

און די אכציג מכשפות, יעדע פון זיי אויפגעחאפט פון א פאר פעסטע הענד, זענען אלע געבליבען הייגגען אין דער לופטען.

— איצט — זאגט ר' שמעון צו דער וואס האט ברויט בעשאפען — פרוב מאך נאכאמאל די זעלבע קונץ.

קען זי נישט.

— נעהם־זשע, הייננ זי אויף אויף א ביים — זאגט ר' שמעון צום בחור.

און דו ווענדט ער זיך צו דער צווייטער — פרוב נור שאף ווידער וויין.

קען זי נישט.

— הייננ זי אויף!

און אזוי ארום האט מען אויפגעהאנגען אלע אכציג מכשפות.

[1] א אויסרוף־ווארט צווישען מכשפים.

# חוני־המעגל און זיינע אייניקליך.

## חוני־המעגל בעט־אויס רעגען.

איינמאָל איז איבערגעגאַנגען דאָס רוב [1] פון חודש אָדר און קיין רעגען איז נישט געווען [2]. קומט מען צו חוני־המעגל און מע בעט איהם: טהו תפלה וועט געהן רעגען. זאָגט ער: געהט טראָגט־אַריין אין שטוב די פסח'דיגע הויוועגנס [3] זיי זאָלען פונ'ם רעגען נישט צעווייקט ווערען.

שטעלט זיך חוני־המעגל און טהוט תפלה, און קיין רעגען געהט אַלץ נישט. וואָס טהוט מען? צייכענט ער אַרום זיך אַן עיגול [4], שטעלט זיך אַוועק אינדערמיט און זאָגט אַזוי:

— רבונו־של־עולם! דיינע קינדער האָבען זיך געווענדעט צו מיר, ווייל איך בין ביי דיר ווי אַ בן־בית [5]. שווער איך ביי דיין גרויסען נאָמען, איך ריהר זיך נישט פון דעם אָרט, ביז דו וועסט זיך אויף זיי נישט דערבאַרמען.

הויבט־אָן אַ רעגען טריפען. זאָגען איהם די תלמידים: רבי, דיין געזיכט דערהאַלט אונז בייַ'ם לעבען; עס זעהט אויס ווי עס רעגענט נור כדי באַפרייען דיך פון דיין שבועה.

הויבט חוני אויף די אויגען צו'ם הימעל און זאָגט: נישט אויף דעם האָב איך געבעטען, נאָר אויף אַ רעגען וואָס זאָל אָנפולען אַלע גריבער, גראָבענס און הייליען.

נעהמט דער רעגען שמייסען מיט שטורם, גיסען ווי פון עמערס, יעדער טראָפּען אַ קוואָרט די גרויס. זאָגען איהם די תלמידים ווידער: רבי, דיין געזיכט דערהאַלט אונז בייַ'ם לעבען; עס זעהט אויס אַז ס'איז נישט קיין רעגען, נור אַ מבול אויף חרוב צו מאַכען די וועלט.

הויבט חוני ווידער אויף די אויגען צום הימעל און זאָגט: נישט אויף

[1] דער גרעסטער טהייל. [2] הודש אדר איז די צייט פון פריהיאָהר־רעגען אין ארץ־ישראל. [3] הויוועגנס לייזמענע אויפגעשטעלטע אין הויף צו בראָטען שעפסען־פלייש פון קרבן־פסח. [4] קרייז, רעדיל. [5] אַ שטוב־מענש, היימישער.

דעם האָב איך געבעטען, נאָר אויף אַ רעגען פון גוטווילען, בּרָכָה און גליק.
האָט אָנגעהויבּען דער רעגען געהן ווי געהעריג, אַזוי לאַנג בּיז דאָס וואַסער האָט געשטיגען הויך און דער עולָם אין יְרוּשָׁלַיִם האָט געמוזט זיך אויפהויבּען אויפ׳ן הַר־הַבַּיִת [1]. קומט מען ווידער צו חוֹנִי׳ן: רַבִּי, ווי דו האָסט מִתְפַּלֵל געווען אויפ׳ן רעגען, ער זאָל געהן, אַזוי בּעט איצט, ער זאָל שוין אויפהערען.
ענטפערט ער: „איך האָבּ אַפִילוּ אַ קַבָּלָה, אַז אויף צו פִיעל גוטס איז מען נישט מִתְפַּלֵל, דאָך בּרייִנגט אַהער אַן אָקס אַ דאַנק־אָפּפער". בּרייִנגט מען. לעהנט ער זיך אָן מיט בּיידע הענד אויפ׳ן אָקס, הויבּט אויף די אויגען צו׳ם הימעל און זאָגט:
— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! דייַן פאָלק יִשְׂרָאֵל, וואָס דו האָסט אַרויסגעפיהרט פון מִצְרַיִם, קען נישט אויסשטעהן נישט צופיעל גוטס, און נישט צופיעל שלעכטס. בּיסטו אויף זיי אין צאָרן—טראָגען זיי עס נישט איבּער; בּיסטו צו זיי צופיעל מילד—האַלטען זיי עס אויך נישט אויס. זאָל זייַן דייַן גוטער ווילען, דער רעגען זאָל אויפהערען און זאָל די וועלט פריי אָפּאָטהעמען.
און בּאַלד האָט אַ בּלאָז געטהון אַ ווינט—זענען די וואָלקענס צוגאַנגען און ס׳האָט אַרויסגעשייַנט די זון. האָט דער עולם זיך אַוועקגעלאָזט אין פעלד און געבּראַכט פון דאָרט פרישע שוואָמען און פילצען.
שיקט דער נָשִׂיא פון סַנְהֶדְרִין אין יענער צייַט, ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח, זאָגען חוני׳ן אַזוי: „ווען דו בּיסט נישט חוני וואָלט דיר געקומען דערפאַר אַ שטרענגער פְּסַק [2]. וואָס מאַכט מען אָבּער מיט דיר, אַז דו שמייכעלסט זיך פאַר גאָט, ווי אַ קינד פאַר זייַן טאַטען, און פיהרט בּיי איהם אויס וואָס ער וויל: „טאַטע, פיהר מיך אָפּוואַשען מיט וואַרעמע וואַסער"— פיהרט ער איהם. „שווענק מיך אָפּ מיט קאַלטע"— שווענקט ער איהם. „גיבּ מיר ניס, מאַנדלען, פערשקעס, מילגרוימען"— גיט ער איהם. אויף דיר זאָגט דער פּסוק: „דייַן פאָטער פרעהט זיך... און דייַן מוטער קוועלט־אָן".
און די סַנְהֶדְרִין האָבּען אַרייַנגעשיקט צו חוֹנִי־הַמְעַגֵל: „דו בּעפעהלסט און ער ערפולט"— דו בּעפעהלסט פון אונטען און גאָט בָּרוּךְ־הוּא ערפולט פון אויבּען.

# אַ זיבּציגיעהריגער שלאָף.

ר׳ יוֹחָנָן דערצעהלט אַזוי איבּער חוֹנִי־הַמְעַגֵל:
אַלע זייַנע יאָהרען האָט דער צַדִיק, חוֹנִי־הַמְעַגֵל, זיך פערקלערט איבּער יענע ווערטער אין תְּהִלִים: „ווען גאָט וועט אומקערען (יודען) צוריק קיין

[1] דער בּאַרג „מוריה", אויף וועלכען דער בית־המקדש איז געשטאַנען. [2] פאַר דעם וואָס ער האָט זיך אויפגעפיהרט געגען גאָט צו היימיש.

ציון—זענען מיר געווען ווי אין חלום״ [1]. איז מעגליך—איז איהם געווען קשה—אַז איינער זאָל אָפשלאָפען אין חלום גאַנצע זיבציג יאָהר?

איינמאָל געהט ער אין וועג, דערזעהט ער, איינער פלאַנצט אַ באָקסער־בוים. פרעגט ער יענעם: „נאָך וויפיעל יאָהר הייבט־אָן דער בוים צו געבען פרוכט?״

— נאָך זיבציג יאָהר—ענטפערט יענער.

— ביסטו זיכער, אַז דו וועסט נאָך לעבען זיבציג יאָהר און אַליין פון איהם געניסען? - פרעגט חוני ווידער.

— וואָס מאַכט עס אויס—ענטפערט יענער—אַז איך בין געקומען אויף דער וועלט האָב איך שוין געפונען באָקסערען־ביימער. מיינע עלטערן האָבען געפלאַנצט פאַר מיר, און איך פלאַנץ פאַר מיינע קינדער.

זעצט זיך חוני צו איבערבייסען, אין זיין זעל לאָזט ער אָפּ פאַסען זיך אין פעלד. פאַלט אויף איהם אָן אַ דרימעל און ער שלאָפט־איין. וואַקסט־אויס אַרום איהם אַ פעלז, פערשטעלט איהם פון דער גאַנצער וועלט און ער שלאָפט דאָרט אַזוי אָפּ גאַנצע זיבציג יאָהר. ווען ער האָט אויפגעוואַכט—איז דער פעלז צערונען אין דער לופט און חוני האָט דערזעהן ווי איינער קלויבט באָקסערען פון יענעם בוים. פרעגט ער ביי איהם: „ביסטו דער, וואָס האָט דעם בוים געפלאַנצט?״

— ניין—ענטפערט ער— געפלאַנצט האָט מיין זיידע.

„אַפנים, איך בין אָפּגעשלאָפען זיבציג יאָהר״ — טראַכט זיך חוני. דערזעהט ער נעבען זיך אויפ׳ן פעלד אַ סך עזלען און עזעליך, וואָס זיין עזעל האָט אין דער צייט געבוירען. לאָזט ער זיך צוריק אַהיים. געקומען אין שטאָדט, דרעהט ער זיך אַרום און דערקענט זי ניט: נייע גאַסען, נייע מענשען. הויבט ער אָן זיך נאָכפרעגען: „זאָגט מיר, וואו וואוינט דאָ חוני־המעגל׳ס זוהן?״ ענטפערט מען איהם: „זיין זוהן איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ, אפשר אַן אייניקעל״.

זאָגט ער: „איך בין דאָס חוני־המעגל״. גלויבט מען איהם ניט. געהט ער אַוועק אין בית־המדרש. הערט ער ווי חכמים שמועסען צווישען זיך אין לערנען און זאָגען דערביי: „דער ענין איז אונז אַזוי קלאָר ווי אין יענע צייטען פון דעם גרויסען חוני־המעגל״. זאָגט ער: „דאָס בין איך חוני״. גלויבט מען איהם אַלץ ניט און קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום.

האָט ער עס ניט געקענט אויסהאַלטען און אויסגעבעטען אויף זיך דעם טויט.

[1]) געזאָגט געוואָרען אויף די יודען, וואָס האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך זיבציג יאָהר פון גלות בבל קיין ציון.

# אַבָּא־חִלְקִיָה בעט־אויס רעגען.

אַבָּא־חִלְקִיָה איז געווען חוני־המעגל'ס אַן אייניקעל. אין דער צייט פון מאַנגעל אין רעגען פלעגען די חכמים זיך ווענדען צו איהם ער זאָל תּפלה טהון, און ס'האָט תּמיד געהאָלפען.

איינמאָל בשעת אַזאַ מאַנגעל, שיקט מען צוויי תּלמידי־חכמים בעטען איהם ער זאָל, ווי דער שטייגער, מתפּלל זיין אויף רעגען. קומען זיי צו איהם אַהיים, טרעפען זיי איהם נישט. געהען זיי צו איהם אין פעלד, געפּי־נען זיי איהם ווי ער שטעהט און צוגראָבט די ערד. גריסען זיי איהם — ענטפערט ער נישט. פאַר נאַכט קלויבט ער אָן שפּענער, און אַרויפגעלעגט דאָס האָלץ מיט'ן גראָב־אייזען אויף איין אַקסעל און דעם מאַנטעל אויפ'ן צווייטען — לאָזט ער זיך געהן אַ באָרוויסער אַהיים. ביי אַ וואַסער טהוט ער אָן די שיך. צווישען דערנער און שטעכלען פערהויבט ער די קליידער. געקומען נאָהענט צו'ם שטאָדט געהט איהם אַרויס דאָס ווייב אַנטקעגען אַ אויסגעפּוצטע. געקומען צו זיין הויז, לאָזט ער אַריינגעהן פריהער די פרוי, ער נאָך איהר און די צוויי געסט צו'ם לעצטען. זעצט ער זיך עסען און בעט נישט די געסט צום טיש מיטעסען. ביי'ם טיש ברעכט ער אָפּ ברויט פאַר די קינדער, און גיט דעם גרעסטען איין שטיק, און דעם קלענערען צוויי.

נאָכ'ן עסען רופט אַוועק אַבָּא־חִלְקִיָה זיין ווייב אין אַ זייט און זאָגט איהר:

— איך פערשטעה, אַז די צוויי חכמים זענען געקומען צו מיר צוליעב רעגען. קום־זשע לאָמיר אַרויפגעהן ביידע אויפ'ן בוידעם און בעטען רחמים ביי גאָט, אפשר וועט ער זיך דערבאַרמען און געבען רעגען, און זאָל מען נישט זאָגען אַז ס'איז צוליעב אונז. געהען זיי אַרויף אויפ'ן בוידעם. שטעלט ער זיך אין איין ווינקעל, זיין ווייב אין אַ צווייטען און טהוען תּפלה. האָט זיך בעוויזען פריהער אַ וואָלקען פון דער זייט ווינקעל, וואו זי איז געשטאַנען.

אַראָפּ פונ'ם בוידעם, פרעגט ער זיי: רבותי, צו וואָס זענט איהר געקומען?

ענטפערען זיי: „אונז האָבען די חכמים געשיקט צו דיר מיט אַ בקשה, זאָלסט בעטען אויף רעגען".

זאָגט ער: „געלויבט איז גאָט, וואָס האָט געמאַכט, איהר זאָלט שוין נישט דאַרפען אָנקומען צו אַבָּא־חִלְקִיָה'ן".

— וועסט אונז נישט איינרעדען — זאָגען זיי — דער רעגען, ווייסען מיר, קומט־אָן אין דיין זכות. איצט בעטען מיר דיך נור, דו זאָלסט אונז ערקלערען אייניגע זאַכען פון דיין אויפפיהרונג, וואָס זעהען אונז אויס אַביסעל קשה [1]:

[1]) פריקרע.

פאַר וואָס, אַז מיר זענען געקומען און האָבען דיך געגריסט, האָסטו אונז נישט בעגעגענט פריינדליך?

— איך בין געווען — ענטפערט ער — אַ שכיר־יום, געאַרבייט ביי יענעם אויפ׳ן טאָג, איז נישט רעכט צו פערלירען יענעמ׳ס צייט.

— פאַר וואָס — פרעגען זיי ווייטער — האָסטו אויפגעלעגט בעזונדער דאָס האָלץ אויף איין אַקסעל און דעם מאַנטעל אויפ׳ן צווייטען [1]?

— דער מאַנטעל איז נישט מיינער, אַנטליהען איהם האָט מען מיר נור אויף צו קליידען, אויף קיין אַנדער זאַך נישט.

— פאַר וואָס ביסטו דעם גאַנצען וועג געגאַנגען באָרוועס, נור ביי אַ וואַסער האָסטו אָנגעטהון די שיך?

— אַזוי אין וועג זעהט מען אויף וואָס מע שטעלט די פיס, אין וואַ־סער אָבער זעהט מען נישט, קען מען זיי צובײַלען.

— פאַר וואָס, אַז דו ביסט געקומען צו דערנער און שטיכלען האָסטו דעמאָלט דיינע קליידער, וואָס בעשיצען דאָס לייב, אונטערגעהויבען?

— לייב פערהיילט זיך, קליידער פערהיילען זיך נישט.

— פאַר וואָס איז ביי דער שטאָדט דיר אַנטקעגענגעקומען דיין פרוי אַ אויסגעפוצטע?

— איך זאָל זיך נישט פערקוקען אויף אַ פרעמדער.

— פאַר וואָס האָסטו צו דיר אין שטוב געלאָזט אַריינגעהן פריהער דיין פרוי, דערנאָך דו, און מיר די לעצטע?

ווייל איך האָב נישט געוואוסט אויף ווי־פיעל איהר זענט אָרענטליך.

— פאַר וואָס האָסטו זיך געזעצט צום טיש און אונז נישט געזאָגט: „קומט מיטעסען״?

— ווייל דאָס ברויט וואָלט נישט געקלעקט, און גלאַט רופען וועגען יוצא זיין האָב איך נישט געוואָלט.

— פאַר וואָס האָסטו דיין גרעסער קינד געגעבען איין שטיק ברויט, און דעם קלענערען — צוויי?

— דער זיצט אין דער היים, און יענער לערענט אין שולע.

— פאַר וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אַ וואָלקען פריהער פון דער זייט ווינקעל, וואו דיין פרוי איז געשטאַנען, און דערנאָך ערשט פון דיין זייט ווינקעל?

— ווייל די פרוי איז תמיד אין דער היים, קומט אַן אָרומאַן, גיט זי

---

[1]) דער זעהר איינפאַך געמאַכטער אויבערשטער מאַנטעל (שמלה, טלית) פון די ארץ־ישראל־איינוואוינער האָט אויסער קליידען געדיענט אויך פאַר אַ דעק און אויף איינצובונדען חפצים.

איהם פאַרטיג ברויט, און די הֲנָאָה זיינע איז אויפ'ן אָרט; איך אָבער גיב אַ נְדָבָה געלד, און דעם אָרומאַנ'ס הֲנָאָה קען נישט זיין באַלד.

# חָנָן דער בעהאַלטענער.

חָנָן דער בעהאַלטענער איז אויך געווען חוֹני־הַמְעַגֵּל'ס איינִיקעל, דער טאָכטער'ס אַ זוהן. אין דער צייט פון מאַנגעל אין רעגען פלעגען די חֲכָמִים אָנשיקען אויף איהם קליינע קינדער, שולע־יונגליך, און זיי פלעגען איהם אָנחאַפּען ביי די פּאָלעס, נאָכלויפען און שרייען: „טאַטע, טאַטע, גיב אַ רעגען!"

געריהרט פון די קינדערשע קולות, פלעגט ער זיך ווענדען צו גאָט: „רבונו־של־עולם? טהו עס אינ'ם זכות פון די קינדערליך, וואָס ווייסען נאָך נישט אונטערשיידען צווישען דעם טאַטען וואָס גיט רעגען און אַ טאַטען וואָס גיט נישט קיין רעגען".

און פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען חָנָן דער בעהאַלטענער? — ווייל ער פלעג, מַחְמַת זיין גרויס עֲנִיוּת, זיך בעהאַלטען פאַר לייטען.

# הִלֵל הַזָקֵן.

## הִלֵל און זײַן לִיעבּע צו תּוֹרָה.

I.

הִלֵל און שֶׁבְנָא זענען געווען בּרִידער. פלעגט הִלֵל זיצען אִין אָרומקײַט און לערנען תּוֹרָה, און שֶׁבְנָא האָט זיך פערנומען מִיט מִסְחָר און פערדִיענט. אײַנמאָל, אַז שֶׁבְנָא האָט שוין מעהר נִישט געקענט צוזעהן זײַן בּרודער'ס אָרומקײַט, קומט ער צו הלל'ן און לעגט אִיהם פאָר: „בּרִידער, פאָלג מִיך, שטעה־צו צו מִיר פאַר אַ שוּתָף אִין געשעפט, מִיר װעלען בּײדע אַרבּײַטען און װאָס גאָט װעט געבען װעלען מִיר זיך טהײלען". הִלֵל אָבער האָט דערפון אַפִילוּ נִישט געװאָלט הערען.

— אָט װאָס לִיעבּע צו תּוֹרָה הײסט!—איז אַרויס אַ בַּת־קול אִין פאָלק—

„מעג אײנער גִיבּען
זײַן גאַנץ פערמעגען
פאַר דער לִיעבּע—
לאַכט מען אִיהם אויס".

II.

אִיבּער הִלֵל'ס לִיעבּע צו תּוֹרָה װערט דערצעהלט נאָך אַזאַ מַעֲשֶׂה:

אַלע טעג פלעג הִלֵל זִיך פערדִינגען אויף אַרבּײַט און בּעקומען לײַן אַ טראָפּײַעיק [1]. דערפון פלעגט ער האַלבּ אַװעקגעבען דעם טהִיר־הִיטער פון בֵּית־הַמִדְרָשׁ, ער זאָל אִיהם אַרײַנלאָזען הערען תּוֹרָה, און האַלבּ אִיז אִיהם געבּלִיבּען אויף לעבּען פאַר זִיך און פאַר זײַן הויז־געזונד. מאַכט זִיך אײנמאָל אַז ער האָט געזוכט אַ גאַנצען טאָג און נִישט בּעקומען װאו צו פערדִיענען. קומט ער צו פאַר נאַכט צו'ם בֵּית־הַמִדְרָשׁ, לאָזט אִיהם אַהִין דער הִיטער אָהן געלד נִישט אַרײַן. קלעטערט ער אַרויף אויפ'ן דאַך און שפּאַרט זִיך אָן דאָרט געבּען דעם שײַן־פענסטערִיל [2], דאָ אַרום אויפצוחאַפּען אַ לעבּעדִיג גאָט'ס װאָרט פון די צװײ גרױסע לעהרער'ס מויל, פון שְׁמַעְיָה און אַבְטַלְיוֹן.

[1] אַ גרִיכִישע מטבּע=½ דינר. [2] די דעכער אִין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל זענען געמאַכט פלאַך מִיט אַ פענסטערִיל אִין דער מִיט, דורכלאָזען די שײַן.

אויסגעקומען איז עס אין אַ ווינטערדיגען פרייטאָג, טֵבת־צייט. און ווען הִלֵל ליגט דאָ אַזוי פערטיִעפט אין הערען פאַלט דערווייל אויס אַ שניי, געהט אַזוי לאַנג, בּיז ער האָט איהם פערשאָטען. שַבָּת פאַרטאָג זאָגט שְמַעְיָה צו אַבְטַלְיוֹנ׳ן: אַבְטַלְיוֹן ברודער, אַלֶע טאָג אין דער צייט איז שוין איז שוין ליכטיג, היינט איז נאָך פינסטער, וואָס בעטייט עס? זאָל דאָס זיין אַזאַ וואָלקען־טאָג? גיבען זיי אַ קוק אַרויף, דערזעהען זיי עפּיס אַ מענשענ־געשטאַלט אויבען אין פענסטעריל. איז מען אַרויף אויפ׳ן דאַך, געפונט מען הִלֵל׳ן ליגען דאָרט אונטער אַ באַרג שניי פון דריי איילען דער הייך. נעהמט מען איהם אַראָפּ, מע וואַשט איהם אַרום און מע שמירט־אויס זיין לייב מיט בּוימאייל און מע מאַכט אַ פייער איהם צו דערוואַרמען, ער זאָל קומען צו זיך. „צוליעב אַפּראַטעווען דאָס לעבען פון אַזעלכען — זאָגען די לעהרער — מעג מען מְחַלֵל־שַבָּת זיין".

# הִלֵל׳ס עֲנִיוות.

צוויי מענשען זענען אַמאָל געגאַנגען אין אַ געוועט, אַז דער וואָס איהם וועט זיך איינגעבען הִלֵל׳ן דערבּייזערען, יענער בעקומט דערפאַר פיער הונדערט גולדען. זאָגט איינער פון זיי: איך נעהם זיך אונטער. לאָזט ער זיך באַלד געהן צו הִלֵל׳ס הויז, שטעלט זיך אָפּ ביי דער טהיר און רופט־אויס: „היי, וואו איז הִלֵל? הִלֵל וואו איז?"

הִלֵל האָט זיך גראָד דעמאָלט געצוואָגען לכְבוֹד שַבָּת — ס׳איז געווען פרייטאָג — הילט ער זיך איין און געהט יענעם אַרויס אַקעגען.

— זוהן מיינער — פרעגט איהם הִלֵל — וואָס פערלאַנגסטו?

— איך וויל ביי דיר עפּיס פרעגען — ענטפערט יענער.

— פרעג, מיין זוהן, פרעג.

— זאָג מיר: פאַר וואָס זענען די קעפּ ביי די בַּבְלִיאַנער קיילעכדיג?

— זוהן מיינער ענטפערט איהם הִלֵל — אַ וויכטיגע פראַגע האָסטו געפרעגט. ס׳איז דערפאַר וואָס זיי האָבען נישט קיין געניטע הויבאַמען.

געהט דער מענש אַוועק און קומט אין אַ ווייַלע אַרום צוריק.

היי, וואו איז הִלֵל? הִלֵל וואו איז?

הילט זיך הִלֵל איין און געהט צו איהם ווידער אַרויס.

— זוהן מיינער, וואָס פערלאַנגסטו?

— איך וויל נאָך עפּיס פרעגען.

— פרעג מיין זוהן, פרעג.

— פאַר וואָס אַ שטייגער זענען די אויגען ביי די תַּרְמוֹדִיאַנער לויזע?

— זוהן מיינער — ענטפערט הלל — אַ זעהר וויכטיגע פראַגע האָסטו געפרעגט — ס׳איז דערפאַר ווייל זיי וואוינען צווישען די זאַמדען.

געהט דער מענש אַוועק און קומט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער צוריק.

— הײַ, וואו איז הלל? הלל וואו איז?

הילט זיך הלל אײַן און געהט צו איהם ווידער אַרויס.

— זוהן מײַנער, וואָס פערלאַנגסטו?

— איך האָב ווידער עפּיס צו פרעגען.

— פרעג מײַן זוהן, פרעג.

— פאַר וואָס, למשל, זענען די פיס בײַ די אַפריקאַנער ברײַטע?

— זוהן מײַנער, אַ זעהר וויכטיגע פראַגע האָסטו געפרעגט — ס'איז דערפאַר ווײַל זיי וואוינען צווישען די זומפּען.

געזעהן ווי הלל ענטפערט אַזוי געלאַסען, רופט זיך אָן דער מענש:

— אײַגענטליך האָב איך דיר נאָך און נאָך צו פרעגען, איך האָב אָבער מורא, זאָלסט ניט בייז ווערען.

הילט זיך הלל אײַן און זעצט זיך פאַר איהם אַנידער

— וואָס דו האָסט פאַר אַ שאלות—זאָגט ער איהם—מעגסטו פרעגען.

— דו ביסט עס — זאָגט יענער — דער דאָזיגער הלל, וואָס מ'רופט איהם דער יודישער נשיא?

— יאָ.

— אויב אַזוי—זאָגט יענער — זאָלען אַזעלכע ווי די שיטער אויפגעהן בײַ יודען.

— זוהן מײַנער, פאַר וואָס?

— ווײַל איך האָב דורך דיר אָנגעוואוירען גאַנצע פיער הונדערט גילדען.

— זעה־זשע, פון הײַנט אָן זײַ שוין פאָרזיכטיגער. ס'איז כדאַי דו זאָלסט פערלירען אײַנמאָל און נאָכאַמאָל פיער הונדערט גילדען—און הלל זאָל נישט בייז ווערען.

## די געשריבענע תורה און די מינדליכע.

אײַנער אַ גוי איז אַמאָל געקומען פאַר שמאי'ן [1]) און איהם געפרעגט: „וויפיעל תורות איז פאַרהאַן בײַ אײַך?"

— צוויי—ענטפערט שמאי — אַ געשריבענע און אַ מינדליכע.

— אויף דער געשריבענער תורה — זאָגט דער גוי — גלייב איך דיר; אויף דער מינדליכער אָבער — נישט. איך בין גרייט אָננעהמען יודישקייט, נאָר מיט דעם תנאי: זאָלסט מיך אויסלערנען נור די געשריבענע תורה אַליין.

---

[1]) אַ גרויסער תנא, הלל'ס אַ שטענדיגער געגנער אין הלכה־זאַכען. ווי הלל איז געווען אַ מקיל און אַ גוטמוטהיגער, אַזוי איז שמאי געווען, פערקעהרט, אַ שטרענגער אין לעבען און אין הלכה. אויף די נעמען פון די ביידע גרויסע תנאים האָבען זיך זייערע שולען גערופען: בית־שמאי און בית־הלל.

- בּײַזערט זיך שמאי אויף איהם אָן און טרײַבּט איהם דורך. קומט דער זעלבּער גוי פאַר הִלֵל'ן—און עֶר איז איהם בּאַלד מְגַיֵיר און נעהמט מיט איהם לערנען די תּוֹרָה. דעם ערשטען טאָג ווײַזט ער איהם א' ב' ג' ד'. אויף מאָרגען פערבּײַט ער די נעמען פון די אותיות. שטעלט איהם דער גר אָפּ: „רבּי, דו אַליין האָסט דאָך מיר נעכטען אַנדערש געלערענט".

— אַזוי — זאָגט איהם הלל — פערלאָזטו זיך, הייסט עס, אינגאַנצען אויף מיר. אויבּ אַזוי איז אין אַלע מינדליכע ערקלערונגען פון דער געשריבּענער תּורה מוזטו זיך אויך אויף מיר פערלאָזען.

# כָּל־הַתּוֹרָה אויף אײַן פוס.

אַן אַנדערס מאָל איז געקומען נאָך אײַן גוי פאַר שמאי'ן און איהם געזאָגט: איך בּין גרײַט אָנצונעהמען יודישקײַט אויבּ דו וועסט מיך אויסלערנען די תּורה ווי איך שטעה אויף אײַן פוס. ווערט שמאי בּייז און שטויסט איהם אָפּ פון זיך מיט'ן מאַסשטאַבּ, וואָס ער האָט גראָד דערמאָלט אין האַנד געהאַלטען.

געהט ער אַוועק צו הלל'ן און ער נעהמט איהם אָן. ווי ער האָט איהם מגייר געווען זאָגט ער איהם:

— וואָס דיר איז נישט ליעבּ זאָלסטו נישט טהון דעם צווייטען — דאָ האָסטו די גאַנצע תּורה. דאָס איבּעריגע איז נישט מעהר ווי צו דעם אַן ערקלערונג--געה לערן.

# אַ גֵר צוליעבּ דער כְּהוּנָה.

נאָך אַן אַנדער גוי איז אַ מאָל געגאַנגען פערבּײַ אַ יודישע שוהל. הערט ער ווי אײַנער לײַענט דאָרט פאַר קינדער: „און דאָס זענען די קליידער וואָס מע זאָל פערפערטיגען: אַ חושן און אַ אֵפוֹד" א. ז. וו. גיט ער אַ פרעג: „פאַר וועמען איז עס?" זאָגט מען איהם: „פאַר'ן כֹּהֵן־גָדוֹל".

טראַכט זיך דער גוי: „אָט וועל איך געהן און אָננעהמען יודישקײַט, אַבּי מע זאָל מיך מאַכען פאַר אַ כֹּהֵן גָדוֹל". קומט ער פאַר שמאי'ן און זאָגט איהם: „איך בּין גרײַט אָנצונעהמען יודישקײַט, נור דו זאָלסט מיך מאַכען פאַר אַ כֹּהֵן גָדוֹל". ווערט שמאי בּייז און שטויסט איהם פון זיך אָפּ מיט דעם מאַסשטאַבּ, וואָס ער האָט גראָד געהאַלטען אין האַנד. געהט דער גוי אַוועק צו הלל'ן און זאָגט איהם דאָס זעלבּע. נעהמט ער איהם אָן. ווי ער האָט איהם מְגַיֵיר געווען זאָגט ער איהם: „זאָג אַליין, קרוינט מען דען אײַנעם פאַר אַ קעניג איידער ער ווייסט אַלע קעניגליכע צערעמאָניען? געה־זשע דו אויך, לערען זיך פריהער אויס אַלע נייטיגע צערעמאָניען".

זעצט זיך דער גר לערנען די פּרשות פון כְּהוּנָה גְדוֹלָה. ווי ער איז

געקומען צום פסוק : „דער פרעמדער וואָס דערנעהנט זיך (צו דער כהונה) זאָל געטויט ווערען”, גיט ער הלל'ן אַ פרעג : אויף וועמען געהט עס דער פסוק ? ענטפערט איהם הלל : אפילו אויף דוד'ן דעם יודישען קעניג !

דערהערט דעם ענטפער הויבט זיך אָן דער גר צו בעטראַכטען אַזוי : „אויב יודען, גאָט'ס געליעבטע קינדער, געררופענע פון איהם מיט'ן נאָמען „מיין זוהן, מיין עלטסטער ישראל”,—אויב אויף זיי איז אַזוי געזאָגט, היינט ווי זאָל שוין זיין מיט מיר נישטיגען גר, אַ ערשט אָנגעקומענער מיט'ן שטעקיל און זעקיל.

קומט ער צוריק צו שמאי'ן און זאָגט איהם : „מעג איך דען ווערען אַ כהן־גדול ? די תורה זאָגט דאָך בפירוש : „דער פרעמדער וואָס דערנעהנט זיך זאָל געטויט ווערען”. דערנאָך קומט ער ווידער צו הלל'ן און זאָגט איהם : „גוטמוטהיגער הלל ! זאָלען אַלע ברכות רוהען אויף דיין קאָפּ, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך אַרונטערגענומען אונטער די פליגעל פון דער שכינה”.

*
* *

אין אַ צייט אַרום האָבען אַלע יענע דריי גרים זיך צוזאַמענגעטראָפען אין איין אָרט. דערצעהלט יעדער פון זיי זיין מעשה. רופען זיי זיך אָן : „שמאי'ס שטרענגקייט האָט אונז שיער אומגעבראַכט פון דער אמת'ער וועלט ; הלל'ס גוטמוטהיגקייט האָט אונז אַרונטערגענומען אונטער די פליגעל פון דער שכינה”.

# חסד מיט'ן גוף און מיט דער נשמה.

הלל נאָך זיין דרשה פלעג געהן שפאַצירען צוזאַמען מיט זיינע תלמידים. ביי'ם אָפּשייד האָבען איהם די תלמידים אַ פרעג געטהון : „רבי, וואוהין איילסטו זיך ?”

ענטפערט ער : אַ מצוה טהון.

— וואָס פאַר אַ מצוה ?

— אַרומוואַשען זיך אין באָד.

— אַט דאָס רופסטו מצוה ?

— געוויס—ענטפערט ער זיי—האָט איהר געזעהן די קעניגליכע בילדער, אויסגעשטעלטע אין די טעאַטערען און צירקען ; אויף זיי איז בעשטימט אַ בעזונדער אויפזעהער, וואָס וואַשט זיי און פוצט זיי און דערפאַר בעקומט ער אַ שעהן געהאַלט, נאָך מיט הויכע טיטלען דערצו. היינט וויפיעל מעהר מוז מען ריין האַלטען דעם אָפּבילד פון גאָט אַליין, דעם מענשען !

אויף דער זעלבער פראַגע פון זיינע תלמידים „וואוהין ער געהט?”, האָט הלל איינינגע מאָל געענטפערט, אַז ער איילט זיך אויפצונעהמען אַ גאַסט ביי

זיך אין הויז, איז די זאַך בײַ זײ געווען אַ חידוש, און האָבען איהם געפרעגט:
„רבי, אַלע טאָג האָסטו אַ גאַסט?"

ענטפערט ער זײ: „געוויס, צי איז דען די אָרימע נשמה אין גוף נישט קײן גאַסט[1]? הײַנט איז זי דאָ, און מאָרגען—ווער ווייסט, וואו זי וועט זײַן!"

# הלל'ס גוט־האַרציגקײט.

I.

מע דערצעהלט אויף הלל־הזקן, אַז פאַר איינעם אַ לײַטישען אָרימאַן אַ יורד האָט ער געקויפט אַ פערד אויף צו רײַטען און געדונגען אַ קנעכט צו לויפען פאָראויס. איינמאָל, ווען הלל האָט נישט געפונען פאַר'ן אָרימאַן קײן לויפער, איז ער אַלײן פאַר איהם פאָראויס געלאָפען גאַנצע דרײַ מײַל.

II.

הלל־הזקן האָט איינמאָל פערבעטען אַ גאַסט צו'ם מאָהלצײַט. ווי זײ זיצען בײַ'ם טיש קומט אַן אָרימאַן, שטעלט זיך אַוועק בײַ דער טהיר און זאָגט: „הײַנט איז בײַ מיר דער טאָג פון דער חופּה און איך האָב נאָך גאָר נישט אויף דער ערשטער סעודה". נעהמט הלל'ס פרוי און גיט איהם אַוועק אינ־גאַנצען די סעודה איהרע. דערנאָך פערקנעט זי אַן אַנדער טײג און שטעלט צו איבערנײַס אַ טאָפּ און פאַרטיג געמאַכט אַ פרישע סעודה. אַז זי האָט דערלאַנגט צו'ם טיש, פרעגט זי הלל:

— טאָכטער, וואָס האָט עפּיס הײַנטיגס מאָל דאָס דערלאַנגען גע־דויערט מעהר ווי תמיד? דערצעהלט זי איהם אינגאַנצען די מעשה. אויס־געהערט זי, זאָגט איהר הלל:

— יאָ, מײַן טאָכטער, איך האָב זיך שוין אַלײן געשטויסען, אַז דאָ איז עפּיס בײַ דיר געווען אַ מצוה־זאַך. וואָס דו טהוסט, ווײס איך גאַנץ גוט, איז אַלץ לשם־שמים[2].

[1] „אויפנעהמען דעם גאַסט" האָט בײַ איהם געהייסען: דערהאַלטען די נשמה מיט עסען. [2] פון גאָט'ס וועגען.

# רבי יוחנן בן זכאי.

## בן־זכאי'ס תורה און חכמה.

ר' יוחנן בן זכאי האט געלעבט הונדערט און צוואנציג יאהר. פערציג יאהר האט ער זיך פערנומען מיט מסחר, פערציג יאהר אליין געלערנט, פערציג יאהר יענעם געלערנט.

ווי מע דערצעהלט, האט ר' יוחנן נישט איבערגעלאזט קיין זאך פון תורה און חכמה, ער זאל עס נישט דערגעהן ביז'ן גרונד. ער איז אפילו דערגאנגען די מלאכים־שפראך, שדים־שפראך און בוימער־שפראך, אלערליי פאלקס־משלים און פוקס־פאבעלען, דאס גרעסטע און דאס מינדסטע. — אויף איהם איז געזאגט געווארען דער פסוק:

„איך בעטהייל מיינע געליעבטע מיט אלעס גוטס
און זייערע אוצרות מאך איך איבער־פולע".

איינמאל איז ר' יוחנן בן זכאי געפאהרען אין וועג רייטענדיג אויף אן עזעל און זיין תלמיד ר' אלעזר בן ערך איז געגאנגען נאך איהם און דעם עזעל אנגעטריבען. זאגט ר' אלעזר צו ר' יוחנן: רבי, לערן מיך אוים א שטיק פון מעשה־מרכבה [1]. ענטפערט ער איהם: זוהן מיינער, האב איך דען אייך נישט געלערנט, אז אין מעשה־מרכבה טאר מען זיך נישט פערטיעפען אפילו מיט איינעם, סיידען גאר מיט א געלערנטען און א דענקענדען.

זאגט ר' אלעזר: רבי, ערלויב מיר פאר דיר עפים ארויסזאגען איינע פון די זאכען וואס איך האב פון דיר אין דעם ענין שוין פריהער געלערנט.

— זאג — ערלויבט איהם ר' יוחנן, געהט־אראפ פונ'ם עזעל, הילט זיך איין און זעצט זיך אוועק אויף א שטיין אונטער א איילבירט.

— רבי — פרעגט ר' אלעזר — צו וואס ביסטו אראפ פונ'ם עזעל?

— ווי דען אנדערש — ענטפערט ר' יוחנן — דו וועסט דרש'נ'ען אין מעשה־מרכבה, און די שכינה וועט זיין מיט אונז, און מלאכי־השרת וועלען אונז בעלייטען — און איך וועל זיך בלייבען זיצען רייטענדיג אויפ'ן עזעל!

---

[1] א געהיימע לעהרע איבער דער גאטהייט.

און ר' אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ האָט גענומען דַרְשְׁנ'ען אין מַעֲשֵׂה־מֶרְכָּבָה. איז אַ פייַער פונ'ם הימעל אַראָפּ און אָנגעחאַפּט אַלע בוימער אין פעלד, און באַלד האָבען גענומען די בוימער שִׁירָה זינגען. און אַ קול פון אַ מַלְאָך האָט זיך געלאָזט הערען פון פייַער אַרויס: „געווים, געווים, אָט דאָס הייסט מַעֲשֵׂה־מֶרְכָּבָה!"

אַז בֶּן־עֲרָךְ האָט געענדיגט האָט זיך בֶּן־זַכַּאי אויפגעשטעלט, איהם אַ קוש געטהון אויפ'ן קאָפּ און געזאָגט: „געלויבט איז דער יודישער גאָט, וואָס האָט געגיבען אַבְרָהָם אָבִינוּ אַזאַ זוהן, וואָס פערשטעהט און קען אַזוי וויַיט זיך פערטיפען און אַריינקלערען אין מַעֲשֵׂה־מֶרְכָּבָה. איינער דַרְשְׁ'נט שעהן, אָבער נישט שעהן מְקַיֵּים; איינער, פערקעהרט, איז שעהן מְקַיֵּים, אָבער דַרְשְׁ'נט נישט שעהן. דו — אי שעהן געדַרְשְׁ'נט, אי שעהן מְקַיֵּים. אַז וואויל איז דיר, אַבְרָהָם־אָבִינוּ, וואָס פון דיר איז אַזאַ זוהן אויף דער וועלט אַרויסגעקומען".

די מַעֲשֶׂה איז איבערדערצעהלט געוואָרען פאַר ר' יְהוֹשֻׁעַ'ן, ווען ער צוזאַמען מיט ר' יוסי־הַכֹּהֵן זענען געגאַנגען אין וועג. זאָגען זיי: „לאָמיר זיך אויך פערנעהמען מיט מַעֲשֵׂה־מֶרְכָּבָה". האָט גענומען ר' יְהוֹשֻׁעַ דַרְשְׁ'נען. געווען איז עס אין אַ הייסען תַּמּוּז־טאָג. האָבען די הימלען זיך בעדעקט מיט וואָלקענס און ס'האָט זיך בעוויזען ווי אַ רעגענבויגען, און מַלְאָכִים האָבען זיך פערזאַמעלט און געקומען זיך איינהערען, גלייך ווי מענשען לויפען זיך צונויף צו קוקען אויף חֲתוּנָה־שפּילערייען.

דערנאָך האָט עס ר' יוסי דערצעהלט פאַר ר' יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי.

— אַז וואויל איז אייך און וואויל איז אייער מוטער! — האָט בֶּן־זַכַּאי אויסגערופען — אַז וואויל איז מיר, וואָס איך האָב דערלעבט צו זעהן דאָס מיט מיינע אויגען! איך אויך האָב געזעהן אין חָלוֹם, ווי איך מיט אייך זיינען צוזאַמען אין געזעלשאַפט אויפ'ן באַרג סִינַי, און איבער אונז האָט זיך געלאָזט הערען פונ'ם הימעל אַ בַּת־קוֹל: „אַהער אַרויף, אַהער אַרויף! גרויסע זאַלען זענען פאַר אייך צוגעגרייט און שעהנע טאַפּעטען זענען פאַר אייך אויסגעשפּרייט. איהר און אייערע תַּלְמִידִים און אייערע תַּלְמִידִים'ס תַּלְמִידִים, פאַר אייך אַלע איז צוגעגרייט אין גַּן־עֵדֶן דער אויבען־אָן".

## צוויי וועגען.

ווען ר' יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי איז קראַנק געוואָרען זענען די תַּלְמִידִים געקומען איהם מְבַקֵּר־חוֹלֶה זיין. ווי ער האָט זיי דערזעהן האָט ער אָנגעהויבען וויינען. פרעגען זיי איהם: רַבִּי, ליכט פון יודען, רעכטע זייל, שטאַרקער האַמער, פאַר וואָס וויינסטו?

ענטפערט ער זיי: „ווען מען וואָלט מיך איצט אַוועקפיהרען פאַר אַ

קעניג אַ בָּשָׂר־וָדָם, וואָס היינט איז ער דאָ, מאָרגען—אין קֶבֶר, און אויב ער ווערט אויף מיר אין כַּעַס—איז זיין צאָרן נישט קיין אייביגער, און אויב ער פערשליסט מיך אין תְּפִיסָה—איז דאָס געפענגעניש נישט קיין אייביגס, און אויב ער טויט מיך—איז דער טויט נישט קיין אייביגער, און דערצו קען איך איהם איינבעטען מיט ווערטער און איבערקויפען מיט געלד,—פון דעסטוועגען האָלט איך געוויינט; בִּפְרַט איצט אַז מע פיהרט מיך פאַר דעם קעניג איבער אַלע קעניגען, פאַר גאָט בָּרוּךְ־הוּא, וואָס לעבט אייביג איבער אַלע צייטען, וואָס אויב ער ווערט אויף מיר אין כַּעַס—איז זיין צאָרן אַ אייביגער, און אויב ער פערשליסט מיך אין תְּפִיסָה—איז דאָס געפענגעניש אַ אייביגס, און אויב ער טויט מיך—איז דער טויט אַ אייביגער, און איהם איינבעטען מיט ווערטער און איבערקויפען מיט געלד קען מען נישט. און אויסער דעם שטעהען פאַר מיר איצט פאַר צוויי וועגען, איינער צו'ם גַן־עֵדֶן און איינער צו'ם גֵיהִנָם, און איך ווייס נישט מיט וואָס'ר וועג מע וועט מיך פיהרען,—ווי־זשע זאָל איך נישט וויינען?

זאָגען איהם די תַּלְמִידִים: רֶבִּי, בענש אונז.

זאָגט ער זיי: איך ווינש אייך, אַז די מוֹרָא פאַר גאָט זאָל זיין אויף אייך ווי די מוֹרָא פאַר מענשען.

זאָגען זיי: רֶבִּי, נישט מעהר?

— הַלְוַאי אַזוֹי — ענטפערט ער אַ סִימָן האָט איהר, ווען אַ מענש טהוט עפּיס אַן עֲבֵירָה, טראַכט ער זיך: קיין מענש זאָל עס נישט בעמערקען.

בִּשְׁעַת דער פְּטִירָה האָט ער געזאָגט די תַּלְמִידִים: „רוימט־אויס די כֵּלִים פון שטוב [1] און גרייט־צו אַ שטוהל פאַר חִזְקִיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה וואָס קומט אַהער”.

אַז ר' יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי איז נִפְטַר געוואָרען, איז פערגאַנגען די שיין פון חָכְמָה.

כלים אין שטוב, וואו אַ מת ליגט, ווערען אומריין.

# רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא.

## אַ טאָפּ באָקסערן.

אַלע טאָג האָט זיך געלאָזט הערען אַ בַּת־קוֹל:

— די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט צוליעב חֲנִינָא מיין זוהן, און חֲנִינָא מיין זוהן בעגניגט זיך מיט אַ טאָפּ באָקסערן פון איין עֶרֶב־שַׁבָּת ביז'ן אַנדערן.

## דער נֵס אין אויבען און אין מולטער.

אַלע עֶרֶב־שַׁבָּת פלעגט ר' חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא'ס ווייב, גלייך מיט אַלע שְׁכֵנוֹת, איינהייצען אין אויבען און אַריינוואַרפען אהין אָן אָפּגעבּרענט רוי־בעריגס שייטעל האָלץ. איז דאָרט געווען איינע אַ שלעכטע שְׁכֵנָה, טראַכט זי זיך: „וואָס הייסט עס, איך וויים דאָך אַז זיי האָבען גאָר נישט אויף שַׁבָּת, מע דאַרף אַריינגעהן האַפּען אַ קוק, צו וואָס הייצט זיך דאָרטען". געהט זי און קלאַפּט־אָן אין טהיר. ווערט ר' חֲנִינָא'ס פרוי שטאַרק פערשעמט און בעהאַלט זיך אין צווייטען חֶדֶר. געשעהט אַ נֵס, און ווי די שְׁכֵנָה איז אַריין געפינט זי דעם אויבען פול מיט חַלוֹת און די מולטער פול מיט טייג. הויבט זי אָן רופען: „דו, דו! חאַפּ גיכער דעם באַקשיפּעל [1]), די חַלה ווערט צוגע־ברענט". ענטפערט יענע פונ'ם חֶדֶר: „דאָס בין איך טאַקי געגאַנגען נעהמען".

## אַ פיסעל פון אַ גאָלדענעם טיש.

איינמאָל זאָגט דאָס ווייב ר' חֲנִינָא'ן: „ביז ווי לאַנג וועלען מיר נאָך אַזוי אָפּקומען?"

— וואָס קען מען מאַכען? — פרעגט ער ביי איהר.

— בעט־אויס ביי גאָט, ער זאָל דיר שענקען וואָס־עס־איז פון יענעם גוטס, וואָס איז בעהאַלטען פאַר די צַדִיקִים אויף יענער וועלט.

האָט ער מִתְפַּלֵל געווען, האָט זיך בעוויזען ווי אַ מין האַנד און האָט

---

[1]) לאָפּאַטע.

איהם אַ וואָרף געטהון אַ פיסעל פון אַ גאָלדענעם טיש. ביי נאַכט האָט ער געזעהן אין חלום, ווי אַלע צדיקים אין גן־עדן זיצען יעדער ביי אַ גאָלדענעם טיש אַ דריי־פיסיגען, נור ער מיט זיין פרוי—ביי אַ צוויי־פיסיגען. ווי ער האָט ערוואַכט, דערצעהלט ער דער פרוי דעם חלום און זאָגט איהר: „ווי מיינסטו, ס'וועט דיר זיין איינגענעהם אַז אַלע צדיקים וועלען זיצען אַרום דריי־פיסיגע טישען, נור איך מיט דיר—ביי אַ טיש מיט איין פיסעל וועניגער?"

— ביזט טאַקי זעהר גערעכט, מיין מאַן — ענטפערט זי — זיי־זשע ווידער מתפלל, מע זאָל דאָס פיסעל צוריק נעהמען.

האָט ער מתפלל געווען און מ'האָט עס צוגענומען צוריק.

„דער לעצטער נס — האָבען די חכמים אויף דעם געזאָגט — איז נאָך אַ גרעסערער פאַר'ן ערשטען, ווייל אַזאַ קבלה האָבען מיר פון אייביגען, אַז פון הימעל גיט מען אַמאָל, אָבער צוריק נעהמען—קיינמאָל נישט".

## עסיג וואָס ברענט.

איינמאָל ערב־שבת פאַר נאַכט זעהט ר' חנינא בן דוסא', ווי זיין טאָכטער זיצט אַ פערזאָרגטע. פרעגט ער זי: „טאָכטער מיינע, וואָס ביסטו אַזוי פערזאָרגט?"

זאָגט זי: „מ'האָט מיר פערביטען די כלים, און אַנשטאָט בוימאייל האָב איך אָנגעצונדען עסיג און געבענשט ליכט".

— וואָס־זשע ערגערסטו זיך אַזוי, טאָכטער? — זאָגט ער איהר — דער וואָס הייסט דעם בוימאייל זאָל ברענען, דער וועט אויך הייסען ברענען דעם עסיג.

און אַזוי איז געווען. דער עסיג האָט געברענט און געברענט אַ גאַנץ מעת־לעת און פון איהם האָט מען נאָך גענומען פייער צו דער הבדלה.

## בן דוסאָ'ס ציגען.

בן־דוסא האָט געהאַט ציגען. קומט מען צו איהם מיט אַ טענה: „דיינע ציגען טוהען־אָן שאָדען אין פעלד". זאָגט ער: „אויב זיי טהוען־אָן שאָדען — זאָלען בערען זיי אויפעסען, און אויב נִיט — זאָל יעדע פון זיי אין אָבענד ברייגגען אַ בער אויף די הערנער". אין אָבענד זענען געקומען די ציגען פון פעלד, און יעדע פון זיי האָט געבראַכט אַ בער אויף די הערנער.

און ווי קומט דער אָרימער ר' חנינא בן־דוסא צו ציגען? — דערצעהלט ר' פנחס וועגען דעם אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָט איינער, דורכגעהענדיג פערביי בן־דוסאָ'ס שטוב, פערגעסען דאָרט עטליכע הינער. האָט זיי בן דוסאָ'ס ווייב געפונען און

אריינגענומען. זאָגט ער איהר: „זעה, פערנוין נישט זייערע אייער, ס׳איז פרעמדס. אַז די הינער האָבען אָנגעלעגט אַ סך אייער און אויסגעפיהרט פון זיי אַ סך הינדליך, איז אין שטוב פון זיי נישט געוועזען אויסצושטעהן, נעהמט בן־דוסא און פערקויפט זיי און פאר׳ן געלד קויפט ער ציגען. אין אַ צייט אַרום איז ווידער פערבייגעגאַנגען דער אייגענטהימער פון די הינער מיט זיינעם אַ חבר. הערט בן־דוסא ווי ער זאָגט צו יענעם: „זעהסטו, אָט דאָ האָב איך פערגעסען מיינע הינער״. פרעגט איהם בן־דוסא, צי קען ער געבען עפּיס אַ סימן. האָט יענער איהם געזאָגט אַ סימן.

— אויב אַזוי — זאָגט איהם בן־דוסא — געהערען אָט די אַלע ציגען צו דיר, נעהם זיי זיך.

און אָט יענע ציגען האָבען עס געבראַכט די בערען אויף זייערע הערנער.

# אויסגעצויגענע באַלקענס.

בן־דוסא׳ס אַ אָרימע שכנה האָט געבויעט פאַר זיך אַ הויז, קומט צו די באַלקענס — דערגרעכען זיי נישט פון וואַנד צו וואַנד. געהט זי אַריין צו בן־דוסא׳ן און קלאָגט זיך נעביך פאַר איהם: „איך בויע מיין הויז, קלעקט נישט גענוג די לענג פון די באַלקענס״. פרעגט ער זי: „ווי איז דיין נאָמען?״ ענטפערט זי: אייכו. זאָגט ער:

— זאָלען בײַ אייכו׳ן
די באַלקענס דערגרייכען.

איז אַזוי געשעהן.

— איך אַליין — דערצעהלט פּלימו — האָב מיט מיינע אויגען יענס הויז געזעהן, האָבען דאָרט די באַלקענס אַרויסגעשטעקט אויף אַ איל די לענג פון ביידע זייטען. האָט מען מיר געזאָגט: „אָט דאָס איז דאָס הויז וואָס בן־דוסא האָט דורך זיין תּפלה אויסגעגועלבט״.

# מלאָכים—טרעגער.

איינמאָל האָט ר׳ חנינא בן־דוסא צוגעזעהן ווי זיינע שטאָדט־לייט לאָזען זיך קיין ירושלים מיט נדרים און נדבות. טראַכט ער בײַ זיך אַ פּער־ואָרגטער: „אַלע פיהרען קיין ירושלים מתּנות, נאָר איך איינער פיהר אהין גאָר נישט״. איז ער זיך מיישב און געהט־אַרויס אין פעלד אונטער זיין שטאָדט, זוכט דאָרטען אויס אַ גרויסען שטיין, האָקט איהם אַרום גלאַט און פוצט איהם אויס און זאָגט דערבײַ: „איך נעהם אויף זיך אַוועקצופיהרען דעם שטיין אַ געשאַנק קיין ירושלים״. וויל ער דינגען טרעגער, טרעפען זיך איהם פינף מענשען. פרעגט ער זיי: „איהר וועט מיר אַוועקטראָגען דעם שטיין קיין ירושלים?״ זאָגען זיי: „אויב דו וועסט אונז בעצאָהלען פופציג טאָלער

וועלען מיר אוועקטראָגען״. וואָלט ער זיי געגעבען, האָט ער אָבער ניט געהאַט בײַ זיך אַזוי פיל. לאָזען זיי איהם איבער און געהען זיך אַוועק. שיקט איהם גאָט צו פינף מלאָכים אין׳ם געשטאַלט פון מענשען, פרעגט ער זיי: „איהר וועט מיר אַוועקטראָגען דעם שטיין קיין ירושלים?״ זאָגען זיי: „פאַר פינף טאָלער זענען מיר גרייט אַוועקצוטראָגען, נאָר מיט אַ תּנאַי—זאָלסט אויך צולעגען מיט אונז אַ האַנד, צי אַ פינגער״. האָט ער צוגעלעגט אַ האַנד אינאיינעם מיט זיי, און קוקט זיך אום — מע שטעהט שוין אין ירושלים. וויל ער זיי בעצאָהלען זייער לוין, בלייבען זיי ניטשט. געהט ער אַריין אין לשכת־הגזית און דערפרעגט זיך וועגען זיי. ענטפערט מען איהם: „עס ווייזט אויס, ניט אַנדערש, נור מלאָכים האָבען געבראַכט אַהער דיין שטיין״.

# בן־דוסא און רעגען.

איינמאָל איז ר׳ חנינא בן־דוסא געגאַנגען אין וועג און געטראָגען אַ קאָרב זאַלץ אויפ׳ן קאָפּ. האָט אָנגעהויבען גיסען אַ רעגען. זאָגט בן־דוסא: „רבונו־של־עולם, די גאַנצע וועלט האָט נחת, נור חנינא זאָל האָבען צער!״— האָט דער רעגען אויפגעהערט.

געקומען אַהיים רופט ער זיך אָן: „רבונו־של־עולם, די גאַנצע וועלט זאָל האָבען צער, נור איין חנינא נחת״—האָט ווידער אָנגעהויבען צו רעגנען.

# „וועה איז דער שלאַנג״.

ערגיץ אין אַן אָרט האָט זיך אויפגעהאַלטען אַ שלאַנג, פלעג זי מזיק זיין מענשען. קומט מען און מע דערצעהלט דערפון חנינא בן־דוסא׳ן. הייסט ער זיך ווייזען די לאָך פון דער שלאַנג. פיהרט מען איהם אַהין אַוועק. טרעט ער אָן אויף דער לאָך. בעוויזט זיך די שלאַנג, גיט איהם אַ ביס — און בלייבט טויט אויפ׳ן אָרט. פערוואַרפט ער זי איפ׳ן אַקסעל און טראָגט זי אַוועק צו׳ם בית־המדרש און זאָגט זיינע תלמידים:

— זעהט איהר, קינדער, ניטשט די שלאַנג טוידט, נאָר די זינד.

פון דעמאָלט אָן איז אַרויס דאָס שפּריכוואָרט: „וועה איז דעם וואָס שלאָגט זיך אָן אין אַ שלאַנג; און וועה איז דער שלאַנג וואָס שלאָגט זיך אָן אין ר׳ חנינא בן־דוסא״.

# בן־דוסא און דער לייב.

ר׳ חנינא בן־דוסא האָט איינמאָל דערזעהן אַ לייב. בייזערט ער זיך אויף איהם אָן: „אַי, דו שוואַכער קעניג! האָב איך דען שוין איינמאָל דיך ניטשט בעשוואוירען, זאָלסט ניטשט דערוועגען בעווייזען זיך אין ארץ־ישׂראל. האַפּט

ער באלד און אנטלויפט. לויפט איהם ר׳ חנינא נאך און זאגט: „פערצייע מיר, ליעב, וואס איך האב דיך אנגערופען שוואכער קעניג, ווען דיין בעשעפער אליין רופט דיך אן „גבור".

# בן־דוסא׳ס תפלה איבער קראנקע.

מע דערצעהלט אויף ר׳ חנינא בן־דוסא, אז ער פלעג תפלה טהון אויף קראנקע און טרעפען: דער וועט לעבען בלייבען און דער וועט שטארבען. אז מ׳האט איהם געפרעגט: „פון וואנען ווייסטו דאס?" האט ער געענטפערט: „איך האב א סימן, געהט־ארויס ביי מיר די תפלה געלויפיג פונ׳ם מויל, ווייס איך אז זי איז אנגענומען, אויב נישט — ווייזט עס אז זי איז אפגעווארפען".

איינמאל איז ביי רבן גמליאל׳ן קראנק געווארען א זוהן, שיקט ער צוויי פון זיינע תלמידים צו ר׳ חנינא בן־דוסא׳ן, ער זאל אויף דעם חולה תפלה טהון. ווי בן־דוסא האט זיי דערזעהן, איז ער באלד ארויף אין אויבער־שטובעל און זיך געשטעלט גאט בעטען. אראפ פונ׳ם שטיבעל, זאגט ער די שליחים: „געהט אייך אהיים, די היץ האט שוין דעם חולה אפגעלאזט". פרעגען זיי איהם: „וואס, א נביא ביסטו?" ענטפערט ער: „נישט קיין נביא בין איך און נישט קיין בן נביא; איך האב נור א סימן: געהט־ארויס ביי מיר די תפלה געלויפיג פונ׳ם מויל, ווייס איך אז זי איז אנגענומען, אויב נישט — ווייזט עס אז זי איז אפגעווארפען".

נעהמען זיי און פערצייכענען פונקטליך די מינוט. געקומען צוריק צו רבן גמליאל דערצעהלען זיי עס איהם; זאגט ער זיי: „איך שווער אייך, נישט מעהר און נישט ווענינער, פונקט אין דער זעלבער מינוט האט אפגעלאזט דעם חולה די היץ און ער האט ביי אונז געבעטען א טרונק וואסער".

# דאס פרומע עזעל.

איינמאל האבען גנבים ארויסגעגנב׳עט ביי ר׳ חנינא בן־דוסא׳ן זיין עזעל און עס אוועקגעפיהרט צו זיך. בינדען זיי עס צו אין הויף, שטעלען פאר דעם היי און גערשטען מיט וואסער. נעהמט עס נישט אין מויל, נישט עס עסט און נישט עס טרינקט. טראכטען זיי זיך: „וואס טויג אונז לאזען דא די בהמה שטעהן ביז זי וועט פגר׳ען און פערעיפוש׳ען דעם הויף?" נעהמען זיי און עפענען פאר דעם די טהיר און לאזען עס ארויס. געהט עס זיך אזוי פאמעליך אין וועג ביז ס׳האט זיך דערשלעפט צוריק אהיים צו ר׳ חנינא בן־דוסא׳ס הויז און הויבט דארט אן צו הירזשען. דערהערט דאס בן־דוסא׳ס זוהן, זאגט ער: „טאטע, טאטע, דוכט זיך, דאס קול פון

אונזער בְּהֵמָה״. רופט זיך אָן בֶּן־דוֹסָא: „יָא, זוהן מײַנער, עֶפֶען גיכער, לאָז עס אַרײַן, עֶס וועט באַלד אויסגעהן פאַר הונגער. געהט ער און עֶפֶענט פאַר׳ן עזעל די טהיר, שטעלט פאַר דעם שטרוי און גערשטען מיט וואסער, האָט עס געגעסען און געטרונקען.

דערפאַר זאָגט מען: „די אַמאָליגע צדיקים, ווי זיי זענען געווען פרום — אַזוי אויך זייערע בְּהֵמוֹת״ [1].

---

[1]) ווי ר׳ חנינא בן־דוסא׳ס עזעל, וואָס האָט גאָר נישט געוואָלט געניסען פון די גנבים׳ס פוטער (עסען).

# רבן גמליאל דער צווייטער.

## א קנעכט ביי׳ם פאלק.

דער נשיא רבן גמליאל איז איינמאל געפאהרען צוזאמען מיט ר׳ יהושע׳ן אויף א שיף. רבן גמליאל האט געפיהרט מיט זיך נור געבאקטען ברויט, ר׳ יהושע אבער האט אויסער ברויט געהאט מיט זיך אויך זעמעלמעהל. אז ס׳האט זיך אויסגעלאזט דאס ברויט ביי ר׳ גמליאל׳ן, נעהמט ער זיך צו ר׳ יהושע׳ס זעמעלמעהל, און פרעגט איהם דערביי: „זאג נור מיר, האסטו דען געוואוסט אז ס׳וועט אונז אויסקומען אזוי לאנג פערבלייבען אין וועג, וואס דו האסט זיך בעווארענט מיט זעמעלמעהל?״ „יא — האט איהם ר׳ יהושע געענטפערט — ס׳איז דא א געוויסער שטערן, וואס בעוויזט זיך איינמאל אין זיבציג יאהר און פיהרט-אראפ פון וועג אלע שיפס-פיהרער, האב איך זיך בעווארענט פאר אזא פאל״.

— א מאן פון אזוי פיעל קענטניס ווי דו — זאגט איהם ר׳ גמליאל — זאל דארפען וואנדערען אויף שיפען [1] און אזוי אפקומען!

— אויף מיר איז דיר א חידוש? — ענטפערט-אפ ר׳ יהושע — מעהר דארפסטו זיך חדוש׳ען אויף דיינע צוויי געלעהרטע תלמידים, וואס דו האסט אויף דער יבשה, אויף ר׳ יוחנן בן גודגודא און ר׳ אלעזר בן חסמא, וועלכע זענען אין שטאנד אויסצורעכענען וויפיעל טראפען איז אין ים — און האבען נישט קיין שטיקעל ברויט צו עסען און קיין מלבוש אנצוטהון.

האט עס ר׳ גמליאל גענומען אין אכט און ער האט בעשלאסען זיי צו געבען א כבוד׳ע התמנות [2]. ווי ער איז נור ארויף אויף דער יבשה, שיקט ער זיי באלד צוליעב דעם רופען. זאגען זיי זיך אפ פונ׳ם כבוד און ווילען אפילו נישט קומען. שיקט ער זיי ווידער רופען, נישט אנדערש זיי זאלען קומען—קומען זיי. זאגט ער זיי: וואס מיינט איהר, אויבערמאכט גיב

---

[1] ר׳ יהושע איז געווען א גרויסער ארומאן און איז געפאהרען אין שיף צוליעב פרנסה. [2] א קהלישע אמט.

איך אייך—איך גיב אייך קנעכטשאפט, ווי האבען עס געזאגט רחבעם׳ן זיינע אלטע געניטע שׂרים בּשעת זיין איבערנעהמען די מלוכה: „היינט זאלסטו ווערען א קנעכט ביי דעם פאלק״.

# רַבָּן גַמְלִיאֵל און ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

.I

איינמאל האט זיך צווישען רַבָּן גַמְלִיאֵל און ר׳ יְהוֹשֻׁעַ געמאכט א מַחֲלוֹקֶת מִכּוֹחַ יום־כִּפּור, ווען ער זאל אויספאלען: נאך איינעמס מיינונג זאל ער אויסקומען מיט א טאג פריהער, נאכ׳ן אנדערענס — מיט א טאג שפעטער [1]. בעפוילט דער נָשִׂיא רַבָּן גַמְלִיאֵל ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן דורך א שָׁלִיחַ מיט די ווערטער: „איך בין אויף דיר גוזר, זאלסט צו מיר קומען מיט׳ן שטעקען און מיט׳ן בייטעל געלד אין דעם יום־כִּפּור וואס פאלט־אויס לויט דיין רעכנונג״. קומט אריין ר׳ עֲקִיבָא צו ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן, טרעפט ער איהם א פערזארגטען. פרעגט ער איהם: „רַבִּי, וואס ביסטו אזוי פערזארגט?״ ענטפערט ער: „עֲקִיבָא, ס׳וואלט מיר ליבער געווען ליגען קראנק צו בעט א יאהר דורכאנאנד, אבי נישט האבען אויף זיך אזא גְזֵירָה״. זאגט איהם ר׳ עֲקִיבָא: „איך האב א בְּפֵירוּשׁ׳ען בעווייז, אז ווי אזוי אונזער נָשִׂיא רַבָּן גַמְלִיאֵל טהוט איז געטהין. די תּוֹרָה זאגט: „דאס זענען די צייטען פון גאט, די הייליגע בעשטימטע טעג, וואס איהר זאלט זיי בעשטימען״ — איהר בעשטימט זיי, צי אין דער צייט צי נישט אין דער צייט—מוזט איהר אננעהמען נור די דאזיגע יָמִים־טוֹבִים״.

געהט ער אוועק צו ר׳ דוֹסָא בֶּן הָרְכִּינַס און דערצעהלט איהם די מַעֲשֶׂה. זאגט איהם ר׳ דוֹסָא: „אויב מיר וועלען זיך נעהמען נאכקלערען נאכ׳ן בֵּית־דִין פון ר׳ גַמְלִיאֵל׳ן, דארפען מיר אויך נאכקלערען נאך די אלע בֵּית־דִינ׳ס, וואס זענען איבער געווען ביי יודען פון משֶׁה־רַבֵּינוּ׳ס צייטען ביז היינט. אין אֱמֶת׳ען אבער, יעדער בֵּית־דִין פון דריי ריכטער, וואס איז געשטעלט געווארען איבער יודען, האט דעם זעלבען כֹּחַ ווי משֶׁה׳ס בֵּית־דִין.

נעהמט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ דעם שטעקען מיט׳ן בייטעל געלד און לאזט זיך געהן קיין יַבְנֶה און קומט צו רַבָּן גַמְלִיאֵל פונקט אין יענעם טאג, וואס לויט זיין רעכנונג דארף זיין יום־כִּפּור. ווי רַבָּן גַמְלִיאֵל האט איהם דערזעהן איז ער באלד אויפגעשטאנען פון דער שטוהל און איהם א קוש געטהון אין

[1]) אין יענע צייטען פלעגט מען בעשטימען די ראש־חודש׳ען און ימים־טובים אויפ׳ן גרונד פון עדות, וואס פלעגען נאכשפירען, ווען די נייע לבנה בעווייזט זיך, און צוגעשטעלט ווייערע ידיעות וועגען דעם פאר׳ן בית־דין אין ירושלים.

קאפ. „קום אריין מיט פריער—בעגריסט ער ר׳ יהושע׳ן, שטארק געריהרט פון זיין עניוות — קום אריין, רבי מיינער און תלמיד מיינער; רבי מיינער — אין וויסענשאפט, און תלמיד מיינער — מיט דיין פאלגען מיך. אז וואויל איז דעם דור וואס די גרעסערע פאלגען די קלענערע״.

---

.II

איינמאל איז געקומען א תלמיד פאר ר׳ יהושע׳ן מיט אזא שאלה: „רבי, די תפלה פון מעריב איז א רשות־זאך צי א מוז?״ ענטפערט ער איהם: א רשות־זאך. קומט ער מיט דער זעלבער שאלה צו רבן גמליאל, זאגט ער איהם: א מוז. פרעגט דער תלמיד: „ר׳ יהושע האט דאך מיר אבער געזאגט א רשות־זאך?״ זאגט רבן גמליאל: ווארט ביז ס׳וועלען אריינקומען מיינע „פעכט־לייט״ אין בית־המדרש. אז יענע זענען זיך צוזיפגעקומען, האט זיך אויפגעשטעלט דער פרעגער און געפרעגט: די תפלה פון מעריב איז א רשות־זאך צי א מוז? ענטפערט רבן גמליאל: א מוז. און באלד ווענדעט ער זיך צו די חכמים:

— צי איז דא—פרעגט ער זיי—עמיצער פון אייך וואס איז מיט מיר אין דעם נישט איינשטימיג?

רופט זיך אן ר׳ יהושע: ניין, נישטא.

— מ׳האט דאך געזאגט אין דיין נאמען, אז ס׳איז א רשות־זאך? — זאגט איהם רבן־גמליאל, און באלד שרייעט ער אויס שטרענג: — יהושע, שטעל זיך אויף, זאל מען געגען דיר עדות זאגען.

שטעלט זיך ר׳ יהושע אויף און זאגט: „ווען איך געווען א לעבעדי־גער און ער, דער עדות, א טויטער — קען נאך א לעבעדיגער אפלייקענען א טויטען, איצט אבער, אז מיר ביידע זענען לעבעדיגע, ווי קען א לעבעדיגער א לעבעדיגען אפלייקענען?״

האט רבן גמליאל ווייטער געהאלטען זיין דרשה זיצענדיג און ר׳ יהושע איז אלץ געשטאנען אויף די פיס, ביז צווישען עולם האט זיך אנגעהויבען צו רודערען און מ׳האט גענומען שרייען צו חוצפית דעם מתורגמן [1]: „שטעל זיך אפ!״ — און ער האט זיך אפגעשטעלט.

איז געווארען א געפילדער: „וואס הייסט עס? ביז וואנען וועט איהם אט דער אנטהון אזוי פיעל צער?״

— שוין צייט איהם אראפצוזעצען.

[1] אויסטייטשער, ערקלערער. ביי יעדען ראש ישיבה, בעת דעם דרשנ׳ען, האט זיך געפונען א מתורגמן, וועלכער האט אין א לייכטער פאר׳ן פאלק פערשטענדליכער שפראך באלד אויפ׳ן ארט ערקלערט דעם ראש־ישיבה׳ס דרשה.

— וועמען וועלען מיר אַרויפזעצען אויף זיין אָרט?

— פאַר וואָס טאַקי נישט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן?

— עס געהט נישט, צוליעב איהם האָט זיך די גאַנצע מַעֲשֶׂה אָנגעהויבען.

— אֶפְשַׁר ר׳ עֲקִיבָא׳ן?

— גְעפעהרליך, ער האָט נישט קיין זְכוּת־אָבוֹת, קען ער נאָך דורך יענעם ליידען.

איז געבליבען מ׳זאָל פאַר אַ נָשִׂיא מאַכען ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה, וועל־כער איז אַ געלערענט, אַ רייך, אַ גרויסער מְיוּחָס, דער צעהנטער דור פון עֶזְרָא. געהט מען צו ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה און מע שלאָגט איהם פאָר: „וואָלט דער רבי מְרוּצֶה זיין ווערען אַ ראש־יְשִׁיבָה?“ זאָגט ער: „איך וועל מיך פרי־הער אָן עֵצָה האַלטען מיט מיינע אייגענע“.

געהט ער און בעראָטה זיך מיט זיין פרוי. זאָגט זי: „וואָס וועסטו טהון אַז מ׳וועט דערנאָך דיך אויך אַראָפּזעצען?“ ענטפערט ער: „אויף דעם זאָגט די וועלט: „איין טאָג זיך בענוצען מיט׳ן טייערען כּוס—מאָרגען מעג ער ווערען צובראָכען“.

— דו ביסט דאָך אָבער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן — זאָגט ווייטער דאָס ווייב — נישט איין גרויע האָר, ווי פאַר אַ ראש־ישיבה וואָלט געפּאַסט?

טרעפט זיך אַ נֵס — און איבער נאַכט איז דאָס געזיכט פון׳ם אַכטצעהנ־יעהריגען ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אַרומגעבּרעמט געוואָרען מיט אַכטצעהן רייהען גרויע האָר.

אין יענעם טאָג האָט מען אָפּגעשאַפט דעם טהיר־היטער פון בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ און דער אַריינגאַנג איז געוואָרען פריי פאַר אַלע תַּלְמִידִים, וויל פאַר ר׳ גַמְלִיאֵל׳ן איז געווען שטרענג פערזאָגט: „יעדער תַּלְמִיד וואָס איז אין תּוֹך נישט אַזוי עהרליך ווי ער זעהט־אויס, זאָל זיך נישט דערוועגען אַריין אין בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ“. דעמאָלט איז צוגעקומען אין בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ פיעל נייע בענק מיט תַּלְמִידִים.

איז רַבָּן גַמְלִיאֵל געוואָרען ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלען. „ווער ווייסט — האָט ער זיך געטראַכט — אֶפְשַׁר האָב איך חָלִילָה אָפּגעהאַלטען תּוֹרָה פון יודען?“ האָט מען, כְּדֵי איהם צו בערוהיגען, געוויזען איהם ביי־נאַכט אין חָלוֹם: ווייסע קריג אָנגעפולטע מיט אַש[1].

בלייבט ביי רַבָּן גַמְלִיאֵל׳ן געהן איבערבעטען ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן. געקומען צו איהם אין שטוב בעמערקט ער, ווי די ווענט זענען פערראויכערט, זאָגט

---

[1]) ד. ה. די נייע תלמידים זענען אין תּוֹך אַריין נישט עהרליך און נישט ראוי צו לערנען.

ער איהם: „פון די ווענט דײַנע לאָזט זיך דערקענען אַז דו ביסט אַ שמיד״. ענטפערט איהם ר׳ יהושע:

— אַז װעה איז דעם דור װאָס דו ביסט זײַן פיהרער, און אַז װעה דער שיף װאָס דו ביסט איהר רודערער! צי װײסטו דען דעם צער פון תּלמידי־חכמים, פון װאַנען זײ לעבען און פון װאָס זײ דערנעהרען זיך?

זאָגט איהם רבן גמליאל: „איך בין שולדיג אַקעגען דיר, זײַ מיר מוחל״.

נעהמט עס נישט ר׳ יהושע אין אַכט.

— טהו עס צוליעב׳ן כּבוד פון מײַן פאָטער.

האָט ער זיך איבערגעבעטען.

קלערט מען: װעמען שיקט מען אָנזאָגען דערפון די חכמים. רופט זיך אַרויס אײנער אַ װעשער: „איך געה״. שיקט־איבער דורך איהם ר׳ יהושע אין בית־המדרש די װערטער:

װער עס האָט כּסדר געטראָגען אַמט־קלײדער,
דער זאָל אויף װײַטער זײ טראָגען;
װער עס האָט אָבער זײ קײנמאָל געטראָגען—
װי קומט ער יענעם צו זאָגען:
ציה־אָפּ דײַנע קלײדער און איך װיל זײ טראָגען [1]).

זאָגט ר׳ עקיבא צו די חכמים אין בית־המדרש: פערשליסט גיך די טהירען, רבן גמליאל׳ס קנעכט זאָלען זיך נישט אַרײַנרײַסען אַהער און בעלײדיגען די חכמים.

טראַכט זיך ר׳ יהושע: גלײַכער איך אַלײן זאָל געהן אײַנטעגה׳ען מיט׳ן עולם. געקומען אין בית־המדרש, קלאַפּט ער אָן אויף דער טהיר און רופט־אויס:

דער כּהן בן כּהן —
דער זאָל שפּרענגען דאָס רײניג־װאַסער;
דער נישט כּהן און נישט בן כּהן —
װי קומט ער צו זאָגען דעם כּהן בן כּהן:
דײַן װאַסער איז גרוב־װאַסער
און דײַן אַש איז פון ברען־האָלץ [2]).

פרעגט איהם ר׳ עקיבא: ר׳ יהושע, האָסט זיך געלאָזט איבערבעטען? נעטהון האָבען מיר עס אינגאַנצען נור פון דײַן כּבוד װעגען—מאָרגען אָבער

[1]) דאָס הײסט: רבן גמליאל איז תּמיד געװען אַ נשיא — דאַרף ער בלײַבען אויף װײַטער. [2]) דער כּהן פלעג רײניגען אומרײניגע מיט הײליגע שפּרענג־װאַסער אויסגעמישט מיט אַש פון דער פערברענטער פּרה־אדומה.

וועלען מיר בּיידע, איך מיט דיר, מוזען קומען גאנץ פריה צו איהם אויף דער טהיר...

דאָך האָט מען ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה׳ן נישט אראָפּגעזעצט. פלעג רַבָּן גַּמְלִיאֵל דַּרְשְׁנ׳ען אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ צוויי שַׁבָּתִים דורכאנאנד און ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה—אַ דריטען.

## דער נָשִׂיא בּעדינט זיינע געסט.

איינמאָל אויף דער חֲתוּנָה פון רַבָּן גַּמְלִיאֵל׳ס זוהן, זענען די דריי תַּנָּאִים, ר׳ אֱלִיעֶזֶר, ר׳ יְהוֹשֻׁעַ און ר׳ צָדוֹק, געזעסען בּיי׳ם טיש, און ר׳ גַּמְלִיאֵל איז געשטאַנען בּיי זיי און דערלאַנגט זיי דעם וויין. וויל ער אונ־טערטראָגען אַ כּוֹס ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ן, נעהמט ער נישט אָן; דערלאַנגט ער דעם כּוֹס ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן, נעהמט ער איהם צו. זאָגט איהם ר׳ אֱלִיעֶזֶר: „וואָס הייסט עס, יְהוֹשֻׁעַ, מיר זיצען זיך און רַבָּן גַּמְלִיאֵל אונזער רַבִּי שטעהט און דער־לאַנגט אונז וויין?“ ענטפערט ער: „מיר געפינען, אז אַ גרעסערער פון איהם האָט אויך בּעדינט געסט. אַבְרָהָם איז געווים געווען דער גרעסטער פון זיין דור, שרייבּט זיך וועגען איהם „אז ער איז געשטאַנען איבּער זיי“— איבּער זיינע געסט הייסט עס, צו בּעדינען זיי; מיינסטו אֶפְשַׁר דערפאַר וויל ער האָט געזעהן אז עס זענען מַלְאָכִים? ניין, זיי האָבּען גאָר איהם אויסגעוויזען ווי אַראַבּער,— מעג דאָך רַבָּן גַּמְלִיאֵל פאַר אַזוינע געסט ווי מיר אַוַדְאי דערלאַנגען דעם וויין“.

זאָגט זיי רַבִּי צָדוֹק: „בּיז ווי לאַנג וועט איהר אַוועקלעגען גאָט׳ס כָּבוֹד און זיך אָפּגיבּען מיט׳ן כָּבוֹד פון לייטען? גאָט בָּרוּךְ־הוּא אַליין לאָזט בּלאָזען ווינטען, טרייבּט וואָלקענס, גיט רעגען און מאַכט בּעוואַקסען די ערד און גרייט אַ טיש פאַר יעדען בּעזונדער, — מעג דאָך רַבָּן גַּמְלִיאֵל פאַר אונז אַוַדְאי דערלאַנגען דעם וויין!“

## פון קְלָלוֹת—בְּרָכוֹת.

רַבָּן גַּמְלִיאֵל האָט אויסגעגיבּען זיין טאָכטער. איידער זי האָט פער־לאָזען דעם פאָטערס הויז, זאָגט זי איהם: „טאַטע, בּענש מיך“. ווינשט ער איהר: „גאָט זאָל גיבּען, אז ווי דו געהסט איצט אַוועק זאָלסטו שוין מעהר אַהער זיך נישט אומקעהרען“. שפּעטער, אז זי האָט געבּוירען אַ יונגעל, האָט זי ווידער בּיי איהם געבּעטען אַ בְּרָכָה, ווינשט ער איהר: „גאָט זאָל גיבּען, אז קיין „אוי־וועה“ זאָל קיינמאָל זיך נישט אויסלאָזען בּיי דיר פון מויל“. זאָגט זי איהם: „טאַטע, צוויי שִׂמְחוֹת זענען בּיי מיר געווען און בּיידע מאָל האָסטו מיר געשאָלטען!“

— ניין, טאָכטער—ענטפערט ער איהר—בּיידע מאָל זענען עס געווען

ברכות: אַז דו וועסט לעבען מיט דיין מאַן אין פריעדען, וועסטו שוין ממילא קיינמאָל נישט דאַרפען אומקעהרען זיך אַהער, און אַז דיין קינד וועט דיר שטענדיג זיין געזונד און שטאַרק וועט זיך פון דיין מויל קיינמאָל קיין „אוי“ נישט אויסלאָזען: „אוי־וועה, דאָס קינד האָט נאָך נישט גע־געסען! אוי־וועה, דאָס קינד האָט נאָך נישט געטרונקען! אוי־וועה, דאָס קינד איז נאָך אין שולע נישט געגאַנגען!“.



# רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס

## (דער גְרויסער).

### ווי רַבִּי אֱלִיעֶזֶר האָט זיך גענומען צו'ם לערנען.

דער גרויסער ר' אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס, האָט בִּיז צוויי־און־צוואַנציג יאָהר גאַר נישט געלערענט קיין תּוֹרָה. זיין פּאָטער הוֹרְקְנוֹס איז געווען אַ רייכער גוט־בעזיצער און אויף זיינע פעלדער האָבען געאַרבּייט פִיעל אַרבּייטער. די זיהן זיינע, אֱלִיעֶזֶר מיט די איבּריגע ברידער, פלעגען אַליין אויך אַרבּייטען אין פעלד. איינמאָל שטעהען אַזוי די ברידער אין פעלד און אַקערען, אַלע אויף אויסגעאַרבּייטע ערד, און נור אֱלִיעֶזֶר אויף שטיינהאַרטע נייַלאַנד. פּלוצים וואַרפט אֱלִיעֶזֶר אַוועק דעם אַקער, זעצט זיך אין אַ זייט און וויינט זיך. פרעגט דער פּאָטער: וואָס וויינסטו? ערגערסט זיך אֶפְשַׁר, וואָס עס קומט דיר אויס צו אַקערען האַרטע נייַלאַנד — נעהם זיך אַקערען די ווייכע. געהט ער איבּער אויף דער ווייכער, זעצט זיך דאָרט אַוועק און וויינט ווידער.

פרעגט איהם דער פּאָטער:

— און אַצונד וואָס וויינסטו? דאָס געפעהלט דיר אויך נישט?

— ניין, נישט דאָס — זאָגט ער.

— וואָס דען וויינסטו?

— איך וויל לערנען תּוֹרָה!

— אַ מענש פון צוויי־און־צוואַנציג יאָהר פערגליסט זיך איהם פּלוצים אָנהויבּען לערנען. שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ. בּעסער האָבּ חֲתוּנָה, וועסטו האָבּען קינדער, פיהרען זיי אין שולע און זיי וועלען שוין לערנען תּוֹרָה.

איינמאָל קומט ער ווידער פאַר'ן פּאָטער און זאָגט:

— מאָרגען געה איך מעהר אין פעלד נישט אַרבּייטען. ס'איז בּיי מיר געבּליבּען זיך אַוועקלאָזען קיין יְרוּשָׁלַיִם דאָרט צו לערנען תּוֹרָה אין ר' יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי'ס בֵּית־הַמִּדְרָשׁ.

שרייעט אויף איהם אן דער פאטער: „מארגען גאנץ פריה, נאך איי־דער דו וועסט עפּיס אין מויל נעהמען, מוזטו מיר פריהער אויסאקערען א שמיק פעלד".

שטעהט אֱלִיעֶזֶר אויף פארטאג און נעהמט אקערען דאס פעלד. אין מיטען אקערען פאלט די קוה און ברעכט זיך אוים א פוס. טראכט ער זיך: „צוליעב מיין זכות האט די קוה צובראכען די פוס"...

אנטלויפט ער פון דארט און לאזט זיך אין וועג קיין ירושלים צו ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי.

ווי מען דערצעהלט איז דאס פארגעקומען אי׳ם ערב־שבת, און א גאנ־צען מעת־לעת ביז מוצאי־שבת, האט ער נישט געהאט אין מויל; אין וועג, ווען דאס הארץ האט איהם פער׳חלש׳ט, האט ער אויפגעהויבען פון דער ערד א שטיינדעל און אריינגענומען אין מויל.

געקומען קיין ירושלים, געהט ער אריין אין ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי׳ם שול, זעצט זיך אין א ווינקעל און וויינט. בעמערקט עס ר׳ יוֹחָנָן. פרעגט ער איהם: וואס וויינסטו?

ענטפערט ער: איך וויל לערנען תּוֹרָה.

— האסטו שוין עפּיס אמאל געלערענט?

— ניין, גאר נים געלערענט.

נעהמט ר׳ יוחנן מיט איהם לערנען פון אנהויב קריאת־שמע, דאווגען, בענשען, און דערצו יעדען טאג נייע צוויי הֲלָכוֹת[1]. אלעס וואס אֱלִיעֶזֶר האט געלערענט א גאנצע וואך האט ער שבת גוט אויסגעחזר׳ט און ס׳איז ביי איהם פערבליבען. אכט טאג דורכאנאנד האט אזוי אֱלִיעֶזֶר פערבראכט אין איין לערנען, און די גאנצע צייט נישט געהאט אין מויל, ביז ר׳ יוֹחָנָן האט דערשפירט א ריח פון זיין מויל.

פרעגט איהם ר׳ יוֹחָנָן: „אֱלִיעֶזֶר מיין זוהן, האסטו עפּיס איבערגעבי־סען היינט?"—שווייגט ער. פרעגט ער איהם נאכאמאל און ער שווייגט אלץ.

זאגט איהם ר׳ יוֹחָנָן: זעה, היינט עסטו ביי מיר.

— איך האב שוין אפגעגעסען אין מיין אַכְסַנְיָא[2]—ענטפערט אֱלִיעֶזֶר.

רופט־צו ר׳ יוֹחָנָן איינעגע פון זיינע תַּלְמִידִים און זאגט זיי אן: זעהט, איהר זאלט די זאך נאכפארשען.

לאזען זיך אוועק די תלמידים איבער ירושלים׳ער גאסען און פרעגען זיך נאך אין אלע אַכְסַנְיוֹת, צי האלט זיך דארט נישט אויף איינער פון זייע־רע חֲבֵרִים, ענטפערט מען אומעדום: ניין—ביז זיי זענען געקומען צו איין פרוי, וואס האלט אן ארומע אַכְסַנְיָא, און זי האט געענטפערט: יא. פרעגען זיי ביי

[1] דינים. [2] גאסט־הויז.

איהר: האָט ער דאָ עפּיס מיט זיך? זאָגט זי: „עפּיס האָט ער אַ מין זאַק, וואָס ער פאַלט אַלע טאָג צו צו איהם מיט'ן קאָפּ און זויגט פון איהם ווי פון אַ לאָגעל וויין". הייסען זיי זיך ווייזען דעם דאָזיגען זאַק. שלעפּט זי איהם אַרויס און זיי עפענען איהם. לאָזט זיך אויס, דער זאַק איז אָנגעשטאָפּט מיט ערד. פרעגען זיי איהר ווייטער: האָט היינט אֶלִיעֶזֶר עפּיס איבערגעבי־סען? זאָגט זי: „ניין. מיר האָבען אַלץ געמיינט, מִסְתָּמָא עסט ער ביי'ם רַבִּי'ן. ווייזט אויס, אַז ער האָט די גאַנצע אַכט טעג אין מויל נישט געהאַט".

קומען די תַּלְמִידִים און דערצעהלען עס דעם רַבִּי'ן. דערהערט דאָס, שרייעט־אויס רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי:

— אָרימער אֶלִיעֶזֶר, אַזוי נעבּיך וואַלגערסטו זיך דאָ צווישען אונז! נאָר ווייסען זאָלסטו: אַזוי ווי עס הערט זיך איצט אַ רֵיחַ פון דיין מויל מַחֲמַת הונגער, אַזוי וועט פון דיין מויל זיך צוגעהן דער רֵיחַ פון דיין תּוֹרָה און זיך צושפּרייטען פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערען עק וועלט.

פון דעמאָלט אָן האָט ר' יוֹחָנָן איהם בּעשטעלט קעסט און ער איז געקומען צו זיך.

אַזוי זענען פאַראיבער דריי יאָהר און אֶלִיעֶזֶר האָט פלייסיג געלערענט תּוֹרָה פאַר ר' יוֹחָנָן, און די גאַנצע צייט אַפילו זיך נישט געוויזען אהיים פאַר'ן פאָטער.

איינמאָל רופען זיך אָן הוֹרְקְנוֹס'ס קינדער צום פאָטער: „זעה וואָס דיין זוהן אֶלִיעֶזֶר האָט דיר אָפּגעטהון — אויף דער עלטער דיך איבערגע־לאָזט און איז אַוועק קיין יְרוּשָׁלַיִם. ער האָט פערדיענט דו זאָלסט איהם אָפּזאָגען פון יְרוּשָׁה".

פאָלגט הוֹרְקְנוֹס און געהט אַוועק קיין יְרוּשָׁלַיִם מיט דער דֵעָה אויס־צושליסען אֶלִיעֶזֶר'ן פון יְרוּשָׁה. קומט ער אָן קיין יְרוּשָׁלַיִם פונקט אין דעם טאָג, ווען ביי ר' יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי איז געוועזען אַ גרויסער מאָהלצייט. צו דער סְעוּדָה זענען געקומען די גרעסטע פאַרנעהמסטע לייט פון דער מְדִינָה: בֶּן־צִיצִית־הַכְּסָת, נַקְדִּימוֹן־בֶּן־גוּרְיוֹן און בֶּן־כַּלְבָּא־שָׂבוּעַ, דערצעהלט מען ר' יוֹחָנָן, אַז דער גוט־בּעזיצער הוֹרְקְנוֹס איז אָנגעקומען. הייסט ער מאַכען פאַר איהם אַ פּלאַץ צווישען די געסט, בּעזעצט מען איהם אויבען־אָן צווי־שען אַלע פאָרנעהמע לייט. זיצט ער צווישען עוֹלָם מיט גרויס אָפּשיי און ציטערט. אין מיטען דער סְעוּדָה שטעלט זיך ר' יוֹחָנָן אָפּ מיט די אויגען אויף ר' אֶלִיעֶזֶר'ן און זאָגט איהם: „נעהם זאָג עפּיס פאַר'ן עוֹלָם".

ענטפערט ר' אֶלִיעֶזֶר: רַבִּי, וואָס קען איך זאָגען, קען דען אַ בּרונען אַרויסגעבּען וואַסער מעהר ווי מען גיסט אין איהם אַריין? קען איך דען זאָגען דִּבְרֵי־תּוֹרָה מעהר ווי איך האָב ביי דיר בּעקומען?

— ניין, מיין זוהן — זאָגט איהם ר' יוחנן — נישט קיין בּרונען בּיסטו,

דו ביסט אַ קוואַל, אַ לעבעדיגער קוואַל, וואָס פליסט און גיסט פרישע וואַסער פון זיך אַליין. דו פערמאָגסט אייגענס.

און אַז ר׳ יוחנן מיט די תּלמידים זענען צו איהם צוגעשטאַנען, האָט ר׳ אליעזר זיך אויפגעהויבען און געעפענט דאָס מויל.

אין דער לופט האָבען זיך געטראָגען ווערטער, וואָס זינט די וועלט שטעהט האָט נאָך קיין אויער זיי נישט געהערט. דאָס פּנים פונ׳ם יונגען דרשן האָט געשיינט, ווי די זון; שטראַהלען, ווי פון משה רבינו׳ס געזיכט, האָבען פערבלענדט די אויגען און דער גאַנצער עולם האָט נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, צי ס׳איז טאָג צי נאַכט.

נאָך דער דרשה שטעלט זיך ר׳ יוחנן אויף, גיט דעם תּלמיד אַ קוש אויפ׳ן קאָפּ און זאָגט: „אַז וואויל איז אייך, אַברהם, יצחק און יעקב, וואָס אַזאַ קינד איז פון אייך אַרויסגעקומען״.

— אויף וועמען זאָגט ער עס? — דערפרעגט זיך הורקנוס ביים עולם.

— אויף דיין זוהן אליעזר — ענטפערט מען איהם.

— אויב אַזוי, האָט ער בעדאַרפט אַנדערש זאָגען: „אַז וואויל איז מיר, וואָס אַזאַ קינד איז פון מיר אַרויסגעקומען!״.

און דער אַלטער הורקנוס איז באַלד אַרויף אויף אַ באַנק און אויסגערופען פאַר׳ן גאַנצען ירושלים׳ער עולם:

— רבותי! געקומען בין איך אַהער מיט דער דעה אָפּצוזאָגען מיין זוהן אליעזר פון מיינע גיטער. איצט אָבער לאָז איך איבער אַלע מיינע גיטער פאַר מיין זוהן אליעזר אַליין, די איבריגע ברידער האָבען קיין שום חלק נישט.

— ניין, פאָטער — זאָגט איהם אויף דעם ר׳ אליעזר — וואָלט איך פערלאַנגט ערד ביי גאָט, קען ער מיר געבען, — „די ערד און אַלעס וואָס אין איהר געהערט צו גאָט״. וואָלט איך גאָלד און זילבער פערלאַנגט, קען ער דאָך מיר אויך געבען — „דאָס זילבער איז מיינס, און דאָס גאָלד איז מיינס, זאָגט גאָט״. מיין פערלאַנג אָבער פון גאָט איז נור איין זאַך: תּורה אַליין.

## ר׳ אליעזר׳ס בית־המדרש.

ר׳ אליעזר׳ס בית־המדרש איז געווען געמאַכט רונד, ווי אַ רייטבאַהן; און געווען איז דאָרט אַ שטיין, אויף וועלכען נור ער אַליין פלעגט זיצען. איינמאַל קומט אַהין אַריין ר׳ יהושע, כאַפּט ער קושען דעם שטיין און זאָגט דערביי: „אָט דער שטיין איז גלייך צו׳ם באַרג סיני, און דער וואָס זיצט אויף איהם — צו׳ם אָרון מיט די הייליגע לוחות״.

## די גרויסע מחלוקת.

איינמאַל איז אויסגעבראָכען אין בית־המדרש אַ גרויסע מחלוקת צווישען

ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ן און די חֲכָמִים וועגען אַ דין פון טַהֲרָה־וְטוּמְאָה ¹), ר׳ אֱלִיעֶזֶר האָט געזאָגט: ריין, און אַלע אַנדערע חֲכָמִים — אומריין. וויפיל בעווייזען ר׳ אֱלִיעֶזֶר האָט דעמאָלט ניט געבראַכט, האָבען די חֲכָמִים אַלץ ניט אָנגענומען. ווערט ער אויפגעבראַכט און שרייט אויס: „אויב דער דין איז ווי איך זאָג — זאָל דער דאָזיגער באָקסערבוים בעווייזען!״ — גיט זיך דער באָקסערבוים א רייס אויס מיט׳ן וואָרצעל פון דער ערד און פאַלט אום הונדערט איילען דערוויים.

זאָגען די חֲכָמִים: „פון אַ באָקסערבוים נעהמט מען קיין בעוויז ניט״.

שרייט ר׳ אֱלִיעֶזֶר ווידער אויס: „אויב דער דין איז ווי איך — זאָל דער קוואַל וואַסער בעווייזען!״ — האָט דאָס וואַסער אין קוואַל אָנגעהויבען פליסען צוריקוועגס.

זאָגען איהם די חֲכָמִים: „פון אַ קוואַל וואַסער נעהמט מען קיין בעוויז ניט״.

שרייט ער ווידער אויס: „אויב דער דין איז ווי איך — זאָלען די ווענט פון בֵּית־הַמִּדְרָשׁ בעווייזען!״ — האָבען די ווענט פון בֵּית־הַמִּדְרָשׁ זיך באַלד איינגעבויגען אויף אומצופאַלען. שרייט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אויף זיי אָן: „ווען עס נעהט אַ קריג צווישען תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים וועגען אַ דין — ווי קומט איהר זיך דאָ אַריינצומישען?״ — זענען די ווענט אַזוי געבליבען: ניט איינגעפאַלען אינגאַנצען צוליעב ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ס כָּבוֹד, און ניט אויסגעגלייכט זיך צוליעב ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ס כָּבוֹד — און אַזוי שטעהען זיי נאָך איינגעבויגען ביז היינטיגען טאָג.

שרייט ר׳ אֱלִיעֶזֶר ווידער אויס: „אויב דער דין איז ווי איך — זאָל מען פונ׳ם הימעל בעווייזען!״ לאָזט זיך הערען אַ בַּת־קוֹל: „וואָס האָט איהר צו ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ן? אומעטום בלייבט דער דין ווי ער זאָגט״. שטעלט זיך ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אויף און רופט אויס: „ניט אויף׳ן הימעל איז די תּוֹרָה״ — מיר הערען ניט קיין בַּת־קוֹל! דו אַליין האָסט שוין לאַנג אָנגעשריבען אין דער תּוֹרָה אויפ׳ן באַרג סִינַי: „נאָכ׳ן רַבִּים נאָכגיבען זיך״.

טרעפט איינמאָל ר׳ נָתָן אֵלִיָּהוּ׳ן, פרעגט ער ביי איהם: „וואָס האָט גאָט בָּרוּךְ־הוּא אין יענער שָׁעָה געטהון?״

ענטפערט איהם אֵלִיָּהוּ: געשמייכעלט האָט ער און דערביי געזאָגט: „מיינע קינדער האָבען מיך ביינעקומען! ביינעקומען האָבען מיך מיינע קינדער!״

מע דערצעהלט: אין יענעם טאָג פון דער גרויסער מַחְלוֹקֶת האָט מען אַלע זאַכען, וואָס ר׳ אֱלִיעֶזֶר האָט אויף זיי געפּסק׳ענט אַז זיי זענען ריין, צונויפגעבראַכט אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ און פערברענט אויפ׳ן פייער. און מ׳האָט זיך וועגען איהם צונויפגערעדט און איהם „געבענשט״ ²). קלערט מען: „ווער זאָל

---

¹) ריינקייט און אומריינקייט. ²) געמיינט: אַריינגעוואָרפען אין חרם.

געהן איהם דאָס אָנזאָגען?" רופט זיך ארויס ר' עקיבא: „איך וועל געהן, ווארום אויב אַ אונפּאַסיגער מענש וועט דאָס איהם אָנזאָגען, קען ער נאָך חרוב מאַכען די גאַנצע וועלט. ווי אַזוי־זשע האָט עס ר' עקיבא געטהון? ער האָט זיך אָנגעצייגען אין שוואַרצען און איינגעהילט אין שוואַרצען, און קומענדיג פאַר ר' אֱלִיעֶזֶר'ן איז ער געבליבען זיצען פיער איילען פון דערווייטען. פרעגט איהם ר' אֱלִיעֶזֶר: „עקיבא, וואָס איז היינטיגער טאָג אַנדערש פון אַלע?" זאָגט ער איהם: „מיר שיינט, אַז די חברים האַלטען זיך פון דיר פון דער־ווייטענס". דערהערט דאָס, האָט ער באַלד צעריסען די קליידער זיינע, אויס־געטהון די שיך, זיך אַראָפּגעלאָזט און געבליבען זיצען אויף דער ערד. טרערען האָבען זיך איהם געגאָסען פון די אויגען. איז די וועלט באַלד גע־פּלאָגט געוואָרען: אַ דריטעל האָט זי געליטען אין איילבירטען, אַ דריטעל אין ווייץ און אַ דריטעל אין גערשטען. אפילו דאָס טייג אין דער פרוי'ס האַנד האָט געגעצט און צוקראָכען געוואָרען. גרויס איז געווען אין יענעם טאָג דער צאָרן אויף דער וועלט: יעדעס אָרט וואָס ר' אֱלִיעֶזֶר האָט אַהין אַ וואָרף געטהון מיט'ן אויג, איז אויסגעברענט געוואָרען.

דער נשיא רבן גמליאל איז אויך געווען אין געפאַהר. ער איז גראָד דעמאָלט געפאָהרען אויף אַ שיף, האָט זיך אויפגעהויבען אַ שקוואַל איהם צו דערטרינקען. קלערט ער זיך: „מיר שיינט דאָס זאָל זיין נור צוליעב ר' אֱלִיעֶזֶר בֶּן הורקנוס". שטעלט ער זיך אויף און רופט־אויס: „רבונו־של־עולם, פאַר דיר איז דאָך בעוואוסט אַז נישט צוליעב מיין כבוד האָב איך עס גע־טהון און נישט צוליעב'ן כבוד פון מיין פאָטער'ס הויז, נור בלויז צוליעב דיין כבוד, כדי עס זאָל זיך נישט מעהרען קיין מחלוקת צווישען יודען" — האָט זיך דער ים גלייך בערוהיגט פון שטורם.

אמא־שלום, ר' אֱלִיעֶזֶר'ס ווייב, איז געווען ר' גמליאל'ס אַ שוועסטער, האָט זי פון יענער מעשה אָן געהיט ר' אֱלִיעֶזֶר'ן ער זאָל נישט פאַלען אויפ'ן פּנים ביי זיין תפלה. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַז זי האָט אַרויסגע־טראָגען פאַר אַן אָרימאַן אַ שטיקעל ברויט, קומט זי אַריין צוריק, טרעפט זי ר' אֱלִיעֶזֶר'ן ווי ער ליגט אויפ'ן פּנים. שרייעט זי אויס: „שטעה־אויף, האָסט שוין געהרג'עט מיין ברודער!" אין דעם לאָזט זיך הערען פונ'ם נשיא ר' גמליאל'ס הויז דאָס קול פונ'ם שופר: „געשטאָרבען רבן גמליאל".

— פון וואַנען האָסטו עס געוואוסט — פרעגט זי ר' אֱלִיעֶזֶר.

— מיר האָבען עס אַ קבלה פון אונזער זיידענס־הויז — ענטפערט זי — אַלע טויערען אין הימעל ווערען געשלאָסען, די טויערען וואָס נעהמען־אויף אָנקלאָגען פאַר יסורים — קיינמאָל נישט.

# ווען ר' אֱלִיעֶזֶר איז קראַנק געוואָרען.

אַז ר' אֱלִיעֶזֶר איז קראַנק געוואָרען זענען די תַּלְמִידִים זיינע געקומען איהם בעזוכען. רופט ער זיך אָן צו זיי:

— אַ גרויסער צאָרן איז אויסגעגאָסען אויף דער וועלט!

הויבען די תַּלְמִידִים אָן צו וויינען, נור איין ר' עֲקִיבָא האָט געשמייכעלט. פרעגען זיי איהם: „פאַר וואָס לאַכסטו?"

פרעגט ער זיי: „און איהר, פאַר וואָס וויינט איהר?"

— ווי אַלען מיר נישט וויינען — ענטפערען זיי — אַז מיר זעהען די סֵפֶר־תּוֹרָה געפינט זיך אין אַזעלכע ליידען.

— און דערפאַר טאַקי לאַך איך — זאָגט ער — וואָרום זולאַנג איך האָב געזעהן, אַז ביי'ם רַבִּי'ן ווערט דער וויין קיינמאָל נישט זויער, דער פלאַקס — געשלאָגען, דער בוימעל — פערשטינקען און דער האָניג — געהירט, האָב איך אַלץ געזאָרגט, אֶפְשַׁר האָט דער רַבִּי אָפּגענומען חָלִילָה זיין גאַנץ עוֹלָם־הַבָּא[1]) אויף דער וועלט; איצט אָבער, ווען איך זעה דעם רַבִּי'ן אין אַזאַ צַעַר, בין איך צופריעדען.

רופט זיך אָן ר' אֱלִיעֶזֶר: „עקיבא, האָב איך דען פון דער גאַנצער תּוֹרָה עפּיס־וואָס פערפעהלט?"

ענטפערט ער: „דו האָסט דאָך אונז אַליין געלערענט, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ צַדִּיק, וואָס זאָל מהון לויטער גוטס און נישט זינדיגען".

---

אַן אַנדערס מאָל זענען צו ר' אֱלִיעֶזֶר'ן געקומען מְבַקֵּר־חוֹלֶה זיין פיער זְקֵנִים: ר' טַרְפוֹן, ר' יְהוֹשֻׁעַ, ר' אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה און ר' עֲקִיבָא. נעהמט ר' טַרְפוֹן איהם אויסרעדען דאָס האַרץ. „רַבִּי — רופט ער זיך אָן — ביסט פאַר יודען בעסער פון אַ טראָפּען רעגען: אַ טראָפּען רעגען ברייננט בְּרָכָה נור אויף דער וועלט, דער רַבִּי אָבער — ווי אויף דער אַזוי אויף יענער וועלט.

רופט זיך ר' יהושע אָן: „רַבִּי, ביסט פאַר יודען בעסער פון דער זון: די זון לייכט און וואַרעמט נור אויף דער וועלט, דער רַבִּי אָבער — אויף דער און אויף יענער וועלט".

רופט זיך אָן ר' אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה: „דו ביסט פאַר יודען בעסער פון פאָטער און מוטער: אַ פאָטער און מוטער איז נור אויף דער וועלט, און דער רַבִּי איז אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט".

רופט זיך אָן ר' עֲקִיבָא: „יִסוּרִים דאַרפען זיין ליעב".

דערהערט די ווערטער, זאָגט ר' אֱלִיעֶזֶר צו זיינע תַּלְמִידִים: „הייבט

---

[1]) יענע וועלט, לוין.

מיך אונטער, לאָמיך הערען די ווערטער פון עֲקִיבָא מיין תַּלְמִיד. יאָ, „יִסוּרִים דאַרפען זיין ליעב״.

פאַר ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ס פְּטִירָה זענען ווידער צו זייער קראַנקען רֶבִּי׳ן געקומען ר׳ עֲקִיבָא מיט זיינע חֲבֵרִים איהם צו בעזוכען. דער קראַנקער איז געלעגען אין זיין שלאָפצימער און זיי זענען געזעסען אין זאַל. געווען איז עס גראָד פרייטאָג פאַרנאַכט, און אֱלִיעֶזֶר׳ס זוהן, הוֹרְקְנוֹס, איז אַריינגעקומען צו׳ם פאָטער אין צימער כְּדֵי אויסצוטהון איהם די תְּפִלִּין [1]. האָט אויף איהם דער פאָטער אָנגעשריגען און ער איז אַרויס פון דאָרט אַ פערשעמטער. רופט ער זיך אָן צו די תַּנָּאִים: „מיר שיינט, אַז דער טאַטע איז שוין נישט אינגאַנצען ביי די געדאַנקען״.

— דו מיט דיין מאַמען זענען נישט ביי די געדאַנקען — לאָזט זיך אויף דעם הערען ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ס קול פון זיין צימער — פערשפּעטיגען מיט ליכט־צינדען איז אַ גרעסער חִלּוּל־שַׁבָּת ווי תְּפִלִּין טראָגען!

געזעהן אַז ר׳ אֱלִיעֶזֶר איז ביי די גאַנצע געדאַנקען, זענען די חֲכָמִים צו איהם אַריינגעגאַנגען און זיך געזעצט פאַר איהם פיער איילען פון דער וויטענס [2].

— צוליעב וואָס זענט איהר געקומען? — פרעגט ער זיי.

— לערנען תּוֹרָה — ענטפערען זיי.

— וואו זענט איהר ביז אַצונד געווען?

— מיר זענען ניט געווען אויפגערוימט.

— עס גלויבט זיך מיר נישט — זאָגט ר׳ אֱלִיעֶזֶר — אַז די לייט זאָלען שטאַרבען מיט׳ן אייגענעם טויט.

— און מיין טויט ווי ועט זיין? — פרעגט ר׳ עֲקִיבָא.

— דער ערגסטער פון זייער אַלעמענס — — —

הויבט־אויף ר׳ אֱלִיעֶזֶר זיינע צוויי אָרִימס און לאָזט זיי אַראָפּ אויפ׳ן האַרצען. „אָ, צוויי אָרִימס מיינע — רופט ער אויס — צוויי פערוויקעלטע ריינִיג־קייטען! פיעל תּוֹרָה האָב איך אַליין געלערענט, פיעל תּוֹרָה האָב איך יענעם געלערענט. פיעל אַליין געלערענט — און נישט געמינערט פון מיינע לעהרער אַפילו ווי אַ לעק פונ׳ם יַם; פיעל יענעם געלערענט — און מיינע תַּלְמִידִים האָבען פון מיר נישט געמינערט אַפילו אַזוי ווי אַ פינזעל פונ׳ם פאַרב־רעהריל... וויפיעל אוֹצְרוֹת פון תּוֹרָה איז נאָך געווען ביי מיר פאַר אייך — און עמיצער פון אייך, אויסער אַמאָל עֲקִיבָא בֶּן יוֹסֵף, זאָל דערפון גענישען!״...

---

[1]) אין יענער צייט האָבען די חכמים געטראָגען אַ גאַנצע וואָך תפלין, אויסער שבת, ווען מע טאָר עס נישט. [2]) ווייל דער חרם איז נאָך פון איהם נישט אַראָפּגענומען געוואָרען.

האָבּען די תַּלְמִידִים גענומען איהם פרעגען אין טוּמְאָה וְטַהֲרָה און ער האָט ווי נעענטפערט אויף אַלע ווייערע שַׁאֲלוֹת, אויף אומרייַן — אומרייַן, און אויף רייַן—רייַן, בּיז די רייַנע נְשָׁמָה זייַנע איז מיט׳ן וואָרט „רייַן״ אויס־געגאַנגען. דאָ איז ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אויפגעשטאַנען און אויסגערופען:

— אויפגעבּונדען דער נֶדֶר! אויפגעבּונדען דער נֶדֶר! [1]

שַׁבָּת־צו־נאַכטס, ווען מ׳האָט געפיהרט דעם אָרון מיט׳ן מֵת צווישען קֵיסַרְיָה און לוד, איז ר׳ עֲקִיבָא איהם אַרויס אַנטקעגען און האָט זיך אָנגע־הויבּען קלאַפּען אין קאָפּ און רייסען דאָס לייַבּ, בּיז דאָס בּלוט האָט איהם געטריפט פון די וואונדען צו דער ערד.

— פאָטער מייַנער, פאָטער מייַנער — האָט ער אויסגעבּראָכען מיט אַ יאָמער, שטעלענדיג זיך אין קרייַז פון די בּעגלייטער — אוי, רייַטוואָגען און ריטער [2] פון יודישען פאָלק! פיעל קליינגעלד איז דאָ בּיי מיר, נישטאָ שוין אָבּער מעהר דער וועקסלער, דאָס מיר אויף גרויס געלד אויסצובּייַטען.

---

[1] ד. ה. אָראָפּגענומען דער חרם. [2] ד. ה. דער שטאַרקסטער בּעשיצער פונ׳ם פאָלק.

# רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה.

## „אַז וואויל איז זיין מוטער".

דער אַלטער יוֹנָתָן בֶּן הָרְכִּינַס, דערזעהענדיג ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן, האָט ער אויף איהם אָנגעווענדט די ווערטער פון יענעם פָּסוק אין יְשַׁעְיָה:

„וועמען לערענט מען וויסענשאַפט —
ערשט־אַנטוועהנטע פון דער מוטערס מילך".

און האָט דערביי צוגעגעבען:

— עס געדענקט זיך מיר, אַז די מוטער זיינע פלעג איהם ברייינגען אינ׳ם וויעגעלע אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ אַריין, כְּדֵי צו זיינע אויערען זאָלען זיך פון קינדווייז אָן אָנקלעפּען תּוֹרָה־ווערטער.

* *
*

ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אַליין פלעג זאָגען: „אַפילו ווען אַלע יַמ׳ען זאָלען טינט זיין, אַלע טשערעט־רעהרליך — פּענעס, הימעל און ערד — פּאַרמעט, און אַלע מענשען — שרייבער, וועט דאָס אַלץ ניט קלעקען צו בעשרייבען וויפיעל תּוֹרָה איך האָב אויסגעלערענט. דאָך האָב איך זי נישט אָנגערירט אַפילו אויף אַזוי פיעל, ווי איין פּינזעל־טונק קען אָנריהרען דעם יַם.

## שעהנע חָכְמָה אין אַ מִיאוּסער כְּלִי.

ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה האָט אויסגעזעהן נישט שעהן. איינמאָל דערזעהט איהם דעם קֵיסָר׳ס טאָכטער, רופט זי אויס: „אָ, שעהנע חָכְמָה אין אַ מִיאוּס׳ער כְּלִי!" רופט זיך אָן צו איהר ר׳ יְהוֹשֻׁעַ: „טאָכטער מיינע, זאָג מיר, אין וואָס פאַר אַ כְּלִי האַלט דיין פאָטער דער קעניג דעם ויין זיינעם?".

ענטפערט זי: „אין ערדענע כֵּלִים".

— ווי פּאַסט עס — זאָגט ער איהר — די גאַנצע וועלט האַלט ויין אין ליימענע כֵּלִים און דיין פאָטער דער קעניג אויך אַזוי?

— אין וואָס דען זאָל ער האַלטען? — פרעגט זי איהם.

— פּאַר אַזוינע ווי איהר פּאַסט נישט אַנדערש ווי צו האַלטען אין זילבערנע און גאָלדענע כּלים.

גנעהט זי אַוועק אַהיים און זאָגט עס דעם פּאָטער. בעפעהלט ער מען זאָל באַלד איבערגיסען דעם ווײַן אין זילבערנע און גאָלדענע כּלים. דויערט נישט לאַנג און דער ווײַן ווערט זויער. ־פערפרעגט זיך בײַ איהר דער פּאָטער: „ווער האָט עס דיר געראָטהען אַזוי צו טהון?" זאָגט זי: „ר׳ יהושע בן חנניה". שיקט ער איהם רופען צו זיך און פרעגט איהם: „ווי פּאַלסטו־אויס אַזוי צו ראָטהען מײַן טאָכטער?"

— אַזוי ווי זי האָט מיך געפרעגט — ענטפערט איהם ר׳ יהושע — אַזוי האָב איך געענטפערט.

# דער לייב און דער שטאָרך.

די רוימישע רעגירונג האָט איינמאָל געגיבען די יודען אַ ערלויבניש ווידער אויפצובויען דעם בית־המקדש. האָבען צוויי פּאַרנעהמע לײַט פון יודען, פּפוס און לוליאַנוס, אַוועקגעשטעלט טישען אויפ׳ן וועג פון עכּו ביז אַנטוכיא און האָבען פערזאָרגט די אַלע, וואָס לאָזען זיך צוריק קיין ירושלים, מיט זילבער און גאָלד לויט זייער בעדערפניש. קומען די געוויסע כּותים פאַר׳ן קעניג מיט אַזאַ מסירה: „די יודען בונטעווען זיך!"

— וואָס־זשע טהוט מען — פרעגט ער זיי — דאָס ערלויבניש איז דאָך שוין געגיבען געוואָרען?

ענטפערען זיי איהם: „שיק זיי אַ בעפעהל, אַז זיי זאָלען ענדערען אָדער דאָס פּלאַץ פונ׳ם געבײַי אָדער עטוואָס פון זײַן מאָס — וועלען זיי שוין אַליין זיך אָפּזאָגען פונ׳ם בויען.

דערוויילע האָט זיך דאָס פאָלק פערזאַמעלט אין טהאָל בית־רמון, און ווי ס׳איז אָנגעקומען דאָס נייע בעפעהל פונ׳ם קעניג האָבען אַלע אויסגעבראָכען אין אַ יאָמער. שטאַרק צורודערט פון דער גזירה, האָבען אַ טהייל פונ׳ם פאָלק בעשלאָסען נישט אַנדערש נור זיך שטעלען איהר אַקעגען; די מעהר געלאַסענע האָבען אָבער פאָראויסגעזעהן דאָס געפאַהר און האָבען גענומען קלערען: וועמען פון די חכמים שטעלט מען אַרויס צו אײַננעהמען מיט ווערטער דעם אומרוהיגען עולם? איז געבליבען, אַז דאָס דאַרף טהון ר׳ יהושע בן חנניה, ווײַל ער איז דער גרעסטער געלעהרטער. שטעלט זיך אַוועק ר׳ יהושע און הויבט־אָן זײַן רעדע פאַר׳ן עולם מיט אַזאַ משל:

— איינמאָל האָט דער לייב פערצוקט אַ שעפּעלע, האָט זיך איהם געשטעלט אַ ביין אין האַלז. רופט ער אויס: „ווער ס׳וועט קומען מיר אַרויסנעהמען דעם ביין, וועט ער פון מיר בעקומען אַ גוטען לוין. קומט דער שטאָרך און שטעקט־אַרײַן דעם לייב אין מויל זײַן לאַנגען שנאָבעל און שלעפּט פון

דאָרט אַרויס דעם בּיין. „איצט — זאָגט דער שטאָרך — גיבּ מיר מיין לוין". רופט זיך אָן דער לייבּ: „איז וועניג לוין פאַר דיר, אַז דו קענסט אַוועקגעהן פון דאַנען און זיך בּערימען: איך בּין אַריין אין לייבּ'ס מויל און אַרויס פון דאָרט בּשלום!" דאָס אייגענע— האָט ר' יהושע אויסגעלאָזט—קען מען זאָגען אויף אונז יודען: גענוג פאַר אונז, אַז מיר זענען אַריינגעפאַלען צו דער דאָזי-גער אומה און אַרויס מיט'ן לעבּען.

# איין שעפּעלע צווישען זיבּציג וועלף.

דער קעניג אַדריאַנוס האָט איינמאָל געזאָגט ר' יהושע'ן:

— ווי שטאַרק איז דאָס שעפּעלע, וואָס געפונט זיך איינס צווישען זיבּציג וועלף און האַלט זיך!

— ווי שטאַרק איז דער הירט, וואָס רעטעט עס פון זיי אַלע! — ענט-פערט איהם ר' יהושע.

# דאָס אויסגעלייזטע קינד.

ר' יהושע בּן חנניה איז איינמאָל געקומען קיין רוים, דערצעהלט מען איהם: „דאָ אין געפענגעניש געפונט זיך אַ יודיש קינד, זעהר אַ שעהנס, מיט לויכטענדע אויגען און מיט געקרייזעלטע לאָקען". געהט ער אַוועק צו'ם קינד אין געפענגעניש, שטעלט זיך אַוועק פאַר דער טהיר און שרייעט-אויס:

„ווער האָט איבּערגעגעבּען צו'ם רויבּ יעקבּ'ן

און יודישע קינדער צו ראַבּיערער?"

ענטפערט איהם דאָס קינד פון דער תּפיסה אַרויס:

„נור דער הער גאָט,

וואָס פאַר איהם האָבּען מיר זיך פערזינדיגט,

נישט געוואָלט געהן אין זיינע וועגען

און זיין תורה נישט געהאָרכט".

ווי ר' יהושע האָט דאָס דערהערט האָט ער אויסגעשריגען:

„אָ, ציון'ס קינדער,

טייערע מיט גאָלד געשעצטע!"

און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ר' יהושע צוגעגעבּען:

— איך בּין זיכער, אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער גע-לעהרטער בּיי יודען. איך שווער, אַז איך ריהר זיך נישט פון דאַנען בּיז איך וועל איהם אויסלייזען פון געפענגעניש, וויפיעל דאָס זאָל נישט קאָסטען!

און אַזוי האָט ער געטהון: ער האָט בּעצאָהלט פאַר'ן קינד פיעל געלד און איהם אויסגעלייזט. און ס'האָט נישט לאַנג גדויערט און דאָס קינד איז

בּעֲוואוסט געהאָרען צווישען יודען אַלס אַ גרויסער געלעהרטער. און געוועזען איז דאָס — ר׳ יִשְׁמָעֵאל בֶּן אֱלִישָׁע.

## דריי האָבּען איהם בּייגעקומען.

ר׳ יְהוֹשֻׁעַ דערצעהלט: „זינט איך לעבּ האָט מיך קיינער נישט בּייגע־קומען, אויסער דריי: אַ פרוי, אַ מיידעלע און אַ יונגעלע.

מיט דער פרוי האָט זיך מיר געטראָפען אַזאַ מַעֲשֶׂה: איינמאָל בּין איך איינגעשטאַנען בּיי אַ פרוי אין אַ גאַסט־הויז, דערלאַנגט זי מיר צום טיש אַ געשמאַק געריכט פון בּאָב, עס איך דאָס אויף אינגאַנצען, גאָרנישט איבּערגעלאָזט. דאָס צווייטע מאָל — אויך דאָסזעלבּע. דאָס דריטע מאָל מאַכט זי מיר דאָס אייגענע געריכט, נאָר שטאַרק איבּערגעזאַלצען, פערזוך איך עס און נעהם דערפון נישט מעהר צו׳ם מויל. פרעגט זי מיך: „פאַר וואָס עסטו נישט?״ ענטפער איך: „איך בּין זאַט, שוין היינט איינמאָל געגעסען״...

זאָגט זי: „האָסטו קיין בּרויט נישט געזאָלט עסען. רַבִּי — זאָגט זי ווייטער — אֶפשר האָסטו נישט איבּערגעלאָזט קיין שִׁירַיִם די ערשטע צוויי מאָל, לאָזטו דערפאַר איבּער פאַר אַלע מאָל״ [1].

מיט׳ן מיידעלע האָט זיך מיר געטראָפען אָט־וואָס: איינמאָל אונ־טערוועגס איז מיר אויסגעקומען צו געהן אויף אַ וועג, וואָס שניידט־דורך אַ פערזייט פעלד. דערזעהט מיך דאָרט אַ מיידעלע, פרעגט זי מיר: „רַבִּי, איז דאָס דען קיין פעלד נישט, וואָס דו טרעטסט דאָ?״

ענטפער איך איהר: „איז דאָס דען נישט קיין לאַנג אויסגעטרעטע־נער וועג?״

זאָגט זי: „יאָ, אַזעלבּע רויבּער ווי דו האָבּען עס אויסגעטראָטען״...

מיט׳ן אינגעלע ווידער איז מיר פאָרגעקומען אַזוינס: איינמאָל געה איך אין וועג, זעה איך אַ יונגעלע זיצט אויפ׳ן שייד־וועג, פרעג איך איהם: „קינד מיינס, מיט וואָס פאַר אַ וועג איז גלייכער צו געהן אין שטאָדט?״ ענט־פערט ער: „אָט דער וועג איז לאַנג און קורץ, און יענער—קורץ און לאַנג״. לאָז איך זיך אויפ׳ן קורץ־לאַנגען. געקומען נאָהענט צו דער שטאָדט, געפון איך דעם וועג פערשטעלט מיט צוימען פון גאָרטענס און סעדער, מוז איך געהן צוריק צום שייד־וועג, דערזעה איך ווידער דאָס יונגעל, פרעג איך איהם: „קינד מיינס, האָסטו דען מיר נישט געזאָגט, אַז דער וועג איז קורץ?״

— האָבּ איך דען נישט צוגעגעבּען „און לאַנג״? — ענטפערט דאָס יונגעלע גלייך.

---

[1] דער מנהג איז געוועזען, אַז מע פלעגט איבּערלאָזען אין שיסעל שיריים, טאָ־מער קומט אַן אָרעמאַן.

האָב איך איהם אַ קוש געטהון אין קאָפּ און אויסגערופען:

— אַז וואויל איז אייך, יודישע קינדער, חכמים זענט איהר אַלע פון גרויס ביז קליין!

## „נעהם־אויף שעהן און זיי פאָרזיכטיג".

איינמאָל איז געקומען צו ר׳ יהושע איינער אַ אָרומער דורכגעהער, האָט איהם ר׳ יהושע אויפגענומען פאַר אַ גאַסט, געגעבען עסען און טרונ־קען און דערנאָך אַרויפגעפירט איהם אויפ׳ן דאַך, דאָרט איהם אָנגעוויזען אַ נאַכט־געלעגער, און ביי׳ם אַראָפּגעהן צוריק האָט ער צוגענומען דעם לייטער. האַלבע נאַכט שטעהט יענער אויף, פּאַקט־איין די זאַכען, וואָס געפו־נען זיך דאָרטען, אין זיין מאַנטעל, און ווי ער לאָזט זיך מיט זיי אַראָפּגעהן, פאַלט ער אַראָפּ פונ׳ם דאַך און צוברעכט זיך רוק־און־לענד. גאַנץ פריה איז ר׳ יהושע אַרויסגעגאַנגען, געפונט ער איהם ליגען אַ פערוואונדעטען אויף דער ערד.

— זאָג נור, יונגאַטש, ווי קומט עס, אַז פון אייערע לייט זאָלען אַזוינס אָפּטהון?

— רבי — זאָגט איהם יענער — ווער זאָל זיך ריכטען, אַז דו האָסט פון דאַנען צוגענומען דעם לייטער?

— האַ דו, יונגאַטש איינער, האָסט נישט געוואוסט אַז מיר האָבען זיך נאָך בעצייטענס בעוואָרענט פאַר דיר.

דערפאַר פלעגט ר׳ יהושע זאָגען:

„אַ פרעמדער גאַסט—זעץ איהם אויפ׳ן קאָפּ,
נאָר קיין אויג לאָז פון איהם ניט אַראָפּ".

## „דאָס געזיכט פון גאָט".

דער קיסר אַדריאַנוס האָט איינמאָל געפרעגט ר׳ יהושע׳ן:

— האָט די וועלט אויף זיך אַן אויבער־האַר?

— ווי דען — ענטפער ער—די וועלט איז הפקר?

— און הימעל און ערד ווער האָט בעשאַפען?

— גאָט, ווי עס שטעהט געשריבען: „אין אָנהויב האָט גאָט בעשאַפען דעם הימעל און די ערד".

— פאַר וואָס־זשע בעווייזט ער זיך נישט אַ צוויי מאָל אין יאָהר פאַר זיינע בעשעפעניש, זיי זאָלען פאַר איהם פאָרכט האָבען?

— ס׳איז דערפאַר, ווייל די וועלט וואָלט נישט געקענט אויסהאַלטען זיין שיין, ווי עס שטעהט געשריבען: „דער מענש קען מיך נישט זעהן און לעבען בלייבען".

— אויב דו ווייסט מיר איהם נישט — זאָגט דער קיסר — גלויב איך דיר נישט.

מיטאָג־צייט נעהמט ר׳ יהושע, שטעלט איהם געגען דער זון און זאָגט איהם: „קוק זיך גוט איין אין דער זון וועסטו איהם זעהן”.

— ווער קען זיך עם איינקוקען אין דער זון?—וואונדערט זיך דער קיסר.

— זאָלען דיינע אויערען הערען — זאָגט איהם ר׳ יהושע — וואָס דאָס מויל דיינס רעדט. אויב די זון, וואָס זי איז נישט מעהר ווי איינע פון די טויזענד־טויזענדער מיריאַדען בעדינער זיינע, קען קיין בעשעפעניש אין איהר זיך נישט איינקוקען, ווי־זשע זאָל מעגליך זיין איינצוקוקען אין געזיכט פון גאָט אַליין, וואָס זיין גלאַנץ איז פול די וועלט!

# אַ מאָהלצייט פאַר גאָט.

אַן אַנדערסמאָל האָט דער קיסר געזאָגט ר׳ יהושע׳ן: „איך וויל צוגרייטען אַ מאָהלצייט פאַר אייער גאָט”.

— ביסט נישט אין שטאַנד עס אויסצופיהרען—זאָגט איהם ר׳ יהושע.

— פאַר וואָס? — פרעגט ער איהם.

— זעהר פיעל חיל געהט מיט איהם.

— דאָך—שפאַרט זיך איין דער קיסר.

— אויב דו ווילסט פאָרט — זאָגט איהם ר׳ יהושע — געה גרייט־צו אַ מאָהלצייט ביי׳ם טייך רביתא, וואו דאָס פלאַץ איז דאָרט זעהר גרויס.

האָט זיך דער קיסר בעשעפטיגט די גאַנצע זעקס חדשים פונ׳ם זומער מיט צוגרייטען די סעודה. דערנאָך איז געקומען דער הערבסט־ווינט און האָט אַלעס אויסגעקעהרט און פערטראָגען אין טייך אריין. בעמיהט זיך דער קיסר ווידער די זעקס ווינטערדיגע חדשים צוגרייטען אַן אַנדער מאָהלצייט, קומען די פריה יאָהר־רעגענס און שווענקען־אָפּ אַלעס אין טייך אַריין.

— וואָס בעטייט עס? — פרעגט דער קיסר ר׳ יהושע׳ן.

— דאָס זענען דערוויל נור די אויסקעהרער און בעשפריצער זיינע, וואָס געהען איהם פאָראויס.

— אויב אַזוי — זאָגט דער קיסר — בין איך נישט אין שטאַנד עס אויסצופיהרען.

# דער בי־עילאי׳ער לייב.

דער קיסר האָט אַמאָל געזאָגט צו ר׳ יהושע: „אייערע נביאים גלייכען דעם גאָט אייערען צו אַ לייב. וואָס איז אין דעם פאַר אַ גרויסקייט? אַ ריטער קען טויטען דעם גרעסטען לייב”.

— דאָס גלייכט מען איהם צו אַ בי־עילאי׳ער לייב—ענטפערט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

— בעוויַיז מיר דעם לייב — זאָגט דער קיסר — איך וויל איהם אויך אָנקוקען.

— דו וועסט עס נישט אויסהאַלטען.

— דאָך—שפּאַרט זיך איין דער קיסר.

בעט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ ביי גאָט—און דער בי־עילאי׳ער לייב האָט זיך גערירט פון׳ם אָרט. אַז ער איז געווען פיר הונדערט פּרסה דערוויַיט האָט ער אַ ברום געטהון איינמאָל זענען די מויער־ווענט פון רוים איינגעפאַלען און אַלע מעוברת׳ע האָבען מפּיל געווען. אַז ער איז געווען וויַיט שוין דריי הונ־דערט פּרסה, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ צווייטען ברום זענען אַרויסגעפאַלען די ציינער ביי די מענשען און דער קיסר אַליין איז אַראָפּגעפאַלען פון זיין שטוהל אויף דער ערד.

— זאָל ער זיך אומקעהרען צוריק אין זיין רוה—בעט זיך דער קיסר ביי ר׳ יְהוֹשֻׁעַ, אַ דערשראָקענער אויף טויט.

האָט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ ווידער גאָט געבעטען—און דער לייב האָט זיך צוריק געקעהרט אויף זיין לאַגער אין דעם געדיכטען און פינסטערען וואַלד בי־עילאי.

## דעם קיסר׳ס בעפעהל און משה׳ס בעפעהל.

אַדריאַנוס האָט איינמאָל געזאָגט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן: „מיר איז בעסער פון משה׳ן דיין רבי׳ן".

— מיט וואָס? — פרעגט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

— וויַיל איך לעב און ער איז טויט, און ווי זאָגט מען: „אַ לעבעדי־גער הינט איז בעסער פון אַ טויטען לייב".

— ווי מיינסטו, וואָלסט געקענט אויספיהרען, אַז קיינער זאָל אין רוים נישט אָנצינדען קיין פייער דריי מעת־לעת דורכאַנאַנד?

— געוויס — ענטפערט דער קיסר.

און באַלד גיט ער אַרויס אַ בעפעהל: „קיינער זאָל זיך נישט דערוועגען אין רוים אָנצינדען פייער". דעם זעלבען טאָג אין אָבענד הויבט זיך אויף אַדריאַנוס מיט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן אויף׳ן דאַך פון׳ם קעניגליכען פּאַלאַץ. קוקען זיי זיך איין און דערזעהן ווי עס הויבט זיך אויף אַ רייך ערגיץ פון אַ וויַיט ווינקעל אַרויס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רויך? — פרעגט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

— איינער אַ פירסט איז קראַנק — ענטפערט איהם אַדריאַנוס — האָט איהם דער אַרצט בעזוכט און געזאָגט: די איינציגע רפואה איז וואַרימע וואַסער.

דערווייל דערזעהט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ ווידער אַ רויך פון אַ צווייטען ווינקעל. פרעגט ער דעם קֵיסַר: „און דאס וואס איז פאר אַ רויך?“

— דאָרט ליגט דער שטאָדטהאַלטער קראַנק און דער אַרצט האָט געזאָגט, אַז ער מוז אָנוואַרמען צו זיין רְפוּאָה קריגליך וואַסער.

— הַיינט זעה — זאָגט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ — בַּיי דַיין לעבען האַלט דיין בעפעהל נישט אוים אפילו איין טאָג און משה אונזער רַבִּי פון ווינט ער האָט בעפוילען „איהר זאָלט קיין פייער נישט אָנצינדען אין אַלע אייערע וואוינונגען אין שַׁבָּת׳דיגען טאָג“ — האָסטו געזעהן אמאָל אַ יוד זאָל אָנצינדען פייער אי׳ם שַׁבָּת? — און דו זאָגסט נאָך: „איך בין בעסער פון איהם!“

# ר׳ יְהוֹשֻׁעַ און די אַטהענער געלעהרטע.

דער קֵיסַר האָט אמאָל געזאָגט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן: „אויב איהר זענט יאָ קלי־גער פון די אַטהענער, געה אַהין און פרוב זיי בַּייקומען און ברייננ זיי אַראָפּ צו מיר.

— וויפיעל מאַן זענען זיי? — פרעגט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

— זעכציג מאַן.

— הַיים־זשע — זאָגט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ — מאַכען מיר אַ שיף מיט זעכציג קאַיו־טען, און אין יעדער קאַיוטע זאָל זיין זעכציג שטוהלען.

הייסט דער קֵיסַר און מע מאַכט.

ווי ר׳ יְהוֹשֻׁעַ איז געקומען אין דער שטאָדט אַטהען, איז ער גלייך אַוועק אין אַ שעכט־הויז, געפונט ער דאָרט אַ פליישׁ־העקער שטעהט און שינדט אַ בְּהֵמָה, פרעגט ער איהם: „איז דער קאָפּ דיינער צו׳ם פערקויפען?“ — יאָ. — פאַר וויפיעל? — פאַר אַ האַלבען גולדען.

צאָהלט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ איין אַ האַלבען גולדען און זאָגט: „גיב מיר דעם קאָפּ דיינעם“. דערלאַנגט ער איהם דעם קאָפּ פון דער אָפּגעשינדענער בְּהֵמָה. זאָגט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ: „האָב איך דען בַּיי דיר דעם קאָפּ פון אַ בְּהֵמָה געקויפט? דיין קאָפּ האָב איך געקויפט. נאָר אויב דו ווילסט איך זאָל דיך פרייאָזען, געה וויז מיר דעם אַריינגאַנג אינ׳ם הויז פון די אַטהענער געלעהרטע“.

זאָגט יענער: „איך האָב מוֹרָא: ווער עס וועט אַ פרעמדען דעם אַריינגאַנג צו זיי הַרְגִ׳נען זיי איהם.

— נעהם טראָג אויף זיך — זאָגט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ — אַ בינדעל האָלץ, און אַז דו וועסט קומען אַהין וואַרף עס פון זיך אַראָפּ, ווי איינער וואָס שטעלט זיך אָפּרוהען, וועל איך שוין וויסען, אַז דאָ איז דאָס הויז פון די אַטהענער.

קומט ער אַהין, שטעהען דאָרט שׁוֹמְרִים פון אינוועניג און פון דרויסען,

וואס היטען בײ׳ם אריינגאנג, מע זאל ניט לאזען אריין און ארויס. און האבען די געלעהרטע אטהענער בעמערקט א סימן פון א פוס-טריט אריין — פלעגען זײ דרג׳ענען אלע אויסענווענינגסטע שומרים, און אויב א סימן פון א פוס-טריט ארויס — אלע אינוועניגסטע שומרים.

שטעלט ר׳ יהושע איין פוס-טריט אריין און איינעם ארויס — הרג׳עט מען אויס אלע שומרים. געהט ער פריי אריין אהין און טרעפט די יונגערע זיצען אין דער הויך און די עלטערע פון אונטען. טראכט ער בײ זיך: זאל איך בעגריסען פריהער די עלטערע—וועלען מיר די יונגערע הרג׳ענען; זײ קענען זאגען: מיר זענען גרעסער פון יענע, מיר זיצען אין דער הויך און יענע פון אונטען; זאל איך בעגריסען פריהער די יונגע—וועלען מיר די אלטע הרג׳ענען; זײ קענען זאגען: מיר זענען גרעסער פון די, מיר זענען זקנים און יענע זענען נאך יונגע קינדער. בעגריסט ער זײ אלע צוזאמען.

פרעגען זײ איהם: „וואס טהוסטו דא?״

ענטפערט ער זײ: „איך בין פון די יודישע געלעהרטע, און געקומען בין איך זיך צו לערנען בײ אייך״.

— אויב אזוי — זאגען זײ — וועלען מיר דיך עפּיס פרעגען.

— פרעגט — זאגט ער — וועט איהר מיך בײקומען, מעגט איהר טהון מיט מיר וואס איהר ווילט; וועל איך אבער אייך בײקומען, דארפט איהר עסען א מאהלצײט בײ מיר אויף דער שיף.

הויבען זײ איהם אן צו פרעגען:

— קענסט אונז אויסבויען — זאגען זײ — א הויז אין דער לופטען?

— דערלאנגט מיר אהין—זאגט ער—לײם און ציגעל.

— וואו איז די מיט וועלט?

— נימט ער א שטעל מיט׳ן פינגער און זאגט: אט דא!

— פון וואנען ווײסטו דאס?

— ברײנגט שטריק און מעסט-אויס.

— מיר האבען א ברונען אין פעלד—ברײנג איהם אריין אין שטאדט.

— דרעהט מיר אויס שטריק פון קלײען—וועל איך איהם ארײנברײנגען.

— מיר האבען צובראכענע מיהלשטײנער — פארנעה זײ.

— טרענט-אויס פון זײ פאדעם — וועל איך זײ פארנעהען.

— א בײט בעוואקסען מיט מעסער׳ס — מיט וואס שנײדט מען זי?

— מיט א הארן פון א עזעל.

ברײנגען זײ פאר איהם צווײ אײער און פרעגען איהם: „זאג, וועלכעס איז פון א ווײסער הוהן און וועלכעס איז פון א שווארצער?״

ברײנגט ער פאר זײ צווײ שטיקער קעז און פרעגט זײ: „זאגט, וועלכעס איז פון א ווײסער ציג און וועלכעס פון א שווארצער?״

— אַ הינדעלע, וואָס געהט־אויס נאָך אין דער אײ־שאָלעכץ — דורך וואַנען געהט דעם די נְשָׁמָה אַרוים?

— דורך דעם זעלבען אָרט וואָס זי איז אַרײַן.

— ווײַז אונז אַ כֵּלִי, וואָס איז נישט ווערטה איהר מִיָה.

ברײַנגט ער אַ מאַטע [1]) און צעציהט זי — געהט זי ניט אַרײַן דורכ׳ן טויער, זאָגט ער זײ: ברײַנגט אַ האַק און צעוואַרפט די וואַנד. אָט האָט איהר אַ כֵּלִי, וואָס איז נישט ווערט די מִיָה.

נאָכדעם וואָס ער האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגען און געטראָפען אַלע רעטעניִשען פון די אַטהענער, האָט ער זײ פערבעטען אײַנציגווײַס צו זיך אין שיף, יעדען בעזונדער אַרײַנגעפיהרט אין אַן אַנדער קאַיוטע. דערזעהן אין דער קאַיוטע זעכציג שטוהלען, האָט יעדער פון זײ געמײַנט, אַז באַלד וועלען אָנקומען אַהין אויך אַלע איבריגע חֲבֵרִים. ר׳ יְהוֹשֻׁעַ האָט דערווײַל געהײסען דעם שיפס־פיהרער ער זאָל אויפבונדען די שיף און זי לאָזען אין וועג. פאַר׳ן אָפּרײַזען האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַביסעל ערד פונ׳ם לאַנד, און פערבײַפאָהרענדיג דאָס שלינג־וואַסער [2]) האָט ער פון דאָרט אָנגעשעפּט אַ פולע קרוג.

געקומען צוריק קײַן רוים, ברײַנגט ער די אַטהענער פאַר׳ן קֵיסָר. דערזעהט אַדריאָנוס, ווי עס שטעהען פאַר איהם אײַנגעהויקערטע און דערשלאָגענע מענשליך, זאָגט ער צו ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן: „נײַן, דאָס זענען נישט די אַטהענער!“ נעהמט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ און בעשפּריצט זײ מיט אַביסעל פון זײער הײמישער ערד, ווערען זײ אויפגעמונטערט און האַלטען זיך מוטהיג און שטאָלץ פאַר׳ן קֵיסָר. ווערט ער אויפגעבראַכט און זאָגט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן:

— טהו מיט די לײַט וואָס דו ווילסט!

נעהמט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ און גיסט אַרײַן דאָס קריגעל שלינג־וואַסער אין אַ פאַס, און זאָגט די אַטהענער:

— אַז איהר וועט אָנגיסען פול די פאַס, קענט איהר זיך געהן פרײַ.

האָבען זיך די אַטהענער געשטעלט שעפּען וואַסער אָנצוגיסען אַ פולע פאַס, נאָר וויפיעל זײ האָבען געגאָסען און געגאָסען האָט זיך עס נישט אָנגעזעהן: דאָס שלונג־וואַסער האָט אין זיך אײַנגעשלונגען אינגאַנצען דאָס וואַסער. האָבען זײ אַזוי לאַנג געשעפּט און געגאָסען ביז זײ זענען געבליבען אָהן הענד און אָהן אַקסלען, און אַזוי אַרום זענען זײ אַלע ביז אײנעם אומגעקומען.

---

[1]) ראָגאָזשע. [2]) אַזאַ אָרט אין ים, וואָס לויט די אַלטע לעגענדען, שלינגט עס אײַן אַלע אַנדערע וואַסערען פון דער וועלט.

# רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אויף דעֶר עֶלטעֶר.

דעֶר קֵיסָר האָט בּעֶמעֶרקט, אַז דעֶר אַלטעֶר ר׳ יְהוֹשֻׁעַ האָט אויפגעֶהעֶרט צו בּעֶזוכעֶן דאָס געֶוויִסעֶ הויז בֵּי־אֲבִידָן, וואו דיִ געֶלעֶהרטעֶ פלעֶגעֶן זיִך פון צײַט צו צײַט פעֶרזאַמלעֶן און פיִהרעֶן צוויִשעֶן זיִך וויִסעֶנשאַפטליִכעֶ שמועסעֶן. פרעֶגט עֶר איִהם, וואָס איִז דיִ סִבָּה דעֶרפון.

עֶנטפעֶרט עֶר איִהם:

— דעֶר בּאַרג איִז בּעֶשנײַט, אַרום איִהם — שטיִקעֶר אײַז, דיִ היִנט דאָרטעֶן בּיִלעֶן שוין ניִשט און דיִ מיִהלעֶן מאָהלעֶן ניִשט [1].

---

[1]) ד. ה. דעֶר קאָפּ איִז בּעֶדעֶקט מיִט ווײַסעֶ האָר, אַרום איִהם דיִ גרויעֶ בּאָרד מיִט וואָנסעֶן; דאָס קול איִז אָפּגעֶשוואַכט, דיִ צײן קײַעֶן ניִשט.

# נַחוּם אִישׁ גַם־זוֹ (גִמְזוֹ).

## גַם זוֹ לְטוֹבָה.

דעם געוויסען תַּנָא נַחוּם מיט'ן ביינאמען אִישׁ גִמְזוֹ [1], האט מען גע־רופען אביסעל געענדערט: אִישׁ גַם־זוֹ, און דאס איז געווען דערפאר, ווייל אויף אלעם, וואס מיט איהם זאל זיך נישט פאסירען, פלעג ער אלץ זאגען: „גַם זוֹ לְטוֹבָה" (דאס איז אויך צו גוטען).

איינמאל האבען יודען געוואלט שיקען א מַתָּנָה דעם קֵיסָר. טראכט מען: ווער זאל נעהמען אויף זיך אזא שְׁלִיחוּת צו'ם קֵיסָר? בלייבט מע זאל שיקען נַחוּם אִישׁ גַם־זוֹ, ווייל מיט איהם טרעפען זיך אפטע נִסִים. שיקט מען דורך איהם א קעסטעלע פול מיט דימענטען און בריליאנטען. אויפ'ן וועג איז איהם אויסגעקומען זיך אפצושטעלען נעכטיגען אין א איינפאהר־הויז. ביינאכט, אז ער איז איינגעשלאפען, האבען די הויז־לייט שטילערהייד געעפענט דאס קעסטעלע, ארויסגע'גַנְב'עט אלץ וואס דארט איז געווען און עס אנגעשטאפט מיט ערד. מארגען פריה, אז ער האט עס בעמערקט, זאגט ער: „גַם־זוֹ לְטוֹבָה", נעהמט דאס קעסטעלע און געהט זיך זיין וועג ווייטער.

אז מ'האט דאס קעסטעלע געבראכט פאר'ן קֵיסָר און דאס געעפענט, דערזעהט מען — ס'איז פול מיט ערד. ווערט דער קֵיסָר אויפגעבראכט: „יודען, זאגט ער, שפעטען פון מיר" — און הייסט טויטען דעם שָׁלִיחַ. נַחוּם אִישׁ גַם־זוֹ בלייבט רוהיג און זאגט, ווי זיין שטייגער איז: „גַם זוֹ לְטוֹבָה". דערווייל קומט אֵלִיָּהוּ הַנָבִיא אינ'ם געשטאלט פון איינעם פון דעם קֵיסָר'ס הערען און זאגט:

— מעגליך, די ערד איז פון דעם געוויסען מִין, וואס אַבְרָהָם זייער עלטער־זיידע האט זיך מיט איהר בענוצט אין זיינע מִלְחָמוֹת און בעוויזען וואונדערליכע גְבוּרוֹת: ווי נור ער האט פון דער ערד געווארפען אויפ'ן פיינד, האט זי זיך באלד פערוואנדעלט אין שווערדען און פיילען.

---

[1] פון דער שטאדט גמזו אין יהודה.

איז דאָ אַ מְדִינָה, וואָס דער קעניג האָלט מִלְחָמָה מיט איהר און קען זי ניט איינגעהמען. נעהמט מען די ערד און מע פרובט זי אויס אויף יענער מְדִינָה—האָט זי געמוזט זיך באַלד אונטערגיבען. פיהרט מען נַחוּם אִיש גַם־זוֹ אַריין אין קעניגליכען שאַץ־קאַמער און מע לעגט איהם אָן דאָס קעסטע־לע זיינס פול מיט דימענטען און ברילִיאַנטען און מע לאָזט איהם אָפּ מיט גרויס כָּבוֹד.

צוריקוועגס האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט נעכטיגען אין דעם איי־נגענעם גאַסט־הויז. פרעגען איהם די הויז־לייט: „וואָס האָסטו אַזוינס מיט זיך געבראַכט דעם קעניג, וואָס מ'האָט דיר אָנגעטהון אַזוי פיעל כָּבוֹד?״

ענטפערט ער: „וואָס איך האָב גענומען פון דאַנען האָב איך גע־בראַכט אַהין״.

דערהערט דאָס, האָבען זיי געחאַפּט און אומגעלעגט דאָס הויז און גאַנצע ערד פון דאָרט גיך אַוועקגעפיהרט צו'ם קעניג.

— די וואונדערליכע ערד וואָס יענער יוד האָט געבראַכט אַהער — זאָגען זיי דעם קעניג—איז גענומען געוואָרען ביי אונז. דאָ האָבען מיר דיר געבראַכט פון איהר אַ סך, פולע קאַסטענס.

פרובט מען אויס די ערד, וואָס זיי האָבען געבראַכט, לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז נישט אַזוי. האָט מען גלייך איבערגעגעבען זיי אַלע צו'ם טויט.

## אַליין אויף זיך אויסגעבעטען.

מע דערצעהלט, אַז נַחוּם אִיש גַם־זוֹ איז פון אַ קרענק געבליבען בלינד אויף ביידע אויגען, אָהן הענד און אָהן פיס און דאָס גאַנצע לייב זיינס איז בעדעקט געוואָרען מיט קרעץ. אַזוי איז ער געליגען אין אַ אַלט צופוילט הייזעל און די פיסליך פון זיין בעט זענען געשטאַנען אין בעקענס וואַסער, כְּדֵי קיין מילבען זאָלען נישט קענען צוקומען צו איהם. ווי די תַּלְמִידִים האָבען בעמערקט, אַז דאָס הייזעל האַלט ביי'ם איינפאַלען, האָבען זיי גע־וואָלט אַרויסטראָגען פריהער דאָס בעטיל מיט'ן קראַנקען רֶבִּי'ן און דערנאָך אויסרוימען די כֵּלִים; זאָגט ער זיי: „קינדער מיינע, פריהער רוימט־אויס די כֵּלִים און דערנאָך וועט איהר אַרויסטראָגען מיין בעט, ווייל איהר מעגט זיין זיכער, אַז ווי לאַנג איך געפון זיך אין הייזעל וועט עס נישט איינפאַלען״. האָבען די תַּלְמִידִים אַזוי געטהון: פריהער אויסגערוימט די כֵּלִים, דערנאָך ערשט דאָס בעטיל — און באַלד איז דאָס הייזעל איינגעפאַלען.

רופען זיך אָן צו איהם די תַּלְמִידִים:

— רֶבִּי, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ אֶמֶת'ער צַדִּיק, ווי קומט עס דו זאָלסט אַזוי אָפּקומען?

ענטפערט ער זיי: קינדער מיינע, איך אַליין האָב עס אויף זיך

אויסגעבעטען. אײנמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג צו מײַן שווער צו=גאַסט, און מיט מיר האָב איך געהאַט דרײַ עזלען אָנגעלאָדענע מיט אַלעם גוטס: אײנס מיט שפּײַזען, אײנס מיט געטראַנקען און דאָס דריטע מיט פערשידענע זיסע פרוכט. קומט אָן אַקעגען אַן אָרומאַן, שטעלט זיך מיר אין וועג און בעט: „רבי, גיב מיר עפּיס עסען". — וואַרט=צו — זאָג איך איהם — ביז איך וועל אַראָפּנעהמען עפּיס פונ'ם עזעל. און אײדער איך האָב זיך געריהרט אַראָפּצונעהמען פאַר איהם וואָס ס'איז פונ'ם עזעל — איז איהם די נשמה אויסגעגאַנגען. בין איך באַלד צו=געפאַלען צו איהם. און אָנגעהויבען װײנען און שרײַען: די אויגען מײַנע, וואָס האָבען זיך נישט דערבאַרימט אויף דײַנע אויגען, זאָלען בלינד ווערען; די הענד מײַנע, וואָס האָבען זיך נישט דערבאַרימט אויף דײַנע, זאָלען אָפּגעשניטען ווערען; די פיס מײַנע, וואָס האָבען זיך נישט דערבאַרימט אויף דײַנע, זאָלען אָפּגעהאַקט ווערען, און איך האָב זיך נאָך נישט געקיהלט ביז איך האָב אויסגעשריגען: „מײַן גאַנץ לײַב זאָל בעדעקט ווערען מיט קרעץ".

— וועה איז אונז, רבי, וואָס מיר זעהען דיך אין אַזאַ צושטאַנד — זאָגען די תּלמידים מיט גרויס צער.

— וועה וואָלט מיר געווען — ענטפערט ער זײ — איהר זאָלט מיך נישט זעהן אין אַזאַ צושטאַנד.

# רַבִּי טַרְפוֹן.

## רַבִּי טַרְפוֹן אִין זַאק.

דער תַּנָא רַבִּי טַרְפוֹן אִיז גֶעוועֶן זעֶהר רייַך, גֶעהאַט פִיעל אײַגעֶנעֶ גאָרטעֶנס, וועֶלכעֶ עֶר פלעֶג זעֶהר זעֶלטעֶן בּעֶזוכעֶן, אוּן דעֶרִיבּעֶר האָבּעֶן אַ סַך פוּן זייַנעֶ שׁוֹמְרִים אוּן פאַכטעֶרס אִיהם נִישׁט געֶקעֶנט אִין געֶזִיכט. מאַכט זִיךְ אַ מאָל, אַז עֶר אִיז אַרייַן אִין אײַנעֶם פוּן זייַנעֶ אײַגעֶנעֶ גאָרטעֶנס אוּן געֶנוּמעֶן דאָרט פעֶרזוּכעֶן פוּן דִי געֶפרעֶסטעֶ פייַגעֶן, וואָס האָבּעֶן זִיךְ דאָרט געֶטרוּקעֶנט אוֹיף דעֶר זִין. קוּמט דעֶר פאַכטעֶר אוּן זעֶהט אַ פרעֶמדעֶר מעֶנש שׁטעֶהט אוּן עֶסט, שׁרייַעט עֶר אוֹיס: „אַהאַ, אָט אִיז דעֶר וואָס גַנבֿ'עֶט דִי טרוֹיבּעֶן מייַנעֶ אַ גאַנץ יאָהר". הוֹיבּט עֶר אִיהם אָן קלאַפּעֶן מִיט'ן שׁטעֶקעֶן, דעֶרנאָךְ וואַרפט עֶר אִיהם אַרייַן אִין אַ זאַק אוּן טראָגט אִיהם צוּ'ם טייַךְ צוּ דעֶרטרִינקעֶן.

דעֶרזעֶהן אַז זייַן לעֶבּעֶן שׁטעֶהט אִין געֶפאַהר, האָט רַבִּי טַרְפוֹן אָנגעֶהוֹיבּעֶן שׁרייַעֶן פוּן זאַק אַרוֹיס: „אִיךְ בּעֶשׁוועֶר דִיךְ, געֶה זאָג בּייַ טַרְפוֹנ'עֶן אִין הוֹיז, אַז מעֶ זאָל פאַר אִיהם אָנגרייַטעֶן תַּכְרִיכִים".

ווִי דעֶר פאַכטעֶר האָט דאָס דעֶרהעֶרט, האָט עֶר זִיךְ גלייַך אָנגעֶשׁטוֹיסעֶן וועֶמעֶן עֶר טראָגט דאָ אִין זאַק, גִיט עֶר זִיךְ אַ וואָרף אוֹיף דעֶר עֶרד, הוֹיבּט אָן רייַסעֶן אוֹיף זִיךְ דִי האָר, אוּן וויַינט אוּן שׁרייַט: „רֶבִּי, זייַ מִיר מוֹחֵל!"

— זייַ רוּהִיג — זאָגט אִיהם רַבִּי טַרְפוֹן — מעֶגסט מִיר זִיכעֶר גלייַבּעֶן, אַז יעֶדעֶן קלאַפּ מִיט'ן שׁטעֶקעֶן וואָס דוּ האָסט מִיר געֶגעֶבּעֶן, האָבּ אִיךְ דִיר אִיהם בּאַלד מוֹחֵל געֶוועֶן.

מעֶ דעֶרצעֶהלט, אַז אַלעֶ זייַנעֶ יאָהרעֶן האָט דעֶר צַדִיק רַבִּי טַרְפוֹן זִיךְ שׁטאַרק געֶעֶרגעֶרט וואָס עֶר האָט אוֹיסגעֶנוּצט זייַן נאָמעֶן אוֹיף צוּ רעֶטעֶן זִיךְ.

— ווֶעה אִיז מִיר — האָט עֶר אַלץ געֶשׁרִיגעֶן — צוּלִיעבּ מייַן טוֹבָה האָבּ אִיךְ זִיךְ בּעֶנוּצט מִיט דעֶר קרוֹין פוּן דעֶר תּוֹרָה!

## אײַנגעֶקוֹיפט אַ שׁטעֶדטִיל.

ווִי מעֶ דעֶרצעֶהלט, האָט רַבִּי טַרְפוֹן, לוֹיט זייַן גרוֹיס רייַכקייַט, נִישׁט

געהאט קיין גענוג אָפּענע האַנד. איינמאָל בעגעגענט איהם רַבִּי עֲקִיבָא, זאָגט ער איהם: „רֶבִּי, ווילסטו אֶפְשַׁר איך זאָל פאַר דיר קויפען אַ שטעדטיל אָדער צוויי?"

— מעגסט — ענטפערט ער, און דאָ אויפ'ן אָרט גיט ער איהם דעריוף פיער טויזענד גאָלדענע רענדליך.

געהט אַוועק ר' עֲקִיבָא און צעטהיילט אינגאַנצען דאָס געלד צווישען די אָרומע וואוילגעלעהרענטע. אין אַ צייט אַרום בעגעגענט איהם ר' טַרְפוֹן.

— וואו זענען די שטעדטליך, וואָס דו האָסט פאַר מיר געזאָלט קויפען? — פרעגט ער איהם.

נעהמט איהם אָן ר' עֲקִיבָא ביי דער האַנד און פיהרט איהם אַריין אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ. דאָרטען רופט ער צו איינעם פון די שול-קינדער, מישט איהם אויף אַ מִזְמוֹר אין תְּהִלִּים און דאָס קינד נעהמט לייענען. ווי ס'איז געקומען צו'ם פָּסוּק:

מיט אַ אָפּענער האַנד געגיבען פאַר נויט-בעדערפטיגע —

פערבלייבט זיין וואוילטהאַט אויף אייביגע צייטען —

רופט זיך אָן ר' עֲקִיבָא צו ר' טַרְפוֹנ'ען:

— הערסט — דאָס איז די שטאָדט וואָס איך האָב פאַר דיר געקויפט.

דערהערט דאָס, נעהמט ר' טַרְפוֹן קושען ר' עֲקִיבָא'ן:

— רֶבִּי מיינער, פיהרער מיינער — האָט ער אויסגערופען — רֶבִּי מיינער אין וויסענשאַפט, פיהרער מיינער אין מענשליכקייט!

און ר' טַרְפוֹן האָט איהם געגעבען נאָך פיעל געלד אויף צעטהיילען מיט דער ברייטער האַנד.

## רַבִּי טַרְפוֹן און זיין מוטער.

רַבִּי טַרְפוֹנ'ס אַלטע מוטער איז אין אַ שַׁבָּת'דיגען טאָג אַרויסגעגאַנגען צו זיך אין הויף אַרומשפּאַצירען, האָט זיך איבערגעריסען ביי איהר דאָס רימענדיל פונ'ם פאַנטאָפעל און ער איז אַראָפּגעפאַלען פונ'ם פוס. לעגט-אונטער ר' טַרְפוֹן זיינע ביידע הענד אונטער איהרע פיס-טריט און אַזוי האָט ער זי בעלאָזט טרעטען אויף זיינע הענד ביז זי איז געקומען צוריק אין שטוב צו איהר בעט.

איינמאָל איז ר' טַרְפוֹן קראַנק געוואָרען און זיינע חֲבֵרִים פון די תַּנָּאִים זענען געקומען איהם בעזוכען. קומט-צו זיין מוטער צו זיי און זאָגט: „בעט גאָט פאַר מיין זוהן, זיין כִּבּוּד־אֵם האָט גאָר קיין שִׁיעוּר נישט".

— וואָס טהוט ער אַזוינס פאַר דיר? — פרעגען זיי.

דערצעהלט זי זיי יענע מַעֲשֶׂה. רופען זיי זיך אָן: „אֲפִילוּ ווען ער טהוט פאַר דיר טויזענד-טויזענדער מאָל אַזוי פיעל, קומט-עס נאָך נישט אֲפִילוּ צו העלפט פון דעם כִּבּוּד־אֵם וואָס די תּוֹרָה הייסט".

# רַבִּי עֲקִיבָא.

## משֶׁה רַבֵּנוּ און רַבִּי עֲקִיבָא.

ווען משֶׁה האָט זיך אויפגעהויבען אויף'ן הימעל געפונט ער, ווי גאָט בָּרוּךְ־הוּא זיצט און בעפוצט די אוֹתִיוֹת פון דער תּוֹרָה מיט קרוינדליך [1].
זאָגט ער איהם:

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! ווער האַלט דיך אָפּ איבערגעבען די תּוֹרָה באַלד צו וואָס טויגען די קרוינדליך?

ענטפערט איהם גאָט: אין פיעל דוֹרוֹת אַרום וועט קומען איין מענש, עֲקִיבָא בֶּן יוֹסֵף הייסט ער, וועט ער פון יעדער איינציג שטריכעלע אויס־דרינגען גאַנצע בערג נייע הֲלָכוֹת [2].

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם—זאָגט ווייטער משֶׁה—ווייז מיר איהם.

— קוק זיך אום.

קוקט זיך משֶׁה אום, דערזעהט ער ווי עס זיצט אַ מאַן און לערענט מיט זיינע תַּלְמִידִים, אויסגעזעצטע פאַר איהם שוּרוֹת־ווייז. געהט משֶׁה און זעצט זיך אין עק פון דער אַכטער שוּרָה, און הערט זיך איין. פערשטעהט ער נישט וואָס מע רעדט דאָרט. ווערט ער ביי זיך אַראָפּגעפאַלען. אין דעם האָט ר' עֲקִיבָא געזאָגט די תַּלְמִידִים עפּיס אַ דין, אויף וועלכען די תַּלְמִידִים האָבען איהם אַ פרעג געטהון: „רֶבִּי, פון וואַנען ווייסטו עס?" ענטפערט ער: „ס'איז אַ קַבָּלָה פון משֶׁה'ן נאָך פון'ם באַרג סִינַי". דערהערט דאָס האָט זיך משֶׁה בערוהיגט.

קומט משֶׁה דערנאָך צוריק פאַר גאָט און זאָגט איהם:

— רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, אַזאַ מאַן איז ביי דיר פאַרהאַן און די תּוֹרָה ווילסטו גיבען דורך מיר?

---

[1]) פיעל אותיות אין דער ספר־תורה זענען פון אויבען ביי די קעפּליך בעפוצט מיט תגין, אַזעלכע שטריכעליך וואָס זעהען־אויס ווי קרוינדליך, וועלכע ווינקען־אָן, נאָכ'ן מיינונג פון די חכמים, אויף פערשידענע ענינים. [2]) דינים.

— שווייג — ענטפערט איהם גאט — אזוי איז אין מיין געדאנק אויס־געקומען.

— רבונו־של־עולם—זאגט ווייטער משה—דו האסט מיר געוויזען זיין לערנען, וויי מיר זיין בעלוין.

— קוק זיך אום—זאגט איהם גאט.

קוקט זיך משה אום און זעהט, ווי מען וועגט עקיבא׳ס פליש שטי־קער־וויי אין יאטקעס.

— רבונו־של־עולם—שרייעט משה אויס—דאס איז די תורה און דאס איז איהר בעלוין!

— שווייג — ענטפערט איהם גאט — אזוי איז אין מיין געדאנק אויס־געקומען.

## רבי עקיבא און כלבא־שבוע׳ס טאכטער.

רבי עקיבא איז געווען א פאסטוך ביי דעם רייכען כלבא־שבוע. האט רחל, כלבא־שבוע׳ס טאכטער, געזעהן ווי עהרליך ער איז און לייטיש, האט זי איהם ליעב בעקומען. איינמאל זאגט זי איהם:

— ווען איך זאל איינשטימען פאר דיר א כלה ווערען, וואלסטו זיך אוועקגעלאזט ערגיץ אין א בית־המדרש זיך דארט זעצען אויף א צייט לערנען?

— יא — ענטפערט ער.

ווערט זי פאר איהם א כלה אהן דעם פאטער׳ס וויסען. ווי כלבא־שבוע האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער זי ארויסגעטריבען פון זיין הויז און האט גענומען אויף זיך מיט א נדר, אז ער זאל נישט לאזען זי געניסען פון זיין פערמעגען אויף איין האר.

געהט זי אוועק און האט חתונה פאר ר׳ עקיבא׳ן. פלעגען זיי פאר גרויס ארומקייט נעכטיגען ווינטער־צייט אין א קאמער וואו מע לעגט־אפ שטרוי. זיצט אזוי אמאל עקיבא מיט זיין רחל און קלייבט איהר אויס די שטרויעליך פון די האר. מאכט ער צו איהר: „ווען איך זאל פערמאגען, וואלט איך דיר געקויפט א גאלדענעם ירושלים״ [1].

קומט אליהו אינ׳ם געשטאלט פון א מענשען, שטעלט זיך אוועק ביי דער טהיר און בעט אויף א קול: „גיט מיר אביסעל שטרוי, מיין פרוי האט געבוירען א קינד און איך האב גאר נישט וואס איהר אונטערצובעטען״.

— זעהסט — זאגט ר׳ עקיבא דער פרוי זיינער — אט דער מענש האט אפילו קיין שטרוי אויך נישט. מיר זענען אקעגען איהם רייכע.

— נישט קיין רייכקייט—זאגט זי איהם—בעגער איך. איך וויל נור זאלסט

---

[1] אזא צירונג פון גאלד, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעקריצט די שטאדט ירושלים.

אויסהאַלטען דיין וואָרט און זיך אַוועקלאָזען אין אַ בית־המדרש לערנען תּורה.

איז עקיבא אַוועק אין בית־המדרש פון ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און זיך דאָרטען געזעצט לערנען.

נאָך צוועלף יאָהר איז ער געקומען צוריק אַהיים, אַ גרויסער געלעהרטער און אַ רבי פון צוועלף טויזענד תּלמידים. ווי ער איז צוגעקומען הינטער זיין שטובעלע הערט ער, ווי מיט זיין פרוי טענה'ט איינער פון די שכנים, אַ שלעכטער מענש: „רעכט האָט דיר געטהון דיין פאָטער. איינמאָל, איז דער פאַסטוך ניט דיין גלייכען; און ווידער, זעה וואָס ער האָט דיר אָפּגעטהון: שוין אַזוי פיעל צייט, אַז ער האָט דיך איבערגעלאָזט אַ לעבעדיגע אלמנה".

— ער זאָל מיך וועלען פאָלגען—לאָזט זיך הערען רחל'ס ענטפער— וואָלט ער פערבראַכט דאָרט אין בית־המדרש ביי'ם לערנען נאָך צוועלף יאָהר.

טהוט אַזוי ר׳ עקיבא און לאָזט זיך ווידער אַוועק אין בית־המדרש. אָפּגעלערענט דאָרטען נאָך צוועלף יאָהר, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אַהיים מיט פיער און צוואַנציג טויזענד תּלמידים.

איז אַרויס אַקעגען איהם די גאַנצע שטאָדט. לאָזט זיך איהם געהן אַקעגען אויך זיין פרוי רחל. זאָגען איהר די שכנות: „ליי זיך גאַנצע קליידער און טהו זיך אָן ווי עס געהער צו זיין". זאָגט זי: „עס מאַכט ניט אויס, דער צדיק וועט פיהלען מיין הארץ".

ווי רחל איז צו איהם צוגעקומען איז זי געפאַלען פאַר איהם אויפ'ן פּנים און געקישט די טריט. ווילען די תּלמידים זי אָפּשטויסען, זאָגט זיי ר׳ עקיבא: „לאָזט זי; מיינס און אייערס — איז איהרס".

דערהערט אַז אין שטאָדט איז אָנגעקומען אַ גרויסער תּנא, טראַכט זיך דער אַלטער כּלבא־שבוע: „מע דאַרף געהן צו איהם, אפשר וועט ער מיך בעפרייען פון מיין נדר געגען מיין טאָכטער, איך זאָל מעגען איהר צו הילף קומען אין איהר נויט". קומט ער פאַר ר׳ עקיבא און דערצעהלט איהם ווי די זאַך איז פאָרגעקומען.

זאָגט איהם ר׳ עקיבא: „ווען דו וואָלסט געוועזען וויסען, אַז דיין טאָכטער'ס מאַן וועט ווערען אַ גרויסער געלעהרטער, וואָלסטו דעמאָלט גענומען אויף זיך אַזאַ נדר?"

— געוויס ניט — ענטפערט כּלבא־שבוע — אפילו איין פּרק ווען ער קען, איין הלכה.

— זאָלסטו וויסען — זאָגט איהם ר׳ עקיבא — אַז דיין טאָכטער'ס מאַן, דיין געוועזענער פאַסטוך, דאָס בין איך.

פאַלט דער אַלטער כּלבא־שבוע מיט'ן פּנים צו דער ערד, קושט ר׳ עקיבא'ן די פיס און שענקט איהם אַוועק אַ האַלב פערמעגען זיינס.

## ווי ר׳ עֲקִיבָא האָט זיך גענומען צו׳ם לערנען.

ביז פערציג יאָהר האָט ר׳ עֲקִיבָא גאָר נישט געלערענט. איינמאָל שטעהט ער ביי אַ ברונען, זעהט ער דאָרטען אַ אויסגעהוילטען שטיין. דער פרעגט ער זיך: ווער האָט דעם שטיין אויסגעהוילט? זאָגט מען איהם: עֲקִיבָא, דו ווייסט נישט פונ׳ם פָּסוּק: „וואַסער רייבט־אויס שטיינער". דעם שטיין האָבען אויסגעהוילט די טראָפּען וואַסער, וואָס פאַלען אויף איהם טעג־טעג־ליך אָהן אויפהער.

דערהערט דאָס האָט זיך ר׳ עֲקִיבָא פערטראַכט: אויב די פליסיגע, שוואַכע טראָפּענס וואַסער האָבען געקענט דורכשלאָגען דעם האַרטען שטיין — בִּפְרַט די ווערטער פון דער תּוֹרָה, די פעסטע ווי אייזען, ווילען דאָך געוויס קענען דורכדרונגען מיין האַרץ, וואָס איז נישט מעהר ווי פלייש און בלוט.

געהט ער אַוועק מיט זיינעם אַ זוהן און ביידע זעצען זיך לערנען ביי אַ דַרְדְקֵי־מְלַמֵּד. האָט זיי דער רֶבִּי אָנגעשריבען דעם אַלף־בית און דער פאָטער מיט׳ן זוהן האָבען זיך געלערענט צוזאַמען פון איין טאַוועל. ווי דער מְלַמֵּד האָט איהם עֶפּעס געוויזען האָט ער זיך דאָס גוט איינגע׳חזר׳ט, זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט איינער אַליין פאַר־זיך, גענומען אין דעם גוט זיך איינטראַכטען און שטאַרק זיך פערטיפען: פאַר וואָס דאָס, פאַר וואָס יענץ? — ביז ער האָט אַזוי אויסגעלערענט די גאַנצע תּוֹרָה.

געהט ער אַוועק אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ פון ר׳ אֱלִיעֶזֶר און ר׳ יְהוֹשֻׁעַ און בעט זיי, זיי זאָלען נעהמען איהם לערנען און ערקלערען מִשְׁנָה. ווי זיי האָבען איהם איבערגעגעבען איין הֲלָכָה, איז ער באַלד אַוועק, זיך געזעצט מיט איהר פאַר־זיך און גענומען זי בעטראַכטען פון אַלע זייטען: צו וואָס האָט מען איהם געזאָגט דאָס וואָרט? און וואָס איז דער מיין פון יענעם וואָרט? — און פערוואָרפען זיי מיט פערשידענע שְׁאֵלוֹת, און אָפטמאָל זעהר האַרבע.

ווי מע דערצעהלט, האָט אַ היבשע צייט ר׳ עֲקִיבָא געלערענט ביי ר׳ אֱלִיעֶזֶר׳ן און יענער האָט איהם גאָר ניט באַמערקט. ווען ר׳ עֲקִיבָא האָט איהם אָבער דאָס ערשטע מאָל אָפּגעשטעלט מיט אַ האַרבער שְׁאֵלָה, רופט זיך אָן צו איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ מיט׳ן לָשׁוֹן פונ׳ם פָּסוּק: „דאָס איז דאָך דער וואָס דו האָסט איהם גרינג געשעצט — טרעט נור איצט אַרויס מיט איהם אויף אַ שטרייט!"

ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן אֱלִיעֶזֶר האָט אויף דעם געזאָגט אַזאַ מָשָׁל: אויף אַ גרויסען פעסטען פעלז איז געזעסען אַ שטיין־העקער און מיט דער האַק זיינער געהאַקט פון איהם ברעקלעך. זעהען דאָס מענשען, פרעגען זיי איהם: וואָס טהוסטו? ענטפערט ער: איך וויל אויסרייסען דעם פעלז און איהם אַריינוואַרפען אין יַרְדֵן אַריין. גלויבט מען ניט ער זאָל דאָס קענען בעווייזען. אַרט דאָס איהם ניט און ער טוהט זיך זיינס: ער האַקט דעם פעלז ווייטער,

ביז ער איז אריין מיט דער האק טיעף אונטער איהם — אין מיט א מאל איהם איבערגעקעהרט און ירדן אריין, זאגענדיג דערביי: „ניט דא איז דיין ארט, נור דארט!" — דאס זעלבע האט ר' עקיבא אפגעטהון ר' אליעזר'ן און ר' יהושע'ן.

יעדען טאג פלעגט ר' עקיבא אנקלויבען א בינטעל האלץ, האלב האט ער פערקויפט און דערפון זיך דערנעהרט, און האלב האט ער אויסגענוצט צו'ם לייכטען, צו'ם הייצען א. ד. ג. קומען צו איהם די שכנים מיט טענות:

— עקיבא — שרייען זיי — דורכ'ן רויך פון דיין האלץ וועלען מיר אומקומען! פערקויף עס בעסער אונז, וועסטו פאר'ן געלד בעקומען בוימאייל און ביי זיין שיין וועסטו לערנען.

ענטפערט ער זיי: „ניין, איך וועל עס נישט טהון. דאס האלץ נוצט מיר אויף פיעל זאכען: אז איך לערן ביי דער שיין פון דעם, אז איך וואַרם זיך מיט דעם אן, אז איך שלאף אויף דעם".

ווי מע דערצעהלט, איז ר' עקיבא שפעטער אונגעהייער רייך געווען, די טישען זענען ביי איהם געוועזען פון זילבער און גאלד, און אויפ'ן בעט פלעגט ער ארויף דורך גאלדענע טרעפליך, און זיין פרוי פלעגט ארויסגעהן געפוצט מיט די שעהנסטע צירונגען. האבען זיך די תלמידים אויף דעם גע־קלאגט: „רבי, דורך דעם וואס דו צירסט זי אזוי פערשעהמסטו אונז ביי אונזערע פרויען".

— זי האט עס עהרליך פערדינט — ענטפערט זיי ר' עקיבא — גענוג האט זי פריהער זיך אנגעליטען מיט מיר צוליעב דער תורה.

## אנגעבויגען דעם קאפ.

רבן גמליאל האט דערצעהלט: איינמאל פאהר איך מיט א שיף אויפ'ן וואסער, בעמערק איך פון ווייטענס ווי א שיפעל איז צובראכען געווארען און אונטערגעגאנגען, האב איך געהאט גרויס עגמת־נפש איבער איין תלמיד־חכם וואס האט זיך דארט געפונען—דאס איז געוועזען ר' עקיבא. אז איך בין ארויס דערנאך אויף דער יבשה, קומט אריין ר' עקיבא צו מיר אין בית־המדרש און הייבט מיט מיר אן אריינצושמועסען אין לערנען. פרעג איך איהם: „זוהן מיינער, ווער האט דיך ארויסגעהויבען פונ'ם וואסער?" ענטפערט ער: „א ברעט פון דער צובראכענער שיף איז מיר אונטערגעשווימען, האב איך זיך אין איהר אנגעהאלטען און ביי יעדער וואל, וואס איז מיר אקעגען געקומען, האב איך אנגעבויגען דעם קאפ"...

## אלעס וואס גאט טהוט איז צו גוטען.

ר' עקיבא איז איינמאל געגאנגען אין וועג האט ער געהאט מיט זיך

אַן עֵזעֶל, אַ האָהן אויף צו וועקען איהם פאַרטאָג, און אַ ליכט. פאַר נאַכט קומט ער אָן אין אַ שטעדטיל, זיכט ער דאָרט אַ הויז אויף נאַכט־לעגער, לאָזט איהם קיינער נישט אַריין. זאָגט ער: „אַלעס וואָס גאָט טהוט איז צו גוטען", און געהט אַוועק אין פעלד און בלייבט דאָרט איבערנעכטיגען. ביינאַכט לויפט־אָן אַ לייב און פערצוקט דאָס עזעל, באַלד נאָכדעם שפּרינגט־אָן פון ערגיץ אַ ווילדע קאַץ און צערייסט דעם האָהן, שפּעטער גיט אַ בלאָז אַ ווינט און לעשט־אויס דאָס ליכט. געבליבען איינער אַליין אין פעלד אין דער פינסטערער נאַכט, זאָגט ר' עקיבא, ווי זיין שטייגער: „אַלעס וואָס גאָט טהוט איז צו גוטען". אין דער פריה דערוואוסט ער זיך, אַז דורך דעם פעלד וואו ער האָט גענעכטיגט, זענען ביינאַכט אָנגעקומען אַ באַנדע רויבער, בעפאַלען די שטאָדט און אַלע שטאָדט־לייט אַוועקגעפיהרט געפאַנגען. זאָגט ר' עקיבא: „בין איך דען נישט גערעכט געווען — אַלעס וואָס גאָט טהוט איז צו גוטען" [1].

## ר' עקיבא אין זיין טרויער.

אַז ר' שמעון, ר' עקיבא'ס זוהן, איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, האָט ר' עקיבא נישט אויפגעהערט אויף איין טאָג צו לערנען פאַר די תּלמידים אין זיין בית־המדרש, ער פלעגט נור אַלע מאָל שיקען אַ שליח געוואויר ווערען ווי ס'האַלט מיט'ן חולה. קומט דער ערשטער שליח מיט אַ ידיעה: עס געהט שלעכט.

— לאָ'מיר לערנען — זאָגט ר' עקיבא צו זיינע תּלמידים.

קומט באַלד צולויפען אַ צווייטער שליח און זאָגט־אָן: ערגער געוואָרען.

ר' עקיבא טהוט זיינס און לערענט מיט די תּלמידים ווייטער.

קומט אַ דריטער און זאָגט: ער גוסס'ט.

— לערענט ווייטער — זאָגט ר' עקיבא.

אין דעם קומט דער פערטער מיט דער שלעכטער בשורה: אויסגעגאַנגען.

ערשט דעמאָלט איז ר' עקיבא אויפגעשטאַנען, אויסגעטהון די תּפלין, צוריסען אויף זיך די קליידער און געזאָגט: „ביז אַהער איז נאָך געליגען אויף אונז דער חוב צו לערנען, איצט זענען מיר מחויב אָפּגעבען דעם מת כּבוד".

האָט זיך צונויפגעקליבען אַ גרויסער עולם אויף דער לויה פון ר' עקיבא'ס זוהן און מ'האָט איהם געמאַכט אַ גרויסען הספּד. פאַר דעם עולם'ס צוגעהן־זיך האָט זיך ר' עקיבא געשטעלט אויף אַ הויכער באַנק און אויסגערופען:

[1] דורך דעם וואָס ער איז נישט געבליבען אויף נאַכט אין שטאָדט און וואָס דאָס עזעל מיט'ן האָהן זענען אומגעקומען און די ליכט אויסגעלאָשען געוואָרען, האָט איהם אויסגעמיידט דאָס גרעסערע אומגליק—אַריינצופאַלען צו די רויבער אין די הענד.

— יודען בּרידער, הערט מיך אויס. אַפילו מיין זוהן זאָל אַ חָתָן שטאַרבּען—בּין איך גענוג געטרייסט דורך דעם כָּבוד וואָס איהר האָט איהם אָנגעטהון. ניט ווייל איך בּין אַ וואוילגעלעהרענטער האָט איהר דאָס מיר געטהון—דאָ געפונען זיך וואוילגעלעהרענטערע פון מיר; ניט ווייל איך בּין רייך—דאָ איז פאַרהאַן פיעל רייכערע פון מיר. מִילָא די דָרוֹם-לייט קענען רֶבּי עֲקִיבָא׳ן—אָבער די גָלִיל-לייט פון וואַנען קענען איהם? לאָז זיין, די מענער קענען רֶבּי עֲקִיבָא׳ן—ווייבער און קינדער אָבער פון וואַנען קענען איהם? אויב אָבער איהר זענט געקומען גלאַט צוליעב עֲקִיבָא׳ן—וויפיעל אַזעלכע עֲקִיבָא׳ס האָט איהר אין מאַרק. איך ווייס אָבער, אַז דאָס וואָס איהר האָט זיך אָנגעטהון אַזוי פיעל מִיָה און אַלע אַהער געקומען איז דאָס נור צוליעב דער מִצְוָה און צוליעב דעם כָּבוֹד פון דער תּוֹרָה. איהר האָט זיך אַזוי געטראַכט: „גאָט׳ס תּוֹרָה איז בּיי איהם אין האַרצען"—און טאַקי דערפאַר איז אייער פאַרדיענסט נאָך דאָפּעלט גרעסער. יאָ, איך בּין געטרייסט—געהט זיך אַהיים אין פריעדען.

# אָפּגעצאָהלט אַ חוב.

די חֲכָמִים האָבּען זיך אַ מאָל גענויטיגט אין אַ גרויסער סומע געלד אויף אויסצוהאַלטען די יְשִׁיבָה. שיקען זיי ר׳ עֲקִיבָא׳ן צו איינער אַ רוימערין, זעהר אַ רייכע מאַטראָנע, און ער בּעט בּיי איהר זי זאָל איהם לייהען דאָס געלד אויף אַ בּעשטימטער צייט. זאָגט זי איהם: „ווער וועט גאַראַנטירען, אַז די וועסט אָפּצאָהלען דעם חוב אין דער צייט?" ענטפערט ער: „ווער די ווילסט".

זאָגט זי איהם: „זאָל זיין גאָט און אָט דער יַם",—איהר הויז איז געשטאַנען בּיי׳ם בּרעג יַם—זאָגט ר׳ עֲקִיבָא: „זאָל זיין אַזוי".

ווי די צייט צו צאָהלען איז געקומען—מאַכט זיך אַז ר׳ עֲקִיבָא איז קראַנק געוואָרען און האָט נישט געקענט בּרענגען דאָס געלד. געהט די מאַטראָנע אַרויס אויפ׳ן בּרעג יַם און זאָגט:

— האַר פון דער וועלט! דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז ר׳ עֲקִיבָא איז איצט קראַנק און איז ניט אין שטאַנד אָפּצאָהלען דעם חוב. געדענק-זשע, אַז דו און דער יַם זענען פעראַנטוואָרטליך.

ווי נור זי האָט דאָס אויסגערעדט—מאַכט גאָט אַז דעם קֵיסָר׳ס טאָכטער זאָל אַריין אין קאָפּ אַ מְשׁוּגַעַת און זי געהט אַריין אין שאַץ-קאַמער, נעהמט פון דאָרט אַ קעסטעלע פול מיט איידעלשטיינער און מיט גאָלדענע רענדליך און וואַרפט דאָס אַריין אין יַם. דער יַם ווידער האָט דאָס אַרויסגעוואָרפען מיט די פּאַליעס פאַר דער טיהר פון יענער מאַטראָנע. האָט זי דאָס געפונען און גענומען פאַר זיך.

ווי עֲקִיבָא איז געזונד געוואָרען געהט ער גלייך אַוועק צו דער

מאַטראָנע און בּרענגט איהר אָפּ דאָס געלד. זאָגט זי איהם: „מעגסט דאָס איבּגאַנצען איבּערלאָזען פאַר זיך, ווייל איך האָבּ זיך פריהער געווענדעט צו'ם עָרב און ער האָט מיר שוין איינגעצאָהלט דעם גאַנצען חוב, און אָט נעהם דיר וואָס איך האָבּ פון איהם בּעקומען איבּעריגס".

גיט זי איהם גרויסע מַתָּנוֹת און שיקט איהם אָפּ בּשָׁלוֹם.

## ר׳ עֲקִיבָא און טוּרנוּסְרוּפּוּס.

דער רוימישער שטאָטהאַלטער טורנוסרופוס האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ עֲקִיבָא'ן:

— פאַר וואָס האָט אונז גאָט פיינט, ווי עס שטעהט בּיי אייך אין זיין נאָמען געשריבּען: „עֵשָׂו'ן האָבּ איך פיינט".

— מאָרגען בּעקומסטו פון מיר אויף דעם אַן ענטפער — זאָגט איהם ר׳ עֲקִיבָא.

אויף מאָרגען, אַז ר׳ עֲקִיבָא איז צו איהם געקומען, גיט איהם טורנוסרופוס שפּעטיש אַ פרעג:

— נו, וואָס האָסטו עפּיס אויסגעטראַכט איבּער נאַכט? האָט זיך דיר עפּיס גע'חָלוֹם'ט?

— יאָ — ענטפערט ר׳ עֲקִיבָא — געטראָפען. היינטיגע נאַכט האָט זיך מיר גע'חָלוֹם'ט ווי צוויי הינטליך, איינס הייסט רופוס און דאָס צווייטע רופינאָ [1]...

— וואָס? — רייסט איהם טורנוסרופוס איבּער מיט גרויס צאָרן — האָסט שוין נישט געפונען פאַר דיינע הינט קיין אַנדערע נעמען ווי מיינעם און מיין פרוי'ס. טויטען קומט דיר פאַר אַזאַ הֶעָזָה!

— זאָג דו אַליין — רופט זיך אָן ר׳ עֲקִיבָא — איז דען צווישען דיר און צווישען הינט דאָ אַזאַ גרויסער אונטערשיעד? דו עסט און טרינקסט און זיי עסען און טרינקען אויך, דו בּריינגסט קינדער אויף דער וועלט און זיי אויך דאָסזעלבּע, דו וועסט שטאַרבּען און זיי אויך — פונדעסטוועגען, אַז איך האָבּ די הינט אָנגערופען מיט דיין נאָמען, בּיסטו געוואָרען אָנגעצונדען; היינט אַז איהר נעהמט אַ שטיק האָלץ און רופט עס אָן מיט'ן נאָמען פון גאָט, פון דעם גרויסען גאָט, וואָס האָט אויסגעשפּרייט הימלען און געגרונדעט די ערד, מאַכט טויט און מאַכט לעבּעדיג, — ווי־זשע זאָל ער אייך נישט פיינט האָבּען?

## ר׳ עֲקִיבָא'ס טויט.

איינמאָל איז אַרויס אַ גְזֵירָה פון רוים, אַז יודען זאָלען זיך נישט

---

[1] אַזוי האָט געהייסען די פרוי פון טורנוסרופוס.

דערוועגען צו לערנען תורה, און ווער עס וועט נישט פאלגען וועט בעשטראפט ווערען מיט׳ן טויט. טרעפט איינער, פפוס בן יהודה, ווי ר׳ עקיבא פערזאמעלט יודען און לערענט מיט זיי תורה אפען פאר אלעמען. ווערט ער ערשטוינט און פרעגט איהם:

— עקיבא, וואס הייסט עס, שרעקט דיר גאר נישט אפ די גזירה?

— עה, דו פפוס—זאגט איהם ר׳ עקיבא — מע זאגט אויף דיר, אז דו ביסט א קלוגער, צו׳ם סוף ביסטו גאר א נאר. איך וועל דיר זאגען אויף דעם א משל: עס קומט אוים ווי יענער פוקס וואס האט זיך ארומגעדרעהט ביי׳ם ברעג טייך, זעהט ער ווי די פיש אין וואסער לויפען ארום אונרוהיגע הין־און־הער. פרעגט ער זיי: פאר וועמען אנטלויפט איהר עס אזוי? ענט־פערען זיי: מיר אנטלויפען פאר די אלערליי נעצען, וואס מע פערווארפט אין וואסער אונז צו חאפען. — ווייסט איהר וואס — זאגט זיי דער פוקס—פאלגט מיך, געהט ארויס צו מיר אויף דער יבשה און מיר וועלען זיך וואוינען פריינדליך צוזאמען ווי מיינע מיט אייערע עלטערען האבען אמאל געוואוינט. ענטפערען איהם די פיש: „עה, דו פוקס! מע זאגט אויף דיר דו ביסט דער קליגסטער פון די חיות, צום סוף ביסטו גאר א נאר: בערעכען זיך אליין, אויב דא אין וואסער, אינ׳ם ארט פון אונזער לעבען, זענען מיר אין אזא שרעק, ווי־זשע וועט שוין זיין אז מיר וועלען ארויסגעהן אויף דער טריקע־ניש, אינ׳ם ארט פון אונזער טויט!״ דאסזעלבע זאג איך דיר אויך: אויב איצט, ווען מיר הערען זיך נאך נישט אויף אפצוגעבען מיט אונזער תורה, וואס זי איז אונזער לעבען און אין איהר איז אונזער אייביגקייט, — זענען מיר אין אזא שרעק, היינט ווי וועט שוין זיין אז מיר וועלען זיך פון דער תורה אינגאנצען אפרייסען!

געדויערט נישט לאנג און מע חאפט ר׳ עקיבא׳ן און מע פערשפארט איהם אין תפיסה. און אין דער זעלבער צייט האט מען אויך געחאפט פפוס בן יהודה פאר עפים א חטא און מ׳האט איהם פערשפארט צוזאמען מיט ר׳ עקיבא׳ן.

— פפוס — פרעגט איהם ר׳ עקיבא — ווי קומסטו אהער?

— וואויל איז דיר, ר׳ עקיבא — ענטפערט איהם פפוס — וואס דיר איז בעשערט אפצוקומען צוליעב דער תורה, וועה איז אבער מיר, וואס איך דארף אפקומען פאר פוסטע זאכען.

---

אז מ׳האט ר׳ עקיבא׳ן ארויסגעפיהרט צו׳ם טויט־שטראף איז גראד געוועזען די צייט פון קריאת־שמע. האט מען געריסען זיין לייב מיט אייזערנע קאמען און ער איז געוועזען אלץ פערטיעפט אין קריאת־שמע, אויפגענומען אויף זיך גאט׳ס יאך מיט גרויס ליעבשאפט. פרעגען איהם די תלמידים:

— רֶבִּי, אױף אַזױ פִיעל![1]

עֶנטפֶערט זײַ ר׳ עֲקִיבָא:

— דִי תּוֹרָה זָאגט: „זָאלסט לִיעב הָאבּען גָאט מִיט דײַן גאַנצער נְשָׁמָה“, דָאס הײַסט אַפִילוּ װען ער נעהמט בײַ דִיר אַװעק די נְשָׁמָה. אַט דער פָּסוּק הָאט מִיך אַלע מײַנע יָאהרען נִישט געלָאזט רוּהען, אִיך הָאבּ אַלץ געגאַרט, װען העלפט מִיר גָאט אִיך זָאל קענען דָאס בּעװײַזען; הײַנט, אַז גָאט הָאט מִיר עס בּעשערט צוּ דער האַנד, זָאל אִיך דָאס נִישט בּײַשטעהן?

הָאט ר׳ עֲקִיבָא אַזױ לאַנג געצױגען דָאס װאָרט „אֶחָד“ בִּיז די נְשָׁמָה זײַנע אִיז אִיהם מִיט „אֶחָד“ אױסגעגאַנגען.

הָאט זִיך געלָאזט הערען אַ בַּת־קוֹל:

— אַז װאױל אִיז דִיר, ר׳ עֲקִיבָא, װאָס די נְשָׁמָה דײַנע אִיז דִיר אױס־געגאַנגען מִיט „אֶחָד“!

קוּמען די מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת פאַר גָאט מִיט אַ טַעֲנָה: „רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם! דָאס אִיז דִי תּוֹרָה און דָאס אִיז אִיהר בּעלוֹין?!“

— זײַן אֱמֶת׳ער לוין — עֶנטפֶערט זײַ גָאט — אִיז אִין אײבִּיגען לעבּען אױף דער אֱמֶת׳ער װעלט.

און אַ בַּת־קוֹל הָאט זִיך געלָאזט הערען:

— אַז װאױל אִיז דִיר, ר׳ עֲקִיבָא, דִיר אִיז אָנגעגרײט דָאס אײבִּיגע לעבּען אױף יענער װעלט!

## ר׳ עֲקִיבָא׳ס קְבוּרָה.

װי מ׳הָאט אוּמגעבּראַכט ר׳ עֲקִיבָא׳ן פוּן דער װעלט, קוּמט אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא צוּ ר׳ יְהוֹשֻׁעַ הַגַרְסִי׳ן, ר׳ עֲקִיבָא׳ס טרײַען תַּלְמִיד, און בּלײַבּט שטעהן פאַר זײַן טהִיר אִינ׳ם געשטאַלט פוּן אַ אַלטען תַּלְמִיד־חָכָם.

— פרִיעד צוּ דִיר, רֶבִּי — זָאגט אֵלִיָהוּ צוּ ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ן.

— פרִיעד צוּ דִיר, רֶבִּי און לעהרער מײַנער — עֶנטפֶערט אִיהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

— אֶפְשַׁר קען אִיך דִיר זײַן מִיט עפּיס נוּצלִיך? — זָאגט װײַטער אֵלִיָהוּ.

— װער בִּיסטוּ דען? — פרעגט אִיהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ.

— אִיך בִּין אַ כֹּהֵן[2] און געקוּמען בִּין אִיך דִיר אָנצוּזָאגען, אַז ר׳ עֲקִיבָא דײַן רֶבִּי׳נס טױטער גוּף לִיגט אִין תְּפִיסָה.

לָאזען זײַ זִיך בּײדע בּאַלד אַװעק צוּ דער תְּפִיסָה און געפוּנען דאָרט די טהִיר אָפען, און דער פערװאַלטער פוּן דער תְּפִיסָה מִיט אַלע אִיבּרִיגע

---

[1] ד. ה. אִין אַזאַ שרעקלִיכער שעה לִיגט דִיר אִין זִינען די קריאת־שמע? [2] לױט דער אגדה שטאַמט אליהו הנביא פוּן פנחס׳ן, אהרן הכהן׳ס אײניקעל.

געפענגענע שלאָפען, לעגען זיי אַרויף ר' עקיבא'ן אויף אַ מטה און געהען מיט איהם אַרויס. אין דרויסען נעהמט באַלד אליהו ר' עקיבא'ס גוף און טראָגט איהם אויפ'ן אַקסעל, פרעגט איהם ר' יהושע: רבי, האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז דו ביסט אַ כהן; ווי מעג אַ כהן זיך פעראומרייניגען מיט אַ מת?

— הער-אויף, ר' יהושע מיין זוהן! — זאָגט איהם אויף דעם אליהו — חלילה וחס! ביי תלמידי־חכמים געשיקט זיך נישט קיין אומרייניקייט.

האָבען זיי איהם געפיהרט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט ביז זיי זענען געקומען קיין אַנטיפרוס, דאָרטען האָבען זיי זיך אויפגעהויבען דריי טרעפּ, דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט דריי טרעפּ, עפענט זיך פאַר זיי אַ הייהל און דאָרט דער־זעהען זיי אַ שטוהל, אַ באַנק, אַ טיש און אַ לייכטער. לעגען זיי אַוועק ר' עקיבא'ן אויף דער מטה און געהען-אַרויס. ווי זיי זענען אַרויס איז באַלד פערלעגט געוואָרען די הייהל און די ליכט האָט זיך אָנגעצינדען אין לייכטער.

ווי אליהו האָט דאָס דערזעהן האָט ער זיך געשטעלט און געזאָגט אַזוי:

— אַז וואויל איז אייך, צדיקים, אַז וואויל איז אייך די וואָס מיהען זיך אין תורה און אַז וואויל איז אייך גאָטס פאָרכטיגע! פאַר אייך איז בע-האַלטען און צוגעגרייט אַ פּלאַץ אין גן־עדן אויף יענער וועלט. אַז וואויל איז דיר, ר' עקיבא! אַ שעהנעם נאַכט-לעגער האָסטו בעקומען נאָך דיין אַוועקגעהן פון דער וועלט.

# עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מַלְכוּת.

## I. גע׳חַתְמ׳עֶט די גְזֵירָה.

אַז די רוימישע רעגירונג, די מַרְשַׁעַת, האָט אַרויסגעלאָזט אַ גְזֵירָה אומצובריינגען פון דער וועלט די גרעסטע יודישע געלעהרטע, האָבען די חֲבֵרִים געזאָגט ר׳ יִשְׁמָעאל׳ן דעם כֹּהֵן גָדוֹל: „הויב זיך אויף אויפ׳ן הימעל און דערגעה דאָרט צי די דאָזיגע גְזֵירָה איז פון גאָט בָּרוּךְ־הוּא״. האָט ר׳ יִשְׁמָעאל גענומען און זיך גערייניגט און איינגעהילט זיך אין טַלִית־און־תְּפִלִּין און אַרויסגערעדט דעם שֵׁם־הַמְפוֹרָשׁ. באַלד האָט איהם דער ווינד אַ טראָג געטהון אַרויף און איהם אַרויפגעבראַכט אויפ׳ן הימעל.

בעגעגענט איהם דער מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל: „דו ביסט עס דער יִשְׁמָעאל, וואָס דער בעשעפער דיינער בעריהמט זיך מיט איהם אַלע טאָג, אַז ער האָט אויף דער ערד אַ קנעכט וואָס זיין געזיכט איז אַן אָפּבילד פון דער געטליכקייט?״

— איך בין עס — ענטפערט ר׳ יִשְׁמָעאל.

— צוליעב וואָס ביסטו אַרויף אַהערצו?

— איך בין אַרויף צו דערגעהן, אויב יענע גְזֵירָה איז פון גאָט אַליין גע׳חַתְמ׳עט.

— יאָ, יִשְׁמָעאל מיין זוהן—ענטפערט איהם גַבְרִיאֵל—ביי דיין לעבען, אַז אַזוי האָב איך אונטערגעהערט הינטער׳ן הימעלפאָרהאַנג [1]: „צעהן יודישע חֲכָמִים וועלען איבערגעגעבען צו׳ם טויט דורך דער רעגירונג די מַרְשַׁעַת.

— פאַר וואָס קומט עס אַזוי? — פרעגט ר׳ יִשְׁמָעאל.

— פאַר מְכִירַת יוֹסֵף — ענטפערט גַבְרִיאֵל — אַלע טאָג שטעלט זיך אַוועק די מִדַת־הַדִין פאַר׳ן כִּסֵא הַכָּבוֹד און טַעֲנֶה׳ט: „רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, איז דען אַפִילוּ איין אות אין דער תּוֹרָה דיינער אָנגעשריבען אומזיסט? „אַז איינער

---

[1] אַזוי הייסט אין דער אַגדה דאָס אָפּגעזונדערטע אָרט אין הימעל פאַר׳ן בית־דין של מעלה, פון וואַנען עס געהען־אַרויס אויף דער וועלט אַלע גזירות.

גנבה'ט א נפש און פערקויפט איהם זאל ער געטויט ווערען" — האסטו אין דיין תורה געשריבען, און אט האבען די צעהן שבטים פערקויפט יוסף'ן, און ביז היינט האסטו זיך פאר דעם נישט אפגערעכענט, נישט מיט זיי און נישט מיט זייערע קינדער". און דעריבער איז ארויס איצט די גזירה אויף די צעהן יודישע חכמים.

— האט דען ביז אהער גאט ברוך־הוא נישט געפונען קיין אנדערע אויסער אונז מיט וועמען זיך אפצורעכענען פאר מכירת יוסף?

— ישמעאל מיין זוהן — ענטפערט איהם גבריאל — ביי דיין לעבען, אז זינט די שבטים האבען פערקויפט יוסף'ן האט גאט נישט געפונען צוזאמען אין איין דור אזעלכע ווי איהר צעהן פרומע צדיקים, זיי זאלען וועגען גלייך מיט די שבטים. דעריבער דארפט איהר אפקומען.

ווי סמאל הרשע [1]) האט דערזעהן, אז גאט ברוך־הוא האלט שוין ביי חתמ'ענען די גזירה, האט ער זיך שטארק דערפרעהט און גענומען זיך בעריהמען: „איך האב ביי־געקומען מיכאל'ן דעם יודישען שר!"

ווערט גאט ברוך־הוא זעהר אויפ־געבראכט אויף סמאל'ן, רופט־צו זיין נאהענטסטען גרעסטען מלאך מטטרון און גיט איהם א בעפעהל: שרייב און חתמ'ע: „שוועבעל און פלאם־פייער אויף רוים די מרשעת, אויף איהרע מענ־שען און פיה, אויף איהר זילבער און גאלד און אויף אלעם וואס זי פערמאגט!"

ווי ר' ישמעאל האט דאס דערהערט, איז ער געווארען אביסעל בערו־היגט און האט גענומען שפאצירען אויפ'ן הימעל אהין און אהער, דערזעהט ער א מזבח שטעהט נאהענט נעבען כסא־הכבוד, פרעגט ער גבריאל'ן: וואס איז עס? ענטפערט ער איהם: א מזבח.

— וואס פאר א קרבנות — פרעגט ר' ישמעאל ווייטער — ברייגגט איהר אויף דעם מזבח אלע טאג?

— נשמות פון צדיקים.

— ווער איז זיי מקריב?

— דער גרויסער שר מיכאל.

איז ר' ישמעאל אראפ אויף דער ערד און דערצעהלט די חברים, אז די גזירה איז שוין גע'חתמ'עט — האבען זיי פון איין זייט געקלאגט וואס אזא שלעכטע גזירה איז אויף זיי ארויס, און פון דער אנדערער זייט האט זיי הנאה געטהון, וואס גאט ברוך־הוא האט זיי געוואויגען גלייך מיט די שבטים.

## II. ר' שמעון און ר' ישמעאל.

חאפט מען ר' שמעון בן גמליאל און ר' ישמעאל כהן־גדול און מע

[1]) דער שטן, דער שר (פאטראן, בעשיצער) פון רוים. לויט דער אגדה האט יעדע אומה איהר שר אין הימעל. — דער מלאך מיכאל איז דער שר פון יודען.

פיהרט זיי אַרויס די ערשטע צו׳ם טויט. האָט זיך ר׳ שִׁמְעוֹן צעוויינט. זאָגט איהם ר׳ יִשְׁמָעֵאל: „יונגער פירשט! נאָך אַ פּאָר שפּאַן געהסטו־איבער אינ׳ם שוים פון די צַדִיקִים — און דו וויינסט גאָר?״

— אָ — ענטפערט ר׳ שִׁמְעוֹן — דאָס האַרץ געהט מיר אויס, איך ווייס אַפילו נישט פאַר וואָס איך קום־אום.

זאָגט איהם ר׳ יִשְׁמָעֵאל: „מעגליך, ס׳האָט זיך דיר אַ מאָל געמאַכט, אַז עמיצער איז צו דיר געקומען מיט אַ נייטהיגען דִין־תּוֹרָה אָדער מיט אַ שַׁאֲלָה, און דו האָסט זיך נישט געאיילט און איהם געלאָזט וואַרטען ביז דו וועסט אויסטרונקען דיין כּוס צי אָנטהון דיין שיך, אָדער איינהילען זיך אין דיין קלייד — און לויט דער תּוֹרָה הייסט דאָס פּייניגען לאָזען אַ מענשען, אַלצאיינס צי פיעל צי ווייניג, און דערפאַר פערדיענט מען טויט־שטראָף״.

— רֶבִּי, דו האָסט מיך געטרייסט — זאָגט איהם ר׳ שִׁמְעוֹן.

האָבען זיי זיך געבעטען ביי׳ם תַּלְיָן. דער זאָגט: איך בין אַ כֹּהֵן־גָדוֹל דער זוהן פון אַ כֹּהֵן־גָדוֹל, פון אַהֲרֹן הַכֹּהֵן׳ס אייניקליך, טויט מיך פריהער, איך זאָל נישט זעהן דעם טויט פון מיין חָבֵר; און דער בעט־זיך: איך בין אַ פירשט דער זוהן פון אַ פירשט, פון דָוִד הַמֶלֶךְ׳ס אייניקליך, טויט מיך פריהער, איך זאָל נישט זעהן דעם טויט פון מיין חָבֵר. זאָגט דער תַּלְיָן: וואַרפט צווישען זיך גוֹרָל. איז געפאַלען דער גוֹרָל אויף ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל. נעהמט דער תַּלְיָן די שווערד און קעפּט איהם. הויבט ר׳ יִשְׁמָעֵאל אויף דעם אָפּגעהאַקטען קאָפּ, דרוקט איהם צו דער ברוסט, וויינט און שרייט: „אָ, הייליג מויל, אָ, וואַרהאַפטיג מויל! אָ מויל, וואָס בריליאַנטען, דימאַנטען און פּערעל האָבען זיך פון איהם געשאָטען, ווער האָט איצט דיך געלעגט אין דער ערד אַריין און ווער האָט אין דיר דעם צונג אָנגעשטאָפּט מיט שטויב און אַש? אָך און וועה! דאָס איז די תּוֹרָה און דאָס איז איהר לוין!״

ווי ר׳ יִשְׁמָעֵאל יאָמערט אַזוי — קוקט־אַרויס דעם קֵיסָר׳ס טאָכטער דורכ׳ן פענסטער, זעהט און בלייבט פערגאַפט פון זיין זעלטענער שעהנהייט, וויילע ר׳ יִשְׁמָעֵאל איז געוועזען איינער פון די זיבען בעריהמטע שעהנהייטען אין דער וועלט, און זיין געזיכט האָט געשיינט נור ווי פון אַ מַלְאָךְ. בעקומט זי אויף איהם גרוים מיטלייד און שיקט צו׳ם פאָטער: „טהו מיר צוליעב וואָס איך וועל דיך בעטען״. ענטפערט ער איהר: „וועגען אַלצדינג וואָס דו וועסט מיך בעטען, טאָכטער מיינע, וועל איך דיר צוליעב טהון, נאָר אויסער וועגען יִשְׁמָעֵאל׳ן מיט זיינע חֲבֵרִים״. שיקט זי איהם ווידער: „איך בעט דיך, שענק איהם דאָס לעבען״. „ניין — ענטפערט ער איהר — דאָס איז אונמעגליך, איך האָב שוין געשוואוירען״. „אויב אַזוי — שיקט זי איהם נאָכאַמאָל — בעפעהל מע זאָל איהם אָפּשינדען גאַנצערהייד די הויט פון זיין קאָפּ וועל איך זיך אין איהר שפּיגלען״. האָט דער קֵיסָר אַזוי בעפוילען און מ׳האָט איהם גענומען

שינדערן דעם קאָפּ. ווי ס׳האָט געהאַלטען דאָרט בײַ׳ם אָרט פון תְּפִלִין האָט ר׳ יִשְׁמָעֵאל אַרויסגעלאָזט אַ שרעקליכען ביטערען געשרײַ, אַז הימעל און ערד זענען פערציטערט געוואָרען; אַ צווייטען נאָך אַ שרעקליכערען געשרײַ—און דער כִּסֵא־הַכָּבוֹד איז פערציטערט געוואָרען. „רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם— האָבען שוין נישט אויסגעהאַלטען די מַלְאֲכֵי־הַשָּׁרֵת און גענומען טַעֲנה׳ען — אַזאַ צַדִיק, וואָס דו האָסט פאַר איהם אויפגעדעקט אַלע שאַצקאַמערען פון די אויבערשטע וועלטען און אַלע סודות פון די אונטערשטע, זאָל אומקומען דורך אַזאַ ווילדען אומדערבאַרומדיגען טויט? אָט דאָס איז די תּוֹרָה און דאָס איז איהר לוין?!" ענטפערט זיי גאָט בָּרוּך־הוּא: „וואָס זאָל איך טהון פאַר מײַנע קינדער, ס׳איז אַ גְזֵירָה, און ס׳איז ניטאָ ווער זאָל זי אָפּרופען".

לאָזט זיך הערען אַ בַּת־קוֹל: „ווען ר׳ יִשְׁמָעֵאל אַרויסלאָזען נאָך אײַן געשרײַ קעהרט זיך איבער די גאַנצע וועלט". ווי ר׳ יִשְׁמָעֵאל האָט דאָס דערהערט איז ער אַנשוויגען געוואָרען.

פרעגט איהם דער קֵיסָר: „וואָס, נאָך פערזיכערסטו זיך אויף דײַן גאָט?"

— יאָ — ענטפערט ר׳ יִשְׁמָעֵאל — „ער מעג מיך טויטען, צו איהם וועל איך אַלץ האָפען" — און מיט די ווערטער איז איהם אויסגעגאַנגען די נְשָׁמָה.

אַז ס׳איז אָנגעקומען צו ר׳ עֲקִיבָא׳ן די טרויעריגע יְדִיעָה וועגען דעם טויט פון די בײדע, איז ער אויפגעשטאַנען, צוריסען אויף זיך די קלײדער און זיך אָנגעגורט אַ זאַק. „זײַט גרייט — זאָגט ער די תַּלְמִידִים — אַ גרויסע שטראָף ריקט זיך אויף אונז אָן. ווען אונז זאָל פאָרשטעהן גוטס אין אונזער צײַט, וואָלט קײנער נישט ווערטה געווען דאָס צו בעקומען ווי ר׳ שִׁמְעוֹן און יִשְׁמָעֵאל. נישט אַנדערש, גאָט בָּרוּך־הוּא ווייסט אַז אַ גרויסער שלאַג קלײַבט זיך קומען אויף דער וועלט, און דערפאַר האָט ער זיך געאײַלט צוצונעהמען אָט די צוויי צַדִיקִים פון אונז, זיי זאָלען דעם אומגליק נישט זעהן מיט זײערע אויגען".

## III. ר׳ עֲקִיבָא בֶּן יוֹסֵף.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו ר׳ עֲקִיבָא׳ן, וואָס האָט געדַרְשׁ׳ענט אַלע קרוינדליך פון דער תּוֹרָה און אַרויסגעפונען דעם אֱמֶת׳ען זין איהרען פונקט ווי ס׳איז איבערגעגעבען געוואָרען משה רַבֵּינוּ׳ן אויפ׳ן באַרג סִינַי, און אַז מ׳האָט איהם אַרויסגעפיהרט צו טויטען איהם איז אָנגעקומען דעם קֵיסָר אַ בריעף מיט דער יְדִיעָה, אַז דער אַראַבישער קעניג איז בעפאַלען זײַן לאַנד, האָט ער זיך געאײַלט אַוועקצוגעהן און האָט בעפוילען פערשלי־סען ר׳ עֲקִיבָא׳ן אין תְּפִיסָה ביז ער וועט זיך צוריקקעהרען פון דער מִלְחָמָה. און ווי ער איז געקומען צוריק האָט מען באַלד אויף זײַן בעפויל

אַרויסגעפּיהרט ר׳ עֲקִיבָא׳ן און געשׁינדען זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען, און ביי יעדעס מאָל, ווי דער קאַם האָט זיך אַריינגעשטעקט מיט זיינע צייהן אינ׳ם לייב און אַ ריס געטהון אַ שטיק פלייש, האָט ר׳ עֲקִיבָא, אָנגעהמענדיג פאַר ליעב די שרעקליכע ליידען, אַלץ אויסגערופען:

דער שטאַרקער (גאָט) אויפריכטיג איז זיין ווערק,
אַלע זיינע וועגען זענען רעכט;
גאָט פון וואַרהייט, אָהן אונרעכט,
דער גערעכטער און רעכטפאַרטיגער.

האָט זיך געלאָזט הערען אַ בַּת־קוֹל: אַז וואויל איז דיר, ר׳ עֲקִיבָא וואָס דו ביסט אַ פרומער און גערעכטער און דיין נְשָׁמָה איז דיר אויסגעגאַנגען מיט׳ן וואָרט „גערעכטער”.

אַז ר׳ עֲקִיבָא איז אומגעבראַכט געוואָרען, איז אָנגעקומען די טרויעריגע יְדִיעָה צו ר׳ חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן און ר׳ יְהוּדָה בֶּן בָּבָא, זענען זיי אויפגעשטאַנען, צוריסען אויף זיך די קליידער און זיך אָנגעגורט זעק. „הערט, ברודער — האָבען זיי געזאָגט צו׳ם עוֹלָם — ר׳ עֲקִיבָא׳ס אומקומען איז נישט אַנדערש נור אַ צייכען אויף צו וואָהרנען אונז”.

## IV. רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו ר׳ חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן.

ר׳ חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן איז געווען, ווי מע דערצעהלט, זעהר אַ ליעבער מאַן, צו גאָט און צו לייט, קיינמאָל איז אויף זיין מויל נישט געקומען קיין שלעכט וואָרט אויף עמיצען. און ווען דער רוימישער קֵיסָר האָט אַרויסגעלאָזט אַ גְזֵירָה אויף יודען, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט לערנען יעגעם קיין תּוֹרָה, האָט ער נישט אויפגעהערט צונויפקלייבען אַרום זיך אַן עוֹלָם, לערנען מיט זיי תּוֹרָה און פאַר זיי דַרשׁ׳ענען.

און אַז ר׳ חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן איז געקומען איינמאָל בעזוכען דעם קראַנקען ר׳ יוֹסֵי בֶּן קִסְמָא, האָט יענער איהם אויף דעם פּירגעהאַלטען. „חֲנִינָא ברודער — האָט ער איהם געזאָגט — זעהסטו דען נישט, אַז די דאָזיגע אוּמָה האָט בעקומען איהר מאַכט פון גאָט אַליין: זי האָט פערוויסט זיין הויז און פערברענט זיין פּאַלאַץ און אויסגעהרג׳עט זיינע פרומע און אומגעבראַכט זיינע בעסטע, און נאָך האַלט זי זיך אַזוי פעסט — צו׳ם סוֹף הער איך, אַז דו קוקסט נישט אויף איהר גְזֵירָה, זיצט זיך מיט אַ סֵפֶר־תּוֹרָה אין שוים און לערנסט און קלייבסט נאָך צונויף אַרום זיך מיט דיינע דְרָשׁוֹת אַ גרויסען עוֹלָם”.

— פוּנ׳ם הִימעל וועט מען זיך דערבאַרמען — ענטפערט ר׳ חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן.

— איך רעד מיט דיר צו דער זאַך — רופט אויס דער קראַנקער

ר׳ יוסי בֶּן קִסְמָא מִיט הארץ—און דו דערצעהלסט מִיר: „פונ׳ם הימעל וועט מען זיך דערבּארמען״. אַ נֵס וועט זיין, אויב מע וועט נישט פערברענען דיך צוזאַמען מִיט דער סֵפֶר־תּוֹרָה אין פייער.

אין אַ קורצע צייט אַרום איז ר׳ יוסי בֶּן קִסְמָא געשטאָרבען, זענען מִיט־געגאַנגען אויף זיין לְוָיָה אַלע פאָרנעהמסטע לייט פון רוים. צוריקגעקומענדיג געפונען זיי, ווי ר׳ חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן, מִיט אַ סֵפֶר־תּוֹרָה אין שוים, זיצט און לער־נט און אַרום איהם איז פערזאַמעלט אַ גרויסער עוֹלָם. בּרענגט מען איהם פאַר׳ן געריכט און מע פרעגט איהם: „פאַר וואָס לערענסטו תּוֹרָה געגען דעם קֵיסָר׳ס פערבאָט?״ — „איך טהו — ענטפערט ער — ווי מיין גאָט האָט מיר געבאָטען״.

טראָגט מען אַרויס אַ מִשְׁפָּט: איהם צו פערברענען, דאָס ווייב זיינס צו קעפען און די טאָכטער זיינע איבערגעבען צו שאַנד.

פיהרט מען איהם אַרויס אויף אַ פּלאַץ, דאָרט וויקעלט מען איהם איין אין דער סֵפֶר־תּוֹרָה און מע לעגט איהם אַרום מִיט טריקענע צווייגען און מע צינדט זיי אונטער, דערביי נעהמט מען קנוילען וואָל אין וואַסער גע־ווייקטע און מע לייגט זיי איהם אויף זיין בּרוסט, כְּדֵי די נְשָׁמָה זאָל זיך מעהר האַלטען ווען ער זיך לייגער פּייניגען.

— פאָטער! — שרייט־אויס די טאָכטער זיינע יאָמערליך — ווי קען מען דאָס צוזעהן?

— טאָכטער מיינע — ענטפערט ער איהר — ווען איך אַליין זאָל פער־ברענט ווערען, וואָלט מיר געווים געאַרט. איצט אָבער, אַז מִיט מִיר צוזאַמען בּרענט די סֵפֶר־תּוֹרָה — דער וואָס וועט זיך אָפּרעכנען פאַר איהר וועט זיך שוין פאַר מִיר אויך אָפּרעכנען.

רופען זיך אָן די תַּלְמִידִים צו איהם: „רַבִּי, וואָס זעהען איצט דיינע אויגען?

— איך זעה — ענטפערט ער — ווי דער פּאַרמעט בּרענט און די הייליגע אוֹתִיּוֹת פליהען אַרויף.

— עפען בּעסער דאָס מויל — זאָגען ווייטער די תַּלְמִידִים — דאָס פייער זאָל דיך גיכער בּייקומען, וועלען דיינע יִסוּרִים נעהמען אַן עֶק.

— ווער ס׳האָט מִיר געגיבּען די נְשָׁמָה — ענטפערט ער — דער זאָל זי נעהמען, איך אַליין וועל נישט דערנעהענטערען דעם טויט.

דאָ האָט שוין דער תַּלְיָן אַליין אויך מעהר נישט געקענט צוזעהן ר׳ חֲנִינָא׳ס טויט־שמערצען. פרעגט ער איהם: „רַבִּי, אויב איך וועל פער־שטאַרקען דאָס פייער און אַראָפּנעהמען די נאַסע קנוילען וואָל, וועסטו מיך בּרענגען צו׳ם אייביגען לעבען?״

— יאָ — ענטפערט ער.

— שווער מיר.

שווערט ער.

האָט דער תּלין אַזוי געטהון און ר׳ חנינאַ׳ן איז די נשמה גיך אויסגע־גאַנגען. באַלד נאָכדעם שפּרינגט דער תּלין אויך אַריין אין פייער און ווערט פערברענט.

האָט זיך געלאָזט הערען אַ בת־קול: „ר׳ חנינא און זיין תּלין קומען־אָן ביידע גלייך צו׳ם אייביגען לעבען!“

און אויף דעם פּלעג רבי זאָגען מיט אַ געוויין: „איינער קויפט זיך זיין עולם־הבא אין איין מינוט און איינעם קומט עס אָן דורך שווער מיה פון לאַנגע יאָהרען!“

# V. רבי יהודה בן בבא.

דערנאָך האָט מען אומגעבראַכט ר׳ יהודה בן בבא׳ן.

מע דערצעהלט אויף ר׳ יהודה בן בבא׳ן, אַז פון אַכטצעהן ביז אַכציג יאָהר פון זיין לעבען האָט ער נישט פערזוכט דעם טעם פון שלאָף מעהר ווי דאָס לייכטע דרימלען פון אַ פערד. טאָג און נאַכט איז ער געזעסען און געלערענט.

איינמאָל האָט די רוימישע רעגירונג אַרויסגעלאָזט אויף יודען אַ גזירה, אַז פאַר געבען עמיצען סמיכה[1]) זאָל אומגעבראַכט ווערען סיי דער וואָס ווער זי געבען, סיי דער וואָס וועט זי בעקומען, סיי די שטאָדט אָדער די געגענד וואו די סמיכה וועט פּאַרקומען. גיט זיך ר׳ יהודה בן בבא אַן עצה: געהט און זעצט זיך צווישען צוויי גרויסע בערג, צווישען צוויי גרויסע שטעדט, צווישען צוויי אומגעגענדען, אין דער מיט וועג צווישען אושא און שפרעם און דאָרטען האָט ער געגעבען סמיכה פינף תּלמידי־חכמים: ר׳ מאיר, ר׳ יהודה, ר׳ שמעון, ר׳ יוסי און ר׳ אלעזר בן שמוע. ווי באַלד דער פיינד האָט עס דערשפּירט — זאָגט זיי ר׳ יהודה: „קינדער, לויפט!“

זאָגען זיי איהם:

— רבי, און מיט דיר וואָס וועט זיין?

— איך בלייב ליגען פאַר זיי ווי אַ שטיין וואָס איז שווער איהם צוריהרען פון׳ם אָרט.

מע דערצעהלט, אַז די פיינד האָבען זיך ניט געריהרט פון דאָרט ביז זיי האָבען אין איהם אַריינגעשטאָכען דריי הונדערט אייזערנע שפּיזען און איהם געמאַכט ווי אַ רעשעטע.

[1]) די אַנערקענונג אויפ׳ן נאָמען רבי. דער מיין פון דער גזירה איז געווען כדי יודען זאָלען נישט האָבען קיין געלעהרטע און ראשי־ישיבות וועט זיך די תורה צווישען זיי מעהר נישט פערברייטען.

## VI. רַבִּי יְהוּדָה בֶּן דָמָא.

דערנאָך האָט מען אַרויסגעפיהרט ר׳ יְהוּדָה בֶּן דָמָא׳ן. דאָס איז געוועזען אין עֶרֶב שָׁבוּעוֹת. בעט זיך ר׳ יְהוּדָה בֶּן דָמָא בײ׳ם קֵיסָר: „בײ דײַן לעבען, לאָז מיך אָפּ אויף איין װײַלע ביז איך װעל דעם הײליגען יום־טוב שָׁבוּעוֹת אויפנעהמען; נאָך איינמאָל לאָז מיך גאָט לויבען פאַר דער טײַערער מַתָּנָה וואָס ער האָט אונז יודען אין דעם טאָג געגעבען, פאַר דער הײ־ליגער תּוֹרָה״.

זאָגט איהם דער קֵיסָר: „נאָך ביסטו איינגעגלויבט אין דײַן תּוֹרָה און אין איהר גאָט?״

— געוויס — ענטפערט ר׳ יְהוּדָה בֶּן דָמָא.

— אויף וואָס פאַר אַ לוין קענסטו נאָך האָפען? — זאָגט דער קֵיסָר.

אויף דעם האָט שוין דָוִד הַמֶּלֶךְ לאַנג געזאָגט: „אָ, ווי גרויס איז דאָס גליק, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט פאַר דײַנע פרומע!״

— שׁוֹטִים אַזעלכע ווי איהר איז אויף דער וועלט נישטאָ, איהר מײנט בֶּאֱמֶת ס׳איז פאַרהאַן נאָך אַ וועלט.

— אַזעלכע שׁוֹטִים ווי איהר איז אויף דער וועלט נישטאָ! ווי קען מען עס לייקענען אין לעבעדיגען גאָט. אַז אַך און וועה וואָס פאַר אַ פָּנִים דו וועסט האָבען, אַז דו וועסט זעהן אונז אין דער ליכט פון אייביגען לעבען און דו וועסט אַרײַנפאַלען טיעף אין אייביגען פינסטערניש, טיעף אין דער ערד.

ווערט דער קֵיסָר אָנגעצינדען און בעפעהלט מע זאָל איהם צובינדען פאַר די האָר צו׳ם עק פון אַ פערד און איהם אַזוי אַרומשלעפען אין אַלע גאַסען פון רוים; דערנאָך האָט מען איהם צושניטען אויף שטיקליך.

איז געקומען אֵלִיָּהוּ, דערמאָנט זאָל ער זײַן צו גוטען, און האָט אויפ־געקלויבען זײַנע שטיקער און זיי בעגראָבען אין אַ הײהל, נאָהענט נעבען דעם טײַך וואָס פליסט פערבײַ רוים. האָבען די רוימער געהערט, ווי פון דער הײהל אַרויס טראָגט זיך אַ יאָמער מיט אַ קלאָג גאַנצע דרײַסיג טעג. דערצעהלט מען עס דעם קֵיסָר, זאָגט ער: „אַפילו ווען די גאַנצע וועלט וועט אונטערגעהן — וועל איך נישט רוהען ביז איך וועל אויף די יודישע זְקֵנִים נישט אויספיהרען מײַנס״.

## VII. רַבִּי חֻצְפִּית דער מְתֻרְגְּמָן [1].

פיהרט מען דערנאָך אַרויס ר׳ חֻצְפִּית דעם מְתֻרְגְּמָן.

ווי מע דערצעהלט, איז חֻצְפִּית דער מְתֻרְגְּמָן אַלט געוועזען דעמאָלט

[1] דער אויסטײַטשער, דער ערקלערער — דער וואָס ערקלערט און טײַטשט אויס פאַר׳ן עולם די ווערטער פונ׳ם דרשן.

הונדערט און דרײַסיג יאָהר, און געוועזען איז ער זעלטען שעהן, זײַן פּנים האָט געשײַנט ווי אַ מלאך פון גאָט.

קומט מען און מע דערצעהלט דעם קעניג ווי שעהן עס זעהט אויס דער גרייז-גראָהער מאַן און מע בעט זיך בײַ איהם: „בײַ דײַן לעבען, קעניג, דערבאַרם זיך איבער דעם אַלטען". פרעגט דער קיסר בײַ ר' חוצפּית'ן: „וויפיעל יאָהר ביסטו אַלט?"

— הונדערט דרײַסיג יאָהר אָהן איין טאָג. און איך בעט דיך וואַרט מיר נאָך דעם אײנעם טאָג, די צאָהל זאָל גאַנץ ווערען.

זאָגט דער קיסר:

— איז דען דיר ניט אַלצאײנס שטאַרבען פריהער צי שפּעטער מיט אַ טאָג?

ענטפערט ער:

— איך וויל נאָך צוויי מצוות ערפילען.

— וואָס פאַר אַ מצוות ווילסטו נאָך ערפילען?

— צוויי מאָל „קריאת-שמע" פון אָבענד און פון פריה; מיר ווילט זיך נאָך צוויי מאָל ערקענען אויף זיך די הערשאַפט פון דעם אײנציגען גרויסען פאַרכטיגען גאָט.

זאָגט איהם דער קיסר:

— אײנגעשפּאַרטע און אונפערשעהמטע! ביז וואַנען וועט איהר זיך אַלץ פערלאָזען אויף אײער גאָט? ער איז דאָך שוין אַ זקן און האָט ניט קיין קראַפט אײַך צורעטען פון מײַן האַנד. ווען ניט ער איז שוואַך — וואָלט ער שוין לאַנג זיך אָפּגערעכענט מיט מיר פאַר זיך, פאַר זײַן פאָלק און פאַר זײַן הויז, ווי ער האָט זיך אַמאָל גערעכענט מיט פּרעה'ן, מיט סיסרא און מיט אַלע קעניגען פון כנען.

אַז ר' חוצפּית האָט דערהערט ווי דער קיסר לעסטערט אַזוי גאָט, האָט ער אויסגעבראָכען מיט אַ גרויס געוויין און צוריסען אויף זיך די קלײדער: „אָך און וועה איז דיר, קיסר — האָט ער אויסגעשריגען — וואָס וועסטו טהון, אַז סע וועט אָנקומען דער טאָג ווען גאָט וועט זיך רעכענען מיט רוים און מיט אײערע געטער!"

ווערט דער קיסר אויפגעבראַכט. „ביז וואַנען — זאָגט ער — וועל איך דאָ טענה'ן מיט דעם אַלטען!" בעפעהלט ער מע זאָל איהם באַלד טויטען. האָט מען איהם פאַרשטײנט און דערנאָך אויפגעהאַנגען.

## VIII. ר' חנינא בן חכינאי.

דערנאָך האָט מען אַרויסגעפיהרט ר' חנינא בן חכינאי.

מע דערצעהלט אויף איהם, אַז אַלע זײַנע יאָהרען, פון צוועלף יאָהר

אָן בּיז פינף און נײַנציג, האָט ער פאַרבראַכט אין תּעניתים. און דער טאָג ווען מע האָט איהם אַרויסגעפיהרט צו טויטען איז געווען ערב שבּת. זאָגען איהם די תּלמידים: „רבּי, ווילסטו נישט פערזוכען וואָס־עס־איז פאַר׳ן טויט?" זאָגט ער: „ביז אַהער האָב איך אַלץ געפאַסט, און איצט, אַז איך לאָז מיך אין אַזאַ וועג, הײַסט איהר מיר עסען און טרונקען!"

האָט ער גענומען מקבּל־שבּת זײַן און געזאָגט „ויכלו". בּײַ׳ם וואָרט „ויקדש", איידער ער האָט עס נאָך געענדיגט, איז מען איהם בּעפאַלען און איהם געטויט.

האָט זיך געלאָזט הערען אַ בּת־קול: „אַז וואויל איז דיר, ר׳ חנינא בּן חכינאי דו בּיסט הייליג און דײַן נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט׳ן וואָרט „הייליג!"

## IX. רבּי ישבב הסופר.

דערנאָך האָט מען אַרויסגעפיהרט ר׳ ישבב הסופר. זאָגען איהם די תּלמידים: „רבּי, וואָס וועט זײַן מיט דער תּורה?"

— קינדער מײַנע — ענטפערט ער — עס געהט אַ צײַט אַז די תּורה וועט פערגעסען ווערען פון יודען, ווײַל די מערדערשע אוּמה האָט מיט גרויס חוצפּא זיך פירגענומען נישט אַנדערש ווי פערניכטען דאָס גאַנצע ציבּורונג אונזערס, די בעסטע און שעהנסטע פון אונז. הלואי וואָלט מײַן טויט שוין געווען אַן אָפּקומעניש פאַר׳ן גאַנצען דור! איך זעה אָבער אַרויס, אַז עס וועט נישט זײַן איין גאַס אין רוים, וואו עס זאָל זיך נישט וואַלגערען יודישע בּיינער, ווײַל די מערדערשע אוּמה וועט נאָך פיעל יודיש אונשולדיג בּלוט פערגיסען.

— וואָס־זשע האָבען מיר צו טהון, רבּי? — פרעגען איהם די תּלמידים.

— האַלט זיך אָן פעסט איינער אינ׳ם אַנדערען און ליעבּט שלום און גערעכטיגקייט — אפשר איז נאָך דאָ אַן האָפנונג.

ווענדט זיך צו איהם דער קיסר און פרעגט איהם: „זקן, וויפיעל בּיסטו אַלט?"

— הײַנט — ענטפערט ער — ווערט מיר נײַנציג יאָהר. איידער איך בּין נאָך אַרויס פון מײַן מוטער׳ס בּויך איז שוין אַרויס פון גאָט די גזירה, אַז איך מיט מײַנע חברים זאָלען איבּערגעגיבען ווערען צו דיר אין האַנד; ווייס אָבער, אַז אונזער גאָט וועט אונזער בּלוט דיר נישט שענקען.

— נעהמט גיך — זאָגט דער קיסר מיט שפּאָט — און טוידט אויך דעם דאָזיגען, לאָמיך זעהן די מאַכט און די שטאַרקייט פון זײַן גאָט.

האָט מען גענומען און איהם פערבּרענט.

## X. רַבִּי אֶלִיעֶזֶר בֶּן שַׁמּוּעַ.

דערנאָך האָט מען אַרויסגעפיהרט ר׳ אֶלִיעֶזֶר בֶּן שַׁמּוּעַ׳ן.

מע דערצעהלט, אַז ער איז אַלט געווען הונדערט פינף יאָהר, און פון קינדווייס ביז די לעצטע יאָהרען זיינע האָט קיינער נישט געהערט, אַז ער זאָל אַרויסלאָזען אַ פוסט אָדער אַ שלעכט וואָרט פון זיין מויל; קיינמאָל האָט ער זיך מיט קיינעם נישט פערקריגט, געווען קליין ביי זיך אין די אויגען און זעהר בעשיידען. אַכציג יאָהר דורכאַנאַנד האָט ער פערבראַכט אין פאַסטען.

דער טאָג וואָס מ׳האָט איהם צו טויטען אַרויסגעפיהרט איז געווען יום־כִּפּוּר. קומען צו איהם די תַּלְמִידִים און פרעגען איהם: „רֶבִּי, וואָס שטעלט זיך דיר איצט פאָר?״

— מיר שטעלט זיך פאָר — ענטפערט ער — ווי מע טראָגט ר׳ יְהוּדָה בֶּן בָּבָא׳ס מִטָּה און נעבען איהם עֲקִיבָא בֶּן יוֹסֵף׳ס מִטָּה, און זיי ביידע פיה־רען צווישען זיך אַ וִכּוּחַ איבער אַן הֲלָכָה.

— ווער איז צווישען זיי דער מַכְרִיעַ [1]?

— יִשְׁמָעֵאל כֹּהֵן־גָּדוֹל.

— און ווי ווער בלייבט?

— ווי עֲקִיבָא בֶּן יוֹסֵף, ווייל ער האָט אַוועקגעלעגט איינגאַנצען זיין כֹּחַ אויף דער תּוֹרָה. און ווידער זעה איך, קינדער מיינע — זאָגט ער ווייטער — ווי די נְשָׁמָה פון יעדען צַדִּיק רייניגט זיך אינ׳ם וואַסער פון קוואַל „שִׁלוֹחַ״, כְּדֵי זי זאָל אַריין אַ גערייניגטע אין דער „יְשִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה״ [2] צו הערען דאָרט ר׳ עֲקִיבָא׳ס היינטיגע דְרָשָׁה, און פאַר יעדען צַדִּיק טראָגט־אונטער אַן אַנדערער מַלְאָך אַ גאָלדענע שטוהל, צו זיצען אויף איהר אין ריינקייט.

האָט דער קֵיסָר בעפוילען איהם צו טויטען. לאָזט זיך הערען אַ בַּת־קוֹל: „וואויל איז דיר, ר׳ אֶלִיעֶזֶר בֶּן שַׁמּוּעַ, דו ביזט געווען אַ ריינער און די נְשָׁמָה איז דיר אויסגעגאַנגען מיט „ריינקייט״.

## XI. „שיינקען זייער בלוט — וועל איך נישט״.

ר׳ יוֹחָנָן האָט געזאָגט: אָך און וועה איז די אוּמוֹת־הָעוֹלָם, נישטאָ פאַר זיי קיין אָפּקומעניש. „פאַר׳ן קופּער (געראויבטען ביי יודען) — זאָגט דער נָבִיא אין גאָט׳ס נאָמען — וועל איך אָפּנעהמען גאָלד, פאַר אייזען — זילבער, פאַר האָלץ — קופּער, פאַר שטיינער — אייזען״ — פאַר ר׳ עֲקִיבָא׳ן אָבער מיט זיינע חֲבֵרִים, וואָס קען מען ביי זיי אָפּנעהמען? אויף דעם זאָגט דער פָּסוּק: „שיינקען זייער בלוט — וועל איך נישט״.

---

[1] איבערוועגען. [2] די שולע פון אויבען, אין הימעל, ווי צדיקים זיצען און לערנען.

# רַבִּי מֵאִיר.

## רַבִּי מֵאִיר'ס פַּרְנָסָה.

רַבִּי מֵאִיר איז געוועזען אַ סוֹפֵר, אַ גרויסער קינסטלער אין זיין פאַך. פלעגט ער פון דער מְלָאכָה אויסאַרבּייטען דריי טאָלער אַ וואָך; איינעם האָט ער אויסגעגעבּען אויף עסען און טרינקען, איינעם אויף קליידען זיך און מיט איינעם פלעגט ער אונטערהאַלטען אָרימע תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים. פרעגען איהם זיינע תַּלְמִידִים: „רֶבִּי, און דיינע אייגענע קינדער פערזאָרגסטו גאָר נישט?"

— ס'איז איבּריג — ענטפערט דערויף ר' מֵאִיר — וועלען זיי זיין פרום און ערליך, וועט זיי גאָט געוויס שוין נישט פערלאָזען, ווי זאָגט עס דָוִד הַמֶּלֶךְ אין זיין תְּהִלִּים: „יונג בּין איך געוועזען, אַלט בּין איך געוואָרען, און קיינמאָל נישט געזעהן אַ פרומען פערלאָזט און זיינע קינדער בּעטלען בּרויט"; ווען אָבּער נישט — צו וואָס זאָל איך פערזאָרגען גאָט'ס שׂוֹנְאִים?

ר' מֵאִיר דערצעהלט:

— ווען איך בּין אָנגעקומען צו רַבִּי יִשְׁמָעאֵל'ן בּיי איהם תּוֹרָה לער־נען, פרעגט ער מיך: „זוהן מיינער, מיט וואָס בּעשעפטיגסטו זיך?" ענטפער איך: „אַ סוֹפֵר בּין איך". זאָגט ער ווידער:

— זוהן מיינער, זיי אין דיין אַרבּייט שטאַרק פאָרזיכטיג, ס'איז אַ הייליגע אַרבּייט: איין אוֹת צוגעלעגט אָדער פערפעהלט — קען דאָס מאַכען אַ גאַנץ איבּערקעהרעניש אין דער וועלט [1].

## ר' מֵאִיר אַקעגען דעם נָשִׂיא.

ר' שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל איז געוועזען „נָשִׂיא", ר' מֵאִיר — „חָכָם" און ר' נָתָן — אַב־בֵּית־דִין [1]. איז געוועזען איינגעפיהרט, אַז ווי בּיי'ם אַריינגעהן

[1]) ד. ה. דער מינדסטער פעהלער קען בּריינגען צום געפעהרליכסטען טעות אין דער כוונה פון גאָטס ווערטער. [2]) נשיא, חכם און אַב־בית־דין — דריי טיטלען, איינער העכער פונ'ם אַנדערען, פאַר די עלטסטע אין בית־המדרש און אין בית־דין.

פון ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל און סײַ בײַ׳ם אַרײַנגעהן פון ר׳ מֵאִיר אָדער ר׳ נָתָן פלעגט דער גאַנצער עוֹלָם אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ זיך אויפשטעלען. האָט עס דעם נָשִׂיא, ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל׳ן, געאַרט: „וואָס הײַסט, עס זאָל גאָר קײַן אונטערשיעד נישט זײַן צווישען מיר און צווישען זיי?״ האָט ער אײַנגעפירט אַ נײַע תַּקָּנָה: „אַז דער נָשִׂיא געהט־אַרײַן זאָל זיך דער גאַנצער עוֹלָם אויפשטעלען און זיך נישט זעצען ביז ער זאָגט זיי: „זעצט זיך״; אַז דער אַב־בֵּית־דִּין געהט־אַרײַן — שטעלען זיך אויף פאַר איהם צוויי שורות, אײַנע פון רעכטס און אײַנע פון לינקס, איהם דורכצולאָזען, און זעצען זיך נישט ביז ער אַליין קומט אויף זײַן אָרט און זעצט זיך; אַז דער חָכָם געהט־אַרײַן—שטעלט מען זיך פאַר איהם אויף אײַנציגווייס, דער הויבט זיך אויף, דער זעצט זיך צוריק, ביז דער חָכָם קומט אויף זײַן אָרט.

טרעפט זיך, אַז גראָד אין יענעם טאָג, ווען מ׳האָט אײַנגעפירט די נײַע תַּקָּנָה, זענען ר׳ מֵאִיר און ר׳ נָתָן נישט געווען אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ. אויף מאָרגען ווי זיי זענען אָנגעקומען אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ בעמערקען זיי, אַז דער עוֹלָם שטעלט זיך ־פאַר זיי נישט אויף ווי געוועהנטליך. איז זיי די זאַך אַ חִידוּשׁ: וואָס זאָל דאָס בעטײַטען? דערצעהלט מען זיי, אַז דאָס איז אַזאַ נײַע תַּקָּנָה פונ׳ם ־נָשִׂיא. פערדריסט עס זיי. רופט זיך אָן ר׳ מֵאִיר צו ר׳ נָתָן: איך בין חָכָם און דו אַב־בֵּית־דִּין, לאָמיר עפּיס ביידע צוטראַכטען אַזוינס איהם אַקעגען, ווייסטו וואָס? מיר ווילען בײַ איהם פערלאַנגען ער זאָל פאַר אונז פאָרלעזען וועגען עוּקְצִין [1], אַ עִנְיָן וואָס ער איז אין איהם פרעמד, וועט ער דאָך געוויס בלײַבען שטעהן, ווילען מיר איהם דעמאָלט קענען זאָגען מיט די ווערטער פונ׳ם פָּסוּק [2]: „ווער קען אויסדרוקען גאָט׳ס מאַכט, אַרויסזאָגען זײַן גאַנצע לויב״ — נור דעם פאַסט אויסצודרוקען גאָטס מאַכט ווער עס קען אַרויסזאָגען זײַן ג אַ נ צ ע לויב [3] — און אויף אַזאַ אופן וועלען מיר איהם אַראָפּזעצען, ועסטו ווערען אַ נָשִׂיא און איך אַ אַב־בֵּית־דִּין.

ווערט דערפון געוואויר ר׳ יַעֲקֹב בֶּן קָרְשִׁי. טראַכט ער זיך: מע דאַרף זעהן פערהיטען, דער נָשִׂיא זאָל נישט קומען צו אַזאַ בִּזָּיוֹן. געהט ער און זעצט זיך אַוועק נעבען ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל׳ס אויבערשטיבעל און נעהמט זיך דאָרט פלײַסיג חַזְר׳ען אויף אַ קול די מַסֶּכְתָּא עוּקְצִין. האָט עס ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל בעמערקט, וואונדערט ער זיך: „ווי קומט דער תַּלְמִיד פלוצום צו עוּקְצִין? נישט אַנדערש, אַז דאָרט אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ פערטראַכט מען עפּיס געגען מיר״. האָט ער עס גענומען אין אַכט און אויסגעלערענט די מַסֶּכְתָּא עוּקְצִין.

---

[1]) אַ געוויסער ענין אין די הלכות פון טומאה און טהרה. איבער וועלכען עס געפונט זיך אַ בעזונדער מסכת, מיט דעם זעלבען נאָמען, אין סדר טהרות. [2]) אין תהלים. [3]) ד. ה. ער איז קלאָר אין דער גאַנצער תורה.

אויף מאָרגען, אַז ער איז געקומען אין בּית־הַמִדְרָש, פערלאַנגט מען פון איהם, אַז ער זאָל דאָס מאָל לערנען וועגען עוקצין. טהוט ער אַזוי. ווי ער האָט געענדיגט רופט ער זיך אָן: „גוט וואָס איך האָב מיר פאָראויס צוגע־גרייט, אַז ניִשט וואָלט איהר מיך געבראַכט צו בּזָיון״. האָט ער בעפוילען, אַז מע זאָל ר׳ מֵאִיר׳ן מיט ר׳ נָתָן׳ן אַרויספיהרען פון בּית־הַמִדְרָש. פלעגען זיי בּיידע אויפשרייבען פערשידענע האַרבּע קֻשְיות אויף קוויטעליך און אַריינ־וואַרפען דורכ׳ן פענסטער אין בּית־הַמִדְרָש אַריין. האָט דער נָשִׂיא די קֻשְיות געוואוסט צו פערענטפערען — איז רעכט, אויב ניִשט — האָבען זיי אַליין דעם ענטפער אויפגעשריבען און אַריינגעוואָרפען אינוועניג אַריין.

רופט זיך אָן ר׳ יוֹסֵי: „די תּוֹרָה איז אין דרויסען און מיר אינוועניג!״ האָט ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל נאָכגעגיבען און זיי ערלויבט אַריינצולאָזען. ער האָט זיי אָבער געקנס׳עט, אַז די נעמען זייערע זאָלען פון היינט אָן ניִשט דערמאָהנט ווערען אויף קיין הֲלָכָה. פלעגט מען ר׳ מֵאִיר׳ן דערמאָהנען מיט׳ן צונאָמען „אֲחֵרִים״ (אַנדערע) און ר׳ נָתָן׳ן: „יֵשׁ אוֹמְרִים״ (פאַרהאַן אַזעלכע וואָס זאָגען).

חֲלוֹמ׳ט זיך זיי בּיידע, אַז מ׳הייסט זיי געהן איבּערבּעטען ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל׳ן. האָט ר׳ נָתָן געפאָלגט און אַזוי געטהון, און ר׳ מֵאִיר ניִשט. „חֲלוֹמוֹת — האָט ער געזאָגט — האָבען קיין שׁוּם מַמָשׁ ניִשט״.

## רַבִּי מֵאִיר און „אַחֵר״[1].

איינמאָל אין אַ שַׁבָּת האָט ר׳ מֵאִיר גע׳דַרְשׁ׳ענט פאַר׳ן עוֹלָם אין בּית־הַמִדְרָשׁ אין טְבֶרְיָא, און אין דער זעלבּער צייט האָט אֱלִישָׁע זיין פריִ־הערדיגער רַבִּי אַרומגעשפּאַצירט אין מאַרק רייטענדיג אויף אַ פערד. קומט מען און מע דערצעהלט עס ר׳ מֵאִיר׳ן, געהט ער צו איהם אַרויס. פרעגט איהם אֱלִישָׁע: „וואָס האָסטו היינט גע׳דַרְשׁ׳ענט פאַר׳ן עוֹלָם?״ ענטפערט ער: איך האָב אָנגעהויבען פון יענעם פָּסוּק אין אִיוֹב: „גאָט האָט געבּענשט אִיוֹב׳ס סוֹף [מעהר] פון זיין אָנהויבּ״, דאָס הייסט, ער האָט געדאָפּעלט זיין פערמעגען...

— עֲקִיבָא דיין רֶבִּי [2])—רייסט איהם איבּער אֱלִישָׁע — האָט אַנדערש איינגעטייטשט: „גאָט האָט געבּענשט אִיוֹב׳ס סוֹף פון זיין אָנהויבּ״. ד. ה.

---

[1]) מיט׳ן נאָמען „אחר״ (אַן אַנדערער) האָט מען גערופען ר׳ מאיר׳ס רבי, אלישע בן אבויה, נאָכדעם ווי ער איז אַראָפּ פונ׳ם גלייכען וועג, ווי עס ווערט ווייטער דער־צעהלט. [2]) ר׳ עקיבא, אויך ר׳ מאיר׳ס אַ רבי, איז געווען דער היפך פון אלישע׳ן: ער האָט זיך גענומען צום לערנען ערשט אויף דער עלטער (זעה אויבען „ר׳ עקיבא״). און אויף די אומשטענדען ווינקט־אָן דער גאַנצער ווייטערדיגער שמועס מיט דעם אויסטייטשען די פסוקים.

צוליעב זיין אָנהויב, אינ'ם זכות פון זיין פריהעריג פרומקייט און גוטסקייט. נו און וואָס ווייטער?

— ווייטער האָב איך געזאָגט איבער יענעם פּסוק אין קוהלת: „די ענדע פון דער זאַך איז בעסער פון'ם אָנהויב".

— און וואָס האָסטו אויף דעם געזאָגט?

— איך האָב דאָס געזאָגט אַקעגען דעם, וואָס ס'איז פאַרהאַן אַ מענש האַנדעלט-איין אין דער יוגענד סחורה און פערליערט, און אויף דער עלטער — פערדיענט ער; דאָס איינענע מאַכט זיך, אַז אין דער יוגענד פיהרט זיך איינער אויף שלעכט, אויף דער עלטער אָבער איז ער גוט און פרום...

— עקיבא דיין רבי — רייסט איהם אלישע ווידער איבער — האָט אויף דעם אַנדערש געזאָגט: בעסער איז די ענדע פון דער זאַך אַז זי איז [גוט] פון אָנהויב-אָן. אָט הער ווי מיט מיר האָט זיך פּאַסירט. מיין פאָטער אבויה איז געווען פון די גרעסטע און פאָרנעהמסטע לייט אין זיין צייט. אויף מיין ברית האָט ער איינגעלאַדען די גרעסטע פון ירושלים, און צווישען זיי אויך ר' אליעזר'ן און ר' יהושע'ן. נאָך דער סעודה האָט דער פרעהליכער עולם זיך גענומען צו'ם זינגען, די — יודישע מזמירים און די — גריכישע לידער. רופט זיך אָן ר' אליעזר צו ר' יהושע'ן: „די לייט בעשעפטיגען זיך מיט זייערס, און מיר וועלען אין אונזערס גאָרנישט טהון?" האָט זיך אויפגעוויקעלט צווישען זיי אַ שמועס אין לערנען, אָנגעהויבען פון תורה, איבערגעגאַנגען צו נביאים און פון דאָרט צו כתובים. פריש-לעבעדיגע ווערטער, ווי ערשט פון באַרג סיני אַראָפּ, האָבען געפלאַטערט, און אַ פייער האָט זיך אַרום זיי צופלאַקערט. דערזעהן דאָס, האָט מיין פאָטער געזאָגט: „וויבאַלד דער כח פון תורה איז יאָ אַזוי גרויס, נעהם איך אויף זיך, אַז אויב מיין נייגעבוירענער זוהן וועט מיר לעבען און געזונד זיין, גיב איך איהם איבער אינגאַנצען צו דער תורה". און אָט דערפאַר, ווייל זיין כוונה איז נישט געווען דורכאויס לשם-שמים, האָט די תורה ביי מיר קיין קיום נישט געהאַט... נו זאָג ווייטער, איבער וואָס נאָך האָסטו גע'דרש'ענט?

— איבער יענעם פּסוק: „ס'איז איהר (די תורה) נישט אָפּצושאַצען מיט גאָלד און גלאָז, און איהר ווערטה — גינגאָלדען געפעס".

— און וואָס האָסטו אויף דעם געזאָגט:

— „גאָלד און גלאָז" — דאָס איז די תורה, וואָס ס'איז שווער צו בעקומען זי ווי גינגאָלדענע כלים, און ס'איז לייכט אָנצווערען זי ווי גלעזערנע כלים.

— ביי גאָט, אַז אפילו ווי ערדענע כלים! עקיבא דיין רבי האָט אָבער אויף דעם אַנדערש געזאָגט: גלייך ווי גאָלדענע און גלעזערנע כלים, ווען זיי ווערען אפילו צובראָכען קען מען זיי צורעכט מאַכען, אַזוי איך

אַ תַּלְמִיד־חָכָם, ווען ער פערזינדיגט זיך אַפִילוּ קען ער נאָך צו זיך קומען ווי פריהער.

— אויב אַזוי — זאָגט ר׳ מֵאִיר — קעהר זיך דו אויך אום.

— איך קען שוין נישט — ענטפערט אֱלִישָׁע.

— פאַר וואָס?

— איינמאָל אין אַ יום־כִּפּור׳דיגען טאָג, וואָס איז אויסגעפאַלען אין שַׁבָּת, האָב איך שפּאַצירט, אויף אַ פערד רייטענדיג, הינטער׳ן בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, האָט זיך פון דאָרט געלאָזט הערען אַ בַּת־קוֹל, וואָס האָט הילכיג אויסגערופען: „קעהרט זיך צוריק, פערשייטע קינדער, קעהרט זיך צוריק צו מיר וועל איך זיך צוריקקעהרען צו אייך—אַלע, אויסער איין „אַחֵר״, וואָס ער ווייסט גוט מיין מאַכט און דאָך איז ער געגען מיר אַרויסגעטראָטען!״

געקומען צו אַ תְּחוּם־שַׁבָּת [1]) רופט זיך אָן אֱלִישָׁע: „מֵאִיר, קעהר זיך אום צוריק, נאָך די טריט פון מיין פערד בין איך זיך מְשַׁעֵר, אַז מיר האַלטען שוין ביי אַ תְּחוּם־שַׁבָּת״.

— קעהר זיך דו אויך אום צוריק — זאָגט איהם ר׳ מֵאִיר.

— פאַר מיר — ענטפערט ער — איז שוין נישטאָ קיין וועג צוריק. שוין איינמאָל דיר געזאָגט, אַז איך האָב געהערט אַ בַּת־קוֹל פון הינטער׳ן פאָרהאַנג [2]) אַרויס: „קעהרט זיך צוריק, פערשייטע קינדער, אויסער אַחֵר׳ן״.

שטעהט ר׳ מֵאִיר צו איהם צו און פיהרט איהם אַריין אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ. חאַפּט אָן אֱלִישָׁע אַ קינד פון די וואָס לערנען דאָרט: „זאָג מיר דיין פָּסוּק״. זאָגט איהם דאָס קינד: „אֵין שָׁלוֹם — נישטאָ קיין פריעד, זאָגט גאָט, פאַר די פערברעכער״. פיהרט איהם ר׳ מֵאִיר אַריין אין אַ צווייטער שול, ווענדעט ער זיך דאָרט ווייטער צו אַ שול־קינד: „זאָג מיר דיין פָּסוּק״. ענטפערט דאָס קינד: „מעגסטו זיך אויך וואַשען מיט לויג־זאַלץ און וויפיעל זייף נישט בענוצען — אַלץ בלייבסטו פערפלעקט מיט דער זינד פאַר מיר״. פיהרט ער איהם אַריין נאָך אין אַ שול, און אֱלִישָׁע פרעגט דאָרט ווידער ביי אַ קינד זיין פָּסוּק. ענטפערט דאָס קינד: „און דו אונגליקליכער, וואָס טהוסטו וואָס דו ציהסט זיך אָן מיט פורפור, ציהרסט זיך אויס מיט גאָלדענע ציהרונג, בעפוצסט מיט פאַרב דיינע אויגען... אומזיסט בעשעהנסטו זיך, פעראַכטעט האָבען דיך די ליעבהאָבער, דיין נְשָׁמָה פערלאַנגען זיי״. און אַזוי האָט ר׳ מֵאִיר אַרומגעפיהרט אֱלִישָׁע׳ן איבער דרייצעהן שולען און אַלע קינדער האָבען איהם געזאָגט פְּסוּקִים אַלץ צו׳ם

[1]) שבת־גרעניץ. ד. ה. צוויי טויזענד איילען אויסער דער שטאָדט, וואָס לויט׳ן דין טאָר מען ווייטער פון זיי נישט געהן אים שבת. [1]) ד. ה. פון דאָרט וואו דעם מענשענס מזל ווערט פאָראויס בעשטימט.

שלעכטען. דאָס לעצטע קינד, צו וועלכען אֱלִישָׁע האָט זיך געווענדעט ער זאָל איהם זאָגען זיין פָּסוּק, האָט איהם פאָרגעלעזען: „וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹהִים — און דעם פערברעכער זאָגט גאָט, ווי קומסטו דערצעהלען מיינע געזעץ", און וויל דאָס קינד איז געוועזען טעמפּיג אויפ'ן צונג, איז אויסגעקומען ווי ער זאָגט אַנשטאָט „וְלָרָשָׁע" „וְלֶאֱלִישָׁע". דערפון איז אֱלִישָׁע געוואָרען אַזוי אויפגעבראַכט אַז ער האָט אויסגעשריגען: „ווען איך האָב אַ מעסער אין דער האַנד וואָלט איך איהם צעריסען".

מע דערצעהלט וועגען אַחֵר'ן, אַז ער פלעג אַריינגעהן אין קָהָל־הויז און זעהן ווי די קינדער זיצען דאָרט איבער די סְפָרִים, פלעג ער אָנהויבען שרייען: „וואָס זיצען דאָ די דאָזיגע און פערנעהמען זיך מיט וויים־איך־וואָס? דער קען זיין אַ בוימייסטער, דער — אַ טישלער, דער — אַ מאַלער, דער — אַ שניי־דער!" ווי די קינדער פלעגען אַזוינס הערען, פלעגען זיי איבערלאָזען די סְפָרִים און אינגאַנצען אַוועק פון לערנען.

און נאָך דערצעהלט מען וועגען אַחֵר'ן, אַז ער פלעגט קיינמאָל נישט אויפהערען צו האַלטען אַ גריכישען זֶמֶר אין מויל, און אַז ער איז גע־שטאַנען אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ פלעגען זיך שיטען ביי איהם פונ'ם בוזעם פיעל אַפּיקורס'עשע ביכער.

און ווי קומט עס אַחֵר זאָל אַראָפּ פונ'ם גלייכען וועג? דערצעהלט מען אַזוי: איינמאָל איז ער געזעסען און געלערענט אין טהאָל גֵינוֹסַר, זעהט ער אין אַ שַׁבָּת־טאָג ווי אַ יוד קלעטערט אַרויף אויף אַ שפּיץ פּאַלמענבוים צו אַ פויגעלנעסט, נעהמט־אַוועק די מוטער פון די יונגע פייגעליך און איז צוריק אַראָפּ בְּשָׁלוֹם; און דערנאָך שַׁבָּת־צונאַכטס זעהט ער ווידער ווי אַן אַנדערער איז אַרויף אויף אַ שפּיץ בוים, פריהער אַוועקגעטריבען די מוטער, ווי די תּוֹרָה הייסט, און צוגענומען די קינדער — און ווי ער איז נור אַראָפּ האָט איהם אַ ביס געטהון אַ גיפטיגע שלאַנג און ער איז געפאַלען טויט. האָט זיך אֱלִישָׁע פערטראַכט: וואָס הייסט עס, די תּוֹרָה זאָגט: „אַוועקשיקען זאָלסטו די מוטער און די קינדער מעגסטו נעהמען זיך, און דערפאַר וועט דיר וואויל געהן און וועסט האָבען לאַנגע יאָהר" — וואו־זשע איז דאָס וואויל פון דעם דאָזיגען, און וואו זענען די לאַנגע יאָהרען זיינע? (נישט געוואוסט אָבער האָט ער וואָס ר' עֲקִיבָא האָט אויף דעם גע'דַרְשׁ'ענט: „עס וועט דיר וואויל געהן" — אין דער וועלט וואָס זי איז לויטער וואויל, „און וועסט האָבען לאַנגע יאָהר" — אין דער וועלט פון אייביגקייט). אַנדערע דערצעהלען, אַז אֱלִישָׁע האָט געזעהן ווי די צונג פון חוּצְפִּית הַמְתוּרְגְּמָן[1] ווערט אַרומגע־שלעפּט דורך אַ חֲזִיר'שען פּיסק. האָט ער אויסגעשריגען: „אָ, דאָס מויל

[1]) זעה אויבען „עשרה הרוגי מלכות, חוצפית המתורגמן" זייט 137.

וואָס פֿעריל האָט זיך פֿון דעם געשאָטען זאָל לעקען שטויב!" — און באַלד נאָכדעם האָט ער אָפּגעטראָטען פֿון יודישקייט. דעמאָלט האָט מען אויף איהם געזאָגט: „אַחֵר" — אַ אַנדערער איז ער געוואָרען.

און אַ צייט אַרום איז אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה קראַנק געוואָרען. דערוואוסט זיך דערפֿון זיין געוועזענער תַּלְמִיד ר' מֵאִיר. קומט ער צו'ם קראַנקען. רופֿט ער זיך אָן צו איהם: „קעהר זיך אום צוריק".

— נעהמט מען דען נאָך דאָרטען אָן אַזוי שפּעט? — פֿרעגט אֱלִישָׁע.

— שטעהט דען נישט געשריבען — זאָגט ר' מֵאִיר — „קעהרסט־אום דעם מענשען ביז צו'ם צעבּרעכען" — ביז צו'ם צעבּרעכען דאָס געמיטה איינגאַנצען.

אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה האָט זיך אויף דעם צעוויינט און באַלד אויסגעגאַנגען.

— מיר שיינט — האָט ר' מֵאִיר געזאָגט מיט אַ שִׂמְחָה — אַז דער רֶבִּי איז אַוועק פֿון דער וועלט מיט תְּשׁוּבָה.

ווען מ'האָט אֱלִישָׁע'ן בעהאַלטען איז אַראָפּ אַ פֿייער פֿון הימעל און געוואָלט פֿערברענען זיין קֶבֶר. גיט מען איבּער ר' מֵאִיר'ן: „דיין רֶבִּי'ס קֶבֶר ברענט". איז ער באַלד אַרויס אַהין און אויסגעשפּרייט איבּער'ן קֶבֶר זיין מאַנטעל און דערביי אַזוי געזאָגט:

— „לִינִי הַלַּיְלָה" — נעכטיג דערווייל איבּער די נאַכט, ווי לאַנג איך בין נאָך דאָ אויף דער נאַכט־פֿינסטערער וועלט, „וְהָיָה בַבֹּקֶר" — אַז עס וועט אָבּער אויפשיינען דער פֿריהמאָרגען, אַז עס וועט קומען יענע אייביג־ליכטיגע גוטע וועלט, „אִם יִגְאָלֵךְ טוֹב יִגְאָל" — אויב דער גוטער גאָט בָּרוּךְ־הוּא וועט דיך אויסלעזען, איז אַוַדְאַי רעכט, „וְאִם לֹא יַחְפֹּץ לְגָאֳלֵךְ — וועט ער אָבּער נישט וועלען דיך אויסלעזען, „וּגְאַלְתִּיךְ אָנֹכִי" — וועל איך אַליין דיך אויסלעזען, „חַי יְיָ" — איך שווער ביי גאָט, „שִׁכְבִי עַד הַבֹּקֶר" — שלאָף־איבּער ביז'ן פֿריהמאָרגען.

און באַלד איז דאָס פֿייער אויסגעלאָשען.

---

רַבָּה בַּר רַב שִׁילָא האָט איינמאָל אָנגעטראָפֿען אֵלִיָּהו'ן, פֿרעגט ער איהם: „וואָס טהוט גאָט בָּרוּךְ־הוּא?" ענטפֿערט ער איהם: „ער זאָגט הֲלָכוֹת אין נאָמען פֿון אַלע חֲכָמִים, נאָר נישט אין נאָמען פֿון ר' מֵאִיר".

— פֿאַר וואָס?

— ווייל ער האָט געלערענט תּוֹרָה פֿון אַחֵר'ס מויל.

— וואָס מאַכט עס אויס? ר' מֵאִיר האָט בעקומען אַ מילגרוים, האָט ער דאָס אינוועניגסטע גענאָסען און דאָס שאָלעכץ געוואָרפֿען.

— אַצונד — רופֿט זיך אָן אֵלִיָּהו — זאָגט ער שוין אַוַדְאַי: „מֵאִיר מיין זוהן זאָגט אַזוי און אַזוי".

# צוליעב שָלום.

ר׳ מֵאִיר איז געווען אַ אויסגענומענער דַרשָן, און מיט זיינע שעהנע רעדעס און צוגעפּאַסטע מְשָלִים פלעגט ער שטענדיג צוציהען דעם עולָם.

איינמאָל פרייטאָג-צו-נאַכטס, ביי זיינער אַ דְרָשָה, האָט איינע אַ פרוי זיך פערטיפט אין הערען און זיך פערזעסען אין בֵּית־הַמֶדְרָש ביז שפּעט אין דער נאַכט. געקומען אַהיים, האָט זי שוין געטראָפען די ליכט אויסגעלאָשען. פרעגט ביי איהר דער מאַן: „זאָג נור, וואו ביסטו ביז אַהער געווען?" ענטפערט זי: „איך האָב געהערט ר׳ מֵאִיר׳ס דְרָשָה". יענער יוד איז אָבער געווען אַ לֵץ, רופט ער זיך אָן צו׳ם ווייב: „זאָל איך אַזוי און אַזוי, אויב דו וועסט פערבלייבען ביי מיר אין שטוב ביז דו וועסט נישט געהן און אָנשפּייען דעם דַרשָן דיינעם אין פָּנִים". דרעהט זי זיך אַרום איין וואָך, צוויי און דריי. זאָגען איהר די שְכֵנוֹת: „וואָס הייסט עס, נאָך זענט איהר צווישען זיך בְּרוֹגֶז? קום, וועלען מיר געהן מיט דיר צו׳ם דַרשָן".

ר׳ מֵאִיר האָט שוין געוואוסט פון דער מַעֲשֶה, און ווי די ווייבער זענען צו איהם אַריינגעקומען, האָט ער זיך געמאַכט קראַנק אויף די אויגען און גיט די ווייבער אַ פרעג: „אֶפְשַר איז גראָד דאָ צווישען אייך איינע אַ געניטע אין אָפּשפּרעכען אַן אויג?" די שְכֵנוֹת האָבען דאָס אויפגעהאַפּט און געזאָגט שטילערהייד יענער פרוי: „געה דו שפּרעך איהם אָפּ אין שפּיי-אויס אין אויג, וועט דער מאַן מיט דיר שָלום ווערען". לאָזט זי זיך צוגעהן צו ר׳ מֵאִיר׳ן, און ווי זי האָט זיך געזעצט פאַר איהם איז אָנגעפאַלען אויף איהר אַ שרעק. „רֶבִּי — זאָגט זי איהם דעם אֶמֶת — איך קען נישט אָפּשפּרעכען קיין אויג".

— נישט-קָשֶה—זאָגט ר׳ מֵאִיר—שפּיי אויף מיר אויס זיבען מאָל וועל איך געזונט ווערען.

האָט זי אַזוי געטהון.

— איצט—זאָגט ר׳ מֵאִיר—געה אַהיים און זאָג דעם מאַן דיינעם: „דו האָסט געהייסען נור איינמאָל שפּייען און איך האָב געשפּיגען זיבען מאָל".

וואונדערען זיך די תַּלְמִידִים: „רֶבִּי, אַזוי איז מען מְבַזֶה די תּוֹרָה?"

— וואָס איז — ענטפערט ער זיי — ווייניג כָּבוד אֶפְשַר פאַר מֵאִיר׳ן גלייך זיין צו׳ם בעשעפער זיינעם? צוליעב שָלום-מאַכען צווישען מאַן און ווייב איז רעכט ביי גאָט, אַז עס זאָל אָפּגעמעקט ווערען אין וואַסער[1] זיין הייליג-אויפגעשריבענער גרויסער נאָמען.

---

[1]) וואָס דער כהן גיט צו טרינקען אַ סוטה (אַ פרוי וואָס דער מאַן איפערט זי). זעה במדבר קאַפּ. ה.

## ארויסגעשטופט דעם שטן.

צוויי מענשען זענען געווען, וואס דער שטן פלעג זיי אנרייצען איינעם אויפ'ן אנדערען און אלע ערב־שבת פאר נאכט פלעגען זיי זיך שטארק קריגען. טרעפט זיך, אז ר' מאיר קומט־אראפ אהין אין זייער ארט, האט ער זיי דריי פרייטאג־פארנאכט'ען אפגעהאלטען פון מחלוקת, ביז זיי זענען אינגאנצען שלום געווארען. האט ר' מאיר געהערט דעם שטנ'ס קול, ווי ער שרייעט:

— ווע, ר' מאיר האט מיך פון מיין הויז ארויסגעשטופט!

## דער „גיטער" ברודער.

אין דרום קאנט פון ארץ־ישראל האט איינער א ווירטה פון א גאסט־הויז געמאכט יד־אחת מיט גזלנים. פלעגט ער אויפשטעהן ביי־נאכט, זיך אנטהון וועג־קליידער און אויפהייבען די געסט. „קומט — פלעגט ער זיי זאגען — וועלען מיר זיך לאזען אין וועג און איך וועל אייך בעגלייטען; איצט ווען ס'איז קיהל איז די בעסטע צייט דערצו". און ווי נור זיי זענען ארויס אין וועג, פלעגען שוין בעפאלען אויף זיי די גזלנים, זיי בערויבען פון קאפ ביז פיס, און דערנאך נאכן מחיילען זיך מיט יענעם ווירטה. מאכט זיך אז ר' מאיר'ן איז אויסגעקומען זיך אפצושטעלען אין יענעם גאסט־הויז. ביינאכט הייבט־זיך דער ווירטה אויף, ווי זיין שטייגער איז, טהוט זיך אן און רופט ר' מאיר'ן צו לאזען זיך אין וועג. זאגט איהם ר' מאיר: „איך מוז דא צווארטען אויף מיינעם א ברודער".

— וואו איז ער דען איצט? — פרעגט איהם דער ווירטה.

— אין שוהל — ענטפערט איהם ר' מאיר.

— ווי איז זיין נאמען, וועל איך איהם געהן רופען?

— כי־טוב.

געהט דער ווירטה גלייך אוועק אין שוהל־הויף און נעהמט שרייען אויף א קול: „כי־טוב, כי־טוב!" רופט זיך קיינער נישט אן.

ווי ס'איז טאג געווארען, האט זיך ר' מאיר אויפגעהויבען, אפגעבונדען דעם עזעל און זיך געקליבען אין וועג. פרעגט איהם דער ווירטה: „און וואו איז דער ברודער דיינער, אויף וועלכען דו האסט געווארט?"

— ער איז שוין דא — ענטפערט ר' מאיר — „וירא אלהים את האור כי־טוב" (גאט האט געזעהן די ליכט אז ס'איז גוט).

## כידור־ווידער.

ר' מאיר אז ער האט זיך בעגעגענט מיט א מענשען, פלעגט ער פריהער דערגעהן זיין נאמען, און פונ'ם נאמען האט ער שוין פערשטאנען וואס.

פאַר אַ מין מענש דאָס איז. איינמאָל זענען געקומען פאַר ר׳ מֵאִיר׳ן צוויי נייע תַּלְמִידִים און איינער פון זיי האָט געהייסען כִּידוֹר. רופט זיך אָן ר׳ מֵאִיר צו זיינע תַּלְמִידִים: „מיין עֵצָה, איהר זאָלט זיך היטען פאַר דעם דאָזיגען כִּידוֹר״.

— רֶבִּי — זאָגען איהם די תַּלְמִידִים — ער קען שעהן לערנען.

— פון דעסטוועגען שאַדט נישט איהר זאָלט זיך פאַר איהם היטען.

אין אַ שטיקעל צייט אַרום זענען ר׳ מֵאִיר׳ס תַּלְמִידִים געגאַנגען אין מֶרְחָץ, האָבען זיי איבערגעלאָזט זייערע קליידער אויף כִּידוֹר׳ן. וואָס טהוט־אָפּ יענער כִּידוֹר? ער פערנעהמט זייערע אַלע קליידער און בלייבט נישט. די תַּלְמִידִים זענען אַרויס פון מֶרְחָץ — נישטאָ קיין כִּידוֹר, נישטאָ קיין קליידער. בעקומען זיי אין דערהיים אַנדערע קליידער. ווי זיי זענען געקומען דערנאָך פאַר ר׳ מֵאִיר׳ן, פרעגט ער זיי: „וואָס איז אייך אויסגעקומען זיך איבערצו־טהון?״ דערצעהלען זיי איהם וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען. זאָגט ער זיי: „האָב איך דען אייך פריהער נישט געוואָרענט איהר זאָלט זיך היטען פאַר דעם כִּידוֹר?״

פרעגען זיי: „רֶבִּי, מיר בעטען דיך, זאָג אונז, פון וואַנען האָסטו עס געוואוסט?

— פון דעם נאָמען זיינעם — ענטפערט זיי ר׳ מֵאִיר — ער הייסט כִּידוֹר, און עס שטעהט געשריבען: „כִּי ד ו ר תַּהְפּוּכוֹת״ — כִּידוֹר, הייסט עס, טוהט אַלץ אויף קידער־ווידער.

## צוריקגעגיבען דעם פִּקָּדוֹן[1].

איינמאָל שבת פאַר־נאַכט, אין דער צייט ווען ר׳ מאיר איז געזעסען אין בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ און גע׳דרש׳ענט פאַר׳ן עולם, זענען ביי איהם אין דער היים פּלוצים געשטאָרבען זיינע צוויי זיהן. נעהמט די מוטער און לעגט זיי ביידע אויף איין בעט און דעקט זיי איבער מיט אַ ליילעך. שַׁבָּת־צו־נאַכטס, אַז ר׳ מֵאִיר איז געקומען פון בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ אַהיים, פרעגט ער ביי איהר: „וואו זענען עס ביידע קינדער?״ ענטפערט זי: „זיי זענען אַוועק גע־גאַנגען אין בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ״. זאָגט ער: „איך האָב זיך גוט צוגעקוקט אין בֵּית־הַמֶּדְרָשׁ און האָב זיי צווישען עוֹלָם נישט בעמערקט״. דערלאַנגט זי איהם אַ כּוֹס ווייַן און ער מאַכט הַבְדָּלָה. נאָכדעם פרעגט ער ווידער: „וואָס הייסט עס, וואו קענען זיין ביז איצט ביידע קינדער?״ זאָגט זי: „זיי האָבען אַן אָרט וואו זיי געהען זיך אַהין דורך, באַלד וועלען זיי קומען״. דערלאַנגט זי איהם עסען.

---

[1]) אַ איינגעלעגטע זאַך ביי יענעם.

ווי ער האָט אָפּגעגעסען, רופט זי זיך אָן צו איהם: „רַבִּי, איך האָב צו פרעגען בּיי דיר אַ שאלה“. זאָגט ער: „פרעג“.

זאָגט זי: „פריהער מיט אַ טאָג האָט איינער בּיי מיר איינגעלעגט אַ זאַך און היינט קומט ער עס אָפּנעהמען צוריק, דאַרף איך עס איהם אָפּגעבּען צי ניין?

— טאָכטער מיינע — ענטפערט ער — וואָס פאַר אַ שאלה איז עס? אַוודאי אַן איינגעלעגטע זאַך דאַרף מען אָפּגעבּען דעם וועמענס דאָס איז.

זאָגט זי: „אָהן דיין וויסען וואָלט איך עס נישט אָפּגעגעבּען“.

און בּיי די ווערטער נעהמט זי איהם אָן בּיי דער האַנד, פיהרט איהם אַרויף אין אויבער-שטובּעל גלייך צו׳ם בּעטיל און דעקט-אָפּ דעם ליילעך. ווי ר׳ מאיר האָט דערזעהן בּיידע זיהן ליגען טויט אויפ׳ן בּעטיל, האָט ער אָנגעהויבּען וויינען און שרייען: „אוי קינדער מיינע, זיהן מיינע! רַבּיים מיינע, לעהרער מיינע! קינדער מיינע — מיט אייער גוטע אויפפיהרונג; לעהרער מיינע — מיט אייער דערלויכטען מיר די אויגען אין דער תּוֹרה!“

— רַבִּי — זאָגט זי איהם — ערשט האָסטו דאָך אַליין מיר געזאָגט, אַז אַ פִּקָּדוֹן מוז מען אָפּגעבּען דעם וועמען ער געהער. „גאָט האָט געגיבּען און גאָט האָט אָפּגענומען, זאָל גאָט׳ס נאָמען זיין געלויבּט!“

# „לאָזען אויפהערען די זינד“.

ר׳ מאיר האָט געהאַט שכנים אויסגעלאַסענע און שלעכטע מענשען. פלעגען זיי איהם אָנטהון פיעל שמערצען, בּיז זיי האָבּען איהם געבּראַכט דערצו, אַז ער האָט געבּעטען אויף זיי דעם טויט. רופט זיך אָן צו איהם בּרוּריה זיין פרוי: „ניין, מיין מאַן, נישט אויף די זינדיגע דאַרף מען בּעטען זיי זאָלען אומקומען, נאָר אויף די זינד, און דאָס איז דער אמת׳ער מיין פון דוד-המלך׳ס ווערטער: „לאָזען אויפהערען די זינד — וועלען קיין פערבּרעכער נישט זיין“. גלייכער בּעט גאָט זיי זאָלען בּעסער ווערען“. האָט ער אַזוי געטהון — און פון זיינע שלעכטע שכנים זענען געוואָרען ערהליכע לייט.

# פון רבי מאיר׳ס משלים.

ר׳ יוחנן דערצעהלט: ר׳ מאיר, אין זיינע דרשות פאַר׳ן עולם, פלעגט זיך נוהג זיין צו זאָגען אַ דריטעל אין הלכה, אַ דריטעל אין אגדה און אַ דריטעל משלים [1]. און משלים — דערצעהלט ר׳ יוחנן ווייטער — האָט ר׳ מאיר געהאַט אַ גרויסע צאָהל, בּיז דריי הונדערט פוקס-משלים, פון זיי אַלע אָבּער איז בּיי אונז פערבּליבּען נור וועגען די דאָזיגע דריי פּסוקים:

[1] פאַבּעלען.

„די פּאָטערס האָבען געגעסען זויערס
און ביי די קינדער ווערען די ציינער אײַליג״.
„געדעכטע וואָג גערעכטע געוויכט״.
„דער גערעכטער ווערט פון אומגליק בעפרייט
און דער אומגערעכטער קומט אויף זיין אָרט״.

„די פּאָטערס האָבען געגעסען זויערס...״ — אַ מאָל איז אָנגעפאַלען אַ הונגעריגער וואָלף אויף אַ פוקס און איהם געוואָלט צערייסען. זאָגט איהם דער פוקס: „וואָס קען איך ביי דיר קלעקען? איינגאַנצען אויף איין צאָהן, אַז איך בין הוילע פעל און ביינער. אויב דו ווילסט יאָ רעכט הנאה האָבען, פאָלג מיך און געה־אַריין אין אַ יודישען הויף, היינט איז ביי זיי ערב שבת, וועסטו זיי מיטהעלפען צוגרייטען צו דער שבת׳דיגער סעודה און דערפאַר וועסטו שוין פון זיי באַקומען אי׳ם שבת אַ פעטען חלק״. פאָלגט ער איהם און לאָזט זיך לויפען. ווי נאָר ער האָט געוואָלט אַריין אין ערשטען יודישען הויף, איז מען אַרויס אַקעגען איהם מיט שטעקענס, גוט דורכגעבראָכען איהם די ביינער און איהם פערטריבען. קומט ער קוים אַ לעבעדיגער צו׳ם פוקס צוריק און איז מלא רציחה: „דו אַזוינער און אַזוינער, פערפיהרען האָסטו מיך געוואָלט, נור צערייסען וועל איך דיך!״

— זיי נישט אַזוי איפגעבראַכט — בערוהיגט איהם דער פוקס — נישט אַנדערש, דו האָסט בעקומען די קלעפּ נור פאַר דיין פאָטער׳ס חטאים: ער האָט אַנימאָלטען זיי מיטגעהאָלפען צוגרייטען צו דער סעודה, האָט ער בשעת־מעשה אויסגעחאַפּט ווי נור אַ פעטען ביסען.

— נו איז וואָס? — שרייעט דער וואָלף — פאַר׳ן טאַטענ׳ס חטאים קומט מיך שמייסען!

— וואָס מיינסטו, נאַרעלע — זאָגט דער פוקס — אַזוי איז עס שוין: „די פאָטערס עסען זויערס און ביי די קינדער ווערען די ציינער אײַליג״. נאָר איך זעה, אַז דו ביסט נעביך שטאַרק אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט, קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזען אַן אָרט וואו דו וועסט זיך אָנעסען צו זעט.

פיהרט איהם דער פוקס אַוועק צו אַ ברונען, אויף וועלכען ס׳איז געווען איבערגעלעגט אַ הילצערן וועלציל מיט אַ שטריק אַרום איהם אַרומגעוויקעלט און מיט עמער פון ביידע זייטען אָנגעבונדענע ביי ביידע עקען שטריק, אַזוי אַז איין עמער לאָזט זיך אין ברונען אַראָפּ הויבט זיך דער אַנדערער אויף. זעצט זיך דער פוקס אַריין אין אויבערשטען עמער און לאָזט זיך אַראָפּ, הויבט זיך דער אונטערשטער אַרויף. שרייעט דער וואָלף אַריין אין ברונען: „היי, פוקס, וואָס טהוסטו דאָרט אַזוינס?״ זאָגט ער: „איך האָב דאָ דערטאַפּט אַ גאַנץ געשמאַקען ביסען, אַ פרישע שטיק קעז זילבער קלאָר,

צוגעהט זיך אין מויל. אָט זעה אַליין!" — און דערבּיי ווייזט ער איהם אָן מיט׳ן פוס אויפ׳ן אָרט אונטען אין וואַסער, וואו עס שפּיגעלט זיך אָפּ די שעהנע לְבָנָה און זעהט אויס ווי אַ געפּרעסטע אויסגעקייַלעכיגטע שטיק קעז.

— אוי זאָג נור, ווי אַרום קען איך אויך צוקומען דערצו? — פרעגט דער וואָלף און בּעלעקט זיך.

— גאָר פָּשוּט — ענטפערט דער פוקס — מע נעהמט און מע זעצט זיך אַריין אין אויבּערשטען עמער וועט שוין זיין רעכט.

פאָלגט איהם דער וואָלף און לאָזט זיך אַראָפּ. און ווי ער איז אַראָפּ אַזוי איז אַקעגען איהם דער פוקס אין אונטערשטען עמער אַרויף.

— עס, עס—שרייַעט איהם דער פוקס אַראָפּ—זאָל דיר וואויל בּעקומען!

— וואָס עסען, ווער עסען! — שרייַעט דער וואָלף אַרויף, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעזעהן אַז ער איז דאָ מִיאוּס אַרייַנגעפאַלען — זאָג בּעסער, דו פאַלשע בְּרִיָה, ווי אַרום קריכט מען פון דאַנען אַרויס?

— ליג דאָרט, ליג — ענטפערט דער פוקס — ווי זאָגט דאָרט דער פָּסוּק: „דער גערעכטער קריכט פון אומגליק אַרויס און דער רָשָׁע—אויף זייַן אָרט אַרייַן", און נאָך אַ פָּסוּק איז דאָ: „גערעכטע וואָג, גערעכטע געוויכט"[1].



[1] ד. ה. די צוויי עמער אין בּיידע זייַטען זענען ווי וואָגשאָלען, און דורך זיי האָט דער וואָלף בּעקומען אַ גערעכטען שטראָף, מדה כנגד מדה.

# רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי און ר׳ אֶלְעָזָר זַיין זוהן.

## איין מויל.

— ווען איך וואלט געשטאַנען אויפ׳ן בּאַרג סִינַי — האָט ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אַמאָל געזאָגט — וואלט איך געבּעטען בּיי גאָט, אַז פון היינט אָן זאָל ער בּעשאַפען דעם מענשען מיט צוויי מיילער, איין מויל אויף צו לער־נען תּוֹרָה אָהן אויפהער און איינס אויף אַלע אַנדערע בּעדערפעניִשען. צוריק געערעדט — האָט ר׳ שִׁמְעוֹן זיך בּאַלד פערכאַפּט — איז אֶפְשַׁר גלייכער אַזוי ווי ס׳איז: אויב איצט איז ניט אויסצוהאַלטען פון דעם רְכִילוּת און די מְסִירוֹת, וואָס ווערען אָנגערעדט מיט איין מויל [1], ווי וואָלט שוין געווען, אַז דער מענש זאָל האָבּען צוויי מיילער!

## אין דער הייהל און פון דער הייהל.

איינמאָל זענען געזעסען צוזאַמען די חֲבֵרִים ר׳ יְהוּדָה און ר׳ יוֹסֵי און ר׳ שִׁמְעוֹן; מיט זיי איז אויך געווען איינער יְהוּדָה בֶּן גֵּרִים. איז געקומען צו רעד וועגען רוימישען פאָלק. רופט זיך אָן ר׳ יְהוּדָה: „וויפיעל נוצליכע זאַכען דאָס פאָלק האָט אויפגעטהון! איינגעאָרדנעט מאַרקען, גוטע בּריקען געמאַכט, שעהנע בּעדער אויסגעבּויעט”. ר׳ יוֹסֵי האָט אויסגעהערט און אָפּ־געשוויגען. ר׳ שִׁמְעוֹן אָבּער האָט אַוועקגעמאַכט: „יאָ — זאָגט ער — אויפ־געטהון האָבּען זיי, אָבּער אַלץ נור צוליעב זיך, צוליעב איינענעם פערגניגען. מאַרקען האָבּען זיי איינגעאָרדנעט — צו בּעזעצען דאָרט די אויסגעלאַסענע פרויען, בּעדער — אויף וואוילצוטהון זיך דאָרט, בּריקען — צו רייסען פאַר זיך אָפּצאָהלען.

---

[1] ר׳ שמעין אליין האָט זייער פיעל געליטען פון מסירות, ווי ס׳וועט ווייטער דערצעהלט.

געהט יְהוּדָה בֶּן גֵרִים און דערצעהלט עס פאר אנדערע, איז עס דערנאָך אָנגעקומען צו דער רעגירונג. האָט מען גע׳פַּסְק׳ענט: „יְהוּדָה׳ן פאר זיין לויבען — דערהויבען; יוֹסֵי׳ן פאר זיין שווייגען — קיין צפּוֹרִי פערטרייבען; שִׁמְעוֹנ׳ען פאר׳ן שענדען — טויטען״.

ווערט ר׳ שִׁמְעוֹן דערפון געוואויר, און ער מיט זיין זוהן בעהאלטען זיך אויס ערגיץ אין א בֵּית־הַמִּדְרָשׁ. פלעגט זיין ווייב ברענגען אהין פאר זיי אלע טאָג ברויט מיט א קרוג וואסער. אז די גְזֵירָה איז אָבער שטרענגער געוואָרען, זאָגט ר׳ שִׁמְעוֹן צו זיין זוהן: „מיר טאָרען דאָ מעהר נישט בלייבען, פרויען זענען גרינג אויף דער דֵעָה, און אז מע וועט נעהמען פייניגען דיין מוטער, וועט זי עס אֶפְשַׁר נישט אויסהאלטען און אונז אויסגעבען״.

אנטלויפען זיי פון דאָרט און בעהאלטען זיך אין א הייהל. טרעפט זיי א נֵס און עס וואַקסט דאָרט אויס מיט א מאָל א באָקסערבוים און עס שלאָגט ארויס א פרישער קוואל. א גאנצען טאָג פלעגען זיי זיצען הוילע, אָהן קליידער, פערשטעקט ביז׳ן האלז אין זאמד און לערנען תּוֹרָה, נאָר צו תְּפִלָּה־צייט פלעגען זיי זיך אָנטהון און איינהילען זיך און זיך שטעלען דאוונען, און נאָכדעם ווידער זיך אויסטהון ווי פריהער, כְּדֵי די קליידער זאָלען נישט איינגאנצען אָפּגענוצט ווערען.

זענען זיי אזוי אָפּגעוועהן דאָרט אין דער הייהל צוועלף יאָהר. איינמאָל קומט אֵלִיָּהוּ און שטעלט זיך ביי׳ם אריינגאנג פון דער הייהל און שרייט־אויס: „ווער וועט אָנזאָגען בֶּן־יוֹחַאי׳ן אז דער קֵיסָר איז געשטאָרבען און זיין גְזֵירָה איז צו נישט געוואָרען?״ דערהערט דאָס, זענען זיי באלד ארויס פון זייער בעהעלטעניש. דערזעהען זיי ווי מענשען שטעהען אויף די פעלדער און אַקערען און זייען. רופט זיך אָן ר׳ שִׁמְעוֹן מיט פערדראָס: „מע לעגט־אוועק דאָס אייביגע לעבען[1] און מע גיט זיך אָפּ מיט א צייטווייליג לעבען!״ און אויף וואָס זיי האָבען א וואָרף געטהון מיט אן אויג — איז עס באלד פערברענט געוואָרען. האָט זיך געלאָזט הערען א בַּת־קוֹל: „אומברייינגען די וועלט מיינע ווענט איהר ארויס? צוריק אין אייער הייהל אריין!״

קעהרען זיי זיך אום צוריק אין דער הייהל און זענען דאָרט אָפּ נאָך צוועלף חֳדָשִׁים. „די רְשָׁעִים אֲפִילוּ אין גֵיהִנֹם — זאָגען זיי — קומען אויך אָפּ נישט מעהר ווי צוועלף חֳדָשִׁים״. לאָזט זיך ווידער הערען א בַּת־קוֹל: „ארויס פון דער הייהל!״ זענען זיי ארויס. און דאָס מאָל, איז אלצדינג וואָס ר׳ אֶלְעָזָר האָט געפּלאָגט — האָט ר׳ שִׁמְעוֹן אויפ׳ן אָרט געהיילט[2]. „זוהן מיינער — זאָגט ער איהם — גענוג פאר דער וועלט איך און דו״.

---

[1]) ד. ה. ד תורה. [2]) דער יונגער ר׳ אלעזר האָט אלין געקוקט בעז אויף די וואָס גיבען זיך אָפּ מיט וועלט־זאכען, נישט מיט תורה, און דער פאָטער ר׳ שמעון האָט דאָס מאָל שוין געפונען אויף זיי א זכות.

ערב־שבת פאר נאכט דערזעהן זיי, ווי עס לויפט אן אלטער יוד מיט צוויי בינדליך הדסים אין די הענד.

— אלטיטשקער, צוליעב וואס טראגסטו דאס?

— לכבוד שבת — ענטפערט דער אלטער אין איילעניש.

— נישט גענוג דיר איינס?

— איינס אקעגען „זכור" און איינס אקעגען „שמור"[1].

— זעהסטו — זאגט ר׳ שמעון צו זיין זוהן — ווי ביי א יודען איז א מצוה ליעב און טייער!

איז זיי אפגעגאנגען דאס הארץ.

האט ר׳ פנחס בן יאיר, ר׳ שמעון׳ס איידעם, דערהערט אז זיין שווער קומט־אן צוריק, איז ער איהם ארויסגעגאנגען אקעגען. פיהרט ער איהם אוועק אין טבריא׳ר וואַרמבאד אריין און נעהמט איהם וואשען און רייניגען. בעמערקט ער ווי דאס לייב איז ביי איהם אין פיעל ערטער געפלאצט, צעוויינט ער זיך. זענען געפאלען די טרעהרען אויף די וואונדען, און ר׳ שמעון האט פאר גרויס שמערץ אנגעהויבען שרייען.

— אז אך און וועה איז מיר, וואס איך זעה דיך אין אזא צושטאנד! — האט ר׳ פנחס אויסגערופען מיט א טיעפען קרעכץ.

— אז וואויל און גוט איז דיר — זאגט איהם ר׳ שמעון צוריק — וואס דו זעהסט מיך אין אזא צושטאנד! ווען נישט דו זעהסט מיך איצט ווי איך בין, וואלט איך נישט געווען דאס וואס איך בין.

נאכדעם ווי ר׳ שמעון איז געקומען צו־זיך טראכט ער זיך: „מע דארף מיט עפיס אפדאנקען דער שטאדט טבריא פאר דער טובה וואס זי האט מיר געטהון מיט איהרע ווארימע בעדער". דערפרעגט ער זיך, צי איז ניטא דא אזוינס וואו ער וואלט געקענט מיט זיינעם א אויפטהו נוצליך זיין. דערצעהלט מען איהם, אז דא אין מארק געפינט זיך אזא פלאץ, וואס זיין רייינקייט איז נישט פעסטגעשטעלט[2], ליידען דערפון די כהנים, ווייל זיי מוזען דאס ארט אויסמיידען. פרעגט ער: „צי געפונט זיך נישט דא אזעלכער וואס געדיינקט פון אמאל אז דאס פלאץ האט מען פאר ריין געהאלטען?" רופט זיך אן איינער אן אלטער מאן: „דא אויף דעם ארט האט אמאל בן־זכאי געשניטען לופינע פון תרומה[3]. האט ר׳ שמעון גענומען אויספרובען

---

[1] די מצוה פון שבת אין די עשרת הדברות הייבט זיך אן איינמאל מיט׳ן ווארט „זכור" (געדיינקען) און איינמאל מיט׳ן ווארט „שמור" (היטען). [2] ד. ה. מען רעכענט אז דארטען געפונען זיך קברים, און כהנים טארען דאס ארט נישט בעטרעטען. [3] דאס איז א סימן, אז מ׳האט דאס ארט פאר ריין געהאלטען, ווייל בן זכאי איז געווען א כהן און האט אויף דעם ארט צוטהון געהאט מיט תרומה, די גאב פון כהנים, וואס טאר אויך נישט קומען אין בערירונג מיט אומריינע זאכען.

די ערד: דאָרט וואו ס'איז געוועזען האַרט האָט ער עס באַלד פאַר ריין געמאַכט, און וואו ווייך [1]) — האָט ער עס בעצייכענט פאַר אומריין. און אַזוי אַרום האָט ער אָפגערייניגט אין טבריא פיעל מאַרק־פלעצער פאַר דעם פרייען דורכגאַנג פון די כהנים. הערט ער ווי יענער אַלטער טענה'ט: „בן־יוחאי האָט גענומען און ריין געמאַכט אַ בית־הקברות!" זאָגט איהם ר' שמעון מיט פערדראָס: „ווען דו זאָלסט נישט געוועזען זיין מיט אונז, צי אפילו זיין, נאָר נישט מיט אונז מיטשטימען — וואָלסטו רעכט געהאַט דאָס צו זאָגען; איצט אָבער, אַז אי דו ביסט מיט אונז געוועזען, אי דו האָסט מיט אונז מיטגעשטימט, וואָס וועט דער עולם אויף דעם זאָגען: אפילו אויסגעלאַסענע פרויען בעפוצען איינע די אַנדערע, בפרט תלמידי־חכמים!"—און זאָגענדיג דאָס האָט ר' שמעון אויף איהם אַזאַ קוק געגיבען, אַז יענער איז באַלד געשטאָרבען געוואָרען.

איינער אַ כותי, וואָס האָט צוגעזעהן ר' שמעון'ס אויפטהו אין טבריא'ר מאַרק, האָט זיך מיישב געוועזען: „ווי טהוט מען דאָ נישט אָפּ אַ שפּיצעל דעם עלטסטען פון די יודען, ער זאָל זיין צו שפּאָט?" נעהמט ער אַ מת און בעהאַלט איהם אויף דעם פּלאַץ וואָס ר' שמעון האָט איהם דעם זעלבען פריהמאָרגען ריין געמאַכט, און באַלד נאָכדעם געהט ער אַוועק צו ר' שמעון'ען און גיט איהם אַ פרעג אַזוי: „צי האָסטו נישט היינט ריין געמאַכט יענעם מאַרק־פּלאַץ?" — יאָ — ענטפערט איהם ר' שמעון. — „און אַז איך וועל דיר דאָרט אויף דעם אייגענעם פּלאַץ אָנווייזען נאָך אַנדערע מתים?"— „ווייז־אָן". געהט ער מיט איהם אַהין און ווייזט דעם מת. ר' שמעון האָט אַ טיעפען קוק געגעבען און האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז דעם כותי'ס אויפטהו. רופט ער זיך אָן: „איך בין גוזר, אַז דער איבערשטער זאָל אַראָפּ און דער אונטערשטער אַרויף" [2]).

און אַזוי איז געשעהן.

געהט ר' שמעון דערנאָך אַרויס אין מאַרק און דערזעהט ר' יהודה בן גרים. רופט ער אויס: „נאָך איז פאַרהאַן אָט דער דאָזיגער אויף דער וועלט!" — האָט ער געגעבען אויף איהם אַ קוק און ס'איז פון איהם געוואָרען אַ הויפען ביינער.

## צעריסען די גזירה.

די רוימישע רעגירונג האָט איינמאָל אַרויסגעלאָזט אַ גזירה אויף יודען, מע זאָל נישט היטען שבת און נישט מל זיין קיין קינדער. נעהמט

[1]) אַ סימן אַז אויף דעם אָרט האָט מען געגראָבען אַ מאָל אַ קבר. [2]) ד. ה. דער כותי וואָס שטעהט פון אויבען זאָל אַראָפּ אין גרוב און דער מת פון גרוב זאָל אַרויף אויבען.

ר׳ רְאוּבֵן בֶּן אִיסְטְרוֹבְּלִי און האָט זיך אַרומגעשערען רוימיש, מע זאָל נישט דערקענען אין איהם אַז ער איז אַ יוד, און איז געוואָרען נאָהענט בעקאַנט מיט די רוימישע רייכס־לייט. פערפיהרט ער מיט זיי אַ שמועס וועגען יודען און גיט זיי אַ פרעג:

— ווי מיינט איהר, אַ שוֹנֵא דאַרף מען וואונשען ער זאָל רייכער ווערען אָדער אָרימער ווערען?

— געוויס, ער זאָל וואָס מעהר אָרים ווערען — ענטפערען זיי.

— אויב אַזוי — זאָגט ער ווידער — לאָזען זיי אים שַׁבָּת נישט אַרבּײַטען, וועלען זיי וואָס וועניגער פערדינען.

— זאָגסט גאַנץ גלייך — גיבען־נאָך די רוימער.

— הײַנט ווי מיינט איהר ווידער — זאָגט ער ווײַטער — אַ שוֹנֵא דאַרף מען ווינשען ער זאָל שטאַרקער ווערען אָדער ער זאָל אָפּגעשוואַכט ווערען?

— געוויס, ער זאָל וואָס מעהר אָפּגעשוואַכט ווערען — ענטפערען זיי.

— אויב אַזוי — זאָגט ער — לאָזען זיי יאָ מַל זיין די קינדער זייערע, כְּדֵי זיי זאָלען אָפּגעשוואַכט ווערען.

— זאָגסט גאַנץ גלייך — גיבען־נאָך די רוימער ווידער, און האָבען אָפּגערופען די גְזֵירָה. דערנאָך אָבער זענען זיי דערגאַנגען, אַז ער אַליין איז אויך אַ יוד, האָבען זיי באַלד די גְזֵירָה צוריק־געשטעלט.

קלערען די יודען צווישען זיך: וועמען שיקט מען קיין רוים אָפּרופען די גְזֵירָה? — בלײַבט מע זאָל שיקען ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי׳ן, ווײַל ער איז שוין געוואוינט צו נִסִים, און מיט איהם זאָל מיטגעהן ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן ר׳ יוֹסִי.

געהען די ביידע קיין רוים. קומט זיי אָן אַקעגען איינער פון די שֵׁדִים, דער געוויסער לֵץ בֶּן־תְּמַלְיוֹן, און זאָגט זיי: „ווילט איהר, געה איך מיט אייך מיט, דורך מיר קען אייך קומען די הילף". צעוויינט זיך ר׳ שִׁמְעוֹן: אונזער עלטער־זיידענס דינסט [1] — האָט ער געזאָגט — זי איז יאָ ווערטה געוועזען בײַ גאָט זיך צו בעגעגנען אויפ׳ן וועג דרײַ מאָל מיט אַ מַלְאָךְ, איך אָבער האָב דערצו אַפילו איינמאָל אויך נישט די זְכִיָה — זאָל־זשע קומען דער נֵס דורך וועמען ס׳איז!"

לויפט בֶּן־תְּמַלְיוֹן פאָראויס און חאַפּט זיך אַרײַן אין קעניגס טאָכטער — ווערט זי פּלוצים געפעהרליך קראַנק און קיינער ווייסט ניט וואָס איהר איז אַזוינס. ווי ר׳ שִׁמְעוֹן איז אַהין אָנגעקומען, האָט ער זיך גלייך אונטערגענומען אַרויסצוטרײַבען דעם דִבּוּק פון דער קראַנקער בַּת־מַלְכָּה. לאָזט מען איהם צו איהר אַרײַן, הויבט ער אָן רופען: „בֶּן־תְּמַלְיוֹן אַרויס, בֶּן־תְּמַלְיוֹן אַרויס!" בֶּן־תְּמַלְיוֹן האָט נור דערהערט אַז ר׳ שִׁמְעוֹן רופט איהם בײַ׳ם נאָמען

[1]) הגר, אברהם׳ס דינסט.

האָט ער זיך אָפּגעטראָגען—און די בּת־מַלְכָּה איז בּאַלד גענעזען געוואָרען.

— מיט וואָס זאָל איך אייך פאַר דעם אָפּדאַנקען — זאָגט דער קֵיסָר צו ר׳ שִׁמְעוֹן מיט זיין חָבֵר — בּעט וואָס איהר ווילט, מיין שאַצקאַמער איז פאַר אייך אָפען, געהט־אַריין און נעהמט פון דאָרט וואָס אייער האַרץ בּעגעהרט.

זענען זיי אַריין אין שאַצקאַמער, אויפגעזוכט דאָרט די אויפגעשריבּענע גְזֵירָה, גענומען און זי צעריסען. און מְמֵילָא איז די גְזֵירָה אַזוי אַרום בָּטֵל געוואָרען.

## א טהאָל פון גאָלדענע רענדליך.

איינער פון ר׳ שִׁמְעוֹנ׳ס תַּלְמִידִים האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין חוץ־לָאָרֶץ און געקומען פון דאָרט צוריק אַ בּעריַיכטער. דאָס האָט אַרויסגערופען קִנְאָה בּיי די איבּריגע תַּלְמִידִים, און זיי האָבּען אַלע איהם געוואָלט נאָכטהון און זיך אויך לאָזען קיין חוץ־לָאָרֶץ. דערוואוסט־זיך דערפון ר׳ שִׁמְעוֹן, פיהרט ער זיי אַרויס צו אַ טהאָל הינטער מֵירוֹן [1], שטעלט זיך דאָרט אַוועק און הויבּט־אָן מִתְפַּלֵל זיין: „טהאָל, טהאָל! פול זיך אָן מיט גאָלדענע רענדליך!״ האָט בּאַלד דער טהאָל פאַר זיי אין די אויגען אָנגעהויבּען שווימבּלען מיט גאָלדענע רענדליך.

און ר׳ שִׁמְעוֹן האָט זיך געווענדט צו זיינע תַּלְמִידִים מיט די ווערטער:

— אויבּ איהר בּעגערט גאָלד — דאָ האָט איהר גאָלד, נעהמט עס אייך. וויסען זאָלט איהר אָבּער, אַז דער וואָס וועט נעהמען איצט, נעהמט ער אָפּ זיין חֵלֶק פון יענער וועלט, ווייל דער לוין פאַר תּוֹרָה איז נור אויף יענער וועלט.

## דער טרעגער—אֵלִיָהוּ׳ס אַ תַּלְמִיד.

שִׁמְעוֹנ׳ס זוהן, ר׳ אֶלְעָזָר, איז געהאַט געוואָרען אַ טרעגער. קומט צו איהם איינמאָל אֵלִיָהוּ אינ׳ם געשטאַלט פון אַן אַלטען מאַן און זאָגט איהם: „גרייט־צו אַ בְּהֵמָה מיך איבּערצופיהרען״. פרעגט איהם ר׳ אֶלְעָזָר: „האָסטו עֶפּיס מַשָׂא?״ ענטפערט דער אַלטער: „אָט איז מיין פעקיל און אָט איז מיין מאַנטעל און לאָמיר געהן״.

— וואָס זאָגט איהר אויף דעם אַלטען? — לאַכט איהם אויס ר׳ אֶלְעָזָר — אויף מיינע פּלייצעס קען איך איהם נעמען און אַוועקטראָגען מיט זיין גאַנץ געפּעק אין עק וועלט אַריין, און ער הייסט מיר גאָר איהם צוגרייטען אַ בְּהֵמָה! דיר ווילט זיך רייטען, אַלטיטשקער?

---

[1] די שטאָדט וואו ר׳ שמעון האָט געוואָהנט.

— יאָ — ענטפערט דער אַלטער — ס׳איז מיר שווער געהן צופוס.

גיט ר׳ אלעזר איהם אַ נעהם אויף זיינע פלייצעס און לאָזט זיך מיט איהם אין וועג אַריין. טראָגט ער איהם באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, טהאָל אַריין, טהאָל אַרויס, דורך פעלדער און דורך וועלדער. דערשפירט ער ווי דער אַלטער לייגט זיך אָן אויף איהם מיט׳ן גאַנצען כח. רופט ער זיך אָן צו איהם: „היי אַלטיטשקער, לייג זיך אַזוי נישט אָן, אַז נישט וואַרף איך דיך אַראָפּ”.

— ווילסט זיך אַביסעל אָפּרוהען? — פרעגט איהם דער אַלטער.

— יאָ — זאָגט ער.

קריכט דער אַלטער פון איהם אַראָפּ, פיהרט איהם אָפּ אין אַ זייט־וועג אויפ׳ן פעלד, דאָרט זעצען זיך ביידע אונטער אַ בוים און דער אַלטער גיט איהם פון זיין פעקיל עסען און טרינקען. נאָכ׳ן עסען רופט זיך אָן צו איהם דער אַלטער: „צו וואָס זיך אַזוי פּלאָגען? איז דען נישט גלייכער צו טהון דאָס וואָס דער טאַטע?”

— ווער ווערט מיט מיר זיך אָפּגיבען צו לערנען מיך, אפשר דו? — פרעגט ר׳ אלעזר.

— יאָ, איך — ענטפערט דער אַלטער.

פון דעמאָלט אָן — דערצעהלט מען — האָט ער זיך פלייסיג גענומען צו׳ם לערנען ביי׳ם אַלטען, און דרייצעהן יאָהר דורכאַנאַנד האָט מיט איהם אליהו געלערענט תורה, ביז ער איז געקומען צו ספרא. ווי ער האָט שוין געהאַלטען ביי ספרא איז איהם שווער געוואָרען צו טראָגען אַפילו זיין איי־גענעם מאַנטעל.

## גענומען אויף זיך יסורים.

ר׳ אלעזר בן שמעון האָט אָנגעטראָפען איינעם פון די בעאַמטע, וואָס פערנעהמען זיך מיט נאָכשפירען און חאַפּען גנבים. פרעגט ביי איהם ר׳ אלעזר: „ווי אַרום דערקענסטו די לייט? זענען זיי דען נישט ווי די ווילדע חיות, וואָס ביינאַכט געהען זיי אַרויס און בייטאָג בעהאַלטען זיי זיך? מעג־ליך, דו חאַפּסט גאָר ערליכע לייט און לאָזט־דורך די אומערליכע”. ענט־פערט איהם יענער: „וואָס קען איך דערצו העלפון? איך פאָלג דעם קעניגס בעפעהל”.

— אָט הער — זאָגט איהם ר׳ אלעזר — וועל איך דיך אויסלערנען ווי דו זאָלסט טהון. אין דער פירטער שעה אין דער פריה זאָלסטו אַריינגעהן אין אַ שענק, בעמערקסטו דאָרט איינעם וואָס זיצט איבער אַ גלאָז וויין און דרימעלט—זאָלסטו זיך דערפרעגען אויף איהם: אויב ער איז אַ וואול־לער־נער — איז ער אויפגעשטאַנען פאַר־טאָג צו׳ם לערנען; אויב אַ אַרבייטער —

איז ער אויפגעשטאַנען פאַר־טאָג צו דער מְלָאכָה; אויב נישט דאָס און נישט דאָס—פּאַק איהם, ער איז אַ גַנָב.

זענען אָנגעקומען ר׳ אֶלְעָזָר׳ס ווערטער צו׳ם קעניג. בּעפעהלט מען: „דער בּריעף־לעזער זאָל זיין דער בּריעף־טרעגער״ [1]. שיקט מען נאָך ר׳ אֶלְעָזָר׳ן — און ער ווערט אַ גַנָבִים־חאַפּער. בּעפעהלט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה: „דו עסיג, זוהן פון וויין! [2] בּיז וואַנען וועסטו איבּערגעבּען אונזער גאָט׳ס פאָלק צום טויט?״ ענטפערט איהם אָפּ ר׳ אֶלְעָזָר: „דערנער רוים איך אויס פון׳ם ווייַנגאָרטען״. בּעפעהלט איהם ר׳ יְהוֹשֻׁעַ צוריק: „לאָז קומען דער אייגענטהימער פון׳ם וויינגאָרטען [3] און ער זאָל אויסרוימען די דערנער זיינע״...

איינמאָל בּעגעגענט ר׳ אֶלְעָזָר׳ן אַ וועשער, פאַלט ער אויף איהם אָן און רופט איהם: „עסיג, זוהן פון וויין!״ טראַכט זיך ר׳ אֶלְעָזָר: „אַזוי פיעל חוּצְפָּה אין אַ מענשען, נישט אַנדערש ער איז אַ פערבּרעכער״. און בּאַלד הייסט ער זיינע בּעדינער און מע חאַפּט איהם. נאָכדעם, ווי ר׳ אֶלְעָזָר׳ן איז אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויסצולעזען דעם וועשער פון דער תְּפִיסָה און ס׳האָט איהם נישט געהאָלפען. האָט די זאַך ר׳ אֶלְעָזָר׳ן זעהר געקרענקט, און האָט אויף זיך געזאָגט:

> ווער ס׳היט דעם צונג אין מויל—היט־איין
> זיין אייגען לייב פון לייד און פיין.

ווען מ׳האָט דעם וועשער אויפגעהאַנגען, איז ר׳ אֶלְעָזָר געשטאַנען אונטער דעם בּוים פון דער תְּלִיָּה און געוויינט. „ווער ווייסט — האָט ער זיך געטראַכט — צי איז דאָס מאָל נישט אומגעקומען דורך מיר אַן אומשולדי־גער״. קומט מען און מע זאָגט איהם: „רֶבִּי, האָסט זיך דאָ נישט וואָס צו ערגערען; דער געהאַנגענער איז אַ בּעוואוסטער פערבּרעכער״. האָט ר׳ אֶלְעָזָר אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן בּויך און אויסגערופען צופריעדען: „פרעהט זיך, געדערם מיינע, פרעהט זיך! אויבּ אייער „טאָמער״ איז אַזוי, ווי איז שוין אייער „געוויס״! איך מעג זיכער זיין, אַז צו אייך וועלען קיין ווערים נישט צושטעהן!״

דאָך האָט ער זיך אַלץ נישט געקענט בּערוהיגען. האָט מען איהם איינגעגיבּען שלאָף־געטראַנק, איהם אַוועקגעלייגט אין אַ מירמעלשטיינערן הויז און מ׳האָט איהם געעפענט דעם בּויך און אָפּגעצויגען פון דאָרט שמאַלץ גאַנצע קערבּ [4]. האָט מען געפּרובּט לאָזען דאָס שמאַלץ ליגען אויף דער זון אין די גרויסע היצען פון תַּמוּז און אָב—און ס׳האָט נישט בּעקומען קיין שלעכטען רֵיחַ. האָט ר׳ אֶלְעָזָר, שוין מעהר אַ בּערוהיגטער, געזאָגט אויף זיך מיט די ווערטער פון תְּהִלִים:

---

[1]) ד. ה. אלעזר אַליין זאָל ווערען דער גנבים־חאַפּער. [2]) ד. ה. דו בּיסט אַראָפּ פון דיין פאָטער דעם צדיק׳ס וועג. [3]) גאָט. [4]) ר׳ אלעזר בן שמעון איז געוועזען אַ פעט־לייבּיגער.

„אויך מיין לייב וועט רוהען געזיכערט".

נאָך אַלעמען איז ר׳ אֶלְעָזָר פּאָרט ביי זיך אינוועניג אין האַרצען נישט איינגאַנצען רוהיג געווען — און ער האָט אויסגעבעטען אויף זיך שווערע יסורים. יעדע נאַכט האָט מען איהם אונטערגעלייגט זעכציג אונטערבעטען, און יעדען פריהמאָרגען האָט מען פון אונטער איהם אָפּגעצויגען זעכציג שאָלען בלוט און אייטער. פלעג איהם דערנאָך זיין פרוי צוגרייטען זעכציגער־ליי שפּייזען — און ער פלעג צו־זיך קומען. אין בית־המדרש אריין האָט זי איהם מעהר שוין נישט געלאָזט געהן, די חכמים זאָלען איהם דאָרט קיין צער נישט אָנטהון.

אַלע נאַכט פלעגט ער רופען אויף זיך די יסורים מיט די ווערטער: „ברידער און גוטע פריינד מיינע, קומט צוגעהן!" און אַלע פריהמאָרגען פלעגט ער זיי זאָגען: „איצט געהט אייך אַוועק!" — זיי זאָלען איהם נישט שטערען פון לערנען אַ גאַנצען טאָג. דערהערט עס איינמאָל זיין פרוי, ווערט זי אויף איהם שטאַרק אויפגעבראַכט.

— אַזוי גאָר — זאָגט זי — דו אַליין מיט דיין אייגענעם ווילען רופסטו די יסורים אויף זיך! קאַרג האָסטו שוין פערקריינקט מיין פאָטער׳ס געלד! — האָט זי פערנומען מיט זיך די קינדער, אַוועק אין פאָטער׳ס הויז און איהם איבערגעלאָזט אַליין. מאַכט זיך, אַז זעכציג שיפער זענען מיט זייערע זעכציג שיפען געפאָהרען דורכ׳ן ים און ס׳האָט זיך מיט אַ מאָל אויף זיי אויפגעהויבען אַ שקוואַל צו דערטרונקען זיי. נעהמען זיי זיך גאָט בעטען און שרייען: „גאָט פון אֶלְעָזָר, רוף זיך אָפּ!" האָט זיך דער ים גלייך בערוּ־היגט. ווי זיי זענען אַרויף אויף דער טרוקעניש, האָבען זיי אַלע צוזאַמען אַוועקגעפיהרט ר׳ אֶלְעָזָר׳ן אַ מַתָּנָה—זעכציג בעדינער, וואָס האַלטען זעכציג ביישטעל געלד. פלעגען זיי שוין צוגרייטען פאַר איהם אַלע טאָג זעכציגער־ליי שפּייזען.

איינמאָל רופט זיך אָן ר׳ אֶלְעָזָר׳ס פרוי צו דער טאָכטער: „געה זיך דורך ווערסטו זעהן, וואָס מאַכט איצט דיין פאָטער אין געזונד?" קומט די טאָכטער צו ר׳ אֶלְעָזָר׳ן. ווי ער האָט זי דערזעהן זאָגט ער איהר: געה זאָג דער מוטער דיינער: „ביי אונז געהט־צו רייכער ווי ביי זיי". האָט ער אויף זיך אַליין אויסגעטייטשט יענעם פּסוק אין משלי וועגען דער „אֵשֶׁת חַיִל":

„זי איז ווי די שיפען פונ׳ם קויפמאַן,
פון ווייטע לענדער בעקומט זי איהר ברויט".

פון גוט עסען און טרינקען איז דער קראַנקער ר׳ אֶלְעָזָר געקומען צו־זיך און ווידער אָנגעהויבען קומען אין בית־המדרש. און זיין ווייב מיט די קינדער האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו איהם אַהיים.

אײנמאָל האָט זיך בײַ ר׳ אֶלְעָזָר׳ן אויפגעדעקט זײַן אָרים. דערזעהט זײַן פרוי דאָס שעהן לויטער לײַב זײַנס, האָט זי זיך צעלאַכט און באַלד דערנאָך צעװײנט. צעלאַכט האָט זי זיך פאַר פרײד. „אַז װאויל איז מיר — האָט זי געזאָגט — װאָס איך האָב מיך בעהעפט אינ׳ם לײַב פון דעם צַדיק״. און צעװײנט האָט זי זיך פאַר גרױס צַער. „װעה און װאונד—האָט זי געזאָגט— אַזאַ גוף דאַרף אַרײַן אין דער ערד!״

פאַר׳ן טויט האָט ער אָנגעזאָגט דער פרוי: „איך װײס, אַז די חֲכָמִים זענען אויף מיר אויפגעבראַכט, װעלען זײ מיר ניט טהון מײַן רעכט װי געהעריג. דריבער זאָלסטו מיך בעסער אװעקלעגען אינ׳ם אויבערשטובעל, און האָסט זיך פאַר מיר ניט װאָס צו שרעקען״.

אין אַ לאַנגע צײַט אַרום, נאָך ר׳ אֶלְעָזָר׳ס טויט, האָט זײַן פרוי איבער איהם דערצעהלט אַט װאָס:

— אַן ערך פון אַכטצעהן ביז צװײ און צװאַנציג יאָהר איז דער גע־שטאָרבענער אַלץ געלעגען אין זײַן אויבערשטובעל. װען איך פלעג אַהין אַרויף האָב איך איהם געקוקט אין די האָר פון קאָפּ, און אַז אַ האָר האָט זיך אויסגעריסען פלעג אַרויסטרעטען טראָפּען בלוט. אײנמאָל דערזעה איך, װי אַ װערימיל קריכט־אַרויס בײַ איהם פונ׳ם אויער, האָב איך דערפון צַער. קומט ער מיר בײַנאַכט צו חָלום און זאָגט מיר: „ס׳איז גאָר־ניט; דאָס איז נור דערפאַר װאָס איך האָב געהערט מיט מײַנע אויערען װי מ׳האָט אַמאָל בעלײדיגט אַ תַּלְמִיד־חָכָם און איך האָב זיך אויף דעם ניט אָפּגע־רופען װי געהעריג״.

אַז צװײ פלעגען קומען פאַר איהם זיך לאָדען, האָבען זײ זיך בײדע געשטעלט אויף דער טהיר און נאָכדעם, װי יעדער פון זײ האָט אָפּגע׳טַעֲנה׳ט זײַנס, האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון אויבערשטובעל אַראָפּ: „דו דער און דער — ביסט אומגערעכט, און דו יענער און יענער — ביסט גערעכט״.

אַמאָל מאַכט זיך אַז ר׳ אֶלְעָזָר׳ס װײַב האָט זיך געקריגט מיט איהר שְׁכֵנָה, און יענע האָט זי געשאָלטען: „הַלְוַאי זאָלסט האָבען אַזאַ סוף װי דײַן מאַן, און אויך װי ער ניט קומען צו קֶבֶר יִשְׂרָאֵל״. דערהערט אַזעלכע װערטער, האָבען די חֲכָמִים זיך בעטראַכט, אַז מעהר טאָר שוין אַזוי ניט געדױערען און מע מוז דעם מֵת בעהאַלטען. װי אַנדערע דערצעהלען, איז דער פאָטער זײַנער, ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, געקומען די חֲכָמִים צו חָלום און זײ געזאָגט: „אײן טײַבעלע האָב איך מײַן אײגענס בײַ אײַך און איהר װילט עס ניט אָפּצוגעבען צו מיר״...

זענען געגאַנגען די חֲכָמִים איהם טהון זײַן רעכט און געװאָלט איהם בעהאַלטען, האָבען די אײַנװאױנער פון עַכְבְּרָא זיך געשטעלט און דאָס ניט דערלאָזט, װײַל די אַלע יאָהרען װאָס ר׳ אֶלְעָזָר איז געלעגען אין זײַן

אויבערשטובעל איז אויף זייער שטאָדט קיינמאָל נישט בעפֿאַלען קיין שום ווילדע חיה. איינמאָל אין אַ ערב יום־כּפּור, ווען די שטאָדט־לייט זענען געווען שטאַרק פֿערנומען, האָבען די חכמים געשיקט מענשען פֿון אַ נאָהענט שטעדטיל בּירים, און יענע האָבען אַראָפּגענומען דעם מת אין דער מטה און איהם אַוועקגעטראָגען אין דער הייהל פֿון זיין פֿאָטער. געקומען אַהין, געפֿונען זיי אַ בּעזע שלאַנג ליגט אַרומגעוויקעלט אַרום דעם אַריינגאַנג פֿון דער הייהל און לאָזט נישט אַריין. רופֿען זיי זיך אָן צו איהר: „שלאַנג, שלאַנג! עפֿען אויף דיין מויל און לאָז־אַריין דעם זוהן צו׳ם פֿאָטער״. האָט זי זיי געעפֿענט דעם אַריינגאַנג.

# רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר.

## נִישט גענאָסען פון פרעמדס.

מע דערצעהלט אויף רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר, אז זינט ער לעבט האָט ער קיין „הַמּוֹצִיא" נִישט געמאַכט איבער אַ פרעמד שטיקעל ברויט, און זינט ער איז געקומען צו'ם שֵׂכֶל האָט ער שוין נִישט גענאָסען אַפִּילוּ פון זיין אייגענעם פאָטער'ס אַ מאָהלצייט.

## רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר אין וועג.

ר' פִּנְחָס בֶּן יָאִיר האָט זיך איינמאָל געלאָזט אין וועג צוליעב פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים [1]. קומט ער ביז צו'ם טיעפען טייך גִינַאי און קען איהם נִישט אריבער, רופט ער זיך אָן צו'ם טייך:

— גִינַאי, גִינַאי! שפּאַלט דיין וואַסער און מאַך פאַר מיר אַ וועג!

זאָגט דער טייך איהם:

— פִּנְחָס, פִּנְחָס! דו געהסט צו ערפולען דיין בעשעפער'ס ווילען, איך געה צו ערפולען מיין בעשעפער'ס ווילען; דו — אָדער וועסט איהם יאָ ערפולען, אָדער ניין, איך אָבער וועל איהם געוויס ערפולען".

זאָגט ווידער ר' פִּנְחָס:

— שפּאַלסטו זיך נִישט פאַר מיר באַלד, בין איך אויף דיר גוֹזֵר, אַז קיין וואַסער זאָל אין דיר קיינמאָל נִישט פליסען.

האָט דער טייך זיך באַלד פאַר איהם געשפּאַלטען און ער איז אריבער.

איז פון יענער זייט טייך געבליבען נאָך איינער, וואָס האָט געטראָגען ווייץ אויף מַצּוֹת צו פֶּסַח. בעפעהלט ר' פִּנְחָס דעם טייך:

— שפּאַלט זיך פאַר יענעם אויך, ער גייט זיך אָפּ מיט אַ מִצְוָה־זאַך.

שפּאַלט זיך דער טייך ווידער.

איז אָבער דאָרט געווען נאָך אַ דריטער, אַן אַראַבער, וואָס איז מיט זיי מיטגעגאַנגען אין וועג. בעפעהלט ר' פִּנְחָס ווידער דעם טייך:

---

[1]) אויסלעזען יודען פון געפענגעניש.

— שפּאַלט זיך אויך פאַר דעם, זאָל ער נישט האָבען צו זאָגען: „אַזוי בעגעהט מען זיך מיט אַ מיטבעגלייטער!"

שפּאַלט זיך דער טייך צו׳ם דריטען מאָל.

קומט ר׳ פּנחס אָן אין אַ איינפאָהר־הויז, גיט מען דאָרט דעם עזעל זיינעם גערשטען אין די זאַנגען, עסט ער נישט; דרעשט מען זיי אויס — עסט ער נישט; קלייבט מען זיי איבער—ער עסט אַליין נישט. רופט זיך אָן ר׳ פּנחס בן יאיר: „עס קען זיין, מ׳האָט פון זיי קיין מעשר [1]) נישט גענומען". נעהמט מען אַראָפּ מעשר — האָט דער עזעל באַלד געגעסען.

זאָגט ר׳ פּנחס: „ער נעביך געהט טהון דעם בעשעפער׳ס ווילען — און איהר גיט איהם גאָר עסען נישט קיין צורעכטגעמאַכטע תּבואה!"

דערהערט אַז ר׳ פּנחס קומט־אָן, געהט רבי [2]) איהם אַרויס אַקעגען. זאָגט איהם רבי: „טהו מיר די ליעב און קום צו מיר אויף אַ מאָהלצייט".

— רעכט — ענטפערט ר׳ פּנחס.

הויבט־אָן דאָס פּנים ביי רבי׳ן צו שיינען פאַר שמחה. רופט זיך צו איהם אָן ר׳ פּנחס: „וואָס מיינסטו, איך האָב גענומען אויף זיך, אַז איך זאָל ביי יודישע קינדער נישט געניסען? חלילה! יודישע קינדער זענען הייליגע, איינער וויל און קען נישט, איינער קען און וויל נישט, דו אָבער אי דו ווילסט אי דו קענסט; נאָר איצט איַל איך זיך, איך בין פערנומען מיט אַ מצוה־זאַך. צוריקוועגס וועל איך צו דיר אַריינגעהן".

צוריקוועגס, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען צו רבי׳ן אין הויף, איז איהם איינגעקומען דורכצוגעהן דורך אַ טהיר, וואו ס׳זענען דאָרט געשטאַנען ווייסע מויל־עזלען. רופט ער זיך אָן: „ביי דעם דאָזיגען אין הויז איז פאַרהאַן דער מלאך־המות [3]) — און איך וועל ביי איהם עסען!" דערהערט עס רבי, געהט ער צו איהם אַרויס.

— איך וועל זיי פערקויפען — זאָגט ער איהם צו.

— „פאַר קיין בלינדען לייג נישט קיין שטרויכלונג" [4]).

— איך וועל זיי אָפּלאָזען אויף הפקר.

— וועסטו נאָך ברייננגען צו מעהר שאָדען.

— וועל איך זיי איבערשניידען די אָדערען פון די פיס.

— ס׳איז אַ צער־בעלי־חיים.

---

[1]) אַ צעהנטעל. אין יענער צייט האָט מען נישט געטאָרט געניסען פון תבוּאה איידער מ׳האָט געגיבען פון איהר אַ צעהנטיל פאַר די לויים. [2]) אַזוי האָט מען גערופען פערקורצט דעם נשיא ר׳ יהודה (זעה וויטער „ר׳ יהודה הנשיא"). [3]) ווייסע מויל־עזלען קענען מזיק זיין מענשען. [4]) ד. ה. מע טאָר נישט פערפיהרען נישט קיין געניטען.

— וועל איך זיי טויטען.

— וועסטו עובר זיין אויף „בל תשחית״ [1].

רבי איז דאך צו איהם צוגעשטאנען ער זאל איהם נישט אפזאגען און זאל אריין אין שטוב צו איהם עסען. און ווי זיי שטעהען אזוי איינס אקעגען אנדערען, וואקסט־אויס צווישען זיי פלוצום א הויכער בארג.

האט רבי זיך צעוויינט און דערביי געזאגט:

— אויב ביי׳ם לעבען איז מיט זיי אזעלכעס [2], ווי איז שוין מיט זיי נאכ׳ן טויט!

# א פּאר מעסטליך—אויף קעמלען מיט עולען.

אין דער שטאדט, אין דרום־קאנט, וואו ר׳ פנחס בן יאיר האט געוואוינט, זענען איינמאל אראפּגעקומען פון דער פרעמד צוויי ארומע מענשען זוכען זיך דארט פרנסה. האבען זיי אפּגעלייגט ביי ר׳ פנחס בן יאיר׳ן א פּאר מאס גערשטען, וואס זיי האבען מיט זיך געהאט. דערנאך זענען די צוויי פרעמדע אוועק פון דארט און זייער ביסעל גערשטען איז פערבליבען ביי ר׳ פנחס׳ן. געדויערט א שטיקעל צייט און יענע קומען נישט; נעהמט ר׳ פנחס די גערשטען און פערזייעט זיי, און דערנאך אז די תבואה איז אויסגעוואקסען האט ער זי אפּגעשניטען און אריינגענומען אין שייער. און אזוי האט ער געטהון יאהר נאך יאהר אויך מיט די ניי־אויסגעוואקסענע גערשטען.

אין זיבען יאהר ארום קומען צוריק די צוויי ארומעלייט און מאהנען ביי איהם זייערע פּאר מעסטליך גערשטען. ר׳ פנחס האט זיי באלד דערקענט, פיהרט ער זיי צו צו׳ם שייער, בעוויזט זיי אויף די גרויסע הויפענס מיט גערשטען און זאגט זיי: „דאס וואס איהר זעהט איז אינגאנצען אייערס; געהט ברייננט קעמלען און עולען און פערנעהמט אייערע אוצרות״.

# דער אויסגעזוכטער פּעריל.

ביי׳ם סארעצענער קעניג איז איינמאל אראפּגעפאלען פון זיין קרוין א זעהר טייערער פּעריל, און איידער מ׳האט זיך געריהרט איהם אויפהויבען איז אנגעלאפען א מויז, איינגעשלינגען דעם פּעריל און אנטלאפען. קומט דער קעניג צו ר׳ פנחס בן יאיר, ער זאל איהם העלפען צו בעקומען צוריק פון דער מויז דעם פערלוירענעם פּעריל.

---

[1] נישט פערדארב. א זאך וואס האט עפּיס א ווערטה, טאר מען עס, לויט דער תורה, נישט פערדארבען. [2] טהוט גאט אזעלכע נסים מיט די צדיקים.

פרעגט איהם ר׳ פִּנְחָס: „וואס בִּין איך דען, א שפרעכער?״
זאגט איהם דער קעניג: „צוליעב דיין גוטען נאמען בין איך געקומען״.
בעפעהלט ר׳ פִּנְחָס אויף די מייז, זיי זאלען זיך אלע צונויפקומען טהוען זיי אזוי. זעהט ער, אז איינע פון זיי איז הויקערדיג.
— ביי דער איז עס — מאכט ר׳ פִּנְחָס. און ער האט באלד בעפוילען אויף דער מויז — און זי האט דעם פעריל אויסגעשפיגען.



# רבי יהודה הנשיא (רבי).

## פערביטען די קינדער.

די רוימישע רעגירונג האָט איינמאָל אַרויסגעלאָזט אַ גזירה אויף יו־דען, זיי זאָלען נישט מל זיין זייערע קינדער. און צו יענער צייט איז ביי׳ם נשיא ר׳ שמעון בן גמליאל געבוירען געוואָרען דאָס קינד יהודה, וואָס איז געוואָרען דערנאָך בעוואוסט מיט׳ן נאָמען רבי אָדער רבנו הקדוש [1]). טראַכט זיך דער פאָטער ר׳ שמעון: „געשיקט זיך, מיר זאָלען גאָט׳ס בעפעהל נישט הערען און די גזירה פון די רשעים פאָלגען?״ — נעהמט ער באַלד און איז מל דאָס קינד. דערוואוסט זיך דערפון דער שטאַטסהאַלטער. שיקט ער רופען ר׳ שמעון׳ען און פרעגט איהם: „ווי קומסטו איבערצוטרעטען דעם קעניג׳ס בעפעהל?״

— איך האָב געפאָלגט גאָט׳ס בעפעהל — ענטפערט ער איהם.

זאָגט איהם דער שטאַטסהאַלטער: „אמת, איך דאַרף זיך פערהאַלטען צו דיר מיט פיעל כבוד, ווייל דו ביסט דאָך דער עלטסטער פון דיין פאָלק, נאָר אָפּלאָזען דיך פריי קען איך נישט, ווייל ס׳איז אַ גזירה פונ׳ם מלך״.

— און וואָס מיינסטו מיר צו טהון? — פרעגט ר׳ שמעון.

— איך וועל דיך אָפּשיקען צו׳ם מלך און לאָז ער מיט דיר טהון ווי זיין ווילען.

שיקט ער אָפּ דאָס נייגעבוירענע קינד מיט זיין מוטער צו׳ם קעניג. פערברייגנען זיי אַ גאַנצען טאָג אין וועג, און צונאַכט האָבען זיי זיך אָפּגע־שטעלט אין וועג אויף נאַכט־לעגער אין הויז פון אַ פאָרנעהמער רוימישער פאַמיליע, זייערע אַלטע גוטע פריינד. דאַרף זיך מאַכען, אַז ביי דער מוטער פון דער פאַמיליע איז אין יענער צייט אויך געבוירען געוואָרען אַ קינד, מיט׳ן נאָמען אַנטונינוס. ווי די רוימערין האָט דערזעהן איהר בעליעבטע פריינדין, דעם נשיא׳ס פרוי, פרעגט זי ביי איהר: „ווי קומסטו אַהער?״ דערצעהלט זי איהר אינגאַנצען די מעשה: „ס׳איז אויף אונז אַרויס אַזאַ און אַזאַ גזירה, מע זאָל נישט מל זיין קיין יודישע קינדער. איך האָב אָבער מיין

---

[1]) אונזער היילינער רבי.

קינד יאָ מַל געווען, און דערפאַר פיהרט מען אונז בּיידע צו׳ם קעניג״. ווי די רוימערין האָט דאָס דערהערט זאָגט זי איהר: „אויב דו ווילסט קענסטו מיין קינד, דאָס ניט־גע׳מַל׳עטע, נעהמען מיט זיך, און דיין קינד לאָז איבּער בּיי מיר בּיז דו וועסט געהן צוריק״. טהוט זי עס און געהט מיט׳ן פערבּי־טענעם קינד צו׳ם קעניג.

קומט יענער שטאַטהאַלטער און בּריינגט דעם נָשׂיא׳ס פרוי מיט׳ן קינד פאַר׳ן קעניג. הייסט דער קעניג נאָכפאָרשען, לאָזט זיך אויס אַז דאָס קינד איז גאָר נישט גע׳מַל׳עט. ווערט דער קעניג אויפגעבּראַכט און הייסט דעם שטאַטהאַלטער טויטען, און די מוטער מיט׳ן קינד האָט ער אָפּגעלאָזט בּשָׁלום.

און אַז רֶבִּי׳ס מוטער איז געקומען צו איהר פריינדין, אַנטונינוס׳עס מוטער, זאָגט איהר יענע:

— ווייבּאַלד דער אַלמעכטיגער האָט אַזוי געפיהרט אַז ס׳זאָל געשעהן דיר און דיין זוהן אַ נֵס דורך מיר און מיין זוהן, זאָלען די צוויי קינדער בּלייבּען אייבּיג טרייע חֲבֵרים.

# אַכט מַעֲלות.

ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא זאָגט: אַכט מַעֲלות געפונען די חֲכָמִים בּיי די צַדִּיקִים: שעהנקייט, קראַפט, רייכקייט, כָּבוֹד, קלוגשאַפט, לאַנגע יאָהר, גרייז־גרויהייט און קינדער — און צו די אַלע זאַכען אינאיינעם האָבּען זוֹכֶה געווען רֶבִּי מיט זיינע קינדער.

# קראַנק געוואָרען און געזונד געוואָרען.

נאָך ר׳ אֶלְעָזָר בֶּן שִׁמְעוֹנ׳ס טויט [1] האָט רֶבִּי געשיקט איבּערריידען מיט דער אַלְמָנָה, זי זאָל פאַר איהם חֲתוּנָה האָבּען. שיקט זי איהם אָפּ אַ ענטפער מיט די ווערטער: „די כְּלִי וואָס איז בּענוצט געוואָרען אויף הייליגס—זאָל גאָר וואָכעדיג ווערען?״ שיקט ער צו איהר ווידער: „לאָז זיין אַז ער איז גרעסער געווען פון מיר אין לערנען, אָבּער אין גוטע מַעֲשִׂים איז ער דען אויך גרעסער געווען?״ ענטפערט זי איהם ווידער: „אין תּוֹרָה ווייס איך גראָד נישט, אין גוטע מַעֲשִׂים אָבּער ווייס איך יאָ — ער האָט אויף זיך אַליין יִסוּרִים גענומען״.

טראַכט זיך רֶבִּי: „ליעבּ זענען יִסוּרִים״—נעהמט ער אויף זיך יִסוּרִים דרייצעהן יאָהר דורכאַנאַנד: זעקס יאָהר האָט ער געליטען פון אַ שווערע ענטצינדונג און זיבּען — פון אַ שווערען וועהטיג אין מויל.

[1]) זעה אויבּען ז׳ 163.

ווען די וועהטיגען זענען איהם צוגעטראָטען פלעגען זײַנע קולות גע־העהן ביז אונטער׳ן הימעל.

רבּי׳ס שטאלמײַסטער איז רײַכער געווען פונ׳ם פּערסישען קעניג, אין אז ער פלעג בריינגען פוטער פאר די פּיה — האָבען זײַערע פערשידענע קולות זיך געלאָזט הערען אויף דרײַ מיל דערווײַט. פלעג ער שטענדיג צילען צו בריינגען פאר׳ן פּיה דאָס פוטער פונקט דעמאָלט, ווען רבּי׳ס וועטהיגען פלעגען זיך אָנרופען. דאָך זענען רבּי׳ס קולות געגאנגען נאָך העכער און פלעגען דערגעהן ווײַט־ווײַט ביז צו די רײַזענדער אויפ׳ן ים.

---

ווי אַנדערע דערצעהלען, זענען רבּי׳ס יסורים געקומען אויף איהם דורך אַ סבּה און אויך אַוועק פון איהם דורך אַ סבּה:

אײַנמאָל האָט מען אין גאַס פערבײַ רבּי׳ן דורכגעפיהרט אַ קעלבעל צו דער שחיטה. רײַסט זיך דאָס קעלבּיל אויס, לויפט־צו צו רבּי׳ן און אַרײַנ־שטעקענדיג דעם קאָפּ אונטער דער פּאָלע פון זײַן מאַנטעל לאָזט עס אַרויס אַ וויינענדיגען בּרום, ווי אײַנער זאָגט: „ראַטעווע מיך!“ רופט זיך אָן רבּי: געה דײַן וועגס, אויף דעם ביסטו געבוירען געוואָרען“.

— ער האָט גאָר קיין רחמנות נישט! — האָט מען אויפ׳ן הימעל גע־זאָגט — זאָלען קומען אויף איהם יסורים.

און רבּי איז באַלד קראַנק געוואָרען.

אין אַ צײַט אַרום מאַכט זיך, אַז רבּי׳ס דינסט האָט בּשעת קעהרען די שטוב געוואָלט אויסקעהרען און אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס קלײַנע ווי־זעליך. דערזעהט עס רבּי, רופט ער זיך אָן: „לאָז זיי צו רוה, „דער רחמנות זײַנער (גאָט׳ס) איז אויף אַלע בעשעפעניש“ — שטעהט בײַ אונז געשריבען“.

— ער האָט רחמנות — האָט מען אויפ׳ן הימעל געזאָגט — דאַרף מען אויף איהם אויך רחמנות האָבען.

און רבּי איז באַלד געזונט געוואָרען.

## אין אַ הונגער־יאָהר.

אײַנמאָל אין אַ הונגער־יאָהר האָט רבּי אויפגעעפענט אַלע זײַנע אַמבאַ־רען פון תבואה און האָט אויסגערופען: „זאָלען אַרײַנגעהן אַלע ווער ס׳קען מקרא [1] צי משנה, צי תּלמוד, צי הלכה, צי אגדה; קיין עם־הארץ [2] אָבער זאָל נישט אַרײַנגעהן“. האָט זיך יונתן בן עמרם דורכגעשטופּט און איז אַרײַן.

— רבּי — זאָגט ער — זײַ מיר מפרנס.

---

[1]) ביבעל. [2]) גראָבער יונג, וואָס קען גאָר נישט.

— קענסטו מִקְרָא? — פרעגט איהם רֶבִּי.

— ניין.

— קענסטו מִשְׁנָה?

— ניין.

— אויב אַזוי — זאָגט איהם רֶבִּי — פאַר וואָס קומט דיר מְפַרְנֵס זיין?

— שפּייז מיך ווי אַ הונט און אַ ראָב.

הייסט ער איהם שפּייזען.

ווי יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם איז אַרויס האָט רֶבִּי זיך שטאַרק געערגערט. „וועה איז מיר! — האָט ער אויסגעשריגען — פון מיין ברויט האָב איך אַוועקגעגעבען אַן עַם־הָאָרֶץ". זאָגט איהם זיין זוהן ר' שִׁמְעוֹן: „מעגליך דאָס איז גאָר דיין תַּלְמִיד יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם, וואָס זיין גאַנץ לעבען האָט ער פון כְּבוֹד־הַתּוֹרָה גאָרנישט געוואָלט געניסען?"

האָט מען נאָכגעפאָרשט די זאַך און ס'האָט זיך טאַקי אַזוי אַרויסגעוויזען. האָט רֶבִּי געזאָגט: „פון היינט־אָן לאָז אַריינגעהן ווער עס וויל".

# אַחֵר'ס טאָכטער פאַר רֶבִּי'ן.

אַחֵר'ס אַ טאָכטער איז איינמאָל געקומען פאַר רֶבִּי'ן און האָט איהם געזאָגט: „רֶבִּי, דערהאַלט מיך ביים לעבען".

— וועמענס טאָכטער ביסטו? — פרעגט ער זי.

— אַחֵר'ס טאָכטער בין איך — ענטפערט זי.

— וואָס? — רופט־אויס רֶבִּי — נאָך איז דאָ פון זיינע קינדער אויף דער וועלט? אויף אַזעלכע ווי ער איז דאָך געזאָגט געוואָרען: „ניט קיין קינד ניט קיין קינדס־קינד זאָל איהם בלייבען אין זיין פאָלק"!

זאָגט זי: „רֶבִּי, געדיינק איהם זיין תּוֹרָה און דערמאָהן זיך ניט אין זיינע מַעֲשִׂים".

איז באַלד אַראָפּ אַ פייער פון הימעל און אַרומגעטמאַלעט רֶבִּי'ס שטוהל. האָט רֶבִּי זיך צעוויינט און דערביי געזאָגט:

— אויב פאַר די וואָס שעמען זיך מיט דער תּוֹרָה איז אַזוי, ווי איז שוין פאַר די וואָס בערימען זיך מיט איהר!

# אַ דאָרף מיט קינדער.

פון דרייצעהן ברודער זענען צוועלף געשטאָרבען אָהן קינדער. קומען די צוועלף אַלְמָנוֹת פאַר רֶבִּי'ן און פאָדערען, אַז דער איבערגעבליבענער שוואָגער זאָל זיי נעהמען לויט דעם דין פון יִבּוּם [1]. הייסט רֶבִּי דעם

---

[1]) אַז איינער פון צוויי ברידער שטאַרבט אָהן קינדער, מוז דער צווייטער מייבם זיין (נעהמען) די שוועגערין, אויב ניט — דאַרף ער איהר גיבען חליצה.

שוואָגער ער זאָל זיי נעהמען. זאָגט יענער: „רבּי, איך פּערמאָג נישט זיי אַלע אויסצוהאַלטען". זאָגען די ווייבּער: „מיר וועלען אַליין אויסהאַלטען די שטוב, יעדע פון אונז אַ חודש אין יאָהר".

— ווער וועט אָבּער אויסהאַלטען דאָס הויז — פרעגט דער שוואָגער — אינ'ם דרייצעהטען חודש פון אַ עיבּור־יאָהר?

— דאָס נעהם איך אויף זיך — זאָגט רבּי.

ווינשט ער זיי צו אַלעס גוטס, און זיי געהען זיך אַוועק.

אין דריי יאָהר אַרום קומען ווידער די צוועלף ווייבּער אָנגעלאָדענע מיט זעקס און דרייסיג קליינע קינדער. מעלדעט מען רבּי'ן: „אַ גאַנצער דאָרף מיט קינדערליך זענען געקומען דיך בּעגריסען". קוקט רבּי אַרויס דורכ'ן פענסטער און דערזעהט זיי.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — פרעגט ער זיי.

— מיר זענען געקומען — זאָגען זיי — זאָלסט אונז אויסהאַלטען דעם איצטיגען דרייצעהטען חודש פונ'ם עיבּור־יאָהר.

האָט רבּי געהייסען זיי גיבּען זייער בּעדערפעניש אויף דעם גאַנ־צען חודש.

# שיער אַראָפּגעבּראַכט משיח'ן.

אליהו הנביא פלעגט אָפט קומען אין רבּי'ס ישיבה. איינמאָל אין אַ ראש־חודש־טאָג איז ער געקומען שפּעטער ווי אַלע מאָל. פרעגט איהם רבּי: „ווי קומט עס, וואָס דו האָסט היינט אַזוי פערשפּעטיגט?"

ענטפערט ער: „בּיז איך האָבּ אויפגעהויבּען אין דער מערת־המכפּלה אַבּרהם'ן, איהם אָפּגעוואַשען די הענד, בּיז ער האָט געענדיגט די תּפלה זיינע און איך האָבּ איהם צוריקגעלעגט אויף זיין אָרט, דאָס זעלבּע דער־נאָך מיט יצחק'ן, דערנאָך מיט יעקב'ן"...

— קענסט דאָך זיי אויפהויבּען אַלע מיט אַמאָל?

— איך האָבּ איבּערגעטראַכט: אפשר וועלען זיי צוזאַמען זיך שטאַרק נעהמען מתפּלל זיין און וועלען אַראָפּבּריינגען משיח'ן פאַר דער צייט.

פרעגט רבּי אליהו'ן: „איז פאַרהאַן זייער גלייכען אויף דער וועלט".

— פאַרהאַן — ענטפערט אליהו — ר' חייא.

איז רבּי גוזר־תּענית[1] און מע שטעלט פאַר'ן עמוד מתפּלל זיין ר' חייא'ן מיט זיינע קינדער. ווי זיי האָבּען אַרויסגעזאָגט אין שמונה־עשרה די ווערטער „משיב הרוח"[2] — האָט בּאַלד גענומען בּלאָזען אַ ווינט; בּיי

[1]) רופט־אויס אַז מע זאָל דעם טאָג פאַסטען. [2]) ער (גאָט) לאָזט בּלאָזען דעם ווינט.

די ווערטער „מוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" [1]) — האָט אַ גאָס געטהון אַ רעגען. געקומען צו „מְחַיֵּה הַמֵּתִים" [2]) — איז די וועלט פערציטערט געוואָרען.

— ווער האָט עס אַרויסגעגעבען דעם סוד אויף דער וועלט? — האָט מען אויפ'ן הימעל געפרעגט.

— אֵלִיָּהוּ — ענטפערט מען.

ברענגט מען אַרויף אֵלִיָּהוּ'ן און ער בעקומט זעכציג שמיץ מיט פייערדיגע ריטער.

לאָזט זיך באַלד אֵלִיָּהוּ אַראָפּ, פערשטעלט זיך פאַר אַ בער און רייסט זיך אַריין צווישען עולם. דערשרעקט מען זיך און מע צעלויפט זיך.

## לעגיאָנען און פליגען.

אַנטוֹנִינוּס איז איינמאָל אָנגעקומען קיין קֵיסאַריע, שיקט ער רופען צו זיך רֶבִּי'ן. נעהמט רֶבִּי מיט זיך ר' שִׁמְעוֹן'ען זיין זוהן און דעם גרויסען ר' חִיָּא'ן און געהט צו אַנְטוֹנִינוּס'ן. געקומען אַהין, דערזעהט ר' שִׁמְעוֹן ווי ביי'ם פּאַלאַץ שטעהט אַ לעגיאָן רוימישע זעלנער, אַלע שעהנע, געזונטע און הויכוואוקסיגע, דערלאַנגען מיט די קעפּ ביז צו די זיילען-קרוינדליך. רופט ער זיך אָן צו ר' חִיָּא'ן: „זעה נור עֵשָׂו'ס קעלבער, ווי געשטאָפּט זיי זענען!" נעהמט ר' חִיָּא און פיהרט איהם אין מאַרק און ווייזט איהם דאָרט אויף אַ קאָרב מיט טרויבען און פייגען, בעזעצטע מיט פליגען. „דו זעהסט—זאָגט ער איהם — אָט די פליגען מיט יענעם לעגיאָן האָבען איין גלייכע ווערטה".

דערצעהלט דערנאָך ר' שִׁמְעוֹן דעם פאָטער, וואָס ער האָט געזאָגט ר' חִיָּא'ן און וואָס דער האָט איהם געענטפערט. זאָגט איהם רֶבִּי: „וואָס, אַזאַ ווערטה האָבען זיי ביי ר' חִיָּא'ן דעם בָּבְלִ'ער [3]) אין די אויגען, אַז ער פערגלייכט זיי מיט פליגען? אָט די לעגיאָנען זענען גלייך ווי גאַרנישט, פליגען אָבער—דורך זיי פיהרט גאָט בָּרוּךְ-הוּא אַמאָל אוים זיינע אַ שְׁלִיחוּת".

## וואָס „צו" איז איבריג.

אַנְטוֹנִינוּס האָט אַמאָל געפרעגט ביי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ:

— ווי מיינסטו, ס'איז רעכט צו מִתְפַּלֵּל זיין פאַר גאָט אַלע ווייליע?

— ס'איז נישט רעכט — ענטפערט ער.

— פאַר וואָס?

— מ'זאָל נישט ווערען צו היימיש מיט גאָט.

איז אַנְטוֹנִינוּס מיט דעם ענטפער נישט געבליבען צופרידען.

---

[1]) ער לאָזט געהן אַ רעגען. [2]) ער מאַכט לעבעדיג די טויטע. [3]) ר' חיא איז געקומען קיין ארץ-ישראל פון בבל.

וואָס טהוט רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ? מאָרגען גאַנץ פריה קומט ער צו אַנְטוֹנִינוּס'ען און בעגריסט איהם: „פריעד צו דיר, גרויסער פירשט!" שפּעטער מיט אַ ווײַלע קומט ער ווײַטער אַרײַן: „פריעד צו דיר, קעניג!" נאָך אין אַ ווײַלע— ער איז ווידער דאָ מיט זײַן גריס: „פריעד צו דיר, אימפּעראַטאָר!"

ווערט שוין אַנְטוֹנִינוּס אַביסעל אויפגעבראַכט. „וואָס הייסט עס — זאָגט ער איהם — נישט אַנדערש, ביסט אויסען צו בעלײדיגען דעם קעניג!"

— אַזוי! — זאָגט רֶבִּי — זאָלען דײַנע אויערען הערען וואָס דײַן מויל רעדט: אויב דו, בלוט און פלייש, פיהלסט זיך בעלײדיגט אַז מע בעגריסט דיך אַלע ווײַלע, הײַנט ווי זאָל עס שוין זײַן מיט'ן קעניג איבער אַלע קעניגען! איהם איז געוויס נישט רעכט צו בעלעסטיגען אַלע ווײַלע.

# אַ טײַערע מַתָּנָה.

אײַנער אַ פאָרנעהמער רוימער, אַרְטָבָן, רֶבִּי'ס אַ גוטער פרײַנד, האָט איהם אײַנמאָל געשיקט אַ מַתָּנָה טײַערע פּערל, און דערבײַ געבעטען איהם אָפּשיקען צוריק צו'ם אַנדענק אויך אַזעלכע טײַערע זאַכען. שיקט איהם רֶבִּי אַ מְזוּזָה.

וואונדערט זיך יענער און שיקט רֶבִּי'ן פרעגען:

— וואָס הייסט עס, איך האָב דיר געשיקט זאַכען וואָס ס'איז זיי גאָרנישט אָפּצושאַצען, און דו שיקסט מיר אָפּ צוריק אַ זאַך, וואָס מע קויפט עס פאַר אַ פולאָר [1])!

ענטפערט איהם רֶבִּי:

— אַלע מײַנע און דײַנע טײַערסטע זאַכען קענען זיך נישט גלײַכען צו דער קלײַנער זאַך. נאָך מעהר, דו האָסט מיר געשיקט זאַכען וואָס איך דאַרף זיי היטען, איך אָבער האָב דיר געשיקט אַזאַ זאַך וואָס זי וועט דיך היטען.

# רֶבִּי'ס פְּטִירָה.

פאַר דער פְּטִירָה [2]) האָט רֶבִּי געזאָגט: „די קינדער מײַנע בעדאַרף איך".

קומען צו איהם אַרײַן די קינדער. זאָגט ער זיי אָן:

— קינדער, אָפּהיטען זאָלט איהר דער מאַמע'ס כָּבוֹד. דאָס ליכט זאָל ברענען אויף זײַן אָרט, דער טיש זאָל שטעהן געגרייט אויף זײַן אָרט, דאָס בעט זאָל בלײַבען פערבעט אויף זײַן אָרט. יוֹסֵף חֵיפָא'ר און שִׁמְעוֹן אֶפְרָתִי — זיי האָבען מיך בעדיענט בײַ מײַן לעבען און זיי זאָלען מיך בעדיענען נאָך מײַן טויט.

[1]) אַ רוימישע קלײַנע מטבע. [2]) שטאַרבען.

זאָגט ער ווייטער: „די חַכְמֵי־יִשְׂרָאֵל בעדאַרף איך".

קומען צו איהם אַריין די חַכְמֵי־יִשְׂרָאֵל. זאָגט ער זיי אָן:

— איהר זאָלט אויף מיר אין די שטעדט קיין הֶסְפֵּדִים נישט מאַכען. נאָך שְׁלֹשִׁים [1] נעהמט זיך צוריק צו'ם לערנען אין דער יְשִׁיבָה. שִׁמְעוֹן מיין זוהן זאָל זיין „חָכָם", גַמְלִיאֵל מיין זוהן — נָשִׂיא, חֲנִינָא בֶּן חָמָא — זאָל זיין ראש־יְשִׁיבָה.

זאָגט ער ווידער: „מיין יונגערען זוהן בעדאַרף איך".

געהט ר' שִׁמְעוֹן צו איהם אַריין. גיט איהם רַבִּי איבער די כְּלָלִים, ווי דער „חָכָם" דאַרף זיך בעגעהן.

זאָגט ער ווייטער: „מיין עלטערען זוהן בעדאַרף איך".

געהט ר' גַמְלִיאֵל צו איהם אַריין. גיט איהם רַבִּי איבער די כְּלָלִים ווי דער נָשִׂיא דאַרף זיך פיהרען. „זוהן מיינער — האָט ער איהם געזאָגט — פיהר דיין נְשִׂיאוּת מיט גרויסקייט, פערהאַלט זיך שטרענג צו די תַּלְמִידִים".

דעם לעצטען טאָג פאַר רַבִּי'ס פְּטִירָה האָבען די חֲכָמִים אויסגערופען אַ תַּעֲנִית און מ'האָט נישט אויפגעהערט צו תְּפִלָּה טהון. „ווער ס'וועט דער ערשטער אָנזאָגען: „רַבִּי איז געשטאָרבען" — האָט דער עוֹלָם אויסגע־שריגען — דער פערדיענט געשטאָכען ווערען מיט אַ שווערד".

געהט־אַרויף רַבִּי'ס דיענסט אויפ'ן דאַך און שטעלט זיך בעטען. „פון אויבען — זאָגט זי — פערלאַנגט מען רַבִּי'ן און פון אונטען פערלאַנגט מען רַבִּי'ן; הַלְוַאי, רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, די אונטערשטע זאָלען בייקומען די אויבער־שטע!" נאָכדעם ווי זי האָט אָבער געזעהן ווי רַבִּי ליידט זעהר שטאַרק, האָט זי גענומען בעטען פערקעהרט: „הַלְוַאי, רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, די אויבער־שטע זאָלען בייקומען די אונטערשטע!" די חֲכָמִים אָבער האָבען אַלץ נישט אויפגעהערט תְּפִלָּה צו טהון. האָט זי גענאַפּט אַ קרוג און אַראָפּגעוואָרפען פונ'ם דאַך. האָבען די חֲכָמִים איבערגעריסען די תְּפִלָּה — און אין דער ווייל איז רַבִּי'ן די נְשָׁמָה אויסגעגאַנגען.

הייסען די חֲכָמִים בַּר־קַפָּרָא'ן: „געה־אַריין, זעה ווי ס'האַלט". געהט ער אַריין און געפונט, אַז רַבִּי איז שוין אויסגעגאַנגען. צערייסט ער אויף זיך דאָס קלייד און הויבט־אָן צו קלאָגען מיט די ווערטער:

הימעל־לייבען [2] און ערד־פעלזען [3]

האָבען צוגעהאַלטען דעם הייליגען אָרון.

בייגעקומען האָבען הימעל־לייבען די ערד־פעלזען —

און געפאַנגען איז דער הייליגער אָרון!

— געשטאָרבען? — פרעגען זיי איהם דערשראָקענע.

[1] דרייסיג טאָג. [2] ד. ה. מלאָכים. [3] צדיקים.

— איהר זאָגט עס — האָט ער געענטפערט — איך האָב נישט געזאָגט.

פאַר׳ן אויסגעהן האָט רבי אויפגעהויבען זיינע צעהן פינגער געגען הימעל: „רבונו־של־עולם — האָט ער אויסגערופען — דיר איז דאָך גוט בעוואוסט ווי איך האָב זיך מיט מיינע צעהן פינגער געמיהט אין דער תורה און אַליין נישט גענאָסען פון דער וועלט אַפילו מיט׳ן מינדסטען פינגעריל, זאָל זיין דער ווילען דיינער, אַז איך זאָל קומען בשלום אין מיין רוה!״

איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט:

„ער זאָל קומען אין פריעד, רוהען זאָל ער אויף זיין לאַגער״.

---

דעם טאָג וואָס רבי איז געשטאָרבען האָט זיך געלאָזט הערען אַ בת־קול: „ווער ס׳איז בייגעווען ביי רבי׳ס פטירה איז געזיכערט מיט עולם־הבא״.

איז דאָרט געווען איין וועשער, וואָס אַלע טאָג פלעגט ער קומען צו רבי׳ן, און גראָד דעם טאָג איז ער נישט געקומען. ווי ער האָט דערהערט דעם בת־קול, איז ער אַרויף אויפ׳ן דאַך און זיך אַראָפגעוואָרפען אויף דער ערד און געפאַלען טויט. איז ווידער אַרויס אַ בת־קול: „דער וועשער איז אויך געזיכערט מיט עולם־הבא!״.

# רַבִּי חִיָא.

## ווי מאַכט מען, די תּוֹרָה זאָל נישט פֿערגעסען ווערען?

אַז ר׳ חִיָא האָט זיך איינמאָל צעאַמפּערט מיט ר׳ חֲנִינָא׳ן, האָט איהם ר׳ חֲנִינָא געזאָגט: „מיט מיר אַמפּערסטו זיך? ווען די תּוֹרָה זאָל חָלִילָה פֿון יודען אינגאַנצען פֿערגעסען ווערען, וואָלט איך דורך מיין שאַרפֿזין זי צוריק אויפֿגעשטעלט".

זאָגט איהם ר׳ חִיָא: איך אָבער וואָלט געמאַכט אַזוי, אַז די תּוֹרָה זאָל גאָר קיינמאָל נישט פֿערגעסען ווערען. ווייסט וואָס איך וואָלט געטהון? איך וואָלט געגאַנגען, און פֿערזייעט פֿלאַקס, אויסגעפֿלאָכטען דערנאָך נעצען און געפֿאַנגען מיט זיי הערשען; מיט׳ן הערשען־פֿלייש וואָלט איך געשפּייזט יְתוֹמִים און פֿון דער פֿעל אויסגעאַרבייט פּאַרמעט און אויפֿגעשריבען פֿינף חוּמָשִׁים פֿון דער תּוֹרָה, און וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שטאָדט וואו קיין דַרְדְקֵי־מְלַמְדִים [1]) זענען נישטאָ, און וואָלט דאָרטען אויסגעלערענט פֿינף קליינע קינדער די פֿינף חוּמָשִׁים, יעדען איין חוּמָשׁ, און זעקס אַנדערע קינדער וואָלט איך אויסגעלערענט אויסענווענדיג [2]) די זעקס סְדָרִים [3]) מִשְׁנַיוֹת, יעדען איין סֵדֶר, און פֿאַר׳ן אַוועקגעהן פֿון דאָרט, צוליעב דאָס זעלבע אין אַ צווייטער שטאָדט, וואָלט איך זיי אָנגעזאָגט: „ביז איך וועל אַהער צוריקקומען זאָל יעדער פֿון אייך אויסלערנען דעם צווייטען דאָס וואָס ער קען". און אַזוי אַרום וואָלט איך געמאַכט די תּוֹרָה זאָל קיינמאָל נישט פֿערגעסען ווערען פֿון יודען.

און דערפֿאַר האָט רַבִּי איינמאָל אויסגערופֿען: „ווי גרויס זענען חִיָא׳ס מַעֲשִׂים!" האָט איהם אויף דעם געפֿרעגט זיין זוהן ר׳ שִׁמְעוֹן: „וואָס, גרעסער אַפִילוּ פֿון דיינע?"

— יאָ — האָט ער איהם געענטפֿערט.

---

[1]) לעהרער פֿון קליינע קינדער. [2]) דעם משניות אַלס תורה שבעל־פּה (מינדליכע לעהרע) האָט מען אין יענער צייט נישט געטאָרט אויפֿשרייבען. [3]) טהיילען.

## פֿאַר רַחֲמָנוּת.

אַז ס'איז געקומען די צייט ר' חִיָא זאָל געהן פֿון דער וועלט, האָט דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת צו איהם נישט געקענט צוטרעטען. פֿערשטעלט זיך דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת פֿאַר אַן אָרעמאַן, קומט צו ר' חִיָא'ן, קלאַפּט־אָן איהם אין טהיר און בעט זיך: „טראָגט מיר אַרויס אַ שטיקעל ברויט". טראָגט מען איהם אַרויס. רופֿט זיך אָן דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת צו ר' חִיָא'ן: „אויף אַן אָרעמאַן האָסטו יאָ רַחֲמָנוּת, הייַנט פֿאַר וואָס זאָלסטו אויף מיר קיין רַחֲמָנוּת נישט האָבען?" — און דערבייַ בעוויַיזט ער איהם אַ פֿייַערדיגע רוט.

ר' חִיָא האָט נאָכדעם באַלד איבערגעגעבען דעם מַלְאַךְ־הַמָּוֶת די נְשָׁמָה זייַנע.

## ר' חִיָא'ס שטוּהל.

רַב חֲבִיבָא האָט דערצעהלט:

— איך האָב געקענט איינעם אַ תַּלְמִיד־חָכָם, וואָס אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא פֿלעגט אָפֿט קומען צו איהם, האָב איך בעמערקט, אַז אין דער פֿריה זענען בייַ איהם די אויגען שעהן און אַז ס'קומט דער אָבענד זעהען זיי אויס ווי אָפּגעבּרענט פֿון פֿייַער. פֿרעג איך איהם: פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי? דער־צעהלט ער מיר אַזוי: איינמאָל האָב איך געבעטען בייַ אֵלִיָהוּ'ן: „בעוויַיז מיר די חֲכָמִים אויף יענער וועלט, ווי זיי היטען זיך אויף אין דער הימעל־שער יְשִׁיבָה". זאָגט ער מיר: גוט, נאָר אין אַלע מעגסטו זיך אייַנקוקען, אויסער די שטוּהל וואו ר' חִיָא זיצט, אין דעם זאָלסטו זיך נישט אייַנקו־קען. פֿרעג איך איהם: גיב מיר אַ סִימָן, ווי אַזוי איך זאָל דערקענען. זאָגט ער מיר: „דעם סִימָן זאָלסטו האָבען: אַלע בייַ'ם אויפֿהויבען זיך און אַראָפּ־לאָזען זיך, געהען־מיט מַלְאָכִים מיט זיי, נור איין ר' חִיָא אין זיין שטוּהל הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ פֿון זיך אַליין". האָב איך זיך אָבער נישט געקענט אייַנהאַלטען און זיך יאָ אייַנגעקוקט. זענען אַרויס צוויי פֿייַערדיגע פֿינקען, אַ קלאַפּ געטהון מיר אין פָּנִים און מיר בלינד געמאַכט. בין איך אויף מאָרגען אַוועקגעגאַנגען און זיך אַוועקגעלעגט אויף ר' חִיָא'ס קֶבֶר אין דער הייהל און געשריגען: „רַבִּי, דיין מִשְׁנָה לערען איך!"[1] — בין איך באַלד געזונט געוואָרען.

[1]) ר' חיא, דער גרעסטער פֿון רבי'ס תלמידים, האָט ווי רבי אַליין אויך געזאַ־מעלט משנות, וועלכע זענען בעוואוסט מיט'ן נאָמען „ר' חיא'ס משנות".

# רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש (ריש־לקיש).

## רבי יוחנן׳ס שעהנקייט.

ר׳ יוחנן האט געזאגט אויף זיך:

— איך בין געבליבען דער לעצטער פון ירושלים׳ער שעהנע מענשען.

ווער ס׳וויל זיך פארשטעלען ר׳ יוחנן׳ס שעהנקייט, זאל ער נעהמען א בעכער פון ריין זילבער, איהם אנלעגען פול מיט קערענדליך פון א רויטען מילגרוים, ארומלעגען איהם פון אויבען מיט א קרענציל פון רויטע רויזען און דאס אוועקשטעלען צווישען זון און שאטען — דער אפגלאנץ פון דעם וועט דערמאהנען ר׳ יוחנן׳ס שעהנקייט.

## געוויינט צוזאמען.

ר׳ אלעזר איז איינמאל קראנק געווארען. קומט אריין צו איהם ר׳ יוחנן, זעהט ער ווי דער קראנקער ליגט אין א פינסטערען צימער, דעקט אויף ר׳ יוחנן זיין ארם — האט אין שטוב א שיין געטהון א ליכט. דערזעהט ער טרערען אין די אויגען פון ר׳ אלעזר, פרעגט ער איהם: פאר וואס וויינסטו? אויב דערפאר וואס דו האסט אפשר וועניג געלערנט — האבען דאך די חכמים שוין לאנג געזאגט: „איינער מעהר, איינער וועניגער, אבי דאס הארץ זאל זיין צו גאט”; און אויב פאר נויטבעדערפטיגקייט—נישט יעדען איז בעשערט צו זיצען ביי ביידע טישען [1]; אויב אבער אויף קינדער — זעה, דא איז דאס ביינדעלע פון מיין צעהנטען זוהן [2].

— אויף אט דעם שעהנקייט, וואס וועט פוילען אין דער ערד, וויין איך — ענטפערט ר׳ אלעזר.

---

[1]) ד. ה. פערמאגען תורה מיט עשירות צוזאמען. [2]) צעהן קינדער האט ר׳ יוחנן געהאט און זענען אלע געשטארבען ביי זיין לעבען, פלעגט ער טראגען מיט זיך א צעהנדיל פונ׳ם לעצטען קינד צו׳ם אנדענק.

— אויף דעם מעגסטו אַוַדַאי ווייַנען — זאָגט איהם ר׳ יוחָנָן, און זיי האָבען געוויינט צוזאַמען.

און דעם גיט איהם ר׳ יוחָנָן אַ פרעג: „נעהמסטו־אָן פאַר ליעב די יסורים?"

— ניט זיי, ניט זייער לוין — ענטפערט ר׳ אֶלְעָזָר.

זאָגט איהם ר׳ יוחָנָן: „גיב מיר דייַן האַנד".

גיט איהם דער קראַנקער זיין האַנד — און ר׳ יוחָנָן האָט איהם געשטעלט אויף די פיס.

# תּוֹרָה און סְחוֹרָה.

אילְפָּא און ר׳ יוחָנָן האָבען צוזאַמען געלערענט תּוֹרָה, און ביידע זענען געווען זעהר נויטבעדערפטיג. רופט זיך אָן איינער צו׳ם אַנדערען: לאָמיר נעהמען זיך אָפּגיבען מיט מִסְחָר, וועלען מיר אויף זיך אויספיהרען די ווערטער פון דער תורה: „נאָר קיין נויטבעדערפטיגער וועט ביי דיר ניט זיין". לאָזען זיי זיך אין וועג, איז זיי אויסגעקומען זיך זעצען עסען אונטער אַ פוילער וואַנד. קומען אַהין צוויי מַלְאָכִים; הערט ר׳ יוחָנָן, ווי איינער פון זיי זאָגט צו׳ם אַנדערען: „לאָמיר אומוואַרפען אויף זיי די וואַנד און זיי טויטען, דערפאַר וואָס זיי לאָזען־אַוועק דאָס אייביגע לעבען און גיבען זיך אָפּ מיט צייטווייליג לעבען". זאָגט דער אַנדערער: „לאָז זיי צורוה, צווישען זיי איז פאַרהאַן איינער וואָס דאָס מַזָל שטעהט איהם ביי".

פרעגט ר׳ יוחָנָן אילְפָּא׳ן: „דו האָסט געהערט?"

— ניין — ענטפערט ער.

טראַכט זיך ר׳ יוחָנָן: „ווי באַלד איך האָב געהערט און אילְפָּא ניט, ווייַזט־אויס אַז מיר שטעהט עס ביי דאָס מַזָל" — און זאָגט צו אילְפָּא׳ן: ביי מיר איז געבליבען זיך אומקעהרען צוריק און אויספיהרען אויף זיך די אַנדערע ווערטער פון דער תּוֹרָה: „קיין נויטבעדערפטיגער וועט ניט אויספעהלען פון דער ערד".

האָט זיך ר׳ יוחָנָן צוריקגעקעהרט אַליין אָהן אילְפָּא׳ן. און ביז אילְפָּא איז געקומען צוריק פונ׳ם האַנדעל איז ר׳ יוחָנָן געקרוינט געוואָרען פאַר ראש־ישיבה. זאָגט מען אילְפָּא׳ן: „ווען דו זאָלסט די גאַנצע צייט געווען זיצען און לערנען וואָלט מען דען ניט דיך געקרוינט פאַר ראש־ישיבה?" געהט ער און קלעטערט־אַרויף אויפ׳ן זעגעל־בוים פון דער שיף און רופט־אויס: „זאָל מען קומען מיך פרעגען וואָס מען וויל פון ר׳ חִיָא און ר׳ אושַעְיָא׳ס מִשְׁנוֹת, און אויב איך וועל עס ניט אויסדריגען פון אונזער מִשְׁנָה — וואַרף איך מיך אַראָפּ פונ׳ם זעגעל־בוים און דערטרינק זיך".

# א גוטער בײַט.

ר׳ יוחנן האָט אײנמאָל געשפּאַצירט פון טבריא אַרויף קײן צפּורי [1], איז ער געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף׳ן אַקסעל פון זײַן תּלמיד ר׳ חיא בר אבא. געהען זײ פערבײַ א שטיק לאַנד, זאָגט ר׳ יוחנן צו זײַן תּלמיד: „דו זעהסט דאָס שטיק לאַנד—מײַנס איז עס געװען, האָב איך עס פערקױפט, װײַל איך האָב געװאָלט זיך איבערגיבען אינגאַנצען דער תּורה״. דערנאָך געהען זײ פערבײַ א װעלדיל פון אײלבירטען. „זעהסטו דאָס װעלדיל פון אײלבירטען — זאָגט ר׳ יוחנן װידער — דאָס איז אויך געװען מײַנס, האָב איך עס פערקױפט, װײַל איך האָב געװאָלט זיך איבערגיבען אינגאַנצען דער תּורה״. צו׳ם לעצט איז זײ אויסגעקומען צו געהן פערבײַ א װײַנגאָרטען. „זעהסטו דעם װײַנגאָרטען — זאָגט װײַטער ר׳ יוחנן — דאָס איז אויך מײַנס געװען, האָב איך עס פערקױפט, װײַל איך האָב געװאָלט זיך איבערגיבען אינגאַנצען דער תּורה״.

הײבט ר׳ חיא אָן װײנען, פרעגט איהם ר׳ יוחנן:

— װאָס װײנסטו?

— איך װײן אויף דעם — ענטפערט ר׳ חיא — װאָס דו האָסט זיך אויף דער עלטער גאָרנישט איבערגעלאָזט.

רופט זיך אָן ר׳ יוחנן: „חיא מײַן זוהן! און דאָס איז בײַ דיר א קלײניגקײט, װאָס פערקױפט האָב איך א זאַך װאָס איז בעקומען געװאָרען אין זעקס טעג צײַט, און ערװאָרבען האָב איך אַזאַ זאַך װאָס איז בעקומען געװאָרען נאָך פערציג טאָג צײַט. די װעלט אינגאַנצען איז בעשאַפען געװאָרען נישט מעהר װי אין זעקס טעג, די תּורה אָבער איז געגיבען געװאָרען אין פערציג טעג.

# ריש־לקיש צװישען װילדע.

ריש־לקיש האָט זיך פאַר נויט פערקױפט צו װילדע. דערװאוסט ער זיך אײנמאָל, אַז ער איז גאָר אַרײַנגעפאַלען צו מענשענפרעסער אין די הענד, און בײַ זײ איז שוין בעשטימט דער טאָג װען איהם צו טױטען. טראַכט ער זיך: „דעם לעצטען טאָג פאַר׳ן טױט טהוען די װילדע דעם מענשען װאָס איז צו זײ אַרײַנגעפאַלען אַלץ װאָס זײַן האַרץ גלוסט, כּדי דאָס בלוט זײַנס זאָל זײַן בע׳טעם׳טער״. נעהמט ער און גרײט־אָן א לאַגעל מיט א שטײן בעהאַלטען אינװײניג. װי ס׳איז געקומען זײַן לעצטער טאָג, זאָגט ער זײ: „טהוט מיר צוליעב אָט װאָס, לאָזט זיך איך זאָל אײַך אַלע בונדען און אָװעקזעצען און אָפּלאָזען יעדען פון אײַך אַנדערהאַלבען קלעפּ מיט אָט דעם דאָזיגען לאַגעל״. טהוען זײ איהם עס צוליעב, און לאָזען זיך

1) א שטאָדט נישט װײט פון טבריא, געבױעט אויף א שפּיץ באַרג.

בּונדען און זיך אויסזעצען. און ווי נור יעדער פון זיי האָט בּעקומען פון ריש־לָקִיש׳ען דעם ערשטען קלאַפּ—איז ער געבּליבּען ליגען ווי טויט און האָט פּאַר ווערטיג און צאָרן געטומען קריצען מיט די צייהן.

— דו לאַכסט גאָר פון מיר?—זאָגט איהם רֵיש־לָקִיש — וואָרט־איים, דו האָסט נאָך בּיי מיר אַ האַלבּען קלאַפּ.

און אַזוי אַרום האָט ער זיי אויסגע׳הרג׳עט בּיז איינעם.

## קראַפֿט צו תּוֹרָה.

ר׳ יוֹחָנָן האָט זיך איינמאָל געבּאָדען אין יַרְדֵן. דערזעהט רֵיש־לָקִיש פון יענער זייט יַרְדֵן זיין שעהן לייבּ, גיט ער אַ שפּרינג מיט גרויס האַסט גלייך צו איהם אין יַרְדֵן אַריין. זאָגט צו איהם ר׳ יוֹחָנָן: „דיין קראַפֿט פּאַסט צו תּוֹרָה". ענטפערט איהם רֵיש־לָקִיש: „דיין שעהנקייט פּאַסט פאַר פרויען". זאָגט איהם ר׳ יוֹחָנָן ווידער: „אויבּ דו וועסט זיך שטעלען אויפ׳ן רעכטען וועג, וועל איך דיר גיבּען פאַר אַ פרוי מיינע אַ שוועסטער, וואָס זי איז פיעל שעהנער פון מיר". נעהמט עס רֵיש־לָקִיש אָן. וויל ער אַ שפּרינג טהון צוריק בּריינגען זיינע זאַכען—קען ער שוין ניט: די גאַנצע פריהערדיגע קראַפֿט האָט זיך פון איהם מיט אַמאָל אָפּגעטוהן [1]. דערנאָך האָט ר׳ יוֹחָנָן אַ צייט געלערענט מיט רֵיש־לָקִיש׳ען בּיז ער איז געוואָרען גרויס אין לערנען.

## רַב כַּהֲנָא בּיי רַבִּי יוֹחָנָן.

אַז רַב כַּהֲנָא האָט געמוזט צוליעב אַ מַעֲשֶׂה אַוועק פון בָּבֶל קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, האָט איהם זיין רֶבִּי רַב אָנגעזאָגט: „אַז דו וועסט קומען אין ר׳ יוֹחָנָן׳ס שולע זאָלסטו זיבּען יאָהר דורכאַנאַנד זיך איינהאַלטען ניט פרעגען ר׳ יוֹחָנָן בּיי׳ם לערנען מיט די תַּלְמִידִים קיין קֻשְׁיוֹת". געקומען אין ר׳ יוֹחָנָן׳ס בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, טרעפט דאָרט רַב כַּהֲנָא ווי תַּלְמִידִים זיצען און רֵיש־לָקִיש לערענט מיט זיי איין ר׳ יוֹחָנָן׳ס שִׁיעוּר [2] פון יענעם טאָג. רַב כַּהֲנָא אָבּער האָט ניט געוואוסט ווער דאָס איז, דערפרעגט ער זיך: „וואו איז דאָ רֵיש־לָקִיש?" פרעגען איהם די תַּלְמִידִים: „צו וואָס דאַרפסטו איהם?" ענטפערט ער זיי: „אויף די און די ווערטער פון ר׳ יוֹחָנָן קען מען אָפּפרעגען אַזוי און אַזוי און אָפּענטפערען אַזוי און אַזוי". גיט מען עס איבּער רֵיש־לָקִיש׳ען.

געהט רֵיש־לָקִיש און דערצעהלט ר׳ יוֹחָנָן: „אַ לייבּ—זאָגט ער—איז אָנגעקומען פון בָּבֶל; צו מאָרגענדיגער דְרָשָׁה דאַרפסטו זיך גוט צוגרייטען".

אויף מאָרגען בּיי׳ם שִׁיעוּר האָט מען רַב כַּהֲנָא׳ן אַנידערגעזעצט פאַר

---

[1] ווייל ער האָט גענומען אויף זיך דעם יאָך פון דער תּורה. [2] דרשה, לעקציאָן.

ר׳ יוֹחָנָן אִין דער עֶרשטעֶר שׁוּרָה תַּלְמִידִים [1]. זאָגט ר׳ יוֹחָנָן אָפּ אַיין הֲלָכָה — און רַב כַּהֲנָא פרעֶגט אִיהם נִישט אָפּ, אַ צווייטעֶ — און עֶר פרעֶגט אַלץ נִישט אָפּ. האָט מעֶן אִיהם אָנגעֶהויבעֶן אַראָפּרוקעֶן צורִיק, וואָס ווייטעֶר — מִיט אַ שׁוּרָה נִידרִיגעֶר, בִּיז מ׳האָט אִיהם אִיבעֶרגעֶזעֶצט אִין דער זִיבעֶטעֶר, גאָר דער לעֶצטעֶר, שׁוּרָה.

רופט זִיךְ אָן ר׳ יוֹחָנָן צוּ רֵישׁ-לָקִישׁ׳עֶן: „פוּנ׳ם לייבּ דיינעֶם האָט זִיךְ גאָר אויסגעֶלאָזט אַ פוקס״.

קעֶן זִיךְ שׁוין רַב כַּהֲנָא מעֶהר נִישט אייַנהאַלטעֶן און טראַכט זִיךְ: „זאָלעֶן די זִיבּעֶן שׁוּרוֹת בּעֶשטעֶהן פאַר די זִיבּעֶן יאָהר, וואָס רַב האָט מִיר אָנגעֶזאָגט״. און בּאַלד שטעֶלט עֶר זִיךְ אויף די פִיס און זאָגט:

— זאָל דער רֶבִּי מוֹחֵל זיין אָנהויבעֶן דעֶם שִׁיעוּר נאָכאַמאָל פון דאָס ניי.

זאָגט ר׳ יוֹחָנָן אִיבּעֶר נאָכאַמאָל די עֶרשטעֶ הֲלָכָה — און רַב כַּהֲנָא פרעֶגט אִיהם אָפּ. די צווייטעֶ, און עֶר פרעֶגט אִיהם ווִידעֶר אָפּ — און אַזוי, בִּיז מ׳האָט רַב כַּהֲנָא׳ן אִיבּעֶרגעֶפִיהרט צורִיק אִין דער עֶרשטעֶר שׁוּרָה. דער אַלטעֶר ר׳ יוֹחָנָן אִיז געֶזעֶסעֶן, ווי דער שטייגעֶר, אויבּעֶן-אָן אויף זִיבּעֶן קִישעֶלִיךְ. און ווי רַב כַּהֲנָא האָט געֶנומעֶן אִיהם אָפּוועֶנדעֶן מִיט האַרבּעֶ קַשְׁיוֹת, האָט עֶר נאָךְ יעֶדעֶר קַשְׁיָא אַרויסגעֶשלעֶפּט פון אונטעֶר זִיךְ צוּ אַיין קִישעֶלעֶ — בִּיז עֶר אִיז געֶבּלִיבּעֶן זִיצעֶן גלייךְ מִיט אַלעֶ תַּלְמִידִים אויף דער עֶרד.

ר׳ יוֹחָנָן האָט געֶהאַט גרויסעֶ בּרעֶמעֶן, רופט עֶר זִיךְ אָן צוּ די תַּלְמִידִים: „הויבּט מִיר אויף די בּרעֶמעֶן מיינעֶ, לאָמִיךְ אויף אִיהם אַ קוק טהון״. האָט מעֶן אִיהם אויפגעֶהויבּעֶן די בּרעֶמעֶן מִיט אַ זִילבּעֶרנעֶם אויגעֶן-פוּצשטִיפט. דעֶרזעֶהט עֶר, ווי בּיי רַב כַּהֲנָא׳ן זעֶנעֶן די לִיפּעֶן צעֶנומעֶן. מיינט ר׳ יוֹחָנָן, אַז יעֶנעֶר לאַכט פון אִיהם, ווערט עֶר בּיי זִיךְ זעֶהר אַראָפּגעֶפאַלעֶן — אִיז רַב כַּהֲנָא געֶשטראָפט געֶוואָרעֶן און געֶשטאָרבּעֶן.

אויף מאָרגעֶן זאָגט ר׳ יוֹחָנָן צוּ זיינעֶ תַּלְמִידִים: „האָט אִיהר בּעֶמעֶרקט וואָס יעֶנעֶר בָּבֶל׳עֶר האָט אָפּגעֶטהון?״ עֶרקלעֶרט מעֶן אִיהם, אַז דאָס אִיז בּיי רַב כַּהֲנָא׳ן געֶוועֶן אַזאַ געֶוואוינהייט, האַלטעֶן שטעֶנדִיג די לִיפּעֶן צעֶנומעֶן. געֶהט ר׳ יוֹחָנָן אַוועֶק צוּ דער הייהל, וואו רַב כַּהֲנָא אִיז דאָרט געֶלִיגעֶן בּעֶהאַלטעֶן, געֶפונט עֶר אַ שלאַנג פעֶרווִיקעֶלט אַרום דעֶם אַריינגאַנג. רופט עֶר זִיךְ אָן צוּ׳ם שלאַנג:

— עֶפעֶן דיין מויל און לאָז אַריין דעֶם רֶבִּי׳ן צוּ׳ם תַּלְמִיד.

---

[1]) די תַּלמִידִים פלעֶגעֶן זִיצעֶן פאַר׳ן רבּי׳ן אויף דער עֶרד שׁוּרוֹת-ווייז, אייבּעֶ אונטעֶר די אַנדעֶרעֶ, די בּעֶסעֶרעֶ אִין די פעֶדעֶרשטעֶ שׁוּרוֹת.

עפֿענט ער נישט.

— לאָז אַרײַן דעם חבֿר צו׳ם חבֿר

עפֿענט ער נישט.

— לאָז אַרײַן דעם תּלמיד צו׳ם רבּי׳ן.

האָט ער געעפֿענט. איז ר׳ יוחנן אַרײַן אין הייהל און האָט דאָרט אַזוי לאַנג געאַט געבעטען בּיז רב כּהנא איז אויפֿגעלעבט געוואָרען. רופֿט זיך אָן ר׳ יוחנן: „ווען איך ווייס פֿריהער אַז דאָס איז בײַ דיר אַזאַ געוואוינהייט — וואָלט עס מיר נישט געאַהרט. איצט הויב זיך אויף און קום מיט אונז״.

זאָגט איהם רב כּהנא: „אויב דו קענסט גאָט בּעטען פֿאַר מיר איך זאָל נאָכאַמאָל נישט שטאַרבּען — געה איך מיט אייך; אויב אָבער נישט — געה איך נישט; גענוג פֿאַר מיר אַז איך האָב אײנמאָל פֿערזוכט דעם טעם פֿון שטאַרבּען״.

האָט איהם ר׳ יוחנן אויפֿגעמונטערט און געשטעלט אויף די פֿיס.

דערנאָך האָט ר׳ יוחנן געפֿרעגט בּײַ רב כּהנא׳ן ווי נור אַ האַרבּע שאלה וואָס ער האָט געהאַט, און דער האָט איהם אויף אַלס געגיבען אַ קלאָרע תּשובֿה.

און דערפֿאַר פֿלעג ר׳ יוחנן זאָגען זײַנע תּלמידים: „איהר מיינט אייערס [1]) זאָג איך — זייערס [2]) איז עס״.

## „וואו ביסטו, בּן-לקיש״.

אין בּית-המדרש איז אײנמאָל פֿאָרגעקומען צווישען די חכמים אַזאַ מחלוקת: שאַרפֿע כּלים, ווי אַ שווערד, מעסער, דעגען, שפּיז, האַנד-זיכעל און שניט-זיכעל — פֿון ווען אָן ווערען זיי געאייגענט צוצונעהמען טומאה? פֿערשטעהט זיך, נאָכ׳ן פֿאַרטיג ווערען אײנגאַנצען. ווען הייסט אָבער בּײַ זיי פֿאַרטיג געוואָרען? האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: נאָכ׳ן אויסגליהען זיי אין אויבען, און ריש-לקיש: נאָכ׳ן אָפּלעשען זיי אין וואַסער. רופֿט זיך אָן ר׳ יוחנן: „געוויס איז אַ רויבער אין זײַן געצייג געניטער״! [3]) ענטפֿערט איהם ריש-לקיש אָפּ:

— וואָס פֿאַר אַ טובֿה, מײַנסטו, האָסטו מיר דאָ אַזוי געטהון? דאָרט [4]) האָט מען מיך גערופֿען „רבּי״ און דאָ רופֿט מען מיך „רבּי״.

— אַ גענוגע טובֿה האָב איך דיר געטהון, וואָס איך האָב דיך אַרײַנטער-געבראַכט אונטער די פֿליגעל פֿון דער שכינה — האָט ר׳ יוחנן געענטפֿערט טיעף בּעליידיגט.

און בּאַלד נאָכדעם איז ריש-לקיש געפֿעהרליך קראַנק געוואָרען.

---

[1]) ד. ה. ארץ-ישׂראל׳דיגס. [2]) די בּבל׳ערס. [3]) אַ רמז אויף דער פֿערגאַנגענ-הייט פֿון ריש-לקיש. [4]) בּײַ די רויבער, וואו ער איז אַמאָל געווען אַ עלטסטער.

קומט צו לויפען ריש־לקיש'עס פרוי צו איהר ברודער ר' יוחנן מיט א געוויין: „טהו, ברודער — זאגט זי — צוליעב מיינע קינדערליך!"

ענטפערט ער איהר מיט'ן לשון פונ'ם פסוק: „דיינע פערלאזטע יתומים וועל איך (גאט) דערנעהרען".

— טהו צוליעב מיר, איך זאל קיין פערוויסטע אלמנה נישט בלייבען.

ענטפערט ער איהר ווייטער מיט'ן סוף פון יענעם פסוק: „און די אלמנות דיינע קענען זיך אויף מיר (גאט) פערלאזען".

און ריש־לקיש איז פון דער קרענק געשטארבען.

האט זיך ר' יוחנן גענומען זעהר צו'ם הארצען: ביי'ם לערנען אין בית־המדרש האט איהם ריש־לקיש שטארק געפעהלט. בעקלערען זיך די חכמים, מע זאל שיקען, צו בערוהיגען איהם, דעם שארפען לערנער ר' אלעזר בן פדת. קומט ר' אלעזר און זעצט זיך אוועק פאר ר' יוחנן. איז אלץ וואס ר' יוחנן האט ארויסגעזאגט אין לערנען האט איהם ר' אלעזר אויף דעם געזאגט: „איך האב א ברייתא א ראיה צו דיר". רופט זיך אן ר' יוחנן: „גאר גלייך צו בן־לקיש'ען! בן־לקיש ווען איך האב עפיס געזאגט, פלעג ער אפ־פרעגען אויפ'ן ארט פיער און צוואנציג קשיות און גלייך פערענטפערען מיט פיער און צוואנציג תירוצים, און ממילא איז די הלכה פון אלע זייטען קלאר געווארען — און דו זאגסט מיר אלע מאל: „איך האב א ברייתא א ראיה צו דיר"! וויים איך דען נישט אליין, אז איך האב רעכט געזאגט?"

האט זיך ר' יוחנן אויפגעהויבען און צעריסען אויף זיך די קליידער, און האט אנגעהויבען וויינען און שרייען: „וואו ביסטו, בן־לקיש? בן־לקיש, וואו ביסטו?"

# רַב (אַבָּא) און שְׁמוּאֵל.

## פינקען וועגען געפלויגען.

אַז איסי בר הונא איז אָנגעקומען פון בָּבֶל קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, האָט זיך מיט איהם בעגעגענט ר׳ יוחנן און געפרעגט איהם: „ווער איז היינט אין בָּבֶל ראש־יְשִׁיבָה?" ענטפערט ער איהם: „אַבָּא דער לאַנגער [1]".

— אַבָּא דער לאַנגער רופסטו איהם!—זאָגט ר׳ יוחנן אונצופריעדען— איך געדענק ווען איך בין געזעסען פאַר רַבִּי׳ן מיט זיבעצעהן שורות נידעריגער אונטער רַב׳ן, פלעגען פונקען פליהען פון רַב׳ס מויל צו רַבִּי׳ס מויל און צוריק, און איך האָב פון זייערע רעד גאָרנישט פערשטאַנען — און דו רופסט איהם גאָר אַבָּא דער לאַנגער!

## איבערגעגיבען פערקעהרט.

רַב האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב, און וואָס ער האָט איהר געהייסען האָט זי אַלץ געטהון קאַפּויר. האָט ער איהר געזאָגט: „קאָך מיר לינזען" — האָט זי איהם אָפּגעקאָכט באָב; „באָב" — האָט זי איהם געקאָכט לינזען. אַז זיין זוהן חִיָּא איז אונטערגעוואַקסען איז ער געפאַלען אויף אַן אויפטהו און ער פלעגט איהר איבערגעבען דעם פאָטער׳ס ווערטער אַלץ פערקעהרט, איז מְמֵילָא שטענדיג אויסגעקומען ווי רַב האָט פערלאַנגט. איינמאָל זאָגט רַב דעם זוהן: „די מאַמע דיינע, זעהט אויס, איז בעסער געוואָרען". זאָגט איהם חִיָּא: „דאָס איז צוליעב דעם, — וויַיל איך גיב איהר איבער דיינע ווערטער פערקעהרט".

— אַזוי גאָר! — זאָגט איהם דער פאָטער מיט אַ שמייכעל — נישט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטיל: „די אייער וועגען קליגער פון די היהנער". פון דעסטוועגען זאָלסטו מעהר אַזוי נישט טהון; מע טאָר זיך נישט איינגעוואוינען צו קיין ליגען.

---

[1] אַזוי האָט מען גערופען רב אבא׳ן (רב׳ן) פאַר זיין הויכער וואוקס.

# אויסגעזאָגט פונ׳ם חדר.

ווען שמואל איז נאָך געווען אַ קליין קינד האָט איהם איינמאָל זיין פאָטער אָנגעטראָפען ווי ער וויינט. פרעגט איהם דער פאָטער: „וואָס וויינסטו?"

— דער רבּי האָט מיך געשלאָגען.

— פאַר וואָס?

— דערפאַר וואָס איך האָב געגיבען עסען זיין קינד און זיך נישט געוואַשען די הענד.

— פאַר וואָס האָסטו זיך טאַקי נישט געוואַשען?

— וואָס הייסט, ער עסט, זאָל איך זיך וואשען!

רופט זיך אָן אויף דעם דער פאָטער: „אַ שעהנער רבּי, נישט גענוג וואָס ער ווייסט קיין דין נישט — שמייסט ער נאָך!"

# יתומ׳יש געלד.

ביי אַבּא בן אַבּא שמואל׳ס פאָטער פלעג מען איינלייגען יתומ׳יש געלד. און אַזוי ווי שמואל איז נישט געווען ביי׳ם פאָטער׳ס טויט, האָט ער נישט געוואוסט וואו דאָס געלד איז בעהאַלטען, כּדי עס אומקעהרען צו די יתומים. פלעג מען איהם רופען: „דער זוהן פון יתומ׳יש-געלד-אויפעסער". קומט שמואל אין יענער שטאָדט וואו דער פאָטער איז געשטאָרבען, געהט-אַוועק אויפ׳ן בית-הקברות און דערפרעגט זיך דאָרטען: „וואו איז דאָ אַבּא?" ענטפערט מען איהם: „דאָ איז פאַרהאַן פיעל אַבּא׳ס".

— אַבּא בן אַבּא וואו איז?

— אַבּא בן אַבּא׳ס איז אויך דאָ פיעל.

— אַבּא בן אַבּא, שמואל׳ס פאָטער וואו איז?

זאָגט מען איהם: „ער איז אַרויף אין דער הימעלשער ישיבה". דער-ווייל בעמערקט ער, ווי לוי איז געבליבען זיצען אין דרויסען. פרעגט ער איהם: „ווי קומט עס וואָס דו ביסט געבליבען זיצען אין דרויסען און דו ביסט אויך נישט אַריין אין דער ישיבה של מעלה?"

— דאָס האָט מען מיך אַזוי געשטראָפט: פאַר די אַלע יאָהרען וואָס מיר איז נישט אָנגעשטאַנען צו געהן לערנען אין ר׳ אָפס׳עס ישיבה און דורך דעם האָט ער זיך געפיהלט בעליידיגט, אַזוי פיעל יאָהר וועט מען מיך נישט אַריינלאָזען אין ישיבה של מעלה.

אין דעם קומט-אָן שמואל׳ס פאָטער. דערזעהט שמואל ווי ער וויינט און לאַכט. פרעגט ער איהם: „וואָס וויינסטו?" ענטפערט ער: „ווייל דו וועסט גאָר גיך קומען צו אונז".

— און פאַר וואָס לאַכסטו?
— ווייל דו בּיסט זעהר אַנגענומען בּיי אונז אויף דער וועלט.
— אויב איך בּין בּיי אייך יאָ אַזוי אַנגענומען, זאָל מען אַריינ־לאָזען לוי׳ן.

האָט מען געהייסען לוי׳ן אַריינלאָזען.

דערנאָך דערפרעגט זיך שמואל בּיי׳ם פאָטער, וואו האָט ער בּעהאַל־טען דאָס יתום׳יש געלד. זאָגט ער איהם:

— געה אין מיהל און נעהם דאָס געלד דאָרט אַרויס פון אונטער די מיהל־שטיינער. דאָס אויבּערשטע און דאָס אונטערשטע איז אונזערס, און דאָס מיטעלסטע איז יתום׳יש.

פרעגט איהם שמואל: „פאַר וואָס האָסטו עס אַזוי אַוועקגעלעגט?״

— דאָס איז דערפאַר—זאָגט ער איהם—ווייל אויב מ׳וועט אַוועק־גנב׳ענען זאָל מען אַוועק־גנב׳ענען פון אונזערס, פונ׳ם אויבּערשטען געלד, און אויב די ערד וועט פערדאַרבּען, זאָל זי פערדאַרבּען אויך פון אונזערס, פונ׳ם אונטערשטען געלד; דאָס יתום׳יש געלד אָבּער אין מיטען וועט יעדענפאַלס בּלייבּען בּעוואָרענט.

## „חכם״ און נישט „רבי״.

שמואל ירחינאָה [1] איז געוועזען רבי׳ס אַרצט. איינמאָל איז רבי קראַנק געוואָרען אויף די אויגען. האָט שמואל געוואָלט איהם אַריינטריפּען אין די אויגען שאַרפע הייל־טראָפּען. האָט רבי זיך נישט געלאָזט. וויל ער איהם אָנרייבּען פון אויבּען אַרום די אויגען, לאָזט זיך רבי אויך נישט. נעהמט שמואל דאָס הייל־מיטעל אין אַזאַ רעהריל און לעגט עס אַרונטער רבי׳ן צוקאָפּענס אונטער׳ן קישען—איז רבי געזונט געוואָרען. האָט זיך דערנאָך רבי אַ לאַנגע צייט בּעמיהט צו גיבּען שמואל׳ן סמיכה אויפ׳ן נאָמען רבי, און ס׳האָט איהם אַלץ זיך נישט איינגעגיבּען.

זאָגט איהם שמואל: זאָל זיך דער רבי אומזיסט נישט בּעמיהען. איך האָבּ אַליין געזעהן דעם בּוך פון אָדם הראשון, שטעהט דאָרט אָנגע־צייכענט: „שמואל ירחינאָה וועט בּעקומען דעם נאָמען „חכם״ אָבּער נישט „רבי״, און רבי׳ס רפואה וועט קומען דורך איהם״.

[1] פונ׳ם וואָרט ירח — ד. ה. לבנה, חודש. אַזוי האָט מען איהם גערופען איבּער זיין גרויס קענטעניש אין אַסטראָנאָמיע.

# רב הונא.

## פון רב־הונא'ס אויפפיהרונגען.

רבא האט איינמאל געבעטען ביי רפרם בר פפא: „זאל אונז דער רבי דערצעהלען עפיס פון יענע גוטע מעשים וואס רב הונא פלעג טהון".

רפרם בר פפא האט איהם געטהון צוליעב און גענומען דערצעהלען:

— פון דער יוגענד זיינער געדענק איך איהם נישט, איך גערענק איהם נור פון דער עלטער. אין יעדען וואלקענדיגען טאג פלעגט מען איהם ארויס־טראגען אין א גאלדענעם טראג־שטוהל און ער פלעג ארומקוקען די גאנצע שטאדט, און וואו ער האט געפונען א שאדהאפטע וואנט האט ער זי אויפ'ן שטעל געהייסען אומווארפען, זי זאל נישט אומפאלען אליין פון רעגען און שטורם און ברייגנען צו אן אומגליק. דערנאך, אויב דער אייגענטהימער פון דער וואנט האט פערמאגט אליין זי צוריק אויפבויען—איז רעכט, אז נישט—האט רב הונא זי אויפגעבויעט פון זיין אייגען געלד.

אלע ערב־שבת ווידער, איידער ס'איז נאכט געווארען, פלעגט ער ארויסשיקען זיינעם א מענשען אין מארק און ווי אביסעל גרינווארג ס'איז איבערגעבליבען ביי די גרינס־פערקויפער האט יענער אפגעקויפט און אריינ־געווארפען אין טייך, כדי זיי זאלען נישט ליידען קיין שאדען און זיך נישט אפהאלטען פון צו ברייגנען ווייטער אין שטאדט גרינס אויף שבת.

ווען ער פלעג זיך זעצען עסען, האט ער פריהער געעפענט אלע טהירען און אויסגערופען: „ווער ס'דארף זאל קומען מיט־עסען".

## פון עסיג—וויין.

ביי רב הונא'ן זענען איינמאל געעסיגט געווארען פיער הונדערט פע־סער וויין. קומען צו איהם אריין די חכמים, זאגען זיי איהם: „זאל דער רבי נאכזוכען די מעשים זיינע".

— וואס? — זאגט ער זיי — בין איך דען ביי אייך אין די אויגען חשוד אויף שלעכטס?

— וואָס דען? — רופען זיי זיך אָן — איז דען גאָט חשוד ער זאָל אומ-זיסט בעשטראָפען אַ אונשולדיגען?

— אויב אַזוי — זאָגט רב הונא — ווער ס׳האָט געהערט אויף מיר עפּיס אַ אונרעכט, זאָל ער אָפען אַרויסזאָגען.

— אָט וואָס מיר האָבען געהערט — ענטפערען זיי — אַז דו טהײלסט נישט אָפּ דײַן גאָרטען-פּאַכטער זײַן חלק טריקענע צווײַגען, אָפּגעשניטענע פון די ווײַנשטאָקען.

— וואָס הייסט? — שרייעט-אויס רב הונא — ער לאָזט מיר דען עפּיס איבער פון זיי? ער גנב׳עט דאָך אַוועק אינגאַנצען.

— דערפאַר — רופען זיי זיך אָן — זאָגט די וועלט אַ ווערטיל: „גנב׳ע-אָפּ דײַנם בײַ׳ם גנב — און געניס דעם טעם פון גניבה".

— אויב אַזוי — זאָגט רב הונא — נעהם איך אויף זיך, איך זאָל פון הײַנט אָן איהם שוין גיבען זײַן חלק אין די צווײַגען.

איז עסיג געשטיגען אין פּרייז און פערקויפט געוואָרען אַזוי טײַער ווי וויין.

## רב הונא׳ם קבורה.

רב הונא איז געשטאָרבען פּלוצום. האָבען די חכמים דערפון צער געהאַט, ווײַל אַ פּלוצליכער טויט איז אונווירדיג פאַר אַ צדיק. איז געקומען זוגא פון הדיב און האָט זיי בערוהיגט: „דאָס איז נור פאַר אַכציג יאָהר, אָבער נאָך אַכציג הייסט אַזאַ טויט — שטאַרבען קושענדיג".

אַז מ׳האָט געבראַכט דעם געשטאָרבענעם רב הונא אין דער מטה אַהין, קײַן ארץ-ישראל, קומט מען און מע זאָגט אָן ר׳ אמי׳ן און ר׳ אסי׳ן: „רב הונא איז אָנגעקומען!" רופען זיי זיך אָן:

— ווען מיר זענען געווען דאָרט [1]) האָבען מיר איבער איהם קײַן קאָפּ נישט געקענט אויפהויבען, איצט, אַז מיר זענען געקומען אַהער — געהט ער נאָך אונז נאָך".

זאָגט מען זיי: זײַן ארון איז אָנגעקומען...

זענען ר׳ אמי און ר׳ אסי אַרויסגעגאַנגען צו דער לויה. ווערט אַ קלער: „וואו זאָל מען איהם לעגען?" בלײַבט מע זאָל איהם לעגען אין דער הײַהל פון ר׳ חיא: בײדע האָבען זיך בײַ יודען פערדיענט גלײַך, רב הונא האָט פערשפרייט תורה צווישען יודען, און ר׳ חיא האָט אויך פער-שפרייט תורה צווישען יודען.

קלערט מען ווידער: „ווער זאָל איהם אַהין אַרײַנבריינגען?" רופט

---

[1]) אין בבל.

זיִך אַרוֹיס רַב חַגָא: „אִיךְ װעֶל אִיהם אַרײַנבּרײַנגעֶן, װײַל אִיךְ האָבּ דעֶרהאַלטעֶן די לעֶהרעֶ פוּן ר׳ חִיָא׳ן, שטעֶנדיִג געֶװעֶן נעֶבּעֶן אִיהם אוּן גוּט געֶװאוּסט אַלעֶ זײַנעֶ אוֹיפפִיהרוּנגעֶן״.

גִיט מעֶן אִיהם אִיבּעֶר רַב הוּנָא׳ס אָרוֹן אוּן עֶר נעֶהמט אִיהם אַרײַנטראָגעֶן. אוּן דאָרט אִין דעֶר הײַהל אִינװעֶניִג, בּײַ ר׳ חִיָא׳ן פוּן בּײדעֶ זײַטעֶן, האָבּעֶן געֶרוּהט זײַנעֶ צװײ זיִהן: יְהוּדָה פוּן דעֶר רעֶכטעֶר אוּן חִזְקִיָה פוּן דעֶר ליִנקעֶר זײַט. רוּפט זיִךְ אָן יְהוּדָה צוּ חִזְקִיָה׳ן: „שטעֶל זיִךְ אוֹיף, ס׳איִז נִישט קײַן דֶרֶךְ־אֶרֶץ, רַב הוּנָא שטעֶהט דאָךְ פוּן דרוֹיסעֶן״. האָט עֶר זיִךְ בּאַלד אוֹיפגעֶהוֹיבּעֶן — אוּן מִיט אִיהם צוּזאַמעֶן האָט זיִךְ אוֹיפגעֶשטעֶלט אַ פײַעֶר־זײַל. דעֶרזעֶהן דאָס האָט זיִךְ רַב חַגָא שטאַרק דעֶרשראָקעֶן, אִיבּעֶרגעֶלאָזט דעֶם אָרוֹן אוֹיפגעֶשטעֶלט — אוּן גִיךְ פוּן דאָרט אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם.

# רַב שֵׁשֶׁת.

## דער זעהענדיגער בלינדער.

רַב שֵׁשֶׁת איז געווען אַ סַגִי־נָהוֹר [1]. פלעגט ער אַלע דרייסיג טעג איבער׳חַזר׳ען אויסענווייניג אַלצדינג וואָס ער האָט אויסגעלערענט, און דערנאָך פלעגט ער אַ צופריעדענער זיך אָנהייבען אויפ׳ן ריגעל פון דער טהיר און אויסרופען מיט שִׂמְחָה:

— פרעה זיך, נְשָׁמָה מיינע! פרעה זיך, פרעה זיך! צוליעב דיר האָב איך געלערענט מִקְרָא, צוליעב דיר האָב איך געלערענט מִשְׁנָה!

---

איינמאָל האָבען אַלע שטאדט־לייט זיך געלאָזט אַרויסגעהן בעגעגנען דעם קעניג, וואָס האָט בעדאַרפט אַהין אָנקומען. איז דער בלינדער רַב שֵׁשֶׁת אויך מיטגעגאַנגען מיט׳ן עוֹלָם. טרעפט איהם אָן איינער פון די מִינִים [2], רופט ער זיך צו איהם אָן מיט געשפעט:

— די קריגען — צו׳ם טייך [3], אָבער שערבליך — וואוהין?

זאָגט איהם רַב שֵׁשֶׁת: „קום וועסטו זעהן, אַז איך ווייס מעהר פון דיר".

געהט־פערביי דער ערשטער לעגיאָן מיט אַ גערויש, רופט זיך אָן דער מִין:

— דער קעניג קומט־אָן.

— נאָך נישט — זאָגט רַב שֵׁשֶׁת זיכער.

געהט־פערביי דער צווייטער לעגיאָן. זאָגט דער מִין ווידער:

— איצט קומט שוין אָן דער קעניג.

— ניין, נאָך נישט — האַלט זיך רַב שֵׁשֶׁת איינם.

אינדעם איז פערבייגעגאַנגען שטיל דער דריטער לעגיאָן.

— איצט — רופט זיך אָן רַב שֵׁשֶׁת — קומט־אָן דער קעניג בעשטימט.

---

[1] אַ בלינדער. [2] אַזאַ סעקטע פון כופרים. [3] ד. ה. גאַנצע קריגליך ווערען געבראַכט צום טייך אָנצושעפען אין זיי וואַסער; אַזוי אויך זעהענדיגע געהען אָנצוקוקען דעם קעניג.

פרעגט איהם דער מין: „פון וואַנען ווייסטו עס אַזוי זיכער?”

ענטפערט איהם רַב שֵׁשֶׁת: די ערדישע קעניגרייך איז גלייך ווי די הימעלשע, און ס'שטעהט געשריבען: „נישט מיט'ן גערויש איז גאָט, און נאָכ'ן גערויש... אַ גאָר שטילע שטימע... און גאָט האָט זיך אָנגערופען”.

ווען דער קעניג איז צוגעקומען נאָהענט האָט רַב שֵׁשֶׁת איהם גע־בענשט. זאָגט צו איהם דער מין: „ווי בענשט מען עס דעם וואָס מען זעהט נישט?”

האָט רַב שֵׁשֶׁת אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע אויגען, איז פון זיי אַרויס פינקען פייער און האָבען אויסגעלאָשען די אויגען פונ'ם מין.

# רַבָּה בַּר נַחְמָנִי.

## געשטאָרבען אין וואַלד.

רַבָּה בַּר נַחְמָנִי איז געווען ראש־יְשִׁיבָה אין דער גרויסער פּוּמְבְּדִיתָא׳ר יְשִׁיבָה אין בָּבֶל. הערען זיינע דְרָשׁוֹת פלעגען זיך צונויפקומען יודען פון פיעל אַרומיגע שטעדט, בעזאָנדערס צוויי מאָל אין יאָהר, אין די חֳדָשִׁים נִיסָן און תִּשְׁרֵי, ווען ער פלעג דַרְשׁ׳ענען פאַר׳ן עולם איבער עִנְיָנִים פון יום־טוב. קומט־אָן צו׳ם קעניג אַ מְסִירָה אויף איהם: „פאַרהאַן ביי יודען אייגער אַזוינער, וואָס צוויי חֳדָשִׁים אין יאָהר, איין חודש אָנהויב זומער און איין חודש אָנהויב ווינטער, ציהט ער אָפּ מיט זיינע דְרָשׁוֹת פון די שטעדט פיער און צוואַנציג טויזענד מאַן יודען, און ווייל אין דער צייט טרעפען די שטייערזאַמלער זיי נישט אין דער היים און קענען פון זיי נישט איינמאָהנען דעם שטייער, ליידט דערפון די קרוין גרויס שאָדען". שיקט דער קעניג זיינעם אַ בעאַמטען צו חאַפּען רַבָּה׳ן און ברייגנען איהם. דערוואוסט זיך דערפון רַבָּה און אַנטלויפט. האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אַ שטיק צייט אין די פאָרשטעדט פון פּוּמְבְּדִיתָא, און צו׳ם סוף האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט קיין פּוּמְבְּדִיתָא. טרעפט זיך, אַז אין דעם גאַסט־הויז וואו רַבָּה האָט זיך אויפגעהאַלטען, איז אויך אַהין אָנגעקומען דער בעאַמטער, וואָס איז געשיקט געוואָרען איהם צו חאַפּען. שטעלט מען דאָרט אַוועק פאַר דעם בעאַמטען אַ טישעל און מע גיט איהם אויסטרונקען צוויי כּוֹסוֹת ווייַן, און ווי מ׳האָט פון איהם צוגענומען דאָס טישעל האָט זיך זיין געזיכט אויסגעדרעהט אַרונטער. פרעגט מען רַבָּה׳ן: „וואָס זאָל מען טהון, ער איז דאָך דעם קעניגס אַ שָׁלִיחַ". הייסט ער באַלד אונטערטראָגען פאַר יענעם צוריק דאָס טישעל און דערלאַנגען איהם טרונקען נאָך אַ דריטען כּוֹס וועט ער געזונט ווערען. האָט מען איהם אַזוי געטהון און ער איז געזונט געוואָרען [1].

[1] טרונקען „זוגות" (אַ גראָד) האָט זיך אין יענע צייטען גערעכענט פאַר שעדליך, ווייל אויף אַ גראָד האָבען די שדים אַ שליטה. די רפואה דערצו איז — אויסצוטרינקען נאָך אַ כּוֹס, עס זאָל ווערען אומגראָד.

רופט זיך אָן דער בעַאמטער: „איך ווייס, אַז דער מאַן, ווען איך זוך, געפונט זיך דאָ״. און באַלד טאַקי האָט ער רַבָּה׳ן דאָרט אויפגעזוכט. זאָגט דער בעַאמטער: „איך געה איצט אַוועק פון דאַנען און לאָז איהם דאָ איבער [1]). אויב מ׳וועט מיך גלייך טויטען — וועל איך איהם נישט אויסגעבען; אויב אָבער מע וועט מיך פּייניגען — וועל איך איהם מוזען אויסגעבען״. האָט מען גענומען רַבָּה׳ן און אַריינגעזעצט אין אַ בעזונדער חֶדֶר, און דער בעַאמטער האָט איהם בּיי׳ם אַוועקגעהן דאָרט פערשלאָסען.

האָט רַבָּה גאָט געבעטען און ס׳איז איינגעפאַלען אַ וואַנט. אַנטלויפט ער אין אַ נאָהענט וועלדיל, זעצט זיך דאָרט אַוועק אויף אַ קלאָץ פון אַ אָפּגעשניטענעם פאַלמענבוים און הויבט־אָן לערנען. מאַכט זיך, אַז אין דער הימעלשער יְשִׁיבָה איז אויסגעפאַלען אַ מַחְלוֹקֶת איבער אַ דין פון נְגָעִים [2]), די האָבען געזאָגט „ריין״ און די — „אומריין״. קלערט מען: ווער קען דאָ מַכְרִיעַ זיין? [3]) בלייבט, אַז נור רַבָּה בַּר נַחְמָנִי, ווייל ער פלעג אויף זיך זאָגען: „איך בין אַ איינציגער אין נְגָעִים, אַ איינציגער אין אָהֳלוֹת״ [4]).

שיקט מען אַ שָׁלִיחַ איהם. ברייינגען אויף יענער וועלט — קען דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת צו איהם נישט צוטרעטען, ווייל רַבָּה האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען תּוֹרָה. דערווייל גיט אַ בלאָז אַ ווינט און די בּיימליך האָבען אָנגעהויבען צו רוישען, מיינט רַבָּה, אַז דאָס זענען אָנגעלאָפען אין וועלדיל אַ לעגיאָן רייטער צו חאַפּען איהם, קלערט ער זיך: „בעסער צו שטאַרבען דורכ׳ן מַלְאַךְ־הַמָּוֶת, איידער איבערגעגיבען צו ווערען אין די הענד פון דער רעגירונג״. בּיי׳ם שטאַרבען האָבען די ליפּען זיינע געפּליסטערט: „ריין״, „ריין״.

האָט זיך געלאָזט הערען אַ בַּת־קוֹל:

— אַז וואויל איז דיר, רַבָּה בַּר נַחְמָנִי, וואָס דיין גוף איז ריין און דיין נְשָׁמָה איז אויסגעגאַנגען מיט „ריין״.

פאַלט אין פּוּמְבְּדִיתָא אַראָפּ אַ צעטיל פון הימעל:

— רַבָּה בַּר נַחְמָנִי איז פעררופען אין דער הימעלשער יְשִׁיבָה.

זענען אַבַּיֵי און רָבָא און נאָך אַנדערע חֲכָמִים אַרויסגעגאַנגען איהם טהון זיין רעכט און ברייינגען איהם צו קְבוּרָה, האָבען זיי האָבער נישט געוואוסט וואו איהם צו געפונען. אַריינגעגאַנגען אין וועלדיל אַריין, האָבען זיי דערזעהן פון וויטען ווי ס׳שטעהען פויגעל מיט צעשפּרייטע פליגלען. קלערען זיי: „געוויס איז ער דאָרטען״. קומען זיי צו אַהין און געפונען דאָרט

---

[1]) אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דער רפואה. [2]) שערליכע פלאָגען. [3]) איבערוועגען דעם דין אויף איין זייט. [4]) „נגעים״ און „אָהלות״—נעמען פון צוויי מסכתות וועגען דינים פון טומאה און טהרה.

דעם מֵת. האָט מען איהם מַסְפִּיד געווען דריי טעג און דריי נעכט דורכ־אַנאַנד.

פאַלט ווידער אַראָפּ אַ צעטיל:

— ווער ס'וועט אָפּטרעטען זאָל זיין אין חֵרֶם.

האָט מען איהם מַסְפִּיד געווען זיבען טעג.

ערשט נאָכדעם פאַלט אַראָפּ אַ צעטיל:

— געהט אַהיים בשָׁלום.

אין יענעם טאָג, ווען רַבָּה איז געשטאָרבען, האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס'האָט אויפגעהויבען אַן אַראַבער ריי־טענדיג אויף זיין קעמיל פון דער זייט טייך פּפּא און איהם פערטראָגען אויף יענער זייט טייך. טראַכט ער זיך: „וואָס זאָל דאָס בעדייטען?" זאָגט מען איהם, אַז דער שטורם איז איבער דעם, ווייל רַבָּה בַּר נַחְמָנִי איז געשטאָרבען. רופט־אויס דער אַראַבער:

— האַר פון דער וועלט, די גאַנצע וועלט איז דיינע און רַבָּה בַּר נחמני איז דיינער; דו ביסט רַבָּה'ס און רַבָּה איז דיינער — צו וואָס זאָלסטו אומבריינגען די גאַנצע וועלט?

איז דער שטורם באַלד שטיל געוואָרען

# רַבִּי יוֹסֵי פוּן יוּקְרַת.

## פאַר דער צײַט.

ר׳ יוֹסֵי פוּן יוּקְרַת האָט אײַנמאָל געדוּנגען אַרבײַטער צוּ זיך אויפ׳ן פעלד. האָט זיך געמאַכט אַז ער האָט פערשפּעטיגט און נישט געבּראַכט זײ דאָס עסען אין דער צײַט. רופען זײ זיך אָן צוּ ר׳ יוֹסֵי׳ס זוהן: „מיר װעגען הוּנגעריג!" און האָבּען זיך אויסגעזעצט אוּנטער אַ פײַגענבּוים. װענדעט זיך ר׳ יוֹסֵי׳ס זוהן צוּ׳ם בּוים און זאָגט:

— פײַגענבּוים, פײַגענבּוים! גיבּ אַרויס דײַנע פרוּכט און זאָלען מײַן פאָטער׳ס אַרבּײַטער עסען.

האָט דער בּוים אַרויסגעגעבּען פרוּכט און זײ האָבּען געגעסען. דער-װײַל איז אָנגעקוּמען דער פאָטער. זאָגט ער צוּ די אַרבּײַטער: „האָט אויף מיר קײן פעראיבּעל, איך האָבּ פערשפּעטיגט, װײַל איך בּין געװען פער-טראָגען אין אַ מִצְוָה-זאַך".

זאָגען זײ איהם: „זאָל דיר אַזוי גאָט אָנזעטען, װי דײַן זוהן האָט אוּנז אָנגעזעט".

— פוּן װאַנען? — פרעגט ער זײ פערװאוּנדערט.

דערצעהלען זײ איהם: אַזוי און אַזוי איז געװען די מַעֲשֶׂה.

זאָגט ר׳ יוֹסֵי דעם זוהן: „זוהן מײַנער, דוּ האָסט בּעמיהט דעם בּעשע-פער דײַנעם אַרויסצוּבּרײַנגען די פרוּכט פוּנ׳ם פײַגענבּוים פאַר דער צײַט — דערפאַר גײה דוּ פוּן דער װעלט פאַר דער צײַט".

## צוּריק צוּ׳ם שטוּבּ.

דער זעלבּער ר׳ יוֹסֵי פוּן יוּקְרַת האָט געהאַט אַ טאָכטער זעהר אַ שעהנע. אײַנמאָל בּעמערקט ער, װי אײנער בּויערט-דוּרך אַ לעכיל אין זײַן צױם און שפּירט-נאָך די טאָכטער זײַנע, כְּדֵי צוּ קוּקען אויף איהר.

פרעגט ער יענעם: „װאָס איז דאָס?"

ענטפערט יענער: „רַבִּי, אויבּ ס׳איז מיר נישט בּעשערט צוּ נעהמען זי, זאָל איך קײן זְכִיָּה נישט האָבּען חאָטש אויף איהר אַ קוּק טהוּן?"

זאגט ר' יוסי צו זיין טאכטער:

— טאכטער מיינע, דו פערשאפסט מענשען ליידען, קעהר זיך צוריק צו'ם שטויב — און זאלען מענשען דורך דיר נישט געשטרויכעלט ווערען.

## רבי יוסי'ס עזעל.

ר' יוסי פון יוקרת האט געהאט אן עזעל. אז מ'האט געדונגען דעם עזעל אויף א טאג ארבייט, פלעג דער דינגער פאר נאכט נאך דער ארבייט ארויפלייגען איהם אויפ'ן ריקען דעם לוין פאר'ן טאג — און ער האט עם אליין אפגעפיהרט אהיים צו זיין בעל־הבית. און אויב דער לוין איז געווען עפיס מעהר אדער וויינינגער, האט זיך דער עזעל פונ'ם ארט נישט געריהרט. איינמאל האט מען פערגעסען אויף איהם א פאר שיך, האט ער זיך נישט גערירט פונ'ם ארט ביז מ'האט זיי פון איהם נישט אראפגענומען.

# פְּטִירוֹת און הֶסְפֵּדִים.

## בַּיי'ם טויט פון צַדִיקִים.

אַז ר' אֲבָהוּ איז געשטאָרבען—האָבען אַלֶע זֵיילען אין קֵיסָרִי [1] גע־טריפט מיט טרעהרען.

ביי ר' יוֹסֵי'ס טויט — האָבען די דאך־רינעס אין צִפּוֹרִי [1] געגאָסען מיט בלוט. „דאָס איז דערפאַר — האָט מען געזאָגט — ווייל ער האָט זיך מוֹסֵר־נֶפֶשׁ געווען פאַר אַ מִצְוָה אין דער צייט פון אַ גְזֵירָה".

ביי ר' יַעֲקֹב'ס טויט—האָבען זיך בעוויזען אין מיטען טאָג די שטערען.

ביי ר' שְׁמוּאֵל בַּר רַב יִצְחָק'ס טויט—זענען אויסגעריסען געוואָרען די צעדערבוימען אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל.

ביי ר' חִיָא'ס טויט—זענען געפאַלען פייערדיגע שטיינער פון'ם הימעל.

ביי'ם טויט פון'ם היילינסטען ר' נָחוּם בַּר סִימַאי — איז וואו אַ בילד איבערגעצויגען געוואָרען מיט מאַטען [2].

ביי רַבָּה און רַב יוֹסֵף'ס טויט — זענען ביידע ברעגען פון פְּרָת געוואָ־רען ווי איינס.

ביי אַבַּיֵי און רָבָא'ס טויט — זענען ביידע ברעגען פון דִגְלַת געוואָרען ווי איינס.

ביי ר' מְשַׁרְשְׁיָא'ס טויט—האָבען די פאַלמען אַרויסגעגיבען שטעכלען.

## הֶסְפֵּדִים.

אַז רַבָּה בַּר רַב הוּנָא און רַב הַמְנוּנָא אין בָּבֶל זענען געשטאָרבען, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אַהין, קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. געקומען אויפ'ן וועג צו אַ שמאָלען בריק, האָבען זיך די קעמלען פלוצום אָפגעשטעלט.

— וואָס זאָל דאָס בעטייטען? — פרעגט אַן אַראַבער ביי די חֲכָמִים, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט דער לְוָיָה.

— די צוויי געשטאָרבענע — ענטפערען די חכמים — טהוען־אַן כָּבוֹד

---

[1] קיסרי און צפורי — די שטעדט וואו די געשטאָרבענע האָבען געוואָהנט.

[2] ראָגאָזשעס.

איינער דעם אַנדערען, רער זאָגט: „גנעה דו פריהער”, און דער זאָגט: „גנעה דו פריהער”.

רופט זיך אָן דער אַראַבער: „ווער ס'איז א לייב דער זוהן פון אַ לייב — דעם קומט גנעהן פריהער”.

איז באַלד אַרוים רבה בר רב הונא'ס קעמעל און איבערגעגאַנגען דעם בריק.

שטעלט זיך אַוועק דער סַפְּדָן [1]) און הויבט־אָן קלאָגען:

אַן אור־אַלטער שטאַם קומט־אָן פון בבל,
מיט איהם דאָס בוך פון העלדען־גייסט־קאַמפף,
די פויגעל אַלע זיך צונויפגעפלויגען
זעהן דעם בראָך און דעם בעז־וואונדער,
וואָס איז אויף אונז פון שנער [2]) אָנגעקומען.
ווי גרוים מוז זיין פון גאָט דער צאָרן אויף זיין וועלט,
אַז אָפגערויבט האָט ער איהר בעסטע צירונג;
די ריינסטע און די שענסטע זעלען
האָט ער, אויף פרייד פאַר זיינע ברייטע הימלען,
צו זיך אויף אייביג צוגענומען.

רַב אָשִׁי האָט איינמאָל אַ פרעג געטהון דעם סַפְּדָן בַּר־קִיפּוּק: „וואָס וועסטו אויף מיר זאָגען אין יענעם טאָג?”

ענטפערט בר־קיפוק: אַזוי וועל איך זאָגען:

האָט אָנגעחאַפּט דער פלאַם די צעדערבוימער —
וואָס קענען טהון שוין קליינע גרעזליך?
און האָט די נעץ געפאַנגען דעם לויתן —
וואָס קענען טהון שוין קליינע פישליך?
און איז די נעץ פערשפרייט אין טייך אין טיעפען —
ווי זאָל שוין זיין מיט קליינע זומפּליך —

ר' זֵירָא'ס טויט האָט דער סַפְּדָן אַזוי בעקלאָגט:

דאָס שנער־לאַנד האָט איהם געטראָגען און געבוירען,
דאָס פראַכט־לאַנד [3]) האָט ערצויגען איהם פאַר זיך אַ צירונג.
אוי וועה, אוי וועה! שרייעט רקת ביטער —
פערלוירען איז איהר שענסטע כלי!

[1]) דער וואָס מאַכט הספדים אויף מתים. [2]) בבל. [3]) ארץ־ישראל.